STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00720

# DI GESHIKHTE FUN ARBEYTER RING, 1892-1925

Abraham Simchah Sachs

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Sol & Betty Eldman*
*in memory of*
*Jacob & Miriam Eldman and Israel J. & Anna Epstein*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די געשיכטע

פון

# ארבייטער רינג

1892 — 1925

פון

**א. ש. זאַקס**

ערשטער טהייל

ארויסגעגעבען פון

דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע
פון אַרבייטער רינג
צו דער 25טער יובילעאום קאָנווענשאָן

מאי, 1925

# די געשיכטע
פון
# ארבייטער רינג

# פאָרוואָרט

איך פיהל זיך גליקליך, וואָס אויף מיין חלק איז אויסגעפאַלען דער כבוד צו זיין דער ע ר ש ט ע ר געשיכטע-שרייבער פונ'ם ארבייטער רינג. דער ע ר ש ט ע ר, געוויס ניט דער ב ע ס ט ע ר.

דער קאַפּיטעל פון דער ארבייטער באַוועגונג, וואָס הייסט „אַרבייטער רינג", איז נאָך ניט געענדיגט. עס וועלען נאָך קומען אַ סך, אַ סך פאָרטזעצונגען און במילא אויך נייע געשיכטע שרייבער. איך בין זיכער, אז דער היסטאָריקער, וואָס וועט קומען נאָך מיר, וועט אָנשרייבען א בעסערע, אַ פולפאַרביגערע און אַ פולבלוטיגערע געשיכטע פון דעם גרויסען אידישען ארבייטער אָרדען. די צוקונפטיגע געשיכטע וועט זיכער זיין א בעסערע. דאָס פארליגענדע ווערק איז אָבער די ע ר ש ט ע געשיכטע, און דעם כבוד צו זיין דער ע ר ש ט ע ר געשיכטע שרייבער קען קיינער פון מיר ניט אַוועקנעהמען.

איך בין זיך דאָ אבער מודה און מתודה, אז דער כבוד איז מיר גאָר ניט לייכט אָנגעקומען. איך האָב געמוזט אַרבייטען אויף אן אומגעאקערט פעלד. איך האָב געמוזט בויען אויף א זאמדיגען, ניט צעמענטירטען פונדאמענט. נאָר גאנץ ווייניג פארטיגע ציגעל האָב איך געהאט פאר דער געביידע. אין די מעהרסטע פאלען האָב איך די ציגעל אליין געמוזט ברענען פון דעם רויהען מאַטעריאל, וואָס איז אויך ניט אלע מאָל געווען אזוי לייכט צו קריגען אויסגעקנאָטענע פאָרמע.

פאַר דער געשיכטע פון די שפּעטערדיגע יאָהרען האָב איך געשעפּט די פאַקטען און ידיעות פון די אָפּיציעלע באַריכטען און צייטונגס ארטיקלען. פאר די ערשטע יאָהרען, ווען דער אָרדען איז נאָך געווען קליין און ניט אנערקענט, זיי-

## II

גען קיין געדרוקטע קוואַלען, אַ חוץ מאַגערע, צואוואָרפענע, קליינע צייטונגס-נאָטיצען, לחלוטין ניטאָ. דאָ האָב איך שטודירט די געשריבענע פּראָטאָקאָל ביכער פון די ערשטע ברענטשעס און פון די פּאַרוואַלטענדע קאָמיטעס.

גרויסע שוועריגקייטען האָב איך באַגעגענט ביים צוזאַ־מענשטעלען די געשיכטע פון ארבייטער רינג, איידער ער איז נאָך געווען אַן אָרדען, ווען ער איז בלויז געווען אַ „נויאָרקער פעראיין“.

עס זיינען, אמת, פאַראַן אין אַ פּאָר סואוועניערס עראינע־רונגען פון מאַנכע אַלטע טוער, אָבער ערשטענס זיינען זיי זעהר ווענינ און צווייטענס קומען זיי ניט פון די פּיאָנערען, פון די גרינדער פון „פעראיין“.

אַ סך פון די סאמע ערשטע זיינען שוין אויפ'ן עולם האמת און האָבען, צום גרויסען באַדויערן, מיטגענומען זייער וויסען וועגען די ערשטע קינדער־יאָהרען פון ארבייטער רינג — מיט זיך אין קבר.

עס זיינען אבער צום גליק אייניגע פון די ערשטע גרינ־דער נאָך געבליבען. מאנכע פון זיי געפינען זיך נאָך עד היום אין אונזערע רייהען. אָט מיט די עראינערונגען און דערצעה־לונגען פון דעם אלטען דור האָב איך זיך שטאַרק באַנוצט. געוועהנליך איז מיר דאָ אויסגעקומען דעם מינדליכען מאַטע־ריאַל געגוי צו סיסטעמאַטיזירען און קאָנטראָלירען, די ווי־דערשפּרעכענדיגע ערצעהלונגען אויסגלייכען און איבעראַר־בייטען. איך וויל האָפען, אז מיר האָט זיך מעהר אָדער ווע־ניגער איינגעגעבען פון די צואוואָרפענע שטיקלעך און ברעק־לעך, פון די צוריסענע, צוריבענע, פון שימעל אויפגעפרע־סענע, שטיקלעך שמות צונויפצוהעפטען עטוואָס גאַנצעס.

די געשיכטע וועט ווייזען, אויב מיין האָפנונג איז אַ פאַל־שע, אָדער ניט.

פאַר'ן אָנווייזען טעותים וועל איך זיין זעהר דאַנקבאַר.

* * *

ביים שרייבען די געשיכטע האָבען מיר ניט ווענינ אלטע און נייע טוער אין דער ארבייטער באַוועגונג בכלל און אין ארבייטער רינג בפרט אויסגעהאָלפען. דהיינו: י. אדלער, א. אדלער, מ. איוועגסקי, ד. אייברעהעמס, י. אלפערט, י. אנאַ־

פאל, דר. א. ארטמאַן, ל. ארקין, ד. אשינסקי, מ. י. אשפּיז, ראוז אַש, וו. באקסט, ה. בורגין, ש. בולגאַטש, י. באַסקין, ס. באַסקין, א. בלאַק, ה. בלאַק, י. ב. ביילין, ב. ביכאָווסקי, ל. בענענסאָן, ה. בעקער, ל. בעצאַלער, י. גאָלד, מ. גאָלדרייך, י. גאָלדסמיט, מ. גאָלדינג, ה. גאָלדין, ד. גינגאָלד, ר. גוסקין, ב. גילמאַן, מ. גילעס, ר. גינזבורג, ל. גינזבורג, פ. געליבטער, ה. גראַף, מ. דייווידאָף, א. דינערשטיין, ל. דינערשטיין, י. דריישפּיל, דר. ב. האָפמאַן, אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, מ. העסקעל, ס. וואַלאַס, ב. וואָולף (בר. 3), ב. וואָולף (בר. 11), מ. ל. וואָהלבערג, ב. וואַלאָוויץ, מ. וואָלפערט, מ. וויינשטיין, מ. וויינבלאַט, י. וויינבערג, מ. ווינטשעווסקי, י. וויינטרויב, דזש. ווייסבערג, א. וואָליצקי, ה. זאַק, מ. זאַמעטקין, ס. זוסמאַן, י. זילבערמאַן, ל. טעפּער, ס. יאָנאַס, ס. יעלין, י. ישורין, מ. יאַדלאַפקין, מאיר לאַנדאָן, נ. כאַנין, ב. לילענבלום, אברהם ליעסין, ב. לעוויטאַן, ה. ליוווי, ה. לאַסקער, נ. מאָלין, לואי מילער, דר. י. א. מעריסאָן, ס. מענאַקער, יעקב מילך, ס. נודעלמאַן, ס. ניקעלסבערג, א. סמיט, דר. ס. סילווערבערג, ד. סיגעל, ס. סאַווצקי, וו. עדלין, אב. עפּשטיין, דזשוליוס עפּ־שטיין, מאַקס פיין, דזש. פאַדניק, ה. פאַנטעל, נ. פיינערמאַן, ב. פינגערהוט, ב. פייגענבוים, ה. פעלדמאַן, נ. פריימאַן, אב. קאַהאַן, דר. אב. קאַספּע, איזידאָר קאָהען, י. קאַזלין, ס. קאַנער, א. ראָבערטס, דר. טש. ראַיעווסקי, י. ראָבערטס, מרס. ל. ראָ־זענצווייג, א. ראַפּאַלאָווסקי, דר. פ. ראָזענבלאַט (בן יקיר), ל. ראָטהמאַן, י. ראָטהמאַן, מ. שאַפּיראָ, י. שוואַרץ, א. י. שיפלאַקאָוו, ה. שעהר, ז. שערעשעווסקי.

באזונדערס בין איך פאַרפליכטעט צום געוועזענעם גע־נעראַל סעקרעטער פון אָרדען, י. וויינטרויב, וואָס האָט מיר געגעבן זעהר וויכטיגע פאַקטען און צוגעשטעלט ווערטפולע דאָקומענטען פון דער צייט, ווען ער איז געווען סעקרעטער. אין די קאַפּיטלעך וועגן „טשאַרטער קאַמף", „מאַסס. אפּעיר", „פראַטוירנאַל רייטס" האָט וויינטרויב אַ האַנד.

דער לאַנג־יעהריגער טוער, ל. ראָטהמאַן, איז געווען מיין געהילף אין קלייבען דאָס מאַטעריאַל און ביים איבערקוקען די קאָרעקטור. דערפאַר, פאַרשטעהט זיך, קומט איהם אַ גרויסען יישר־כח. ביים קאָרעגירען מאַנכע פאַקטען האָט שטאַרק געהאָלפען דער פּרעזידענט פון אָ. ר. י. וויינבערג.

פאר די קאַפּיטלעך איבער׳ן סעמעטערי און פיונעראל דעפּאַרטמענט האָב איך צו פאַרדאנקען מיס ראוז אַש־סימפּסאָן און י. דריישפּיעל.

גענעראל סעקרעטער פון אָרדען י. באַסקין, עדיוקיישאַנאל דירעקטאָר י. ב. ביילין און עקזעקוטיוו סעקרעטער פּ. געליבטער זיינען מיר די גאנצע צייט פון מיין ארבייט געשטאַנען ביי דער זייט און געהאָלפען מיט ראַט און טאַט. זיי האָבען ניט געזשאַלעוועט קיין צייט און מיה, ווען נאָר איך האָב עס פאַרלאַנגט אין דער נוצען פון דער „געשיכטע“.

דער גאנצער אָפיס סטעף האָט מיט דער גרעסטער העפליכקייט מיר געגעבען אלע נויטיגע אינפאָרמאַציעס, אין וועלכע איך האָב זיך גענויטיגט.

צום סוף וויל איך נאָך אויסדריקען מיין דאַנק צו דר. יהושע בלאָך — דעם הויפּט פון דער אידישער אָפּטיילונג אין „פּאָבליק לייברערי“, וואָס איז שטענדיג געווען גרייט מיר צו געבען אַ באַזונדערען ווינקעל אין דער ביבליאָטעק.

* * *

איך האָב צוגעטרעטען צו דער ארבייט אָנהויב יאָהר 1924 מיט דער הילף פון דער „געשיכטע־קאָמיטע“: י. ראַבערטס, דזש. פאַדניק, ל. ראָטהמאַן און די נאַציאָנאַלע באַאַמטע: י. באַסקין, י. וויינבערג, פּ. געליבטער און י. ביילין.

זאָלען אָט די פּאָר איינצעלהייטען פאַרשריבען ווערען אויפ׳ן טויער פון דער „געשיכטע פון ארבייטער רינג“.

**א. ש. זאַקס.**

נויארק, מערץ, 1925.

# אריינפיהר

אין די לעצטע טעג פון מאַנאַט מערץ 1892 זענען צוויי קלאָוקמאַכער געזעסען אין שאַפּ און געארבייט און געשמועסט. זייערע רוקענס זיינען געווען איינגעבויגען, זייערע קעפּ אראָפּגעלאָזען. אויף זייערע געזיכטער איז געווען אויסגעגאָסען א מרה שחורה, א מין אומעט, וואָס קומט פון ניט ערפילטע פערלאַנגען און פון האָפנונגען, וואָס ווייזען זיך ארויס פאר פוסטע חלומות. זיי זיינען געווען פארטיפט אין זייערע געדאַנקען, וואָס האָבען, משמעות, שטאַרק געבויערט זייער מוח און גענאַגט און געצופּט פאר'ן הארצען. פון זייערע מאַטע, שטאַרע בליקען איז געווען קענטיג, אז די ארבייט האָבען זיי געטהאָן מעכאַניש. זייערע קעפּ זיינען געווען פארנומען מיט עפּעס אַנאַנדער זאַך, מיט עפּעס אזוינס, וואָס האָט זיי שטאַרק געדריקט און געפּרעסט אויפ'ן געמיט.

— ווי איז דיר געווען געפעלען נעכטיגע פארזאמלונג? האָט איינער א פרעג געטאָן ביי זיין חבר, אזוי שעמעוודיג, אזוי פאַרזאָרגט, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען.

— אָה, אָה, געווען א גרויסער, א געפּאַקטער מיטינג... א סך מענשען, האָט דער צווייטער אָהן חשק געענטפערט.

— האָסטו הנאה געהאַט פון די רעדנער, וועלכע האָבען צווישען זיך דעבאַטירט?

— געווען שעהנע רעדעס, גאַנץ היציג צווישען זיך דעבאטירט.

— האָסטו אַלץ פאַרשטאַנען, וואָס זיי האָבען געזאָגט?

— פאַרשטאַנען?... פאַרשטאַ־א־נען? האָט דער צווייטער ארבייטער ארויסגעשטאַמעלט אזוי ווי איין א פאַרלעגענהייט, ניט ווייסענדיג אליין וואָס צו ענטפערען... פאַרשטאַנען. יאָ, אביסעל, ניט אין גאַנצען. א סך ווערטער, א שטיינער, פּאַליאַטיוו, דירעקטע אקציאָן... זענען מיר, איד'ל דיר זאָגען דעם אמת, ניט אזוי אין גאַנצען קלאָהר.

— און וועגען צוקונפט־שטאַאט און דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איבער וועלכע די רעדנער האָבען זיך אַזוי געהיצט און געשריען איז דיר געווען קלאָהר?

— ניין! אויך ניט איז גאַנצען...

א שטילשווייגען.

— זאָג מיר, איך בעט דיר, צו וואָס קריגען זיי זיך אַזוי ארום. פאַר וואָס טראָגען זיי אַזא שנאה איינער אויפ'ן אַנדערען? וואָס האָבען זיי זיך צוטיילען, א רייכע ירושה וואָס? האָט דער צווייטער זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט.

— אָט, די גדולים! זיי רייסען זיך שטענדיג אַרום. די „ארבייטער צייטונג“ האַלט אַזוי, די „פרייע ארבייטער שטימע“ דיינקט אנדערש. האַמפּערט מען זיך און מען קריעגט זיך ארום.

— עה, ניט גוט, ניט גוט! — האָט דער ערשטער אַזוי ווי פאַר זיך ארויסגערעדט. זיי, די גדולים, קריגען זיך אַרום און מיר זיינען צוטומעלט און ווייסען ניט אויף וואָסער וועלט מיר זיינען. די מענשען זיינען צווישען זיך אַזוי קאַלט, אַזוי אַנגעשטויסען איינע אויף די אַנדערע. קאַלאַמוטנע. ניט גוט, ניט גוט.

— און טאָמער ווערט אימיצער פון אונז קראַנק איז אַלץ ניטאַ פון וואַנען צו מאַכען א לעבען און מיט וואָס צו באַצאָהלען דעם דאָקטאר און דעם אפּטייקער — האָט דער צווייטער אונטערגעהאַלטען זיין חבר.

— זיי ריידען אַזוי פיל פון ברידערליכקייט, פון פרייהייט און גלייכהייט און מען פיהלט זיך ווי אין א וואַלד צווישען וועלף, עלענד, אָהן פריינד, אָהן ברידער, אַזוי ווי אָהן א היים.

ווידער א שטילשווייגען.

מיט אמאָל איז ביי דעם ערשטען קלאָוקמאַכער ליכטיג געוואָרען דאָס געזיכט און אין זיינע אויגען האָט א בליץ געגעבען. א נייער געדאַנק איז דורכגעפלויגען דורך זיין מוח.

— דו ווייסט וואָס מיר דאַרפען טהאָן?

— יע, וואָס?

— מיר באַדאַרפען גרינדען אַזא מין אָרגאַניזאַציע, טאָקי אָהן זיי, אָהן די גדולים, וואו מיר זאָלען זיך אויף אן אמת פיהלען ווי צווישען אייגענע, ווי צווישען ברידער און אמת'ע גוטע פריינד.

— א טייערער געדאַנק! האָט דער צווייטער אונטערגעהאַלטען.

— אַזא אָרגאַניזאַציע, אַזא סאָסייעטי, — האָט דער ערשטער ניט הערענדיג, וואָס דער צווייטער האָט געזאָגט, פאָרטגעזעצט, וואו

מיר זאָלען זיך פיהלען, ווי אין א קרייז פון אייגענע מענשען, וואו עס זאָל זיין ווארעם, ליכטיג, וואו מען זאָל זיך ניט דרעהען א קאָפּ וועגען „שטימקסטען" און „פּאָליאַטיוועז" און אנדערע אזוינע זאַכען, וואָס קריכען ניט אין קאָפּ. א קרייז, א „סוירקעל", וואו מען זאָל נאָך דער שווערער ארבייט קענען אפּרוהען מיט'ן גוף און מיט דער נשמה, וואו מען זאָל ניט פיהרען קיין מחלוקות וועגען הויכע און ווייטע זאַכען, וואו יעטווידער פון אונז זאָל זיך ניט פיהלען ווי אן ארויסגעוואָרפענער אויף גאָט'ס ערד, נאָר ווי א טהייל פון א רינג, וואו אַלע זיינען ארומגענומען מיט צאַרטע אָבער שטאַרקע פעדים פון פריינדשאַפט, פון אמת'ע ברודערליעבע און געגענזייטיגע הילף, — אָט וואָס מיר דאַרפען האָבען, האָט דער קלאָוקמאכער מיט באַגייסטערונג געענדיגט זיינע רייד.

גלייך נאָך דער ארבייט זענען די ביידע חברים, אָהן שהיות, אוועק צו זייער אַן עלטערען חבר, אַ קעפּמייקער, און איהם ענטפּלעקט דעם געדאַנק, וואָס זיי איז געקומען זיצענדיג אין שאַפּ.

—גוט ווי גאָלד, א טייערע זאַך! הלואי זאָלען מיר נאָר דאס קענען דורכפיהרען — האָט דער דריטער חבר מיט א טיפען ערנסט אריינגעגעבען מוטה צו זיינע צוויי קלאסען־ברידער, און ער האָט פאָרטגעזעצט — וואָס מיינט איהר, עס איז צייטענווייז אזוי קאַלאַמוטנע אויפ'ן הארצען, אזוי ניט היימלאַך, דאס עס איז פּשוט ניטאָ וואו זיך אַהי'ן צו טהאָן. אין מאנכע צייטען פיהלט מען זיך עפּעס ווי אָהן א היים, אָהן טאַטע־מאַמען, אָהן ברידער און שוועסטער. ניטאָ קיין ליכטיגע טעג, ניטאָ קיינע ימים טובים. אַלע טעג דיזעלביגע. פון שאַפּ אהיים און פון היים אין שאַפּ. איין טאָג איז גלייך צום צווייטען טאָג. עס זיינען אמת פאַראַן לאָדזשען, אָרדענס, וואו מען שטיצט זיך איינע די אנדערע אונטער, אבער וואָס פאַר א פּנים האָבען זיי? צערעמאָניעס, סעקרעטען, מען שפּילט זיך דאָרטען ווי קליינע קינדער. ווי קומען מיר דאָרטען? מיר זיינען א ר ב י י ט ע ר און מיר מוזען האָבען אַן א ר ב י י ט ע ר קרייז. בלויז אַן אָרגאַניזאַציע פון ארבייטער און פאַר ארבייטער קען אונז צוציהען, בלויז אַן אָרגאַניזאַציע פון ראַדיקאַלען, פון פריידיינקער, וועלכע האָבען פיינד זיך צו שפּיעלען אין אַלערליי קרימענישען, העויות און משונה'דיגע בגדים, ווי קליינע קינדער אין צאַצקעס, און זיינען, פון דער צווייטער זייט, פריי פון פארשידענע קלייזלאַך, וואו מען היצט זיך אזוי וועגען נעכטיגען און מאָרגענדיגען טאָג און מען פאַרגעסט אַן דעם היינט. — בלויז אַזאַ אָרגאַניזאַציע, אײער „סוירקל" ווי איהר רופט עס, וואָלט זיין נויטיג.

באגייסטערט פון דער הסכמה, וואס דער דריטער ארבייטער־ברודער האט געגעבען צו זייער פלאן, איינגענומען פון זיינע ווייכע, קלאהרע, הארציגע ווערטער, וועלכע מען הערט נאר פון אן אמת'ן איבערגעגעבענעם פריינד, האבען דיביידע קלאוקמאכער אזוי ווי מיט אמאל אויסגעשריען:

— מיר טארען דאס ניט אפלאזען. מיר מוזען גלייך דעם זונטאג צונויפקומען און זיך דורכשמועסען.

— מיר וועלן קומען צו דיר אין הויז, סעם!

— געוויס ביי מיר!

און זונטאג זענען זיך צונויפגעקומען צעהן ארבייטער ביי סעם'ן אין הויז, אויף עסעקס סטריט, און מען האט באשלאסען צו האבען א קרייז פון אמת'ע פריינד, א „סוירקעל" פון איבערגעבענע מיטגלידער, וועלכע זאלען זיך באטראכטען פאר מענשען פון איין פאמיליע, וועלכע זאלען איינע די אנדערע אויסשטרעקען א ווארעמע, פריינדליכע, ברודערליכע האנד אין צייט פון קראנקהייט און נויט און אלערליי אנדערע אומגליקליכע סבות, וואס טרעפען אזוי אפט אין ארבייטער לעבען.

עס איז געגרינדעט געווארן א רינג פון ארבייטער, אדער, אן ארבייטער רינג, וואס האט געמוזט זיין ריין ווי גאלד פון אלערליי פארטיי מחלוקות און דיסקוסיעס, א רינג פון דער העכסטער פראבע פון פריינדשאפט, אויף וועלכען עס טאר ניט פאלן קיין איין שטויבעלע, און צו וועלכען עס האט זיך ניט געטארט צוקלעפען דאס קלענסטע שפרינקעלע.

א רינג פון ריינער פריינדשאפט, פון אמת'ער מענשליכקייט, האבען די פשוט'ע ארבייטער אנגעפאנגען צו שמידען.

דאס איז געווען זונטאג דעם פערטען אפריל 1892.

אין יענעם טאג איז פארזייהעט געווארען דאס קערענדעל פון דעם ארבייטער ארדען.

אכט יאהר נאכאנאנד איז דאס קערענדעל געלעגען אין דער ערד באהאלטען און פארדעקט. קיין זייטיגער מענש האט איהם ניט באמערקט. זיינע סמנים פון לעבען האבען זיך ווייניג וואס ארויסגעוויזען. ווען ניט ווען האט זיך פון דעם ארבייטער רינג ווינקעל געהערט א „פאלקס־שטימע", אבער ווער האט זיך צו איהר צוגעהערט? ווער האט איהר געשאנקען אויפמערקזאמקייט?

אכט יאהר שפעטער איז דער פארזייעטער זוימען ארויס פון זיין באהעלטעניס. ער האט אויפגעהערט צו זיין א למד וואוו'ניק, פון וועמען קיינער וויים נים, און קיינער הערט ניט. נאך דעם, ווי ער

האָט געשלאָגען וואָרצלען טיעף אין דער ערד, איז ער ארויס אויבען אין דער עפענטליכקייט.

דאָס קערענדעל איז אין פארלויף פון אכט און א האלב יאָהר לאנגזאם אבער זיכער געוואקסען. איז געוואקסען אין דער שטיל ביז וואנען עס האָט ארויסגעשפּראָצט אין א שטאָם מיט צווייגען, מיט ברענטשעס.

דעם פערטען סעפּטעמבער 1900 איז דער ארבייטער רינג גע־וואָרן אן אָרדען.

פון דאמאָלט אָן שפּראָצט דער ארבייטער רינג מיט א ריזיגער שנעלקייט. ער וואקסט און פארצווייגט זיך אין דער טיעף און אין דער ברייט אין אלע שטעדט און שטעדטלאך פון דער אידישער אמעריקא. פון אטלאנטיק ביז פּאסיפיק זיינען פארשפּרייט זיינע צווייגען, פון קאלטען קענעדע ביז'ן ווארימער מעקסיקא געניסט מען פון זיינע פרוכט.

פון דעם ערשטען קערענדעל, פארזייהעט אין 1892, איז היינט אויסגעוואקסען א ריזיגער, אומגעהייער שטאַרקער בוים, וואָס האָט איז סך הכל: 700 ברענטשעס מיט ארום 90 טויזענד מיטגלידער, און א פארמעגען פון העכער דריי מיליאָן דאלאר; וואס האָט אויס־געצאָלט איבער א מיליאָן טויטען בענעפיט און איבער דריי מיליאָן קראַנקען בענעפיט; וואָס האָט אויסגעבויט א סאניטאריום, וואו 2,200 שווינדזוכטיגע ארבייטער האָבען געקראָגען רוה און היילונג — א סאניטאריום, וואו דער בודזשעט פון איין (לעצטען) יאָהר האָט באטראָפען 140,000 דאלאר; וואָס האָט אין פערשידענע שטעדט און שטעדטלאך פון די פאראייניגטע שטאאטען און קא־נאדע איבער 70 לייבאָר ליסעאום'ס, וועלכע האָבען געקאָסט א מיליאָן דאלאר; וואָס האָט אן ערך הונדערט קינדער שולען, צווי־שען זיי פיער מוזיק שולען, דריי מיטעלשולען און א לערער סעמי־נאָר — שולען, וואו ס'זענען באשעפטיגט אומגעפעהר 120 לערער מיט פארוואלטער און סעקרעטאָרן און וואו עס לערנען זיך אן ערך זיבען טויזענד קינדער, און וואָס האָט א בודזשעט פון 300,000 דאלאר; וואס האָט א ביכער פארלאג און אייגענע לעקטאָרן, וואָס גיט אוים פאר בילדונג צווישען דערוואקסענע אליין איבער הונ־דערט טויזענד דאלאר.

ווער זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבען פארזייהעט דאָס קערענדעל? ווער זיינען שפּעטער געווען זיינע אויפזעהער, זיינע פלעגער? אונטער וועלכע באדינגונגען האָבען זיי דאָס געטאָן? ווי האָט אויסגעזעהען דער באָדען פון וואנען דאָס קערענדעל האָט

געצווינגען זיין יניקה? ווער האט דעם באדען קולטיווירט און גערייניגט פון ווילדע גראז. אין וואס פאר אן אטמאספערע האט ער געאטהעמט און שפעטער געשפראצט און געבליהט? וואס זיינען זיינע פרוכט, וואס ער ברייינגט? וואסערע קראנקהייטען און געפאהרען האט ער געהאט דורכצומאכען? ווער זיינען זיינע איצטיגע אויפפאסער, זיינע היטער און באשיצער?

— אט דאס אלץ וועט אונז דערציילען די געשיכטע פון ארבייטער רינג.

# דער באָדען, וואו דער ארבייטער רינג איז געוואָרן געבויט און די סביבה, וואו ער האָט זיך ענטוויקעלט.

די נאַקעטע אמעריקאנישע ווירקליכקייט און דער ספּעציעלער כאַראַקטער פון דער היגער אינדוסטריע האָבען געשאַפען א פרוכט־באַרען באָדען פאר אָרדענס בכלל און פאר א אידישען ארבייטער אָרדען בפרט.

די אמעריקאַנישע אינדוסטריע איז א מאשינען אינדוסטריע. דער לעבעדיגער לויז ארבייטער איז דאָ ניט מער ווי א טויטער שרייפעל אין דעם ריזיגען גיגאַנטישען אינדוסטריעלען מעכאַניזם. זיין געזונד איז הפקר, זיין לעבען איז ניט ווערטה א פרוטה, מען קויפט ארבייטסקראַפט, מענשליכע כחות, כל זמן עס לוינט זיך, כל זמן מען קען דערביי פּראָפיטירען. אין יעדער אונטערנע־מונג איז דעם ארבייטערס כח א טייל פון דעם אונטערנעמערס אינווענטאר, פון זיין אייגענטום. מען קוועטשט ארויס די חיות פון ארבייטער ווי די זאַפט פון א ציטראָן. די גרויסע פעקטאָרים און שעפּער זענען געגליכען צו יאַטקעס, צו בוטשער שעפּער, וואו עס ווערט ביליג פארקויפט מענשליכע בלוט און פלייש, מוסקעלען און נערוון. מענשען ווערען קאַליעטשעס, פארקריפּעלט, גע'הרג'עט און דער'הרג'עט אָהן א ברעקעל איינזעהעניש.

איז נאָך ווייניג וואָס ס'זיינען גרויס די געפאַהרען, וועלכע לויערען אויף יעדען ארבייטער אין זיין שווערער מלחמה פאר'ן לעבען, פעהלען דאָ, אָדער ס'האָבען ווייניגסטענס געפעהלט, די עלע־מענטאַרסטע פארטיידיגונגס מיטלען.

עס האָט געפעהלט א סאָציאַלע געזעצגעבונג, וואָס זאָל באַשיצען דעם ארבייטער, ווען ער איז נאָך געזונד און ארבייטספעהיג, און וואָס זאָל באַזאָרגען און באַלוינען דעם פאַראומגליקטען אליין אין צייט פון קראַנקהייט און זיין פאמיליע אין א טויטען פאַל.

דערצו קומט נאָך דער אומשטאַנד, וואָס מיר האָבען דאָ ניט קיין אָרגאַניזירטען ישוב, איבערהויפּט א א י ד י ש ע ן ישוב, מיט א קהל, וואָס זאָל, ווי עס פירט זיך אין די איוראָפּעאישע לענ־

דער, באזארגען יעדען מענשען מיט א שטיקעל קרקע, וואו דיביינער זאלען כל הפחות נאך'ן טויט קענען רוהען. די טויטע זיינען דא ניט קיין גרעסערע יחסנים פון די לעבעדיגע. אז מען גרייט ניט אן פריהער, האט מען ניט שפעטער. אז מען פארזארגט זיך ניט מיט אן „ארט" בשעת מען לעבט, קען אמאל אויסקומען זיך צו וואלגערן ערגעץ וואו לעבען א פלאנקען, ווען מען שטארבט.

ארויסגעוואקסען איז דער ארבייטער רינג פון פארשידענע ווארצלען, וועלכע האבען זיך דערנאך צונויפגעפלאכטען אין א גרויסען געזונדען שטאם. ער נעמט זיין אנפאנג פון פארשידענע קוואלען, וועלכע האבען שפעטער זיך צוזאמענגעגאסען אין איין ריינעם שטארקען שטראם.

די ווארצלען זיינען:

1) די אלגעמיינע אמעריקאנישע ארבייטער באוועגונג.

2) די אידישע אמעריקאנישע ארבייטער באוועגונג.

3) די אידישע מאסען־אימיגראציע, וואס האט געבראכט מיט זיך גאנצע רייהע סאציאליסטען און סתם רעוואלוציאנערען.

4) די דייטשע־אמעריקאנישע ארבייטער באוועגונג, וואו עס האבען געווירקט פערזאנען, וועלכע האבען געהאט א דירעקטען איינפלוס אויף די אידישע ארבייטער מאסען און זייערע פירער.

5) די אימיגראציע פון אנדערע אייראפעאישע לענדער און שטעדט, איבערהויפט פון פאריז און לאנדאן, וואו די אידישע רעוואלוציאנערע יוגענד פלעגט פארברייננגען א לענגערע אדער א קירצערע צייט.

אין די שפעטערע יאהרען האבען געהאט א גרויסע באדייטונג אויף דעם ענטוויקלונגס־גאנג פון ארבייטער רינג די לאנדסמאנשאפטען פון די אימיגראנטען, וואס האבען זיך געגרינדעט, און גרינדען זיך נאך עד היום, פאר דעם צוועק צו העלפען מיט ראט און טאט די אקארשט אריבערגעקומענע „גרינע" פון דער אייגענער שטאדט און פון די דערבייאיגע שכנה'שע, היימישע שטעדטלאך.

אין דער אויסבילדונג פונ'ם כאראקטער אין ארבייטער רינג האבען געשפיעלט א ראליע דער „בונד" און אנדערע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס אין רוסלאנד.

צו די דאזיגע, שטענדיג ווירקענדע פאקטארען, זיינען פון צייט צו צייט צוגעקומען ספעציעלע מאמענטען, ווען דער ארדען האט געהאט די געלעגענהייט זיך צו פארצווייגען און באפעסטיגען אין דער טיעף און אין דער ברייט.

די פארשידענע אויסגערעכענטע עלעמענטען און אומשטאנ־

דען האבען געליפערט דעם מאטעריאל, פון וואנען עס איז אויס־געקנאטען געווארען דער קערפער פון אונזער ארדען און די סביבה, וואו ער האט זיך אויסקריסטאליזירט און געקראגען א געוויסען פנים, א געוויסען אויסזעהן.

בעפאר מיר וועלען צוטרעטען צו דער געשיכטע גופא, מוזען מיר זיך אפשטעלען אויף געוויסע פאסירונגען און מאמענטען אין דער אמעריקאנישער אידישער ארבייטער באוועגונג, איידער דער ארבייטער רינג איז פון איהר ארויסגעוואקסען.

## די ערשטע אידישע ארבייטער ארגאניזאציע אין אמעריקא.

שפורען פון אן אידישער ארבייטער באוועגונג געפינען מיר שוין אין די זעכציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט.

מען נעהמט אן, אז אזא באוועגונג האט געקענט זיין בלויז ביי די יאהודים, פשוט דערפאר, ווייל קיין אידען פון אנדערע לענ־דער זיינען אין אמעריקא נאך דאן ניט געווען. איינציגע, יחידים האבען דורך א צופאל אמאהל געקענט מגולגל ווערען אהער, אבער פון א מאסע, וואס זאל דינען אלס מאטעריאל פאר א באוועגונג, האט קיין רייד ניט געקענט זיין.

דאס איז אבער ניט מעהר ווי א השערה, וואס איז ניט אין גאנצען נאהענט צום אמת.

עס לייגט זיך אויך אויפ'ן שכל, אז א סך פוילישע אידען, וואס האבען געוואוינט אין די שטעדטלאך ביי די גרענעצען, זיי־נען געווען געצוואונגען אין צייט פון פוילישען „מיאטיעזש" (אויפשטאנד) צו פארלאזען זייערע היימאטס־ערטער און עמיג־רירען, פריהער קיין פאריז, פון דארטען קיין לאנדאן אדער קיין אמעריקא.

אז אונזער סברא האט א שטארקע ממשות, קען מען זעהן דערפון, וואס די ערשטע אידישע ארבייטער ארגאניזאציע געפינען מיר אין ניו יארק ביי די קאפען־מאכער. די קאפען־אינדוסטריע איז א פאריזער פראדוקט. א גרויסע צאהל פויליש־אידישע אי־מיגראנטען האבען אין פאריז געארבייט ביי קאפען.

פאריז איז אין די זעכציגער יאהרען, ערב דער קאמונע, גע־ווען א גרויסער רעוואלוציאנערער צענטער, און במילא אויך א מין עיר מקלט פאר די פאליטישע פליכטלינגע, וועלכע זיינען אנט־לאפען פון צארען־לאנד. אידישע בעלי־מלאכות זיינען מסתמא

מיטגעריסען געווארען מיט דעם רעוואלוציאנערען שטראם און ווען זיי זיינען שפּעטער געקומען קיין אמעריקא, האבען זיי דעם גייסט פון ארבייטער סאלידאריטעט מיטגענומען מיט זיך.

פון דער אימיגראציאנס סטאטיסטיק איז באוואוסט, אז אן ערך צוויי טויזענד רוסישע אדער פּוילישע אידען פלעגען יעדען יאהר קומען קיין אמעריקא אין די זיבעציגער יאהרען.

ווי די מעשה זאל ניט זיין, איז עס א פאקט, אז אין די זעכציגער יאהרען זיינען אן ערך פיער הונדערט אידישע, אדער ווי אנדערע ווילען האבען, יאהודים'שע בעלי־מלאכות געווען באשעפטיגט ביים קאפּען־טרייד אין ניו יארק.

אין דער קאפּען אינדוסטריע איז געווען דער מאנופעקטור פּעריאד, דער איבערגאנג פון האנד־ארבייט צו דער מאשין. די מאדערנע טעכניק איז אין טרייד נאך ניט געווען ענטוויקעלט, אבער עס האט שוין עקזיסטירט אן ארבייטס־צוטיילונג. יעדער ארבייטער האט געטהאן בלויז איין טייל פון א קעפּ. אזוי זעהען מיר אין יענער צייט קאטערס (דאס רוב אמעריקאנער גוים), פּרעסערס, (בלאקערס), אפּערייטארס און פינישערס.

די אפּערייטארס האבען געארבייט ביי זיך אין דער היים אויף אייגענע אלטמאדישע מאשינקעס און מיט אייגענע פאדים. דאס זעלבע האבען געטהאן די פינישערס.

עס פארשטעהט זיך, אז די פּרייזען פון דער ארבייט זיינען ביי די פארשיעדענע בעלי־מלאכות געווען פארשיעדען. יעדער ארבייטער האט זיך געהאט זיין באזונדערען פּרייז.

שפּעטער זיינען די אפּערייטארס און די פינישערס אריינגענומען געווארען „אינסייד".

איז דעמאלט געווארען א נויטווענדיגקייט אויסצוגלייכען די פּרייזען. די באסעס האבען ניט געוואלט, אז אלע זאל קריגען איין פּרייז. די ארבייטער זיינען געווען געצוואונגען צו מאכען יד־אחת, זיך צו ארגאניזירען און צו סטרייקען.

דער ערשטער סטרייק פון אידישע ארבייטער אין א אידישער אינדוסטריע אין ניו יארק איז געווען מיט א זעכציג יאהר צוריק.

אין 1872 האבען די קאפּען־מאכער שוין געהאט א גוטע יוניאן מיט מעהר ווי 400 מיטגליעדער.

נאך א פארלוירענעם סטרייק פאר בעסערע ארבייטס־באדינגונגען אין 1874 איז די יוניאן צופאלען געווארען.

אין 1875 האבען די קאפּען־מאכער געמאכט א פּראבע אויפצולעבען די יוניאן. די פּראבע האט זיך ניט איינגעגעבען, צוליעב א ניט־געלונגענעם סטרייק.

אין די זיבעציגער יאָהרען האָבען זיך די נייה־מאַשינען אין דער קאָפּען־אינדוסטריע שטאַרק אויסגעבעסערט. עס זיינען איינ־געפיהרט געוואָרען מאַשינען אפילו ביים פינישען די קעפּס.

די נייע מאַשינען האָבען פאַרגרעסערט די צאָהל אָפּערייטאָרס און פאַרקלענערט די פינישערס. די ענדערונגען אין דער טעכניק פון דעם טרייד האָבען ווידער געטריבען די קעפּמייקערס זיך צו אָרגאַניזירען.

אין 1880 זיינען אַן ערך 600 אַרבייטער ארויס אין אַ גענעראַל־סטרייק. דער סטרייק האָט געדויערט זעקס וואָכען ביז ער איז געוואונען געוואָרען.

די יוניאָן האָט אָבער פאָרט ניט אָנגעהאַלטען און איז זיך צו־פאַלען.

אין אַ קורצע צייט ארום האָבען זיך די פאַרשיעדענע אַרביי־טער אין דער קעפּ־אינדוסטריע אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירען אין פאַרשיעדענע פאַך־יוניאָנס. די פריהערדיגע יוניאָנס זיינען געווען אינדוסטריעלע. אַלע — קאַטערס, אָפּערייטאָרס, פּרעסערס און פינישערס — האָבען באַלאַנגט צו איין יוניאָן. איצט האָבען זיך די אַרבייטער אין דער אינדוסטריע צוטיילט אין טרייד יוניאָנס. די קאַטערס באַזונדער, די אָפּערייטאָרס באַזונדער א. א. וו.

אין 1886 האָבען אַלע אָפּטיילונגען פון דער אינדוסטריע אָר־גאַניזירט אַ דזשאָינט עקזעקוטיוו באָארד, וועלכע האָט זיך אָנגע־שלאָסען צו דיסטריקט 49 פון די „נאַיטס אָוו לייבאָר“.

די יוניאָן האָט אויך עטאַבלירט אַ קאָאָפּעראַטיווען שאָפּ אונ־טערן נאָמען: סאָלידאַריטי קאָאָפּערייטיוו העט ענד קעפּ מאַנו־פעקטשורינג.

דעמאָלסט זיינען שוין אין דער קעפּ־אינדוסטריע געווען ניט ווייניג רוסישע אימיגראַנטען, וואָס האָבען זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די רוסיש־אידישע סאָציאַליסטען און סתם רעוואָ־לוציאָנערען, וועלכע זיינען געקומען נאָכ׳ן אַכציגסטען יאָהר.

די קעפּ־מייקער זיינען אריין אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער באַוועגונג.

## די לאַגע פון די אידישע אַרבייטער אין די אַכציגער יאָהרען.

איידער מיר געהען ווייטער, האַלטען מיר פאַר ניט איבעריג זיך צו באַקענען מיט דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אידישע אַרבייטער אין דער צייט, ווען אידישע (ניט יאַהודים׳שע) יוניאָנס האָבען זיך אָנגעהויבען צו גרינדען.

דאָס איז נויטיג, כדי צו האָבען א באַגריף פון דעם פעלד, וואו די יוניאָנס פון דער נאָדעל־אינדוסטריע, ווי אויך אַנדערע יוניאָנס, זיינען פארזייהט געוואָרען און פון דער אטמאָספערע, וואו זיי האָבען געוואַקסען.

אָט וואָס עס דערצעהלט איינער פון די ערשטע אלטע יוניאָן־פיהרער ביי אַגדען:

„די אידישע מאָסע איז דאן געוועזן נאָך זעהר „גרין“. 65-70 פּראָצענט פון דער אידישער באפעלקערונג זיינען געוועזן רעגספּראָצענט פון דער אידישער באפעלקערונג זיינען געוועזן רעגספעדלערס, פרוכט־הענדלער, אייזען־פּעדלערס א. א. וו. ארבייטער זיינען געוועזן פּארהעלטניסמעסיג ווייניג, און אָט די ווייניגע זיינען על פּי רוב געוועזן שניידער.

די סוועטינג־סיסטעם איז געוועזן אויף דער העכסטער מדרגה פון זיין ענטוויקלונג. די ארבייטס־צייט האָט ניט געהאט קיין שיעור און קיין ערד. מען פלעגט אָנהויבען צו ארבייטען באַגינען, נאָך איידער די זון איז אויפגעגאנגען און ענדיגען שפּעט אין דער נאכט.

קיין באַשטימטע פּרייזען פאר די ארבייטער זיינען ניט געוועזן. די פאבריקאנטען האָבען געצאָהלט וויפיעל זיי האָט זיך געגלוסט. דינגען זיך מיט'ן פאבריקאנט פריהער, ביים נעהמען די ארבייט, איז ניט געוועזן אין דער מאָדע. ערשט ביים אָפּגעבען די ארבייט פלעגט מען אויסגעפינען, וויפיעל מען האָט פארדינט. דער ווילען פונ'ם פאבריקאנט איז געוועזן דער איינציגער רעגולאָטאָר פון די פּרייזען.

ווי גרוים עס זיינען געוועזן די פארדינסטען קען מען אורטהיילען דערפון, אז נאָך דעם, ווי אלע מיטגליעדער פון דער פאמיליע פלעגען ארבייטען טאָג און נאכט, פלעגט מען סוף כל סוף קוים מיט צרות האָבען אויף דער מאָגערער חיונה.

מען דארף נאָך דערביי באַמערקען, אז דער „סטענדארד אָוו ליווינג“ (די לעבענס־באַדערפניסען) איז דעמאָלסט געוועזן זעהר א נידעריגער, ניט העכער פון די היימישע קליין־שטעטעלדיגע בעלי־מלאכות. א פאמיליע פון פינף־זעקס פערזאָן האָט זיך באַנוגענט מיט א דירה פון צוויי צימערען. צו פארלאַנגען א ספּעציעלע „פראָנט־רום“ איז גאָר קיינעם אויפ'ן געדאנק ניט ארויפגעקומען. אַזוינע „העזה'דיגע“ לוקסוס פּאָדערונגען זיינען צו די אידישע ארבייטער געקומען א צייט, א צייט שפּעטער. א שלאָפצימער און א קיך — אָט דאָס איז געוועזן די הרחבה'דיגע דירה פונ'ם דעמאָלסטיגען אידישען ארבייטער.

דער אידישער בעל־מלאכה האט אויסער זיין דלות געהאט אויסצושטעהן די גרעסטע גייסטיגע באליידיגונגען. די איירישע „באמס“ די „לאבוסעס“ פלעגען דעם אידען אויסקלייבען אלס א ציעל פאר זייערע גראבע לצנות. ווארפען שטיינער, צופען די בארד און סתם שלאגען מכת רצח א אידען — זיינען געווען געוועהנליכע ערשיינונגען אין יענער צייט.

נויט, דחקות, בזיונות, ערנידערונגען — דאס זיינען געווען די מתנות, וועלכע זיינען אויסגעפאלען אויפ׳ן גורל פון אידישען ארבייטער אין ניו יארק און אין שיקאגא, ווי אין אנדערע גרויסע שטעדט, אין דער ערשטער העלפט פון די אכציגער יאהרען.

פראטעסטירען, פארלאנגען אויסבעסערונגען — דערצו זיינען די אידישע בעלי־מלאכות נאך ניט געווען דערוואקסען.

געראטעוועט זיך פון די רוסישע פאגראמען און אלע אנדערע פארפאלגונגען אין בלוטיגען צארען־לאנד, איז מען געווען צופרידען, אז מען וואוינט אין א לאנד, וואו עס קומען וועניגסטענס ניט פאר קיין פאגראמען. מען פלעגט ארבייטען, הארעווען איבער די כוחות און שווייגען.

ביי די ארבייטער פון די אומות העולם האט דעמאלסט גע־הערשט א שטארקע באוועגונג פאר אן אכט שטונדיגען ארבייטס־טאג. אלע צייטונגען זיינען געווען פול מיט ידיעות פון דער באוועגונג, וואס האט געשריבען דאס שעהנסטע בלאט אין דער געשיכטע פון די אמעריקאנישע ארבייטער. אין די אידישע קוואר־טאלען אבער האט מען פון דער באוועגונג ניט געוואוסט. קיין צייטונגען האט מען ניט געלעזען. אידישע זיינען כמעט ווי ניט געווען — א חוץ די „אידישע גאזעטען“ אין ניו יארק און דער אי־דישער „קוריער“ אין שיקאגא — און ענגליש האט מען ניט פאר־שטאנען.

וועגען די פאסירונגען פון דער אויסערליכער וועלט פלעגט מען זיך דערוויסען דורך א צופאל. יעדע ערשיינונג אין אלגעמיי־נעם לעבען פלעגט פאר׳ן אידישען בעל־מלאכה זיין ארומגעוויי־קעלט מיט א לעגענדארישען שלייער אזוי, אז דער תוך, דער עצם פון דער פאסירונג איז געבליבען אונבאוואוסט. ניט ידיעות פון די פאסירונגען גופא האבען דערגרייכט די אידישע סוועט־שעפער, נאר בלאסע, אפגעבליאקטע אפקלאנגען פון זיי.

אזוי האט אויסגעזעהן דער באדען, וואו עס האבען אנגעפאנ־גען צו וואקסען אידישע יוניאנס.

# דער אנהויב פון דער קלאוק-מאכער יוניאן.

דער רוקען-ביין פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג — די קלאוק-מאכער יוניאן — האט אנגעהויבען צוזאוואקסען אין די אכ-ציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט.

די קלאוק-מאכער זיינען ניט געווען קיין יאהודים, ווי למשל די ערשטע קעפ-מייקערס. דאס זיינען געווען אונזערע פשוט'ע רוסישע, גאליצישע און רומענישע אידען, וואס זיינען אהער גע-קומען מיט דער מאסען אימיגראציע.

די ארבייט ביי קלאוקס האט זיך בלומרשט „גוט" גע-צאהלט און זי האט געצויגען צו זיך א גרעסערען פראצענט אימיג-ראנטען ווי אן אנדער ארבייט.

ווי עס איז דערצעהלט אין פאריגען קאפיטעל, זיינען די אי-דישע ארבייטער שטארק עקספלואטירט געווארען אין די סוועט-שעפער. אבער געגען דער עקספלואטאציע האט קיינער ניט פראט-עסטירט. די מאנופעקטשורערס און די קאנטראקטארס האבען אודאי ניט געהאט קיין גרונד צו פראטעסטירען. די ארבייטער, ווידער, זיינען געווען צופרידען, אז מען טשעפעט זיי ניט און מען לאזט זי מקיים זיין דעם פסוק: „בזעת אפיך תאכל לחם" (מיט דעם שוויים פון דיין פנים זאלסטו עסען דיין ברויט).

האט אבער געטראפען אין 1885, אז א קאנטראקטאר האט אהן א-פאר-וואס, סתם אזוי זיך, פון דער אייגענער הנאה וועגען, גע-געבען אן ארבייטער א פאטש.

דאס האט געווירקט ווי א פונק איז אן עלעקטריזירטער את-מאספערע.

צוערשט זיינען ארונטער אין סטרייק די ארבייטער פון שאפ, וואו דער פאל איז פארגעקומען. אין א קורצער צייט ארום האבען די סטרייקערס פון שאפ ארונטערגענומען די ארבייטער פון אלע אנדערע אויטסייד שעפער. עס האט ניט לאנג געדויערט, און פינף טויזענד ארבייטער זיינען אהן פארבערייטונגען, סטיכי-איש, געווארען סטרייקער.

אין דער צייט איז שוין געווען א היבשע ביסעל רוסיש-אידישע אינטעליגענטען מיט א רעוואלוציאנערער ערציהונג און סאציאליס-טישע אידעאלען.

אין די ערשטע יאהרען, ווען זיי זיינען נאך געווען „גרין", הא-בען זיך אט די רעוואלוציאנערען אפגעגעבען מיט אבסטראקטע סאציאליסטישע פראבלעמען, מיט דיסקוסיעס איבער דער סאציא-

לער רעוואָלוציע, וועגען „צוקונפט־שטאַאט" און אנדערע אַזוינע ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען. מיט די טאָג־טעגליכע נויטען און מעגליכקייטען פון דער מאַסע האָבען זיי זיך ניט באַשעפטיגט. צווישען זייער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט און סאָציאַליסטישער צוקונפט איז געווען אַ תהום, איבער וועלכען עס איז ניט געווען קיין בריק. די אינטעליגענטען האָבען געשמאַק דיסקוטירט און זיך געווערטעלט און די מאַסע האָט געשמאַק געאַרבייט און געשוויצט. פון איין זייט איז געווען אַ קאָפּ אָהן אַ גוף, און פון דער צווייטער זייט — אַ גוף אָהן אַ קאָפּ. עס איז נויטיג געווען אַ כוח, וואָס זאָל פאַראייניגען דעם קאָפּ מיט'ן גוף אין איין אָרגאַניזם. אַט דער כוח איז געווען דער דערמאָהנטער סטרייק.

אַ דאַנק דעם סטרייק האָבען זיך די אינטעליגענטען און די פּשוט'ע ארבייטער צוזאַמענגערעדט און דער רויהער סטיכיאישער סטרייק האָט געקראָגען אַ פאָרמע, אַ געשטאַלט. דער שטורעמדיגער צאָרן־אויסגוס אַ דאַנק דער אָנגעקליבענער ביטערקייט איז געקירעוועט געוואָרען אין אַ באַשטימטער ריכטונג צו אַ געוויסען ציעל.

די סאָציאַליסטען האָבען זיך אין דעם סטרייק אריינגעמישט און האָבען פאָרמולירט די אונקלאָהרע, מטושטש'ע פאַרלאַנגען פון דער פאַרביטערטער מאַסע אין קלאָהרע ממשות'דיגע פּונקטען.

די ארבייטער האָבען געסטרייקט דריי וואָכען ביז וואַנען זיי האָבען זייערע פאָדערונגען געוואונען.

האָט זיך אָבער אָנגעפאַנגען אַ נייע סדרה צרות.

דער ערשטער פּולער זיעג איז געווען אַ גרויסער יום־טוב ביי די סטרייקער. די ארבייטער האָבען זייער זיעג געפייערט מיט אַ מאַרש, וואָס האָט אויפגערודערט דעם אידישען קוואַרטאַל. עס איז אָבער ניט געווען ליהודים'דיג.

ווען די זיעגער זיינען אין אַ יום־טוב'דיגער שטימונג נאָך'ן מאַרש געקומען אין די אינסייד שעפּער ארבייטען, האָבען די סעמפּל־מאַכער, וועלכע זיינען געווען אונגארישע און דייטשע יהודים, זיך אויפגעהויבען און ערקלעהרט, אַז עס שטעהט זיי ניט אָן דער יחוס צו ארבייטען אינאיינעם מיט די גרינע אידען.

די שמחה פון די סטרייקערס איז צושטערט געוואָרען און אויסגעהונגערטע, אויסגעמוטשעטע, האָבען זיי קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי געהען צוריק, מיט אַ וועהטאָג אין הארצען, צו די קאָנטראַקטאָרס אין די אויטסייד שעפּער.

עס האט גענומען א קורצע צייט און די יוניאן, וואס איז נאך ניט געווען איינגעווארצעלט און באפעסטיגט, איז צופאלען געווארען.

אין די נעקסטע פיער יאהר נאכ׳ן סטרייק זיינען געמאכט געווארען אייניגע פארזוכען צו גרינדען א נייע אמת׳ע יוניאן, אבער די פארזוכען האבען זיך ניט איינגעגעבען.

מיר זאגען בכיון, אז עס האט זיך ניט איינגעגעבען צו גרינדען אן אמת׳ע יוניאן, ווייל א פאראיין האט יא עקזיסטירט. דאס איז געווען „די מענטעל-מייקערס סאסייעטי" פון די אינסיידיגע סעמפל-ארבייטער.

„די מענטעל מייקערס סאסייעטי" איז געווען א געגענזייטיגער אונטערשטיצונגס פאראיין. דאס איז געווען א מין חברה, אויסצוהעלפען די נויטבאדארפטיגע סעמפל-מאכערס, און האט לכתחילה גאר ניט געהאט בדעה צו שיצען די ארבייטער פון די באסעס.

ערשט ענדע 1889 האבען די מיטגליעדער פון דער „סאסייעטי" זיך מישב געווען, אז עס וואלט ניט זיין קיין שלעכטער פלאן צו מאכען פון פאראיין א יוניאן, וואס זאל ניט בלויז געבען שטיצע, נאר טאקע פ א ד ע ר ע ן פאר די מיטגליעדער בעסערע ארבייטס באדינגונגען.

עס איז געגרינדעט געווארען די קלאוקמאכער יוניאן.

די יוניאן האט אנגעהויבען צו וואקסען און האט זיך געשטעלט אויף די פיס.

און ניט נאר ביי די קלאוק-מאכער, נאר אין אלע אנדערע ווינקעלער פון די אידישע ארבייטער, האט אנגעהויבען צו טאגען.

עס האט אנגעהויבען זיך צו פארשפרייטען א ווארצעל, פון וועלכען עס איז ארויסגעוואקסען דער ארבייטער-רינג.

מיר האבען דא געכאפט אביסעל די פיש פאר דער נעץ.

עס איז דא געוועזן געווארען פון דער אידישער רעוואלוציאנערער אינטעליגענץ. זי בילדעט א וויכטיגען קאפיטעל אין דער ארבייטער באוועגונג, און מיר מוזען זיך איצט אט צו דעם קאפיטעל אומקעהרען.

## די ערשטע פאגראם-כוואליע און די בלוטיגע פאגראמען.

### וואס טהוט מען? וואוהין געהט מען?

אין די זיבעציגער יאהרען אין רוסלאנד האבען אין דער פארטיי: „נאראדנאיא וואליא" גענומען אן אנטהייל א רעכט ביסעל יונגע אידישע אינטעליגענטען און אידישע ארבייטער

צוזאמען מיט זשעליאבאוו'ן, סאפיא פעראווסקאיא, קיבאל־טשיץ און גרינעוויצקי, איז אויך געווען די אידישע נעהטאָרין געלפמאן. אין דרום רוסלאנד האבען געווירקט ליעוו דייטש, ווערטמאן, פּ. אקסעלראד. אין ווילנא — אין ירושלים פון ליטע — איז געווען דער באריהמטער „קרוזשאק“ פון זונדעליעוויטש'ן.

אידישע קינדער זיינען געגאנגען אין פייער און אין וואסער, און האבען מיט א געוואלדיגער מסירת נפש זיך מקריב געווען אויפ'ן מזבח פון דער רוסישער פרייהייט.

די ליטווישע אידישע יונגע־לייט און מיידלאך האבען ניט גע־האט אזא מעגליכקייט צו „געהן אין פאלק“, דאס הייסט אין די רוסישע דערפער און פארשפרייטען דארטען רעוואלוציאנערע אי־דעען, האבען זיי מקיים געווען די מצוה פון „געהן אין פאלק“ אויף אן אנדער נוסח. אנשטאט צו געהן אין פאלק, זיינען זיי אליין גע־ווארען פאלקס־מענשען. א סך האבען געווארפען זייערע צוקונפטיגע קאריערעס און זיינען געווארען פשוט'ע בעלי־מלאכות.

מלאכה, פיזישע ארבייט, איז געשטעלט געווארען א סך הע־כער ווי די אזוי־גערופענע אינטעליגענטע פראפעסיעס.

דער רעוואלוציאנערער גייסט, וואס האט דעמאלסט גע־שוועבט איבער דער אידישער יוגענד, האט אויך אריינגעדרונגען אין די ישיבות.

ניט וועניג „פארכאפטע“ וואוילע ישיבה־בחורים, וואס הא־בען גע'שמ'ט פאר עלוים און סתם שארפע חריפות'ע קעפּ, האבען אויפגעגעבען זייער צוקונפטיגע רבנות און געווארען שוסטער, שניי־דער, שמידען א. א. וו.

אין נאמען פון דער רעוואלוציע האבען זיי מיט'ן גאנצען האר־צען און מיט דעם אמת'ן ברען פון הייליגער באגייסטערונג מקיים געווען דעם פסוק: „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות“ (ליעב די מלאכה און האַב פיינט די רבנות).

לכתחילה איז געווען די כונה צו דינען מיט דער פיזישער אר־בייט דער רעוואלוציע. מיט דער צייט האט זיך בכלל ענטוויקעלט ביי א טהייל פון דער אידישער יוגענד א גרויסער דרך־ארץ פאר עכטע פראדוקטיווע באשעפטיגונגען און א שנאה צו די ווינט און לופט פרנסות.

אין זונדעלעוויטש'עס קרוזשאק האבען אנטהייל גענומען ניט בלויז סטודענטען, גימנאזיסטען, נאר אויך מאנכע ישיבה־בחורים. מיר האבען נאך צום גליק אט טאקע ביי אונז אין ניו יארק א לעבעדיגען עדות. דאס איז אונזער געעכטע גראטשע, וואס

אין געווען זונדעלעוויטש'עס רעכטע האנד. גראטש איז געווען א גרויסער למדן און איז געווארען א שוסטער. פיזישע ארבייט, פון וועלכער מען קריגט מאזאליעס אויף די הענד, איז געווארען אן אידעאל, צו וועלכען די שעהנסטע און בעסטע עלעמענטען פון דעם יונגען אידישען דור האבען זיך מעהר אדער ווייניגער געזוכט צו דערנעהענטערען.

געוועהנליך האט דער געדאנק זיך צו נעהמען פאר ממשות'דיגע באשעפטיגונגען אין אנפאנג ארומגענומען נאר א קליינעם טהייל פון די יונגע געזעלשאפטליכע טהוער. עס איז ניט געווען אזוי לייכט דורכצוברעכען די אייזערנע וואנט פון איינגעווארצעלטע געוואוינהייטען און אלטמאדישע בליקען, אז עס איז אן אונזין פאר זיך אליין, און א פחיתת הכבוד פאר דער משפחה צו ציהען די חיונה פון האנט־ארבייט. עס איז נויטיג געווען דער כח פון א ספעציעלער געשעהענים, וואס זאל דעם געדאנק געבען א צו־טריט צו א גרעסערע צאהל מענשען און שאפען פאר איהם א גינס־טיגען באדען.

מען דארף אויך ניט פארגעסען, אז די וויכטיגסטע און אנ־ציהענדסטע פון אלע פיזישע באשעפטיגונגען — די לאנד־ארבייט — איז געווען אויסגעשלאסען פאר'ן אידען. אויף פארמעריי איז די דערפער אונטער'ן צאר איז שוין דעמאלסט געווען אנגעשלא־גען דער באוואוסטער צעטעל: „קראמע יעוורעיעוו“ (א חוץ אידען). עס האט פשוט געפעהלט דער באדען (אין דעם אמת'ן זין פון ווארט), וואו די אידעע פון פיזישער ארבייט זאל פארקערפערט ווערען אין א ממשות'דיגער פארמע.

די געשעהענים איז געקומען.

אין 1881 איז אלעקסאנדער דער צווייטער צוריסען געווארען אויף שטיקלאך פון א באמבע, וואס די רעוואלוציאנערען האבען איהם אונטערגעווארפען.

אלעקסאנדער דער דריטער איז ארויף אויפ'ן טראהן און זיין פאליטיק איז געווען צו דערטרינקען די רוסישע רעוואלוציע אין טייכען אידישע בלוט און טרעהרען.

אין איין העלען טאג איז אין אידישע הייזער געווארען פינס־טער — עס האט זיך אנגעפאנגען די בלוטיגע סדרה פון פאגרא־מען.

דער ערשטער פאגראם־פייער האט אויסגעבראכען פסח, 1881, אין יאלטע, און האט זיך צופלאקערט איבער גאנץ אוקראינע. זיין שטיקענדיגער רויטער רויך האט דערגרייכט אויך אין ליטע.

פארצווייפעלטע געשרייען האבען זיך געהערט פון אלע אידי־שע שטעדט און שטעדטלאך אין צארען־לאנד: „וואס טהוט מען? וואוהין געהט מען?"

דער יאוש איז נאך געווען גרעסער דערמיט, וואס מען האט גאנץ גוט געוואוסט, אז די פאגראמען זיינען ניט אן איבערגעהענדע ערשיינונג, אז זיי זיינען בלויז אן אנפאנג, א מין אנזאג פון שטענ־דיגע רדיפות און פארפאלגונגען. די פאגראם־כוואליע איז געווען יענער סימפטאמאטישער געשוויר, וואס האט געוויזען, אז דער גאנ־צער צארישער מלוכה ארגאניזם איז דורכגעפוילט און דורכגעזאפט מיט דעם געפעהרליכען גיפט פון שנאה צום אידישען פאלק און דער נידעריגער תאוה צו נעהמען פון איהם בלוטיגע נקמה.

און די פראגען האבען ניט אפגעלאזען, זיי האבען געבויערט דעם מוח. וואס טהוט מען? וואוהין געהט מען?

די פאגראמען זיינען ניט געווען בלויז די ערשטע שטורם־פויג־לען פון אן אומרוהיגער פינסטערער צייט אין דער צוקונפט, נאר אן אבסצעסיע פון די אלטע כראנישע וואונדען, מיט וועלכע די אידישע געשיכטע איז געווען דורכגעלעכערט אין דער פארגאנגענ־הייט. איז אויפ'ן טאג ארדנונג פון אונזערע שריפטשטעלער, גע־לערנטע און געזעלשאפטליכע טהוער ארויף די אלטע פראגע פון שנאת עולם לעם עולם (די אייביגע שנאה צום אייביגען פאלק).

ווי מאכט מען אן ענד צו דער שנאת עולם? וואס זאל ווערען מיט'ן עם עולם?

און עס איז געגעבען געווארען אן ענטפער, וואס האט שטארק אויסגענומען ביי אונזער אידישער יוגענד. דהיינו: אידען מוזען אויפהערען צו זיין לופט שליינגער און אוועקווארפען דאס לעבען פון ווינט. אידען מוזען זיך נעהמען פאר'ן אקער־אייזען און בעארבייטען דאס לאנד. אידען מוזען ווערען הארעפאשניקעס און ציהען זייער חיונה פון דער ערד, דירעקט פון דער מוטער נאטור. נאר „אין דער סאכע ליגט די מזל ברכה". ארבייטענדיג שווער אויפ'ן לאנד וועט מען ביי קיינעם ניט אויפרייסען די אויגען און „לייטען" ווע־לען ניט האבען וואס צו ריידען.

דער דאזיגער ענטפער איז געווען אין הסכם מיט דעם אידעאל פון די אידישע רעוואלוציאנערען.

איז שוין געווען אן ענטפער אויף דער פראגע: „וואס טהוט מען?"

אבער וואוהין געהט מען? אין רוסלאנד האבען אידען קיין לאנד ניט געטארט האבען. מוז מען געהן אנדערשוואו. וואוהין?

און אט דא האבען זיך אנגעפאנגען מיינונגס־פארשידענהיי־טען.

איין טהייל פון דער אידישער יוגענד האט געווארפען בליקען אויפ׳ן מזרח, צוריק צו דער אלטער מוטער ציון. און א צווייטער טהייל האט געקוקט אויפ׳ן מעריב, אויף דאס נייע לאנד — אויף אמעריקא.

די ערשטע האבען מיט באגייסטערונג אויסגעשריען: „בית יעקב לכו ונלכה!״ — מיר מוזען געהן צוריק צו אונזער אלטער היים, צו יעקב׳ס הויז — צו ארץ ישראל.

און די צווייטע האבען געענטפערט: „ניין! מיר דארפען זיך ניט אומקעהרען צו דעם אלטען לאנד און געהן צוריק, נאר שפרייזען פארווערטס, צום נייעם לאנד, אט — ווי דער פאעט האט געזונגען:

„שם חביב כל הנברא בצלם
על עמו ואלהיו איש לא יכלם״.*)

(דארטען, וואו יעטווידער, וואס איז באשאפען אין געטליכען פורעם, מעג לעבען ווי איהם געפעהלט זיך און מעג דינען דעם גאט, וועל־כער איז איהם ליעב). אט דארטען, וואו עס איז ניטא קיין אטמאס־פערע פון כעס און האס און א בארען פאר רעליגיעזע פארפאל־גונגען.

עס האט זיך אנגעפאנגען די שעהנע אידעאליסטישע עפאכע אין אונזער לעבען — די עם עולם עפאכע.

## די עם עולם גרופע.

נאך די פאגראמען האט דער „עם עולם״, דאס אייביגע פאלק, גענומען אין זיין האנט דעם אלטען וואנדער־שטעקען און איז גע־גאנגען זוכען א פלאץ אונטער דער זון, וואו דער כוליגאן זאל אויף איהם קיין שליטא ניט האבען.

עס רעדט זיך אזוי „געגאנגען״. מען איז געלאפען, ווי מען לויפט פון א מגפה, רחמנה לצלן, פון א מלחמה, מורא האבענדיג א קוק צו טהאן הינטער זיך.

קיין קלארע פלענער, וואו זיך צו באזעצען, זיינען ניט געווען. דאס האט מען געהאלטען פאר א שפעטערדיגע זאך. דערווייל האט מען זיך געמוזט ראטעווען פון דעם לאנד, וואו דער פאגראמשציק האט גערויבט און געפלינדערט רעכטס און לינקס.

---

*) פון יהודה ליב גארדאָן׳ס ליד: אחותי רוחמה.

דער רעזולטאט פון אזא מין בהלה, פון אזא לויפעניש איז געווען, אז אין איינינע עסטרייכישע און דייטשע פונקטען פון יע־נעם זייט גרענעץ האבען זיך צונויפגעקליבען מאסען עמיגראנטען, הונגעריגע, בארפיסע און נאקעטע, אהן כוח, אהן מוט און אהן מיט־לען צו לעבען.

די אנגעזאמעלטע עמיגראנטען אין די אייראפעאישע צענטערס האבען מיט זייער ארעמקייט און נערוועאישקייט אנגעהויבען זיך צונאווארפען אין די אויגען פון דער ארומיגער באפעלקערונג, וועלכע האט שטארק מורא געקראגען, די רוסישע אידען זאלען איהר נים פאלען צו לאסט.

די אנטיסעמיטען האבען דא געהאט א גוטע געלעגענהייט אויפ־צוהויבען פון דאס־ניי, מיט מעהר פרישקייט, די אלטע טענה: „פו ירבה”. און ניט נאר די אנטיסעמיטען, נאר אויך די דייטשען און עסטרייכער פון „מאזאאישער קאנפעסיאן” (משה רבינו'ס דייטשען, הייסט עס) האבען זיך אויך אנגעפאנגען צו שרעקען פאר'ן „אסט־יודע”.

טהיילווייז טאקע פאר דעם זעלביגען „פן ירבה” און טהייל־ווייז פון אמת'ער רחמנות און מיטגעפיהל צו די פארוואגעלטע, צו די נע ונד'ניקעס, האבען די דייטשע אידען צוזאמען מיט אי־דישע כלל־טהוער פון אנדערע לענדער געגרינדעט הילפס־קאמיטע־טען ארויסצוהעלפען מים ראט און טהאט די אידישע עמיגראנטען.

די הילפס־קאמיטעטען אין מעמעל, טילזיט, בערלין, וויען בראד, לעמבערג, קראקוי, האמבורג, ברעמען, האוור, זיינען געווען ניט מעהר ווי „וואוילטהעטיגע אנשטאלטען”. מיט קיין ווייטערע צוועקען האבען זיי זיך ניט אפגעגעבען.

אין רוסלאנד אבער זיינען שוין ארויפגעשוואומען אידישע עמיגראציאנס־פראבלעמען פון א ברייטערען פארנעהם. עס האט זיך אויפגעהויבען א באוועגונג צו רעגולירען די עמיגראציע און צו טריי־בען דעם ציעל־לאזען עמיגראציאנס־שטראם אין א געוויסער ריכ־טונג, צו א געוויסען ציעל.

מיט את דער כונה איז געגרינדעט געווארען די „עם עולם”, וואס קען, אגב אורחא, באטראכט ווערען אלס די ערשטע געזעל־שאפט צו רעגולירען די אידישע עמיגראציע און פיהרען איהר צו א באשטימטען ציעל.

צו וואס פאר א ציעל? פארשטעהט זיך, צו ממשות'דיגער פראדוקטיווער ארבייט, הויפטזעכליך צו ערד־ארבייט.

וואוהין?

אַט דאַ האָבען זיך אָנגעהויבען, ווי שוין אויבען געזאָגט, חלוקי דעות. אנדערע האָבען גע׳טענה׳ט, אז מען באדארף געהן קיין ארץ ישראל, „בית יעקב לכו ונלכה", און אנדערע, ווידער, זיינען געווען פאר אמעריקא.

די אידישע יוגענד האָט זעהר שטארק און מיט גרויס ערנסט דיסקוטירט איבער די פראַגען.ביידע ריכטונגען האָבען גע־קראַגען א סך אנהיינגער. זי, די יוגענד, איז צוטיילט גע־ווארען אין „אמעריקאַנצעס" און אין „פּאַלעסטינצעס", אדער „בילו"׳צעס („בילו" — די ראשי תבות פון בית יעקב לכו ונלכה). די „בילו"׳צעס האָבען געזאָגט, אז אידען האָבען נאָר איין היים — אין ארץ ישראל, און די „אמעריקאנצעס", ווידער, האָבען גע׳טענה׳ט, אז אומעטום, וואו אידען געפינען זיך, איז זייער היים. מענשען — און ממילא אידען — האָבען אַ רעכט צו געניסען פון גאָט׳ס וועלט, וואו זיי זאָלען ניט זיין.

פון די „בילו"׳צעס האָט זיך אָנגעפאנגען די „חובבי ציון" באַ־וועגונג.

די „אמעריקאנצעס", ווידער, זיינען געוואָרען די טרעגער פון די ראדיקאלע, אינטערנאציאָנאלע אידעאלען.

די „בילו"׳צעס זיינען אונטערגעשטיצט געוואָרען אין יענער השכלה צייט פון אזוינע העברעאישע שריפטשטעלער, ווי משה ליב ליליענבלום, אלעקסאנדער הלוי צעדערבוים (דער רעדאקטאר און ארויסגעבער פון „המליץ"), פּרץ סמאָלענסקין, דר. קאמינער א. א. וו.; בעת מיט די „אמעריקאנצעס" האָבען סימפּאַטיזירט די מעהר איירָאָפּעאיזירטע שרעפטשטעלער און כלל־טהוער. דער העברעאי־שער פּאָעט יהודה ליב גאָרדאָן, ווי אויך דער אידישער העברעאישער געלערנטער חיים זעליג סלאָנימסקי און זיין דעמאָלסטיגער נאָך גאנץ יונגער מיטארבייטער אין „הצפירה" נחום סאָקאָלאָוו זיינען מעהר געווען געניינגט צו די „אמעריקאנצעס".

די אידעע פון דעם „עם עולם" איז צו ערשט געקומען צו ה ע ר ד ע ר, א מלמד פון אָטשאַקאָוו (כערסאָנער גובערניע). בשעת עס האָט זיך אויפגעהויבען די אויסוואַנדערונגס־כוואַליע, האָט זיך הערדער פון זיין אייגענער איניציאטיווע געווענדעט מיט בריעף צו פארשיעדענע פּערזאָנען וועגען דער נויטווענדיגקייט צו רעגולירען די עמיגראציע.

אזוי ווי ער האָט באלאנגט צו די „אמעריקאנצעס", האָט ער, פארשטעהט זיך, געלייגט אויסשליסליך געוויכט אויף דער עמיגראַ־ציע קיין אמעריקא.

אין אָדעס, וואו עס זיינען אָנגעקומען א סך עמיגראַנטען פון די פּראָווינץ־שטעדט, איז צו הערדער'ן צוגעשטאַנען באקאַל, און זיי ביידע צוזאַמען מיט א גרופּע סטודענטען, וועלכע האָבען שוין פריהער געהאַט א זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציע געגען פּאָגראָמשציקעס, האָבען דאָס געגרינדעט אין 1881 דעם „עם עולם".*)

עס איז אויסגעקליבען געוואָרען א קאָמיטעט, וואָס האָט זיך דורכגעשריבען מיט די אויסלענדישע עמיגראַציאָנס־צענטרען, ווי ווינען, פּאַריז, בערלין, קראַקוי, לאָנדאָן, און מיט די פאַרשיעדענע רוסיש־אידישע גרופּעס אין פאַרשיעדענע שטעדט, וועלכע האָבען זיך געקליבען אין וועג אריין. אין קאָמיטעט איז אויך אריין דער פאַרשטאָרבענער ה. ל. שאַבסאָוויטש, דער שפּעטערדיגער דירעקטאָר פון באַראָן הירש'ס פאַרם סקוהל אין וואודבאַין, נ. דזש. דער פאַרשטאָרבענער דר. הלל זאָלאָטאַראָוו, דעמאָלסט א אינגעל פון אכצעהן יאָהר, איז געווען א דעלעגאַט פון יעליסאַוועטגראַדער און אדעסער „עם עולם", וואו ער איז געווען זעהר אקטיוו.

די אנדערע גרופּען האָבען זיך אויך א נאָמען געגעבען „עם עולם".

אזוי האָט די באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק אריינצוברענגען א סדר, א פּלאַן אין דעם תהו ובהו פון דער אויסוואַנדערונג און בויען א נייע אידישע צוקונפט, זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד, פון דרום ביז צפון, פון אדעס און קיעוו ביז ווילנע.

די פיהרער פון דעם „עם עולם" זיינען מעהרסטענס געווען אידישע סטודענטען, גימנאַזיסטען און סתם אידישע יונגע אינטעליגענטען. פון פּראַקטישקייט זיינען זיי געווען ווייט. דערפאַר זיינען זיי געווען שטאַרק אין אויסאַרבייטען טהעאָריעס.

גאַנצע טעג און נעכט פלעגט מען פיהרען, מיט דעם הייליגען יוגענדליכען פייער פון באַגייסטערונג, הייסע דיסקוסיעס און דעבאַטען איבער די ווייטע צוקונפטס־פּראָבלעמען פונ'ם אידישען פאָלק און איבער זיינע נאָהענטע, געגענוואַרטיגע אויפגאַבען. זיי האָבען געמאָלען בילדער, געמאַכט פּלענער, געבויט שלעסער — מיט איין וואָרט, זיי האָבען יעדע פראַגע געענטפערט טהעאָרעטיש מיט א מאַטעמאַטישער פּינקטליכקייט.

די דיסקוסיעס האָבען זיך ניט געענדיגט אויף די היימישע „אַוועניוס". זיי פלעגען שטענדיג איבערלאָזען א „פאַרטזעצונג פאָלגט". און מען האָט פאַרטגעזעצט די דעבאַטען נאָכ'ן גרענעץ,

*) זעה ה. בורגין, די געשיכטע דער אידישער ארבייטער באַוועגונג.

אין די עמיגראציאנס לאגערן, אויף די באהנען, אויף די שיפען, און שפעטער אין ניו יארק און אלע אנדערע שטעדט, וואו די אימיגראנטען זיינען מגולגל געווארען.

## די פארשידענארטיגקייט פון די עם עולם גרופען.

מיר לאזען איבער די „פאלעסטינצעס", די „בילו"׳צעס, וועלכע האבען געלעגט דעם פונדאמענט פון דער ציוניסטישער באוועגונג און מיר וועלען נאכפאלגען די „אמעריקאנצעס" אויף זייער וועג קיין אמעריקא און זייערע אויפטהואונגען אין אמעריקא.

איבערצייגט, אז די פאגראמען, רדיפות און פארפאלגונגען קומען דערפון, וואס אידען זיינען ווינט און לופט-מענשען און לעבען פון האנדעל, האבען די „עם עולם"׳ניקעס געוואלט דעם אידען מאכען פאר א נוצליכען פיזישען ארבייטער — פאר אן ערד ארבייטער.

די באוועגונג איז דאריבער געווען א ריין אידישע, אין די אינטערעסען פון א י ד י ש ע ן פאלק.

די „עם עולם" באוועגונג איז אבער ניט געווען אויסגעגאסען פון איין איינהייטליכען מאטעריאל. די גרופען האבען זיך ארגאניזירט פון פארשיעדענע עלעמענטען, מיט א פארשיעדענע ערציהונג און פארשיעדענע טראדיציעס און פארשיעדענע סענטימענטען. א חוץ דעם איז די עקאנאמישע און סאציאלע לאגע פון די „עם עולם"׳ניקעס געווען פארשיעדען.

מאנכע זיינען געווארען „עם עולם"׳ניקעס בלויז אונטער'ן איינדרוק פון די פאגראמען און זייער איינציגע כונה איז געווען אויסצובעסערען די אידישע לאגע מיט דער הילף פון אידישער לאנד-ארבייט.

אנדערע אבער האבען שוין פריהער גענומען אן אנטהייל אין דער רוסישער רעוואלוציאנערער באוועגונג און האבען זיך ארומגעטראגען מיט אל-מענשליכע אידעאלען.

זיי האבען געוואלט העלפען דעם אידישען פאלק, אבער אין דער אייגענער צייט האבען זיי געוואלט פארווירקליכען זייערע אידעאלען פון סאציאליזם און קאמוניזם. זיי האבען געוואלט שאפען א ס א צ י א ל י ס ט י ש ע ן אידען. זיי האבען דעריבער געהאט אין אויג ניט נאר אידישע קאלאניעס, נאר אידישע קאלאניעס, געבויט אויף סאציאליסטישע יסודות. זייערע שטרעבונגען

צו לאַנד ארבייט זיינען געווען דורכגעוועבט מיט רעוואָלוציאָנערע, קאָסמאָפּאָליטישע נייגונגען.

נאָך איידער דער „עם עולם" איז אָרגאַניזירט געוואָרען, האָבען זיך אוועקגעלאָזען קיין אמעריקא דריי גרופּעס מיט דעם צוועק צו גרינדען אידישע קאָלאָניעס. צוויי פון קיעוו, איינע פון אדעס. די קיעווער גרופּעס זיינען אוועק אין 1881. אין דער ערשטער זיינען געווען 65 פאמיליעס, אין דער צווייטער פופצעהן פּערזאָנען. די אדעסער גרופּע (אין יאנואר 1882) איז באַשטאַנען פון זעקס מענשען, אלע סאָציאליסטען. די זעקס פּערזאָנען זיינען געווען: פּ. קאפּלאן (דער באוואוסטער כלל־טהוער דר. קאפּלאן), ראָזענבליט, (שפּעטער דער ערשטער סופּערינטענדענט פון אר. רינג סאניטאָריום), קרימאנט, פּייערמאן און סלאָנים. דער זעקסטער איז געווען א קריסט. דיעזע גרופּע האָט געהאט אין זינען ריין קאָמוניסטישע ציעלען. אידישע מאָטיווען האָבען ביי איהר קיין ראָליע ניט געשפּילט. שפּעטער האָט זי זיך אויך אריינגעגאָסען אין דעם „עם עולם"־שטראָם.

אין מאי 1882 זיינען פון אדעס ארויסגעפאָהרען דריי גרופּעס, צו הונדערט פּערזאָן אין א גרופּע.*) די זיינען שוין אלע געפאָהרען אונטער'ן „עם עולם" פאָהן. אין בראָד האָבען זיך אלע גרופּעס באדארפט צוזאמענטרעפען, אום צו לאָזען זיך ווייטער אין וועג.

א חוץ די קיעווער גרופּע אונטער דר. קאפּלאנ'ס פּאָרשטעהערשאפט, זיינען די דרום'דיגע „עם עולם" גרופּעס בכלל געווען מעהר אידיש נאציאָנאל, בעת די ווילנא'ר גרופּעס זיינען געווען מעהר אינטערנאציאָנאל־קאָמוניסטיש. אויסער דעם זיינען די דרום'דיגע „עם עולם"'ניקעס על פּי רוב געווען ענטוועדער פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענטען, אָדער אזוינע, וואָס האָבען זיך קיינמאָהל ניט געהאָרעוועט אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. די ווילנא'ר זיינען מעהרסטענס געווען ארבייטער, פּראַקטישע טהוער אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

געוועהנליך זיינען צווישען די דרום'דיגע „עם עולם"'ניקעס אויך געווען רעוואָלוציאָנערערע טהוער (א שטייגער מ. זאמעטקין, פּייסאכאוויטש) און צווישען די ווילנא'ר זיינען געווען ניט ווענינ באַלעבאטישע יונגע לייט, וואָס האָבען געהאט אין אויג בלויז אידישע אינטערעסען. אָדער זיינען סתם אריינגעצויגען געוואָרען אין

* Adventures in Idealism, by Katharine Sabsovich.

דער פאפולערער באוועגונג, אבער בכלל איז די פריהערדיגע כאַראקטעריסטיקע א ריכטיגע.

דער ארגאניזאטאר פון דער ווילנא'ר גרופע איז געווען אב. קאספע (אונזער גוט־באַקאַנטער דר. אב. קאספע). זיינע מיטהעלפער זיינען געווען מאַרים קאספע, ש. מנקר (דער ארבייטער רינג טהוער), דעמאלסט א טהעטיגער „נאראדאוואלעץ", מרס. מנקר, אונזער אלעקסאַנדער האַרקאווי, פייגענזאן, י. נעטטער, סילווערקוויט „דעמאלסט מעהר „בילו" 'עץ ווי „אמעריקאנעץ") ש. באדאַנעס און גריגארי וויינשטיין (די לעצטע צוויי „נאראדנאוואלצעס").

בשעת די ווילנא'ר גרופע האט זיך ארגאניזירט, האט זיך געגרייט אין וועג אריין א נייע קיעווער פארטיע, צוזאמענגעשטעלט פון פעהיגע יונגע לייט, וועלכע האבען שפעטער געשפילט א גרויסע ראליע אויף פארשיעדענע געביטען פונ'ם אידישען לעבען אין אמעריקא.

דער פארשטעהער פון אט דער קיעווער גרופע איז געווען דער דא ניט־לאנג פארשטארבענער סאציאליסטישער פיהרער נ. אלעיניקאוו, וועלכער איז שוין געשטאנען אין פארבינדונג מיט דעם אמעריקאנישען קאמיטעט „היברו אימיגראנט עייד סאסייטי". אין דער פארטיע זענען געווען דער פאעט דוד עדעלשטאט, דער ענגלישער פובליציסט יאראסלאווסקי (איצט יאראם, אין שיקאגא), ספיוואקאווסקי (דר. ספיוואק פון דענווער), בראסלאווסקי (איצט דר. ברעסלאו).

די ווילנער גרופע אונטער דער פארשטעהערשאפט פון מארים קאספע (אב. קאספע, דער פיהרער פון די ווילנער „עם עולם", איז געבליבען צו ארגאניזירען נייע גרופעס) האט זיך צונויפגעשריבען מיט אלעיניקאוו'ן, און זיי האבען אפגעמאכט זיך צוזאמענצוטרעפען אויפ'ן וועג אין ליווערפול.

אומגעפעהר אין דער זעלביגער צייט איז געקומען די באלטער גרופע אונטער מאשביר'ס פארשטעהערשאפט קיין בראד.

אב. קאהאן האט דעמאלסט געמוזט מאכען פליטה פון די רוסישע זשאנדארמען צוליעב פאליטישע חטאים. ער האט זיך געמוזט דורכ'גנב'ענען דעם גרענעץ איבער בארדיטשעוו. אין בראד איז ער אויך צוגעשטאנען צו דער קיעווער „עם עולם" געזעלשאפט.

צוזאמען מיט אב. קאהאן'ען האט זיך אריבערגעפעקעלט דעם גרענעץ שאמראיעווסקי (דער איצטיגער דר. ראיעווסקי), אויף וועמענס פארשלאג עס איז געגרינדעט געווארען דער ארבייטער רינג

סאניטאריום. שאמראיעווסקי איז געקומען קיין בראד א „פאלעס־טינעץ“. די וכוחים האבען איהם געמאכט פאר אן „אמעריקא־נעץ“. פון בראד איז ער געפאהרען קיין אמעריקא און ניט קיין ארץ ישראל. דאס זעלביגע איז געווען מיט ספיוואקאווסקי'ן. געקומען קיין בראד א „בילו“ יעץ און פארלאזען בראד אן „אמעריקא־נעץ“. דאס זיינען ניט געווען די איינציגע פאלען. א סך אנדערע יונגע לייט האבען אין בראד זיך מיישב געווען, אז דער וועג צו מעריב־זייט איז מעהר זיכער, ווי דער וועג צו מזרח.

דער ברייטער עולם האט ווייניג וואס געוואוסט איבער די אבזיכטען פון „עם עולם“. מען האט בלויז געזעהן, ווי „סטודענטען פאהרען קיין אמעריקא“*) אבער צו וואס? דאס האט מען ניט געוואוסט.

ביי די גרופען גופא און אפילו ביי די פיהרער — איז אויך ניט געווען אין גאנצען באשטימט זייערע אויפגאבען. אידיש־נאציאנאלע, רוסיש־רעוואלוציאנערע, אויטאפיסטיש ־ סאציאליסטישע און סתם אומקלאהרע מטושטש'ע שעהנע פארלאנגען האבען זיך דורכגעמישט, דורכגעוועבט און דורכגעפלאכטען אין איין קנויל, וואס האט געהייסען „עם עולם“.

רייבונגען זיינען אין אזא פלאנטער פון געדאנקען, סענטימענטען, שטרעבונגען און אידעאלען, פארשטעהט זיך, געווען אונפארמיידליך.

אין די ערשטע האניג־טעג, ווען די גרופעס האבען זיך אקארשט באקאנט איינע מיט די אנדערע, און די הויפט באוועגענדיגע קראפט ביי אלעמען איז געווען דער יונגער ברען פון באגייסטערונג צוזאמען מיט דעם קאמפפלוסטיגען שטרעבען צו בויען נייע, ביז איצט אונבאוואוסטע, שעהנע וועלטען, איז אלץ געגאנגען גלאט. די פראקטישע דורכפיהרונג פון די פלענער האט קיינעם ניט גערט. די יוגענד וויים ניט פון שוועריגקייטען. זי שפרייזט איבער בערג און טהאלען, איבער פעלזען און גריבער. די צוקונפט איז איהר נאהענט און דערגרייכבאר. אט ווי אלעקסאנדער הארקאווי, פון קאספע'ס ווילנער גרופע, באשרייבט די נסיעה קיין אמעריקא, די באגעגעניש מיט אליניקאוו'ס קיעווער גרופע:

...„פון האמבורג האבען מיר גערייזט איבער'ן נארד־זעע ביז דארטלעפול (ענגלאנד) און פון דארטען זיינען מיר גע־

*) זעה דר. ראיעווסקי'ס ארטיקעל: מיין ערשטע באגעגעניש מיט אב. קאהאן — אב. קאהאן, יובילעאום־שריפט, 1910.

פאָהרען אויפ'ן באַהן ביז דער גרויסער פּאָרט־שטאָדט ליווער־פּול, וואו מיר האָבען באַדאַרפט ווארטען אויף די קיעווער „עם עולם“, כדי זיך צו זעצען אויף איין שיף ביז אמעריקא.

די „קיעווער“ זיינען געקומען מיט פיער טעג שפּעטער פון אונז. ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט, אז זיי זיינען שוין אָנגעקומען, איז ביי אונז געוואָרען א גרויסע שמחה. מיר האָבען זיי באַגעגענט מיט אמת'ער פרייד. נאָכדעם, ווי די פאָרשטעהער פון דיביידע גרופּען האָבען זיך דורכגערעדט, האָבען זיי אונז ערקלעהרט, אז מיר אַלע באַלאַנגען צו איין געזעלשאַפט. די קיעווער גרופּע, מיט וועלכער מיר האָבען זיך פאַראייניגט, איז באַשטאַנען פון זיבעציג פּערזאָן, מענער און פרויען. ס'רוב זיינען דאָס געווען יונגע אינטעליגענטען, טרוימער, ווי מיר אליין. דער פּאָעט עדעלשטאַט ז"ל איז אויך געווען אין דער גרופּע. ער איז דעמאָלסט אַלט געווען אכצעהן יאָהר. די באַגעגעניש פון די ביידע גרופּען איז פאָר־געקומען דעם 15טען מאי נאָך האַלבען טאָג. א שעה נאָך דער באַגעגעניש זיינען מיר אַלע שוין געווען אין שיף „בריטיש פּרינס“. אין אָוונט האָט די שיף זיך אָפּגעבונדען פון אַנ־קער און האָט אונז געטראָגען איבער'ן ים צו דעם נייעם לאַנד.

די שיף „בריטיש פּרינס“ איז געווען א שווימענדיגע שטאָדט. איהרע פּאַסאַזשירען זיינען געווען רוסישע עמיג־ראַנטען, וועלכע האָבען געריזט קיין אמעריקא זוכען אר־בייט אָדער אַזוי פּרנסה. די מיטגליעדער פון אונזער „עם עולם“ האָבען זיך געהאַלטען העכער פון זיי. „מיר פאָהרען דאָך עפּעס אין אמעריקא ניט סתם אויסצובעסערען אונ־זער עקאָנאָמישע לאַגע — האָבען מיר זיך געטראַכט — מיר זיינען דאָך עפּעס אידעאַליסטען, וועלכע וועלען ווייזען די אומות העולם, אז אידען קענען אויך זיין ערד ארבייטער!“

אין אונזער פאַנטאַזיע האָבען מיר זיך פאָרגעשטעלט, ווי מיר ארבייטען אויף דער ערד אַלס אמת'ע פאַרמערס. ביי אונז איז קיין צווייפעל ניט געווען, אז מיר וועלען אין דעם נייעם לאַנד אונזער צוועק דערגרייכען און מיר האָבען בלויז דעבאַטירט צווישען זיך איבער די אנשטאַלטען, וועלכע מיר וועלען בויען אין אונזערע דערפער, וועלכע ביכער מיר וועלען אויסשרייבען פאַר אונזערע ביבליאָטעקען, אויב מיר זאָלען האָבען בתי־מדרשים אָדער ניט, א. א. וו., א. א. וו. בנוגע

די בתי־מדרשים האט די מאיאריטעט געפסק'ענט, אז זיי זיינען ניט נויטיג.

פון גרויס שמחה פאר דעם גליק, וואס מיר האבען גע־האפט צו געפינען אין אמעריקא, האבען מיר געטאנצט, גע־זונגען און געשפרונגען.

ניט געקוקט אויף דער ים־קראנקהייט און ווינטען און די שטורעמס, וואס מיר האבען געהאט דורכצומאכען אויפ'ן וועג, זיינען מיר פונדעסטוועגען געווען פריילאך, לעבעדיג.

ווי גליקליך מיר זיינען געווען אויף אונזער נסיעה איבערן אנטלאנטישען אקעאן!".*)

ווען די ערשטע באגייסטערונג איז פאריבער און מען איז גע־קומען פנים אל פנים מיט דער ווירקליכקייט, האט מען זיך ארומ־געזעהן, אז די פארשיעדענע גרופעס זיינען ווייט איינע פון די אנ־דערע, סיי בנוגע דעם מענשען־מאטעריאל, סיי בנוגע די מאטיוועו און ציעלען.

שוין אויפ'ן שיף קיין אמעריקא איז פארגעקומען א צוזאמענ־שטויס צווישען די „קיעווער" און די „ווילנער", איבער דער פראגע ווער עס זאל האבען די אויבערהאנד.

די „קיעווער" זיינען, ווי געזאגט, באשטאנען טיילווייז פון סטודענטען און טיילווייז פון א גרויסער מאסע, וואס איז צוגע־שטאנען צום „עם עולם" פשוט דערפאר, וואס זי האט גע־מיינט דורכדעם זיך צו ראטעווען פון דעם רוסישען כוליגאן. די „ווילנער" זיינען געווען ארבייטער, אויספראבירטע רעוואלוציאנע־רען, מיט קלאהרע אבזיכטען און ציעלען. די קיעווער גרופע האט זיך געהאלטען פאר דער אריסטאקראטיע און האט געוואלט האבען א צו גרויסע דעה אין אלע ענינים. די „ווילנער" אבער האבען גע'טענה'ט, אז זיי, ארבייטער, זיינען מעהר געניט אין באוועגונגס־זאכען און וועלען זיך, בכלל, ניט לאזען דיקטירען פון „אריסטא־קראטישע אינטעליגענטען".

דאס הייסע יונגע בלוט האט געקאכט איןביידע לאגערען. צייט צו דיסקוטירען, ווידער, איז אויך געווען, נו, האט מען גע־פיהרט היציגע דיסקוסיעס מיט הייסע ארגומענטען אהן א סוף.

ניט מושוה געווארען איבער פרינציפיעלע און טאקטישע פראַ־גען, וועלכע זיינען מעהר געווען דער רעזולטאט פון דער אנטיפאטיע

*) זעה תולדות אלכסנדר הארקאווי—הלאם 1903 חוברות 4־12.

צווישען די דרום'דיגע „אריסטאקראטען" און די צפון'דיגע „דעמא־קראטען", האט מען סוף כל סוף באשלאסען אפצוטהיילען זיך. די קאסע, וואס איז פריהער ביים זעצען זיך אין שיף, געווען א שותפות'ע, איז אין די לעצטע טעג פון דער רייזע צוטהיילט גע־ווארען צווישען די ווילנער און די קיעווער.

## די נסיעה פון די „עם עולם".

די נסיעה פון די „עם עולם" גרופען איז געווען א העלדען־רייזע. אין אלע אייראפעאישע שטעדט, וואו די סטודענטען, וועל־כע „פאהרען קיין אמעריקא בויען אידישע קאמוניסטישע קאלא־ניעס", האבען זיך אפגעשטעלט, זיינען זיי באגעגענט געווארען ווי העלדען, מיט וועמען מען איז זיכער, אז זיי וועלען באזיעגען דעם שונא אויפ'ן שלאכט־פעלד. אומעטום האט מען זיי געגעבען א ברייטהארציגען קבלת־פנים. מען האט געקוקט אויף זיי, ווי אויף געזאלבטע פון גאט, וועלכע געהען אייננעהמען א נייע לאנד, וואו דאס אייביגע פאלק וועט אנהויבען צו פיהרען א נייעם לעבען—א לעבען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט.

פרומע, גלויביגע, ווי אויפגעקלעהרטע, קאנסערוואטיווע, ווי ראַ־דיקאלען — אלע האבען פריידיג, ברידערלאך באגריסט די נייע יונ־גע אידען, וואס האבען אויסגעקריצט אויף זייערע הערצער דעם „שם המפורש", דעם היילינגען פאנצער, וואס וועט ניט דורכלאזען צו דעם אידישען פאלק די קוילען פון זיינע שונאים.

אין קראקוי האט א גרופע ראדיקאלע יונגע לייט דערלאנגט דעם פיהרער פון דער קיעווער גרופע, ניקאלאי אלייניקאף, א פרעזענט „קאפיטאל" פון מארקס, און אין לעמבערג האבען פרומע אידען צו־געטראגען א מתנה, א ספר תורה און א גרויסע פאהן, אויף וועלכער עס איז געווען אויפגעשריבען: „דגל מחנה ישראל".*)

די נסיעה קיין אמעריקא פון די מעהרסטע „עם עולם" איז פארגעקומען אין דער צייט, ווען די נאטור איז געווען אויסגעפוצט אין איהרע פריהלינג־בלומען־קליידער. דיעזער צופאל איז געווען א מין סימבאל פון דער שטימונג, וואס די „עם עולם"'ניקעס האבען באשאפען. דאס איז געווען א פריהלינג־שטימונג. זיי האבען ארויסגערופען א געפיהל פון ברודער־ליעבע און א דערהויבענעם לע־בען, פון שעהנע האפנונגען און גרויסע ערווארטונגען. מען איז גע־

---

*) זעת בורגין: די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג, זייט 76.

ווען זיכער, אז אין דער גאַנץ נאָהענטער צוקונפט וועט ישראל סבא, דאָס אַלטע אידישע פאָלק, באנייט און פאַר„יונג"ט ווערען. אויף א נייער ערד אונטער א נייעם הימעל וועט דער פארפאָלגטער און געָ'רודפ'טער איד אויסרוהען זיינע גליעדער, ער וועט גענעזעגט ווערען פון די קלעפּ, און וועט ווערען געזונט און שטארק און וועט געניסען מיט אלע זיינע אָפּגעפּרישטע אויפגעוועקטע חושים פון גאָט'ס וועלטעל.

נאָך מעהר: קוקענדיג אויף דער באגייסטערטער „עם עולם" חברה, האָט מען אָנגעפאנגען צו גלויבען, אז אָט גאָר איז גיכען וועט מקוים ווערען דער אלטער, אַלטער טרוים, אז אידען וועלען ווערען דער אוואנגארד פון דער מענשהייט, דער נס לגוים. דער דגל מחנה ישראל וועט געהן פאָראויס און די אלע אנדערע פעלקער וועלען געהן נאָך איהם...

די אינטעליגענץ פון אידישען פאָלק האָט אָנגעפאנגען צו טרוימען און דער טרוים איז געווען א זיסער, א ריינער, א הייליגער, א גרויסער...

די „עם עולם"'ניקעס האָבען באפליגעלט מיט נייע האָפענונגען. זייער נסיעה קיין אמעריקא האָט ארויסגערופען אין זכרון יענע טעג פון דער אַלטער, גאַנץ אַלטער לעגענדארישער צייט, ווען די אידישע שבטים האָבען געשניטען דעם ים סוף, שפּעטער דעם מדבר, אום אריינצוקומען אין דאָס פארשפּראָכענע לאנד.

דער יונגער דור פון ישראל סבא איז געגאַנגען מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ, זיכער, אָהן א ברעקעל מורא פאר דער אונבאוואוסטער צוקונפט. יאָ, ער איז געווען זיכער, ווייל אין איין האנד האָט ער געטראָגען די אַלטע תורה, די תורה פון דער פארגאנגענהייט, תורת־משה, און אין דער צווייטער האנד האָט ער געהאַלטען די נייע תורה — די תורה פון דער צוקונפט — תורת־מארקס. איבער זיי ביידען האָט געוועהט דער דגל מחנה ישראל...

## די ערשטע וואָכען אויפ'ן אמעריקאנישען באָדען.

דעם 30טען מאַי 1882 איז די שיף „בריטיש פרינס" מיט די ווילנער און קיעווער פּארטיעס אָנגעקומען אין פילאדעלפיא.

פון פילאדעלפיא זיינען זיי מיט דער באַהן אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, וואו מען האָט מסתמא — אזוי איז די יונגע ענטהוזיאסטישע חברה געווען זיכער — ארראַנזשירט פאר זיי א גרויסען פייערליכען קבלת־פנים, ווי אין אייראָפּא.

„מיר האָבען זיך אויסגעשטעלט אין רייהען — דערצעהלט נ. אליניקאָוו — ארויסגענומען די ספר תורה, פאנאנדערגעוויקעלט די פאָהן און זינגענדיג רוסישע רעוואָלוציאָנערען ליעדער, מארשירט צום קעסעל־גארדען (וועלכער איז געשטאנען אויפ'ן אָרט, וואו עס געפינט זיך איצט דער אקוואריום, לעבען בעטערי פּארק").

„פלוצלונג האָט זיך דערהערט מוזיק. מיר האָבען געמיינט, אז דאָס האָט אמעריקא ספּעציעל פאר אונז אראנזשירט אן אויפנאהמע... באלד אָבער האָבען די אינגלאָד, וואָס זיינען נאָכגעלאָפען, גענומען ווארפען אויף אונז שטיינדלאך.*)

דאָס זיינען געווען די ערשטע (אָבער ניט די לעצטע) שטיינער, וואָס דער „עם עולם" האָט באַגעגענט, און דוקא אין דעם טאָג און אין דעם לאנד, ווען און וואו זיי האָבען געהאָפט, אז זייער טרוים ווערט א ווירקליכקייט.

דער ערשטער טאָג אין אמעריקא איז אויך געווען דער ערשטער טאָג פון שווערע, ביטערע ענטוישונגען.

„מיר האָבען פארשטאנען — דערצעהלט ווייטער אליניקאָוו — אז אמעריקא האָט פאר אונז קיין אויפנאהמע ניט אראנזשירט... אונזער פלאג, „דגל מחנה ישראל" האָבען מיר צוזאמענגעוויקעלט... מיר האָבען זיך ווי עס איז דערפרעגט, וואו קעסעל־גארדען געפינט זיך... און דאָרטען האָבען מיר זיך אויסגעלעגט אויפ'ן גראָז.

די מוזיק וואָס האָט געשפּילט, ווען די „עם עולם" פּארטיע איז ארונטער פון באהן, איז געווען לכבוד דעקאָריישאָן דעי.

זיך אביסעל אָפּגערוהט אויפ'ן גראָז פון בעטערי פּארק, איז דער פאָרשטעהער פון דער קיעווער גרופּע, נ. אליניקאָוו, אוועק צו די בעאמטע פון דער „היברו אימיגראנט אייד סאָסייעטי", מיט וועלכער ער האָט שוין געפיהרט א קאָרעספּאָנדענץ אין אייראָפּא. דער אָפיס פון דער סאָסייעטי איז דעמאָלסט געווען אויף סטייט סטריט.

די בעאמטע האָבען דעם פאָרשטעהער גאנץ העפליך אויפגענומען, האָבען איהם אבער גלייך מודיע געווען, אז זיי קענען אין דער איצטיגער צייט גאָר נישט טהאָן פאר די אימיגראנטען, אבער אזוי ווי די „עם עולם" 'ניקעס זיינען שוין דא, וועט די סאָסייעטי אין די ערשטע טעג זיי באהילפיג זיין מיט דירה און עסען.

ווען דער פאָרשטעהער האָט געבראכט די בשורה צו די חברים, זיינען די מיטגלידער אזוי ווי ארונטערגעפאלען פון הימעל

---

*) זעה בורגין'ס געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

אויף דער ערד. ווי א דונער אין מיטען העלען טאָג האט דאָס גע־ווירקט אויף די יונגע ענטהוזיאסטען.

— ניטאָ מעהר קיין לאנד־ארבייט! — האבען זיי אויסגע־שריען — פון אונזער האָפנונג האט זיך אויסגעלאָזען א פוסטער חלום! צו וואָס זיינען מיר אהער געקומען?

נאָך דער ערשטער אונערוואַרטעטער ענטוישונג, האָט די יונ־גע חברה אביסעל זיך בארוהיגט. גרעסערע צרות און ליידען, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעזעהן ביי אנדערע אימיגראנטען, האָבען אביסעל געלינדערט זייער אייגענעם וועהטאָג.

„פון דער צייט, ווען אונזער געזעלשאַפט איז געגרינדעט גע־וואָרען, ביז וואנען מיר זיינען אהער (קיין אמעריקא) געקומען, זיי־נען פון רוסלאנד געקומען מאסען אימיגראנטען. די בעאמטע פון פאָרט זיינען געווען געצוואונגען אויפצושטעלען אין בעטערי־פארק א גרויסען אָפּדאך פון ברעטער, וואו די אימיגראנטען זאָלען קענען האָבען א שטיקעל געלעגער ביי נאכט, און זיך שיצען פון רעגען ביי טאָג. דער גאנצער פּלאַץ פון „קעסעל־גארדען" איז געווען גע־פאקט מיט איינוואנדערער. אין די ארומיגע סטריטען, ווי סטייט און גרינוויטש סטריטס, אויך אָנפאנג בראָדוויי, האָבען זיך גע־וואַלגערט פרויען מיט קליינינקע עופה'לאך אויף זייערע הענד. זיי האָבען זיך ניט געהאט וואו אהין־צו־טהאָן און זיינען פשוט געלע־גען אויף דער ערד. צוליעב דעם גרויסען עמיגראציאָנס־שטראָם פון רוסלאנד איז די „היברו אימיגראנט אייד סאָסייעטי" ניט געווען אומשטאנד צו טהאָן עפּעס ממשות'דיגעס פאר די אימיגראנטען. זי האָט זיך באנוגענט מיט דעם, וואָס זי האָט זיי געגעבען אָפּצו־עסען...*)

אין אן אנדער אָרט שילדערט הארקאווי די לאגע פון די איינ־וואנדערער אין מעהר בולט'ע שטריכען.

„...ווי זויגלינגע אַן דער ברוסט פון זייער מוטער, זיינען די אימיגראנטען געווען אָפּהענגיג פון דער הילף, וואָס די היברו אימי־גראנט אייד סאָסייעטי האָט זיי געגעבען.. די עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט פיעל ניט געקענט העלפען. דאָס איינציגע, וואָס זי איז געווען אומשטאנד דורכצופיהרען, איז געווען א קיך, וואו די אימיגראנטען האָבען געקראָגען מאָהלצייטען, כדי די נשמה צו דערהאַלטען. די קיך איז געווען אויף גרינוויטש סטריט. עסען פלעגט מען קומען

*) תולדות אלכסנדר הארקאווי — „הלאום" זייט 22.

פארטיעס־וויַיז. איין פּארטיע נאָך א צווייטער. די מאָהלצייטען זיינען געווען ארעמע און מאָגערע.

די באלעבאטים פון דער קיך*) זיינען אויסען געווען צו מאכען גרויסע פּראָפיטען און וואָס גרעסער די פּראָפיטען, אלץ ערגער איז געווען די שפּייז.

דער פריהשטיק איז באשטאַנען פון א גלאז קאַפע, וואָס האט אויסגעזעהן און געהאט א טעם ווי זאלץ־וואסער און פון א בולקעלע, וואָס האָט געקאָסט ווייניגער ווי א סענט.

אז עס איז געקומען די צייט פון עסען, פלעגט ווערען א שטור־מעניש, אז ענגשאַפט, א טומעל. אלע זיינען געווען הונגעריג און יעטווידער האָט געוואָלט זיין פון די ערשטע. די הונגעריגע האבען באדארפט האָבען צעטעלאך פון דער אדמיניסטראציע. די דאָזי־גע צעטעלאך פלעגט א בעאַמטער פון דעם הילפס־קאָמיטעט אויס־טיילען דרויסען צווישען דעם געזעמעל אימיגראנטען. דאָס אויס־טיילען די צעטעלאך פלעגט נעהמען צייט און די הונגעריגע האָבען ניט געהאט געדולד צו ווארטען. ניט ווייניג פלעגען נאָכמאכען די צעטעלאך, כדי גיכער אַנצושטאָפּען דעם הונגעריגען מאָגען!

צווישען די אימיגראנטען זיינען געווען אזוינע, וואָס האָבען פּשוט ניט געקענט אויסהאַלטען אַזעלכע צרות און באַליידיגונגען. פון פארביטערטקייט האָבען זיי זיך אָנגעפאנגען צו „בונטעווען“.

אָנגעזעהענע לייט פון דעם „קאָמיטעט“ פלעגען קומען ריידען צו די אימיגראנטען, זיי בארוהיגען און איינשטילען.

די סצענעס, וועלכע האָבען זיך אָפּגעשפּילט צווישען די פאר־צווייפעלטע אימיגראנטען, פלעגען צורייסען דאָס הארץ.

איין פּאסירונג האָט אויפגעטרייסעלט גאנץ „קעסעל־גארדען“.

איינער א יונגערמאַן, וואָס האָט שוין א היבשע צייט געהונ־גערט און האָט נאָך דערצו ניט געהאט קיין ריינע העמד אויף זיין לייב, איז אריין אין דעם אָפיס פון דעם קאָמיטעט, אויף סטייט סטריט, האָט אראָפּגעריסען פון זיך זיין שווארצע ברודיגע העמד און האָט גאליג אויסגעשריען: „זעהט, וואָס פון מיר איז דאָ גע־וואָרען!“

פּראָפעסאָר מיכאל האלפערן, וואָס איז גראד דעמאָלסט געווען

---

*) די קיך האָט בעלאַנגט צו פּריוואַט לייט, נאָר די אימיגראַנט איידזאָסייטי האָט געצאָהלט פאר יעדען מאָלצייט, וואָס דער אימיגראַנט פלעגט קריגען.

אין אַפּיס, האָט ביי דער סצענע זיך צעוויינט אויפ׳ן קול ווי א קליין קינד.*)

זעהענדיג אזא עלענד, האָבען די „עם עולם"׳ניקעס ניט געהאַט דעם מוט זיך צו באַקלאָגען אויף זייער אייגענעם גורל.

נאָכדעם ווי די „עם עולם" גרופּען האָבען א געוויסע צייט זיך געוואַלגערט אין בעטערי פּאַרק, האָט די „אימיגראַנט אייד סאָסייע־טי" זיי געבראַכט אין אן אימיגראַציאָנס־הויז, אין גרינפּאָינט, לאָנג איילאַנד, וואו די אימיגראַנטען פלעגען זיך אביסעל אָפּרוהען פון דער רייזע, אָפּעסען און זיך איבערטהאָן.

אין א וואָך ארום האָט מען זיי געלאָזט וויסען, אז זיי מוזען אָפּליידיגען דעם פּלאַץ פאַר אנדערע און זיי דאַרפען זיך אָפּטראָ־גען. די „עם עולם" חברה האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען אזא באַפעהל און האָט באַשלאָסען צו בלייבען אין גרינפּאָינט געגען דעם ווילען פון דער אדמיניסטראַציע.

מען האָט אבער זיי ארויסגע׳פּטר׳ט פון דאָרטען דורך א תירוץ. עס זיינען געקומען צו זיי צוויי מענשען פון קאָמיטעט און האָבען זיי איינגעלאַדען צו געהן זיך אויסבאָדען. און גלייך ווי די אי־מיגראַנטען זיינען אריבער די „פּערי", האָט מען זיי מודיע געווען, אז צוריק קיין גרינפּאָינט קענען זיי ניט קומען.

דער קאָמיטעט האָט זיך אָבער פאָרט געהאַלטען אביסעל פאַר־אנטוואָרטליך געגען די „עם עולם" גרופּען, און האָט אסיגנירט א געוויסע סומע געלד אויפצוהאַלטען זיי אויף א חודש צייט, ביז וואַנען, הייסט עס, די חברה וועט קענען געפינען פאַר זיך ארבייט.

מען האָט געדונגען א דירה אין פיער און האַלב דיוויזשאָן סטריט. דאָרטען האָט מען געקויפט פאַר זיי אן אויווען. דאָס קאָכען און דאָס אויפפּאַסען אויף דער באַלעבאַטישקייט און ריינ־קייט פון דער הויז איז געווען די פליכט פון זיי, פון די „עם עולם" גופא.

וואָס פאַר אן „אָרדנונג" דאָרטען איז געווען, קען מען זיך שוין פאָרשטעלען, ווען מען האָט אין זינען, אז די חברה איז באַשטאַ־נען פון אינטעליגענטען, ניהיליסטען און דאָס גלייכען. די גאַנצע באַלעבאַטישקייט איז געווען אן אויוועז צום קאָכען און שיסלען און לעפעל צום עסען. ביי נאַכט האָט מען געשלאָפען אויף דער פאָדלאָגע מיט אלטע שמאַטעס אלס בעט־געוואַנד.

דאָס לעבען איז דאָרטען געווען גאַנץ היימליך, זאָרגלאָז. איינער

---

*) „חלאום" זייט 27-28.

האט זיך שפאצירט מיט א רוסישען בוך, א צווייטער מיט א פוילי־שען, א דריטער האט דיסקוטירט מיט א חבר איבער א קוצו של יוד פון א געוויסען ארטיקעל. אט איז ערגעץ וואו אין א ווינקעל גע־וועז פארטיפט א יונגערמאן אין א ליעד, וואס ער געהט שאפען. אין אן אנדער ווינקעל האט זיך אן אנדערער באהאלטען פון טומעל און האט געזוכט איבערצוגעבען אויפ'ן פאפיער זיינע געדאנקען, מיט וועלכע ער איז געווען שוואנגער.

ניט ווייניג זיינען געלעגען אויף די טישען מיט די געזיכטער צום סילינג און סתם גע'חלומ'ט.

אייניגע אבער האבען אנגעפאנגען צו זארגען וועגען א תכלית און גענומען זוכען ארבייט.

## די ערשטע באריהרונג מיט דער אמעריקאנער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט

בשעת די אימיגראנטען פון די „עם עולם" האבען זיך געפונען אויף דיוויזשאן סטריט, איז אין ניו יארק געווען א סטרייק פון ד־„לאנג־שארמען" (די פארט ארבייטערביים אויפלאדען און אויס־לאדען די שיפען).

די קאמפאניעס האבען, פארשטעהט זיך, געזוכט „ארבייטס־וויליגע". די גרינע, אקארשט אריבערגעקומענע, האבען קיינמאהל אפילו ניט געהערט דעם נאמען „סטרייק". זיי האבען געזוכט פרנסה און אז מען האט זיי אנגעוויזען, דאס ביים פארט קען מען דורך ארבייט פארדינען אביסעל, זיינען זיי גערן אהין געגאנגען.

מאנכע פון די „עם עולם" מיטגליעדער אויף דיוויזשאן סטריט וועמען עס איז געווארען לאנגוויילינג צו ליגען מיט'ן רוקען אויפ'ן טיש און שפייען אויפן סילינג, האבען זיך אויך ארויסגעלאזען אין שטאדט זעהן וואס צו טהאן. טרעפענדיג זיך מיט אנדערע „גרינע" זיינען זיי געווארן־געווארען, אז אויף די „דאקס" זוכט מען ארביי־טער. די ארבייטס־לוסטיגע האבען ניט געמאכט קיין שהיות, זיינען דארטען אוועק און האבען זיך פארשריבען אלס ארבייטס־וויליגע. צווישען זיי זיינען געווען אלעקסאנדער הארקאווי, שלמה מנקר, ב. וויינשטיין און אנדערע.

„דעם ערשטען טאג האבען מיר זעהר שווער געארבייט — דער־צעהלט הארקאווי — מיר האבען געדארפט פיהרען גרויסע, שווערע פעק סחורות אויף טאטשקעס צו די שיפען און פון די שיפען אין

די לאגער־הייזער. אהיים זיינען מיר געקומען מיעד, צובראכען, אהן כוח. דעם צווייטען טאג האבען מיר זיך שוין אביסעל צוגע־וואוינט און האבען ניט געארבייט איבער די כוחות. אין די פעק און די זעק, וואס מיר האבען געשלעפט, זיינען געווען אלערליי פרוכט: מאנדלען, טייטלען, פייגען, ראזינקעס א. א. וו. ביי אונז האט זיך דערוועקט א חשק פון זיי הנאה צו האבען און מיר האבען אונזער חשק ניט איינגעהאלטען. מיר האבען געעפענט די זעק און גאנץ נישקשה'דיג טועם טעם געווען. קיינער האט אויף אונז ניט אויפגעפאסט און מיר האבען געטהאן וואס אונזער הארץ האט גע־גלוסט. אונזערע שכירות זיינען געווען א דאלאר און זיבעציג סענט א טאג.*)

די גרויסע „פראספעריטי“ האט אבער לאנג ניט אנגעהאלטען.

אויפ'ן פיערטען טאג איז איינער פון די „ארבייטס־וויליגע“ דורך א צופאל ארויס אויפ'ן גאס. א פאר איירישע ארבייטער זיינען צו איהם צוגעלאפען און איהם מכבד געווען מיט א פאר קלעפ. די קלעפ האבען אפגעהילכט אזש אויפ'ן דאק און רוסישע אינטעליגענטען, וואס האבען דארטען געארבייט, האבען אנגעפאנ־גען זיך נאכצופרעגען, פון וואנען די קלעפ זיינען געקומען.

זיי זיינען דעמאלסט געוואר־געווארען, אז די דאק־ארבייטער סטרייקען און אז זיי, אט די בויער פון א נייעם לעבען, זיינען דא פארנארט געווארען אלס סטרייק־ברעכער, אלס „סקעבס“.**)

אין אווענט, נאך דער ארבייט, איז מען זיך צוזאמענגעקומען מיט די סטרייקער און מען האט גלייך אפגעהאלטען אין „קעסעל־גארדען“ א מיטינג אונטער'ן פרייען הימעל, וואו עס איז באשלא־סען געווארען ניט צו געהן צו דער ארבייט.

פון דער ארבייט און צו דער ארבייט פלעגען די „ארבייטס־וויליגע“ באגלייטען פאליסליים.

די „סטרייקברעכער“ זענען אויף מארגען געקומען צוריק אויפ'ן דאק, אבער ניט צו ארבייטען, נאר מודיע צו זיין דעם פארמאן, אז זיי וועלען זיך ווייטער ניט לאזען אויסנוצען אלס סקעבס. די קאמ־פאני האט גענומען איינרייידען מיט גוטען און סטראשען מיט בייזען, אז זי וועט ניט באצאהלען פאר די אפגעארבייטע טעג, אויב זיי זאגען זיך אפ פארצוזעצען די ארבייט. עס האט קיין זאך ניט

---

*) זעה „הלאום“ זייט 23־24.

**) זעה בורגין'ס געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג ז. 87, אויך ב. וויינשטיין: דער ערשטער סימפאטי סטרייק פון אידישע אימיגראנטען אין ניו־יארק, 1882 — „צוקונפט“ נומער 17.

געהאָלפען. די אימיגראַנטען האָבען זיך דעמאָנסטראַטיוו אפּגע־זאָגט פון צו זיין סקעבס.

ווען די אימיגראַנטען זענען ארויס אויפ'ן גאַס, האָבען די סטרייקענדיגע לאָנגשאָרמען זיי ברידערליך באַגעגענט און אַלע, די סטרייקערס צוזאַמען מיט די „גרינע", האָבען אַראַנזשירט א גרוי־סען „אָפּען־עיר" מיטינג, וואו עס איז ערקלעהרט געוואָרען די באַ־דייטונג פון דעם סטרייק.

אין א פּאָר טעג שפּעטער איז פאָרגעקומען א גרויסער פּאַראַד פון די „לאָנג־שאָרמען", אין וועלכען עס האָבען גענומען אנטהייל אַז ערך 500 אימיגראַנטען, אונטער דער פיהרערשאַפט פון די „עם עולם"־מיטגליעדער.

אן עהנליכען פאַל האָט פּאסירט מיט אן אנדער „עם עולם" גרופּע.

אב. קאַספּע (אונזער איצטיגער דר. קאַספּע) מיט נאָך פופציג אימיגראַנטען זיינען פאַרנאַרט געוואָרען ערגעץ־וואו הינטער עלי־זאבעטה, וואו מען האָט געגראָבען א קאַנאַל.

אין מיטען דער ארבייט האָבען א פּאָר ארבייטער ארייגעוואָר־פען א „גרינעם" אין קאַנאַל אריין. עס האָט זיך געהערט א געשריי: „ראַטעוועט!" אַלע זיינען זיך, אויפ'ן געשריי, צוזאַמענגעלאָפען און מען האָט זיך דאָ ווידער דערוואוסט, אַז עס איז א סטרייק און אַז זיי טהוען די ארבייט פון סקעבס.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז ניט קאַספּע און ניט זיינע חברים זיי־נען צו דעז' ארבייט ווייטער ניט געקומען.

בעת דעם סטרייק פון די „לאָנג־שאָרמען" האָט דער באַוואוסטער קולטור־טרעגער, עדוואַרד קינג, וואָס האָט זיך זעהר שטאַרק אינ־טערעסירט מיט דער לאַגע פון די אימיגראַנטען, איבערהויפּט מיט די רוסישע אידעאַליסטישע אימיגראַנטען, צוזאַמענגעפיהרט איי־נע רוסישע אינטעליגענטען מיט די אָפיסערס פון די „נאַיטס אָוו לייבאָר" און פון דעמאָלסט אָן האָבען זיך אויך שטענדיג פאַרקניפּט באַציהונגען צווישען דער אָרגאַניזירטער ארבייטערשאַפט און די רוסישע איינוואַנדערער.

## די ווילנער קאָמונע.

נאָך א חודש צייט אויף דיוויזשאַן סטריט האָבען די „עם עולם"'ניקעס אָנגעהויבען צו זאָרגען וועגען א תכלית פאַר זיך און פאַר זייערע חברים, וואָס זיינען מיט גרויסע האָפנונגען געבליבען וואַרטען אויף יענער זייט ים.

דאס צוזאמענלעבען איז פאנאנדער געפאלען. מען האט זיך צוטהיילט די שותפות'דיגע קאסע און אויף יעדענ'ס חלק איז אויס־געקומען אן ערך צו פינף דאלאר.

מיט אזא „קאפיטאל" איז מען ארויס לעבען אויפ'ן אייגענעם חשבון.

די האפנונג צו בויען אידישע קאלאניעס אויף קאמוניסטישע יסודות איז ניט אפגעשוואכט געווארען. דאס לעבען אין גרינ־פאינט, לאנג איילאנד, און אויף דיוויזשאן סטריט האט געהאט א גרויסע פעולה. עס האט אויסגעלערנט די איינוואנדערער צו פאר־שטעהן, אז אויף פארשיעדענע הילפס-קאמיטעטען האבען זיי זיך ניט וואס צו פארלאזען. דאס איינציגע, וואס מען קען פון זיי קריי־גען, איז א רויהע בולקע, א גלאז געזאלצענע קאפע און א שטיקעל געלעגער אויף דער פאדלאגע, און דאס אויך נאר אויף א גאנץ קורצער צייט.

האט מען גענומען דורכפיהרען די פלענער מיט אייגענע כחות.

מען האט באשלאסען צו ארבייטען, אויפקלייבען אביסעל געלד און שפעטער געהן אויפ'ן לאנד.

זייענדיג געצוואונגען אפצולייגען די פארווירקליכונג פון זייער אידעאל צו באארבייטען קאמוניסטיש דאס לאנד אויף שפעטער, האבען די „עם עולם" גרופען געזוכט דורכצופיהרען, לכל הפחות, א טהייל פון זייער אידעאל, צו לעבען קאמוניסטיש.

זיי האבען זיך צוטהיילט אין קרייזען, וואו די מענשען האבען צווישען זיך געפיהלט א גרעסערע קרובה'שאפט און האבען אנגע־פאנגען צו פיהרען א קאמוניסטישען לעבען.

מיר האבען שוין אין איינעם פון די פריהערדיגע קאפיטלאך גע־זאגט, אז צווישען די דרומ'דיגע „עם עולם" 'ניקעס און די ווילנא'ר פלעגען פארקומען רייבונגען, סכסוכים. דאס זיינען געווען מענשען מיט פארשיעדענע טעמפעראמענטען, מיט פארשיעדענע געוואוינ־הייטען און מיט א פארשיעדענער ערציהונג.

אז מען האט זיך אפגעטהיילט און אויפגעגעבען די שותפות'־דיגע קאסע, זיינען די דרומ'דיגע ארויס לעבען באזונדער און די ווילנא'ר ווידער באזונדער.

עס איז געגרינדעט געווארען א „קיעווער קאמונע" אויף רוז־וועלט סטריט און אין נומער 1 קעטהרין סטריט, אן „אדעסער קא־מונע" אויף באיארד סטריט, שפעטער אויף פעלל סטריט, און א „ווילנא'ר קאמונע", אדער די „עסעקס סטריט קאמונע".

די מיטגליעדער פון דער קאמונע זיינען געווען: מנקר, פרענקלין,

מירסקי, גרין, קאטשאקאווסקי, שפיז, מיס מנקר, הארקאווי, הורע־וויץ און אנדערע. די מעהרסטע פון זיי האבען געהאט גענומען אן אקטיווען אנטהייל אין דער „נאראדנאיא וואליא“, און האבען באַ־לאנגט צו זונדערלעוויטש'עס „קרוזשאק“. מנקר, א שטייגער, האט זיך בכיון איין ווילנא געלאזט אפגעבען אין מיליטער, כדי צו קענען אגיטירען צווישען די סאלדאטען. ער מיט נאך אייניגע האבען גע־שלעפט „טאיפ“ פון רעגימענט־דרוקעריי און איבערגעגעבען אין די רעוואלוציאנערע טיפאגראפיע. פאר אזא מעשה, אויב מען וואלט געכאפט, האט מען לייכט געקענט באצאהלען מיט'ן לעבען.

אויך אנדערע האבען אין רוסלאנד דורכגעמאכט אזעלכע ריזי־קאלישע אונטערנעמונגען. זייער אנשליסען זיך אן דער „עם עולם“ איז געווען מעהר צוליעב רעוואלוציאנערע, סאציאליסטישע צוועקען, ווי צוליעב ספעציפיש אידישע.

אין דער „ווילנא'ר קאמונע“ האט געהערשט דער פרינציפ כל דכפין ייתא ויאכל, יעטווידער איינער האט געקענט קומען און עסען און טרינקען און שלאפען. די טהירען זיינען געווען אפען פאר אלע־מען. מאנכע האבען דעם דאזיגען פרינציפ מיסברויכט. פלעגען קומען בלויז עסען און דיסקוטירען...

די מיטגליעדער גופא האבען געארבייט און שווער געארבייט אויסצוהאלטען די קאמונע. די פרויען האבען אויפגעפאסט אויף דער באלעבאטישקייט און די מענער האבען געארבייט. צווישען די פרויען זיינען געווען: מיס מנקר, גלוסקין, מרס. אליינקאוו, האר־וויץ און שוואב.

קיינער האט ניט געפרעגט, וויפיעל יעדערער ברענגט אריין אין דער קאמונע, צו ווענינער, צו מעהר. די קאסע איז געווען אן על־געמיינע. זי איז געלעגען אין א קעסטעלע. ש. מנקר איז געווען דער קאסירער. ווען אימיצער האט געבראכט זיינע פארדינסטען, האט ער עס אריינגעלעגט אין קאסע און צוגעשריבען צום ביכעל: אזוי פיעל און אזויפיעל. האט אימיצער גענומען געלד פון דער קאסע, האט ער אויך קיינעם ניט געדארפט ווענען דעם מעלדען. ער האט בלויז צוגעשריבען: מינוס אזוי פיעל. די נעמען פון די געבער און פון די נעהמער האט קיינער ניט געוואוסט. זיי גופא זיינען ניט געווען מחויב זיך אונטערצושרייבען. יא, זיי האבען ניט גע־טארט וויסען, ווער עס טראגט אריין א גרעסערען און ווער א קלע־נערען חלק.

יעדער מיטגליעד פון דער קאמונע האט געהאט א שליסעל צו דער קאסע און האט צו יעדער צייט געקענט צו איהר צוקומען. קיי־

נער האט ניט געפרעגט, צי ער וויל ארויסנעהמען, אדער ארייגלע־
גען געלד.

אין די אווענטען נאך דער ארבייט פלעגען די מיטגליעדער און
אלערליי געסט דיסקוטירען און זינגען.

די „קאמונע״ האט פריהער געהאט בדעה אפצושפארען געלד
און דערנאך געהן אויף א פארם. עס זיינען אבער געוועזן צופיעל
נעהמער און עס האט זיך ניט איינגעגעבען אפצושפארען די נוי־
טיגע סומע.

זעקס מאנאטען האט די קאמונע אנגעהאלטען. פאר דער צייט
האט זי אונטערשטיצט די „עם עולם״ ציימונגען אין רוסיש און אין
ענגליש, רעדאקטירט פון עדוואר קינג און ניקאלאי אליניקאף.

זי האט יעדע וואך געגעבען פון איהר קאסע פאר די אויסגאבען
30־35 דאלאר.

אזוי ווי דער הויפט צוועק פון דעם קומען איז געוועזן האנד
ארבייט, האבען א סך פון די עם עולם׳ניקעס זיך אוועק געלאזען
אין פארשידענע ווינקלען פון די פאראייניגטע שטאאטען גרינדען
קאלאניעס.

## די לערער און אויפקלערער פון אידישע ארבייטער

בשעת איין טייל פון די „עם עולם״ האט אויפ׳ן אמעריקאנ־
נישען באדען געארבייט מיט אלע זיינע כחות און א י ב ע ר זיינע
כחות צו פארווירקליכען זיין אידעאל — גרינדען אידישע קא־מו־
ניסטישע קאלאניעס, איז א צווייטער טייל געבליבען אין שטאדט
און זיך אפגעגעבען מיט זעלבסטבילדונג און מיט זעלבסטאויפ־
קלערונג.

פונקט ווי די „עם עולם״׳ניקעס אויפ׳ן לאנד האבען ניט גע־
טרונקען קיין מילך, אזוי האבען די „עם עולם״׳ניקעס אין שטאדט
ניט געגעסען קיין האניג.

די פריהערדיגע רוסישע סטודענטען, גימנאזיסטען און סתם
אינטעליגענטען האבען געטהאן אלערליי עבודת פרך, כדי צו דער־
האלטען דאס לעבען. זיי האבען געגראבען קאנאלען, געלאדען
און אויסגעלאדען שיפען, געוואשען ברודיגע וועש אין די לאונדריס,
געוואשען טעלערם אין די רעסטאראנען, געשלעפט באלקענס און
ברעטער אין לאמבער־יארדס, געקנאטען ליים, געברענט ציגעל, גע־
נעהט קליידער, קינדישע הייזקעס און העמדלאך אין די סוועט־
שעפער — מיט איין ווארט, זיי האבען אין זייער „גרינער״ אידע־

אליסטישער צייט דורכגעמאכט אלע מלאכות. אין די אלע מלאכות זיינען אבער געווען ווייניג ברכות.

פראפיט־הונגעריגע אונטערנעהמער האבען די יונגע חברה אויס־גענוצט אהן א ברעקעל איינזעהעניש.

שעהנע גייסטער, וואס האבען געטרוימט צו פארוואנדלען גאטס וועלט אין א גן עדן, האבען געהאט דורכצומאכען אלע זיבען פיי־ערען פון גהינום. זיי פלעגען ביימאג זיך באגיסען מיט שוויים פון היץ און ביי נאכט ציטערען פון קעלט. ווי שאטענס פלעגען זיי זיך ארומדרעהען אויף די ניו יארקער גאסען אהן שפייז און אהן א דירה.

פון דער מדה הכנסת אורחים האבען, הפנים, די דעמאלסטיגע אידען אין ניו יארק ניט געהאלטען. אגב האט מען אויף די „סטו־דענטען", „ניהיליסטען" געקוקט מיט חשד און קיין „בכבוד'יגער" איד האט זיי ניט געוואלט אריינלאזען צו זיך אין הויז. אז איינער פון די טרוימערישע נע ונד'ניקעס איז געקומען צו א חבר צו גאסט, האט ער דארטען ניט געקענט בלייבען נעכטיגען. דער „מיסטער", אדער די „מיסעס" פון דער דירה האט דאס ניט געוואלט ליידען. פלעגט אויסקומען זיך ארומצואוואלגערען גאנצע נעכט דרויסען.

דער „עם עולם" האט אויפ'ן לאנד קיין ערפאלג ניט געהאט. אין דעם זיינען געווים ניט געווען שולדיג די „עם עולם"'ניקעס גופא. זיי האבען, פארקעהרט, ארויסגעוויזען א גוואלדיגע עקשנות אין זייער קאמפף פאר א בעסערען און שעהנערען לעבען. זיי האבען מיט זייערע צייהן דיווארצלען געריסען און האבען מיט זייער שוויים באגאסען די ערד. הונגעריגע, דורשטיגע, האבען זיי געבראדזשעט איבער די קניע אין זומפען, זיי האבען געשלאפען אונטערן פרייען הימעל און זייערע ציינער האבען געקלאפט פון קעלט.

יעדער שריט זייערער האט געפאדערט מסירת נפש. זיי הא־בען ניט געקוקט אויף זייער געזונד. זיי האבען זיך געבראכט א קרבן עולה אויפ'ן מזבח פון זייער אידעאל. און אויב די איבער־מענשליכע ארבייט איז ניט געווען ערפאלגרייך, איז עס ניט גע־ווען ז י י ע ר שולד, נאר די שולד פון די קאמפליצירטע, פאר־וויקעלטע באדינגונגען פונ'ם אמעריקאנישען באדען (אין טאפעל־טען זין פוןווארט).

די „עם עולם"'ניקעס אין שטאדט זיינען געווען מיט זייער לערנען מעהר ערפאלגרייך. שווימענדיג אין דעם טיעפען און בריי־טען ים פון תורה, האבען זיי זיך סוף כל סוף דערגרונטעוועט ביז'ן תהום און האבען ארויסגעטראגען פון דארטען א בריליאנטענעם

פערל, א וועלט אנשויאונג, א קלאהרע איבערציינונג. זיי האבען דארטען געפונען דעם קאמפאס, וואס האט זיי געוויזען דעם וועג, וואוהין צו געהן, און אן ענטפער אויף דער פראגע: וואס צו טהאן.

דער קאמפאס איז געווען דער סאציאליזם.

דעם סאציאליסטישען קערן האט די אינטעליגענץ פארזייהט אויף א פרוכטבארען באדען—דער באדען פון די אידישע ארבייטענדיגע מאסען. דער קלאוקמייקער סטרייק אין 1885 איז דאס געווען דער שרכן, וואס האט צוזאמענגעפארט די אינטעליגענץ מיט דער מאסע.

די אמאהליגע רוסישע רעוואלוציאנערען, די טרוימערישע „עם עולם"'ניקעס, זיינען געווארען די לעהרער און די אויפקלעהרער פון די אידישע ארבייטער אין אמעריקא.

## די שניידער און זייערע ארגאניזאציעס.

מיר קעהרען זיך צוריק צו דער יוניאן באוועגונג אויף דער אידישער גאס.

אין 1883 האבען די אונגארישע אידישע שניידער (רעק שניידער) אנגעפאנגען א באוועגונג צו ארגאניזירען דעם טרייד.

זיי האבען געגרינדעט די ערשטע אידישע שניידער יוניאן, וואס האט זיך אנגעשלאסען אן די „נאיטס אוו לייבאר". די אפערייטארס האבען געהאט פאר זיך א לאקאל און די פרעסערס האבען געהאט א באזונדערען לאקאל.

דער טשערמאן (מאסטער ווארקמען), פון דעם אפערייטארס לאקאל איז געווען מאיבוים, שפעטער גרענד מאסטער פון אינדעפענדענט ארדען ברית אברהם. דער מאסטער ווארקמען פון די פרעסערס איז געווען דזשייקאב שעין.*) ער איז געווען איינער פון די ערשטע גאליציאנער אידישע סאציאליסטען דא אין ניו יארק. אין אנפאנג 1885 איז אויף זיין איניציאטיווע אפגעהאלטען געווארען א מיטינג פון אונגארישע און גאליציש אידישע סאציאליסטען זיך דורכצורעדען מכח ארויסגעבען צום ערשטען מאהל אין דער געשיכטע א אידישע סאציאליסטישע צייטונג אין אמעריקא. אויף דעם מיטינג איז טאקע באשלאסען געווארען צו גרינדען א קאאפעראטיווע פאבלישינג אסאסיאיישאן. שעין איז ערוועהלט געווארען טרעזשורער פון דער אסאסיאיישאן.

*) געשטארבען דעם 27טען יוני 1913.

די קאאפעראטיווע פאבלישינג אסאסיאיישאן האט זיך אין גי־כען פאראייניגט מיט דעם „רוסיש־אידישען ארבייטער פאראיין" אונטער'ן נאמען „דער אידישער ארבייטער פאראיין".*) דאס פראָ־גראם פון פאראיין איז געווען: מינדליכע סאציאליסטישע פראפאַ־גאנדע, שטיצע צו יוניאנס און א פאנד פאר א אידישע סאציאליס־טישע צייטונג.

די אומבאגרינדעטע טראדיציאנעלע אנטיפאטיע, וואס האט גע־הערשט אין אידישען קווארטאל צווישען די „גאליציאנער" און די „רוסישע" אידען, איז אין א גרויסער מאס א דאנק דעם נייעם „אי־דישען ארבייטער פאראיין" באזייטיגט געווארען. מען האט זיך נעהענטער באקאנט צווישען זיך און די טעריטאריעלע מחיצות — א ירושה פון דער אלטער היים — זיינען בטל געווארען. אלע זיי־נען געווען ארומגענומען מיט איין געדאנק און אלע האבען געאר־בייט פאר איין ציעל. אין 1885 האט שעין אנגעשריבען א ביכעל אין אידיש וועגען דער וויכטיגקייט פון אן אכט־שטונדיגען אר־בייטס־טאג. ארויסגעגעבען איז די בראשורע פון אידישען ארביי־טער פאראיין.

שפעטער איז שעין געווארען דער סעקרעטער פון אינדעפענדענט ארדען ברית אברהם.

דער ערשטער שניידער סטרייק איז געווען אין קענאן סטריט, ביים קאנטראקטאר היימאן דזשייקאב. די פאדערונגען: אנערקע־נען די יוניאן און א הוספה פון צעהן פראצענט אויף די שכירות. די פיהרער פון סטרייק זיינען געווען קאננער און לואיס סמיטה.

לואיס סמיטה איז געבוירען אין פוילען, און האט אלס אינגעל אימיגרירט אין די זעכציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט, צוזאמען מיט נאך פוילישע אידען, קיין פאריז.

ער האט אין 1871 גענומען אן אנטייל אין דער פאריזער קא־מונע.

פון פאריז איז ער אוועק קיין לאנדאן. אין 1874 האט סמיטה געהאלפען גרינדען אין לאנדאן א אידישע שניידער סאסייטי. דיזע סאסייטי איז געווען די ערשטע אידישע טרייד יוניאן אין דער גע־שיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג.

די שניידער סאסייטי האט געשאפען דעם באדען פון דעם בא־

---

*) דער ר. א. א. פ. איז געווען א וויכטיגע מדרגה פון דעם „רו־סישען ארבייטער פאראיין", וואס איז געווען געגרינדעט פון דער רוסי־שער אינטעליגענץ. באמערקט די גלגולים. צוערשט „רוסישער ארביי־טער פאראיין", דערנאך „רוסיש־אידישער ארבייטער פאראיין". שפע־טער „אידישער ארבייטער פאראיין". ז.

וואוסטע אידישע סאציאליסטישע פאראיין (דער ערשטער סאציאליסטישער פאראיין אין ענגלאנד), וואס אהרן ליבערמאן האט געגרינדעט אין 1876 אונטער'ן העברעאישען נאמען: „אגודת הסאציאליסתים העברים בלונדון".

אין דער אטמאספערע פון אט דעם פאראיין האבען זיך ענטוויקעלט די ערשטע אידישע סאציאליסטישע שרייבער, רעדנער און טהוער, ווי א שטייגער אונזער „זיידע" מאריס ווינטשעווסקי, קאנסטאנטין גאלאפ, פיליפ קראנץ, ב. פייגענבוים און אנדערע.

דער ערשטער סטרייק פון די שניידער אונטער לואיס סמיטה'ס פיהרערשאפט, האט זיך געענדיגט מיט א זיעג פאר די ארבייטער.

נאכ'ן ערשטען זיעג איז די יוניאן געווארען שטארקער. זי האט געהאט איבער צוויי טויזענד מיטגליעדער.

אין א קורצער צייט ארום האבען זיך אן דער שניידער ארגאניזאציע אנגעשלאסען די יעניגע שניידער, וואס האבען געשוויצט אין די טענעמענט הייזער ביי „ציעל" ארבייט (יעדער שניידער האט באדארפט אין א טאג ליווערען א געוויסע צאהל קאוטס, אויבער רעק א. א. וו. אזא מין ארבייט האט מען גערופען „ציעל" ארבייט). אן ערך פיער טויזענד „ציעל-ארבייטער" אדער „ציעלערס" האבען געגרינדעט א נייעם לאקאל אונטער די „נאיטס אוו לייבאר".

אין 1884 זיינען די שניידער ארויס אינ'ם ערשטען גענעראל-סטרייק.

עס איז ווערט צו דערמאהנען, אז דער דאזיגער גענעראל סטרייק איז ערקלעהרט געווארען אום מוצאי יום כפור אין א בית המדרש פון גאליציאנער אידען. די ארגאניזערס פון דער יוניאן זיינען אזוי געווען פאראינטערעסירט אין זייער אויפגאבע, אז זיי זיינען געקומען אין האל, ווען מען האט נאך געזאגט נעילה, און זיי האבען זיך קוים דערווארט, ביז אלע פרומע זאלען פארלאזען די שוהל.*)

די שניידער יוניאן האט ארויסגעגעבען אן אייגענע צייטונג אונטער'ן נאמען „פראגרעס".

די מחלוקות אין די „נאיטס אוו לייבאר" האבען זיך אויך אפגערופען אויף דער יוניאן פון די שניידער. די קאנטראקטארס האבען זיך באנוצט מיט די אינערליכע רייסערייען און האבען אנגעפאנגען אפצונעהמען פונקט ביי פונקט אלע פאזיציעס, וואס די ארבייטער האבען געהאט געוואונען.

אין 1888 האט די שניידער ארגאניזאציע אויפגעלעבט מיט פריי-

*) אב. קאהאנ'ס יובילעאום שריפט, זייט 48.

שע כחות. אויפ'ן שפיץ פון דער יוניאָן איז געשטאַנען ישראל באַר־סקי, אַ זעהר סימפּאַטישער מאַן, וואָס איז לויט איבערצייגונג גע־ווען אַ סאָציאַליסט.

ישראל באַרסקי איז געקומען קיין אַמעריקאַ דעם 18טען יוני, 1882, מיט אַן „עם עולם“ פּאַרטיע, צוזאַמען מיט הלל זאָלאָטאַראָוו, זאָלאָטאַראָוו'ס פּאַטער, הערדער, וואַסקאַבאָיניקאָוו און אַנדערע. ער האָט זיך שפּעטער אָפּגעגעבען דער יוניאָן באַוועגונג. האָט אַ סך געשריבען אין פאַרשיעדענע אויסגאַבען איבער יוניאָן אַנגעלעגענ־הייטען אונטער זיין פּען־נאָמען „ישראל בן עולם“.

ביי אָט דעם באַרסקי'ן איז שוין דעמאָלסט געבוירען געוואָרען דער געדאַנק פון „אַמאַלגאַמיישאַן“, אריינצוברענגען אַלע נאָדעל־ארבייטער אין איין שניידער פּאַרבאַנד.

באַרסקי האָט פּאָרגעשלאָגען, אַז דער שניידער פּאַרבאַנד זאָל איינפיהרען אַ סיסטעם פון קראַנקען בענעפיט. אַ חוץ דעם, וואָס עס איז אין יענע יאָהרען, איידער דער ארבייטער רינג איז געגרינ־דעט געוואָרען, געווען אַ נויטווענדיגקייט צו זיין כאָטש מיט וויפיעל עס איז ניט באַזאָרגט אין צייט פון אַ קראַנקהייט, האָט באַרסקי געהאַט אין זינען דורך אַזאַ סיסטעם פעסטער צוזאַמענצוהאַלטען די מיטגליעדער פון דער יוניאָן.

צווישען די פיהרער און די אָרגאַניזאַטאָרען פון די שניידער זיי־נען פּאָרגעקומען, ווי געזאָגט, גרויסע רייבערייען. מאַנכע האָבען גע־צויגען צו די „נאַיטס אָוו לייבאָר“ און אַנדערע ווידער זיינען געווען מעהר געניינגט צו דער „אַמעריקאַן פעדערעיישאַן אָוו לייבאָר“. די קאַטערס זיינען געווען צושפּאָלטען אין צוויי יוניאָנס. איין יוניאָן איז געווען מיט די „נאַיטס“ און די צווייטע מיט דער „פעדערריי־שאַן“. די קאַטערס, וואָס האָבען באַלאַנגט צו דער „פעדערעיישאַן“ האָבען אַ געוויסע צייט ארויסגעגעבען אַן אייגענע ציימונג: „דער שניידער פּאַרבאַנד“. דער רעדאַקטאָר איז געווען ישראל באַרסקי.

אין אַפּריל 1891 האָט זיך אין ניו יאָרק, מיט דער הילף פון די געווערקשאַפטען, אָרגאַניזירט „די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אַמעריקאַ“.

לכתחילה געגרינדעט פון און מיט דער הילף פון סאָציאַליסטען, האָבען אין די י. ג. וו. אַ. אָנגעפאַנגען אריינצודרינגען פּאַרשיעדענע קאָנסערוואַטיווע עלעמענטען.

דער קאַמפּף צווישען די קאָנסערוואַטיווע און סאָציאַליסטישע עלעמענטען האָט זיך געצויגען אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר.

דער רעזולטאט פון דעם קאמף האט זיך סוף כל סוף געענדיגט מיט דער גרינדונג אין אָקטאָבער 1914, אין נעשוויל, טענעסי, פון דער „אמאלגאמייטעד קלאָטהינג וואָירקערס“.

## די שריפטזעצער יוניאָן.

די פעסטע, ערפאָלגרייכע שריפטזעצער יוניאָן, באוואוסט איצט אונטער'ן נאָמען: „היברו אמעריקאן טיפאָגראפיקאל יוניאָן, נומער 83, א. ט. י.“ האָט אויך אין די ערשטע יאָהרען געהאט דורכצומאַכען ניט ווייניג קינדער קראנקהייטען.

די יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען אין 1888, אין דער צייט, ווען עס האָט געבליהט אין אלע אידישע טריידס „די סוועטינג־סיסטעם“.

„די שעפער האָבען זיך כמעט אָהן אויסנאהמע געפונען אונטער דער ערד. בלויז די אידישע בעקערס האָבען דאן געקענט אנווייזען אויף נאָך טיעפערע קעלערען, ווי די שריפטזעצער. אין דיזע פינסטערע לעכער האָט זיך דער ארבייטס טאָג פון „הבחור הזעצער“ געצויגען פון 12 ביז 15 שטונדען. דערפאר זיינען אָבער זיינע פארדינסטען ניט געווען אזוי עלאַסטיש. פינף דאָלאר א וואָך. זיי האָבען זיך מעהר ווי אויף זיבען דאָלאר ניט געקענט אויסציהען“.

ווען אין מאנכע טריידס זיינען געגרינדעט געוואָרען יוניאַנס, האָט זיך אויך געגרינדעט א יוניאָן פון שריפטזעצער. מיט דער הילף פון דעם „אידישען ארבייטער פארבאנד“ (אידישער ארבייטער פאראיין), האָבען זיך שריפטזעצער אָרגאַניזירט, „און פון זיכערהייט וועגען, כדי ניט צו ערוועקען דעם ווידערווילען פון זייערע בעלי בתים, האָבען זיי זייער יוניאָן א נאָמען געגעבען: „אידישע שריפטזעצער אסאָסיאיישאָן“. די דאָזיגע „אסאָסיאיישאָן“ איז אָבער אין א קורצער צייט ארום צופאלען געוואָרען. און ווען די שרעקליכע צושטאנדען, וואָס האָבען דאן געהערשט אין טרייד, זיינען געוואָרען נאָך אונערטרעגליכער, זיינען עטליכע שריפטזעצער זיך צוזאמענגעקומען דעם 20טען אָקטאָבער, 1888, צו באטראכטען ווי אזוי זייער לאגע צו פארבעסערען. אָט ביי דעם צוזאמענקונפט איז געגרינדעט געווארען די היברו אמעריקאן טיפאָגראפיקאל יוניאָן און ניו יארק“.*)

*) זעה „היברו אמעראקאן טיפאָגראפיקאל יוניאָן“ סאָוועניר, ארויס־געגעבען צום 35טען יובילעאום, 1923, ארטיקעל פון עדיטאָריעל קאָמיטע.

# די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

די שריפטזעצער יוניאן איז געווען איינע פון די דריי יוניאנס, וואס האבען געגרינדעט די פאראייניגטע אידישע געווארקשאפטען.

די אנדערע צוויי זיינען געווען די אקטיארען יוניאן און די כאריסטען יוניאן.

די אקטיארען האבען זיך ארגאניזירט אין א יוניאן אין 1888, מיט א קורצער צייט פריהער, בעפאר די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

בשעת א סטרייק אין „אכטער סטריט טהעאטער" געגען דעם מענעדזשער מ. זילבערמאן, האבען די אקטיארען צוזאמען מיט די כאריסטען און אנדערע אנגעשטעלטע געעפענט א טהעאטער אויף קאאפעראטיווע יסודות.

די אידעע פון קאאפעראציע איז בכלל דעמאלסט געווען זעהר פאפולער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

די אידישע כאריסטען יוניאן האט שוין עקזיסטירט זינט 1886. דער גרינדער פון די כאריסטען יוניאן איז געווען וו. גרעטץ, אן אקטיווער טהוער אין דעם „אידישען ארבייטער פאראיין".

אין איינציגער אידישער טהעאטער איז דעמאלסט געווען (173 בויערי). אויפגעפיהרט האט מען דארטען גאלדפאדען'ס אפעראס: „שולמית", „בר כוכבא", „די כשוף מאכערין" און אנדערע פארשטעלונגען מיט געזאנג.

אויסצוהאלטען כאריסטען איז דער טהעאטער נאך ניט געווען בכח, פלעגען זיי ביי טאג ארבייטען און ביי נאכט זינגען. די שכירות זייערע איז געווען פיער-פינף דאלאר א וואך. די כאריסטקעס האבען פארדינט נאך ווייניגער.

די כאריסטען און די כאריסטקעס אלס ארבייטער און ארבייטערקעס, האבען באלאנגט צו ראדיקאלע ארגאניזאציעס און האבען גוט פארשטאנען די וויכטיגקייט פון א יוניאן.

אין דעם ארגאניזירען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האבען א חוץ די דריי יוניאנס אויך אנטהייל גענומען די דייטשע פאראייניגטע געווערקשאפטען, וואס האט שוין עקזיסטירט פון פריהער, דער רוסישער ברענטש פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי*) און הויפטזעכליך דער דעמאלסטיגער אכטער ברענטש פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי.

---

*) צום „רוסישען" ברענטש האבען באלאנגט זאמעטקין, מאריס און דזשייקאב הילקוויט, לואי מילער, זיין ברודער באנדעס, סטאלעשניקאף, לינטש, און באראנדעס.

„דער פּלאַן פון א צענטראַל פּאַרבאַנד פון אידישע יוניאָנס איז געבוירען געוואָרען אויף א מיטינג פון דעם דאָזיגען ברענטש. י. מאַגידאָוו (איצט דער סיטי עדיטאָר פון „מאָרגען זשורנאַל“) האָט אויפ'ן מיטינג פון ברענטש פּאָרגעלייגט צו גרינדען א צענטראַלע קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל אָרגאַניזירען נייע יוניאָנס און זאָל פאַר־שפּרייטען סאָציאַליזם צווישען אידישע ארבייטער. מאַגידאָוו'ס פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען און דער ברענטש איז גלייך צו־געטראָטען צו פּאַרווירקליכען דעם פּלאַן“.*)

דער אכטער ברענטש האָט ארויסגעלאָזען אַן אויפרוף, און דעם 9טען אָקטאָבער 1888, אויף א מיטינג אין לייבאָר לייסעאום פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי, 25 איסט 4טע סטריט, איז גע־גרינדעט געוואָרען די „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען“.

די ערשטע באאמטע פון די געווערקשאַפטען זיינען געווען: הילקאָוויטש (הילקוויט), קאָרעספּאָנדענץ סעקרעטאר, איזאַק אָרט־מאַן (דר. אַרטמאַן), פּראָטאָקאָל סעקרעטאר. (דר. ארטמאַן האָט אָבער בלויז געקענט אביסעל שרייבען אידיש אָבער ניט לעזען דאָס געשריבענע, האָט ער זיך אין א קורצע צייט צוריקגעצויגען — און ב. וויינשטיין איז געוואָרען פּראָטאָקאָל סעקרעטאר), און וועבער, (איינער פון די גרינדער פון די שריפטזעצער יוניאָן), טרעזשורער.

גלייך ווי די „געווערקשאַפטען“ איז געגרינדעט געוואָרען, האָ־בען זיך אָנגעהויבען אין איהר צו קאָנצענטרירען כמעט אלע אידי־שע יוניאָנס. מיט דער הילף פון די געווערקשאַפטען, זיינען א סך נייע יוניאָנס געגרינדעט געוואָרען.

א חוץ אָרגאַניזירען די יוניאָנס און העלפען זיי, האָט די גע־ווערקשאַפטען אָנגעפיהרט א קאַמפּף געגען דער סוועטינג־סיסטעם, געגען די סקעב־אגענטען, וואו אומשולדיגע אידישע אימיגראַנטען פלעגען ארייננגענארט און אויסגענוצט ווערען אלס סטרייק ברע־כער, האָט אנטהייל גענומען און דער סאָציאַליסטישער באוועגונג, האָט געהאָלפען די „ארבייטער צייטונג“ א. א. וו.

אין 1889 האָט די געווערקשאַפטען געשיקט א דעלעגאַט צו דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין פּאריז.

דער דעלעגאַט איז געווען לואי מילער.

אינ'ם יאהר 1888 זיינען פּאָרגעקומען א סך סטרייקס אין די אידישע טריידס, דערהויפּט אין דער נאָדעל אינדוסטריע.

---

*) זעה בורגין: „די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באווע־גונג, ז. 734.

דאס איז געווען א צארן אויסגוס געגען דעם סוועטינג סיס־טעם.

דעם ערשטען פייער האבען געעפענט די „ניע פענטס מייקער", נאך זיי זיינען געווען אין דער רייהע די „פענטס מייקער", „קלאוק־מייקערס", „שוירט מייקערס" און „דזשעקעט מייקערס". אין פאר־לויף פון איינינגע וואכען האט אן ארמעע פון ניט וועניגער ווי פופ־צעהן טויזענד אידישע נאדעל ארבייטער אוועקגעלעגט די ארבייט, פאדערענדיג העכערע שכירות און קורצערע שטונדען.*)

אט אין די אלע קאמפּפען האט די פאראייניגטע אידישע גע־ווערקשאפטען געשפּיעלט די ערשטע פידעל.

## דער „אידישער ארבייטער פאראיין" און דער „רו־סישער פראגרעסיווער פאראיין". „די פיאנירען דער פרייהייט" און דער אכטער בראנטש ס. ל. פ.

דער „אידישער ארבייטער פאראיין" האט געשפּיעלט אן אונ־געהייערע גרויסע ראליע אין מיטען פון די אכציגער יאהרען.

ער האט גענומען א גרויסען אנטייל אין דער באוועגונג פאר אן אכט שטונדיגען ארבייטס טאג, וואס איז דאמאלסט געווען זעהר פאפּולער אין די ניט־אידישע ארבייטער קרייזען.

אויף זיין איניציאטיווע איז פאר דעם צוועק ארגאנזשירט גע־ווארען א גרויסער פאראד, דעם 1טען מאי 1886.

דאס איז געווען דאס ערשטע מאל, ווען די אידישע ארבייטער (אויך ניט אידישע) האבען זיך געפיהלט יום־טוב'דיג דעם 1טען מאי.

דער „אידישער ארבייטער פאראיין", האט פאקטיש פאר־זייהט דאס קערענדעל פון פראקטישער סאציאליסטישער און אנאר־כיסטישער ארבייט**) צווישען אידען.

ער האט די אידעע פון סאציאליזם, וואס איז ביז איהם געלע־

---

*) זעה הילקוויט: סאציאליזם אין די יונייטעד סטייטס.

**) אין יענער צייט זיינען די סאציאליסטען געווען צוזאמען מיט די אנארכיסטען. די אנארכיסטען האבען זיך אויך גערופען סאציאליס־טען, נאר מעהר ראדיקאלע. מען האט זיך קוים פאנאנדערגעקליבען אין דעם גרויסען אונטערשייד צווישען אט די ביידע ריכטונגען. די סאציא־ליסטען האבען זיך בלויז געהאלטען פאר רעאליסטען און די אנארכיסטען פאר ראמאנטיקער. דאס איז טאקע געווען דעמאלסט דער הויפּט אונטער־שייד.

גען בלויז אין די קעפּ פון איינצעלנע אינטעליגענטען, אריינגע־בראכט צווישען די ברייטע ארבייטער מאסען.

דער סאָציאליסטישער אידעאל האָט א דאנק איהם ארונטער־גענידערט פון זיין הימלישער הויכקייט אויף דער ערד און איז גע־וואָרען דער ליכטיגער זייל, וואָס האָט געשאינט און געוואָרעמט די פאר׳חושד׳טע ארבייטער אין די שוויץ־שעפּער.

אלס פּערמיטלער צווישען טעאָריע און פּראקטיקע איז דעם פּאראיינ׳ס מזל געווען ענג פארבונדען מיט דעם לעבענס־נערוו, מיט די טאָג־טעגליכע אינטערעסען פון די מאסען. איז אָט דער לעבענס־נערוו שוואכער געוואָרען, איז אויך אָפּגעשוואכט געוואָרען די טהעטיגקייט פון דעם אידישען ארבייטער פאראיין.

סוף 1886 און אָנפאנג 1887 איז געווען אן אינדוסטריעלער שטילשטאנד. די אידישע ארבייטער האָבען אויך ניט געפונען קיין קויפער אויף זייער איינציגע סחורה, אויף זייער ארבייטס־קראפט, ווי ביליג זיי וואָלטען זי ניט פארקויפט. זיינען די ארבייטער ארומ־געגאנגען מיט ליידיגע מאגענס, איז זיי אויך ניט געקראָכען אין קאָפּ די פּרעדיגען פונ׳ם „אידישען ארבייטער פאראיין״. און ניט האָבענדיג קיין אטמאָספערע, וואו צו אטהעמען, האָט דער פאראיין ביסלעכווייז אָנגעפאנגען צו פארוועלקען און אָפּשטארבען.

אין 1887 האָט זיך דער „אידישער ארבייטער פאראיין״ אויפ־געלייזט.

די אנארכיסטען האָבען געגרינדעט אן אייגענע אָרגאניזאציע: „די פּיאָנערען דער פרייהייט״.

די סאָציאליסטען, ווידער, האָבען אין א פּאָר וואָכען ארום, ווי דער „אידישער ארבייטער פאראיין״ איז פאנאנדערגעפאלען, גע־גרינדעט דעם אכטען בראנטש פון דער סאָציאליסטישער ארבייטער פּארטיי און זיינען דערמיט געוואָרען אקטיווע טהוער אין אלע קאמ־פּאניעס, וואָס די סאָציאלטשיסיע לייבאָר פּארטיי האָט אָנגעפיהרט.

ביי די אידישע סאָציאליסטען זיינען געווען זעהר פּאָפּולער אב. קאהאן, מ. זאמעטקין, מאָרים הילקוויט, לואי מילער און אנדע־רע.

עס איז אויך נויטיג צו דערמאָהנען אן אנדער אָרגאניזאציע, אזוי צו זאָגען אן אומפּארטייאישע, וואָס האָט געשפּיעלט א ראָליע אין יענער צייט. דאָס איז „דער רוסישער פּראָגרעסיווער פאר־איין״ (ניט צוזאמען צומישען מיט „דעם רוסישען ארבייטער פאר־איין״, וואָס האָט עקזיסטירט איינינע יאָהר פריהער).

בשעת דער „אידישער ארבייטער פאראיין“ האט געהאלטען ביים אויסהויכען זיין נשמה, האט ער זיך פאראייניגט מיט דער „רוסישער לייבאר ליסעאום ארגאניזאציע“, אוןביידע צוזאמען האבען געבילדעט דעם „רוסישען פראגרעסיווען פאראיין“.

אין דעם פאראיין זיינען געווען וועניג ארבייטער. זיינע מיט־גליעדער זיינען על פי רוב געווען אינטעליגענטען, סאציאליסטען, אנארכיסטען, ראדיקאלען און סתם קולטור טרעגער פון פארשיע־דענע שאטירונגען.

די שפראך איז דא ניט געווען אידיש, נאר רוסיש און ענגליש. די לעקטארס און רעדנער אויף די מיטינגען זיינען געווען עד־ווארד קינג, מ. זאמעטקין, ה. זאלאטאראוו, טש. ראיעווסקי, אב. קאהאן, לואי מילער, נ. אלעיניקאוו, מ. מינץ, ש. יאנאווסקי. עס האבען צו איהם אויך באלאנגט עמא גאלדמאן, אלעקסאנדער בערק־מאן, מארים ראזענפעלד און אנדערע.

דער הויפט טאן־געבער אין פאראיין איז געווען ל. באנדעס. לע־אן באנדעס (לואי מילער׳ס אן עלטערער ברודער) איז פון דערהיים געווען א טהעטיגער רעוואלוציאנער, א חשוב׳ער מיטגליעד אין „נאראדנאיא וואליא“. אין די רעוואלוציאנערע קרייזען פון זיין געבורטשטאדט ווילנא איז ער נאך אין זיינע גימנאזיסטען יאהרען געווען זעהר פאפולער אלס גרויסער אידעאליסט. ער איז געווען איינער פון זונדעלעוויטש׳עס צוויי לייטענאנטען. דער צווייטער איז געווען גר. וויינשטיין. איהם איז אויסגעקומען ניט איינמאהל צו פארזוכען דעם טעם פון די רוסישע טורמעס.

באנדעס האט עמיגרירט קיין אמעריקא אין 1887 און האט זיך גלייך אפגעגעבען דער סאציאליסטישער באוועגונג. ער איז גע־ווארען איינער פון די איינפלוסרייכסטע טהוער אין די רוסיש־אי־דישע קרייזען. איז געווען דער רעדאקטאר פון די רוסישע רעווא־לוציאנערע אויסגאבען.

ל. באנדעס איז געשטארבען פון שווינדזוכט זעהר יונג, דעם 9טען מערץ, 1890.

עס האט ניט לאנג געדויערט און אין רוסישען פראגרעסיווען פאראיין האבען זיך אנגעהויבען שטארקע מחלוקות צווישען די סא־ציאליסטען און די אנארכיסטען. די מחלוקות האבען זיך וואס ווייטער אלץ מעהר פארשארפט, ביז וואנען עס איז געקומען צו אן אפענעם קאנפליקט אין 1888.

די ארגאניזאציע האט פארמאגט א רוסישע דרוקעריי, א ביב־ליאטעק און א ביסעל געלד, און יעדער צד האט פארשטעהט זיך,


צוויי גרינדער פון א.ר.
גאָלדרינג דער קאָמי
סאַר (פאַריער קאָ
מונע) און גרינוואַלד
דער שמיד, וועלכע די
ערשטע, וואָס האָבן
אויסגעשטאַנען די
קוילען פון אונזער
„רונג“.
ד. גרינוואַלד
ווי ער זעט איצט אויס
מ. גאָלדרינג
ווי ער זעט איצט אויס

געוואלט האבען דעם פארמעגען ביי זיך אין די הענד. האט מען זיך זעהר היבש ארומגעקריגט.

די אנארכיסטען האבען אנגעקלאגט די סאציאליסטען צו דער סענטראל קאמיטע פון דער ס. ל. פ. פאר'ן „פארכאפען" דעם פאר־מעגען פון פאראיין.

דער הויפט אנקלעגער איז געווען ש. יאנאווסקי (צוזאמען מיט מ. גירזשדאנסקי'ן).

דער הויפט אנגעקלאגטער איז געווען לואי מילער. די אונטער־זוכונגס קאמיטע האט גע'פסק'ענט, אז די סאציאליסטען האבען רעכט.

דער קאמפף צווישען דיביידע ריכטונגען איז דערפון געווארען מעהר פארביטערט.

## דאס יאהר 1889.

נאכ'ן גט ביי די סאציאליסטען און אנארכיסטען האבען ביידע לאגערען אנטוויקעלט א גרויסע, א היציגע, א פלאם־פייערדיגע אגי־טאציע צווישען די אידישע ארבייטער.

יעדער צד האט געוואלט געווינען די ארבייטער אויף זיין זייט.

דער קאמפפס־פלאץ איז געווען — די יוניאנס.

אויף די יוניאן מיטינגען האט מען געפיהרט לאנגע דעבא־טען און דיסקוסיעס איבער סאציאליזם און אנארכיזם. צייט האַ־בען די אגיטאטארען פון ביידע ריכטונגען געהאט גענוג. פון פער־זענליכע תכליתים האט מען ניט גע'דאגה'ט. יא געגעסען, ניט גע־געסען, יא געשלאפען, ניט געשלאפען — אויף אזעלכע זאכען האט מען ניט געקוקט. די יונגעלייט זיינען געווען פול מיט האפענונ־גען, אז היינט־מארגען קומט די סאציאלע רעוואלוציע, און די הויפט פראגע איז נאר געווען, ו ו י א ז ו י זי וועט קומען, דורכ'ן שטים־קאסטען אדער אהן איהם, דורך יוניאנס, אדער דורך פראפאגאנדע דער טהאט.

די היציגע דעבאטען פלעגען פיהרען צו היציגע ארגומענטען און ניט זעלטען צו „שלאגענדע" ארגומענטען.

די ארבייטער האבען גערן באזוכט די מיטינגען און פלעגען מיטגעריסען ווערען מיט דעם ענטהוזיאזם פון די רעדנער. זיי זיי־נען געווען קאפאבל אפצוזיצען פארנאכט נאך שווערע ארבייט טעג גאנצע נעכט און הערען, וואס די גדולים זאגען מכח דעם „צו־קונפט־שטאאט".

די גאנצע אטמאספערע איז געווען דורכגענומען מיט באגייסטערונג. אין דער לופט האבען געהילכט סאציאליסטישע און אנארכיסטישע שלאג־ווערטער

דאס וואס מען האט געהערט אין די אווענטען אויף די פארזאמלונגען, האט מען אויף מארגען איבערגע׳חזר׳ט מיט מעהר פרישקייט אין די שעפער. ביי דער ארבייט האט מען זיך ניט ווינציגער געקאכט, ווי אין די האלס. אנדערע האבען מעהר אדער ווייניגער פארשטאנען, אין וואס עס האנדעלט זיך, אנדערע האבען סתם אין דער וועלט אריין איבערגע׳חזר׳ט אויטאמאטיש די טענות, וועלכע מען האט זיך אנגעהערט און מאנכע ווידער האבען זיך ניט געשעהמט מודה צו זיין, אז זיי ווייסען אליין ניט, אויף וואסער וועלט זיי זיינען, אז ביי זיי אין מח איז א מיש־מאש פון געדאנקען, אז די אלע געדאנקען האבען זיך אויסגעמישט אין א מין סאציאליסטיש־אנארכיסטישע קאשע, וועלכע זיי קענען ניט פארדייהען.

איין זאך איז זיכער:

די לשם־שמים׳דיגע מחלוקה, ווי און ווי אזוי די סאציאליסטישע רעוואלוציע וועט קומען, וואס פאר א פנים דער „צוקונפטשטאט“ וועט האבען, ווי ער וועט זיין געבויט, האט געווירקט און האט באגייסטערט די אידישער ארבייטער.

דער אמת פון פסוק: „קנאת סופרים תרבה חכמה“ (די קנאה צווישען לומדים פארגרעסערט דעם וויסען) האט זיך באשיינפערליך ארויסגעוויזען אין יענע יאהרען.

די סאציאליסטען האבען געוואלט געווינען די מאסען מיט סאציאליסטישע ארגומענטען, וואס זיי האבען גענאסען אין די מארקסיסטישע ביכער, און די אנארכיסטען מיט זייערע ארגומענטען, וואס זיי האבען געקראגען בירושה פון פרודאן, באקונין און אנדערע. בינו־לבינו זיינען די מאסען ערצויגען געווארען אין אן אטמאספערע, וואו עס האט געהערשט א רעליגיעזע פארגעטערונג פון די הויכע אל־מענשליכע אידעאלען.

די אנארכיסטען, ארויסגעהענדיג פון דעם שטאנדפונקט, אז וואס ערגער אלץ בעסער, דאס הייסט, וואס ערגער עס איז די לאגע פון די ארבייטער, אלץ גרעסער איז זייער רעוואלוציאנערע ענערגיע, האבען אין אנפאנג ניט געהאלטען, ניט נאר פונ׳ם פאליטישען קאמפף, נאר אפילו ניט פונ׳ם עקאנאמישען קאמפף. שפעטער אבער האבען זיי גופא זיך אריינגעווארפען אין דער יוניאן באוועגונג און האבען איינציגע יוניאנס אליין ארגאניזירט. די גרופע: „פיאנערען

דער פרייהייט" האט זיך אנגעשלאסען אן די געווערקשאפטען, צו וועלכע זי האט אין אנפאנג זיך פארהאלטען קאלט, מען קען זאגען פיינדליך, און געהאלפען אנפיהרען דעם קאמפף פאר טאג־טעגליכע אויסבעסערונגען.

אין יאהר 1889 איז געגרינדעט געווארען צווישען א סך אנדערע פראגרעסיווע און ראדיקאלע ארגאניזאציעס, די „וואירקינגמען'ס סעלף העלפ אסאסיאיישאן" (די ארבייטערס זעלבסט הילף אסאסי־איישאן) א רוסיש־אמעריקאנישער ארדען.

דער וויכטיגסטער אויפטהו אין דעם יאהר 1889 איז געווען דער באשלוס ארויסצוגעבען די „ארבייטער צייטונג", וואס האט אנגע־פאנגען צו ערשיינען דעם 7טען מערץ 1890.

דא איז אין פלאץ צוגעבען א קורצען איבערבליק איבער דער ראדיקאלער פרעסע, פעריאדישע און ניט־פעריאדישע אויסגאבען, פון די אכציגער יאהרען אין ניו יארק, ביז די „ארבייטער צייטונג".

די פרעסע איז אין קיין ארט ניט געווען אזוי פארבונדען מיט דעם לעבען, ווי אויף דער אידישער ארבייטער גאס. זי איז שטענ־דיג געווען דער אמת'ער שפיגעל פון דער באוועגונג. זי האט גע־בליהט צוזאמען מיט איהר און איז געפאלען, ווען די באוועגונג איז געווארען שוואך.

אונזער איבערזיכט איבער דער באוועגונג וואלט ניט זיין קיין פולער, אויב מען זאל ניט דערמאהנען איהר גייסטיגע פארקערפע־רונג — די פרעסע.

## די אידישע פרעסע אין אמעריקא אין די אכציגער יאהרען.

אין 1872 האט זיך באוויזען אין נויארק א אידישע צייטונג אונטער'ן נאמען „די אידישע פאסט" פון העגרי גרשוני. נאך פריי־הער איז געווען א צייטונג וואס איז ארויסגעגאנגען אין ענגליש, דייטש און אידיש. אין 1874 האט אנגעפאנגען צו ערשיינען די „אידישע גאזעטען", געגרינדעט פון כ. צ. שרה'זאן.

אין 1880 אין אין 1883 האט דער ארויסגעבער פרובירט צו פארוואנדלען די „אידישע גאזעטען" אין „טעגליכע גאזעטען", וואס האט אנגעהויבען צו ערשיינען פיר מאהל א וואך, אבער די פרא־בעס האבען זיך ניט איינגעגעבען.

ערשט מיט א צייט שפעטער איז די „אידישע גאזעטען" פאר־

בליבען א וואכען־בלאט און די טעגליכע צייטונג האט אנגעהויבען צו ערשיינען אלס דאס „יידישעס טאגעבלאט".

די „אידישע גאזעטען" אלס א כל ישראל צייטונג איז געווען פיינדליך צו די אידישע ארבייטער ארגאניזאציעס. זי האט באקעמפפט און באשמוצט די ארבייטער פיהרער און בכלל אלע ראדיקאלען. א צווייטע כל ישראל צייטונג איז ארויסגעגעבען געווארען פון וועקסלער („ניו יארקער צייטונג"). איהר שטעלונג איז געווען די זעלביגע ווי פון די „אידישע גאזעטען".

אז די אידישע ארבייטער באוועגונג האט אנגעהויבען צו וואקסען, האט זיך גלייך אנגעהויבען צו פיהלען א גרויסע נויטווענדיגקייט אין אן ארגאן, וואס זאל באלייכטען דעם קאמפף פון די ארבייטער.

די אונגארישע און גאליציישע אידישע סאציאליסטען האבען שוין אין אנפאנג 1885 געמאכט א פארזוך צו גרינדען*) א קאאפעראטיווע פאבלישינג אסאסיאיישאן.

עס איז צונויפגענומען געווארען א היבשער פאנד און עס איז שוין באשלאסען געווארען ארויסצוגעבען מיט דער הילף פון דעם „רוסיש־אידישען ארבייטער פאראיין" אן אפיציעלען פארטיי ארגאן אין אידיש אונטערן נאמען „דער סאציאליסט".

דער באשלוס איז אבער ניט אויסגעפיהרט געווארען און דער „אידישער סאציאליסט" האט קיין מאהל ניט זוכה געווען צו זעהן די ליכטיגע וועלט. ער איז געשטארבען נאך איידער ער איז געבוירען געווארען.

די ערשטע ראדיקאלע צייטונג אין ניו יארק איז געווען א פריוואטע און האט געהייסען „די נייע צייט". די רעדאקטארען (אויך די הויפט מיטארבייטער) פון דער צייטונג זיינען געווען טש. ראיעווסקי און אב. קאהאן. דער ארויסגעבער איז געווען דר. ראיעווסקי, וואס פלעגט אלע זיינע פארדינסטען (פון פינף ביז זעקס דאלאר א וואך) אריינבראקען אין דער אויסגאבע.

דער ערשטער נומער איז ערשיענען שבועות, אנפאנג יוני 1886. דער ערשטער ארטיקעל (לייט־ארטיקעל) האט געהייסען „שבועות און סאציאליזמוס".

„די נייע צייט" האט עקזיסטירט אן ערך צוויי מאנאטען. ענדע יולי איז איהר אויסגעגאנגען די כוחות און איז געווארען א נפטר.

---

*) זעה אויבען, קאפיטעל: „די שניידערס און זייערע ארגאניזאציעס".

דעם 25טען יוני פון דעם זעלביגען יאָהר (1886) האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען די „ניו יאָרק אידישע פאָלקס צייטונג". די ארויסגעבער זיינען געווען ברונס און קאנטאר,ביידע סאָציאליסטען.

די רעדאקטאָרען פון דער צייטונג זיינען געווען אב. ברעסלאָווסקי (דר. ברעסלאוו) און מאָזעס מינץ (דר. מינץ). די צייטונג האָט עקזיסטירט דריי און א האלב יאָהר ביז דעם 20טען דעצעמבער 1889. פאר דער צייט איז ארויסגעגעבען געוואָרען 187 נומערן. אין דער צייטונג זיינען ערשיענען טעאָרעטישע ארטיקלען וועגען סאָציאליזם און פארשיעדענע צווייגען פון דער נאטור וויסענשאפט, אם מעהרסטען איבערזעצונגען. אין איהר איז אויך געווען געדרוקט אין פאָרטזעצונגען אן איבערזעצונג פון מארקס'עס „לוין און קאפיטאל".

די צייטונג האט עהרליך געדינט די ארבייטער אינטערעסען און האט פיעל מיטגעהאָלפען דעם ארבייטער קאמפף.

מאָריס ראָזענפעלד'ס ערשטע ליעדער זיינען ערשיענען אין דער „ניו יאָרקער אידישער פאָלקס צייטונג".

די אָרגאניזירטע אידישע ארבייטערשאפט האָט די אויסגאבען געהאלטען פאר א י ה ר צייטונג.

אין 1888 האָט אָנגעפאנגען צו ערשיינען א פריוואָטע סאָציאליסטישע צייטונג „די נייע וועלט" אונטער דער רעדאקציע פון טש. ראיעווסקי, דער גרינדער און רעדאקטאָר פון פריהערדיגער „די נייע צייט". „די נייע וועלט" האָט ניט געהאט מעהר גליק ווי „די נייע צייט". עס איז פון איהר ערשינען ניט מעהר ווי פינף נומערן.

אין דעם זעלביגען יאָהר, (דעם 27טען יולי 1888) האָט אָנגעפאנגען ארויסצוגעהן אן ארבייטער פריינדליכע צייטונג „דער פאָלקס אדוואָקאט", אונטער דער רעדאקציע פון געצעל זעליקאָוויץ. דער ארויסגעבער איז געווען מייקעל מינץ. די נאָהענטסטע מיטארבייטער אין דער צייטונג זיינען געווען: אב. קאהאן און דר. זאָלאָטאראָוו.

פון „פאָלקס אדוואָקאט" איז שפעטער אויסגעוואקסען דער טעגליכער „אידישער העראָלד", וואָס איז אין 1905 פארוואנדעלט געוואָרען אין דער „װארהייט".

אָט די אויסגערעכענטע אויסגאבען זיינען געווען פריוואטע אונטערנעהמונגען.

די ערשטע ראדיקאלע צייטונג, וואָס האָט ניט באלאנגט צו

פריוואט אייגענטהימער, איז געווען די „ווארהייט“, ארויסגעגעבען פון די „פיאָנערען דער פרייהייט“.

די „ווארהייט“ האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען אלס א וועכענט־ליכע אכט־זייטיגע צייטונג דעם 25טען פעברואר 1889.

ווען דער קאמפף מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָט זיך צו־פלאַקערט, האָבען די אנארכיסטען באשלאָסען צו האָבען אן אייגע־נעם אָרגאַן, וואו זייער שטאנדפונקט זאָל קלאָהר ווערען אויסגע־דריקט.

ביז דעמאָלס האָבען די היגע אנארכיסטען געגריגדעט פּרעס־גרופּען („ריטער דער פרייהייט“) ניט פאר אן אייגענער צייטונג, נאָר מיט דעם צוועק אונטערצושטיצען דעם לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד“.

אין אָנפאנג האָבען די אנארכיסטישע „פּיאָנערען“ געוואָלט די „ווארהייט“ מאכען פאר אן אומפארטייאישע צייטונג און האָבען געהאַט בדעה ארונטערצוברענגען פון לאָנדאָן אלס רעדאקטאָר מ. ווינטשעווסקי, ווענען מען האָט געהאַלטען, אמת, פאר א סאָציאַ־ליסט, אָבער ניט פאר אן אנארכיסטען־פרעסער.

ווינטשעווסקי האָט דעם פאָרשלאַג ניט אָנגענומען און עס איז ארונטערגעבראכט געוואָרען פון לאָנדאָן צו רעדאקטירען די צייי־טונג י. יאפּפּע, דער הויפּט אנארכיסטישער שרייבער אין „אר־בייטער פריינד“. א חוץ יאפּפּע, זיינען צווישען די נאָהענטע מיט־ארבייטער אין דער „ווארהייט“ געווען ה. זאָלאָטאראָוו, דער פּאָעט דוד עדעלשטאַט, ש. יאנאָווסקי, מ. קאַץ, ר. לואיס און י. א. מע־ריסאָן, וואָס האָט געשריבען אונטערן פּסעוודאָנים פּ. א. פראנק.

פון דער „ווארהייט“ זיינען ערשיענען 20 נומערען. וואָס ווייי־טער האָט די „ווארהייט“ אלץ שארפער אטאקירט די סאָציאַל־דע־מאָקראַטען און זי האָט ניט ווייניג מיטגעהאָלפען, דער תהום צווי־שען די סאָציאַליסטען און די אנארכיסטען זאָל ווערען טיעפער און ברייטער.

אין דער צייט, ווען די „ווארהייט“ איז ארויסגעגעבען געוואָ־רען, האָט ביי די סאָציאַליסטען צוריק אויפגעלעבט דער פריהערדי־גער געדאנק פון א „קאָאָפּעראַטיווער פּאָבלישינג“ ארויסצוגעבען אן אייגענעם סאָציאַליסטישען אָרגאַן — אן אָרגאַן, וואָס זאָל קאָנטראָ־לירט ווערען ניט פון פּריוואַטע לייט, נאָר פון דער פּארטיי.

די „נ. י. אידישע פאָלקס־צייטונג“ ניט קוקענדיג, וואָס זי איז געווען פריינדליך געניינט צו די סאָציאַליסטען, האָט ניט

אלעמען באפרידיגט. זי איז פארט געווען א פריוואטע אונטערנעה־מונג און האט געהאט אין זינען מעהר די אייגענע אינטערעסען, ווי די אינטערעסען פון דער סאציאליסטישער באוועגונג. די געווערק־שאפטען איז א געוויסע צייט אין גאנצען פון איהר געווארען איג־נארירט, און ווען ניט די שתדלנות פון א קאמיטע, וואס איז בא־שטאנען פון מ. הילקאוויטש, ש. מנקר און הובער, וואלטען אפילו איהרע באריכטען ניט געווען געדרוקט.

בשעת די „ווארהייט" איז אונטערגעגאנגען, האבען די אנאר־כיסטען געזוכט שלום צו מאכען מיט די סאציאליסטען, ארויסצו־געבען אן אומפארטייאישע צייטונג.

די „פיאנערען דער פרייהייט" האבען אראנזשירט א קאנווענ־שאן, אויף וועלכער עס זיינען איינגעלאדען געווארען אלערליי רא־דיקאלע ארגאניזאציעס, סאציאליסטישע, אנארכיסטישע און רא־דיקאל־קולטורעלע.

די קאנווענשאן איז פארגעקומען דעם 25טען דעצעמבער, 1889, אין עסעקס מארקעט האל, עסעקס, קארנער גרענד סטריט.

די קאנווענשאן איז געווען איינע פון די אינטערעסאנטסטע אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

די בעסטע אינטעליגענץ איז דארטען געווען פארטראטען. די שעהנסטע רעדנער און דעבאטאנטען האבען זעקס טעג און נעכט איבערגעזיפט און איבערגעדראשען אלע מעגליכע ארגומענטען פאר אן אומפארטייאישע, ווי די אנארכיסטען האבען געוואלט, אדער פאר א פארטייאישע צייטונג, ווי די סאציאל־דעמאקראטען האבען געפאדערט.

די קאנווענשאן האט מיט זיך פארגעשטעלט א שלאכט־פעלד, וואו איינער זוכט צו באזיגען דעם צווייטען ניט מיט קאלטע און הייסע געוועהר, נאר מיט געדאנקען, מיט ליידענשאפטליכע רע־דעס, מיט סברות — און דער עיקר מיט באגייסטערונג.

אלע זיינען געווען באגייסטערט, ווער פאר'ן סאציאליזם, ווער פאר'ן אנארכיזם.

די קרעפטען האבען זיך צוטיילט העלפט אויף העלפט.

ווען נאך די אויפגערעגטע, היציגע דעבאטען איז מען געקומען צום אבשטימען, איז דער רעזולטאט געווען: 21 שטימען פאר א פארטייאישע סאציאליסטישע צייטונג און 20 פאר דעם פארשלאג פון די אנארכיסטען צו גרינדען אן אומפארטייאישע צייטונג.

די סאציאל־דעמאקראטען האבען, הייסט עס, דא געזיעגט מיט

איין שטימע. מ. זאמעטקין איז אויף דער קאנווענשאן געווען גע־נייגט צו דעם אנארכיסטישען פלאן. ער האט זיך אין דער אפשטי־מונג ניט באטייליגט.

דער הויפט פיהרער אין דעם סאציאליסטישען לאגער איז גע־ווען לואי מילער.

די קאנווענשאן האט זיך ביי אזא „קלאוזד־וואוט" געשפאלטען און די סאציאליסטען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען אב. קא־האן, די פארטרעטער פון די געווערקשאפטען און אנדערע יוני־אנס, זיינען אוועק אויף 201 ברום סטריט און האבען באשלאסען ארויסצוגעבען ניט א „פארעווען", נאר אן עכט פארטייאישען סא־ציאליסטישען ארגאן אונטער'ן נאמען „די ארבייטער צייטונג".

די אנארכיסטען, ווידער, האבען געענדיגט זייער קאנווענשאן מיט דעם באשלוס ארויסצוגעבען אן אומפארטייאישע סאציא־ליסטיש־אנארכיסטישע, אדער אן אנארכיסטיש־סאציאליסטישע צייט־טונג, וואס זאל ווערען רעדאקטירט פון צוויי רעדאקטארען, אן אנארכיסט און א סאציאליסט.

איידער מיר שליסען דעם קאפיטעל, מוזען מיר נאך דערמאנען א פריוואטע ראדיקאלע צייטונג „דער מארגענשטערן", וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון אפרים לאנדאו, מאיר לאנדאנ'ס פא־טער.

די צייטונג האט אנגעפאנגען ארויסצוגעהן דעם 17טען יאנואר 1890. זי איז אבער פארטראכט געווארען אביסעל פריהער און דע־ריבער באלאנגט זי צו דער פרעסע פון די אכציגער יאהרען.

דער רעדאקטאר פון „מארגענשטערן" איז געווען דר. בראס־לאווסקי.

דער „מארגענשטערן" האט גע'ירש'ענט פון דער „ניו יארקער אידישער פאלקס צייטונג" ניט נאר דעם רעדאקטאר, נאר אויך איהר פראגראם און ריכטונג. זי האט זיך געשטעלט צו זיין אומ־פארטייאיש אין דעם קאמפף צווישען די סאציאליסטען און אנאר־כיסטען.

די „אומפארטייאישקייט" האט אבער אין קורצען געפיהרט דעם „מארגענשטערן" צו זיין פארטייאיש געגען די „פארטייאישע" סאציאליסטען, וועלכע האבען באקעמפפט די פארעווע אומפארטיי־אישקייט.

עס האט ניט לאנג געדויערט און ארום „מארגענשטערן" הא־בען זיך אנגעהויבען צונויפקלייבען די „אומפארטייאישע" אנאר־

כיסטען און אונטער זייער איינפלוס איז דער „מארגענשטערן" פאקטיש געווארען דער ארגאן פון די אנארכיסטען.

דר. בראסלאווסקי האט רעזיגנירט און די צייטונג איז רעדאקטירט געווארען פון די „אומפארטייאישע" אנארכיסטען, י. יאפפע און א. טאנענבוים.

אין די פאר מאנאטען, ווען דער „מארגענשטערן" איז ארויסגעגאנגען אין איין צייט מיט „דער ארבייטער צייטונג", איז ער געווען די איינציגע פאזיציע, פון וואנען די אנארכיסטען האבען געשאסען זייערע פייערדיגע ווערטער אויף די סאציאל־דעמאקראטען פון דער „ארבייטער צייטונג".

דריי און צוואנציג נומערען זיינען ערשיענען פון דעם „מארגענשטערן". ענדע יוני 1890 האט די צייטונג אויפגעהערט ארויסצוגעהן.

## „די ארבייטער צייטונג" און די „פרייע ארבייטער שטימע". — די מחלוקות ארום זיי.

דער באשלוס ארויסצוגעבען די „ארבייטער צייטונג" האט ארויסגערופען אן אומגעהייער גרויסע באגייסטערונג צווישען די סאציאליסטיש־געניייגטע אידישע ארבייטער.

אין פארלויף פון דריי מאנאטען איז צונויפגעקליבען געווארען א פאנד פון איבער טויזענד דאלאר, וואס איז אין יענער צייט געווען א ריזיגער קאפיטאל.

אלע גענאסען — די ארבייטער ווי די אינטעליגענטען — האבען זיך אריינגעווארפען אין דער באוועגונג צו האבען אן אייגענעם ארגאן מיט לייב און לעבען. זיי זיינען געגאנגען פון שאפ צו שאפ, פון מיטינג צו מיטינג און האבען אגיטירט מיט א גוואלדיגער התלהבות פאר דער אונטערנעהמונג.

ווען דער ערשטער נומער „ארבייטער צייטונג" איז ערשיענען דעם 7טען מערץ 1890, האט מען איהם אויף דער אידישער ארבייטער גאס באטראכט ווי א מעטעאר, וואס פליהט דורך אויפ'ן הימעל און זאגט אן פון א נייער גליקליכער וועלט, וואו עס וועט הערשען אייביגע ווארהייט, גערעכטיגקייט און שעהנקייט. דאס איז געווען א מין שטורעם־פויגעל, וואס האט פאראויסגעזאגט א גרויסען פייערדיגען קאמפף, וואס וועט זיך ענדיגען מיט א פולקאמענעם זיעג פון די ארבייטס־לייט.

דער ארויסגעבער פון דער צייטונג איז געווען „די ארבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאַן“. ער רעדאקטאר איז געווארען פיליפּ קראַנץ, וועמען מען האָט פאר דעם צוועק ארויסגערופען פון לאָנדאָן, וואו ער איז געווען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעדאַקטאָר אינ׳ם „ארבייטער פריינד“.

די אידישע געווערקשאַפטען, וואָס האָבען שוין געהאַט פאראייניגט דריי אונ דרייסיג אידישע יוניאָנס, האָבען גלייך ערקלעהרט די „ארבייטער צייטונג“ פאר זייער אָפיציעלען אָרגאַן.

די אנארכיסטען האָבען אויך ניט געדרעמעלט. זיי האָבען פון זייער זייט ענטוויקעלט א גרויסע, פיעלפאַכיגע, פארצווייגטע טהעטיגקייט, ניט נאָר אין ניו יאָרק, וואו די סאָציאַליסטען האָבען געהאַט די אויבערהאַנד, נאָר אויך אין פילאַדעלפיא, באָסטאָן, שיקאַגאָ, באַלטימאָר און אַנדערע צענטרען. און גלייך ווי דער „מאָרגענשטערן“ איז אונטערגעגאנגען, האָבען זיי אָנגעפאנגען ארויסצוגעבען זייער „אומפּאַרטייאישע“ צייטונג „די פרייע ארבייטער שטימע“.

אומפּאַרטייאיש לויט׳ן באשלוס, האָט מען באַדאַרפט האָבען צוויי רעדאקטאָרען, אַן אנארכיסטישען און א סאָציאַל־דעמאָקראַטישען. אַן אנארכיסטישען איז געווען לייכט צו קריגען. דאָס איז געווען ר. לואיס, איינער פון די הויפּט פיהרער, רעדנער און שרייבער. מיט א סאָציאַליסטישען איז געווען אביסעל צרות. די סאָציאַליסטען זיינען כמעט אלע געווען מיט דער „ארבייטער צייטונג“.

מען האָט געשריבען צו ב. פייגענבוים, וואָס איז דעמאָלסט געווען אין לאָנדאָן, ער זאָל איבערנעהמען צו זיין דער אומפּאַרטייאישער סאָציאַליסט. אויף פייגענבוים׳ען האָט מען געזאָגט, אז ניט קוקענדיג, וואָס ער איז א גוטער סאָציאַליסט, איז ער אָבער אביסעלע געכאַפּט אין אַנאַרכיזם. אגב האָט מען דאָס נאָכגעטהאָן די סאָציאַליסטען. ז י י האָבען אויסגעשריבען א רעדאַקטאָר פון לאָנדאָן, וועלען מ י ר (די אנארכיסטען) זיי באווייזען, אז מיר קענען דאָס אויך טהאָן.

פייגענבוים האָט די איינלאַדונג ניט אָנגענומען. ער האָט געהאַלטען, אז „דער „אומפּאַרטייאישער“ שטאנדפּונקט פון די „פרייע ארבייטער שטימע“ איז אַן אומזין. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען וועלען אָנפיהרען א וואהל־אגיטאַציאָן, די אנארכיסטען וועלען דאָס

שטערען מיט אלע זייערע קרעפטען, ווי אזוי קענען זיי אפילו איין שריט געהן צוזאמען?"*)

אז פייגענבוים האט זיך אפגעזאגט, איז דער סאציאליסטישער רעדאקטאר פון „די פרייע ארבייטער שטימע" געווארען דער שטענדיג פארטייאיש-אומפארטייאישער, דא ניט לאנג פארשטארבענער יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי.

באוואפענט מיט צייטונגען האבען די מחלוקות צווישען די סאציאל-דעמאקראטען און אנארכיסטען אנגענומען א מעהר לייַדענשאפטליכע פארמע.

ביידע צדדים האבען אנגעשטריינגט זייערע כחות צו געווינען די יוניאנס אויף זייער זייט. „די פרייע ארבייטער שטימע" האט געשאטען פעך און שוועבעל אויף „די ארבייטער צייטונג" און די „ארבייטער צייטונג" האט, פארשטעהט זיך, ניט געשאנעוועט צו געבען חזרה דער „פרייע ארבייטער שטימע". אין ברען פון דער מחלוקה איבער'ן „שטים-קאסטען" און „פאליאטיווען", זיינען געווארפען געווארען פערזענליכע באשולדיגונגען, בלבולים און זלזולים. איין צד האט געזוכט פון אונטער דער ערד אלערליי רכילות צו קאמפראמעטירען דעם געגנער. מען האט זיך איינע די אנדערע פארגעווארפען וואס אין קארט שטעהט. האבען די אנארכיסטען ארגאניזירט א יוניאן מיטינג, פלעגען קומען די סאציאל-דעמאקראטען און באווייזען, אז „די פארעווע לאקשען" (די אנארכיסטען, וואס האבען פרעטענדירט צו זיין אומפארטייאיש), זיינען ניט עהרליך, אז אין אמת'ן האלטען זיי גאר ניט פון עקאנאמישען קאמפף, והא ראיה, זיי האבען אלע מאהל גע'טענה'ט, אז דער עקאנאמישער קאמפף איז ניט מעהר ווי א „פאליאטיוו", אז זיי קומען צו די יוניאנס, כדי זיי צו פארנארען און אפנארען.

די אנארכיסטען, ווידער, האבען געשיקט זייערע אנהענגער צו צושטערען סאציאליסטישע מיטינגען, און האבען די סאציאליסטישע רעדנער גערופען „קרעמער פון גראשענעם גלויבען", דעמאגאגען, אונאויפריכטיגע, פאליטישענס, שווינדלער און בודלער, וועלכע ווילען פארקויפען די ארבייטער בכורה פאר א טאפ לינזען. די רעפארמען זיינען ניט ווערט א שאס פולווער. דאס זיינען „ קליינבירגערליכע אונטערנעהמונגען". די ארבייטער טארען זיך פון די „קאמפראמיסלער" און „אפארטוניסטען" ניט לאזען פארפיהרען. די אנארכיסטען האבען אויך געהעצט די „קאונטרי" געגען ניו

*) פערזענליכע עראינערונגען פון ב. פייגענבוים. אב. קאהאנ'ס יובילעאום שריפט.

יארק (וואס האט געמיינט געגעז דער „ארבייטער צייטונג"), זיי האבען געשריען, אז „ניו יארק" האט פארכאפט די גאנצע מאכט און האט אין דער ערד די קאונטרי געגאסען.

דער קאמפף האט זיך ניט באנוגענט מיט ניו יארק אליין, ער האט זיך אריבערגעטראגען אין פילאדעלפיא, וואו די אנארכיסטען האבען ארויסגעגעבען א צייטונג („שטאאט צייטונג").

אויך די אידישע יוניאנס זיינען געווען צוטיילט אין צוויי לאגערען

די „יונייטעד גארמענט וואירקערס אוו אמעריקא", וואס איז געגרינדעט געווארען מיט דער הילף פון די סאציאליסטען, האט אנערקענט די „ארבייטער צייטונג" פאר איהר אפיציעלען ארגאן. די אנארכיסטען האבען אזא „פארברעכען", פארשטעהט זיך, ניט געקענט דערלאזען, און האבען אנגעפאנגען א קאמפאניע אונטערצוגראבען די י. ג וו.

מיט דער הילף פון „די פרייע ארבייטער שטימע" זיינען געגרינדעט געווארען אפאזיציאנעלע יוניאנס. די יונייטעד גארמענט וואירקערס האבען זיך אנגעשלאסען אן דער אמעריקאן פעדערייששאן אוו לייבאר און עס האט דארטען אנגעהויבען צו שוועבען דער גייסט פון „פיור ענד סימפעל". ווען גאמפערס'עס חסידים האבען געקראגען די אויבערהאנד, זיינען ווידער אויפגעבראכט געווארן די סאציאליסטען גופא. האבען זיך די מחלקות נאך מעהר פארשארפט.

עהנליכע רייבונגען זיינען פארגעקומען ביי די שריפטזעצער.

נאך מעהר ווי ביי די שריפטזעצער און ביי די שניידערס, האט זיך דער קאמפף צופלאקערט צווישען די קלאוקמייקערס.

אין אנהויב 1890 האט די געווערקשאפטען, אויף דעם פארלאנג פון די אינסייד ארבייטער, גענומען ארגאניזירען א יוניאן פון קלאוקמאכערס.

די געווערקשאפטען האט אויסגעקליבען דריי פון איהרע מיטגליעדער, זיי זאלען טהאן די ארבייט.

די דריי זיינען געווען: ב. וויינשטיין, מישאק און יאזעף באראנדעס (דעמאלסט א טהוער ביי די ניעפענטס מייקער).

באראנדעס איז געווארען זעהר אקטיוו אין ארגאניזירען די קלאוקמאכער. זיין פאלקסטימליכע נאטור און זיין גרויסער רעדנער־טאלאנט און איבערהויפט זיין איבערגעבענהייט, האבען איהם דערהויבען צום פאפולערסטען פיהרער איבער די ניט־דיסציפלינירטע קלאוק־ארבייטער. ער איז געווארען ביי זיי דער אמת'ער פאלקס־טריבון.

צוליעב זיין אונערמיעדליכער ארבייט און גרויסען איינפלוס, האבען די קלאוקמאכער זיך ארגאניזירט. באראנדעס, גופא, איז געווארען דער ביזנעס מענעדזשער פון דער יוניאן. איבער זיבען טויזענד קלאוקמאכער זיינען אריינגעקומען אין א קורצער צייט אין דער יוניאן.

נים פעסט אין זיינע איבערצייגונגען, האט בארא‏נדעס זיך געוואקעלט צווישען די סאציאליסטען און אנארכיסטען. אויף דער קאנווענשאן, וואו עס איז באשלאסען געווארען צו גרינדען „די ארבייטער צייטונג", איז ער געקומען אלס ס א צ י א ־ ל י ס ט י ש ע ר דעלעגאט פון די ניפענטס מייקער. בטבע איז ער געווען מעהר געניייגט צו די אנארכיסטען.

אין דער יוניאן זיינען זיינע אנגעשטעלטע מעהרסטענס געווען אנארכיסטען. מיט זיין הילף איז דער היציגער, פלאם־פייערדיגער אנארכיסט ראמאן לואיס געווארען דארטען א בעאמטער.

ווען די יוניאן איז געווארען שטארק, האבען זיך די מאנופעק־טשורערס ארגאניזירט אין אן אסאסיאיישאן און האבען געווארט אויף א פאסיגע צייט, די יוניאן צו פארניכטען.

אזא צייט איז געקומען.

א געוויסע פירמע, „גאלדסמיטה און פלאט", האט אוועקגע־שיקט אן ארבייטער (דעם סעמפעל שניידער האפמאן), וועלכער האט געקיבעצט איינעם פון די באלעבאטים. די יוניאן האט גע־פאדערט, דער ארבייטער זאל צוריק אנגעשטעלט ווערען. די פיר־מע האט דאס ניט געטהאן, איז ערקלעהרט געווארען א סטרייק אין דעם שאפ פון דער פירמע. די קאטערס האבען ערקלעהרט, אז אויב די פירמע גיט ניט נאך די פאדערונג פון דער יוניאן, און שטעלט ניט אן צוריק דעם אפגעזאגטען ארבייטער, וועלען זיי אויך ווארפען די ארבייט.

דערויף האבען די צעהן מאנופעקטשורערס פון דער אסאסי־איישאן געענטפערט מיט א לאק־אוט.

פיער טויזענד ארבייטער זיינען דורכ'ן סטרייק און לאק־אוט געבליבען אהן ארבייט.

נאך א זעכצעהן וואכיגען קאמף, האבען די באסעס זיך אונ־טערגעגעבען.

די יוניאן האט געוואונען איהרע פאדערונגען און איז אפיציעל אנערקענט געווארען פון דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן.

בשעת'ן סטרייק פלעגען אויפטרעטען אלס רעדנער אויף די מיטינגען קאהאן, מילער, זאמעטקין, הילקאוויטש און אנדערע סא־

ציאל־דעמאקראטען. זיי האבען געקראגען אן איינפלוס אויף דער יוניאן און דערמיט אונטערגעגראבען דעם צוטרוי צו די אנארכיס־טען, איבערהויפט צו באראנדעס׳ן.

די יוניאן איז צוטיילט געווארען אין צוויי פיינדליכע לאגערען, אין סאציאליסטען און באראנדעסיסטען (וואס האט דעמאלסט גע־מיינט אנארכיסטען).

די געווערקשאפטען אלס א סאציאליסטישע ארגאניזאציע, איז געווען געגען באראנדעס׳ן און די באראנדעסיסטען זיינען געווען גע־גען דעם, אז די קלאוקמאכערס זאלען באלאנגען צו די געווערקשאפ־טען.

די מחלוקות אין דער קלאוקמאכערס יוניאן האבען זיך פאר־פלאכטען מיט דעם קאמפף, וואס איז אנגעגאנגען ביי די שניי־דערס און ביי די שריפטזעצער, און די אידישע ארבייטער גאס האט ניט נאר געפלאקערט מיט דעם פייער פון באגייסטערונג, נאר איז אויך געווען פול מיט דעם רויך פון רכילות, בלבולים, חשדים און אנצוהערענישען אויף אומעהרליכקייט.

און דער פשוט׳ער ארבייטער?

ביי איהם איז געווארען א מישענינע אין מוח, א קאלעקאטקע פון ווערטער, וועלכע ער האט ניט פארשטאנען. די לופט, וואו ער האט געאטהעמט, איז געווען אנגעפילט מיט שנאה און אן ענג־הארציגען פאנאטיזם.

אום צו פארשטעהן וואס די פאלקס־מענשען האבען געדענקט וועגען די רייסערייען, וועלען מיר דא ציטירען א „שטימע פון פאלק", פון איינעם מארים ווינטשעווסקי?, וואס האט זיך אונטערגעשריי־בען „מיט אנארכיסטישען גרוס".

„...איך האב בייגעוואהנט אייניגע אנארכיסטישע און סאציאל־דעמאקראטישע פארזאמלונגען אין דער האפענונג צו לעהרנען עטוואס וועגען די סאציאלע פראגען און דערביי פארשטעהן, וועלכע פארטיי האט מעהר רעכט. ליידער אבער קען מען צו קיין רעזולטאט קיין מאהל ניט קומען; ווייל ווי עס פאנגען זיך אן די דעבאטען, פארקריכען די רעדנער אין פערזענליכקייטען, און אנשטאט די אומגעבילדעטע מאסען זאל קענען עטוואס לעהרנען פון די דעבאטען, פארשטויסען זיי דאס פאלק פון זיך דורך זייערע שימפפערייען; אנשטאט צו דעבאטירען וועגען דער אידעע, פאנגען זיי זיך אן צו זידלען מיט אלען שמוציגע ווערטער. היינט, וואס קען דאס פאלק פון אזעלכע דעבאטען לעהרנען? זיי פארלירען דא־

דורך דעם צוטרויען צו די רעדנער, און דיינקען דאס יעדער פון זיי זוכט נאר זיין אייגענעם נוצען.

לײדער טרעפט אויף די פארזאמלונגען זייער אפט דאס די רעדנער פארקריכען ביי די דעבאטען אין פערזענליכע שימפפערייען און פארגעסען אן דער טהעמא, וואס זיי האבען אנגעפאנגען צו דעבאטירען, ווי דער פאל האט געטראפען זונטאג דעם 26טען אקטאבער ביי די גרופעס „ריטער דער פרייהייט", וואו געגנאסע גארדאן איז פארקראכען אויף שימפפערייען אויף געגנאסע פרענער'ן, און זונטאג אבענד דעם 2טען נאוועמבער, ביי דער פארזאמלונג פון די סאציאל־דעמאקראטען האט געגנאסע זאמעטקין געשימפפט איבער געגנאסע גראטץ און פרענער, וועהרענד די דעבאטע; ווי געוועהנליך, איז דערפון ארויסגעקומען אונרוהען צווישען די צוהערער, און מען האט געמוזט שליסען די פארזאמלונג פאר דער צייט.

אלזא, אין נאמען פון דעם פאלק, פאר וועלכען איהר קעמפפט צו פארבעסערען זיין לאגע און ווילט איהם לעהרנען — פאדער איך אויף אונזערע געגנאסען, דאס ביי די דעבאטען זאלען זיי ניט פארגעסען וועגען וואס זיי דעבאטירען, אויך ניט אוועק פון דער טהעמא און פארקריכען אויף שימפפערייען איינער אויף דעם אנדערען! און זאלען אונז בעסער לערנען ריכטיג די אידעען פון סאציאליזמוס און ווי אזוי מיר זאלען קומען צו דער סאציאלער רעוואלוציע..."

(די „פרייע ארבייטער שטימע", ניו יארק, פילאדעלפיא, פרייטאג, 14טען נאוועמבער, 1890, 1טער יאהר, נומ. 20).

אויסער דעם:

די „נאיטס אוו לייבאר" האט דעם אידישען ארבייטער גערופען צו זיך און די „אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר" האט איהם געשלעפט אין אן אנדער זייט. די אנארכיסטען האבען איהם געזאגט, ער זאל טהאן איין זאך, און די סאציאל־דעמאקראטען, האבען איהם באשווארען, ער זאל זיך ניט לאזען פון זיי איינריידען, ווייל זיי פארפיהרען איהם אין אלע שווארץ יאהר. האבען איהם איינע איבערצייגט, אז די יוניאנס דארפען אויך נעהמען אן אנטייל אין פאליטישען לעבען, זיינען געקומען אנדערע און האבען געטענה'ט פונקט פארקעהרט. די יוניאנס דארפען זיין „פיור ענד סימפעל", ריינע עקאנאמישע ארגאניזאציעס און דארפען ניט האבען צו טהאן מיט פאליטיק.

די „ארבייטער צייטונג" האט איהם ניט אויפגעהערט צו אי־בערציינגען, אז זי איז ז י י ן „ א י י נ צ י ג ע צ י י ט ו נ ג", די אמת'ע, די אויפריכטיגע. איז געקומען די „פרייע ארבייטער שטימע" און האט אריינגעשריען אין זיין צווייטען אויער, אז די אמת'ע ארבייטער שטימע איז ז י גאר, אז עכטע, א פרייע אר־בייטער שטימע, און קיין ארבייטער טאר זיך ניט איינהערען צו די דאקטוירים פון די „קאלטע רפואות", וואס האבען זיך אזוי ברייט־ליך אויסגעשפרייט אין „בית המקדש" פון 91 דעלענסי סטריט (דער אפיס און די רעדאקציע פון דער „ארבייטער צייטונג"), וואו עס איז ניטא קיין פריינדליכקייט, קיין אמת'ע ברידערליכקייט!...

און אין שאפ ארבייט מען איבער די כחות, מען שוויצט ביז דאס הארץ ווערט פאר'חלש'ט און אז מען ווערט, לא יעלה ולא יבוא, קראנק, איז ניטא, ווער עס זאל אויסהעלפען. שטארבט מען חלילה, איז ניטא קיין ד' אמות קרקע, וואו באגראבען צו ווע־רען. אלע זיינען אזוי פארנומען מיט'ן „צוקונפט־שטאאט", אז עס איז פשוט קיין צייט ניטא זיך אפצוגעבען צו די באדערפענישען פון היינט.

צעטומעלט פון די פארשיעדענע הויכע ווערטער, צעמישט פון פארשיעדענע אונקלאהרע געדאנקען, האבען די פשוט'ע ארבייטער געזוכט אן ארט, עפעס א ווינקעלע, וואוהין צו אנטלויפען פון דעם ווירוואר, פון דעם מישמאש, עפעס א פלאץ, וואו עס זאל זיך ניט פיהלען דער שלעכטער געשמאק, וואו עס זאל ניט אפהילכען דער ווידער־קול פון די היציגע דעבאטען, וואו די נשמה זאל אויף אן אמת'ן זיך אפרוהען און דאס הארץ זאל פיהלען א פריינדליכע, א ברידערליכע אטמאספערע.

און דער ארבייטער רינג איז געגרינדעט געווארען.


א גרופע פון די ערשטע גרינדער
פון
א. ר.
מ. בעקער
מ. שווארץ
ה. נינגאלד
מ. גאלדרייך
ל. קעלמאן
ה. לאסקער
א. גאלדשמיט
ל. קאזלין

# דער פונדאַמענט פון „ארבייטער רינג“.

דער פונדאַמענט פון ארבייטער רינג איז געלייגט געווארען פון א מנין איינפאכע, פשוט'ע ארבייטער, פון פאָלקס־מענשען, וועלכע האָבען ניט געקענט פארטראָגען די פארשיעדענע מחלוקות, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען די „גדולים“.

אחוץ דעם, וואָס דער אינהאַלט פון די מחלוקות איז געווען פרעמד און ניט געקראָכען אין מוח דעם פשוט'ען ארבייטער, וועלכער פלעגט טאָג און נאכט זיצען מיט אן איינגעבויגענעם רוקען ביי דער מאַשין און בלענדען די אויגען, זיינען די אופנים, ווי אזוי די מחלוקות זיינען געפיהרט געווארען, איהם געווען פריקרע.

עס האָט פון די „גדולים“ און אלע זייערע פייערדיגע דיסקור־סיעס געבלאָזען א מין אונאנגענעהמער קאלטער ווינד. די פיהרער זיינען געווען פארביטערט, אויפגערעגט און קאָלט. עס האָט זיך דעם ארבייטער מיט דער נאָדעל און דער שער אויסגעדוכט, אז זיי זוכען איינע די אנדערע צו דערטרינקען אין א לעפעל וואסער.

די נשמה פון פשוט'ן ארבייטער האָט אבער געלעכצט נאָך ווארימקייט, נאָך הארציגקייט. דער ברודער־קאמפף האָט איהם געעקעלט און אָפּגעשטויסען. זי האָט געזוכט ברודער־ליעבע, דאָס הארץ האָט דעם שאָפּ־מענשען געזאָגט, „דאָס אין דער ברייטער ארבייטער באוועגונג הערשט א קאלטקייט, א פערזענליכע גלייכ־גילטיגקייט, און עס איז ניטאָ קיין ברידערליכע טייל־נעהמונג“.*)

„עס איז געווען הויפּטזעכליך דער הארציגער געפיהל פון ברי־דערליכקייט, וועלכער האָט פאראייניגט די קליינע גרופּע ארבייטער אין דעם פאראיין מיט דעם דעמאָלסט זאָנדערבארען נאָמען „אר־בייטער רינג“. עס איז געווען די אומצופרידענהייט פון דיזע אי־בערגעגעבענע פריינד מיט די טראָבעלס און שטרייטיגקייטען אין

---

*) ריכטיגעס און פאלשעס וועגען די אָנפאנגס געשיכטע פון ארבייטער רינג — ב. פייגענבוים אין „דער גרינדער“, ארויסגעגעבען צום 25 יעהריגען יובילעאום פון ארבייטער רינג ברענטש 1, 1917.

דער יונגער אידישער ארבייטער באוועגונג, וואס עס האט זיי גע־בראכט דערצו".

„דאס איז געווען אין א צייט, ווען אויף דעם הימעל פון דער אידעאליסטישער אידישער קאלאניע אין ניו יארק האבען זיך שווארצע וואלקענס פארצויגען. מענשען האבען אויפגעהערט גלויבען איינער דעם אנדערען, און יעדער, וואס האט נאר אביסעל גע־האט קראפט, האט געצויגען אויף זיין זייט".

„צוריסען איז געווארען די באוועגונג, אפאזיציאנס יוניאנס זיי־נען איבערנאכט געשאפען געווארען, שפאלטונגען אין די פארטייען, צאנקערייען אין די ארגאניזאציאנען האט אין יענער צייט געהערשט. מאסען פון די „רענק און פייל", די וואס האבען אימער עהרליך און פרינציפיעל געהאלפען די שווערע ארבייט פון דער באוועגונג, זיי־נען אין דעם תהו ובהו ווי אויף דעם וואסער געבליבען, זיי האבען קיין מקום מנוחה ניט געקענט געפינען... איז ביי א הייפעלע פון די מענשען געבוירען געווארען א געדאנק, אז מען דארף עפעס בוי־ען אזא זאך, וואו אידעאליסטען פון פארשיעדענע לאגערען און פריי־געזאנענע מענשען זאלען קענען, ווי איין פאמיליע, צוזאמען קומען און ווי אמת'ע גוטע פריינד זיך אויסריידען די שווערע הער־צער, אויך זארגען איינער פאר דעם צווייטען".

„די ארבייטער רינג פאמיליע האט זיך אנגעהויבען צוזאמענקלייבען. מענשען פארהארעוועטע האבען נאך זייער טאג־טעגליכער ארבייט מיט זייער שוויים און בלוט פארטיג געמאכט דעם צעמענט און אנגעהויבען בויען דעם טעמפעל פון ארבייטער רינג, און צו דער זעלביגער צייט ניט פארגעסען ארויסצוצייגען די פריינדשאפט, וואו און ווען עס האט זיך געפאדערט. געוועהנליך איז דאן קיין געלד אין די באנקען ניט געווען, אבער מיט ליעבע און איבערגעגע־בענהייט פלעגט מען העלפען דעם געפלאגטען, דעם שלאפען אר־בייטער ברודער".

אן אנדער אלטער מעמבער א. א. גארדאן דערצעהלט:

„אונזער געדאנק איז ניט געווען בלויז צו באזארגען א קראנ־קען מאן מיט עטליכע דאלאר א וואך, און א פרוי מיט א פאר הונ־דערט דאלאר, ווען איהר מאן שטארבט, ניין, ווייט ניט דאס האבען מיר געמיינט!

צוליעב דעם אליין האט זיך אונז ניט געלוינט געבוירען צו ווערען און אויסצוהארעווען זיך... אזעלכע אונטערשטיצונגס פאר־איינען עקזיסטירען אין די טויזענדע.

„אונזער צוועק איז געווען א פיעל העכערער, טיעפערער און ברייטערער... א שעהנערע וועלט מיט א בעסערע געזעלשאפט, א געזעלשאפט, וואו מענשען זאלען זיין פארזיכערט מיט זייער לעבען, ניט בלויז נאכ'ן טויט, נאר טאקע יעדער איינער, וואס לעבט, פארזארגט אין דער צייט פון קראנקהייט, ניט פון סאסייטיס, ניט פון אונטערשטיצונגס פאראיינען, נאר טאקע פון דער גאנצער געזעלשאפט זעלבסט.

די גאנצע געזעלשאפט זאל זיין א י י ן פריינדליכע פאמיליע—„אלע פאר איינעם און איינער פאר אלעמען".

הארציגקייט איז געווען דער אינהאלט פונ'ם ערשטען ארבייטער רינג פאראיין. אין דעם איז געלעגען דער סוד פון זיין שטארקייט. דאס איז געווען א ראד, א רינג פון מענשען, וועלכע זיינען געווען ווייט איינע פון די אנדערע לויט זייער געבורט־פלאץ, לויט זייער עלטער, לויט זייער פארטיי־איבערצייגונג. איין געפיהל האט זיי אלעמען ארומגענומען — די הארציגע ברודערשאפט, דער געפיהל, אז זיי זיינען אלע ברידער, ברידער פון ארבייט און נויט. אלע זיינען געווען דורכגענומען מיט דעם געדאנק, אז זיי זיינען מאכטלאז, ווען זיי זיינען באזונדער, צוואוארפען אין דער ארומיגער קאלטער וועלט און ווערען שטארק, מעכטיג, ווידערשטאנדספעהיג, בעת זיי זיינען אלע צוזאמען ארומגענומען אין איין רינג

ברודערשאפט, איבערגעגעבענקייט, אמת'ע מענשליכקייט — דאס זיינען די מאטעריאלען, פון וועלכע דער ארבייטער רינג איז געווארען אויסגעגאסען.

אויסהעלפען איינער דעם אנדערען איז ניט געווען א פליכט, נאר א פארגעניגען, אזוי ווי עס קומט פאר צווישען ברידער און שוועסטער פון איין פאטער און מוטער.

שפעטער, ווען פון „פאראיין" איז געווארען דער „ארדען", איז (לויט דער מיינונג פון די ערשטע גרינדער) אמת צוגעקומען מעהר שכל, מעהר ישוב הדעת, מעהר קאפ, מעהר אויסגערעכענטקייט, אבער דאס הארץ איז שוואכער געווארען. עס האט אנגעפאנגען לאנגזאמער צו קלאפען.

כל זמן דער רינג איז געווען אויסגעשמידט פון פאלקס מענשען מיט זייער פשוט'קייט און נאטירליכקייט, האט געהערשט אמת'ע פריינדשאפט, טרייע ברודערשאפט, מענשליכע קרובה'שאפט. זיינען געקומען אינטעליגענטען מיט „קעפ" איז אביסעל אנדערש געווארען. די משפחה איז געווארען גרעסער, די קרובה'שאפט — ווייטער.

דערווייל האלטען מיר אבער ביים „ארבייטער רינג פאראיין״, און מיר וועלען דעם „ארדען״ לאזען אויף שפעטער.

## די גרינדער פון פאראיין „ארבייטער רינג״.

די צוויי מענשען, ביי וועמען עס איז ארויפגעקומען, אין מי־טען א שמועס, דער געדאנק צו גרינדען א פאראיין, וואו אלע מיט־גליעדער זאלען זיין ארומגענומען מיט א רינג פון פריינדשאפט, זיינען געווען סעם גרינבערג און הערי לאסקער (דעמאלסט קלאוק־מייקער). לויט זייערע איבערצייגונגען זיינען זיי געווען ווי פיעלע אנדערע ארבייטער, וואס פלעגען באזוכען די דיסקוסיעס וועגען אנארכיזם און סאציאליזם, האלב אנארכיסטיש, האלב סא־ציאליסטיש. זיי האבען דאס געפיהרט דעם געשפרעך (אדער א ו מ ג ע פ ע ר דעם געשפרעך), וואס מיר האבען איבערגעגעבען ביים ארייגפיהר אין בוך.

נאך דער ארבייט האבען זיי דעם געדאנק איבערגעגעבען מ. גאלדרייך (א קעפ־מייקער).

גאלדרייך האט צוגעצויגען נאך דריי, מיט וועמען ער פלעגט זיך אפט טרעפען אין דער יוניאן. דאס זיינען געווען ה. ליוויי, עקשטיין און רינג (קעפ־מייקערס). א זונטאג ביי טאג זיינען אט די זעקס זיך צוזאמענגעקומען ביי סעם גרינבערג אין הויז — עסעקס סטריט — און האבען באשלאסען צו גרינדען דעם פאראיין.

צו די דערמאנטע זעקס זיינען גלייך צוגעשטאנען ד. גינגאלד, א. בעקער, פאלטער און דיימאנד (אנדערע באהויפטען, אז בליי־וויים איז אויך געווען פון די צעהן אדער עלף).

די אלע האבען דעם פערטען אפריל, 1892, בעגרינדעט דעם פאראיין אונטער׳ן נאמען „ארבייטער רינג״.

איבער דעם נאמען „ארבייטער רינג״ ווערט דערצעהלט אזוי: בשעת מען איז צוזאמענגעקומען דאס ערשטע מאהל ביי סעם גרינבערג׳ן אין הויז זיך דורכצושמועסען, האט מען זיך מיישב געווען איבער א פאסיגען נאמען פאר׳ן „פאראיין״. אין מיטען דעם ישוב הדעת האט זיך געעפענט די טהיר און עס איז אריינגע־קומען מ. רינג. האט זיך איינער אפגערופען: „רינג איז געקומען! לאמיר טאקע דעם פאראיין געבען א נאמען „ארבייטער רינג״. און אזוי איז געבליבען.

דער אמת איז, אז דער נאמען „ארבייטער רינג״ האט דער פאר־

איין געקראגען ניט צוליעב דעם, וואס איינער פון זיינע גרינדער איז געוועזן אן ארבייטער מיט'ן נאמען רינג, נאר צוליעב זיין אי־דעע, זיין אינהאלט, צוליעב זיין צוועק, פאר וועלכען ער איז גע־גרינדעט געווארען.

די ערשטע מיטגליעדער האבען געשטרעבט צו א העכערער אר־דנונג, צו אן ארדנונג, וואו מענשען זאלען זיין אמת'ע ברידער. זיי האבען געשמידט א „רינג", וואס זאל מיט דער צייט אין זיך איינשליסען אלע אידישע ארבייטער פון אמעריקא און אפשר אויך פון דער גאנצער וועלט.

„מיר שמידען א פריינדען רינג,
און רינגען, רינגען רינגען פיעל
צו שליסען אין איין פארבאנד,
און רינגען אין יעדעס לאנד".

אזוי זינגט איינער פון די ערשטע צעהן אין ארבייטער רינג פאראיין, ד. גינגאלד.

דער נאמען האט, בכן, אויסגעדריקט ניט נאר די געגענווערטי־גע ארבייט פון פאראיין, נאר אויך זיינע צוקונפט אידעאלען.

גרינבערג'ס דירה, 151 עסעקס סטריט, איז ניט געוועזן אזא הרחבה'דיגע, און געלד אויף א האל איז ניט געוועזן, פלעגט מען די ערשטע צייטען זיך צוזאמענקומען ביי היימאן ליוואי, וועלכער האט געוואוינט אויף 174 עלדרידזש סטריט.

ביי ליוואי'ן זיינען געוועזן צוויי יונגע לייט אלס באַרדערס: לע־אפאלד קעלמאן און ווארשוי, האבען זיי זיך גלייך אנגעשלאסען אן „רינג".

צווישען די, וואס זיינען אריין אין „ארבייטער רינג פאראיין" צום ערשטען מיטינג נאך דער גרינדונג, אין צוויי וואכען ארום (דעם 18טען אפריל 1992), איז געוועזן א. גאלדסמיטה.

ווען די משפחה פון פאראיין איז געווארען גרעסער און אין דער קאסע איז געווארען מעהר געלד, האט מען אויפגעהערט צו „מיטען" אין ליוואי'ס פריוואטער היים, און מען האט גענומען א האל פאר די מיטינגען.

דער ערשטער מיטינג־לאקאל איז געוועזן אין 26 דעלענסי סטריט. דער צווייטער אויף עסעקס סטריט געגענאיבער דער קאורט.

דער ערשטער פארזיצער (טשערמאן) איז געוועזן מ. גאלדרייך. פינאנץ־סעקרעטאר — עקשטיין; פראטאקאל סעקרעטאר — קעל־

מאן; קעשיער — רינגג; האספיטאלער — העלפענבערג (צוגעקומען אין עטליכע וואכען נאך דעם ווי דער פאראיין האט זיך געגריני־דעט).

מ. גאלדרייך, דער ערשטער פארזיצער, איז געקומען אין די זעכציגער יאהרען קיין פאריז פון פוילען מיט זיין פאטער, וועל־כער איז געווען געצוואונגען, נאכ'ן פוילישען מיאטעזש, (1863) צו עמיגרירען. אין פאריז האט ער אין אנפאנג געפעדעלט, שפעטער געלערענט די מלאכה פון קירזשנעריי (קעפ־מייקער). אלס יונגער בחור האט ער באזוכט אין פאריז די פארשיעדענע פאר־זאמלונגען. דער ראדיקאל ראשעפאר (שפעטער געווארען א שאָ־וויניסט און אן אנטיסעמיט) האט געהאט אויף איהם אן איינ־פלוס מיט זיינע פייערדיגע רעדעס.

ווען עס האט אויסגעבראכען דער פראנצויזיש־פרייסישער קריג, האט גאלדרייך זיך פרייוויליג אנגעשלאסען אן דער פראנצויזישער ארמעע. צוריקקומענדיג פון פראנט אלס רעוואלוציאנער, איז ער גלייך אריין אין דער „רויטער נאציאנאלער גווארדיע“ פון דער פארי־זער קאמונע. אין דעם באריקאדען־קאמף איז ער געווען איינער פון לואיזע מישעל'ס לייטענאנטען.

בעת די קוילען פון דער קאנטר־רעוואלוציע האבען געהאגעלט אויף אלע זייטען, איז גאלדרייך ביז דער לעצטער מינוט געבליבען שטעהן אויף זיין פאסט.

נאך דעם זיעג פון דער קאנטר־רעוואלוציע, איז ער געווען גע־צוואונגען צו פארלאזען פאריז, און איז אוועק קיין לאנדאן. שפע־טער האט ער עמיגרירט קיין אויסטראליען.

אין די אכציגער יאהרען איז ער געקומען קיין ניו יארק און איז געווארען א טהעטיגער מיטגליד אין דער קעפ־מייקער'ס יוניאן.

מ. גאלדרייך איז עד היום א מיטגליעד פון ברענטש צוויי אר־בייטער רינג.

אזוי ווי פריינדשאפט איז געווען דער געפיהל, וואס האט פאר־אייניגט די מיטגליעדער פון „רינג“, איז „פריינד“ געווארען דער טיטעל, מיט וועלכען מען האט זיך געווענדעט איינער צום אנדע־רען.

ביים אויפנעהמען א נייעם מיטגליעד, פלעגט דער טשער־מאן מודיע זיין דעם ניי־אריינגעקומענעם, „אז מיר רופען זיך פריינדע און ניט ברידער, ווי אין אנדערע פאראיינען, און מיר פארלאנגען, אז אונזערע מעמבערס זאלען זיין אמת'ע פריינד איי־נער צום צווייטען“.

אין אָנפאנג איז א קורצע צייט געווען דער „פעס־וואָרט", אויף דעם פאָרשלאָג פון מ. גאָלדרייך, „מאָן־אמי" (אויף פראנצויזיש: „מיין פריינד"). שפעטער איז מען אריבער אויפ'ן פשוט'ן איד־דיש: „מיין פריינד".

פריינד, אמת'ע איבערגעגעבענע פריינד, קענען זיין בלויז אזעלכע, וועלכע האָבען איין אלגעמיינעם גלויבען, וועלכע האָבען איינע און די זעלביגע עקאָנאָמישע אינטערעסען, וועלכע לײדען פון איינע און די זעלביגע סאָציאַלע צרות, און קענען ווערען גע־היילט פון איינע און די זעלביגע סאָציאַלע רפואות.

די ערשטע מיטגליעדער פון „ארבייטער רינג פאראיין" האָבען דעריבער ניט געקענט באלאנגען צו די אלגעמיינע כל - ישראל לאָדזשען, וואו עס קומען אריין מענשען פון אלערליי מינים, באָסעס, פאָרלייט, שוהל־אידען, ד. ה. אזעלכע, וועלכע זיינען ווייט פונ'ם ארבייטער, סאי לויט זייער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער לאגע, און סאי לויט זייערע גלויבענס

אין אזעלכע לאָדזשען קען ניט געשאפען ווערען אן אינטימע פריינדשאפט — אָט די אמת'ע הארציגע פריינדשאפט, נאָך וועל־כער די איניציאטאָרען פון „ארבייטער רינג פאראיין" האָבען גע־לעכצט.

אחוץ דעם, אלס ראדיקאַלע מענשען, האָבען די גרינדער פון ארבייטער רינג ניט געקענט אריין אין די באלעבאַטישע לאָדזשען, אפילו ווען די נויט, די אומזיכערקייט מיט'ן מאָרגען, די אָפטע מענ־ליכקייט צו ווערען קראנק, האָבען זיי געטריבען אהין.

ווי האָט געקענט אן ארבייטער, וואָס איז געשטאנען אויפ'ן באָדען פון קלאסען־קאמפף און האָט געאָטהעמט אין אן אטמאָס־פערע, וואו די אלע אלטע געטער האָבען געהאט א פנים ווי חוזק, וואו אויף די אלע רעליגיעס האָט מען געקוקט, ווי אויף שימעל, וואָס איז איבערגעבליבען פון די אלטע אומוויסענדע, פינסטערע צייטען — ווי אזוי האָט געקענט אזא מענש ווערען א מיטגליעד פון די אָרדענס, וואו מען פראוועט אלערליי נארישע צערעמאָניעס, וואו מען טהוט זיך אָן ווי פורים־שפיעלער, וואו מען קרימט זיך, מען מאכט פארשיעדענע קינדערשע העויות, און מען שפיעלט זיך אין סודות?

ניט זיינע איבערצייגונגען, ניט זיינע אינטערעסען און ניט זיין אופן פון לעבען האָבען דערלאָזען דערצו.

דער ארבייטער רינג האָט לויט זיין וועזען גלייך אין אנפאנג קיין שייכות ניט געהאט מיט די אנדערע אָרדענס. ער שטאמט

ניט אפ פון די אלגעמיינע „פראטוירנאל סאסייעטים“. דער אר־בייטער רינג אונטערשיידט זיך פון אלע אנדערע ארדענס ניט נאר דערמיט, וואס ער איז ראדיקאל. דער ארבייטער רינג האט א גאנץ אנדער אבשטאמונג, זיין יחוס איז אן אנדערער.

דער ארבייטער רינג איז ניט א צווייג, א קרוב פון דער אר־דען־משפחה, נאר א קינד פון דער ארבייטער באוועגונג. די אל־געמיינע ארדענס זיינען נייע שפראצען פון די אלטע רעליגיעזע ווארצלען, פון די פארשיעדענע גלויבענס און אבערגלויבענס אין איבער נאטירליכע קרעפטען. דער ארבייטער רינג אבער איז גע־בוירען געווארען אין דער סביבה, וואו עס האט געהערשט דער ראדיקאלער גייסט, וואו רעליגיע איז געווען פאררעכענט פאר א גרוים אומגליק, וואו מען האט געזוכט אפצושאקלען פון זיך דאס קלענסטע שטויבעלע, וואס האט געהאט א שייכות מיט איבערנא־טירליכע געטער און גייסטער.

דער ארבייטער רינג און די באלעבאטישע ארדענס זיינען גע־קומען פון באזונדערע אורשפרונגען. די געשיכטע פון אר־בייטער רינג הייבט זיך אן מיט דער ארבייטער באוועגונג און איז אין קיין פרט ניט פארבונדען מיט די אלגעמיינע ארדענס, אויף וועלכע די ראדיקאלע ארבייטער האבען געקוקט מיט פאראכטונג, אין בעסטען פאל, מיט א חוזק מינע.

פון די ערשטע גרינדער האבען בלויז צוויי (לאסקער און בעקער) פריהער באלאנגט צום ארדען „ברית אברהם“. גלייך ווי דער אר־בייטער רינג איז געגרינדעט געווארען, זיינען זיי פון דארטען ארוים.

דער ארבייטער רינג איז געווען געגרינדעט אויפ'ן יסוד פון מענשליכקייט און ניט אויף דער הימעלשער געטליכקייט.

נאטירליכקייט, פשוט'קייט, וואס זאל ניט זיין צוגעפעפערט, צוגעזאלצען מיט געקינסטעלטע נאכקרימעניש, זאל ניט זיין גע־ווירצט מיט בשמים פון איבערנאטירליכקייט — אט וואס די פיא־נערען פון ארבייטער רינג האבען געזוכט

## די אויפגאבע פון „ארבייטער רינג פאראיין“

דער צוועק פון פאראיין איז געווען:

1) נעגענזייטיגע אונטערשטיצונג פון די מיטגליעדער אין נויט און אומגליקס־פאלען.

2) בילדונג פאר די מיטגלידער.

און

3) גרינדען קאָאָפּעראַטיווע געשעפטס־אונטערנעהמונגען.

אלע דריי פונקטען זיינען אויסגעוואקסען פון דעם עקאָנאָמי־שען, סאָציאלען און קולטורעלען צושטאנד אין יענער צייט.

די עקאָנאָמישע און סאָציאלע לאגע פון די אידישע ארביי־טער איז געווען ערגער ווי שלעכט.

די שכירות זיינען געווען קלעגליכע. די שוויץ־סיסטעם איז געווען די הויפּט־סיסטעם, אונטער וועלכער די אימיגראנטען האָ־בען געארבייט.

די וואָהנונגען פון די ארבייטער זיינען געווען קליין, ענג, שמוציג, אָהן לופט און אָהן ליכט. ניט זעלטען זיינען זיי באנוצט געוואָרען, ניט נאָר פאר דירות, נאָר אויך אלס שעפּער, וואו דער מאַן, ווייב און קינדער האָבען געארבייט. דער אידישער ארבייטער איז געווען אונטערוואָרפען אַלערליי קראנקהייטען. זיין געזונד איז שטענדיג געווען אין געפאהר.

ביי אזעלכע אומשטענדען איז ניט געווען קיין אָרגאניזא־ציע, וואָס זאָל דינען אלס דער רויטער קרייץ פאר די קראנקע, גע־קאליעטשעטע אין דער אינדוסטריע. דער אידישער ארבייטער האָט געמוזט זיך פאראייניגען אין א געזעלשאפט, וואָס זאָל זאָרגען אין א נויט־פאל. די געזעלשאפט האָט, פארשטעהט זיך, ניט גע־קענט זיין א צדקה־אנשטאלט. דער ראדיקאלער אידישער ארביי־טער האָט ניט געזוכט קיין שטיצע, הילף, נאָר געגענזיי־טיגע אונטערשטיצונג, ער האָט זיך גענויטיגט אין א זעלבסט־הילף געזעלשאפט.

אָהן אזעלכע געגענזייטיגע אונטערשטיצונגס געזעלשאפטען, וואָלט דער ארבייטער אין די סוועטינג־שעפּער ניט געקענט אויס־קומען.

ווי שטארק עס האָט זיך געפיהלט די נויטווענדיגקייט אין גע־גענזייטיגער אונטערשטיצונג, באווייזען די פיעלע פארזוכען, וואָס זיינען אויף דעם פעלד געמאכט געוואָרען א צייט פריהער, איידער דער ארבייטער רינג האָט זיך געגרינדעט.

שוין אין אָנפאנג פון די אכציגער יאָהרען, גלייך ווי די „עם עולם“'ניקעס זיינען אריבערגעקומען, האָבען פאול קאפלאן און אנ־דערע געגרינדעט א פאראיין פון געגענזייטיגער הילף אונטער'ן נאָמען „עמיגראנטען פאראיין“.

די כלומרשט'דיגע נדבות פון דעם „קאָמיטעט“ זיינען די ערש־

טע אימיגראנטען געווען פריקרע, און האבען געהאלטען פאר וויכ־טיג צו האבען אן אייגענעם פאראיין, אהן די פראפעסיאנעלע בעלי צדקות, און די יהודים׳שע כלי קודש און אלערליי סארוועס.

דער „עמיגראנטען פאראיין" איז באשטאנען פון אינטעליגענ־טען און ארבייטער, וועלכע זיינען געווען באשעפטיגט אין פאר־שיעדענע טריידס.

ווייטער טרעפען מיר אין די אכציגער יאהרען כמעט אין יע־דען גרויסען שאפ און פעקטארי קליינע בענעפיט־סאסייטיס, לאאן פאנדס א. א. וו. געוועהנליך זיינען אזוינע גענענזייטיגע הילף ארגאניזאציעס געווען באשרענקט בלויז פאר די ארבייטער פון דעם אדער יענעם שאפ, פון דער אדער יענער פעקטארי.

עס זיינען אויך געווען פארשפרייט די געגענזייטיגע הילפס־קאסעס צווישען די „לאנדסמאנשאפטען", הויפטזעכליך פאר די אקארשט־אריבערגעקומענע אימיגראנטען.

אין 1889 איז ארגאניזירט געווארען „די ווארקינגמענס סעלף העלפ אסאסיאיישאן", א רוסיש־אמעריקאנישער ארדען פאר גע־גענזייטיגער אונטערשטיצונג.

איינציגע, צוזאמענגעפאנענע געגענזייטיגע הילפס געזעלשאפטען, וואו דער ארבייטער האט געקענט קריגען אונטערשטיצונג אין דער צייט פון נויט, זיינען געווען פארשפרייט אין פארשיעדענע ערטער און אין פארשיעדענע טריידס. זיי האבען געהאט מעהר קיום, ווי די ארגאניזאציעס, וואס האבען געהאט דעם צוועק אויסצובעסערען די לאגע פון די ארבייטער אין דער צוקונפט. די ארבייטער האבען געהאלטען פון כלל: „בעסער א קליין פייגעלע אויף דער ערד, איי־דער אן אדלער אין הימעל".

ווען די ארבייטער פיהרער האבען געוואלט באפעסטיגען די יוניאנס, וועלכע פלעגען אין יענער צייט האבען קורצע טעג, פלעגען זיי שטענדיג פלאנעווען איינצופיהרען אין די יוניאנס גע־גענזייטיגע בענעפיטס.

אין 1884 איז געגרינדעט געווארען די דייטשע „ארבייטער־קראנקען־און שטערבע קאסע (דער פארבילד פון „ארבייטער רינג").

די גרינדער פון דער דייטשער „ארבייטער־קראנקען־און־שטער־בע קאסע" האבען געוואלט דורך דער נייער ארגאניזאציע אפציהען די דייטשע ארבייטער פון די בירגערליכע פאראיינען, לאדזשען און פארזיכערונגס (אינשורענס) געזעלשאפטען, זיי זאלען מיט איי־גענע מיטלען און מיט׳ן אייגענעם כוח זיך באשיצען פון די וואונ־

דעו, וואס דער קאפיטאליזם לאזט איבער אויפ'ן קערפער פון די לויז־שקלאפען.

זיי האבען אויך באצוועקט דורך אזא קאסע צו האלטען פעסט, אקטיוו און זעלבסטשטענדיג די קלאסען־באוואוסטע ארבייטער.

די פיהרער פון דער דייטשער ארבייטער באוועגונג ווי סערגעי שעוויטש, אלעקסאנדער יאנאס, הערמאן שליטער און אנדערע, האבען געהאט א גרויסען איינפלוס אויף די פיהרער פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

די דייטשע ארבייטער ארגאניזאציעס האבען געדינט אלס א מוסטער אויף דער אידישער גאס. און גלייך ווי די דייטשע „ארבייטער קראנקען קאסע" האט זיך ארגאניזירט, האט זיך דערוועקט צווישען די אידישע סאציאליסטען א פארלאנג צו גרינדען אן עהנליכע קאסע.

דאס האט אויך פאסירט. עס איז געגרינדעט געווארען א אידישע „אינטערנאציאנאלע ארבייטער קראנקען קאסע", וואס עקזיסטירט נאך עד היום.

די „אינטערנאציאנאלע קראנקען קאסע", איז ארגאניזירט געווארען פון די גייסטיגע פיהרער, פון די גדולים אין דער באוועגונג. עס האט דארטען, פון אנהויב אן, געפעהלט פאלקסטימליכקייט, איינפאכקייט, ווארעמע פריינדשאפט. די ארגאניזאציע האט דערייבער ניט געקענט האבען דעם חן, וואס איז נויטיג געווען צוצוציהען צו זיך די פשוט'ע ארבייטער, וועלכע האבען געזוכט א „פריי ווארעם, אמת פריינדליך ווינקעלע".

אגב האט די „אינטערנאציאנאלע ארבייטער קראנקען קאסע" אריינגענומען בלויז אויסגעשפראכענע סאציאליסטען.

עס זיינען אבער געווען גוטע, איבערגעגעבענע ראדיקאלע ארבייטער, ביי וועמען דער סאציאליסטישער אני־מאמין איז ניט געווען אינגאנצען קלאר. זיי האבען געהאלטען אי פון אנארכיזם אי פון סאציאליזם, א שטייגער סעם גרינבערג, הערי לאסקער. עס זיינען אויך געווען גאנצע אנארכיסטען, וועלכע האבען ניט געהאלטען פאר א גרויסע מצוה צו געהן ארונטער רייסען סאציאליסטישע מיטינגען. זיי האבען געהאלטען אז סאציאליסטען און אנארכיסטען קענען לעבען בשלום, אז זיי האבען נאך ניט מיט וואס זיך צו טיילען.

אט די ניט שטרענג פארטייאישע ארבייטער האבען געגרינדעט דעם געגענזייטיגען אונטערשטיצונגס פאראיין „ארבייטער רינג".

# פאָרט - בילדונג.

דער צווייטער פונקט פון „ארבייטער רינג פאראיין" איז „פארט־בילדונג פאר די מיטגלידער".

זעלבסטבילדונג פאראיינען האבען שוין אויך פון פריהער עקזיס־טירט אויף דער אידישער ארבייטער גאס. „פראפאגאנדא פאראיין" (1882), „זעלבסטבילדונג פאראיין", וואו זאמעטקין און אנדערע זיינען אין דעם ערשטען העלפט פון די אכציגער יאהרען געווען אקטיוו, דער „רוסישער ארבייטער פאראיין", „רוסיש־ אידישער ארבייטער פאראיין" א. א. וו., א. א. וו. אומעטום איז בילדונג און זעלבסטבילדונג געשטאנען אויפ'ן ערשטען פלאץ.

לערנען, לערנען און לערנען — אט מיט וואס די אידישע אי־מיגראנטען האבען זיך אפגעגעבען. לערנען, שטודירען ניט פאר א תכלית, פאר א קאריערע, נאר צו לעשען דעם אינערליכען דורשט נאך וויסען, איז ניט באטראכט געווארען פאר א לוקסוס זאך, נאר פאר א נויטווענדיגקייט. אז „ניט מיט ברויט אליין לעבט דער מענש" איז געווען א כלל ביי אלע אידעאליסטישע אידישע אר־בייטער.

פונקט ווי דער אידישער ארבייטער עולם האט זיך גענויטיגט אין מאטעריעלער אונטערשטיצונג, אזוי האט ער געפיהלט די גייסטיגע באדערפנים צו שטילען דעם נשמה־הונגער.

דער אידישער פשוט'ער ארבייטער האט פארשטאנען, אז לעבען הייסט ניט בלויז עסען, נאר אויך וויסען.

וויסען איז מאכט.

די ערשטע גרינדער פון ארבייטער רינג האבען ניט נאר גע־קנאטען דעם גוף פון ארדען, נאר זיי האבען גלייך, טאקע אין סאמע אנהויב, אריינגעבלאזען אין גוף א נשמה.

אויב דער ארבייטער רינג האט דערגרייכט אט די הויכע מדרגה, אויף וועלכער ער געפינט זיך איצט, איז דאס געווים ניט ווייניג צו פארדאנקען דעם צווייטען פונקט פון דער ערשטער קאנ־סטיטוציע.

„פארטבילדונג די מיטגליעדער".

דעם פונקט האט די ערשטע קאנסטיטוציע באטראכט אין אלע פרטים אזוי וויכטיג, ווי דעם ערשטען.

נאך דעם ווי עס ווערט ערקלעהרט דער צוועק פון פאראיין 1) גענענזייטיגע אונטערשטיצונג; 2) פארטבילדונג; 3) קאאפעראַ־טיווע געשעפטס אונטערנעהמונגען, געהט דער פאראגראף 2, וואס

זאָגט, אַז די ערשטע צוויי פּונקטען (אונטערשטיצונג און פאַרט־בילדונג) זאָלען ניט געענדערט ווערען, כל זמן ניין גוטשטעהענדע מיטגליעדער וועלען זיי אויפהאלטען. די דריטע אויפגאבע (קאָאָ־פּעראַטיווע אונטערנעהמונגען) קען געענדערט ווערען, אָבער ניט די ערשטע צוויי, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר דעם גוף און די נשמה פון פאראיין.

און גלייך געהט אין דער קאָנסטיטוציע: אַרטיקעל 3. „פאַרזאַמלונגען".

פאַרטבילדונגס פאַרזאַמלונגען זאָלען פאַרקומען צוויי מאָהל יעדען מאָנאַט.

און דער פאראיין האָט דעם פּאַראַגראַף אָפּגעהיט, ווי א פרומער איד זיין דאַווענען.

יעדע צוויי וואָכען פלעגט פאַרקומען א לעקציע, א פאַרטראָג, אָדער א דיסקוסיע.

מיט דעם פּונקט האָט זיך אויך דער ארבייטער רינג פאראיין אויסגעצייכענט פון אַלע אַנדערע „בענעפיט סאָסייטיס".

די בילדונג און אויפקלעהרונגס ארבייט האָט געטראָגען א שטרענג נייטראַלען כאַראַקטער.

מיר זאָגען בכיון „נייטראַלען" און ניט „אומפּאַרטייאישען" כאַראַקטער, ווייל עס איז פאַלש די מיינונג, אַז דער ארבייטער רינג איז געווען אַן אומפּאַרטייאישער פאראיין. ער איז געווען שטרענג פאַרטייאיש אין זיינע פּרינציפּען. ער איז געווען אָפּגע־טיילט פון דער כל־ישראל מאַסע מיט אַן אייזערנער וואַנד. ער איז געווען פון ארבייטער און פאַר ארבייטער, ער איז געווען קלאַ־סען באַוואוסט, אויסגעהאַלטען אין אַלע זיינע האַנדלונגען.

ער האָט זיך בלויז געהאַלטען נייטראַל צו די שטרעמונגען אינ'ם ארבייטער לאַגער גופא. ער איז געווען נייטראַל בנוגע דעם קאַמפּף צווישען די סאָציאַליסטען און די אַנאַרכיסטען, צווישען די „נאַיטס אָוו לייבאָר" און „דער אַמעריקאַן פעדערעיישאַן אָוו לייבאָר", צווישען די פּאַרטיי יוניאָנס און די „פּיור ענד סימפּל" יוניאָנס.

צווישען די פאַרשיעדענע לעקציעס, וואָס זיינען געהאַלטען געוואָרען אין פאראיין, זיינען א סך געווען איבער נאַטור־וויסענ־שאַפט, איבער אַסטראָנאָמיע, ביאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע, כעמיע, פי־זיק א. א. וו.

די נאַטור־וויסענשאַפט האָט אין ארבייטער רינג פאראיין פאַרנומען זעהר א בכבוד'יגען פּלאַץ. צי דאָס איז געווען דערפאַר,

ווייל צופעליג זיינען די לעקטארס געווען מעהר באהאווענט אין די צווייגען פון דער וויסענשאפט, ווי אין סאציאלע פראגען, אדער דערפאר, וואס מען האט אבזיכטליך געוואלט אויסמיידען סאציא־לע פראגען, עס זאלען זיך ניט אויפהויבען קיינע היציגע דעבא־טען — אזא זאך איז שווער צו באשטימען.

איין זאך איז זיכער. די ערשטע גרינדער האבען ניט נאר געהאט אין זינען צו שאפען אן אינשורענס געזעלשאפט, וואס זאל פארזיכערען דעם מיטגליעד אין א רעגענדיגען טאג, נאר מעהר ווי דאס. זיי האבען געהאט בדעה צו גרינדען א געזעלשאפט, וואס זאל זיין צו זיי ווי א פאטער, א מוטער, א ברודער אדער א שוועס־טער. און זיי האבען געשאפען דעם „ארבייטער רינג", וואו זיי האבען געפונען פריינדשאפט, ברודערשאפט און ווארעמקייט אין א שלעכטער צייט, ווען די מאטעריעלע באדערפעניסען זיינען ניט געווען גוט און פון דער צווייטער זייט — ליכטיגקייט, וואס האט פארטריבען די שווארצע וואלקענס פון זייער נשמה.

## קאאפעראטיווע געשעפטס אונטערנעהמונגען.

די דריטע אויפגאבע פון פאראיין „ארבייטער רינג" איז געווען קאאפעראטיווע אונטערנעהמונגען.

קאאפעראציע איז — אין יענע צייטען געווען — א צויבער־ווארט ביי אלע ראדיקאלע דענקענדע מענשען. אויף א קאאפעראטי־ווער אונטערנעהמונג האט מען געקוקט ווי אויף א קאמוניסטישע, אדער סאציאליסטישע אונטערנעהמונג. מען האט באטראכט קאא־פעראציעס, ווי זוימען, פון וועלכע עס וועט ארויסוואקסען דער צו־קונפט־שטאאט. אין אלע סאציאליסטישע און אנארכיסטישע פראַ־גראמען איז קאאפעראציע געווען איינער פון די וויכטיגסטע פונק־טען.

בשותפות ארבייטען און בשותפות געניסען — איז געווען א גרויסער אידעאל. האט מען געוואלט אט דעם צוקונפט אידעאל גלייך אין דער געגענווארט ביסלעכווייז פארווירקליכען.

די קאאפעראטיווע באוועגונג ביי אידען האט זיך אנגעהוי־בען צוזאמען מיט דער מאסען־אימיגראציע, וואס האט אריבערגע־בראכט א סך יונגע אידעאליסטען, וועלכע האבען געהאט אין גע־דאנק איבערצובויען די געזעלשאפט אויף קאמוניסטישע אדער קאא־אפעראטיווע יסודות.

מיר האבען געזעהן, ווי די יונגע אידעאליסטען, די „עם עולם"־

ניקעס, האָבען אין דער ערשטער צייט, ווען זיי זיינען אריבערגעלאָ־מען קיין אמעריקא, זיך איינגעאָרדענט אין קאָמונעס און ווי אזוי זיי האָבען געשטרעבט צו בויען לאנדווירטשאפטליכע קאָמונעס לויט דעם פרינציפּ, אלע זאָלען ארבייטען און אלע זאָלען זיך באנוצען מיט די פּראָדוקטען פון זייער ארבייט.

דער קאָמוניסטישער געדאנק איז ניט אָפּגעשוואכט געוואָרען אפילו נאָכדעם, ווי די קאָמוניסטישע אונטערנעהמונגען זיינען גע־גאנגען צו גרונד.

אלע האָבען געלעבט מיט דער האָפנונג ביי דער ערשטער גע־לעגענהייט זיי צו באנייען, אָפּפרישען.

אויב ניט קאָמוניסטישע, טאָ זאָלען, לכל הפחות, זיין קאָאָפּע־ראטיווע געזעלשאפטען. מען האָט דאָך געמוזט ווי עס איז מקיים זיין די מצוה פון סאָציאליזם!

שוין אין 1882 האָט די אדעסער „עם עולם" גרופּע זיך אין אָנ־פאנג באזעצט אין „ניגער־הויז" און האָט געעפענט א קאָאָפּעראטי־ווען שאפּ פון שוירטס. דער שאפּ האָט לאנג ניט אָנגעהאלטען און די קאָאָפּעראציע איז זיך צופאלען.

ווען די קאָמוניסטישע קאָלאָניע „ניי־אדעסע" איז בטל געוואָ־רען, האָבען זיך אייניגע מיטגליעדער, צווישען זיי בענדזשאמין גרעטץ, באזעצט אין ניו יאָרק און געעפענט אויף 71 עסעקס סטריט א קאָאָפּעראטיווע סטים־לאונדרי.

די לאונדרי האָט עקזיסטירט ביז 1891.

אין דער קאָלאָניע „כרמל", וואו מנקר, באקאל און וואסקאָ־באָיניק זיינען געווען צווישען די גרינדער, האָבען די קאָלאָניסטען געגרינדעט קאָאָפּעראטיווע שוירט פעקטאָרים און זיי האָבען דאָר־טען געארבייט.

ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1884 דער „רוסישער אר־בייטער פאראיין" זיינען זיינע הויפּט אויפגאבען געווען: זעלבסט־בילדונג, מאָראלישע און גייסטיגע פארפאָלקאָמונג און קאָאָפּעראַ־טיווע פאראיינען.

צווישען די פּונקטען פון דער אנארכיסטישער „אינטערניי־שאנאל וואָירקינג פּיפּלס אסאָסיאיישאָן", וואָס איז געגרינדעט גע־וואָרען אונטער'ן איינפלוס פון יאָהאן מאָסט אין פּיטסבורג (1883), איז געווען: „פרייע געזעלשאפט", געגרינדעט אויף קאָאָפּעראטי־ווער פּראָדוקציע און פרייער סחורה־אויסטויש צווישען פּראָדוקטי־ווע אָרגאניזאציעס".

די ערשטע גאליצישע און אונגארישע סאציאליסטען האבען אין 1885 געגרינדעט א קאאפעראטיווע פאבלישינג אסאסיאיישאן ארויסצוגעבען אן ארבייטער ציטונג.

אין 1888 האבען די אידישע אקטיארען געהאט א סטרייק ביי דעם טהעאטער מענעדזשער מ. זילבערמאן אין דער 8טער סטריט טהעאטער. בעת דעם סטרייק האבען די אקטיארען, כאריסטען און אנדערע אנגעשטעלטע געעפענט א קאאפעראטיווען טהעאטער אין 113 בויערי.

ווי ווייט פאפולער און באצויבערענד עס האבען געווירקט די ווערטער „קאאפעראציע", „קאאפעראטיווע אונטערנעהמונג", קען מען זעהן פון דעם:

אין 1886 האט דער „אידישער ארבייטער פאראיין" אנגעהויבען א קאמפף געגען דער סוועטינג־סיסטעם. די ערשטע אויפגאבע איז געווען צו באזייטיגען די קאנטראקטארס אין דער נאדעל־אינדוסטרי.

דער קאמפף האט שטארק איינגעשראקען די מאנופעקטשורערס. און אום צו געפעלען די ארבייטער, זיינען זיי (די מאנופעקטשורערס) געקומען צום אידישען „ארבייטער פאראיין" און פארגעלייגט איינצופיהרען א קאאפעראטיווע סיסטעם אין דער אינדוסטרי.

זיי האבען געמיינט מיט דער „קאאפעראטיווע" איינצושטילען דעם צארען פון די ארבייטער.

אז דער פשוט'ער נאאיוו־אידעאליסטישער ארבייטער האט געקוקט אויף א „קאאפעראציע", אדער „קאמונע" (וועלכע מען פלעגט גאנץ אפט צוזאמענמישען), ווי אויף א מין טהיר, דורך וועלכער מען וועט ארויס פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם און אריין אין צוקונפט־שטאאט, איז קלאהר צו זעהן פון א „בריעף אין רעדאקציע", וואס איז ערשיענען אין „די פרייע ארבייטער שטימע" (נאוועמבער, 1890).

דער בריעף איז זעהר כאראקטעריסטיש און האט א שייכות מיט דער גרינדונג (בעסער, מיט א גרינדער) פון ארבייטער רינג. מיר וועלען דעריבער מאכען פון איהם א גרעסערען אויסצוג.

ווערטהע רעדאקציאן:

ערלויבען זיי מיר א שטיקעל פלאץ אין די „פרייע ארבייטער שטימע". אמת, איך בין אן איינפאכער ארבייטער און בין ניט אימשטאנד צו שרייבען ארטיקלען אין א צייטונג, האב איך מורא, אז מיין שריי־

בען וועט אריינפאלען אין קאַרב מיט אלע פארפוילטע ארטיקלען. — אָבער דאָס בלאט הייסט דאָך די „פרייע ארבייטער שטימע" און זי פּריי־דיגט פאר די אלגעמיינע מאסע ארבייטער, ערלויב איך מיר צו שרייבען אייך מיין פּראָיעקט אָדער מיינע פראגען צו די ארבייטער, טאָמער וועט עס עפּעס ווירקען.

וואָס הייסט אנארכיזמוס־קאָמוניזמוס?

אנארכיזמוס הייסט — קיינע הערשאפט, און קיינער האָט ניט דאָס רעכט צו בעהערשען דעם אנדערען. יעדער זאָל זיין פריי.

קאָמוניזמוס הייסט — אז מיר אלע זאָלען ארבייטען געמיינשאפט־ליך און געניסען געמיינשאפטליך, דאָס הייסט, אז יעדער זאָל קריגען וויפיעל ער ברויכט, ניט נאָך דער וועררדע פון דער ארבייט. אלע זאָלען לעבען פריי, גלייך און ברידערליך. עס זאָל גאָר ניט אויסמאכען, אויב איינער האָט א פאמיליע פון אכצעהן פּערזאָן און דער אנדערער — א פא־מיליע פון דריי פּערזאָן און דאָס אלעס פרייוולייג, ניט געצוואונגען.

דאָס וואָלט געווים געווען זעהר גוט. אָבער ווי קומט מען דערצו? מען מוז בילדען דאָס פאָלק, איהם ערקלעהרען, אז מען קען לעבען בעסער און גליקליכער, ווען אלע זאָלען לעבען ברידערליך, פריינדליך, ווארום אויף דער וועלט איז דאָ גענוג פאר אלעמען, ניט אזוי ווי אין דער הייני־טיגער געזעלשאפט, וואו איינער כאפּט אוים דעם ביסען פון דעם אנדע־רען, איינער זוכט נאָר צוצונעהמען ביים אנדערען, און יעדער איינער זעהט נאָר צו האָבען וואָס מעהר; איינער האָט אלץ נאָך צופיעל און דער אנדערער האָט גאָרניט; דאדורך איז דאָס פאָלק אזוי פארקשלאפט און גע־קנעכטעט צו די, וואָס האָבען אריינגעכאפּט אין זייערע הענד אלעס.

אָבער דאָס אלעס קען נאָר זיין, ווען דאָס פאָלק וואָלט געווען אויפ־געקלעהרט און וואָלט פארשטאנען, אז עס קען עקזיסטירען אָהן הער־שער און בלוט־זייגערס וואָלטען זיי אלע מיט איין מאָהל אויפגעשטא־נען און וואָלטען זיך מיט איין מאָהל באפרייט פון אלע זייערע אונ־טערדריקער און פאראזיטען. דאכט זיך, דאָס איז גאנץ איינפאך.

אָבער ווי קען דאָס פאָלק זיך בילדען און ווערען אויפגעקלעהרט, ווען די, וועלכע עס ווייסען און זיינען שוין אויפגעקלעהרט, לעבען צווישען זיך ניט ברידערליך? ברידערליך הייסט ניט, מען זאָל צוזאמען אין קאָרטען שפּילען, אָדער געהן צו בעלער, אָדער אפשר צוזאמען טרינ־קען וויין. ניין! ניט דאָס הייסט ברידערליך, ניט אזוי קען מען דאָס פאָלק אויפקלעהרען, ניט אויף אזא אופן וועט דאָס פאָלק האָבען צוטרויען און זיך פארשטעלען, אז עס קען עקזיסטירען א קאָמוניסטישע געזעל־שאפט.

ברידערליך לעבען הייסט: ברידערליך ארבייטען, ברידערליך טהיי־לען פרייד און לייד, פערגעניגען און קומער און ברידערליך מוזען מיר שטרעבען דאָס פאָלק אויפצוקלעהרען און עס באפרייען.

ווי אָבער קען דאָס פאָלק האָבען צוטרויען צו א בעסערע געזעל־שאפט, אז די, וועלכע שרייען נאָר אימער: פרייהייט, גלייכהייט, ברי־דערליכקייט! לעבען צווישען זיך גאָר ניט ברידערליך? ווען איינער זיצט אין טעאטער, שלאָפט דער אנדערער אויף אן עקספּרעס; איינער

טראָגט געלד אין די באנק און דער אנדערער ווערט געשוואָלען פון הונגער א. א. וו.

ווארום פאראייניגען זיי זיך ניט און לעבען ניט צווישען זיך קאָמוניסטיש? פארוואָס זאָלען ניט די, וואָס פארדינען נאָר צוואנציג דאָלאר א וואָך און די, וואָס פארדינען נאָר דריי דאָלאר א וואָך, צונויפלייגען זייער געלד אין איין קאסע און לעבען קאָמוניסטיש? דאן וועט דאָס פאָלק זעהן, אז א קאָמונע קען עקזיסטירען אָהן צאנקרייען, אָהן שימפפערייען, אָהן שלעגערייען. ווען מיר זאָלען נאָר איניגע מאָנאַטען עקזיסטירען אויף אזא אופן, ברידערליך, וואָלט דאָס פאָלק זיין איבערציוגט, אז מען קען אין נויט און מאַנגעל לעבען קאָמוניסטישברידערליך, קען מען דאָך אין איבערפלוס געווים לעבען רוהיג, פרידליך, ברידערליך־קאָמוניסטיש.

דעמאָלסט וואָלט דאָס פאָלק געווען אויף אונזער זייט און מיר וואָלטען געקענט האפען, אז מיר וועלען באלד האָבען די סאָציאלע רעוואָלוציע און מיר וועלען אלע לעבען קאָמוניסטיש־אנארכיסטיש.

מיר זעהן, אז יעדע נייע ערפינדונג נעהמט זעהר פיעל צייט ביז זי ווערט איינגעפיהרט און אָנגענומען, אָבער קוים מאכט נאָר איינער א פראָבע און עס ווייזט זיך ארויס, אז עס איז גוט, מאכען שוין טויזענדע נאָך און אלעמאָהל ווערט עס פארבעסערט. צום ביישפיל די דאמפף־קראפט. דער ערשטער לאָקאָמאָטיוו איז געווען זעהר גרויס און זעהר שווער און איז געגאנגען זעהר פאמעליך, קוים האָט מען איהם אָבער אָנגענומען, האָט מען שוין מיט יעדען טאָג איהם פארבעסערט און פארשעהנערט און דער דאמפף באהערשט איצט די וועלט.

אלזאָ, לאָמיר עפּעס טהאָן! לאָמיר נאָר אָנפאנגען און מען וועט אונז שוין נאָכטהאָן!

מיט אנארכיסטיש־קאָמוניסטישען גרוס,

עבד עברי D. G.

אנמערקונג — מיינט ניט, אז איך בין א טרעמפּ און זוך מיטלען, ווי צו לעבען פון דער קאָמונע. איך ארבייט שוין דריי יאָהר אויף איין פלאַץ און מאך א שעהנעם לעבען, און איך בין בערייט אוועקצוגעבען מיינע וויידזשעס, עס זאָל נאָר ווערען דער ערשטער קאָמוניסטישער פאראיין.

דער אונטערצייכענטער D. G. נאָך די לשון קודש'דיגע „עבד עברי“ איז ניט קיין אנדערער, ווי אונזער פריינד ד. גינגאָלד, איינער פון די סאמע ערשטע גרינדער פון דעם ארבייטער רינג, איינער פון דער קאָמיטע וואָס האָט פארפאסט די ערשטע קאָנסטיטוציע, דער לאנג־יעהריגער האָספיטעלער פון „ארבייטער רינג פאראיין“, וועלכער איז נאָך עד היום טהעטיג אין ברענטש 1.

די איבעריגע גרינדער האָבען אויך אזוי תמימות'דיג געגלויבט אין דער טעאָריע און האָבען אויך געהאלטען פון א קאָמוניסטישען

לעבען אין דער פראקטיקע, ווי אונזער „עבד עברי” (אידישער שקלאף).

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואס ווען אט די עהרליכע, תמימות'דיגע, אידעאליסטישע „אידישע שקלאפען” האבען געבויט פאר זיך א שעהן, ריין, פריינדליך ווינקעלע, האבען זיי אלס א וויכטיגע שטיק מעבעל, דארטען אריינגעבראכט דעם פונקט: „קאאפעראטיווע געשעפטס אונטערנעהמונגען”.

מיר וועלען נאך דא צוגעבען, אז „עבד עברי” איז טאקע ניט געווען קיין טרעמפ. ער איז געווען א גוטער בעל־מלאכה, א שמיד, און ווען עס וואלט זיך אויף אן אמת געגרינדעט אזא „קאמיניםטישער פאראיין”, ווי ער האט פארגעלייגט, וואלט ער געוויס מיט גרויס שמחה דארטען אפגעגעבען אלע זיינע שכירות און וואלט זיך ניט גערעכענט מיט דעם, וואס אנדערע ברייגנען אריין ווייניגער.

אט פון אזא גינגאלדענעם שטאף איז געשמידט געווארען דער ארבייטער רינג.

## די ערשטע יאהרען פון ארבייטער רינג פאראיין.

אין די ערשטע חדשים און יאהרען פון זיין עקזיסטענץ האט דער ארבייטער רינג פאראיין ניט ארויסגעוויזען קיין קענטיגע אויסערליכע סמנים פון לעבען.

פארשידענע פאראיינען זיינען דעמאלסט געווען לרוב. זיי פלעגען וואקסען ווי שוועמלאך נאך א רעגען. די „גדולים” האבען איבערהויפט ניט געשאנקען קיין אויפמערקזאמקייט צו דעם נייעם פאראיין, וואס האט געטראגען אזא משונה'דיגען נאמען ווי „ארבייטער רינג”.

ערשטענס, האבען זיי פשוט קיין צייט ניט געהאט. זיי זיינען געווען פארנומען מיט דער גרויסער ווערטער־מלחמה, וואס האט געפלאקערט צווישען די סאציאליסטען און די אנארכיסטען, און צווייטענס, האט מען געהאלטען פאר זעהר א וואכעדיגען ענין אט די אונטערשטיצונגס־געזעלשאפטען, וואס זיינען געווען אריינגערעכענט צווישען די „קאלטע רפואות”.

עס זיינען געווען ניט ווייניג, וואס האבען געהאלטען פאר א חלול־הקודש פון דער סאציאל־רעוואלוציע אט די קליינבירגערליכע אונטערשטיצונגס ארבייט.

אגב זיינען די גרינדער פון ארבייטער רינג פאראיין געווען פשוט'ע, שטילע, רוהיגע מענשען, וועלכע האבען א גאנצע וואך

שווער און ביטער געארבייט אין די שעפער. זיי האבען ניט געהאט די נויטיגע עלענבויגענס זיך צו שטופען צום פראנט און לאזען פון זיך הערען. באשיידענע, עניות'דיג זיינען זיי געווען. זיי האבען פיינד געהאט דעם געפילדער, דעם „הוהא", די פאטשערייען און „הורא־געשרייען", מיט וועלכע די אידישע גאס האט געהילכט.

אויב די אויסערליכע וועלט האט דעם נייעם פאראיין ניט באַ־מערקט, אדער ניט געוואלט באמערקען, האט אינעווייניג, אין פאר־איין גופא זיך ענטוויקעלט א שעהן, א ריין, אן אידעאליסטיש לע־בען, א לעבען פול מיט חן, א נשמה־לעבען, וואס האט געווארעמט און געלויכטען, ווי דער עניות'דיגער אידישער נר תמיד.

די מיטגליעדער זיינען געווען צוגעבונדען איינער צום אנדע־רען ווי די בעסטע איבערגעגעבענסטע פריינד. יעטווידער איינער האט געזארגט פאר'ן צווייטען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמ־קייט. און די זארג איז ניט געווען אן אפיציעלע, אן ארויפגע־צוואונגענע, נאר אן אמת ברידערליכע, אהן העויות און אהן אנ־געצויגענקייט. ווען א מיטגליד פלעגט קראנק ווערען, פלעגט עס וועה טהאן דעם גאנצען פאראיין.

האט מען זיך דערוואוסט, אז אימיצער איז, חלילה, אין א שלעכטער לאגע, האבען אלע מיטגליעדער מיט שמחה איהם גע־האלפען און ארויסגעהאלפען, טאקע די מ י ט ג ל י ע ד ע ר פון זייערע אייגענע קעשענעס און ניט דער פעראיין, וואס איז געווען מחויב דאס צו טהאן. און געהאלפען האט מען מיט אן אפענער האנד און מיט א הארץ פול מיט ליעבע. דער געהאלפענער האט זיך ניט געפונען באליידיגט. אלץ איז פארגעקומען אזוי הארציג, אזוי ברידערליך.

יעדען זונטאג פלעגט מען זיך צוזאמענקומען ביי מיטגלידער אין הויז און פארבריינגען אויף א יום־טוב'דיגען אופן. מען פלעגט לעזען, דיסקוטירען אהן גאל און ביטערקייט, און זיך משמח זיין אויף א חסיד'ישען שטייגער. ניט די מיטגליעדער אליין פלעגען קומען פארבריינגען, נאר אויך זייערע ווייבער און קינדער. אפילו די בייבים פלעגט מען בריינגען צו די זונטאגדיגע צוזאמענקונפ־טען.

איז פארגעקומען ביי אימיצען א שמחה, איז דער הויפט מחותן געווען דער פאראיין. די מיטגליעדער זיינען געווען די סארווערס ביי א ברית און די אונטערפיהרער ביי א חתונה.

דער הויפט „הוליאקע" אויף די שמחה'לעך איז געווען פריינד שווארץ, וועלכער האט מיט זיין רעוואלוציאנער־חסידישער נשמה

ארייגעבראכט אזוי פיעל ווארעמקייט, אזוי פיעל פרעהליכקייט. די אלע אלטע מיטגלידער קענען נאך עד היום נוט פארגעסען אט יענע שעהנע, אמת׳דיגע פאמיליען־הוליאנקעס. עס איז געווען „הו־ליע קבצן“!

שווארץ איז, אגב אורחא, געווען איינער פון די ערשטע (און שפעטערדיגע) הויפט לעקטארס.

אז ל. קעלמאן האט באדארפט חתונה האבען, האט דער פאר־איין געפראוועט די חתונה.

איז ביי מ. בעקער, מיט מזל, געבוירען געווארען א אינגעל, האט דער פאראיין צוגעגרייט דעם ברית.

געוועהנליך זיינען דערביי פארגעקומען ניט ווייניג קאמישע עפיזאדען.

קעלמאנ׳ס כלה׳ס מוטער (די מחותנת׳טע הייסט עס) האט דוקא געוואלט האבען, אז דער מארשאלעק אויף איהר טאכטערס חתונה זאל זיין אליקום צונזער, וועלכער איז אקארשט אריבערגעקו־מען קיין אמעריקא.

דער חתן (ל. קעלמאן) האט געזאגט, אז ער קען אזא זאך אויף זיך ניט שטעלען. ער מוז זיך מיישב זיין פריהער מיט זיין פא־מיליע, דאס הייסט, מיט׳ן ארבייטער רינג פאראיין. און ערשט, ווען דער פאראיין האט געגעבען זיין הסכמה, איז אליקום צונ־זער געווארען איינגעלאדען.

ווי די מחותנים (די אלטע ארבייטער רינג מיטגליעדער, הייסט עס) דערצעהלען, איז צונזער שטארק נתפעל געווארען פון דער הארציגער פריינדשאפט, וואס די מיטגליעדער פון פאראיין האבען ארויסגעוויזען צו זייער חבר. ער האט זיי שטארק געלויבט אויף דער חופה־וועטשערע און האט לכבוד זיי פארפאסט ספעציעלע פערזען.

שמחה׳לעך זיינען פארגעקומען זעהר אפט. אין די אלטע יום־טובים האט מען ניט געגלויבט, אבער די נשמה האט געלעכצט נאך יום־טוב׳דיגקייט. האט מען געמאכט ראדיקאלע יום־טובים, וואו זי האט געשעפט כח און מוטה אריבערצוטראגען דעם גרויען־קאלא־מוטנעם שאפ־לעבען.

מיטגליעדער פלעגען ארייננעמען ווערען מיט גרויס פארזיכט. מען האט געמוזט זיין איבערצייגט אין דעם קאנדידאט׳ס ראדיקא־ליזם, אין זיין ווארעם הארץ און זיין ריינער נשמה.

עס פלעגען אוועק מיטינגען און מיטינגען, וואו קיין איין איינ־ציגער מיטגליעד איז אויפגענומען געווארען.

שוהל־אידען זיינען בכלל געווען פסול. זיי האבען קיין זכיה ניט געהאט צו ווערען מיטגליעדער פון פאראיין. אויך פאר די לעזער פון דער כל־ישראל פרעסע זיינען די טהירען פון פאראיין געווען פארמאכט.

דער פאראיין האט א מאהל צוריקגעוויזען אן אפליקאנט דער־פאר, וואס די „בארד און קענדידייטס" האבען אין זייער רעפארט געזאגט, אז מען האט אויף זיין טיש געפונען א „טאגעבלאט".

דיזער פאל איז ניט געווען דער איינציגער.

די קאנדידאטען האבען געהאט א זכיה אויפגענומען צו ווע־רען אין „רינג" נאר דעמאלסט, ווען זיי זיינען געווען פון א הונ־דערט פראצענטיגער פראבע.

איין זאך פון יענער צייט איז אומפארשטענדליך, און דאס איז די שפראך פון פאראיין.

לויט דעם ארטיקעל איינס פון דער קאנסטיטוציע, האבען אלע פארזאמלונגען געמוזט געפיהרט ווערען אויף דייטש (לעז: דייטש־מעריש).

ווי קומט אזא מין פונקט אין אן עכט־אידישען, אידיש פאלקס־טימליכען פאראיין?

דאס קלינגט ווי א דיסאנאנס, וואס מאכט קאליע די שטי־מונג.

דער פונקט אין דער קאנסטיטוציע איז אריבערגעטראגען גע־ווארען פון די באלעבאטישע לאדזשען, וואס האבען געהאלטען פאר א פחיתת הכבוד צו ריידען אויף „זשארגאן", און האבען דעריבער געפיהרט די מיטינגען אויף „דייטש".

דייטש איז געווען די אפיציעלע לאדזשען־שפראך און דער אר־בייטער רינג פאראיין איז פון דעם מנהג ניט אפגעשטאנען.

געוועהנליך איז דער פונקט געווען אריינגעשטעלט סתם אזוי זיך, פון „לייטענס" וועגען. אין אמת'ן האט מען גערעדט פראסט אידיש, אויפ'ן פליינעם מאמע לשון.

קיין גרויסע אידישע גזלנים, אדער גזלנים אויף אידיש, זיינען די קאנסטיטוציע־שרייבער, הפנים, ניט געווען. זיי האבען גלייך אין דער „פעלער אויסבעסערונג" פון דער קאנסטיטוציע געגעבען א היתר אויך אויף אידיש. עס הייסט דארטען: „די פארהאנדלונגען זאלען געפיהרט ווערדען אין דער דייטשער אדער יודישער שפראך".

די קאנסטיטוציע איז געווען א קאפיע פון דער דייטשער „אר־בייטער קראנקען און שטערבע קאסע". דאס קען זיין, איז גע־ווען די אורזאכע, וואס דער פונקט וועגען דער שפראך, איז אהן

ענדערונג איבערגעטראגען געווארען אין דער קאנסטיטוציע פון ארבייטער רינג.

די ערשטע קאנסטיטוציע איז געווען געדרוקט אויף דייטש מיט אידישע בוכשטאבען.

מיר וועלען דא איבערגעבען אייניגע אויסצוגען פון דער קאנסטיטוציע, געדרוקט אין 1893 אין דער דאמאלסדיגער „אר־בייטער צייטונג" דרוקעריי.

# קאנסטיטוציאן

## דער

# ארבייטער רינג אף נויארק

געגרינדעט דעם 4טען אפריל 1892

**אויסגעבעסערט אונד אנגענומען דעם 1טען יולי 1893**

## ארטיקעל 1.

### נאמען אונד שפראכע

1) דיזער פאראיין זאל דעם נאמען „ארבייטער רינג אף נויארק" פיהרען.

2) אלע פארהאנדלונגען און שריפטען דיזעס פאראיינס זאלען אויף דייטשער שפראכע און שריפט געפיהרט ווערדען. יעדאך איזט עס דען מיטגליעדערען געשטאטעט זיך איינער אנדערען שפראכע צו בעדיענען.

## ארטיקעל 2.

### צוועק דעס פעראיינעס

1) צוועק דעס פעראיינעס איזט:

א) געגענזייטיגע אונטערשטיצונג דער מיטגליעדער אין אללע נאטה אונד אונגליקספאללען.

ב) פארטבילדונגס די מיטגליעדער, אונד

ג) גרינדונג קא־אפעראטיווער געשעפטס אונטערנעהמונגען.

2) דיזע צוויי ארטיקלען (1 אונד 2) זאללען ניכט געענדערט ווער־דען קעננען זא לאנגע 9 גוטשטעהענדע מיטגליעדער דיזעלבען אויפרעכט צו ענטהאלטען וואללען.

## ארטיקעל 3.

### פערזאמלונגען

3) פארטבילדונגס פערזאמלונגען זאלען 2 מאהל מאנאטליך, אן טאגען די דער פעראיין צו בעשטימען האט, שטאטפינדען.

## ארטיקעל 8.

### אויפנאַהמע בעדינגונגען

1) יעדע פערזאָן אָהנע אונטערשיעד דער רעליגיאָן, אבשטאמונג, געשלעכטס אָדער איבערצייגונג, דאָס 20טע לעבענס יאָהר ערריכט האָט אונד דאָס 45טע ניט איבערשריטען האָט קאָנן אין דיעזעס פעראיין אלס פריינד אויפגענומען ווערדען, ווען ער זיך אונבעשאָלטענעם רופעס ערפרייט איין גוט מאָראלישעס כאַראַקטער בעזיצט. ער מוס אויך קערפערליך אונד גייסטליך געזונד זיין און זיין פאמיליע ערנעהרען צו קאָננען.

## ארטיקעל 10.

### רעגולירונג דער צופליעסענדער געלדער

5) די אונטערנעהמונגס פאָנד זאָל נור צור גרינדונג קאָ־אָפעראַטיווע געשעפטס אונטערנעהמונגען פערוועגדעט ווערען, די צוגונסטען דער מיט־גליעדער דיענען זאָלען, דורך וועלכע איינע מעגליכסט גרעסערע צאָהל מיטגליעדער מיט איינער עקזיסטענץ פערזאָרגט ווערדען זאָללען, אונד דען איבריגען די געלעגענהייט געגעבען ווערדען זאָל זיך די פראָדוקטע צו איהרע טעגליכען געברויך ביי מעגליכסט גינסטיגערען בעדינגונגען צו פערשאפפען.

## ארטיקעל 11.

### רעכט דער מיטגליעדער

1) יעדעס מיטגליעד דאָס דיעזער „ארבייטער רינג“ בערייטס 3 מאָנאטע אנגעהערט גוטשטעהענד איז אונד ערקאנט דאָס עס זיינע בערופס געשעפטע נאָכצוגעהן אונפעהיג איזט, איזט צו 8 וואָכען בענעפעיט בערעכ־טיגט, דאָך קען דער פעראיין בעשליסען איהן אויך נאָך אבגעלויפענען פריסט צו אונטערשטיצען.

2) דאָס קראַנקען בענעפיט דיעזעס פעראיינעס זאָל אויף 5 דאָלאר די וואָכע בעשעהן.

אונטער די קאָנסטיטושאָן זיינען פאָלגענדע נעמען אונטערגע־שריבען:

ב. מארגאָליעס, טשערמאן; ע. ווארשאָוו, סעקרעטאר; מ. גאָלד־רייך; מ. בעקער; ל. קאהלמאן; י. גאָלדסמיטה; ה. לאסקי; מ. לי־וויי און ד. גינגאָלד.

# לעקציעס און לעקטארס.

## דער אינטערנאציאנאלער כאראקטער און דער אידישער גייסט אין ארבייטער רינג פאראיין.

די אלע פונקטען פון דער קאנסטיטוציע זיינען גענוי אפגעהיט געווארען.

פארזאמלונגען זיינען פארגעקומען יעדע וואך (ארטיקעל 8). איין וואך א געשעפטס־פארזאמלונג, א צווייטע וואך — אן עדיוקיישאנאל פארזאמלונג.

די לעקטארס פלעגען זיין: ה. זאלאטאראוו, מ. גירזשדאנסקי, לואי מילער, הילקוויט, מ. זאמעטקין, אב. קאהאן, מ. קאץ, אב. קאספע, ש. יאנאווסקי, מ. שווארץ, ראגאווין, ב. פייגענבוים. שווארץ, אליין אן אקטיווער מיטגליעד פון פאראיין, האט זעהר אפט געלעקטשורט. אין די יאהרען 1895־97 פיגורירט ער אין די באריכטען וועגען די בילדונגס פארזאמלונגען מעהר ווי אלע אנדערע.

די מיטינגען זיינען פארגעקומען א גאנצען יאהר, סאי ווינטער, סאי זומער. די זונטאגדיגע לעקציעס זיינען זומער־צייט אפגעהאלטען געווארען ביי טאג, דער עולם פלעגט קומען פינקטליך, און האט זיך ניט גערעכענט אפילו מיט די ברענענדיגע יולי און אויגוסט היצען.

אויף די בילדונגס־מיטינגען איז קיין ביזנעס ניט פארהאנדעלט געווארען.

גענעראל פארזאמלונגען פלעגען פארקומען פיער מאהל א יאהר (יאנואר, אפריל, יולי און אקטאבער).

אויך פלעגען זיין ספעציעלע מיטינגען, ווען צוויי־דריטעל פון די מיטגליעדער האבען עס געפאדערט, אדער וועגען אן אויסערגעוועהנליכען פאל, דהיינו, ווען מען האט זיך דערוואוסט, אז א מיטגליעד איז אין גרויס נויט און באדארף שטיצע.

יעדען מיטגליעד איז ארויסגעגעבען געווארען א רויטע קארט וואס איז באשטאנען פון צוויי טאוועלאך (פיער זייטלאך.*)

---

*) א פאטאגראפישע קאפיע פון דער דערמאנטער מיטגלידס־קארד, איז געדרוקט אויף דער נעקסטער זייט. עס איז כאראקטעריסטיש אז דער כלומר'שטיגער דייטש אויף דער קארד איז אויסגעלעגט מיט גרייזן ווי צב"ש: „קארטע" מיט א "C" אנשטאט א "K" — פערזאמלונג מיט "F" אנשטאט "V"

(ערשטע זייט)

**Arbeiter Ring of New York.**

(Workingmens Circle.)

**MITGLIEDS CARTE**

Quartal No. 9

Aufgenommen June 30. 1893

Freund Manus Ash

No. von Ledger Folio 280

ARBEITER-RING GEGRUNDET 4 APRIL 1892. OF NEW YORK.

E. Warshaw
Fin. Secretary.

Adresse: ..............................

(פערטע זייט)

**BEAMTE:**

Iter Vorsitzender E. Palter
2ter " B. Margolis
Prot. Secr. L. Kehlman
Fin. " E. Warshaw
Schatzmeister M. Ring

Trustees: ..............................

Innere Wache M. Goldsmith

Hospitaler und Secr. Nothurters Comitee. S. Helfenberg 155 Essex st

Druggist Frunkin 24 Suffolk st

Doctor Levin 145 E. Broadway

(דריטע זייט)

**Statfindende Fersammlungen**

bis ..............................

| | Geschaft Sitzungen. An. | Dat. | Wissensehaftliehe Vortrag. An. | Dat. |
|---|---|---|---|---|
| 1. | | | | |
| 2. | | | | |
| 3. | | | | |
| 4. | | | | |
| 5. | | | | |
| 6. | | | | |
| 7. | | | | |

General Versammlung / & Letzte Einzahl.

6 July 1894 / 23 June 1894

(צווייטע זייט)

| Date. | Dues | B. M. | G. F. | Asses. | ERHALTEN. |
|---|---|---|---|---|---|
| Best. | 300 | | | | E. Warshaw |
| 6/4 | 30 | x | x | x | E. Warshaw |
| 27/4 | 50 | | | | E. Warshaw |
| 4/5 | 20 | x | x | x | E. Warshaw |
| 18/5 | 40 | x | x | x | E. Warshaw |
| 15/6 | 100 | | | | E. Warshaw |
| 29/6 | 20 | | | | |
| | 260 | | | | |
| Total | | | | | |

אויף דער ערשטער זייטעל איז געווען געדרוקט (האלב ענגליש, האלב דייטש.)

ארבייטער רינג און ניו יארק
(וואירקינגמענס סוירקעל)
מיטגליעדס קארטע (אין דייטש)
קווארטאל
אויפגענומען (ווען דער מיטגליעד איז אריינגענומען גע־וואָרען).

פריינד (דער נאָמען פון מיטגליעד)
נומער פון לעדזשער פאָליאָ
דער נאָמען פון סעקרעטער
דער אדרעס

דאס אלץ איז אין דייטש.

אויף דער צווייטער זייטעל:
די איינצאָהלונגען און די אונטערשריפטען פון פינאנס־סעקרעטער.

אויף דער דריטעל זייטעל:
שטאטפינדענדע פערזאמלונגען
געשעפט זיצונגען און וויסענשאפטליכע פאָרטרעגע
גענעראל פערזאמלונג און לעצטע איינצאָהלונג.

אויף דער פערטער זייטעל:
1טער פאָרזיצער (דער נאָמען)
2טער פאָרזיצער (דער נאָמען)
פּראָטאָקאָל סעקרעטאר (דער נאָמען)
פינאנס סעקרעטאר (דער נאָמען)
שאטצמייסטער (טרעזשורער)
טראָסטים
אינערע וואכע (סארדזשענט עט ארמס)
האספיטעלער און סעקר. נאטהורטערס
דראָגיסט און דאָקטאָר.

א מיטגליעד האט געקענט ווערען יעדע פערזאָן אָהן אונטער־שיד פון רעליגיאָן, אָפשטאַמונג, געשלעכטס אָדער איבערצייגונג, וועלכער האט דערגרייכט דעם עלטער פון 20 יאָהר און איז ניט מעהר פון 45 יאָהר; ער האט געמוזט געוועהנליך האָבען א גוטען כאראקטער און ריין זיין פון מאראלישע פלעקען. ער האט געמוזט זיין געזונד קערפערליך און גייסטיג און האט באדארפט זיין פעהיג צו דערנעהרען זיין פאמיליע (ארטיקעל 8).

בנוגע דער רעליגיאָן און אָפּשטאַמונג, האָט מען טאַקע ניט גע־מאַכט קיין אויסנאהם. דער ארבייטער רינג פאראיין איז געווען אין פּרינציפּ שטרענג אינטערנאַציאָנאַליסטיש. ער האָט ניט גע־מאַכט קיין אונטערשייד צווישען איד און קריסט. צווישען די גאַנץ ערשטע מיטגליעדער איז געווען אַ קריסט, אַ ליטווינער, וואָס האָט געוואָהנט אין בעיאָן, ניו דזשוירזי, און האָט גערעדט אידיש, און ער איז געווען פּונקט אַזאַ פריינד, ווי די איבעריגע מיטגליעדער. שפּעטער האָט מען צוליעב די סעמעטערי געזעצען געמוזט זיך באַ־שרענקען בלויז אויף אידען.

וואָס איז שייך דער איבערצייגונג, האָט מען בלויז ניט גע־מאַכט קיין אונטערשייד, וואָס עס איז דעם אַפּליקאַנט'ס ראַ־דיקאַלע איבערצייגונג, צו וועלכער ריכטונג אין דער ארביי־טער באַוועגונג ער באַלאַנגט: אַנארכיסט אָדער סאָציאַליסט, פון די „נאַיטס אָוו לייבאר", אַ „פיור ענד סימפּל"ניק, אָדער אַן אַנ־הענגער פון פּאָליטישע יוניאָנס.

דער פאראיין האָט אויך ניט געמאַכט קיין אונטערשיעד צווי־שען געשלעכטער. פרויען זיינען געווען גלייכבארעכטיגט מיט די מענער. צווישען די פּיאָנערען פון ארבייטער רינג פאראיין זיי־נען אויך געווען צוויי פרויען, טילע פאַלטער און דזשעני גאָרדאָן. כאַראַקטעריסטיש זיינען די פּאַראַגראַפען 6 און 7 פון ארטי־קעל 11.

פּאַראַגראַף 6:

„אויב אַ מיטגליעד ווערט אַזוי קראַנק דאָס ער נויטיגט זיך אין אויפפּאַסונג ביי דער נאַכט, טאָ מוז די קראַנקען קאָמיטע תיכף וועגען דעם לאָזען וויסען דעם פּאָרזיצער, וועלכער מוז צוזאַמען מיט'ן האָספּיטאַלער באַשטימען פאַר יעדע נאַכט דריי מיטגליעדער, נאָכ'ן אלף־בית, צו נעכטיגען ביים קראַנקען".

פּאַראַגראַף 7:

„אויב אימיצער פון פאראיין שטאַרבט, מוזען אַלע מיטגליעדער וואָס זיינען אין שטאָדט, באַגלייטען דעם טויטען־וואָגען ביז צו דער פערי".

דער לעצטער פּונקט איז נאָך עד היום איינגעפיהרט ביי מאַנכע אַלטע ברענטשעס.

דער פאראיין האָט אויך געהאַט אַ באַשלוס צו שיקען דרשה־געשאַנק, ווען אַ מיטגליעד („ער" אָדער „זי") האָט חתונה.

אז אַ פרוי אַ מיטגליעד, אָדער פון אַ מיטגליעד, ליגט אין קינפּעט, האָבען די אַנדערע פרויען פון די מיטגליעדער געמוזט

(אזוי איז געווען באשלאָסען ביים פאראיין) איהר באזוכען, העל־פען טהאָן די שטוב־ארבייט און איבערהויפּט זיך אינטערעסירען מיט איהר צושטאנד.

## קריזיס יאָהר 1893 און דער ארבייטער רינג פאראיין.

עס איז געקומען דאָס יאָהר 1893, דאָס קריזיס־יאָהר.

דער קריזיס איז געווען איינער פון די צרה'דיגסטע, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. איבערהויפּט האָט ער געמאכט א חורבן אויף דער אידישער ארבייטער גאַס.

אלע רעדער פון דער נאָדעל־אינדוסטרי זיינען געשטאנען שטיל. די מאשינעס, וועלכע די ארבייטער גופא האָבען באדארפט שלע־פען אויף זייערע פּלייצעס אין די גוטע „ביזי" צייטען, האָבען זיך אויפגעהערט צו זעהן אין די ארבייטער דיסטריקטען. זיי זיינען ערגעץ־וואו געלעגען פארשטויבט. קיינער האָט זיי ניט געריהרט פון פּלאַץ. מען האָט זיי ניט באדארפט.

אין 1893 זיינען די אידישע אימיגראנטען נאָך געווען זעהר גריז, אָקאָרשט געווען איבערגעקומען פון די אלטע עקאָנאָמיש־אָפּ־געשטאנענע לענדער, וואו זיי האָבען קיינמאָל ניט געהערט פון אזעלכע ווערטער, ווי אן עקאָנאָמישער, אָדער אינדוסטריעלער קריי־זיס. זיי האָבען זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אז אין א שעהנעם מאָרגען קענען זיך פארשליסען אלע טהירען פון די שעפּער און עס זאָל ניט זיין מעגליך צו פארקויפען זייער ארבייטס־קראפט.

זיי האָבען גארניט געוואוסט, אז מען דארף זיך באוואָרענען פון אזא מכה, וואָס געפינט זיך ניט אין דער תוכחה, אגב זיינען טאָקי די פארדינסטען אפילו אין דער „ביזי־צייט" געווען אזוי ווענינ, אזוי מאָגער, דאָס עס איז בלויז געווען גענוג פון האנט צום מויל. די חלה האָט קוים געקלעקט אויף המוציא. אָפּצושפּאָרען איז ניט געווען וואָס און פון וואנען.

דער קריזיס איז געקומען אונערוואַרטעט.

דער עלענד איז געווען גרויס, דער דלות אונערטרעגלאָך. עס איז בוכשטעבליך ניט געווען קיין שטיקעל ברויט אין די אי־דישע ארבייטער היימען, קינדערלאַך, קליינע עופה'לאך זיינען געווען גאַנצענע טעג אָהן א ביסעל מילך.

דער הונגער האָט געטריבען מאַסען פארצווייפעלטע מענשען צו משוגעת. די זעלבסט מאָרדען האָבען דערגרייכט משונה'דיגע

ציפער. מען האט דעם טויט באטראכט פאר דעם בעסטען ערלייזער פון דער שרעקליכער לאגע.

דער פאעט י. אדלער דערציילט, אז ער האט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, ווי אידישע ארבייטער האבען זיך געריסען איבער שטיקלאך פארדארטע ברויט ווי הונגעריגע וועלף. די בעקערם פלעגען יעדע וואך ארויס שיקען אין גאס די איבערגעבליבענע ניט פארקויפטע ברויט און חלות. אויף אט די וואגענס האט מען גע־ווארט, ווי אויף דעם מן פון הימעל. מען פלעגט זיך ארויפווארפען אויף זיי ווי אויף די גרעסטע מתנות, און יעדער איינער האט זיך געהאלטען פאר גליקליך, ווען אויף זיין חלק איז עפעס אויסגע־קומען. ביים שטויסען זיך פלעגען פארקומען געשלעגען, יעט־ווידער האט געוואלט זיין פון די ערשטע צו כאפען די מציאה.

אויף קארפעיר איז ניט געווען, און מען פלעגט אפט געהן צופוס אין די גרויסע ברענענדיגע היצען פון אפ־טאון צו די דאון־טאור־נער מיטינגען. דער דארשט האט געברענט און עס איז ניט גע־ווען קיין סענט אויף סאדע־וואסער.

די אידישע געווערקשאפטען האבען דעמאלט געעפענט א קיך, וואו יעקב מילך, דער דעמאלסדיגער סעקרעטאר פון די געווערק־שאפטען, איז געווען דער הויפט טוער אין דער אונטערנעמונג, אבער דאס איז געווען ווי א טראפען אין ים.

מען פלעגט ארויסגעבען אזוינע בילעטען, צוויי בילעטען פאר פינף סענט, מאנכע בארבער שעפער פלעגען פאר אזא בילעט אפ־גאלען. זיינען אבער די פינף סענט ניט געווען; און די מיטינג האלס זיינען געווען געפאקט מיט באוואקסענע, בערדיגע ארבייטער. די הונגעריגע, אויסגעלאשענע אויגען אויף אזוינע פנים'ער האבען זיי צונגעבען אן אויסזעהן פון האלב וואנזיניגע. די פראסטיטוציע האט זיך דעמאלסט פאנאנדער געבליהט און האט אנגענומען אן אפענעם כאראקטער.

דער ארבייטער רינג פאראיין האט שטארק געזארגט פאר זיינע מיטגלידער. מען האט זיך געטיילט מיט'ן לעצטען ביסען ברויט, מען האט ניט געווארט ביז דער נויטבאדערפטיגער זאל זיך מעלדען אליין. דער פאראיין האט ערוועהלט א רעליעף קא־מיטע, און מעמבערס זאלען ניט דארפען קומען צום מיטינג נאך שטיצע.

ניט געקוקט, וואס די פרעסע האט דעם ארבייטער רינג געשאנ־קען ווייניג אויפמערקזאמקייט, האבען אבער זיינע טהאטען איהם געמאכט א גרויסען נאמען.

מען האט געוואוסט, אז אין קווארטאל איז פאראן א ברידער־ליכער פאראיין, וואו די מיטגלידער ליידען ניט קיין הונגער. מען האט אנגעפאנגען צו קוקען אויף אים מיט גרויס דרך ארץ. מען האט זיך גע'שדכנ'ט צו אים, ווי צו א גוטען אידען. דער אר־בייטער רינג פאראיין איז אין אמת'ן געווען דער איינציגער וואַ־רעמער ווינקעל אין דער קאלטער הונגעריגער וועלט. ער איז געווען דער איינציגער פרידליכער אינזעל אין גרויסען ים פון מחלוקות, וואו די פארשידענע פארטיי כוואליעס האבען געשלאַ־גען הויך און האבען געזוכט איינע די אנדערע אריבער צו שטיי־גען.

מען האט אנגעפאנגען צו קלאפען אין די טירען פון פאראיין, עס האבען זיך געפונען א סך בעלנים צו ווערען מיטגלידער, מען האט אבער יעדען איינציגען קאנדידאט הוקר ודורש געווען ניט נאר זיין גוף, נאר אויך זיין נשמה. אז ארבייטער רינג קארד איז געווען א גרויסער יחוס. דאס אליין איז געווען די בעסטע און די שעהנסטע רעקאמענדאציע פאר'ן מיטגליעד. אלע הא־בען געוואוסט, אז דער ארבייטער רינג נעהמט ניט אריין אבי ווע־מען, ער זיפט, וועגט און מעסט די אפליקאנטען.

די צאהל קאנדידאטען איז געווען גרויס און אפילו נאכ'ן דורכזיפען האבען זיך ניט ווייניג אפגעשטעלט. דער פאראיין איז אין אנפאנג פון קריזיס יאהר שטארק געוואקסען.

ווי עס זאל ניט קלינגען אונגלויבליך, איז א פאקט, אז דער ארבייטער רינג פאראיין איז דוקא געוואקסען אין די ש ל ע כ־ט ע צייטען פון סלעק און ארבייטסלאזיגקייט.

זיין אין ארבייטער רינג האט געמיינט זיין אין א זיכערער פעסטונג, וואו מען איז באשיצט פון הונגער און קעלט.

דאס האט שיער ניט געפיהרט צו א קריזיס אין פאראיין גופא. מע איז אין א גאנץ קורצער צייט פטור געווארען פון דער קאסע מיט די מעמבערס אלס צוגאב.

די גרויסע נשמה פון פאראיין איז אבער ניט געווארען בלאַ־סער דערמיט, וואס זיין גוף האט זיך אביסעל איינעגבויגען צום ענדע פון קריזיס־יאהר.

* די לעבענס־פעהיגקייט איז געווען גרויס, די גייסטיגע ווידער־שטאנדס־קראפט שטארק און נאכ'ן קריזיס איז אויך דער קערפער פון ארבייטער רינג געקומען צו זיך.

# די ערשטע באריכטען איבער דער בילדונגס ארבייט פון „רינג“ אין דער פרעסע.

די דריי אויפגאבען (געגענזייטיגע אונטערשטיצונג, פארטביל־דונג און קאאפעראציע), וואס דער ארבייטער רינג פאראיין האט זיך געשטעלט, האט ער גלייך דורכגעפיהרט אין לעבען.

ווי אזוי, אויף וואס פאר אן אופן, מען האט אונטערגעשטיצט די נויט־באדערפטיגע מיטגליעדער, האבען מיר שוין געזעהן. מען האט געהאלפען מיט א ברייטער האנד און אויף א הארציגען, שעה־נעם אופן.

די צווייטע אויפגאבע — פארטבילדונג — איז אויך הייליג אפגעהיט געווארען. יעדער מיטינג איז פאקטיש געווען א מיטינג פאר בילדונג. אפילו אויף די ביזנעס מיטינגען פלעגען פארקומען דיסקוסיעס איבער פראגען, וואס זיינען נוגע דער טעאריע און דער פראקטיקע פון דער ארבייטער באוועגונג.

אין אלע באריכטען, וואס זיינען ערשיענען אין דער פרעסע פון 1892־93־94 און ווייטער, געפינען מיר שטענדיג וועגען א לעקציע, אדער וועגען א דיסקוסיע.

בכלל זיינען די באריכטען געווען ניט קיין גרויסע און — זאל דאס צו קיין גנאי ניט זיין דער דעמאלסטיגער ראדיקאלער פרע־סע — זיי זיינען שטענדיג ערשינען אויף ניט קיין אנגעזעהענעם פלאץ. זיי קען מען געפינען אין דער אפטיילונג: „נאטיצען פון פאראיי־נען“, וואס איז געווען באשטימט פאר „כל הנערים“, ד. ה. פאר אלע פאראיינען, וואס האבען געשיקט זייערע באריכטען אין די צייטונגען.

די פרעסע האט, הפנים, דעם ארבייטער רינג פאראיין געהאל־טען פאר ניט קיין גרעסערען יחסן, ווי אלע אנדערע פאראיינען, און זי האט זיך מיט איהם ווייניג „געבאדערט“, יא, זי האט איהם קיין ברעקעל אויפמערקזאמקייט ניט געשאנקען. די באריכטען זיי־נען אימער געווען פאררוקט צווישען אנדערע. די באריכטען פון „דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער אונטערשטיצונגס פאראיין“ פלעגען זיין אויף א מעהר אנגעזעהענעם פלאץ.

און אין די מאגערע, ניט פיעל ריידענדיגע, שפארעוודיגע באריכטען זיינען שטענדיג מעהר מיטגעטהיילט געווארען וועגען דער גייסטיגער טהעטיגקייט, ווי וועגען מאטעריעלע ענינים.

דער ערשטער נאָטיץ אין „ארבייטער צייטונג“ איז ערשיענען יולי 8, 1892.

ארבייטער רינג, ניו יאָרק

זונטאג דעם 10טען יולי, 2 אוהר נאָכמיטאג, וועט אין 26 דעלענסי סטריט, איין וויסענשאפטליכער פאָרטראג געהאלטען ווערען פון דאָקטאָר זאָלאָטאַראָוו. ער וועט פאָרטזעצען איבער דארוויניזם. גירזדאנסקי וועט איבער נאטור געשיכטע ריידען. אויסער דעם וועלען די פרינציפען דעם ארבייטער רינגס ערקלעהרט ווערען.

דער צווייטער נאָטיץ, סעפטעמבער 2, 1892.

דער ארבייטער רינג, ניו יאָרק.

דיענסטאָג דעם 6טען סעפטעמבער, 8 אוהר אבענדס, וועט גענ. ל. מילער אין 66 עסעקס סטריט א וויסענשאפטליכען פאָרטראג האלטען איבער רעליגיאָן. פרייער אוינטריט פיר אלע.

דער דריטער באריכט פון 16טען סעפטעמבער, 1892.

ארבייטער רינג, ניו יאָרק:

דיענסטאָג, דעם 20טען סעפטעמבער, 8 אוהר אבענדס, וועט אין 66 עסעקס סטריט גענ. גירזדאנסקי א וויסענשאַפטליכען פאָרטראג האלטען איבער די ענטוויקלונג פון דער ערד.

פרייער איינטריט פיר אלע.

אין דער „ארבייטער צייטונג“ פון אָקטאָבער 21, 1892, איז דא אן אדוועטייזמענט וועגען דער ערשטער טהעאטער אונטערנעהמונג.

מיר גיבען דאָ איבער א קאָפּיע פון אָט דער ערשטער אדווער־טייזמענט אין דער געשיכטע פון ארבייטער רינג.

# אַרבייטער רינג ניו יאָרק

## מיטוואָך אבענד, דען 26טען אָקטאָבער שטעלט דער „ארבייטער רינג“ צו זיינען בענעפיט פיר דען רעליעף פאָנד

## די גרויסארטיגע אונד פראכטפאָלע שטיק

# משיח'ס צייטען משיח'ס צייטען

—— אין ——

# יוניאָן טהעאַטער

וואָבּיי די בעסטע קרעפטע דער אידישער ביהנע טהיילנעהמען. עס ווערע ווירקליך ווינשענסווערט אונד רעכט פאָן יעדען איינציגען

ארבייטער אונד רעכטדענקען מענשען צו אונטערשטיצען דיזען פער־איין אונד בענעפיט, דען מיט רעכט געזאגט, איז דיזער פעראיין דער איינציגסטע דער אויף רעכט ראדיקאלען, ערענטליכען אונד רעעלען באדען געגרינדעט איזט אונד ווירקליכע שטיצע אין יעדער בעציהונג פיר יעדען זיינער מיטגליעדער ביטעט. דארום ערשיינט אין מאסען און אונטערשטיצט אונזער אונטערנעמונג.

דעם 10טען פעברואר, 1893, געפינען מיר פאלגענדען נאטיץ צווישען די פאראיין באריכטען:

ארבייטער רינג, ניו יארק:

פר. פאלטער איז אלס שאצמייסטער געוועהלט. ערהאלטען פון דער פער. אידישע געווערקשאפטען 5 דאלאר, וועלכע זיינען געזאמעלט געווארען פיר די וואודביינער סטרייקער, ווייל דער סטרייק איז דארט צו ענדע. די זעלבע 5 דאלאר זיינען פיר גענאסע פייגענבוים'ס פערטהיידיגונגס פאנד באוויליגט. נעקסטע געשעפטס זיצונג פינדעט שטאט דיענסטאג דען 14טען פעברואר, 8 אוהר אבענדס, אין 66 עסעקס סטריט. אלע מיטגליעדער זיינען ערזוכט פינקטליך צו ערשיינען.

דא זעהט זיך שוין ארויס דער כאראקטער פון ארבייטער רינג אלס „רויטער קרייץ" פאר די קרבנות פון דער מלחמה צווישען קאפיטאל און ארבייט. ווי ארעם ער איז דעמאלסט ניט געווען, האט ער פון די לעצטע נעגעבען צושטייער צו די סטרייקערס און צו פארטיידיגען גענאסע פייגענבוים'ען.*)

---

*) גענ. פייגענבוים איז ארעסטירט געווארען אין פילאדעלפיע, וואוהין ער איז געקומען האלטען א לעקציע. די באשולדיגונג איז געווען, אז ער האט גערעדט צו א פובליקום אויפ'ן גאס און האט פארשטעלט דעם דורכגאנג און אז דער פאליסמאן האט געבעטען גענ. פייגענבוים'ען ער זאל דאס ניט טהאן, האט גענ. פייגענבוים איהם, דעם פאליסמאן, געווארפען א שטיין אין קאפ. די סאציאליסטען האבען געזאמעלט א פארטהיידיגונגס פאנד פאר גענ. פייגענבוים. אויפ'ן משפט האבען עדות באוויזען, אז די באשולדיגונג איז פאלש, אז די מעשה מיט'ן שטיין הייבט זיך ניט אן און די דזשורי האט ארויסגעטראגען איהר פסק דין: „ניט שולדיג".

דער פאליסמאן איז געווען א איד מיט'ן נאמען קאספער. ער איז משמעות געווען אונטערגעשטעלט פון די אידישע פרומאקעס, וועלכע האבען געזוכט זיך נוקם צו זיין אן די אנארכיסטען פאר זייערע יום־כפור־בעלער. דער זעלביגער פאליסמאן האט פריהער ארעסטירט איזידאר פראנק, לואיס מאשקאוויטש, ל. דזשייקאבסאן, יעקב אפפעל און מארגאליס, וועלכע זיינען אפגעזעסען אכט מאנאטען אין טורמע.

מיר ווענען איבערגעבען נאך איינינע באריכטען, וועלכע גיבען א בילד איבער'ן מהות פונ'ם ארבייטער רינג פאראיין.

ארבייטער רינג, ניו יארק:

דינסטאג דעם 17טען (קענטיג א טעות. עס דארף זיין דער 14טער. א. ש. ז.), האט די דיסקוסיאנס פערזאמלונג שטאטגעפונדען, וועלכער ווער גוט בעזוכט. דינסטאג דעם 21טען פעברואר, 8 אוהר אבענד, וועט אין 66 עסעקס סטריט, ווידער א דיסקוסיאן פערזאמלונג זיין. יעדער קען פראגען שטעלען אונד אן דער דיסקוסיאן אנטהייל נעהמען.

(„ארבייטער צייטונג", פרייטאג 17טען פעברואר 1893).

ארבייטער רינג, ניו יארק:

ביי דער לעצטער געשעפטס פערזאמלונג ווארען די ערשטע פינף ארטיקלען פון קאנסטיטושאן פארגעלעזען אונד אנגענומען. בעשלאסען א נויטהליידענדען פריינד מיט 8 דאלאר אלס אנלייהע צו אונטערשטיצען. נעקסטע געשעפטס פערזאמלונג פינדעט שטאט דיענסטאג דעם 28טען פעבּרואר אום האלב נאך 8 אין 66 עסעקס סטריט. אלע מיטגליעדער זיינען ערזוכט צו ערשיינען.

(„ארבייטער צייטונג", פרייטאג 24טען פעברואר, 1893).

ארבייטער רינג, ניו יארק:

א דיסקוסיאנס פערזאמלונג האט שטאטגעפונדען דיענסטאג אבענד דעם 21טען ד. מ. פאלגענדע פראגען ווארען דעבאטירט: וויא האט זיך די מאראל ענטוויקעלט. ווי עס ענטשטעהען בערג און טהאלען. ווי עס ענטשטעהען יאהרעס צייטען? וועלכע ווירקונג קען די אבמאכונג צווישען רוסלאנד אונד אמעריקא פיר אונז האבען.

די פערזאמלונג וואר גוט בעזוכט אונד די אנוועזענדע האבען אין די דעבאטען אנטהייל גענומען. נעקסטע דיסקוסיאנס פערזאמלונג וועט דיענסטאג דעם 7טען מערץ אין 66 עסעקס סטריט שטאטפינדען. אייננטריט פריי פיר אלע.

(„ארבייטער צייטונג" 7טען מערץ 1893).

דא זעהט זיך בולט ארויס דער דורשט נאך וויסען ביי די ערשטע מיטגליעדער. אלצדינג איז פאר זיי געווען אינטערעסאנט: פראגען פון מאראל, נאטור־וויסענשאפט, פאליטיק א. א. וו. אלצדינג האבען זיי געשלונגען מיט גרויס אפעטיט.

אין יענער צייט (אנפאנג 1893) איז שוין ארויסגעשוואומען דער געדאנק, אז דער ארבייטער רינג דארף זיך פארצווייגען אויך אין אנדערע שטעדט.

אין „ארבייטער צייטונג" פון 10טען מערץ 1893, לעזען מיר אזא באריכט:

ביי דעם לעצטען געשעפטס זיצונג איז בעשלאָסען איין יאהרעס־פעסט צו אראנזשירען. פר. ס. גרינבערג*) אויס באָסטאָן וואר אנוועזענד. און וואָלטע ערלויבנים אין באָסטאָן א ברענטש פון ארבייטער רינג צו גרינדען. די אנגעלעגענהייט וואר ביז צו גענעראל פערזאמלונג אב־געלייגט. נעקסטע פערזאמלונג פינדעט שטאט דיענסטאָג, 8 אוהר אבענד, דעם 14טען מערץ אין 66 עסעקס סטריט.

וואס עס איז געוואָרען פון דעם פּלאן, איז שפּעטער ניט באַ־ריכטעט געוואָרען. משמעות, אז די גענעראל פאַרזאמלונג האָט די ערלויבנים צו גרינדען א ברענטש אין באָסטאָן ניט געגעבען. מיר האָבען איבערהויפּט ניט געפונען שפּעטער קיין באריכט פון דער גע־נעראל פאַרזאמלונג.

## דער קאָאָפּעראַטיווער בארבער שאָפּ.

צוזאמען מיט די ערשטע צוויי אויפגאבען האָט דער ארבייטער רינג פאראיין ביי דער ערשטער געלעגענהייט זיך גענומען דורכצו־פיהרען די דריטע אויפגאבע: גרינדען קאָאָפּעראטיווע אונטערנעה־מונגען.

דעם ערשטען באריכט פון אזא אונטערנעהמונג געפינען מיר אָקטאָבער 27, 1893 („ארבייטער צייטונג")

1 מיטגליעד איינגעפיהרט און דריי פאָרגעשלאָגען. דאָקטאָר און אפּטייקער בילס געסעטעלט אונד מיט א נייעם אפּטייקער, פריינד פרומ־קין, א קאָנטראקט געשלאָסען. בעשלאָסען דער פעראיין זאָל א קאָאָ־פּעראטיווע בארבער געשעפט עפענען.

אין דעם באריכט פון 16טען פעברואר, 1894, געפינען מיר אט די ווערטער: „בעשלאָסען אין אפּריל מאָנאט דעם בארבער שאָפּ צו ערעפענען".

אין דעם באריכט פון 30טען מערץ 1894: „דאָס ביזנעס קאמיטע באריכטעט, דאָס זי זוכט א סטאָר פיר דעם בארבער שאָפּ".

אין א ווייטערדיגען באריכט ווערט געמאָלדען, אז מען האָט שוין גענומען א סטאָר פאר דעם קאָאָפּעראטיווען בארבער שאָפּ. דעם באריכט גיבען מיר איבער אין גאנצען, ווייל אין איהם זיינען פאראן אויך אנדערע אינטערעסאנטע פּונקטען.

ארבייטער רינג, ניו יאָרק:

ספּעציאל פערזאמלונג פרייטאָג 13טען אפּריל. ס'ווירד בעריכטעט דאָס עס וואר גענומען א סטאָר אין 168 ברום סטריט, וואו עס ווירד איין ער־

---

*) דער ערשטער, ביי וועמען עס איז ארויסגעפאלען דער געדאנק צו גרינדען אזא פאראיין ווי דער „ארבייטער רינג". ער האָט שפּעטער געמופט קיין באָסטאָן.

שטע קלאסע בארבער שאפ איינגעריכטעט אים לויפע דיזער וואכע.
די פריינדע דריקען איהר איניגסטע סימפאטהיע מיט דיעזער אונטער־נעהמונג און פערשפרעכען איהר מעגליכעס צו טהאן און אגיטירען דאס וויר איין ווירקליכען סוקסעס מאכען זאלען. א קאמיטע ערוועהלט אפצורעכענען פיר די טיקעטס צו די בענעפיטע פון די יונג בילדונג אונט. פעראיין, ווי אויך די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען. איין קאנ־דידאט איינגעפיהרט און איינער פארגעשלאגען. פרייטאג דעם 20טען ד. מ. וועט קיין מיטינג שטאטפינדען, ווייל די מיטגליעדער צום בענעפיט פון דער פער. איד. געווערקשאפטען אין טהאליא טהעאטער אנוועזענד זיין ווערדען.

(„ארבייטער צייטונג“, אפריל 20טען, 1894).

אין „ארבייטער צייטונג“ פון 7טען אפריל 1894, לעזען מיר צווישען די באריכטען פאלגענדען נאטיץ:

„ארבייטער רינג ערעפענט זיין קאאפעראטיווען בארבער שאפ“.

אין דעם באריכט פון מאי 18, 1894, געפינען מיר צווישען אנ־דערע:

„אזוי ווי פיעלע באהויפטען, דאס ווען מיר וואלטען אונזער בארבער שאפ געהאט נאהענטער צו עלען סטריט, וואלטען מיר מעהר ערפאלג געהאט, איז איבערגעגעבען דער ביזנעס קאמיטע דעריבער צו פערהאנדלען“.

די ביזנעס קאמיטע האט געפונען, אז מען באדארף ניט מופען (פון ברום סטריט נומ. 174). אזוי לעזען מיר אין דעם באריכט פון מאי 25, 1894.

„דאס ביזנעס קאמיטע בעריכטעט דאס דיעזע וואך ווענען געמאכט ווערען די פיקסטשורס אין בארבער שאפ. אויך ערקלעהרט זי דאס עס וואלט ניט געווען פראקטיש יעצט צו מופען, ווייל ווי די ביזנעס צייגען מאכען מיר אויך היער גוטע פארשריטע און יעדען רעכדענקענדי־גען סימפאטהייזער דארף ניט זיין צו שווער איין פאר בלאק ווייטער צו געהען. בעשלאסען דאס יעדען מאנאטליכען קאסטאמער זאל מען די „ארבייטער צייטונג“ אדער די „פיפעל“ ארייגשיקען פריי אין הויז“.

צום סוף האט דער בארבער שאפ דאך ארויסגעמופט פון ברום סטריט און איז אריבער אין 128 דילענסי סטריט.

אזוי ווי מען האט געהאלטען דעם קאאפעראטיווען בארבער־שאפ פאר אן אנפאנג פון אנדערע קאאפעראטיווע אונטערנעהמונ־גען, האט מען אנגעווענדעט מיטלען איהם צו מאכען פאפולער ביים ברייטען עולם. עס איז באשלאסען געווארען „צו פערעפענטליכען די פרינציפען פון ארבייטער רינג און זיין צוועק אין די קאאפע־ראטיווע געשעפטען“

עס איז ארויסגעלאָזען געוואָרען אַן אויפרוף, וועלכען מיר גי־בען דאָ איבער אין גאַנצען.

# אַרבייטער רינג אַף ניו יאָרק

## געגרינדעט דעם 4טען אַפּריל, 1892.

אייניגקייט איז אונזער שטרעבען,
ברודער ליעבע איז אונזער אידעאַל.
אין איין געמיינשאַפטליכען לעבען
וועט זיין איבערפלוס אין אַלעם איבעראַל.

וואָס איז דער ארבייטער רינג? צו וואָס שטרעבט ער? וואָס פיר נוצען ברייגנט ער? דיזע אלע פראגען הערין מיר די לעצטע צייט פון אלע זייטען צווישען די ארבייטער מאסע, און דאָס צווינגט אונז יעצט דורך דיעזען צירקולאר אונזער ערקלערונג צו געבען. —

„וואָס איז דער ארבייטער רינג?" דער ארבייטער רינג איז דאָס בעסטע לאדזש פון אלע לאדזשען, דער בעסטער פעראיין פון אלע פער־איינען, די איינציגע געזעלשאַפט פיר דעם ארבייטער, וואו ער זאָל זיין גייסט בילדען. — און מאטעריאליס ניט פערלאָרען גיין. — צו וואָס שטרעבט דער ארבייטער רינג? צו פריינדשאפט און ברודערליכקייט, צו־געוואָהנען די מיטגליעדער אין איין צוזאמען לעבען, שטרעבען צו איין ציעל, שעפּפען פון איין קוועלע. צו בילדען איין מעכטיגע אָרגאניזא־ציאָן דורך פריינדשאפט, טריהייט אונד איבערגעבונג פון איינעם צום צווייטען — „וואָס פיר נוצען ברייגנט ער"? ער ברייגנט נוצען פיר דיא ארבייטער מאסע, וואָס ער גיט זיי די געלעגענהייט פון דיא לאדזשען ארויס צו טרעטען און איין שליסען זיך אין ארבייטער רינג, וואו דער ארבייטער זאָל געפינען אלע בעקוועמליכקייטען, וואָס א מיטגליעד קען האָבען אין אירגענד וועלכע חברה, פעראיין, אָדער לאדזש, און דאצו גייס־טעס ניכט צו פערדאָרבען ווערען, אנשטאט וואָס דיא חברה׳ס, לאדזשין, פעראיינען ווערט דער גייסט פון דעם ארבייטער פערדאָרבען האנד־לענדיג איבער א פּרעזידענט, א שמש, א שול־קלאפּער, א שלישי, א מפטיר און נאָך אזעלכע נאַרישע זאכען, וואָס רויבט די צייט אין אונוציגע דע־באטעס, און אמאָל נאָך — צאנקערייו און פּערזענליכע בעליידיגונג, וואָס דאָס ווירקט זעהר שלעכט אויף דעם גייסט און מאָראל פון די מיגטליעדער. אנשטאט דיעזע אללעס, פערברייגנט דער מיטגליעד פון ארבייטער רינג זיין צייט אין וויסענשאפטליכע דיסקוסיאָנען, אָדער אין איין וויסענ־שאפטליכע לעקטשור, וואָס בילדעט זיין גייסט מאָראליש, וואָס טרייסעלט אָפּ פון זיין מארך די שטויב פון פעקטאָריע, וואָס קלערט איהם אויף, ענטוויקעלט איהם צו דיינקען, וואָס עפענט איהם זיינע אויגען, ער זאָל זיך אומקוקען דאָס ער איז א מענש, א מענש מיט ענערגיע, מיט מוטה און גייסט, א טהייל פון דיא נאטור, האָט פאר איהם גיגרייט, צו

געניסען דאָס, צו וואָס ער אלס מענש איז בערעכטיגט און ניט אלס שקלאַף ווי איין שאפענדע טהיער צו עקזיסטירען, צו שאפען פיר אנדערע און אליין ניט צו געניסען.

צו ווערען איין מיטגליער אין ארבייטער רינג קאָסט איין דאָלאר, און וועכענטליכע בייטרעגע 20 סענט פער וואכע, אדער 2 דאלאר מיט 40 סענט א קווארטעל, דאפיר האָט יעדער מיטגליעד פריי דאָקטאָר, מעדיצין, וויסענשאפטליכע לעקטשורס, קראנקען און נויטהליידענדע אונטערשטיצונג, בעערדיגונגס פלאץ. — אויך האָט דער ארבייטער רינג איינע פון זיינע פרינציפען די אויפגאבען פון גרינדען קאָאָפעראטיווע געשעפטען, און וואָס איז אויף פאָלגענדער ארט: יעדער מיטגליעד איז פערפליכטעט איינצוצאָהלען דורך די ערשטע דריי יאָהר פון זיין ארוינטרעטען 30 דאָלאר, דיזע געלדער איז אימער די קאפיטאל פון יעדען מעטגליעד, ד. ה. צו יעדער צייט האָט ער דאָס רעכט צוריק צוציהען ווען ער וויל ארויסטרעטען פון פעראיין. פון דיזע קאפיטאל געלדער ווערט גימאכט קאָאָפעראטיווע גישעפטען. דער צוועק דער זעלבען איז צו בעשעפטיגען די מיטגליעדער, און געבען זיי די פולע פרוכט פון זייער ארבייט. אין ארבייטער רינג זאָל פראָדוצירט ווערען דאָס, וואָס דער פערברויך פון די מיטגלידער איז, און דער פערברויך אויך גלייך דער פראָדוצירען זאָל אָהנע פראָפיט מאכעריי נור צו גונסטען די מיטגלידער קאָמען.

דעם ערשטען גישעפט האָבען מיר ערעפענט איין קאָאָפעראטיווע בארבער שאפ אין 128 דעלענסי סטריט, ריין, עלעגאנט, גוטע בעהאנדלונג, אלעס ניי נאָך דעם לעצטען סטיול איינגעריכטעט. — דאָס איז אונזער ערקלערונג. יעצט, אָרענטליכע ארבייטער, פאָדערען מיר אייך אויף, ווארפט אוועק די אלטע געטער, דיא חברה'ס, לאדזשען א. א. וו. וואו אייער גייסט ווערט אין דומהייט פערזונקען, שליסט זיך אָן אין אונזער ברידערליכען בונד, אלע צוזאמען מיט איין ציעל, מיט איין שטרעבונג, מיט איין אידעע ווערדען מיר פאָרשריט מאכען, און אונזערע קרעפטע ערפרישען ביז מיר ווערדען אימשטאנד זיין אונזערע קייטען מיט א מאָל צו פערנאנדערייסען, און ערקלערען זיך פריי פון שקלאפעריי און אונטערדריקונג און צוזאמען מיט די גאנצע מענשהייט ערקלערען זיך פאר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. מיר פאָדערען נאָך א מאָל אויף זיך איינצושליסען אין אונזער פעראיין, און ווען יעמאנד איז דאָס ניט אימשטאנדע, בעטען מיר אייך, פאטראָניזירט אונזער בארבער שאפ פון 128 דעלענסי סטריט. עס קאָסט אייך ניט טייערער און איהר ווערט בעסער אטענדעט; אויסער דעם ווייסט איהר, דאָס דער מאן, וואָס וועט אייך בעדיענען אין אונזער גישעפט, וועט קריגען דאָס, וואָס איהר בעצאָהלט איהם, קיינער וועט פון איהם ניט אָפרייסען פאָן זיינע פערהאָרעוועטע ווידזשעס, ווייל עס איז קיינע באָסעס און סוועטער־סיסטעם. — נאָך אלעם דעם געבען מיר, אלס פרעמיע, יעדען מאָנאטליכען קאָסטימער, די „צוקונפט“, אָדער אנדערע וויסענשאפטליכע בראָשורען אין אידיש, דויטש און ענגליש. — פערגעסט ניט

אונזערע פרעמיעס, פערגעסט ניט דעם „ארבייטער רינג" פון ניו יארק, וועלכער רופט זיך אב צו יעדער צייט, ווען מען פאדערט איהם, פערגעסט ניט דעם גוטען און שעהן איינגעפיקסטען

## קאאפעראטיווען בארבער שאפ אין 128 דעלענסי סטריט.

מיט ברודערליכען גרוס,

## ארבייטער רינג און ניו יארק.

די געשעפטען אין בארבער שאפ זיינען, משמעות, אין אנפאנג נעגאנגען ניט שלעכט. אזוי, לכל הפחות, לעזען מיר אין דעם באריכט פון 8טען יוני, 1894.

„...דאס ביזנעס קאמיטע באריכטעט, דאס די געשעפטען אין בארבער שאפ פארבעסערען זיך, און דאס איין 4טער ארביי־טער איז אנגעשטעלט געווארען..."

מיט די קאאפעראטיווע אונטערנעמונגען האט מען געהאט אין זינען א חוץ די אידעע אן און פאר זיך אויך צו באזארגען די ארבייטס־לאזע מיטגלידער סיי מיט שטעלעס און סיי מיט „שיוועס".

דער מיטגליעד פון פאראיין ל. קעללמאן איז ארומגעגאנגען ליידיג, האט מען איהם געלערענט פאר א בארבער. פריינד קאזלין נאך היינט א מעמבער אין בר. איינס), א. פאכמאן, האט איהם באקאנט מיט דער מלאכה פון בארבעריי. די העלפער זיינען געווען אזוינע בעלי מלאכות, וואס האבען זיך געלערענט שערען אויף אנאנדערענ'ס בארד. די מיטגליעדער גופא האבען אלע (אפילו די טיפע שניטען) צוגענומען פאר גוט געלט. פאר זיי איז אלעס געווען „אלרייט" איבערהויפט, אז זיי האבען נאך נעקראגען יעדען מאנאט „די צוקונפט". די פרעמדע קאסטימער האבען שטארק „גע־קיקט" אבער מען האט זיך מיט זיי ניט גערעכענט.

דער ערשטער אנגעשטעלטער אלס געהילף איז געווען קעלל־מאן. דא לייענען מיר, אז מען האט שוין אנגעשטעלט א פערטען ארבייטער (לייען „ארבייטסלאזען").

ניט נאר די העלפער זיינען געווען ארבייטסלאזע, נאר אויך דא קאסטימערס. עס איז געווען באשלאסען, אז סטרייקער זאל מען גאלען אומזיסט, און סטרייקער זיינען דעמאלסט געווען לרוב. די קלאוקמאכער, די שניידער און אנדערע, וועלכע האבען געקענט צאהלען, זיינען געגאנגען אנדערשוואו.

מיט אזא פערסאנאל פון ארבייטסלאזע און מיט אזעלכע קאס־טימער פון בלויז ארבייטסלאזע, האט דער בארבער שאפ סוף כל סוף געמוזט אונטערגעהן. בפרט נאך, ווען די פארטייאישע סאצי־

אליסטען און אנארכיסטען האבען ניט געהאלטען פון אזוינע „קאל-טע רפואות“, ווי קאאפעראטיווע אונטערנעהמונגען.

דער בארבער שאפ האט אנגעהאלטען קנאפע צוויי יאהר.

ד. גינגאלד איז געווען דער ערשטער מענעדזשער אין באר-בער שאפ און פ. לעווין — דער בוכהאלטער.

ווען די געשעפטען אין בארבער שאפ האבען אנגעפאנגען צו געהן מיט די פוטער אראפ, האבען זיך, ווי די מאדע איז, אנגע-הויבען מחלוקות: צי מען זאל איהם אנהאלטען, אדער ניט. די מחלוקות האבען דעם ארבייטער רינג שטארק אפגעשוואכט. בעת דער שאפ איז געעפענט געווארען, זיינען אין פאראיין געווען אן ערך 200 מיטגליעדער. ווען ער איז געשלאסען געווארען, זיינען אין פאראיין אין גאנצען געבליבען 35 מיטגליעדער.

די איבערגעבליבענע האבען אבער צוריק גענומען שמידען דעם רינג און ער איז געווארען נאך שטארקער, גרעסער און שעהנער.

דער בארבער שאפ איז ניט געווען די איינציגע קאאפעראטי-ווע אונטערנעהמונג. דער פאראיין האט פרובירט צו פארזארגען די פאמיליעס פון די מיטגליעד מיט גראסערי ארטיקלען: טעע, צוקער, קאפע א. א. וו.

דאס איז אויך געווען א מין קאאפעראטיווער געשעפט, וואס האט זיך גערופען „האוז סופליי פאר דהי ארבייטער רינג“.
House Supply for the Arbeiter Ring

פריינד גאלדסמיטה איז געווען דער באזארגער פון אט די אר-טיקלען.

די אונטערנעהמונג האט עקזיסטירט א קורצע צייט.

## די שטעלונג פון ארבייטער רינג פאראיין צו די סאציאליסטישע און די אפאזיציאנעלע (אנארכיס-טישע) יוניאנס.

ווי מיר האבען געזעהן, זיינען די גרינדער פון ארבייטער רינג פשוט אנטלאפען פון די רייסערייען, וועלכע זיינען זיי נמאס גע-ווארען און האבען געגרינדעט דעם אומפארטייאישן ארבייטער רינג.

דער ארבייטער רינג איז אבער א לעבעדיגער ארגאניזם — יא, דער לעבעדיגסטער פון אלע אנדערע קערפערשאפטען — און ווי ער זאל זיך ניט וועלען באהאלטען פון די טומעלדיגע רייסערייען, קען ער דאס ביים בעסטען ווילען ניט טהאן. ער ווערט אריינגע-שלעפט מיט דער אדער יענער ריכטונג.

אט דעם מזל האט דער ארבייטער רינג אלע מאהל געהאט.

עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען ער האָט בשום אופן ניט גע־קענט אנהאלטען די גאָלדענע נייטראליטעט. מען האָט איהם גע־צוואונגען צו נעהמען א שטעלונג.

אין דער ערשטער העלפט פון די נײנציגער יאָהרען האָט גע־פלאקערט די מלחמה צווישען דער סאָציאליסטישער „ארבייטער צייטונג" און דער אנארכיסטישער „די פרייע ארבייטער שטימע".

איין צד האָט אונטערשטיצט א ליאָדי סטרייק אין דעם לאגער פון דעם צווייטען צד. און דער צווייטער צד האָט געזוכט מיט באיקאָטס אונטערצוגראבען דעם פונדאמענט פון דעם ערשטען צד'ס פעסטונגען.

די יוניאָן פון די שריפטזעצער (די היברו אמעריקאן טיפאָ־גראפיקאל יוניאָן) האָט געהאלטען מיט דער „ארבייטער צייטונג". עס איז פאָרגעקומען א סטרייק אין „פרייע ארבייטער שטימע" און זי האָט געגרינדעט אן אָפּאָזיציאָנס יוניאָן. די געווערקשאפטען האָבען אונטערגעשטיצט די „ארבייטער צייטונג" און האָבען דער־מיט, פארשטעהט זיך, ארויסגערופען דעם צאָרען פון דער „פרייע ארבייטער שטימע".

דאָ האָבען זיך די קעמפפענדע צדדים דערמאָנט אן דעם אר־בייטער רינג פאראיין און מען האָט איהם געצוואונגען צו נעהמען א געוויסע שטעלונג.

אין דער „ארבייטער צייטונג" פון 9טען פעברואר 1894 לעזען מיר אין א באריכט פון „ארבייטער רינג און ניו יאָרק":

„א קאָמיטע פון פאראייניגטער אידישע געווערקשאפטען אונד די היברו אמעריקאן טיפאָגראפיקאל יוניאָן פערלאנגט זייערע יוניאָנס אנצוערקענען און די „אידישע שטאט צײ־טונג"*) אויפצופאָדערען, זי זאָל יוניאָן לייט באשעפטיגען. נאָך לאנגער און העפטיגער דעבאטע וועגען פארטייליכקייט און אומפארטייליכקייט, איז דער וואונש פון דער קאָמיטע מיט מאָיאָריטעט אָנגענומען."

דאָ זעהט מען, ווי דער ארבייטער רינג איז שוין פון אנפאנג אן געווען מעהר געניגט צו דער סאָציאליסטישער ריכטונג אין דער באוועגונג.

געוועהנליך איז שוין דעמאָלסט געווען א גרויסע מינאָריטעט, וואָס האָט געדענקט אנדערש. איז באשלאָסען געוואָרען צו דיסקו־טירען און זיך דורכצורייידען.

---

*) א האלב אנארכיסטישע, וואָס איז געווען מיט דער „פרייע ארביי־טער שטימע" און האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפען דער „היברו אמעריקאן טיפ. יוניאָן.

אין זעלביגען באריכט לייענען מיר ווייטער:

„בעשלאָסען אויף נעקסטען פרייטאָג צוזאמענרופען איינע ספּעציאל פערזאמלונג אום צו בעשפּרעכען, אויב דער ארבייטער רינג אנטייל נעהמען זאָל אין דער ארבייטער באוועגונג, און ווען יא, אין וועלכער ריכטונג“.

די פראגע האָט זעהר שטארק געבויערט די מוחות פון די אר־בייטער רינג מיטגליעדער. אין אַ סך באריכטען פארנעהמט זי דעם הויפּט פּלאַץ.

אַט לייענען מיר אין דעם באריכט פון 16טען פעברואר, 1894:

„געוויסע אורזאכען צו פאָלגע האָט די דעבאטע, אויב דער ארבייטער רינג אנטהייל נעהמען זאָלל אין דער ארבייטער באוועגונג — נישט שטאטגעפונדען און ווירד דארום אָם פריי־טאָג דעם 23טען פעברואר פאָרגענומען ווערען“.

אין דעם באריכט פון פעברואר 23 אַן אויפרוף בזה הלשון:

„פריינדע! פערגעסט ניט דיעזען פרייטאָג אבענד צו ערשיי־נען, דא מאן זא איין וויכטיגען פונקט וויא: אויב וויר אנטהייל נעהמען זאָללען אין דער ארבייטער באוועגונג בעשפּרעכען דארף“.

אין דעם באריכט פון צווייטען מערץ (1894):

„...וועגען דער פראגע, וועלכע שטעלונג דער פאראיין זאָל נעהמען אין דער ארבייטער באוועגונג אַ רעזאָלוציאָן געפּאַסט, דאָס זאָ ווי וויר זינד איבערצייגט, דאָס אונפּארטיילּיכקייט פיהרט נאָר צו מיספערשטענדניססע און אונאייניגקייט אונטער די מיטגליעדער, דארום ערקלעהרט דער פעראיין, דאָס אַ יעדעס ווער קיינען דירעקטען אנטהייל אין דער בעוועגונג נעהמען קעננען, ס י מ פ א ט י ז י ר ע ן ו ו י ר ד אָ ך נ אָ ר מ י ט ד י א א ר ב י י ט ע ר א ָ ר ג א נ י ז א צ י אָ־נ ע ן, וועלכע אויף סאָציאליסטישע פּרינציפּען געגרינדעט זינד“.

דער באשלוס האָט געפיהרט דערצו, אז די באריכטען פון אר־בייטער רינג פאראיין, וועלכע פלעגען ערשיינען גלייכצייטיג אי אין דער „ארבייטער צייטונג“ אי אין דער „פרייע ארבייטער שטי־מע“ האָבען אָנגעפאנגען צו ערשיינען בלויז אין דער „ארבייטער צייטונג“. דער פאראיין האָט אויפגעהערט צו שיקען באריכטען אין די אנארכיסטישע צייטונגען.

דער ערשטער פּאָדעם, דורך וועלכען דער ארבייטער רינג האָט זיך אין 1894 פארבונדען מיט דער סאָציאליסטישער ריכטונג, איז אין זיין שפּעטערדיגער געשיכטע געווארען אלץ דיקער און פעסטער.

# די סאָציאַליסטישע פּרעסע און דער ארבייטער רינג אין דער ערשטער העלפט פון די 90ער־יאָהרען.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער ארבייטער רינג פאראיין איז פון אָנהויב אן געווען אין סימפּאַטיע מיט דער סאָציאַליסטישער ריכטונג אין דער באוועגונג, וואָס ער האָט פון זיינע לעצטע געל־דער אונטערשטיצט סטרייקס און סטרייקער. איז ער פונדעסטוועגען געווען א שטיף־קינד אין דער ראדיקאלער באוועגונג.

מען האָט דעם ארבייטער רינג ניט געהאַלטען פאר א שטיק יחוס, ניט נאָר אין די אנארכיסטישע, נאָר אפילו אין דער סאָציאַ־ליסטישער און יוניאָניסטישער משפחה, וואָס פלעגט גאנץ אָפט קו־מען צו איהם פאר הילף. מען האָט זיך אזוי ווי מיט איהם גע־שעהמט און מען האָט מורא געהאט זיך צו ווייזען מיט איהם פאר לייטען.

די פּרעסע האָט איהם קיין ברעקעל אויפמערקזאמקייט ניט גע־שאָנקען. א חוץ פּעטיט־געדרוקטע באריכטען וועגען ארבייטער־רינג פאראיין, פארדרוקט ערגעץ אויף א מיטעלסטער זייט פון דער צייטונג, געפינען מיר קיין זאך ניט וועגען איהם.

אן ארטיקעל — אזא גרויסען כבוד, האָבען, משמעות, די ארבייטער רינג מיטגליעדער גופא גאר ניט געהאט די העזה צו פארלאנגען. מ'שטיינס געזאָגט, ווער זיינען זיי דען? פּשוט'ע ארבייטער אָהן א „צוקונפט שטאאט", אָהן א האָפנונג, אז אָט באלד קומט די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

העכסטענס, וואָס זיי האָבען געהאַפּט זיך צו דערשלאָגען, איז א „פאָלקס־שטימע". א בריעף אין רעדאקציע. אבער אויך דערצו האָ־בען זיי קיין מזל ניט געהאט.

פאר די גאנצע ערשטע פינף יאהר איז אפילו קיין ברעקעל „פאָלקס שטימע" ניטאָ אין דער פּרעסע וועגען ארבייטער רינג.

אין „ארבייטער צייטונג" פעברואר 23, 1894, לעזען מיר אין „בריעף קאסטען" דעם געוועהנליכען לאקאָנישען ענטפער:

„ארבייטער רינג — אייער בריעף נעקסטע וואָך".

מיר האָבען אָבער „נעקסטע וואָך" געזוכט און דעם בריעף ניט געפונען. אויך ניט אין דער צווייטער, „נעקסטער וואָך" און ניט אין דער־דריטער און ניט אין קיין „נעקסטער וואָך". די „פאָלקס שטימע" פון ארבייטער רינג האָט מען אויף דער ליכטיגער וועלט ניט געזעהען און ניט געהערט.

אין „ארבייטער צייטונג" פון 2טען מערץ 1894, איז פאראן קריגען.

א יום טוב'דיגער עדיטאָריעל פון אב. קאהאן, אונטער דער קעפּעל: „צו אונזער פערטען יאהרעס פעסט".

דאָרטען געפינען מיר פאָלגענדען פאראגראף:

„ביי דעם ערשטען נומער „ארבייטער צייטונג" האָט די סאָציאַליסטישע ארבייטער פארטיי געהאט בלויז איין אידיש שפּרעכענדע סעקציאָן — אין ניו יאָרק. היינט, צו איהר 214טען נומער, האבען מיר אידישע סעקציאָנען אין 17 פארשידענע שטעדט, און דערצו עטליכע סאָציאַליסטישע פאָרטבילדונגס פאראיינען, בראַנטשען-פאראיינען, סאָציאַליסטישע קעמפּיין קלובען א. ד. ג."

און וואו איז דער ארבייטער רינג, וועלכער האָט שוין עקזיסטירט קנאפּע צוויי יאָהר? ניטאָ! ער ווערט ניט אריינגערעכענט צווישען די צוגעקומענע ארגאניזאציעס, מיט וועלכע מען קען זיך מיחס זיין.

פון די באריכטען אין דער פּרעסע פאר די ערשטע יאָהרען, קען מען אפילו ניט דערגעהן, ווער עס זיינען געווען די בעאמטע. בלויז אין איין איינציגען פאל ווערט דערמאָנט, ווער עס איז ערוועהלט געוואָרען אלס פּאָרזיצער, און דאָס איז געווען געשריבען אגב אורחא, צווישען א סך אנדערע קליינינקייטען.

א לאַמער וואָוניק איז דער ארבייטער רינג געווען! קיינער האָט אויף איהם ניט געקוקט און קיינער האָט איהם ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאמקייט. די ענערגיע האָט זיך אבער געקליבען און ווען ער איז ארויס פון פארבאָרגענהייט, איז ער שוין געווען א מעכטיגע ארגאניזאציע.

## די ארבייטער רינג יום-טובים.

אחוץ נאָך וויסען, האָט די נשמה פון די ארבייטער רינג מיטגליעדער געלעכצט נאָך יום-טובים, נאָך פריינדליכע פרעהליכע „ליאמעס", וואו מען זאָל ניט זיין אזוי אָנגעצויגען, וואו די נשמה זאָל זיך דערוואַרעמען מיט דעם הייליגען פייער פון באגייסטערונג.

ד ימיטגליעדער זיינען געווען פריידענקער און די ערשטע און די גרעסטע מצות ביי די פריידענקער פון יענער צייט איז געווען, ניט צו האלטען פון אידישע יום-טובים. (וועלכע זיי האָבען געהאַלטען פאר רעליגיעזע יום-טובים).

האָט מען געמאכט אייגענע יום טובים. דער ערשטער גרויסער יום טוב איז געווען דער ערשטער יאהרעס-פעסט פון ארבייטער רינג (אין 112 קלינטאָן סטריט). אויף איהם האָבען זיך די מיט-

גליעדער מיט זייערע פאמיליעס משמח געווען אויף אן אמת חסידי־שען אופן. מען האט געהוליעט א גאנצע נאכט ביז׳ן פריהמארגען.

זומער־צייט האט מען געמאכט פיקניקס, וואו די גאנצע אר־בייטער רינג משפחה פלעגט פארבריינגען צוזאמען אויפ׳ן גראז, צווישען בוימער, אונטער׳ן בלויען הימעל.

דער ערשטער פיק־ניק פון ארבייטער רינג איז פארגעקומען מאנטאג דעם 11טען יוני (צווייטער טאג שבועות) 1894 אין ברוי־מערס יוניאן פארק, 133טע סטריט און ווילים עוועניו, בראנקס. יעדער מיטגליד, וועלכער האט פארקויפט פאר 3 דאלאר טיקעטס האט געקראגען אלס פרעמיום די „צוקונפט״ פאר דריי מאנאטען פריי.

ווארטען אבער א גאנצען יאהר אויפ׳ן „יאהרעס־פעסט״ אדער אויפ׳ן פיקניק, איז ניט געווען קיין תכלית. מען האט געמוזט הא־בען אפטער יום טובים. איז געווען א מנהג זיך צוזאמענצוקומען יעדען זונטאג ביי אן אנדער מיטגליעד אין הויז און עסען צוזא־מען „וועטשערע״.

די זונטאגדיגע צוזאמענקונפטען, וואו מען האט גיט גערעדט וועגען ביזנעס און אנדערע וואכעדיגע ענינים, האבען פעסטער גע־מאכט דעם פריינדליכען בונד צווישען די מיטגלידער. זיי האבען שטארקער געמאכט די קרובה׳שאפט און האבען אויך געהאט א גרויסע ערציהערישע באדייטונג.

אויף די „וועטשערעס״ האט מען געווארט א גאנצע וואך מיט אומגעדולד, אזוי ווי פרומע אידען ווארטען אויפ׳ן שבת קודש.

עס איז אבער א טעות צו מיינען, אז מען האט אויף די צוזא־מענקונפטען בלויז געגעסען און געטרונקען, געזונגען און געטאנצט. דער עיקר זיינען דארטען געווען די גייסטיגע געריכטען: פארלע־זונגען, דעקלאמאציעס, וויצען, ווערטלאך, לייכטע דיסקוסיעס ווע־גען פאליטישע און וויסענשאפטליכע פראגען.

די „וועטשערעס״ פון ארבייטער רינג פאראיין זיינען גע־ווארען פאפולער, זיי האבען געקראגען א שם מיט זייער שעהנעם אינהאלט. זיי האבען צוגעצויגען צו זיך די ארומיגע שכנים און סתם זייטיגע מענשען, וועלכע די „פריינד״ פלעגען מיט זיך מיט־ברייגגען.

די „וועטשערעס״ אדער די באנקעטען פון ארבייטער רינג האבען אריינגעבראכט א סך מיטגליעדער. ניט ווייניג פון די שפע־טערדיגע אקטיווע טהוער האבען געמאכט דורך זיי זייער ערשטע באקאנטשאפט מיט׳ן ארבייטער רינג.

דער פארשטארבענער פנחס לעווין איז געקומען צום ארבייטער

רינג א דאנק אַט די פריינדליכע צוזאמענקונפטען, וואו מען האָט גע'יום־טוב'ט אויף א היימישען שטייגער.

אַט וואָס ער האָט דערצעהלט אין דעם זשורנאל „דער גרינ־דער": (ארויסגעגעבען אין 1917 צום 25טען יובילעאום פון בר. 1)

„מיין לאַזשי־מיסטער איז דעמאָלסט געווען א טהעטיגער מעמבער, פלעגט ער מיך מיטנעהמען צו די פארזאמלונגען, וואו איך האָב זיך בעקענט מיט פיעלע מעמבערס, און ווען נאכהער א געוויסער בלייוויס,*) א טהעטיגער מעמבער איז צוריקגעפאָהרען קיין יוראָפּ און מען האָט פאר איהם געמאכט א באנקעט (אין הויז, וואו איך האָב געוואָהנט), אויך געשאָנקען איהם א פּרעזענט, דאָס האָט אויף מיר געמאכט א גרויסע ווירקונג און איך בין געוואָרען א מעמבער".

## דער פאראיין ארבייטער רינג — דער פאראייניג־טער ארבייטער פראָנט.

דער ארבייטער רינג איז קודם כל געווען אן א ר ב י י ט ע ר אָרגאניזאציע און ווען די ארבייטערשאפט האָט געקעמפפט, האָט ער מיטגעקעמפפט. די זיעגען און די פארלוסטען פון די ארבייטער זיינען געווען ז י י נ ע זיעגען און ז י י נ ע פארלוסטען. ער האָט ניט בלויז סימפאטיזירט מיט די ארבייטער, וואָס זיינען גע־שטאנען אין קאמפף, נאָר ער האָט גענומען אן אקטיווען אנטהייל אין דעם קאמפף גופא. ער איז געשטאנען אין די פאָדערשטע ריי־הען און האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו דעמאָלסט, ווען איהם איז אויסגעקומען צו געהן אין פראָנט. יאָ, ער איז געגאנגען אין פראָנט פרייוויליג און האָט ניט געווארט אויף באפעלען.

פון די לעצטע געלד האָט ער געשטיצט סטרייקס און סטריי־קער. בעפאָר דער ארבייטער רינג פאראיין האָט נאָך געהאט געלד צו דינגען א האָל, האָט ער שוין געגעבען געלד אויף סטרייקס. סטרייק־אונטערשטיצונג איז ביי איהם געווען פריהער פון קראנקען אונטערשטיצונג. ער האָט געשטיצט, ניט נאָר סטרייקס פון אידישע ארבייטער, ווי א שטייגער דעם סטרייק אין וואודביין,

*) בלייוויס איז געווען איינער פון די ערשטע אקטיווע טוער אין א. ר. פאראיין. ער איז געקומען פון ווארשע, וואו ער איז געווען טהעטיג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער איז צוריק אהין געפאָהרען ארבייטען אין דער באוועגונג. שפּעטער האָט מען איהם פאר־שיקט אין סיביר. — א. ש. ז.

און די אפטע סטרייקס פון די קלאוקמאכער און שניידער, נאר אויך אלגעמיינע סטרייקס.

אין א באריכט פון 8טען יוני, 1894, לייענען מיר:

„...א קאמיטע פון די געווערקשאפטען און סעקציאנען צו־געלאזען און א פרייע קאלעקציאן פארגענומען צו גונסטען פון די קוילען־גרעבער...“

אזוינע קאמיטעס האבען אפט באזוכט די מיטינגען פונ'ם אר־בייטער רינג פאראיין און דער פאראיין האט זיי אויפגענומען פריינדליך, ווארעם, ווי ברידער, מיט וועלכע מען שטעהט צוזאמען אין קאמפף.

דער ארבייטער רינג איז געווען פאר אייניגקייט, פאר שלום, אבער ניט פאר שלום צווישען ארבייט און קאפיטאל, נאר פאר שלום אין די אייגענע רייהען. ער איז געווען פאר א פאראייניגטע א ר ב י י ט ע ר פראנט.

„מיר שטעהען פאראייניגט אין קאמפף“, אט וואס זיין מאטא איז געווען.

דער ארבייטער רינג איז געווען געגען פשרות, געגען קאמפרא־מיסען מיט די אונטערנעהמער. ער האט געפאדערט פון זיינע מיטגליעדער העלדישקייט און ריינקייט פון הונדערט פראצענטי־גער פראבע.

אין 1894 איז געווען א סטרייק פון די קלאוקמאכער. דער סטרייק האט זיך געשלעפט א לאנגע צייט. די סטרייקערס, וועל־כע זיינען נאך ניט געווען געקומען צו זיך פון דעם קריזיס אין 1893, זיינען געשטאנען פעסט און מוטיג. זיי האבען שרעקליך גע־הונגערט, אבער האבען ניט פארלאזען זייערע פאזיציעס. די אונ־טערנעהמער האבען זיך דעמאלסט ארויסגעוויזען שטארקער פון די סטרייקער און האבען זיך ניט אונטערגעגעבען.

די ארבייטער האבען דעם קאמפף פארלוירען.

אלע האבען געוואוסט, אז דער סטרייק איז א פארלוירענער און מען מוז איהם אויפגעבען. צווישען די סטרייקערס זיינען גע־ווען מיטגליעדער פון ארבייטער רינג, בעלי מטופלים מיט קינדער. שטעהן ווייטער אין דעם פארלוירענעם קאמפף איז פאר זיי געווען פשוט אונמעגליך. זיי האבען זיך געווענדעט צו מאנכע טאג־גע־בער אין דער ארבייטער באוועגונג נאך א עצה און די האבען זיי געגעבען א היתר צו געהן ארבייטען. די נויט איז געווען גרויס, און זיי האבען זיך מיט'ן היתר באנוצט.

אפיציעל איז אבער פון דער יוניאן דער סטרייק ניט געווען אפגערופען. איז געווארען א גאנצע יעלה און עס איז אריינגע־בראכט געווארען א קלאגע געגען די מיטגליעדער, וועלכע האבען ניט געווארט ביז די יוניאן גופא וועט געבען אן ערלויבניש.

דער ארבייטער רינג פאראיין האט באשלאסען זיי אויסצור־שליסען.

אט איז דער באריכט וועגען דער אנגעלעגענהייט:

„באשלאסען צו העלפען פינאנציעל אונזערע סטרייקענדע קלאוקמייקערס זא פיעל ווי מעגליך. באשלאסען די יעניגע, וועלכע זיינען אוועק ארבייטען אהנע די ערלויבניש פון דער יוניאן אויסצושליסען פון אונזער מיטע".

(„ארבייטער צייטונג", נאוועמבער 7טען 1894).

צווישען די אויסגעשלאסענע זיינען געווען אזוינע, וואס האבען דעם ארבייטער רינג געגרינדעט. מען האט אבער ניט געקוקט דארויף. דער ארבייטער רינג האט קיינעם ניט נושא פנים געווען. דער פרינציפ איז ביי איהם געשטאנען העכער פון פערזאנען, ווי גרויס די פארדינסטען פון אט די פערזאנען זאלען ניט זיין.

דער ארבייטער רינג האט געבויט א פראנט געגען דעם אויסערליכען שונא און האט שטרענג באשטראפט די יעניגע, וועלכע האבען דעם פראנט פארלאזען. ער האט שטרענג באשטראפט די יעניגע, וועלכע האבען גערן אדער אומגערן געשעדיגט דעם ארבייטער פראנט.

## הילף און שטיצע אין צייט פון קראנקהייט.

מיר האבען אין פאריגען קאפיטעל געזאגט, אז סטרייק־בענעפיט האט דער ארבייטער רינג פאראיין געגעבען בעפאר ער האט נאך אויסגעטיילט קראנקען בענעפיט. דאס איז ניט געווען סתם אזוי זיך געזאגט, נאר טאקע א היסטארישער אמת.

די ערשטע קראנקען בענעפיט איז באשלאסען געווארען ארויס־צוגעבען ענדע סעפטעמבער 1894. אזוי יעדענפאלס איז צו זעהן פון די אפיציעלע באריכטען. אין „ארבייטער צייטונג" סעפטעמבער 28, 1894, געפינען מיר דעם ערשטען באריכט וועגען קראנקען בענעפיט.

„באשלאסען די פאמילע פון דעם קראנקען מעמבער צו אונטערשטיצען מיט 5 דאלאר א וואך, ביז דער זעלבער וועט אים־שטאנד זיין צו ארבייטען".

פון דעם באריכט איז אויך צו זעהען, אז מען האט זיך ניט גערעכענט מיט דער צאהל וואכען, אויף וויפיעל דער קראנקער איז געווען בארעכטיגט. מען האט באשלאסען צו אונטערשטיצען, כל זמן דער מעמבער איז קראנק און נויטיגט זיך אין שטיצע.

ד. גינוואלד, וועלכער איז געווען דער האספיטעלער אין ארבייטער רינג פופצעהן יאהר נאכאנאנד, דערצעהלט, אז ווען ער איז אמאהל געקומען צום קראנקען פריינד מאימאן, האט ער אויף איהם אויסגעגעבען אכט און צוואנציג דאלאר. לויט'ן פונקט פון דער קאנסטיטושאן, האט ער ניט געהאט קיין רעכט דערצו. ער האט ניט געטארט מאכען הוצאות מעהר ווי פינף דאלאר. ער האט, הייסט עס, איבערגעטראטען די קאנסטיטושאן. ווען ער איז געקומען צום מיטינג, האט פונדעסטוועגען קיין איינציגער מיטגליעד איהם ניט פארגעווארפען זיין נים פאלגען די „רולס", נאר, פארקעהרט, אלע האבען איהם באדאנקט דערפאר, וואס ער האט אריבערגעטראטען זיינע רעכטען.

אויב א פריינד האט ניט געקענט פארטראגען די לופט, האט מען געשאפען געלד און איהם אפגעשיקט אין א געזונטערען פלאץ. אזוי אויך צום ביישפיל, האט מען א קראנקען מיטגליעד אויסגעריכטעט אין קאלאראדא און דער קליינער פאראיין האט אויסגעגעבען אויף איהם אן ערך טויזענד דאלאר. אויף א צווייטען קראנקען מיטגליעד האט דער פאראיין אויסגעגעבען ביי זעקס הונדערט דאלאר און ווען אן ארעמער מיטגליעד האט אמאהל גערארפט מופען, און ער האט ניט געהאט דאס נויטיגע געלד, זיינען געקומען די מיטגליעדער און אריבערגעטראגען אלע זיינע כלי־בית אויף די פלייצעס.

מילא, צו ארבייטען זיינען די מיטגליעדער פון פאראיין געווען געוואהנט. זיי האבען געארבייט מיט'ן נאדעל, מיט דער דלאטע, מיט'ן האמער און האק, און האבען, ווען עס איז נויטיג געווען, אויך געארבייט אלס בארעמהערציגע שוועסטער פאר זייערע ברידער אין נויט.

קיין דאקטוירים אבער זיינען זיי ניט געווען, קיין אפטייקען האבען זיי ניט געהאט. און מעדיצינישע הילף און רפואות איז נויטיג געווען, האט דער פאראיין געהאט אייגענע באצאהלטע דאקטוירים, וועלכע פלעגען באזוכען די קראנקע. און ניט נאר דאקטוירים, נאר אויך אן אפטייק, וואו די מיטגליעדער האבען געקראגען אומזיסטע רפואות.

אין „אבענד בלאט“ פון 1טען פעברואר, 1896, לעזען מיר א באריכט:

„ארבייטער רינג, ניו יארק. מיר מאכען באקאנט אונזערע מיטגליעדער, דאס פון היינט אן און ווייטער באקומען זיי פרייע מעדיצין אין ברעסלערס דראג־סטאר, 177 עלען סטריט — דאס קאמיטע“.

און ווי שעהן די הילף איז געווען! מיט ליעבע, מיט א ברודער־ליכער ליעבע האט מען געהאלפען. מען האט באטראכט פאר א פארגעניגען צו העלפען איינע די אנדערע. דערביי איז מען גע־ווען פארזיכטיג, דער נויטבאדערפטיגער זאל זיך ניט באליידי־גען.

ביי א געוויסען מיטינג איז איבערגעגעבען געווארען א באריכט, אז איינער פון די מיטגליעדער ווערט אומפעהיג צו ארבייטען. איז באשלאסען געווארען, אז יעדער מעמבער זאל ביישטייערען א דא־לאר. געווען זיינען דעמאלסט 350 מיטגליעדער אין פאראיין. הא־בען די איינציגע דאלארס אויסגעמאכט א סך הכל פון דריי הונ־דערט און פופציג דאלאר. דאס איז געווען אין יענער צייט א ריזיגע סומע. א חוץ דעם, האבען איניגע, מעהר פארמעגליכע מיטגלידער, אויסגעליהען גרעסערע סומעס אויף אן אומבאשטימטע צייט, ביז דער פריינד וועט זיין בכוח אפצוגעבען.

דאס געלד אליין איז נאך ניט געווען אלץ. מען האט דעם פריינד געהאלפען מיט אזא אויפמערקזאמקייט, וואס מען האט ניט געקענט געפינען פאר געלד.

דהיינו: דער פאראיין האט ערוועהלט א קאמיטע פון די אק־טיווסטע, חשוב׳סטע מיטגליעדער, זיי זאלען אויסגעפינען א פא־סיגען פלאץ פאר א פאסיגע ביזנעס.

און ווען די ביזנעס איז געעפענט געווארען, האבען אלע מיט־גליעדער איהם געהאלפען מיט אלע מעגליכע מיטלען. זיי האבען אליין פאטראנייזט, געווארען אומזיסטע אגענטען צו אדווערטיי־זען די ביזנעס פאר אנדערע. האט א מיטגליעד געארבייט אין דעם געגענד, וואו די ביזנעס איז געווען, פלעגט ער האלטען פאר זיין חוב אריינצוגעהן נאך דער ארבייט אדער אין „לאנטש־צייט“ און זיך ערקונדיגען, וואס ס׳הערט זיך. און אויב מ׳איז אין דעם גע־גענד ניט געווען פאר אייגענע צוועקען, האט מען זיך געמאכט צייט צו קומען אפילו פון עק שטאדט און ארויסהעלפען דעם פריינד מיט ארבייט, מיט אן עצה, מיט א גמילת־חסד א. א. וו.

די שטיצע האָט מען ניט געגעבען אין האנד אריין, נאָר מען פלעגט איבערלאָזען בסתר, דער נויטבאדערפטיגער זאָל זיך ניט דארפען באליידיגען. מען פלעגט איבערלאָזען אונטער א טישטוך, אונטער א קישען, אָבער ווי עס איז אויף אן אנדער אופן. קיינער זאָל ניט זעהן און ניט הערען.

די קאָמיטע, וואָס איז געזעסען ביים קראַנקען'ס בעט, פלעגט שוין ווי עס איז ארייןשמוגלען אין דער הויז פון קראנקען א גרע־סערע אָדער א קלענערע סומע געלד.

י. אדלער (ב. קאַוונער) דערצעהלט, אז ער האָט אליין געפור־נען נאָך א קאָמיטע'ס באזוך, ווען ער איז געווען קראנק, אונטער זיין קישען זעקס דאָלאר. ער האָט בשום אופן ניט געקענט באמערקען, ווי אזוי די באזוכער האָבען דאָס געלד ארייננגעשמור־געלט צו איהם אין בעט. די מיטגליעדער פון פאראיין זיינען גע־ווען אזעלכע דורכגעטריבענע שמוגלערס אין אזעלכע ענינים, אז מען האָט זיי ניט געקענט כאפען ביי דער האנד.

די גרויסע אידישע מדה פון צו זיין א נותן בסתר איז געווען זעהר בולט ביי דעם ארבייטער רינג.

„אין דער צייט, ווען איך בין געווען קראנק" — דערצעהלט ווייטער י. אדלער — „האָט מען באשלאָסען צו מאכען פאר מיר א בענעפיט, און אלע מעמבערס האָבען זיך געטעקסט מיט טי־קעטס. דער בענעפיט האָט אריינגעבראכט דריי הונדערט דאָלאר, האָט דער פאראיין אליין געקויפט פאר מיר א קענדי סטאָר".

האָט מען באמערקט, אז א פריינד, וואָס פארקויפט אייז און קוילען, שלעפט זיינע „סחורות" אויף די פלייצעס, אָדער אויף א וועגעלע און ארבייט איבער די כחות, האָט מען באשלאָסען איהם צו קויפען א פערד און וואָגען. האָט איינער געהאט טראָבעל מיט זיין לענדלאָרד, פלעגט קומען א קאָמיטע פון פאראיין זיך משתדל זיין פאר'ן פריינד און ווי עס איז דורכגעקומען מיט'ן בעל־הבית.

א מיטגליעד פון ארבייטער רינג פאראיין איז ניט געווען קיין עלענדער מענש. ער האָט געהאט א גרויסע, איבערגעגעבענע משפחה. ער האָט זיך געפונען צווישען פריינד, וואָס האָבען פאר איהם געזאָרגט, וואָס האָבען איהם געהאָלפען, ווען ער איז געווען געזונד און איהם געשטיצט, ווען ער איז, חלילה, געוואָרען קראנק.

ביי די מיטגליעדער פון פאראיין האָט געהערשט אויף אמת דער פרינציפ: איינער פאר אלע, און אלע פאר איינעם".

# דער ארבייטער רינג פאראיין שטיצט די סאָציאַ-ליסטישע פרעסע און פיהרט א קולטור-ארבייט.

פאר די ערשטע זיבעןּ־אַכט יאָהר, ביז וואנען דער ארבייטער רינג איז געוואָרען אַן אָרדען, געפינט מען אין דער פרעסע בלויז קורצע, קליינע באריכטען, וואָס דער סעקרעטער פון פאראיין פלעגט אריינשיקען.

און אַט די מאָגערע באריכטען :ופא פלעגען ערשיינען ניט רעגעלמעסיג. אין יאָהר 1895 איז כמעט קיין באריכט ניט געווען פארעפענטליכט. דער סעקרעטער האָט, משמעות, ניט געשיקט קיין באריכטען און די פרעסע האָט זיך אויף זיי ניט נאָכגעפרעגט.

דער יאָהר 1895 איז געווען ניט קיין גלענצענדער פאר'ן ארבייטער רינג פאראיין. דאָס איז געווען די צייט, ווען דער קאָאָפעראטיווער בארבער שאפּ האָט זיך צוגעמאכט און עס איז פאראיין געבליבען א גאנץ קליינע צאָהל מיטגליעדער. עס איז, הפנים, ניט געווען פיעל, וועגען וואָס צו באריכטען.

אין יאָהר 1896 באווייזען זיך די באריכטען אָפטער, אָבער ערגעץ־וואו פארדוקט אין א ווינקעל.

דער ארבייטער רינג האָט ניט נושא חן געווען ביי די ראַדיקאַלע שרייבער. דאס איז מילד געזאָגט. די רעדעלפירער האָבען אויפ'ן ארבייטער רינג איבערהויפּט ניט געקוקט. זייער באציהונג איז געווען א גלייכגילטיגע .מען האָט איהם אפילו ניט קריטיקירט.

א. ליעסין דערצעהלט אין „גרינדער“:

„מען האָט דעם ארבייטער רינג ניט באקעמפפט, ווי צום ביישפיל, מאנכע ווידערשפעניגסטע יוניאָנס. ער האָט אויסגעזעהן אזוי אומוויכטיג, דאָס מען האָט געהאלטען פאר איבעריג אפילו צו באקעמפפען איהם. מען איז צו איהם פארבליבען קאַלט און גלייכגילטיג. דאָס איז געווען א פאראכטונג, א שטילע פאראכטונג, וואָס איז פאר איהם געפערליכער געווען פון א קאמפף. מען האָט איהם פארשוויגען און מען האט איהם אזוי געקענט פארשוויגען ביז פארניכטונג, ווען ניט זיינע ערשטע מיטגליעדער, זיינע טרייע, איבערגעגעבענע מיטגליעדער, וועלכע האָבען פאר איהם נאָכאנאנד געארבייט און אָהן אויפהער געאָפפערט זיך“.

די פרעסע האָט באהאנדעלט דעם ארבייטער רינג ווי א שטיף קינד, אָבער „דאָס האָט זיי (די מיטגליעדער פון ארבייטער רינג) ניט אָפּהענדיג געמאכט“. זיי האָבען זיך געטהאָן דאָס זייעריגע אפילו, ווען זיי האָבען ניט געקראָגען קיין געגענזייטיגקייט. זיי

האָבען געזאמעלט געלד פאר דער פרעסע, פריהער פאר דער „אר־בייטער צייטונג“, שפּעטער פאר׳ן „אבענד בלאט“ און בעת דער „פאָרווערטס“ איז געגרינדעט געוואָרען איז דאָס געלד פון אר־בייטער רינג געווען פון די ערשטע. זיי האָבען געשיקט דעלעגאַ־טען צום פרעס־פארבאנד און דאָס האָט, פארשטעהט זיך, געהייסען, שיינקען געלד פאר׳ן פרעס־פאָנד.

דער „פאָרווערטס“ איז אמאָהל, אין די ערשטע יאָהרען, געווען אויף גרויסע צרות. ער האָט געלעבט א טאָג אָהן ברויט און א טאָג אָהן וואסער. האָט עס אמאָהל געטראָפען, אז עס איז ניט געווען צו באצאָהלען דעם גאז־ביל און די קאמפּאניע האָט געהאל־טען ביים אָפּשליסען די גאז, האָט מען זיך דערמאָנט, אז עס איז פאראן א גוטער קרוב אין דער משפחה. איז מען געקומען צו לוי־פען צו איהם, דעם דעמאָלסטיגען אָרעמען, אָבער גוטען וואַרעמען קרוב, צום ארבייטער רינג. דער פאראיין האָט געגעבען 25 דאלאר פון זיין קאסע און א מיטגליעד, שווארץ, האָט דערלייגט פון זיין אייגענער קעשענע נאָך א פופציגער און עס איז צוריק געוואָרען ליכטיג אין „פאָרווערטס“.

די אלטע מיטגליעדער דערצעהלען, אז פון דעמאָלסט אָן האָט זיך די מערכה פון ארבייטער רינג אין „פאָרווערטס“ פארבע־סערט און צווישען „פאָרווערטס“ און ארבייטער רינג האָט זיך ענטוויקעלט א גרעסערע קרובה׳שאפט, ווי צווישען ארבייטער רינג און דעם „אבענד בלאט“.

דער ארבייטער רינג פאראיין איז טאקע געוואָרען מעהר אק־טיוו אין פרעס־פארבאנד און האָט נאָכגעפאָלגט אלץ, וואָס איז דאָרטען פאָרגעקומען.

אין „פאָרווערטס“ פון דעם 31טען דעצעמבער 1897, געפינען מיר אזא באריכט פון ארבייטער רינג:

„אלע מיטגליעדער זיינען ערזוכט צו ערשיינען הייטע אבענד צו איינע גענעראל פערזאמלונג. דעלעגאטען פון פרעס־פער־באנד און אנדערע קאָמיטעטען מוזען אנוועזענד זיין“.

אין „פאָרווערטס“ פון צווייטען מערץ 1898:

„...פרעס־פארבאנד בעריכט אויסגעהערט און אינסטראק־שאָנס געגעבען צו די דעלעגאטען, אז גענאָסע מילער זאָל בלייבען רעדאקטאָר...“

די באריכטען פאר די יאָהרען 95, 96, 97 און 98 זיינען אין דער פרעסע, ווי אויבען געזאָגט, געווען קליינע, אָבער זיי זיינען

כאראקטעריסטיש מיט זייער אינהאלט. די הויפט זאך, וואס איז זיי איז געווען מיטגעטיילט, איז די קולטורעלע ארבייט: לעקציעס און דיסקוסיעס.

אין די יאהרען 96 און 97 איז דער א י י נ צ י ג ע ר לעקטאר געווען דער אלטער רעוואלוציאנער מ. שווארץ. ער האט גע־ארבייט אונערמידליך פאר דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון די אר־בייטער רינג מיטגליעדער. זיין פלאץ אין דער געשיכטע פון דעם ארבייטער רינג איז א גרויסער, א בכבוד׳יגער. זיין נאמען איז פארשריבען מיט גאלדענע אותיות.

מיר ברענגען דא איניגע באריכטען, וועלכע אילוסטרירען די ארבייט פון דעם אלטען פארקעמפפער, מ. שווארץ.

„היינט אבענד וועט געגעבען ווערען איין לעקטשור, טהעמא: מאטהעמאטישע ערקלעהרונג ווי זא ניוטאן איז געקומען צו דער איבערצייגונג פון די אלגעמיינע צוציהונגסקראפט דורך די פאלונג פון דער לבנה. לעקטאר מ. שווארץ. יעדער איז ווילקאמען“.

באריכט פון יאנואר 31, 1896:

„ארבייטער רינג, ניו יארק, 66 עסעקס סטריט. היינט אבענד איין וויסענשאפטליכע לעקטשור. טהעמא: „דער ערשטער שטוים“, אדער „די וועלט געביידע“. לעקטאר מ. שווארץ. איינ־טריט פריי“!

באריכט פון פעברואר 14, 1896:

„הייטע אבענד ווירד איין לעקטשור געגעבען ווערען אין 66 עסעקס סטריט איבער נאטורוויסענשאפט פון מ. שווארץ“.

און אזוי זיינען אלע ווייטערדיגע באריכטען אין „אבענד בלאט“ און שפעטער אין „פארווערטס“ פול מיט מיטטהיילונגען וועגען לעקטשורס, וואס וועלען געגעבען ווערען פון מ. שווארץ.

די טעמאס פון די לעקטשורס זיינען, אמת, געווען אביסעל שווערליך, אבער די מיטגליעדער פון ארבייטער רינג פלעגען פינקט־ליך קומען און האבען געשלונגען יעדעס ווארט פונ׳ם לעקטאר מ. שווארץ.

## דער ארבייטער רינג פארצווייגט זיך

אין די ערשטע יאהרען פון זיין עקזיסטענץ, האט דער אר־בייטער רינג פאראייך אפגעהאלטען זיינע מיטינגען, געשעפטליכע ווי קולטורעלע, דאון־טאון. דא איז ער געגרינדעט געווארען, דא

האט ער געפאקט און געמאזעלט און דורכגעמאכט אנדערע קראנק־הייטען, דא איז ער לאנגזאם אבער פעסט געוואקסען. איינציגע מיטגליעדער האבען געוואוינט אין אנדערע טהיילען פון שטאדט, ווי הארלעם, ברוקלין און בראנקס, אבער זיי פלעגען קומען מיט פארגעניגען צו די מיטינגען דאון־טאון.

די מיטינגען פון פאראיין זיינען געווען פאר די שווערע אי־דישע האַרעפּאַשניקעס אמת'ע ימים־טובים און מען האט געווארט אויף זיי מיט אומגעדולד. קומען צו א מיטינג איז ניט געווען א חוב, נאר א פארגעניגען, א פריוויליגיע און יעטווידער האט אויס־גענוצט זיין פריוויליגיע מיט גרויס חשק. קיין שטראפען פאר ניט באזוכען א מיטינג זיינען ניט געווען. זיי זיינען אויך ניט נויטיג געווען. „שטראפע פאר ניט ערשיינען — געוויסענביסע" — אזוי האט זיך געענדיגט אן אויפפאדערונג צו קומען צום מיטינג, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען אן אויסערגעוועהנליך וויכ־טיגע פראגע.

אין 1898 האבען אין הארלעם געוואוינט א סך מיטגליעדער פון ארבייטער רינג פאראיין. איז ארויפגעקומען דער געדאנק, אפשר לוינט פאר די הארלעמער מיטגליעדער אפצוהאלטען באזונדערע מיטינגען אין הארלעם גופא, כדי מען זאל ניט דארפען יעדע וואך זיך שלעפען דאון־טאון.

עס איז אויך געווען אן אנדער אורזאכע, וואס האט געפיהרט צו דער מיינונג, אז די הארלעמער מיטגליעדער זאלען האבען זיי־ערע אייגענע מיטינגען אין הארלעם. דאס איז געווען די דאקטאר פראגע.

דער דאקטאר פונ'ם פאראיין האט, פארשטעהט זיך, געוואוינט דאון־טאון און אן אפ־טאונער מיטגליעד האט געהאט צרות צו קריי־גען דעם דאקטאר. האט מען געמוזט האבען א דאקטאר פון אפ־טאון. און אויב דער דאקטאר איז אן אפ־טאונער, טא פאר וואס טאקע ניט האבען אפ־טאונער מיטינגען?

טעארעטיש איז אזא פלאן געווען גאנץ פשוט, אבער אין דער פראקטיקע איז עס ניט געווען אזוי לייכט דורכצופיהרען. דער ארבייטער רינג פאראיין איז געוואוינט געווען צו האבען גרויסע פארזאמלונגען. די לעקטשורס פלעגען באזוכט ווערען פון א פאר הונדערט מענשען. אין הארלעם האבען געוואהנט ניט מעהר, ווי קנאפע צוויי מנינים מיטגלידער, ווי קען דער ארבייטער רינג פאר־איין דאס דערלאזען, אז זיינער א מיטינג זאל זיין אזוי ווייניג בא־זוכט? שיקט אבער גאט צו די רפואה פאר דער מכה.

אין יענער צייט — די יאָהרען 97-98 — איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. א סך מיטגליעדער זיינען געוועזען אומצופרידען מיט דעניעל דעליאָנ'ס דיקטאַטור און זיין אונטאָלעראַנץ צו די יעניגע, וואָס זיינען מיט איהם ניט מסכים, און זיינען ארויס פון דער ס. ל. פּ.

די „אבענד בלאַט" אלס אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, האָט זיי, פארשטעהט זיך, אויפגעהערט צו באַפרידיגען. מען האָט באַדאַרפט האָבען א נייע צייטונג מיט א פרייערער, מעהר ליבעראַלער ריכטונג, א צייטונג, וואָס זאָל זיין פריי פאַר אלע מיינונגען אין דער באַוועגונג, זאָל פאַרוואַלטעט ווערען ניט פון א „קליקע", נאָר פון פאָלק גופא. פון אָט דער באַוועגונג פאַר „פרייע פּרעסע" און „פאָלקס פאַרוואַלטונג" איז טאַקע אין 1897 ארויסגעוואַקסען דער „פאָרווערטס" אלס אָפּאָזיציע געגען „אבענד בלאַט".

אין דער צייט, ווען דער „פאָרווערטס" האָט זיך געגרינדעט און א פּאָר יאָהר נאָכדעם, ווי ער האָט שוין עקזיסטירט, זיינען געווען פאַרשידענע ראַדיקאַלע „פּרעס-קלאַבס", צו זאַמלען געלד, פריהער ארויסצוגעבען, שפּעטער צו אונטערשטיצען די נייע פרייע צייטונג, וואו עס זאָלען זיך אָפּשפּיגלען די מיינונגען פון דער אָפּאָזיציע אין דער ס. ל. פּ.

אין האַרלעם איז אויך געווען אזא קלאָב: „דער פיינטערס פּרעס קלאָב אין האַרלעם".

עס איז געשלאָסען געוואָרען א שידוך צווישען די ארבייטער רינג מיטגליעדער און די מיטגליעדער פון פיינטערס קלאָב און זיי האָבען אין סעפּטעמבער, 1898 אָנגעהויבען אראַנזשירען בשותפות'דיגע מיטינגען. די מיטגליעדער פון פיינטערס קלאָב זיינען אריין אין ארבייטער רינג און עס איז אויף דעם אופן געשאַפען געוואָרען א האַרלעמער צווייג פון ארבייטער רינג פאַראיין, אָדער „ברענטש איינס ארבייטער רינג".

די אָרגאַניזאַטאָרען פון דעם ברענטש אין האַרלעם זיינען געווען די ארבייטער רינג מיטגליעדער: מ. גאָלדרייך, שעהנבעלד, שעהנבוים, מ. אייזמאַן, פעלדמאַן און י. אנאפאָל. פון דעם פיינטערס קלאָב: פּערסקי, נאַדעל, בערמאַן, אב. סאַפערמאַן, ליוויי, ברעסלאַו, ראָזענצווייג, סאָל קאַהאַן, זאַלצבורג און אב. באַראָף.

דער ערשטער ברענטש איז ארויסגעוואַקסען אָנפאַנג אָקטאָבער 1898. דעם 5טען אָקטאָבער, 1901 איז געפייערט געוואָרען דער דריטער געבורטס-טאָג.

ברענטש איינס האָט ניט געהאט קיין זעלבסטשטענדיגע פאַר־וואַלטונג. אַלע זיינע אנגעלעגענהייטען — אחוץ דאָקטאָר — זיי־נען געוואָרען באזאָרגט פונ'ם פאַראיין, נאָר אומבאַדייטענדע פראַ־גען — אזוינע, וועלכע זיינען געווען נוגע בלויז די האַרלעמער עניינים, האָט ער אַליין פאַרוואַלטעט.

דאָס זעלביגע, וואָס די האַרלעמער מיטגליעדער האָבען גע־טהאָן, האָבען אויך געטהאָן די ברוקלינער.

אויך זיי האָבען געפונען א סך באקוועמער צו האַלטען באזונ־דערע מיטינגען, צוליעב די זעלביגע טעמים, ווי די האַרלעמער.

די ברוקלינער האָבען געוואָלט האָבען דעם כבוד צו זיין דער בכור פון די ברענטשעס און האָבען געהאט די אמביציע זיך א נאָמען צו געבען ברענטש איינס. האָבען די האַרלעמער אָבער זייער בכורה ניט אָפּגעגעבען און עס איז געבליבען: האַרלעמער ברענטש איינס און ברוקלינער ברענטש צוויי.

דער ברוקלינער ברענטש איז אינסטאָלירט געוואָרען דעם דריי־טען יוני 1899 מיט 29 מיטגליעדער. 14 פון דעם נייעם ברענטש האָבען שוין פריהער באַלאַנגט צום ארבייטער רינג פאַראיין אין ניו יאָרק. 15 זיינען צוגעקומען אויף דעם ערשטען אינסטאָליישאָן מיטינג.

י. אדלער, איינער פון די 15, וואָס זיינען צוגעקומען אויפ'ן ערשטען אינסטאָליישאָן מיטינג פון בר. 2, ברוקלין, שילדערט דעם ערשטען צוזאמענקונפט פון די ארבייטער רינג מיטגליעדער אין ברוקלין.

„מיר האָבען גענומען א קליין, הינטערשטען צימערעל ערגעץ וואו אין א סאלון (א בעק רום). עס האָט דאָרטען געוויכערט און געטשאדעט א קליין לעמפעל.

אויף דער נשמה איז אָבער געווען ליכטיג, פרעהליך. מען איז געגאַנגען צום מיטינג, ווי צו א גרויסער יום טוב'דיגער אונ־טערנעהמונג.

דער ערשטער טשערמאַן איז געווען גאַרפינקעל. פריהער פראָ־וויזאָריש, שפּעטער פּערמאַנענט.

גאַרפינקעל איז געווען טשערמאַן פון ברוקלינער ברענטש ביז ער האָט אריבערגעמופט קיין פּעטערסאָן.

זיין אָפּפאָהרען פון ברוקלין איז געווען פאַר די ארבייטער רינג מיטגליעדער אַן אמת'ער יום כפור.

דער ערשטער פּראָטאָקאָל סעקרעטער פון ברענטש איז געווען

יאקאב אבראמאוויטש, דער צווייטער, ראטשטיין, דער דריטער י. אדלער.

י. אדלער איז געווען פראטאקאל סעקרעטער פון ברענטש איינינגע יאהר. ער האט אנגעהאלטען זיין אמט א לאנגע צייט נאך דעם, ווי דער ארבייטער רינג איז געווארען אן ארדען.

אינסטאלירט דעם ברענטש 2, ברוקלין, האבען פריינד מ. בעקער, וואס איז געווען פארזיצער פון פאראיין און פריינד שווארץ.

מיר גיבען דא איבער דעם פראטאקאל פון אינסטאליישאן מיטינג:

ארבייטער רינג און ניו יארק!

אינסטאליישאן פון ברוקלינער ברענטש שטאטגעפונדען אין 194 ביירעם סטריט. פון ניו יארק ווארען אנוועזענד 14 מעמבערס, פון ברוקלין 15. טשערמאן פר. בעקער האט ערעפענט די פערזאמלונג מיט איין קורצער אנשפראכע. פאלגענדע גינסטיגע דאקטאר אטעסטען ווארען פארגעלעזען: דזשייקאב אבראמאוויטש, נייטען ליפשיץ, סעמועל בראון, דזשייקאב אדלער. סעמועל זיגמאן, אייבראהאם גאלדסטיין, ב. שור, ב. ברוקס. זיי ווארען פון טשערמאן איינגעפיהרט. באשלאסען דאס אלע ברוקלינער מעמבערס זאלען נעהמען פון ניו יארק אפגאנגס קארטס און די שולדען צו בעצאהלען. נאמיניישאן פיר בעאמטע האט שטאטגעפונען און פאלגענדע ווארען ערוועהלט: אלס טשערמאן, גארפינקעל; וויס-טשערמאן, שווארץ; פינאנס סעקרעטער, שיווין; פראטאקאל סעקרעטער, אבראמאוויטץ, קעשיער, זוסמאן; האספיטעלער קיעווסקי און ווארען פון פר. שווארץ אינסטאלירט. בעשלאסען צו מיטען יעדען דינסטאג. פאלגענדע קאנדידאטען ווארען פארגעשלאגען פון פריינד אדלער: סאימאן מיכאילאוויטץ, 30 יאהר אלט, אפערייטאר, — סטאון עוועניו, ניער דומאנט; ענער, קליין, שיווין זינד א קאמיטע.

ב. יאקאבסאן, 26 יאהר אלט, א שניידער, 426 סאוט 4טע סטריט. שווארץ, ענערי, בראון זינד א קאמיטע. דאמיט וואר דער מיטינג געשלאסען.

איננאהמע — 6.00 דאלאר; אויסגאבען — 2.75 דאלאר;ביים קעשיר 3.25 דאלאר.

דער ארבייטער רינג פאראיין, וואס איז געווען ביז 1898 איין שטאם, האט אנגעפאנגען ארויסצוגעבען צווייגען איינעם אין הארלעם, א צווייטען אין ברוקלין.

## דער ארבייטער רינג פאראיין מיט זיינע צוויי ברענטשעס באשליסט צו ווערען א צענטראל פארבאנד מיט ברענטשעס איבער גאנצען לאנד.

ווי מיר האבען געזאגט אין פאריגען קאפיטעל, זיינען די צוויי ברענטשעס ניט געווען קיין זעלבסטשטענדיגע אויטאנאמע ארגאניזאציעס. אלס קינדער פון פאראיין זיינען זיי געווען אונטער זיין קאנטראל.

זיי האבען בלויז געקענט דיסקוטירען און באשליסען וועגען זייערע אינערליכע לאקאלע ענינים. דאס אויסצאהלען פון קראנקען און טויטען בענעפיט, ווי אלע אנדערע פינאנציעלע אנגעלעגענהייטען, זיינען געלעגען אויסשליסליך אין רשות פון פאראיין.

אמת, דער פאראיין און די צוויי ברענטשעס האבען געהאט אן אלגעמיינע קאמיטע פון 18 (דער פאראיין האט געשיקט זעקס מיטגליעדער אין די צוויי ברענטשעס צו זעקס), די קאמיטע האט פארוואלטעט אלע ענינים, אבער די הויפט מאכט איז געלעגען אין די הענד פון די פאראיין מיטגליעדער.

אזא סיסטעם האט אבער ניט גוט געארבייט. פיהרענדיג זיך אויף דעם אלט־מאדישען היימישען שטייגער, אהן אן אפיס און אהן א נויטיגער בוכהאלטעריע, פלעגען פארקומען מיספארשטענדניסען אין די צאהלונגען און אויסצאהלונגען.

אט די מיספארשטענדניסען האבען ארויפגעפיהרט אויפ׳ן פלאן איבערצואנדערשען די פריהערדיגע פארמע, אין וועלכער דער ארבייטער רינג איז געווען ארגאניזירט.

א שטוים דערצו האט געגעבען פאלגענדער פאל:

א מיטגליעד פון ברענטש איינס איז קראנק געווארען, האט מען באדארפט ארויפלייגען אן אסעסמענט אויף אלע מיטגליעדער פון ארבייטער רינג. אויף יעדענס חלק איז אויסגעקומען צו 65 סענט.

ל. פלאטא איז געווען דער סעקרעטער פון הויפט פאראיין און י. אנאפאל, דער סעקרעטער פון ברענטש איינס אין הארלעם. אזוי ווי די מיטגליעדער זיינען געווען צוטיילט אין דריי טהיילען (דער פאראיין און זיינע צוויי ברענטשעס), איז שווער געווען צו קאנטראלירען די אסעסמענטס. אחוץ דעם, איז מען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער פאראיין, כדי צו דעקען די קראנקען־אונטערשטיצונג, מוז האבען אליץ מעהר פרישע בלוט. ער מוז ארויסגעהן פון זיינע לאקאלע גרענעצען, ער מוז זיך פארשפרייטען.

עס איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ קאָמיטע צונויפצוקלייבען דאָס געלד. אין דער קאָמיטע איז אויך געווען דער אַלטער טהוער מ. בעקער, פאָרזיצער פון פאראיין.

אין פאראיין זיינען דעמאָלסט געווען זעהר אקטיוו זוסמאַן און סאנדייק (צוויי שוואָגערס) און זיי, אַלס גוטע ביזנעסלייט, האָבען אויפגעהויבען די פראגע, פארוואָס דער ארבייטער רינג זאָל ניט ווערען געבויט אויף אַ געשעפטליכען יסוד, אָט אַ שטייגער, ווי די דייטשע ארבייטער און קראנקען קאסע. און פאר וואָס ניט אנפאנגען צו גרינדען ברענטשעס אויך אין אנדערע שטעדט?

די פראגע האָט ארויסגערופען גרויסע דיסקוסיעס אין פאראיין, ווי אויך אין די ברענטשעס.

ל. פלאטא (סעקרעטער פון פאראיין) האָט פאר דעם פלאן, דער ארבייטער רינג זאָל רעאָרגאניזירט ווערען, שטארק איגיטירט, און אין ברענטש איינס האָט פאר דעם אגיטירט י. אנאפאָל.

ניט געקוקט, וואָס דער רעאָרגאניזירונג פלאן האָט, בכלל, געפונען אַ ווארעמען אָפּקלאנג, האָט ער אָבער אויך ארויסגערופען אַ שטארקע אָפּאָזיציע געגען זיך. דער ענין איז איבערגעגעבען געוואָרען דער קאָמיטע פון אכצעהן (וואָס האָט שוין פון פריהער עקזיסטירט פון זעקס מיטגליעדער פון פאראיין און צו זעקס פון די ברענטשעס), וואָס זאָל די פראגע באטראכטען.

דער ערשטער מיטינג פון די 18-נער קאָמיטע איז געווען ביי זוסמאַן'ען אין הויז.

אויף דעם מיטינג איז באשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַ צענטראַל פארבאנד איבער'ן גאנצען לאנד, וואָס זאָל אין מאטעריעלער באציהונג ווערען פאר די אידישע ארבייטער און זייערע פריינד דאָס זעלבע, וואָס די גרויסע אָרדענס זיינען, אָהן די רעאקציאָנערע איינגענשאפטען.

צוליעב דעם צוועק איז צוזאמענגערופען געוואָרען אַן אַלגעמיינע גרינדונגס פארזאמלונג פון אַלע מיטגליעדער אויף גרענד סטריט, נומער 412. פון די קנאפע 300 מיטגליעדער אין פאראיין מיט זיינע צוויי אָפּטיילונגען אין הארלעם און ברוקלין, זיינען אויף דער פארזאמלונג געקומען אומגעפעהר 160. סאנדייק איז געווען דער פאָרזיצער אויף דער פארזאמלונג.

אויף אָט דער פארזאמלונג איז באשלאָסען געוואָרען צו רעאָרגאניזירען דעם „ארבייטער רינג פאראיין און ניו יאָרק“ אין אַן ארבייטער אָרדען „ארבייטער רינג“.

# דער ארבייטער רינג ווערט אן אָרדען

מיט דעם, וואָס דער פאראיין איז געוואָרען אן אָרדען, זיינען אַלע ברענטשעס געוואָרען גלייכע יחסנים. דער פאראיין האָט גע־מוזט אָפּגעבען זיין פיהרערשאַפט און איז אָרגאניזירט געוואָרען אונטער'ן נאָמען: ב ר ע נ ט ש א י י נ ס א ר ב י י ט ע ר ר י נ ג.

דער הארלעמער ברענטש איינס איז געווארען ברענטש צוויי ארבייטער רינג.

דער ברוקלינער ברענטש צוויי איז געוואָרען ברענטש דריי אר־בייטער רינג.

אויף צו פארוואלטען דעם אָרדען איז אויסגעקליבען געוואָרען א פּראָוויזאָרישע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע, צו וועלכער יעדער ברענטש האָט דעלעגירט צו זעקס פון זיינע מיטגליעדער. איז אנהויב זיינען עס געווען די זעלביגע זעקס פון יעדען ברענטש, וועלכע האָבען אויך שוין פריהער רעפּרעזענטירט די מיטגליעדער, שפּעטער זיינען מאנכע איבערגעביטען געווארען אויף אנדערע.

די ערשטע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע איז באשטאנען פון 18 מיטגליעדער. אין דער זעלביגער וואָך, ווען דער ארבייטער רינג האָט זיך רעאָרגאניזירט, האָט זיך אָז איהם אנגעשלאָסען: „דער אינטערנאציאָנאלער קראנקען אונטערשטיצונגס פאראיין פון ברוק־לין" אלס ברענטש 4, ארבייטער רינג.

אין „אבענד בלאט" דעם 12טען סעפּטעמבער 1900, לייענען מיר פאָלגענדען באריכט:

„אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער קראנקען אונטערשטיצונגס פעראיין אַף ברוקלין".

„אָפּגעהאלטען איין גענעראל פערזאמלונג מיטוואָך דעם 5טען סעפּט.: פארשידענע געשעפטען ערלעדיגט. דאן איז דער טשארטער אויפגעלייזט געוואָרען און דיזער פעראיין איז אינסטאָלירט געוואָרען אלס ברענטש

פון דער אלגעמיינעם ארבייטער רינג ברענטש 4 אָף ברוקלין. דאן איז דער פערמעגען פון דיזער סאָסייעטי איבערגעגעבען געוואָרען צום אל־געמיינעם ארבייטער רינג. 250 דאלאר אין קעש, אויך די פייפערס פון דער סעמעטערי, אויף וועלכער עס איז איינגעצאָהלט געוואָרען 4 הונ־דערט דאָלאר".

די עקזעקוטיווע איז גלייך געוואָרען גרעסער מיט זעקס מיט־גליעדער. דער פאקט, אז גלייך אויפ'ן צווייטען טאָג נאָכ'ן גרינ־דען דעם אָרדען (סעפּטעמבער 5, 1900), איז איינסטאָלירט געוואָ־רען ברענטש 4, ווייזט, אז עס זיינען שוין פריהער געפיהרט גע־וואָרען אונטערהאנדלונגען מיט דעם אינטערנאציאָנאלען ארבייטער קראנקען אונטערשטיצונגס פאראיין, ער זאָל תיכף ווערען א טייל פון ארבייטער רינג. ברענטש 4 קען דעריבער באטראכט ווערען אלס איינער פון די גרינדער פון אָרדען.

די אורזאכע, וואָס האָט געצוואונגען די סאָסייטי זיך אָנצו־שליסען אָן דעם ארבייטער רינג איז, הפּנים, געווען די זעלבינע, וואָס האָט געטריבען דעם ארבייטער רינג זיך צו רעאָרגאניזירען אין אן אָרדען.

קליינע פאראיינען, וואָס דארפען צאָהלען קראנקען און טויטען בענעפיטס, האָבען ניט געקענט עקזיסטירען. זיי האָבען געמוזט זיך אויסברייטען אין א גרעסערע אָרגאניזאציע.

די פאָרמע פון פארוואלטונג איז געווען א דערוויילּיגע, ביז דער ערשטער קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אין מערץ, 1901.

אלס פּראָוויזארישער נאציאָנאלער סעקרעטער איז צוערשט ער־וועהלט געוואָרען אב. באראף (איצט גענעראל סעקרעטאר פון דער אינטערנייישאָנאל לײדיס גארמענט וואָירקערס יוניאָן). ער האָט זיין אמט געהאלטען בלויז א פּאָר וואָכען. שפּעטער איז איינגע־לאָדען געוואָרען ב. פייגענבוים אלס נאציאָנאלער סעקרעטאר. י. אנאפאל און מ. אייזמאן זיינען געשיקט געוואָרען צו פייגענ־בוים'ען אלס א קאָמיטע זיך דורכצורײדען מיט איהם. פייגענבוים האָט דעם אמט אָנגענומען.

א געוויסע צייט נאָך דעם, ווי עס איז באשלאָסען געוואָרען זיך צו אָרגאניזירען אין אן ארבייטער אָרדען, האָט זיך דער ארביי־טער רינג ניט גערופען „אָרדען", נאָר האָט געטראָגען דעם נאָמען: „צענטראל פארבאנד" פון ארבייטער רינג ברענטשעס.

ביסלעכווייז, איבערהויפּט נאָך דעם, ווי עס איז באשלאָסען געוואָרען ארויסצונעהמען א טשארטער, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו באצייכענען מיט'ן נאָמען: „ארבייטער רינג אָרדען".

# דער ערשטער אויפרוף פון אָרדען

גלייך ווי דער ארבייטער רינג האָט זיך רעאָרגאניזירט פון א פאראיין אין א צענטראל פארבאנד, האָט ער ארויסגעלאָזען פאָלגענדען אויפרוף:

# דער ארבייטער רינג פון ניו יאָרק

דיעזער אלטער ארבייטער אונטערשטיצונגס פעראיין האָט זיך איצט פעראייניגט צוזאמען מיט אנדערע אזעלכע פעראיינען און געלייגט דעם פונדאמענט צו א גרויסען פערבאנד איבער'ן גאנצען לאנד, וועלכע זאָל אין מאטעריעלער בעציהונג ווערען פיר די אידישע ארבייטער און זייערע פריינדע דאָסזעלבע, וואָס די גרויסע אָרדענס זיינען, אָהן די רעאקציאָנערע אייגענשאפטען, צערעמאָניעס און שמאָכטעס פון די אָרדענס, וועלכע מאכען זיי אונערטרעגליך פיר פאָרטגעשריטענע ארבייטער און בירגער.

דער „ארבייטער רינג" לאדעט העפליך איין אלע אונטערשטיצונגס פעראיינען זיך אָן איהם אָנצושליסען אלס ברענטשעס, און אלע ארבייטער און פריינדע — צו גרינדען נייע ברענטשעס.

מיר וועלען דאָ אין קורצען ערקלערען די בעדינגונגען פון אָנשליסען זיך און די סיסטעמע פון די פיהרונגען פון דעם ארבייטער רינג, דיעזע בעדינגונגען און בעשטימונגען געהערען אָבער ניט צו די אייביג־גילטיגע גרונד פרינציפען פון דעם ארבייטער רינג. זיי גילטען נאָר ביז צו דער קאָנווענשאָן, וואו זיי קענען איבערגעמאכט ווערען נאָך די מיינונג און ווילען פון די מאַיאָריטעט.

אייביג גילטיג זיינען ביי דעם „ארבייטער רינג" נאָר זיין צוועק און זיין גייסט.

זיין צוועק איז: צו זיכערען און דערלייכטערען דיא אונטערשטיצונגס פערפפליכטונגען פון קליינע פעראיינען דורך דיא גאראנטיע און הילפע פון א גרויסע און שטארקע אָרגאניזאציאָן איבער'ן גאנצען לאנד.

א קליינער פעראיין, ווען עס טרעפען זיך אין איהם א מאָהל מעהר קראנקהייטען ווי געוועהנליך, — איז גלייך באנקראָט. ווען ער איז אָבער אן אָבטהיילונג פון א גרויסען פערבאנד, וואָס אלע זיינע ברענטשעס זיינען מיט־פעראנטוואָרטליך פיר די בענעפיטס פון יעדע ברענטש, העלפען איהם אלע ברענטשעס טראָגען דיא פערפפליכטעטע לאסטען.

מיט איין וואָרט: דער גאנצער פעראיין איז פונקט אזוי אינשורט אין דעם פערבאנד, וויא דער איינצעלנער מעמבער איז אין דעם פעראיין.

דער גייסט פון דעם ארבייטער רינג איז דער גייסט פון פרייהייט אין דענקען און שטרעבען און פון סאָלידאריטעט פון דיא ארבייטער און טריהייט צו דיא אינטערעסען פון זייער קלאסע, אין איהר קאמפף געגען אונטערדירקונג און אויסבייטונג.

אליץ, וואָס פון זיינע מעמבערס ווערט געפאָדערט, איז נאָר דיעזע סאָלידאַריטעט און טריוהייט און אכטונג צו אלע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע איבערצייגונגען. זאָגסט מעג יעדער מעמבער אָדער פעראיין האָבען וועלכע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע איבערצייגונג ער וויל. זיי מעגען זיין פרומע אידען, פרומע קריסטען, פריידענקער, אטהעאיסטען — אזוי לאנג זיי ווילען די אָרגאניזאציאָן ניט אָפיציעל בענוצען צו דיענען זייער פערזענליכע איבערצייגונגען, אזוי לאנג זיי רעספעקטירען פרייעס דענקען און שטרעבען און האנדלען ניט צום שאדען פון דיא קעמפפענדע ארבייטער קלאסע, זיינען זיי ווילקאָמען אלס פריינד און מיטגליעדער.

נאָר דיעזע פרינציפּען פון דעם „ארבייטער רינג" זיינען אייביגע, פעסטע און בעשטענדיגע און קענען ניט געענדערט ווערען. אָבער אלע אנדערע בעשטימונגען, וועגן די פיהרונגען, א. א. וו. קענען ביי יעדער קאָנווענשאָן געענדערט ווערען, צופּאסען דעם ווילען און דעם וואונש פון דיא מאַיאָריטעט.

### בעדינגונגען פיר דעם אנשלוס פון נייע פעראיינען:

1. דער פעראיין, וואָס וויל ווערען א ברענטש פון ארבייטער רינג, מוז האָבען ניט ווייניגער וויא 15 מעמבערס.

2. פון יעדען מעמבער מוז צוגעשיקט ווערען צו די עקזעקוטיווע א גינסטיגער דאָקטאָר־אטעסט פון דיא צייט, ווען דער פעראיין וויל זיך אָנשליסען. נאָר איין מעמבער פון 20 פון אזא גאנצען פעראיין — ווען דער מעמבער איז גוטשטעהענד און איז ביי דעם פעראיין ענטוויטעלט צו קראנקען בענעפיט — קען צוזאמען מיט דעם פעראיין אריין אויך אָהן גינסטיגען דאָקטאָר־אטעסט און איז באלד ענטוויטעלט צו קראנקען בענעפיט פון „ארבייטער רינג".

3. וויבאלד אין דעם פלאץ, וואו דער פעראיין געפינט זיך, איז שוין דאָ פון פריהער א ברענטש, מוז ער קריגען ערלויבניס פון איהר, אום אויפגענומען צו ווערען אלס נייע ברענטש.

4. ביי איינטריט אלס ברענטש מוז דער פעראיין איינצאָהלען אין דעם „ארבייטער רינג" 3 דאָלאר סעקיוריטי פון יעדען מעמבער. וואו דער פעראיין נעהמט דאָס געלד, איז זיין זאך — פון דער פעראיינס קאסע אָדער פון דיא מעמבערס.

צו יעדע צייט ווען א מעמבער טרעט אויס, קריגט ער צוריק זיינע 3 דאָלאר.

5. פון די דריי דאָלאר קריגט דער ברענטש דערנאָך צוריק איין דאָלאר פון מעמבער, צו בילדען א פערבאנדס־פאָנד ביי די ברענטש פון וועלכען זיא צאָהלט פערבאנדס בענעפיט. (זעה וויטער פונקט 3).

### דיא סיסטעמע.

דיא סיסטעמע, וויא דער ארבייטער רינג אלס צענטראל־פערבאנד ועט זיך פיהרען, איז אין גרונד און אין קורצען פאָלגענדע:

1. יעדע ברענטש, ווי געזאגט, קריגט איין אָנהויב פערבאנדס-געלד איין דאָלאר פער מיטגליעד. פון דיעזען פאָנד צאָהלט דער ברענטש דיא יעניגע בענעפיטס, פיר וועלכע דער פערבאנד איז פעראנטוואָרטליך. (זעה פונקט 8). אלע דיעזע אויסגאבען פון אלע ברענטשעס ווערען אם ענדע קוואָרטאל בעריכטעט פון אלע סעקרעטערע צום נאַציאָנאַלען סעקרעטער. דיזער רעכענט צוזאמען דיא אויסגאבען פון אלע ברענטשעס צוזאמען, און דעם סך הכל (צורעכענענדיג שטערבע-געלד און פערוואלטונגס-קאָסטען), צוטיילט ער אויף דיא צאָהל מעמבערס פון גאנצען פערבאנד. וויפיעל עס קומט אויס, אזויפיעל מוז יעדער מעמבער איינצאָהלען „אסעסמענטס" אלס בייטראג צום פערבאנד.

2. ביז די ברענטשעס וועט זיך אימער געפינען פערבאנדס-געלדער, ניט מעהר און ניט וויניגער וויא איין דאָלאר פער מעמבער. ווען דורך אויסצאָהלונג פון פערבאנדס בענעפיט צו איהרע מעמבערס פאלט דער פאָנד ביי דעם ברענטש ביז אונטער א דאָלאר פער מעמבער, קען דער ברענטש דירעקט קריגען ביי די עקזעקוטיווע דאָס פעהלענדע.

3. די בענעפיטס, פיר וועלכע דער פערבאנד איז פעראנטוואָרטליך, זיינען נאָר: קראנקען אונטערשטיצונג (6 ד. א וואָך, 12 וואָכען) און שטערבע געלד, וועלכע דיא נאַציאָנאַל-עקזעקוטיווע צאָהלט אויס. אלע אנדערע סאָרטען אונטערשטיצונגען זיינען דיא זאכע פון די ברענטשעס פאר זיך. זיי קענען דערויף בעהמען עקסטרא קאָנטריביושאָנס פון זייערע מעמבערס אָדער אָנקלייבען געלד דורך אונטערנעהמונגען און אויף קלייבען געלד דורך אונז איבער דיעזע לאָקאלע געלדער האָט דער צענטראל גאָר ניט וואָס צו בעפעהלען. זיי געהערען צו די ברענטשעס, וועלכע פיהרען זיך איבער זיי בעזונדערע רעכענונג און מאכען מיט זיי וואָס זיי ווילען.

נייע ברענטשעס.

15 מאן קענען זיך איבעראל צוזאמענקומען און גרינדען א נייע ברענטש. זיי שיקען דאן אריין צום גענעראל-סעקרעטער אן אפּליקיישאָן, אונטערשריעבען מיט אלע נעמען און אדרעסען פון די פּערזאָנען, וואָס גרינדען דיא ברענטש. זיי מוזען ארויסשרייבען וויא אַלט יעדער איז און זיין בעשעפטיגונג., וויא אויך צושיקען אטעסטען פון א דאָקטאָר פיר יעדען איינציגען פון זיי, בעגלויביגט פון א נאָטארי פּאָבליק. דיא עקזעקוטיווע האָט דאָס רעכט אַהינצושיקען א קאָמיטע אויספאָרשען דיא פערהעלטניסע, אויף די קאָסטען פון די אפּליקאנטען.

מיט ברודערליכען גרוס,
„ארבייטער רינג אָוו ניו יאָרק".

B. FEIGENBAUM, General Sec'y pro tem.
1468 Fulton St., Brooklyn, N. Y.

אין דעם אויפרוף הערט זיך שוין א נייער טאָן. פריהער האָט דער פאראיין נאָר אריינגענומען עכטע פריידענקער, שוהל-אידען

זיינען געווען טריף. מען האט צוריקגעוויזען אן אפליקאנט דערפאר, וואס מען האט אויף זיין טיש געפונען דעם „טאגעבלאט" — א סימן פון כל ישראל גייסט.

אן אנדערען האט מען ניט אריינגענומען דערפאר, וואס זייענדיג איינציגע יאהר אין לאנד, האט ער נאך קיינמאהל ניט געהערט יוסף בארא̇נדעס, — א סימן פון רעאקציאנערע נייגונגען.

איצט האט דער הונדערט פראצענטיגער פריידענקער ב. פייגענבוים אין דעם אויפרוף ערקלעהרט, אז אלץ, וואס דער ארבייטער רינג פאדערט פון זיינע מעמבערס, איז „סאלידאריטעט פון די ארבייטער און טרייהייט צו די אינטערעסען פון זייער קלאסע אין איהר קאמף געגען אונטערדריקונג און אויסבייטונג". ווייטער מעג יעדער מעמבער אדער פאראיין האבען וועלכע רעליגיעזע און פילאזאפישע איבערצייגונג זיי ווילען. זיי מעגען זיין פרומע אידען, פרומע קריסטען, פריידענקער, אטהעאיסטען. אזוי לאנג זיי וועלען די ארגאניזאציאן ניט אפיציעל באנוצען, צו דינען זייער פערזענליכער איבערצייגונג צום טראץ פון אנדערע איבערצייגונגען... זיינען ווילקאמען אלס פריינד און מיטגליעדער".

אזא הנחה איז אונבאדינגט נויטיג געווען.

כל זמן מען איז געווען פארשלאסען אין „ד" אמות פון די אייגענע מענשען, האט מען געקענט זיפען די מיטגליעדער, וויפיעל מען האט געוואלט. קוים אבער איז באשלאסען געווארען צו ווערען א גרויסע, א מאסען ארגאניזאציע, האט מען געמוזט ברייטער עפענען די טירען פון ארבייטער רינג און שוין ניט אזוי מקפיד זיין איבער „די רעליגיעזע און פילאזאפישע איבערצייגונגען".

די ערשטע גרינדער פון ארבייטער רינג פאראיין האבען, אמת, געקוקט אויף אזוינע „קאמפראמיסען" קרום. זיי האט וועה געטהאן דאס הארץ, וואס זייער קינד, וועמען זיי האבען אזוי הארציג און פארזיכטיג געהאדעוועט, געהט ארונטער פון גלייכען וועג... אבער דער נייער ארגאניזאציאנס פלאן האט געמוזט האבען א ברייטערע, א מעהר טאלעראנטערע פלאטפארמע.

## פון 4טען סעפטעמבער 1900 ביז דער 1טער קאנווענשאן.

פון דער צייט, ווען עס איז באשלאסען געווארען, אז דער ארבייטער רינג זאל ארויס פון זיינע ענגע גרענעצען, אז ער זאל

ווערען א צענטראל פארבאנד מיט צווייגען איבער'ן גאנצען לאנד — פון אם דער צייט ביז דער ערשטער קאנווענשאן זיינען צוגעקומען איינינע בראנטשעס.

צו ערשט האט זיך אנגעשלאסען אן דעם ארבייטער רינג אלס בראנטש די „וואים און לייבאר". די דאזיגע ארגאניזאציע איז געווען א גרויס געווינס פאר דעם יונגען, אקארשט ארויסגעשפראצטען צענטראל פארבאנד פון ארבייטער רינג.

די „וואים און לייבאר" איז באשטאנען פון יונגע, ענערגישע און איבערגעגעבענע יונגע לייט, וועלכע האבען זיך זעהר פיעל אפגעגעבען מיט קולטור ארבייט. זיי האבען א סך געהאלפען דעם „פארווערטס", ווען ער האט זיך גענויטיגט אין זיי. זייערע דעלעגאטען זיינען אויך געווען די ערשטע, וועלכע האבען אויף דער ערשטער קאנווענשאן אריינגעבראכט א רעזאלוציע, דאס „דער ארבייטער רינג זאל רעקאמענדירען זיינע בראנטשעס אונטערשטיצען די אונטערנעהמונג ארויסצוגעבען די „צוקונפט" (וואס האט זיך אפגעשטעלט אין 1897).

די באוועגונג אויפצולעבען די „צוקונפט", נאך וועלכער דער ראדיקאלער עולם האט זעהר געבענקט, האט זיך אנגעהויבען גלייך נאך דעם, ווי דער ארבייטער רינג האט באשלאסען צו ווערען אן ארדען. די ארגאניזאציע „וואים און לייבאר" האט פאר דעם געארבייט, איידער זי איז נאך געווארען א בראנטש פון ארבייטער רינג. דעם ווארעמסטען אפקלאנג האט די באוועגונג געפונען אין די ארבייטער רינג בראנטשעס. זייערע דעלעגאטען זיינען געווען די ערשטע אויף דער „קאנפערענץ (בעסער אויף די קאנפערענצען) ארויסצוגעבען דעם מאנאטליכען זשורנאל „צוקונפט", וואס זיינען פארגעקומען ווינטער 1900-1. אנפאנג ווינטער 1900 איז די „וואים און לייבאר" געווארען א בראנטש פון דעם ארבייטער רינג.

דער פארשלאג אויף דער ערשטער קאנווענשאן, אז דער ארבייטער רינג זאל אפיציעל אונטערשטיצען די אונטערנעהמונג, איז געמאכט געווארען פון איהר, וואס האט שוין דעמאלסט געהאט איהר פלאץ אין ארבייטער רינג אלס בראנטש 5.

און טאקע, א דאנק די „וואים און לייבאר" איז די „צוקונפט" באנייט געווארען און איז נאך א פינף-יעהריגען טויט אויפגעשטאנען, אין 1902, תחית המתים.

אז די „וואים און לייבאר" איז געווארען א בראנטש, האט זי

גלייך געשיקט איהרע זעקס דעלעגאטען צו דער פּראָוויזאָרישער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע.

ווי עס איז צו זעהן פון די שריפטליכע פּראָטאָקאָלען, האָט מען ביי די ברענטשעס דיסקוטירט די פראגע, צי די נייע ברענטשעס זאָלען זיין פאַרטראָטען אין דער עקזעקוטיווע אזוי ווי די פריהער־דיגע ברענטשעס, אָדער ניט. די אָפּשטימונג איז געווען, אז די נייע ברענטשעס דארפען האָבען די זעלביגע דעה אין דער פאַר־וואלטונג, ווי די, וועלכע האָבען געגרינדעט דעם אָרדען, און דאר־פען במילא י אָ שיקען זייערע פאַרטרעטער אין דער עקזעקו־טיווע.

יאנואר 1901 איז אינסטאָלירט געוואָרען דער „מינסקער פאר־איין" פון ברוקלין אלס ברענטש 6 ארבייטער רינג. אין פעברואר איז צוגעקומען ברענטש 7, וועסט האָבאָקען.

ברענטש 7 איז געווען דער ערשטער ברענטש אין אָרדען אויסער ניו יאָרק. ער איז באשטאנען אם מעהרסטען פון ראדיקאלע וועבער, וועלכע האָבען שוין פריהער געהאט זייער סאָסייטי.

וועגען די ברענטשעס 6 און 7 שרייבט פייגענבוים (דעמאָלסט פּראָוויזאָרישער נאַציאָנאַל סעקרעטאר פון ארבייטער רינג) אָט וואָס:

„אין דער לעצטער צייט זיינען אינסטאָלירט געוואָרען בר. 6, ברוקלין און בר. 7, וועסט האָבאָקען. די דעלעגאטען און בעאמטע, וואָס זיינען געווען צו אינסטאָלירען די לעצטע, האָבען באריכטעט ביי דער עקזעקוטיווע, אז זיי זיינען געווען ענטציקט פון די ברענטשעס. זייערע מעמבערס זיינען אלע יונגע, געזונטע באגייסטערטע חברה, פון וועלכע עס איז פיעל צו האָפען."*)

**אין א קורצער צייט זיינען צוגעקומען נאָך צוויי ברענטשעס, 8 און 9.**

---

*) א וואָרט איבער דעם א ר.:
„פאָרווערטס" פעברואר 17, 1901.
דאָס איז, אגב אורחא, דער ערשטער ארטיקעל, וואָס מיר באגעגענען אין דער פּרעסע וועגען ארבייטער רינג. דער ארטיקעל איז געדרוקט, ווי א מין „בריעף אין רעדאקציע", אונטער דער קעפּעל איז געשטאנען אין האלבע לבנות (צוגעשיקט), מען זאָל, חס וחלילה, ניט מיינען, אז דאָס איז א אמת'ער ארטיקעל.

ברענטש 9 איז געווען דער צווייטער „אויטסיידיגער" ברענטש (אין באלטימאר).

עס זיינען דעמאלסט אויך אנגעגאנגען אונטערהאנדלונגען מיט דעם סאציאליסטישען אינטערנאציאנאלען ארבייטער קראנקען אונ־טערשטיצונגס פאראיין, ער זאל ווערען א ברענטש אין ארבייטער רינג.

פון די פארהאנדלונגען האט זיך גאר ניט אויסגעלאזען. דער פאראיין האט צוריקגעוויזען די איינלאדונג פון ארבייטער רינג, ווי ס'איז צו זעהן פון זיינעם א באריכט (אין „פארווערטס", אפריל 1, 1902): „א קאמיטע פון ארבייטער רינג איז צוגעלאסען געווארען אום דאס צוועקמעסיגקייט פון דער פעראייניגונג פוןביידע פער־איינען צו ערקלעהרען. בעשלאסען דיא אנגעלעגענהייט פארלויפיג אויף זיך בערוהען צו לאסען".

אין דעם דערמאנטען ארטיקעל דריקט פייגענבוים אוים א שטארקע צופרידענהייט מיט דעם ערפאלג פון ארבייטער רינג.

נאך דעם, ווי ער רעכענט אוים די ברענטשעס, וואס האבען זיך שוין געגרינדעט און האלטען זיך ביים גרינדען, זאגט ער מיט אן אפטימיסטישען טאן:

„דאס איז שוין באלד אזוי פיעל, וויפיעל סעקציאנען עס פלע־גען זיין פערטראטען אין די אידישע סאציאליסטישע קאנווענ־שאנס און דאס איז ערשט נאך גאר דער אנהויב! ברענטשעס האלטען זיך אין גרינדען אין פיעלע שטעדט".

און ער זאגט ווייטער:

דער א. ר. איז אויף דעם בעסטען וועג צו ווערען אן ערגייערטע און ערפרישטע באוועגונג צווישען די אידישע ארבייטער מיט דער אויפגא־בע צו העלפען דעם ארבייטער קלאס צו א געזעלשאפטליכען מאכט־פאק־טאר אין קאמפף געגען די ארבייטער טענדענצען פון קאפיטאל. אלע נייע ברענטשעס האבען זיך פייערליך פארפליכטעט צו זיין טריי דיזער אויפגאבע.

באזונדערס וויכטיג אויך דער פאקט, וואס אין די נייע ברענטשעעס אזוי גוט ווי אין די אלטע, זיינען פעראייניגט ארבייטער פון פארשיע־דענע פארטגעשריטענע איבערצייגונגען — ניט נאר פון פארשיעדענע סאציאלע און דעמאקראטישע פראקציאנען נאר אויך אפילו אנארכיסטען און פרייזיניגע פארטגעשריטענע ציוניסטען. ניט נאר צווישען די מעמ־בערס, נאר אפילו צווישען די לייטענדע עלעמענטען פון די ברענטשעס, זיינען דא אלע פארשיעדענע איבערצייגונגען. אין ארבייטער רינג גע־פינען זיי צוריק דעם בארירונגס פונקט זייערען, וועלכער איז געווען פארלארען אין דעם טומעל פון די פראקציאנס שטרייטיגקייטען. זייער בארירונגס פונקט איז דער ערשטער וואונש צו ענטוויקלען אין די

ארבייטער העכערע אנשפריכע און פאָדערונגען צו דער געזעלשאפט. אן ענערגיע צו שטעהן פאר זייערע פאָדערונגען און א מאכט זיי דורכצופיהרען.

עס איז אמת, דאָס דער ארבייטער רינג קען ניט פארהינדערען די צושיידונג פון די פארשיעדענע איבערצייגונגען, אזוי געשווינד, ווי עס קומט צו זייער אָנווענדונג צו פראקטישע שריטע; אָבער דאָס צוזאמענטרעפען זיך פון די פארשיעדענע איבערצייגונגען אויף זייער בארירונגס פונקט אין דעם ארבייטער רינג, קען אויפטהאָן דאָס, אז זיי וועלען זיין ניט מעהר אזוי פארפרעמדט, דערוויטערט און פארהאסט איינעם פון דעם אנדערען און וועלען דאדורך ניט זיין געשטערט צו געהן האנד אין האנד אזוי וויט, ווי זיי קענען יאָ געהן האנד אין האנד. די היץ פון די פערזענליכע שטרייטיגקייטען צווישען די פראקציאָנען האָט אויך זעהר פיעל פארגרעסערט און איבערטריבען די פרינציפיעלע פארשיידענהייט זאָל נאָר דיזע היץ אָפּגעקיהלט ווערען, וועט אויך די פרינציפיעלע פארשיידענהייט זעהר שטארק איינשרימפּפען און מען וועט אויסגעפינען, אז ביי זעהר פיעלע וויכטיגע געלעגענהייטען, קענען די פארשידענע „איסטען" ביז זעהר א היבשע ווייטקייט זעהר וואויל געהן צוזאמען און אויפטהאָן ארבייט צוזאמען, געפינענדיג דעם קראפט ערשטענס, דורך אייניגקייט און צווייטענס, דורך באנוצען געגען דעם געמיינשאפטליכען פיינד די אונגעהייערע מאסע ענערגיע, וועלכע איז פארווענדעט געוואָרען אין געגענזייטיגער באקעמפפונג. א העכסט און הויפּט וויכטיגע אייגענשאפט פון דעם ארבייטער רינג איז, אז ער איז געגרינדעט געוואָרען פון דער רייַנק און פייל, אזוי צו זאָגען, „הינטער דעם רוקען" פון די אנערקענטע פיהרער פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג און אויך איצט ווערט ער געפיהרט פון דער רייַנק און פייל. דערביי קומען אין איהם צום אויסדרוק דער גייסט און די וואונשען פון דער רייַנק און פייל — דער גייסט פון טאָלעראנץ, אָט דער וואונש צו זעהן אלע פריינד פון די ערהויבונג פון דעם ארבייטער קלאס אויפצוטהאָן עפּעס צוזאמען און ניט ארומקריגען זיך. דעריבער ווערט אין דעם ארבייטער רינג פארווירקליכט אן אלטע, אלטער „פריהצייטיגער, נאַאיווער" וואונש, פון וועלכען עס שיינט היינט, אז מען איז שוין אוועק פון איהם העט־העט ווייט. דער וואונש נעהמליך: — אז סאָציאליסטען און אַנאַרכיסטען זאָלען געהן האַנד אין האַנד. נאַאיוו איז דיזער וואונש, נאָר ביז צו א געוויסען גראַד; ווי געזאָגט, מאַנכעס מאָהל קען מען אויפטהאָן צוזאמען און מיאוס קריגען זיך דאַרף מען געוויס ניט.

אין דעם ארבייטער רינג וויל דער עולם אליין געהן באווייזען ווי אזוי מען קען דאָס בעסער מאכען. לאָמיר זעהן! לאָמיר האָפען דאָס בעסטע, און זיי וועלען זיין ערפאָלגרייך.

ב. פייגענבוים.

אין דעם ארטיקעל, ווי מיר זעהן, ווערט שטארק אונטערגע־

שטראַכען דער אומפּארטייאישער כאראקטער פון ארבייטער רינג. און טאקע צוליב דעם האָבען מיר איהם איבערגעגעבען כמעט אין גאנצען.

אין דער צייט, ווען דער ארבייטער רינג איז פאררוואלטעט געוואָרען פון א פּראָוויזאָרישער נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע און א פּראָוויזאָרישען סעקרעטער, איז אויסגעארבייט געוואָרען די צווייטע פּרינציפּען ערקלעהרונג, שוין ניט אויף דייטש, נאָר אין א קלאָרען, פליינעם אידיש.

אין דער פּרינציפּען ערקלעהרונג ווערט שטארקט באַטאָנט, אז די אויפגאבען פון ארבייטער רינג זיינען: זיך געגענזייטיג צו העלפען דורך אייניגקייט און אז אחוץ אָט דיזען מאטעריעלען צוועק, האָט ער אויך א גייסטיגען צוועק — די אידעע צו באפרייען דעם ארבייטער פון זיינע נויטען און קראנקהייטען בכלל, זיי זאָלען ניט דארפען אָנקומען צו אזא מאָגערע אונטערשטיצונג, ווי דער ארבייטער קען געבען.

כאראקטעריסטיש איז, וואָס די דריטע אויפגאבע, צוליעב וועלכער דער ארבייטער רינג פאראיין האָט זיך געגרינדעט: גרינדען קאָאָפּעראטיווע געשעפטס אונטערנעהמונגען, פעהלט אין גאנצען אין דער נייער פּרינציפּען ערקלעהרונג. משמעות, אז דער דורכפאל מיט'ן קאָאָפּעראטיווען בארבער שאָפּ האָט אָפּגענומען דעם חשק פון אזעלכע אונטערנעהמונגען.

בענעפיטס זיינען באַשטימט געוואָרען: זעקס דאָלאר א וואָך קראנקען בענעפיט, 12 וואָכען א יאָהר; 400 דאָלאר טויטען בענעפיט פאר א מאַן און 200 דאָלאר פאר א פרוי; אויך פיונעראל עקספּענסעס (לויה הוצאות) פאר אלע מיטגליעדער פון דער פאמיליע.

די פּרינציפּען ערקלעהרונג און די קאָנסטיטושאָן זיינען צום ערשטען אָפּגעדרוקט געוואָרען אויף א העקטאָגראף אין א גאנץ קליינער צאָהל, בלויז פאָר די בּרענטשעס.

אין 1902 איז די קאָנסטיטושאָן אָפּגעדרוקט געווארען אין א ביכעלע. יעדער מעמבער האָט זיך געהאט אזא ביכעלע.

אויף דער ערשטער זייט (פאָדער בלעטעל) איז געווען דער נומער פון מעמבער און די „סערטיפיקייט אָוו מעמבערשיפּ“.

די צווייטע זייט איז געווען פאר דעם סעקרעטער צו באַשטעטיגען יעדען קווארטאל צו דער מיטגליד איז גוטשטעהענד מיט זיינע דיום. (פאָטאָגראפישע קאָפּיעס פוןביידע בלעטלאך זיינען געדרוקט אויף די זייטען 143-144).



No. 94

THE WORKMEN'S CIRCLE

דער ארבייטער רינג

**Certificate of Membership.**

*This is to certify that the holder, Friend* E. Stein *has been admitted to membership of the* Workmen's Circle *and is entitled to all benefits and privileges of the same, according to its Constitution, provided the signature of the Secretary of his branch on the following page proves the continuance of his membership.*

..................190 0

..................

..................*Gen'l Sec'y.*



(ערשטע זייט פון קאנסטיטושאן ביכעל, געדרוקט אין 1902)

## Certification of Continuance of Membership.

[Does not imply clearness of debts in Branch.—Valid until first branch meeting in third month after the one signed last]

| | FEBRUARY | MAY | AUGUST | NOVEMBER |
|---|---|---|---|---|
| 1902 | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. |
| 1903 | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. |
| 1904 | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. |
| 1905 | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. |
| 1906 | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. |
| 1907 | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. |
| 1908 | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. | ............Sec. |

(צווייטע זייט פון קאנסטיטושאן ביכעל)

# די פרינציפען ערקלעהרונג פון ארבייטער רינג

די שטענדיגע נויטען און אָפטע קראַנקהייטען, וואָס לאסטען ספּעציעל אויף די ארבייטער, האָבען אונז געבראַכט דערצו צוזאַמענצובינדען זיך אין דעם „ארבייטער רינג“, אום זיך דורך איניגקייט געגנזייטיג צו העלפען.

אָבער דער „ארבייטער רינג“ ווייסט, אז די הילף וואָס ער קען די ארבייטער הייגט געבען איז בלויז ווי א טראָפען אויף א הייסען שטיין. פאר א נויט איז דאָס אויך גוט. אָבער אז קיין נויט זאָל ניט זיין — דאָס איז זיין אידעאל.

די אונטערשטיצונג איז אלזאָ ביי דעם ארבייטער רינג נאָר זיין מאַטעריעלע זייטע; זיין גייסטיגע זייטע איז די אידעע פון באַפרייען די ארבייטער פון זייערע נויטען און קראנקהייטען, אז זיי זאָלען ניט מוזען אָנקומען צו אזא מאָגערע אונטערשטיצונג, — די איבערצייגונג, אז דעם ארבייטער'ס לאַגע וואָלט געקענט זיין אייביגער וואהלשטאַנד און געזונדהייט, ווען די ארבייטער קלאַסע וואָלט ניט געווען אזוי שוואַך און הילפלאָז, — ווען זי וואָלט געווען א מאַכט אין דער געזעלשאַפט, אום צו האָבען א ווירקזאַמען איינפלוס ביי די געשטאַלטונג פון דיא בעדינגונגען פון ארבייט און בעלוינונג. און די ארבייטער קענען זיין שטאַרק גענוג דערצו, דורך זייער אחדות און אויפקלערונג, — דורך אויפטרעטען געשלאָסען און אינטעליגענט ביי יעדער געלעגענהייט און אויפדרינגען זייער ווילען און וואונש אויף דער געזעלשאַפט.

אין דעם זיי צו העלפען, איז דער אידעאלער צוועק פון דעם „ארבייטער רינג“.

דער „ארבייטער רינג“ וויל זיין נאָך א קנופּ מעהר אין דעם באַנד פון דיעזע אחדות.

שוין אין דיא מאַטעריעלע אינטערעסען פון דעם „ארבייטער רינג“ אלס בענעפיט-פעראיין ליעגט עס איינצוטרעטען פאר אזעלכע פערבעסערונגען אין דיא לאַגע און ארבייטס-אומשטענדען פון דעם ארבייטער, דאָס ער, דער ארבייטער, זאָל ניט זיין אזוי שטאַרק אונטערוואָרפען אונטער די בערופס-קראַנקהייטען, וועלכע מאכען אָן, און מוזען אָנמאַכען, אזעלכע גרויסע פערוויסטונגען אין דיא ארבייטער-קלאַסע, אזוי לאַנג וויא דער קאַפּיטאַליזמוס הערשט אונגעשטערט. דען וואָס מעהר קראַנקהייטען, אלץ שווערער איז פיר'ן „ארבייטער רינג“ זיין אונטערשטיצונגס-אויפגאַבע צו ערפילען. אויך איז עס זיין אינטערעסע, אז די אַרבייטער זאָלען זיין גוט בעצאָהלט, אום זיי זאָלען קענען נאָכקומען זייערע פערפפליכטונגען צום ארבייטער רינג און אָנפילען זיין קאַסע. דעריבער בריינגט עס שוין דיא מאַטעריעלע אויפגאַבע פון דעם „ארבייטער רינג„ מיט, אז ער זאָל פערדערען זיין גייסטיגע אויפגאַבע, — די אויפגאַבע צו העלפען ענטוויקלען אין דיא ארבייטער דעם זין פון אחדות, דעם קלאָרען, אויפגעקלערטען בליק, דאָס שטרעבען, דורך זייער אחדות צו האָבען אין דער געזעלשאַפט דעם איינפלוס, וועלכער נאָר אליין קען פערבעסערען זייערע

ארבייטס אומשטענדען, פארגרעסערען זייערע איינקינפטע און ענדליך דערנעהענטערען די צייט פון זייער גאנצע בעפרייאונג פון אויסבייטונג און אונטערדריקונג.

אויף אזא אופן דיינקט דער ארבייטער רינג צו זיין א פאקטאר אין דיא דערנעהענטערונג פון דער צייט, ווען עס וועט פערווירקליכט ווערען דער אידעאל פון פריהייט און גלייכהייט, ניט בלויז אין פאליטישע, נאר אויך, און הויפטזעכליך, אין עקאנאמישע אנגעלעגענהייטען.

דער „ארבייטער רינג" שטעלט זיך דעריבער אלס „דריטער אים בונדע" צו די צוויי אנדערע פליגעל פון דער ארבייטער ארמעע — די טרייד יוניאנס און די סאציאלע ארבייטער בעוועגונג — אום מיט זיי צו פלעכטען די ארבייטער־געוואלט, וועלכע זאל זייער קלאס געבען א מעכטיגען איינפלוס אין דער געזעלשאפט.

דעריבער איז יעדער מעמבער פון ארבייטער רינג פערפפליכטעט צו היטען טרייהייט צו דיא אינטערעסען פון דער ארבייטער בעוועגונג — יעדער נאך זיין עהרליכע איבערצייגונג. דאס איז א טהייל פון די פפליכט פון יעדען מעמבער צו דעם „ארבייטער רינג" זעלבסט.

## די ערשטע קאנווענשאן פון ארדען.

די ערשטע קאנווענשאן איז פארגעקומען דעם 29טען, 30טען און 31טען מערץ 1901, אין 414 גרענד סטריט. די אלע נייע בראנטשעס, וועלכע האבען צוזאמען געהאט 644 מיטגליעדער, האבען געשיקט דעלעגאטען. די דעלעגאטען זיינען ערוועהלט געווארען לויט דער צאהל מיטגליעדער אין יעדען בראנטש. ביי דער אפשטימונג איבער א געוויסער פראגע, האט מען גערעכענט די צאהל מעמבערס (קרעדענשעלס) וויפיעל יעדער דעלעגאט האט מיט זיך רעפרעזענטירט.

מיר גיבען דא איבער א טייל פון דעם רעפארט פון דער קאנווענשאן, ווי ער איז געווען געדרוקט אין „פארווערטס", אפריל 12טען, 1901.

## ארבייטער רינג
## בעריכט פון קאנווענשאן.

**ערשטע זיצונג.** פרייטאג אבענד, 29 מערץ. — פריינד קאטץ, טשערמאן פון די פארלויפיגע עקזעקוטיווע, האט ערעפענט די זיצונג ארום 9 אוהר, אין 414 גרענד סטריט. פאלגענדע קאמיטעס זיינען ערוועהלט געווארען: קרעדענשעלס — ליברוס, פלאטא און לוקער. רולס און רעגוליישענס — בראדסקי, סטאון און שאפירא. קאנסטיטושען — דר. מארגאלים, גאלדין, פלאטא, ליעף און מארגאלים. רעזאלושענס

— פייגענבוים, סטאָון און קאַטץ. פרעס קאָמיטע — שאַפּירא, ראָזענ־פעלד און אייבערעמסאָן.

דאן האָט פריינד פייגענבוים ערעפענט דעם קאָנוועגשאָן מיט א רעדע, אין וועלכע ער האָט באַהאַנדעלט דיא פּרינציפּען פון אַרבייטער רינג. אויך פריינד ראָזענצווייג און דר. פעסקין האָבען אַנשפּראַכען געהאַלטען.

די קאָנוועגשאָן איז דאן פאָרמאַלע ערעפענט געוואָרען. אלס טשער־מאַן פיר דער זיצונג איז ערוועהלט געוואָרען פריינד גאָלדין. אַלס פּראָ־טאָקאָל סעקרעטער פריינד סאמסאָן. דער פּראָוויזאָרישער נאציאָנאל סעקרע־טער האָט פאָרגעלעזען אַ בעריכט און אַ בעלענס שיט פון אַלע איינגאַה־מען און אויסגאַבען זינד דער אָרדען איז געגרינדעט געוואָרען. קרעדענ־שעל קאָמיטע בעריכטעט גינסטיג פיר די דעלעגאַטען פון די ברענטשעס 1, 2, 3, 4, 5 און 9 (באַלטימאָרע). וועגען דעם דעלעגאַט פון ברענטש 8 איז געווען א שאלה. די קאָנוועגשאָן האָט בעשלאָסען איהם, ווי אלע דעלע־גאַטען צוצולאָזען.

ברענטש 1 מיט 11 דעלעגאַטען און 146 קרעדענשעלעס; בר. 2 מיט 6 דעלעגאַטען און 75 קרעדענעשעלס; בר. 3 מיט 7 דעלעגאַטען און 122 קרערענשעלס; בר.4 מיט 5 דעלעגאַטען און 75 קרעד.; בר. 5 מיט 5 דע־לעגאַטען און 36 קרעד.; בר. 6 מיט 2 דעלעגאַטען און 33 קרעד.; בר. 7 מיט 2 דעלעגאַטען און 31 קרעד.; בר. 8 מיט 1 דעלעגאַט און 18 קרעד.; ברענטש 9 מיט 1 דעלעגאַט און 18 קרערענשעלס.

צוזאַמען זיינען געווען פארטראָטען 29 דעלעגאַטען מיט 560 קרע־דענשעלס.

שלוס פון דיא ערשטע זיצונג ארום 11 אוהר.

צווייטע זיצונג, שבת פארמיטאָג, 30 מערץ, אין מאנהעטען לייסעאום 4טע סטריט. פאָרזיצענדער גאָלדין, צוגעלאָזען בייע דעלעגאַטען פון ברענטש 6 און 7 (וועסט האָבאָקען). טאגעס אָרדנונג און רולס אָוו רעגו־ליישאָנס לענגליך דעבאַטירט און אָנגענומען.

פאָרגעלעזען די פּרינציפּען ערקלערונג פערפאסט פון דעם פּראָוויזאָ־רישען סעקרעטער.

בעשלאָסען דיא אָפיציעלע בעריכטען זאָלען געדרוקט ווערען אין „פאָרווערטס“, „אבענד בלאַט“ און „פרייע ארבייטער שטימע“.

דריטע זיצונג, שבת נאָכמיטאָג, פאָרזיצענדער שאפּירא. פאָרגעלעזען די אַפּליקיישאָן אויף א טשארטער, אום צו וויסען אויף וועלכע בעדינ־גונגען דער טשארטער איז געגעבען געוואָרען.

רעזאָלושאַן קאָמיטע לעזט פאָר א רעזאָלושאָן פון ברענטש 5, דאָס דער ארבייטער רינג רעקאָמענדירט זיינע ברענטשעס צו אונטערשטיצען

די אונטערנעהמונג ארויסצוגעבען דיא „צוקונפט". דאָס קאָמיטע ער־קלערט ניט צו פיהלען זיך אימשטאנדע צו געבען אירגענד וועלכע רעקאָ־מענדיישאָנס. פייגענבוים שלאָגט פאָר פאָלגענדע רעזאָלושאָן אלס אמענד־מענט: „בעשלאָסען, דאָס דיא קאָנווענשאָן ווינשט מיט'ן גאנצען האר־צען צו זעהען צושטאנדע קאָמען א וויסענשאפטליכע זשורנאל אזעלכע, מיט וועלכע אלע פראקציאָנען פון דער ארבייטער באוועגונג זאָלען קע־נען צופרידען זיין און וועלכען זיי זאָלען קענען רעספּעקטירען, און רע־קאָמענדירט דיא ברענטשעס אזעלכען מיט אלע קרעפטע צו אונטערשטי־צען". אמענדעמענט אָנגענומען.

א לאנגע דעבאטע האָט געפאָלגט וועגען דיא סוממע פון טויטען־בענע־פיט. בעשלאָסען עס זאָל בלייבען וויא ביז אהער: ביי דעם טויט פון א מעמבער, קריגט זיין פרוי 400 דאָלאר; ביי דעם טויט פון א פרוי פון א מעמבער, קריעגט ער 200 דאָלאר. דאפיר האָבען געשטימט 4460 קרע־דענשעלס, 84 האָבען געשטימט פיר 100 און 500 דאָלאר.

בעשלאָסען, דאָס ווען א מעמבער האָט געקראָגען טויטען־בענעפיט פיר זיין פרוי און ער הייראטה נאָך אמאָהל, מוז ער בעצאָהלען 25 דאָלאר ביים איינפיהרען פון דער צווייטער פרוי און דאן, ווען זיא האָט א גינ־סטיגען דאָקטאָר אטעסט און ווערט אויפגענומען. איז ער בערעכטיגט צו טויטען בענעפיט פיר איהר. פיר דיזען בעשלוס האָבען געשטימט 416 קרעדענשעלס, 147 האָבען געשטימט פיר א פאָרשלאג, אז א מעמבער קען נאָר ציהען טויטען בענעפיט פיר איין פרוי און ניט מעהר.

פירטע זיצונג, שבת אב. פּאָרזיצענדער לוקער. בעשלאָסען צו צולאָ־זען נאָך 10 קרעדענשעלס פון ברענטש 2.

א לאנגע און גרינדליכע דעבאטע איז געווען וועגען דיא פראגע, וועד זאָל צאָהלען קראנקען בענעפיט, דיא ברענטשעס אָדער דיא צענט־ראל אָרגאניזאציאָן. 364 קרערענשעלס האָבען ענדליך געשטימט, דאָס דער אָרדען זאָל צאָהלען קראנקען בענעפיט און 243, דאָס יעדער ברענטש זאָל דאָס אליין צאָהלען.

אחוץ אייניגע ענדערונגען אין דער קאָנסטיטושאָן, וואָס די פּראוויזארישע פאַרוואַלטונג האָט צוגעגרייט, האָט די ערשטע קאָנווענשאָן אינסטרואירט די נייע עקזעקוטיווע ארויסצונעהמען א טשאַרטער פאַר דעם ארבייטער רינג אלס א פראטוירנאל אָרדער. אלס לאיער דאַם דורכצופירען איז באשטימט געווארען לואי מילער.

די קאָנווענשאָן האָט אויך אויסגעארבייט די פאָרמע פון פאַר־וואַלטונג. פריהער איז די עקזעקוטיווע באשטאנען פון די דעלע־גאטען, וואָס יעדער ברענטש האָט געשיקט. איצט האָט די קאָנ־

װענשאַן באַשלאָסען צו האָבען אַן עקזעקוטיװ פון נײַן מיטגליע־
דער און אַ קאָנטראָל־קאָמיטע, װאָס זאָל באַשטעהן פון אַ מעמבער,
װאָס יעדער ברענטש אין גרייטער ניו יאָרק דאַרף דעלעגירען.

דער פאַרמעגען פון ארבײטער רינג דעם ערשטען מערץ, 1901
איז געװען 912,22 דאָלאַר (ביי דער עקזעקוטיװע) און 294.40 (ביי
די ברענטשעס). דאָס איז געװען אַ סך הכל פון 1206,62.

## דער ערשטער רעפערענדום, די ערשטע נאַציאָנאַ־לע עקזעקוטיװע, דער ערשטער נאַציאָנאַלער סעקרעטער.

דער ערשטער רעפערענדום אין אַרבייטער רינג איז באַשטאַ־
נען פון 10 פונקטען, װאָס די ערשטע קאָנװענשאָן האָט ארויסגע־
שיקט:

1. די פּרינציפּען ערקלעהרונג זאָל בלייבען װייטער.

2. טויטען בענעפיט זאָל בלייבען װי געװען (400 דאָלאַר פאַר אַ מאַן, 200 דאָלאַר פאַר אַ פרוי).

3. אז אַ פריינדס פרוי שטאַרבט און ער הייראַט אַ צװייטע, זאָל ער איינצאָהלען 25 דאָלאַר.

4. קראַנקען בענעפיט זאָל אויסגעצאָהלט װערען פון אָרדען אָדער פון די ברענטשעס.

5. די עקזעקוטיװע זאָל באַשטעהן פון גרייטער ניו יאָרק.

6. די קאָנטראָל קאָמיטע פון יעדען ברענטש צו איינעם.

7. עס זאָל זיין בלויז איין באַצאָהלטער בעאַמטער.

8. 15 דאָלאַר אַ װאָך זאָל זיין די װיידזשעס פון דעם בעאַמ־טען.

9. די פליכטען פון דעם בעאַמטען זאָל זיין די זעלביגע, װי פון דעם סעקרעטער פון דער סאָציאַליסטישער קראַנקען קאַסע.

10. אלס סעקרעטאַרען זיינען נאָמינירט ב. פייגענבוים, ר. סטאַון און ל. ראָזענצװייג.

די אַלע פונקטען פון רעפערענדום זיינען דורכגעגאַנגען מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט.

ב. פייגענבוים איז ערװעהלט געװאָרען סעקרעטאַר, אלס דער איינציגער באַצאָהלטער בעאַמטער מיט 15 דאָלאַר אַ װאָך שכירות.

איין פונקט אויפ'ן רעפערענדום האָט ארויסגערופען היציגע דעבאַטען אין די ברענטשעס. דאָס איז די פראַגע: װער עס זאָל צאָהלען קראַנקען בענעפיט, דער אָרדען אָדער די ברענטשעס.

אין דער פראגע איז געווען פארוויקעלט אן ארגאניזאציאנס פרינציפ, צי דער ארבייטער רינג זאל זיין ארגאניזירט צענטראליס־טיש, אדער דעצענטראליסטיש.

ברענטש איינס, וואס איז געווען דער גרעסטער און דער פאטער פון אלע אנדערע ברענטשעס, האט פארלאנגט, אז דער ארדען זאל זיין א פעדעראציע פון אויטאנאמע ברענטשעס. אזוי ווי די קולטור ארבייט ווערט געטהאן פון יעדען ברענטש באזונדער אויף זיין אייגענער אחריות, זאלען אויך די קראנקען בענעפיט אויסגעצאהלט ווערען פון די ברענטשעס גופא.

ל. פלאטא, דער ערשטער וואס האט געמאכט דעם פארשלאג צו גרינדען דעם ארדען, איז געווען געגען, אז דער ארדען זאל צאהלען בענעפיט.

ב. פייגענבוים איז געווען פאר צענטראליזאציע און אז דער ארדען זאל זיין פאראנטווארטליך פאר די בענעפטים.

דאס רוב מיטגליעדער האבען געהאלטען מיט פייגענבוים'ען און דער רעפערענדום האט גע'פסק'ענט, אז דער ארדען מוז זיין בנוגע בענעפיטס צענטראליסטיש. ברענטש איינס איז געווען שטארק געגען פייגענבוים'ען און האט ביים רעפערענדום אפגעגע־בען פאר ראזענצווייג'ען 154 שטימען און פאר פייגענבוים'ען בלויז 26.

די פראגע איז שפעטער נאך אמאהל ארויפגעשוואומען, ווען איינציגע ברענטשעס האבען געוואלט האבען זייער ברענטש־פלאץ אויף דער סעמעטערי, דאס הייסט, די סעמעטערי זאל אויך איינגע־טיילט ווערען אין ברענטשעס.

די פראגע איז געגאנגען צו א רעפערענדום און עס איז באַ־שלאסען געווארען געגען ברענטש סעקציעס אויף דער סעמעטערי.

די מיטגליעדער פון דער עקזעקוטיווע זיינען נאמינירט גע־ווארען נאך דער קאנווענשאן ביי די ברענטשעס און זיינען איבער־געגאנגען צום רעפערענדום.

דער באלאט איז ניט געווען קיין געדרוקטער און מען האט זיך מיט איהם בכלל זעהר וויניג צערעמאניעט. ניט אלע האבען חשק געהאט צו „לויפען" אין עקזעקוטיווע.

אין יוני 1901, ווען די באלאטס זיינען שוין אריינגעקומען אין „אפיס", האט די אלטע (פראוויזארישע) עקזעקוטיווע אפגעהאלטען א מיטינג.

אט איז דער באריכט פון דעם מיטינג („פארווערטס" יוני 14, 1901).

„די ערשטע זיצונג פון דער אלטער נאציאנאלער עקזעקוטיווע.
ביי דיזער זיצונג איז פארגעקומען די צעהלונג פון שטימען פאר מעמבערס פון דער נייער עקזעקוטיווע.
פאלגענדע זיינען ערוועהלט געווארען:
ב. מארגאליס, נ. זוסמאן, י. אדלער, ל. ליבראס, ב. קאטץ, מ. בעקער, דר. מארגאליס, ר. סטאון באשלאסען דיזע צו אנער־קענען... און צוזאמענרופען די נייע עקזעקוטיווע מיט די קאנטראל קאמיטע צום מיטינג נעקסטען מאנטאג אבענד דעם 17טען יוני אין 414 גרענד סטריט".

דער דזשענעראל אפיס איז געווען אין 40 קריסטי סטריט און האט מעהר ווי א טישעל און א שטוהל ניט געקענט אריינגעמען. אז אימיצער פלעגט קומען אין אפיס, פלעגט ער מוזען שטעהן, ווייל עס איז ניט געווען קיין פלאץ, וואו זיך צו זעצען.

די מיטינגען פון דער עקזעקוטיווע מיט דער קאנטראל קאמיטע האבען דעריבער, פארשטעהט זיך, געמוזט פארקומען אנדערשוואו (414 גרענד סטריט) אבער ניט אין אפיציעלען אפיס.

## די ערשטע פאלעמיק וועגען ארבייטער רינג אין דער פרעסע.

נאך דער ערשטער קאנווענשאן באמערקט זיך א גרויסע, א לע־בעדיגע טהעטיגקייט.

עס זיינען גלייך צוגעקומען צוויי ברענטשעס. ברענטש 10, בעיאן, ניו דזשוירזי, וואו עס זיינען געווען א סך אידישע ארביי־טער און ברענטש 11, בראנזוויל.

צוליעב דעם בראנזווילער ברענטש 11 איז פארגעקומען א גרוי־סע מחלוקה אין בראנזוויל, וועלכע איז ארויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט, אין דער פרעסע.

אין בראנזוויל האט פריהער עקזיסטירט א סאסייטי „דער אר־בייטער קראנקען אונטערשטיצונגס פעראיין פון בראנזוויל".

ווען דער ארבייטער רינג האט דעם 4טען אפריל 1900 רעאר־גאניזירט איין צענטראל פארבאנד פון ארבייטער רינג ברענטשעס, איז געקומען ב. פייגענבוים (דעמאלסט נאך פראוויזארישער סעק־רעטאר פון ארבייטער רינג) צו דער סאסייטי מיט א פארשלאג צו ווערען א ברענטש פון ארבייטער רינג.

די סאסייטי האט דעם פארשלאג ניט אנגענומען און האט בא־

שלאָסען אָפּצואווארטען ביז נאָך דער ערשטער קאָנווענשאָן, אום „זיך צו איבערצייגען אין דעם פאָרשריטליכען כאראקטער פון ארבייטער רינג".

דערווייל זיינען פון דער בראָנזווילער סאָסייטי ארויס צעהן מיטגליעדער און האָבען געגרינדעט א נייעם פאראיין אונטער'ן נאָמען: „אינטערנאציאָנאלער אונטערשטיצונגס פעראיין". דער נייער פאראיין האָט גלייך באשלאָסען אריינצוגעהן אין ארבייטער רינג אלס א ברענטש.

די באאמטע פון דעם קראנקען „אונטערשטיצונג פאראיין פון בראנזוויל" האָבען מורא געהאט אז דער נייער „אינטערנאציאָנאלער אונטערשטיצונגס פאראיין" וועט אלס ברענטש פון ארבייטער רינג ווערען פאר זיי א שטארקע אָפּאָזיציע, האָבען זיי שוין מעהר ניט געווארט ביז צו דער קאָנווענשאָן, נאר זיי האָבען גלייך אפּעלירט צו דער עקזעקוטיוו פון ארבייטער רינג, אויפגענומען צו ווערען אלס ברענטש. זיי האָבען אויך מורא געהאט, אז נאָך דער קאָנווענשאָן, ווען די אָפּאָזיציע וועט שוין זיין א ברענטש, וועט פאר דער אלטער פאראיין זיין שווער אריינצוקומען אין אָרדען אויף דעם סמך פון א פונקט אין דער קאָנסטיטושאָן, דאס, אויב אין אן אָרט איז שוין פאראן א ברענטש, מוז מען קריגען פון איהם די ערלויבניס צו קענען גרינדען א צווייטען ברענטש.

די עקזעקוטיווע, וועלכע האָט געהאט צוויי אפּליקיישאָנס פוןביידע קאָנקורירענדע פאראיינען, האָט באשלאָסען ניט צו געבען איין פאראיין דעם פאָרצוג איבער'ן צווייטען און האָט באשלאָסען איינצורופען א מאסען־פארזאמלונג אין בראָנזוויל און מודיע זיין, אז ווער עס וויל קען ווערען א מיטגליעד פון א נייעם ברענטש, וואָס געהט זיך גרינדען.

דער ארבייטער קראנקען אונטערשטיצונגס פעראיין פון בראָנזוויל האָט פראָטעסטירט געגען דעם באשלוס צו דער קאָנווענשאָן, און די קאָנווענשאָן האָט „באשלאָסען צו רעקאָמענדירען די נייע עקזעקוטיווע נאָך אמאָהל צו אונטערזוכען וועגען דעם בראָנזווילער פעראיין".

די געפּלאנטע מאסען־פארזאמלונג אין בראָנזוויל איז נאָך דער קאָנווענשאָן דאָך איינגערופען געוואָרען.

אויף דער פארזאמלונג איז פאָרגעקומען א טומעל און פאָליציי האָט זיך באוויזען אין האָל. די מיטגליעדער פון דעם בראָנזווילער ארב. קראנק. אונט. פעראיין האָבען געליארעמט, אז דער מיטינג איז גערופען געוואָרען געגען דעם באשלוס פון דער קאָנ־

ווענשאָן, וואָס האָט מבטל געמאכט דעם באשלוס פון דער אלטער עקזעקוטיוו קאָמיטע, וועגען רופען א מאסען־פארזאמלונג אין בראָנזוויל. ב. פייגענבוים, וועלכער איז געווען דער הויפט רעדנער אויף דעם מיטינג, האָט אָבער גע'טענה'ט, אז דער באשלוס פון דער קאָנווענשאָן איז בלויז בנוגע די ביידע פאראיינען און האָט אין גאנצען ניט צו טהאָן מיט א נייעם ברענטש, וואָס דארף זיך גרינדען אין בראָנזוויל.

די טענות און געגען טענות, וועלכע זיינען פאקטיש געווען באשולדיגונגען און געגען באשולדיגונגען, זיינען פארעפענטליכט געוואָרען אין דער פרעסע.

די בראָנזווילער סאָסייטי האָט געשריבען אן „אָפענעם בריעף“, וואָס האָט פארנומען אונגעפעהר צוויי קאָלומס אין „פארווערטס“ און די עקזעקוטיווע האָט געגעבען אן ענטפער פון דריי און א האלב געדרוקטע קאָלומס (אין צוויי נומערען).

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָהל אין דער געשיכטע וואו די פרעסע זאָל געבען אזוי פיעל פלאץ וועגען א סכסוך, וואָס האָט בלויז באריהרט די מעמבערס פון ארבייטער רינג.

דער רעזולטאט איז געווען אז צוואנציג קאַנדידאטען האָבען זיך נאָך דעם מאססמיטינג פארשריבען אלס מעמבערס, און די צווייטע וואָך אין מאַי זיינען זיי אינסטאָלירט געוואָרען אלס ברענטש 11 פון בראָנזוויל.

## דער ארבייטער רינג פאנגט אָן צו פארנעהמען דעם מזרח-וואנט.

פון מאַי 1901, גלייך נאָך דער ערשטער קאָנווענשאָן, פאנגען זיך אָן צו באווייזען געהעריגע באריכטען פון אלע ברענטשעס אין „אַבענדבלאַט“ און אין „פארווערטס“, טיילווייז אויך אין די „פרייע ארבייטער שטימע“.

דער„פאָרווערטס“, וואָס איז געווען פריינדליכער צום ארבייטער רינג, ווי די אנדערע צייטונגען האָט אבגעגעבען א ספעציעלען פלאץ פאר אלע באריכטען פון ארבייטער רינג.

די באריכטען פון ארבייטער רינג, וועלכע זיינען אין די ערשטע יאָרען פון זיין פאראיין'ס צייט געווען פארוקט אין א ווינקעלע, האָבען אָנגעפאנגען צו פארנעמען דעם אויבענאָן, דעם מזרח וואנט אין דעם פלאץ, באשטימט פאר די באריכטען.

אין דעם „פאָרווערטס“ פון מאַי 17, 1901 געפינען מיר באריכטען פון 11 רעגולערע און צוויי לידיעס ברענטשעס ארבייטער רינג.

אין דעם נומער פון מאי 24, 1901. איז צום ערשטען מאל אונטער די קעפעל „ארבייטער רינג באריכטען“ אפגעדרוקט דער עמבלעם פון ארבייטער רינג.

צום אנהויב קומט דער באריכט פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע, און דערנאך די באריכטען פון יעדען ברענטש באזונדער, לויט דער רייהע נאך. בר. 1, בר. 2, בר. 3, א. א. וו.,

אזא סיסטעם איז געווען זעהר א גוטער. יעדער לעזער קריגט א פולע פארשטעלונג פון דעם לעבען אין אָרדען, אין צענטער ווי אין די ברענטשעס.

אין דעם זעלבינען נומער איז שוין אויך דא א בעזונדערע נאטיץ פון „ארבייטער רינג, פראווידענס“, וואס האט זיך געהאלטען אין ארגאניזירען.

אין באריכט פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיוו קאמיטע ווערט מיטגעטיילט אז דער סעקרעטער האט אינסטאלירט ברענטש 12 (פילאדעלפיא) און אז עס ווערען געפיהרט אונטערהאנדלונגען וועגען גרינדען ברענטשעס אין פעטערסאן און ניו־הייווען.

פעטערסאן און וועסט האבאקען זיינען געווען צענטערס פון זיידען־וועבעריי, און די אידישע וועבער פון ביאליסטאק און פון לאדז האבען זיך דארטען באזעצט.

די אידישע וועבער־ארבייטער, מעהרסטע פון זיי בונדיסטען, האבען פון רוסלאנד אהער אריבערגעבראכט, דעם רעוואלוציאנערען גייסט און זייערע טראדיציעס, און האבען דא געגרינדעט פארשידענע פאראיינען: דעם „רוסישען רעוואלוציאנערען אונטערשטיצונגס פאראיין“, א „סאציאליסטישען־ליטעראַרישען די־בייטינג קלאב“, א. א. וו. א סך פון זיי זיינען געווען טעטיג אין דעם דייטשען „יודזשין וו. דעבס קלאב“, אין דער זיידען וועבער יוניאן און אנדערע.

דער פאטער פון דער באוועגונג און דער הויפט גרינדער פון די אלע ארבייטער ארגאניזאציעס, אין דעם צענטער פון דער זיידען וועבער אינדוסטרי, איז געווען אבראם באסקין, איין עלטער ברו־דער פון דעם איצטיגען גענעראל סעקרעטער פון ארבייטער רינג, יוסף באסקין.

אבראם באסקין איז געווען איין אלטער, ערפארענער רעוואַ־לוציאנער אין רוסלאנד. אין ווילנע, ביאליסטאק און אנדערע שטעט איז ער געווען באוואוסט אונטער'ן נאמען „אבראם“, און האט אין די נײַנציגער יאהרען געשפּילט א גרויסע ראליע אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

די רעוואלוציאָנערע וועבער אין ביאַליסטאָק און לאָדז האָבען מיט רעכט „אבראַמ'ן" געהאַלטען פאַר זייער לערער און וועג־ווייזער.

אריבערקומענדיג ענדע די נייניציגער יאָהרען קיין אַמעריקע, האָט ער זיך באַזעצט אין צענטער פון דער טעקסטיל אינדוסטרי, און האָט פאָרגעזעצט זיין אויפקלערונגס ארבייט.

י. וויינטרויב, דער שפּעטערדיגער גענעראַל סעקרעטער פון ארבייטער רינג, איז געווען איינער פון אבראַמ'ס תלמידים נאָך אין ביאַליסטאָק, און ווען ער איז אין 1898 געקומען קיין אַמעריקע און זיך אַלס וועבער באַזעצט אין פּעטערסאָן, נ. דזש., איז ער געוואָרען ביי דער זייט פון זיין אַמאָליגען לערער אַ טעטיגער מיטגליעד אין אַלע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס.

צוזאַמען מיט אבראַם באַסקין האָט י. וויינטרויב געהאָלפען גרינדען די יאָנג מענס אייד סאָסייעטי אין פּעטערסאָן און אין וועסט האָבאָקען.

אבראַם באַסקין איז פּלוצלונג געשטאָרבען אין 1906.

זיין אונערוואַרטעטער טויט איז באַדויערט געוואָרען פון דער גאַנצער אידישער ארבייטער באַוועגונג אַלס איין אונגעהייערער גרויסער פערלוסט.

די וועסט האָבאָקענער זיידען־וועבערס פּלעגען גאַנץ אָפט מאַכען ארבייט אין פּעטערסאָן, און די פּעטערסאָנער וועבער פּלעגען ניט זעלטען קומען קיין וועסט האָבאָקען נאָך אַ „דזשאָב". די ארבייטער פון דיביידע ערטער זיינען געווען ענג פאַרבונדען צווישען זיך; געלעבט אונטער די זעלבע באַדינגונגען און ערצויגען אין דער זעלבער אַטמאָספערע, האָבען די ארבייטער פון די ביידע ערטער געהאַט די זעלביגע אָרגאַניזאַציעס.

די וועסט האָבאָקענער יאָנג מענס אייד סאָסייעטי איז געוואָרען ברענטש 7, אָרבייטער רינג.

די פּעטערסאָנער יאָנג מענס אייד סאָסייעטי איז געוואָרען ברענטש 13, ארבייטער רינג.

י. וויינטרויב איז געווען דער פּראָטאָקאָל סעקרעטער פון ברענטש 13.

## דער ארבייטער רינג גיט געלד פאַר לינאָטייפּ מאַשינען דעם „פאָרווערטס".

אין „פאָרווערטס" פון 24טען מאַי, 1901, מעלדעט אין זיין באַריכט ברענטש איינס:

„א קאָמיטע פון „פאָרווערטס" פרעס פעדעריישאָן פאַרלאַנגט, דאָס דער ארבייטער רינג זאָל מיטהעלפען אום צו קענען אריינשטע־לען די לינאָטייפּ מאשינען. באשלאָסען איינשטימיג, צו באווי־ליגען צום צווייטען מאָהל פופציג דאָלאר פאר די מאשינען".

אין דער מחלוקה, וואָס איז אָנגעגאנגען צווישען „אבענד־בלאט" און „פאָרווערטס", איז ברענטש איינס תמיד געשטאנען אויף דער זייט פון „פאָרווערטס".

פייגענבוים איז געווען מיט'ן „אבענד־בלאט", און ס'קען זיין, אז דאָס איז געווען די אורזאכע, וואָס זיין מערכה אין ברענטש איינס איז געווען זעהר א שלעכטע.

ברענטש 1 איז געווען געגען פייגענבוים'ען אלס נאַציאָנאַלער סעקרעטער. ווי מיר האָבען שוין אויבען געזעהען, האָט ער אָפּגע־געבען פאר ל. ראָזענצווייג'ען 154 שטימען, בעת פייגענבוים האָט ביי איהם געקראָגען ניט מעהר, ווי 26 שטימען.

ברענטש 1 האָט אויך געשטימט געגען דעם פונקט, אז דער נאַציאָנאַלער סעקרעטער זאָל קריגען 15 דאָלאר א וואָך שכירות. 160 שטימען זיינען געווען געגען דעם און בלויז 15 דערפאר.

ברענטש איינס איז, משמעות, וויניגער אָנגעגאנגען די 15 דאָלאר א וואָך, ווי דאָס, וואָס זיי האָבען ניט געוואָלט האָבען פיי־גענבוים'ען דעם „אבענד־בלאט"'ניק אין נאַציאָנאַלען אָפיס.

די שטימען פון די איבעריגע ברענטשעס זיינען אָבער אָפּגע־געבען געוואָרען פאר פייגענבוים'ען און ברענטש איינס איז מיט אזא אָפּשטימונג געווען שטאַרק אומצופרידען.

אזוי ווי דער ברענטש איינס האָט זיך מיט רעכט געהאלטען פאר'ן טאטען פון ארבייטער רינג, האָט ער שטאַרק פאראיבעל גע־האָט, וואָס זיינע קינדער, די אנדערע, די יונגערע ברענטשעס, גי־בען איהם ניט אָפּ דעם געהעריגען כבוד און ווידערשפּעניגען געגען איהם.

די באציהונגען צווישען ברענטש איינס און די אנדערע ברענ־טשעס זיינען אין די ערשטע יאָהרען געווען שטאַרק אָנגעצויגען.

ברענטש איינס פלעגט גאַנץ אָפּט ניט וועלען אויספאָלגען די באשליסע פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע. ער פלעגט אמאָהל אליין ארויסשיקען צירקולארען, אָט אזוי ווי א טאטע באַ־פעהלט די נאָך מינדער־יעהריגע קינדער.

די אנדערע ברענטשעס האָבען דאָס ניט געוואָלט ליידען און פלעגען זיך וויניג וואָס קימערען מיט די „אָרדערס" פון ברענטש איינס. „מאַלע וואָס ברענטש איינס ווילן" — פלעגען די אנדערע

ברענטשעס מיט א ביטול ענטפערען אויף ברענטש איינס׳עס פאר־לאנגען.

אין דעם דיקען געשריבענעם פראטאקאל־בוך פון ברענטש דריי ברוקלין, געפינען מיר, אז דעם 4טען מאי 1901, איז אויפ׳ן מיטינג פון ברענטש פארגעלעזען געווארען א צושריפט פון ברענטש איינס „וועגען די מצבות און „פיקסען" די סעמעטערי". דער צושריפט איז צוריקגעוויזען געווארען אויף דעם גרונד, „וואס ער האט באדארפט קומען פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע און ניט פון ברענטש איינס".

אזוינע סטירדעס צווישען ברענטש איינס און די אינגערע ברענ־טשעס פלעגען גאנץ אפט פארקומען.

עס פאדערט זיך דא צו באמערקען, אז בנוגע די אנגעלעגענ־הייטען פון דער סעמעטערי, האט ברענטש איינס דוקא געהאט מעהר רעכט צו געבען עצות, ווי די נאציאנאלע עקזעקוטיווע, ווייל די אלע לויות פלעגען דעמאלט אראנזשירט ווערען פון ד. גינגאלד, וואס איז געווען דער האספיטעלער פון ארבייטער רינג אפילו נאך דעם, ווי ער איז שוין געווארען אן ארדען. גינגאלד אלס א מיט־גליעד פון ברענטש איינס פלעגט אויף די מיטינגען פון אט דעם ברענטש באריכטען וועגען די סעמעטערי ענינים און דער ברענטש האט געוואוסט, וואס עס איז נויטיג צו טהאן.

די אנדערע ברענטשעס האבען אבער פאר קיין פאל ניט גע־וואלט נעהמען ארדערס פון ברענטש איינס, אפילו, ווען די אר־דערס זיינען געווען נויטיג.

דער „פארווערטס", איז געווען מעהר נוטה צום „טאטען" פון ארבייטער רינג" און האט אים אונטערשטיצט אין זיינע סכסוכים מיט די אנדערע ברענטשעס. צווישען „פארווערטס" און ברענטש איינס האט געהערשט פריינדליכקייט.

ברענטש איינס איז געווען דער ערשטער צו קומען צו הילף דעם „פארווערטס", ווען ער האט זיך גענויטיגט.

ווען ניט ברענטש איינס, וואלט דער „פארווערטס" ניט אזוי גיך געווען אימשטאנד איינצופיהרען די לינאטייפ מאשינען.

ברענטש איינס איז געווען דער ערשטער צו באוויליגען בא־דייטענדע סומעס פאר די נייע מאשינען, וואס דער „פארווערטס" האט געפלאנעוועט איינצופיהרען. פאר די לינאטייפ מאשינען האבען אויך אנדערע ברענטשעס בייגעשטייערט. אויך ברענטש דריי האט באשלאסען צו געבען א טהייל פון דער הכנסה פון זיי־נעם א בענעפיט פאר די לינאטייפ מאשינען.

די ערשטע באצאהלטע אדווערטייזמענט פון ארבייטער רינג געפינען מיר אין „פארווערטס" פון 28טען יולי, 1901.

דער ארבייטער רינג
The Workmen's Circle

צאהלט קראנקען אנטערשטיצונג 6 דאל. א וואך, 12 וואכען. טויטען בענעפיט 400 דאל. פון א מאן, 200 דאל. פון א פרוי.

העד־קווארטערס פון דיא נאציאנאל־עקזעקוטיווע:

40 קריסטי סט., קאר. קאנעל.

ב. פייגענבוים, סעקרעטער.

אפיס שטונדען: יעדען טאג, אויסער זונ־טאג, פון 4 ביז 9 נאכט. עקזעקוטיוו מיטינג אין אפיס יעדען מאנטאג אבענד.

דעם ערשטען מאהל ווערט דא דערמאנט, אז דער ארבייטער רינג האט אן אייגענעם אפיס און אן אפיציעלען סעקרעטער, וואס האט אפיס־שטונדען.

## נאך דער ערשטער קאנווענשאן.

אין דעם זומער 1904 נאך דער קאנווענשאן, איז פארגעקומען א שטארקע, א רירעוודיגע טהעטיגקייט אין דעם ארבייטער רינג. די פריהערדיגע ברענטשעס באפעסטיגען זיך, ווערען גרעסער אין דער צאהל מיטגליעדער און שטארקער אין גייסטיגער קולטורע־לער ארבייט. נייע ברענטשעס קומען צו. דער רינג ווערט ברייטער און נעהמט אין זיך אריין אלץ גרעסערע און גרעסערע קרייזען. אין פראווידענס איז אינסטאלירט געווארען ברענטש 14 („פארווערטס" יולי 12). די ליידיעס קלייבען זיך צו גרינדען א דריטען ברענטש. אין הארטפארד ווערט ארגאניזירט ברענטש 15 (סעפט. 6). די באריכטען פון כמעט אלע ברענטשעס זיינען פול מיט מיטטהיילונ־גען וועגען איינציגע און סעריעס לעקציעס, וואס מען אראנזשירט שוין באצייטענס אויף ווינטער.

אזוי ווי די ארגאניזאציע האט זיך אויסגעברייט, האבען זיך

אין איהר, משמעות, ארייננעכאפט ניט אזעלכע געווינשטע מיט־גליעדער, האט מען זיך אנגעהויבען צו באאומרוהיגען וועגען דער רייניקייט פון דער ארגאניזאציע, וועגען דער גייסטיגער פראבע פונ׳ם רינג.

ברענטש צוויי ווארענט, מען זאל ניט פארנאכלעסיגען די גייסטיגע ענטוויקלונג פון די מיטגליעדער:

„...עס ווערט באריכטעט, אז עס איז ערוועהלט געווארען אן עדיוקיישאנאל קאמיטע פאר דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון די מיטגליעדער. עס איז גאנץ ווארעם דעבאטירט געווארען, דאס מיר האבען פארנאכלעסיגט די ענטוויקלונג פון די מיטגליעדער. די עקז. האט איינגעזעהען, דאס אויב דער ארבייטער רינג וועט ניט נעהמען קיין אנדער ווענדונג בעטריפס די פרינציפיעלע זייט פון דיזען וויכטיגען ארדען, וועט מען דורכפאלען. עס איז נויטיג, דאס די מיטגליעדער פון ארבייטער רינג זאלען זיין באוואוסט, וואס די אויפגאבע פון דעם ארבייטער רינג איז און מיט וואס ער אונטערשיידעט זיך פון אלע אנדערע ארדענס...“ („פארווערטס“, 26 יולי, 1901).

ברענטש איינס האט אויסגעשלאסען איהרען א מיטגליעד און איהם ארויסגעגעבען א „וואלפישען בילעט“ אין דער פארם פון א פארדאמונגס רעזאלוציע, ווייל ער האט געארבייט פאר דער רעפובליקאנישער פארטיי.

„אזוי ווי אין די פרינציפען ערקלעהרונג פון ארבייטער רינג — זאגט די רעזאלוציע — געפינט זיך דער פאראגראף:

„מיר פארפליכטען זיך צו העלפען ענטוויקלען אן אונאבהענגיגע מאכט פון די ארבייטער, אלס געגנעריז צו די רעגירונגס געוואלד פון די קאפיטאליסטען דורך זיינע יידע אלטע פארטייען, און ניט צו העלפען שטארקען דיזע פארטייען“.

אין אנבעטראכט, אז דער מיטגליעד האט ביים אריינטרעטען אין ארבייטער רינג זיך פערפליכטעט טריי צו האלטען די פלאטפארמע און די פרינציפען פון דעמזעלבען;

אין אנבעטראכט, אז ער האט דיזע פרינציפען יעצט פערראטען, ארבייטענדיג פאר די רעפובליקאנער פארטיי;

זיי עס בעשלאסען צו פערדאמען מאראליש דיזען פעררעטער און אויפצופאדערען אלע אונזערע מיטגליעדער איהם צו צייגען זייער פעראכטונג“.

די ברוקלינער ברענטשעס פאראייניגען זיך צו מאכען אלגעמיינע אונטערנעהמונגען (דער ערשטער קערענדעל פאר סיטי־קאמיטעס), און פלאנעווען א האספיטאל פאר די ברוקלינער פריינד.

עס ווערט וועגען דעם צוועק איינבארופען א דזשאינט מיטינג פון אלע ברוקלינער ברענטשעס און די ברענטשעס 3, 4 און 6 שיקען דעלעגאטען.

די זעלביגע דריי ברענטשעס קלייבען אויך אויס אן אייגענעם ברוקלינער דזשענעראל האספיטעלער (פר. ל. בלום פון 33 סיגעל סטריט).

דער ארבייטער רינג קריגט אלץ מעהר אנזעהען. מען פאנגט אויף איהם אן צו קוקען ווי אויף דעם משיח׳ן, וואס וועט אויפלעבען די באוועגונג נאך איהר קלאפ, וואס זי האט געקראגען פון דער שפאלטונג.

„מיר פאדערען אויף אלע גענאסען אין ניו הייווען צו קומען זיך אנשליסען אן אונזער ברענטש. דאס איז די בעסטע געלעגענהייט אויפצולעבען צוריק א באוועגונג צווישען די אידישע ארבייטער אין שטאדט“ (אויפרוף פון ניו הייווען׳ער בר. 17,*) וואס איז געגרינדעט געווארען אנפאנג ווינטער 1901).

אחוץ זיין אנזעהן, ווערט אויך גרעסער זיין אינוועטאר. עס פיהלט זיך די נויטווענדיגקייט אין א נייעם אפיס און אין אן אייגענעם סייף, וואו צו האלטען די וויכטיגע פאפירען און דאקומענטען.

מילא, אז אפיס האט מען געקראגען אן אנדערען. מען האט געמופט אין 217 הענרי סטריט. (די קלאברומס פון „וואיס און ליבאר“, בר. 5 א. ר.). אין דעם נייעם אפיס האט שוין די עקזעקוטיווע געקענט מיטען. איהר ערשטען מיטינג אין נייעם אפיס האט זי געהאלטען אין סעפטעמבער 1901.

ווי א מיטגליעד פון דער דעמאלסטיגער עקזעקוטיווע דערצעהלט, איז דער נייער געראומיגער אפיס באשטאנען פון דריי רומקעס, איינע נאך דער אנדערער. די פאדערשטע רום איז געווען פאר׳ן דזשענעראל אפיס, די מיטעלסטע איז געווען דער מיטינג-לאקאל. די דריטע איז געווען אהן פענסטער, א פינסטערע, פאר קאמיטעס, וואס פלעגען קומען. קיין שטולען אין דער רום זיינען ניט געווען, און די קאמיטע-לייט האבען געמוזט שטעהען, ווען זיי פלעגט אויסקומען צו ווארטען.

ווינטער איז אין „נייעם אפיס“ געווען נישקשה׳דיג קאלט און דער דזשענעראל סעקרעטער, פייגענבוים, האט זיך אוועקגעלאזען אין די סעקאנד-הענדיגע סטארס איינהאנדלען אן אייוועלע. אב־

---

*) ברענטש 16 האט זיך ארגאניזירט אביסעל פריהער אין סאמיט, ניו דזשורזי.

ציג סענט האָט ער פאר דעם „אויוועז" באצאָהלט (פון אָפיציעלען רעפּאָרט).

דער אָפיס האָט אָבער אויך געמוזט האָבען א בעזים. האָט זיך דער דזשענעראל סעקרעטער מטריח געוועז און אוועק אין דעלענסי סטריט און געקויפט א גוואלדיגע מציאה — א בעזים פאר 17 סענט. דער רעגעלער פּרייז איז געוועז 20 סענט.

מיר דארפען ניט פארגעסען, אז לויט דער קאָנסטיטושאָן, האָט נאָר איין באצאָהלטער בעאמטער געקענט זיין אין ארבייטער רינג.

א ווארעמען, א שעהנעם אָפיס האָט מען שוין געהאט. אָבער וואָס טהוט מען מיט א סייף? קיין פאָנדס זיינען דערויף ניט גע־ווען. האָט די די נאציאָנאלע עקזעקוטיווע רעקאָמענדירט צו די ברענטשעס צו מאכען א פרייע קאָלעקשאָן.

ווי די אנדערע ברענטשעס האָבען זיך דערויף אָפּגערופען, קען נען מיר ניט וויסען. ברענטש דריי האָט דעם פארלאנג צוריקגעווי־זען. „די פראגע וועגען פרייע קאָלעקשאָן פאר א סייף פאר דער עקזעקוטיווע צוריקגעוויזען. מיר, דער ברענטש דריי, זיינען צו־פרידען צו באצאָהלען דעם טעקס, וועלכער עס וועט פאלען אין די־זער היינזיכט" (אין א באריכט פון בר. 3, אין „פאָרווערטס").

אין דעם זעלביגען זומער איז צום ערשטען מאָהל ארויפגע־שוואומען די פראגע וועגען מעמבערס עט לארדזש און די נ. ע. ק. באשטימט וועגען דעם א ספּעציעלען מיטינג.

די וויכטיגסטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען דעמאָלסט געשטאנען אויפ'ן טאגעס אָרדנונג, זיינען געוועזן:

1) אן אייגענעם אָרגאן.
2) א רעזערוו־פאָנד.

## דער דיסקוטאנט — דער ערשטער אָפיציעלער אָרגאן פון ארבייטער רינג.

ווען דער אָרדען האָט זיך אָנגעהויבען פארנאנדערוואקסען, זיינען ארויפגעשוואומען פארשידענע ארבייטער רינג פּראָבלעמען וועגען וועלכע מען האָט זיך באדארפט דורכריידען אין דעם גע־דרוקטען וואָרט, איז אָבער ניט געוועזן קיין פּלאץ וואו דאָס צו טאָהן.

דער „אבענד־בלאט" האָט איבערהויפּט געשאָנקען ווייניג אויפמערקזאמקייט דעם ארבייטער רינג. האָט מען צוגעשיקט א באריכט האָט ער געדרוקט, אז ניט — איז געוועזן נאָך בעסער. ני־כגעפרעגט אויף דעם וואָס עס טוט זיך אין ארבייטער רינג, האָט ער ניט.

דער „פארווערטס" האט געגעבען א סך פלאץ פאר'ן ארבייטער רינג, אבער בלויז פאר די באריכטען פון דער נ. ע. ק. און די ברענטשעס, קיין ארטיקלען איבער'ן ארבייטער רינג זיינען דארטען ניט ערשינען. עס קאן זיין, אז די אורזאך דערפון איז געווען דאס, וואס פייגענבוים, דער נאציאנאלער סעקרעטער אלס מיטארבייטער פון „אבענד בלאט" איז דעמאלסט געווען א „פערסאנא נאן גראטא" אין „פארווערטס" און אויך זיינע ארטיקלען האט מען געהאלטען פאר טריף פסול.

ווי די זאך זאל ניט האבען געווען, דער ארבייטער רינג האט זיך גענויטיגט אין א ארגאן, וואו צו דיסקוטירען פראגען, וואס זיינען פארבונדען מיט'ן ארבייטער רינג.

פייגענבוים האט דעריבער גע'פועל'ט ביי דער עקזעקוטיווע, זי זאל מסכים זיין צו זיין פארשלאג, ארויסצוגעבען אן אפיציעלע שריפט אונטער'ן נאמען „דער דיסקוטאנט".

געוועהנליך האט דער באשלוס געקענט גילטען בלויז ביז דער צווייטער קאנווענשאן.

ביי די מערסטע ברענטשעס, האט דער געדאנק ארויסצוגעבען אן אייגענע שריפט, באגעגענט א ווארעמען אפקלאנג.

אין די פראטאקאלען פון ברענטש דריי, לעזען מיר, אז די אידעע צו האבען אן אייגענע צייטונג, איז באגעגענט געווארען מיט'ן גרעסטען ענטהוזיאזם.

ברענטש איינס איז אבער געווען שטארק געגען דעם. ערשטענס, איז דער ברענטש בכלל געווען געגען דעם וואס פייגענבוים טוט. ער האט שטארק געוואלט פטור ווערען פון פייגענבוים'ן אלס סעקרעטער, און האט ניט געוואלט דערלאזען, אז ער, דער סעקרעטער, זאל קריגען נאך א שטארקערע מאכט אלס א רעדאקטאר פון דער אפיציעלער צייטונג. צווייטענס, האט ער הפנים מורא געהאט, די צייטונג זאל שעדיגען דעם „פארווערטס" פאר וועלכען מאנכע מיטגלידער פון ברענטש האבען שטארק געארבייט. בינו לבינו האט זיך אנגעהויבען א טומעל אין דעם ארבייטער רינג, וואו די הויפט פיגור, אויף וועמען די אפאזיציע האט זיך געצילעוועט מיט איהרע פיילען, איז געווען פייגענבוים און זיין גייסטיגקינד — די צייטונג.

אין דעם פראטאקאל פון דער נ. ע. ק. דעם 16 דעצעמבער 1901 לייענען מיר:

„די קאמיטע פון די עקזעקוטיוו וואס וואר ביי ברענטש איינס באריכטעט דאס זיי זיינען באליידיגט געווארען פון די פערזענליכע

פריינדע פון פייגענבוים און צוואר נישט צו זיין קיין שטערער צום פראגרעס פון אלגעמיינעם ארבייטער רינג, האט פריינד פייגענבוים רעזיגנירט פון זיין אמט. אבער די עקזעקוטיווע, איינזעהענדיג, דאס פריינד פייגענבוים טהוט זיין פליכט, האט די רעזיגניישאן ניט אנ־גענומען און ברענטש איינס ווערט געטאדעלט, ווייל ער האט צוגע־לאזען ביי זיינעם אן אפענעם מיטינג צו באליידיגען א קאמיטע פון די עקזעקוטיווע".

א „פאלקס־שטימע" פון ב. בראדסקי, אין „פארווערטס", דע־צעמבער 18, 1901.

„ערלויבט מיר איניגע צייל‏ען, אום צו ערזוכען די מיטגליעדער פון ארבייטער רינג צו שטימען געגען דעם פארשלאג פון נאצ. עקז. וועגען דעם ארויסגעבען פון „דיסקוטאנט". ווען דיזער פארשלאג זאל אנגענומען ווערען, וועט דער ארבייטער רינג ניט זיין אימ־שטאנד צו קריגען א דזשענעראל סעקרעטער, ווייל מיר וועלען מוזען דאן ערוועהלען איינעם, וואס זאל קענען זיין ניט א סעקרעטער, זאנדערן א רעדאקטאר. איך דיינק, אז פאר'ן ארבייטער רינג איז דערוויילע א סעקרעטער פון גרעסערער וויכטיגקייט, ווי א רעדאק־טאר פון א צייטונג. ווען מיר וועלען אויסוואקסען אביסעל גרע־סער, וועלען מיר פיליכט קענען אפארדען ארויסצוגעבען א צייטונג און דאן וועלען מיר, מסתמא, קריגען א רעדאקטאר אויך. איך וויל אייך אין דער זעלבער צייט אויפמערקזאם מאכען, אז די עקזעקוטיווע האט באדארפט ניט נאר פארלייגען איהר מיינונג איבער דיזער פראגע, נאר זי האט אויך אין זעלבען „דיסקוטאנט" געדארפט אפ־געבען פלאץ פיר געגענזייטיגע מיינונגען, אום די ברענטשעס פון ארבייטער רינג זאלען וויסען ווי צו שטימען.

אן ענטפער צו בראדסקי'ן אין אפטיילונג „פאלקס טריבונע" („פארווערטס", דעצעמבער 25, 1901).

„...מיסטער בראדסקי שרעקט זיך זעהר, טאמער וועט דורכגעהן דער פארשלאג, אז דער ארבייטער רינג זאל ארויסגעבען דעם „דיסקוטאנט", ווייל דאן, זאגט ער, וועט זיין זעהר שווער צו קריגען א דזשענעראל סעקרעטער, וועלכער זאל זיין פעהיג צו רע־דאקטירען די צייטונג און דארום ערזוכט ער די מיטגליעדער צו שטימען געגען דעם פארשלאג. איך דיינק, מיסטער בראדסקי, אז איהר האט זיך ניט וואס צו שרעקען, פארלויפיג דארפען מיר דאנ־קען דעם צופאל, וואס האט צוגעשיקט אזא סעקרעטער, וועלכער בעזיצט די פעהיגקייטען צו זיין רעדאקטאר און ווען ער וועט רעזיג־נירען אדער ער וועט פערלאנגען גרעסערע וויידזשעס, דאן וועט

אויך דער ארבייטער רינג באַווייזען, אַז אייער שרעק איז געווען אומזיסט". (ע. סאַקאַלאָוו, באַלטימאָר).

אין „פאָרווערטס" פון דעצעמבער 26 (אָפּטיילונג: „פאָלקס־טריבונע").

„די ווירדיגע עקזעקוטיווע באַקלאָגט זיך אויף ברענטש איינס, דאָס זי*) האָט געלאָזט באַליידיגען דאָס קאָמיטע פון עקז. מיט מר. פייגענבוים, גרענד דזשענעראַל סעקרעטער פון ארבייטער רינג. איך בין דער יעניגער, וועלכער וואָר דער אנגרייפער און בין באַצייכענט אַלס פיינד פון מר. פייגענבוים. איך ערקלעהר, אַז דיזער באַריכט איז פאַלש און פאַרלוימדעריש. ערשטענס, זיינען די איבעריגע מיטגלידער פון דער קאָמיטע ניט באַליידיגט געוואָרען... איך האָב בלויז ערקלערט פאָלגענדעס: „דאָס מר. פייגענבוים פאַרדינט ניט דאָס געלד, וואָס ער קריגט פון אַר. רינג. איך האָב אויך באַמערקט דאָס איך וועל מיט איהם דעבאַטירען וועגען דעם. וואָס האָט אָבער פייגענבוים געענטפערט. געכאַפּט א ויברח אין 217 העגרי סט. און פאַר'מסר'ט ביי דער עקזעקוטיווע, באַהויפּטענדיג, דאָס מען האָט באַליידיגט די קאָמיטע פון דער עקז. פאַרגעסענדיג צו באַמערקען, דאָס אַלעס איז געוועזן געריכטעט געגען איהם פּערזענליך פיר ניט אַטענדען זיין פליכט. ווייטער איז באַמערקט אין באַריכט, אַז צוליב דעם פּראָגרעס פון ארבייטער רינג, האָט פריינד פייגענבוים רעזיגנירט. היילינער יעזוס! ערשט יעצט איז פייגענבוים געוואָר געוואָרען, אַז ער „שטערט" דעם פּראָגרעס פון ארבייטער רינג און אַז ליטישע מיילער ריידען די גאַנצע צייט פון דער לעצטער קאָנווענשאָן, אַז ער איז ניט פעהיג צו זיין אַן אָרגאַניזאַציאָן סעקרעטער, און נור דורך מיספערשטענדנים צווישען די ברענטשעס האָט ער געקראָגען די גאַנץ קליינע מאַיאָריטעט, וועלכע האָט איהם ערוועהלט. מר. פייגענבוים האָט געוויס פאַרגעסען, אַז ביים ערשטען מיטינג נאָך דער זיעגרייכער ערוועהלונג, האָט דעל. מאַרגאָליס איהם אויפגעפאָדערט, דאָס למען השלום, ער זאָל זיך צוריקציהען. וואָס וואַר דאַמאָלסט די אנטוואָרט נאָך אַן אַכטטאָגיגער איבערלייגונג?

טאָמער פאַרקעהרט!

און יעצט, פּלוצלונג, איז ער געקומען צום שלום, אַז ער „שטערט" דעם פּראָגרעס. יאָ, איך בין מיט איהם פאָלקאָם איינפערשטאַנען און די דעלעגאַטען, וועלכע האָבען ניט אַנגענומען די

---

*) דעמאָלסט האָט מען א ברענטש געהאַלטען פאַר א „זי" — א. ש. ז.

רעזיגניישאַן, האָף איך, וועלען קירצליך אויך קומען צום באשלוס, ווי פייגענבוים זעלבסט.

„וואָס אנבאַלאַנגט דער עקז. אין אלגעמיין, וויל איך איהר גראַ־טולירען מיט דעליאָן נומער 2.

סעם שאַפּירא, 749 איסט 9טע סטריט.

דער פאקט, אז אזא אנגריף האָט געקענט ערשיינען אין „פאָר־ווערטס“ אויף פייגענבוים’ען, דעם נאַציאָנאַלען סעקרעטער פון אָרדען, באווייזט„ ווי פאַרביטערט עס זיינען דעמאָלסט געווען די צדדים, איבער א ריינע, עטוואָס מעסיגע, ניט גרויסע פראגע.

דעם 27טען דעצעמבער איז ערשינען א „שטימע“ פון ה. טשעכ־נע וועגען דעם זעלביגען ענין.

דער שרייבער פארטיידיגט בראָדסקי’ן און פאלט אָן אויף סאָ־קאַלאָוו’ן פון באלטימאָר, ער קיבעצט איהם, אז ער איז א „פאומער“ א קאונטרי־מענש און וויים ניט, וואָס עס טהוט זיך אין ארבייטער רינג. ער ווידערהאָלט, אז פייגענבוים איז א רואינע פאַר’ן ארביי־טער רינג, אז ער ברייננט אריין דעמאָראַליזאציאָן אין אָן אָרגאָ־ניזאציאָן, אויף וועלכע מענשען האָבען יאָהרען לאנג געארבייט.

די נאַצ. עקז. קאָמיטע האָט, ווי עס ווייזט אוים, זיך שפּעטער איבערגעבעטען מיט ברענטש איינס אויף פייגענבוים’ס חשבון:

א באַריכט פון דעצעמבער 26 וועגען דעם סכסוך מיט ברענטש איינס וועגען די באליידיגונגען.

„ספּעשעל מיטינג. פאָרזיצענדער*) פריינד ליברום. די עקזע־קוטיווע האָט ניט געלויבט דעם סעקרעטער און ניט געטאַדעלט דעם ברענטש. די עקזעקוטיווע האָט אין גאַנצען ערקלערט, אז זי האָט אליין אויסצוזעצען געגען סעקרעטער, ווארום ער טהוט ניט געווים זאַכען...“

דער באשלוס ארויסצוגעבען דעם אָפיציעלען אָרגאַן — „דער דיסקוטאנט“ איז דורכגעפיהרט געוואָרען, ניט קוקענדיג, וואָס בר. איינס איז דאָס שטארק ניט געפעלען געוואָרען.

ווינטער 1901-2 נאָך דער ערשטער קאָנווענשאָן איז ערשינען דער ערשטער נומער „דער דיסקוטאַנט“.

דער ערשטער נומער איז געווען „געדרוקט“ דורכ’ן העקטאָ־גראַף און דער צווייטער איז שוין געווען אן אמת’ע געדרוקטע פּיר־זייטיגע צייטונג.

---

*) דעמאָלט איז ניט געווען קיין שטענדיגער טשערמאַן. אויף יעד־דען מיטינג פלעגט מען אויסקלייבען א פאָרזיצער.

די מאָטאָ פון דער צייטונג:

רעכטס — די רייבונג פון פארשידענע מיינונגען געגען וואונ־דערשאפט אין דעם פערשטאנד.

לינקס — וויסען איז מאכט, מאכט איז וויסען.

אין מיטען איז געשטאנען מיט גרויסע אותיות דער נאָמען פון דער צייטונג דער דיסקוטאנט. עמבלעם פון אָרדען, אָרגאן פון אר־בייטער רינג.

דער צווייטער נומער איז ערשינען ערב דער צווייטער קאָנווענ־שאָן, דעם 1טען אפריל, 1902.*)

דער אינהאלט איז באשטאנען פון צוויי ארטיקלען,ביידע, ווי עס ווייזט אויס, געשריבען פון פייגענבוים.

דער ערשטער ארטיקעל: „פענסיע פיר אלטע ארבייטער", רעדט ארום די וויכטיגקייט פאר'ן ארבייטער רינג צו זאָרגען בא־צייטענס פאר די מיטגליעדער, וואָס וועלען זיין ניט קראנק, ניט טויט, אָבער אלט.

דער צווייטער ארטיקעל אונטער'ן נאָמען: „אונזער קומענדע קאָנווענשאָן", גיט אן איבערבליק איבער די אויפטהואונגען פון ארבייטער רינג דעם לעצטען יאָהר פון דער ערשטער קאָנווענשאָן און רופט צו שלום אין ארבייטער רינג. אָפיציעל איז אונטער דעם צווייטען ארטיקעל אונטערגעשריבען די נאצ. עקז. פון ארבייטער רינג, דער פארפאסער איז אָבער געווען פייגענבוים.

הינטער די צוויי ארטיקלען אויף'ן לעצטען קאָלום פון דער פערטער זייט, זיינען פאראן אייניגע אדווערטייזמענטס פון ארביי־טער רינג מיטגליעדער.

„דער דיסקוטאַנט" איז צוגעשיקט געוואָרען צו אלע ברענטשעס.

די ארטיקלען זיינען אין אַ סך ברענטשעס דיסקוטירט געוואָ־רען מיט'ן גרעסטען ערנסט. מאנכע ברענטשעס האָבען ערוועהלט אַ ספּעציעלען פאָרלעזער פון די ארטיקלען. אין די לאָיאלע ברענ־טשעס איז דיסקוטירט געוואָרען די פראגע, צי „דער דיסקוטאנט" זאָל ערשיינען צוויי מאָל אַ מאָנאט אָדער איין מאָל אַ מאָנאט.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די צווייטע קאָנווענשאָן האָט באשלאָסען ווייטער ארויסצוגעבען דעם „דיסקוטאנט" און דער

---

*) אַ פאָטאָגראפישע קאָפּיע פון דער פראָנט פּיידזש פון צווייטען נומער „דיסקוטאַנט" געפינט זיך אויף דער נעקסטער זייט.


פאָרזיצענדע פון א.ר.

The Discutant. ~דער~ Der Diskutant.

# דיסקוטאנט

ארגאן פון דעם ארבייטער רינג.

פרייז, 2 סענט. ניו יארק, 1טען אפריל, 1902. יאהרגאנג 1, נום 2.

וויסען איז מאכט.
מאכט איז וויסען.

דיא רייבונג פון מער שיעדענע מיינונגען גענען אנאנדער, פארמט אוים דעם פערשטאנד.

**סעקרעטערע זיינען פערפפליכטעט צו בעזארגען יעדען איינציגען מעמבער מיט א קאפיע פון דעם „דיסקוטאנט".**

## פענסיע פיר אלטע ארבייטער.

### אונזער דיסקוסיאנס־טהעמא.

מיר פערזארגען זיך אין „ארבייטער רינג" מיט שטיצע אין קראנקהייט; מיר פערזארגען מיט שטיצע אונזערע פאמיליען נאך אונזער טויט. —

אבער וואס וועט ווערען מיט אונז אויף דער עלטער, ווען מיר וועלען זיין ניט קראנק און ניט טויט, און דאך אהן געזונד און אהן לעבען?

וואס וועט ראן ווערען מיט דיא פאר פון אונז, וואס וועלען דאס מיט נסים פארט דערלעבען?...

עס איז אבסאלוט אונמעגליך, דאס פריוואט־סאסייעטיס זאלען קענען אויסהאלטען זייערע מעמבערס אויף דער עלטער. זיי קענען זיי עטוואס שטיצען, אבער ניט אויסהאלטען. זיי וואלטען לייכט געווארען באנקראט.

אנדערע אונטערשטיצונגס סאסייעטיס האבען טאקע אויף דעם גאר ניט וואס צו ענטפערן.

דער „ארבייטער־רינג" אבער יא!

* * *

א'ן ארבייטער פיהרער האט דא ניט לאנג געזאגט אין טשיקאגא א ביטערע: וויץ, אז עס דארף איינגעפיהרט ווערען, דאס ווען א'ן ארבייטער ווערט 45 יאהר, זאל ער דערשאסען ווערען. ווארים וואס וועט ער זיך דא ארומשלעפען אויף דיזער וועלט אין צרות? קיין נוץ קען ניט ער מעהר האבען פון דער וועלט, ניט דיא וועלט פון איהם: קיין ארבייט איז פיר איהם ניט מעהר דא. ער מוז אבטרעטען זיין פלאץ פיר איננערע און קרעפטיגערע פון איהם.

וואו קומען אייגענטליך אהין אונזערע עלטערע מענשען?

שטעלט זיך א מאל אוועק פארנאכט, וואו דיא מחנות ארבייטערינען און ארבייטער שיסטען זיך וויא זאמד און ערד אחיים פון זייערע לעבעדיגע קברים. און מושטערט זיי דורך איינס ביי איינס. און זעהט, פאר א טשיקאוואש, אויב איהר וועט צווישען זיי געפינען כאטש איינעם פון הונדערט א תעכער בעטאגטען מענשען!

ווי איז דאס מעגליך, אז די מענשען, וואס האבען שוין פון זיך ארויסגעפרעסט אלע זייערע יונגע פרישע כוחות, צו שמירען פון זיי אוצרות פיר קאפיטאל און ווען זיי זאלען זיך אצינד נאך ווייטער וועלען קוועטשען, וואלט שוין פון זיי ניט מעהר זיך גענאסען אוצרות צעבערעטווייז, נאר קוים נאך געטריפט טראפענסווייז — וויא איז דאס מעגליך, עס זאל זיך לוינען קאפיטאל מיט זיי צו פערנעמען א פלאץ אזעלכען, וועלכער קען בעססער פערנומען ווערען מיט א פריש־אונטערגעוואקסענעם בלומלונגען לוין־שקלאף? דא וואו קאפיטאל קען האבען א גיסענדען קוואל, וועט ער דאך ניט פערנעהמען דעם פלאץ מיט א בלויז טריפענדען!

בעזונדערס אין „האררי אפ" אמעריקא!

אין גאנץ איירארפא טהוט זיך יעצט געוואלדען וועגען דיא אמעריקאנער קאנקורענץ. דארטען, ספעציעל אין ענגלאנד, האלטען אלע קאפיטאליסטישע צייטונגען אין איין שרייען, אז אמעריקא קען פערקויפען סחורות א סך ביליגער, וויל זי פרעסט אוים איהרע ארבייטער א סך אינטענזיווער (שטארקער) וויא אלע אנדערע לענדער. און אין ענגלאנד שרייען דיא קאפיטאליסטען צו דיא ארבייטער אז זיי וועלען זיך מוזען אבלערנען פון דיא אמעריקאנער זייער „האררי אפ סיסטעם", אז ניט וועלען דיא אמעריקאנער זיי אבנעהמען. דורך זייער ביליגע קאנקורענץ, דיא גאנצע ארבייט.

נו, עס פערשטעהט זיך, אז ווען מען יאגט פון זיך אזוי ארויס דיא נשמה מיט דיא כוחות יונגערהייט, גייהען ארויס אין איין יאהר כוחות פון 10 און מען ווערט אלט יונגערהייט און עס „האררי אפ'ט" זיך ניט מעהר

און אזוי בלייבט דער יונג־אלטער קריכער זיך שלעפען, קוים מיט צרות, צווישען דער געדרענגעניש פון יונגע כוחות, וועלכע שטופען און רייסען איהם. און ער, דער אויסגעמוטשעטער, קען ניט מעהר מיטפליהען אזוי פלינק וויא דיא יונגע רוחות, און ער „פאלט" און דיא יונגע טייוואלים, ניט האבענדיג קיין ציים זיך אבצושטעלען, „ראשען" אריבער איבער זיין גוף און ער ווערט צוטרעטען, צוריבען. און מען מוז איהם אוועקשלעפען, אז ער זאל ניט פערשטעלען דעם וועג...

וואס־זשע קען ווערען פון איהם?

* * *

דיא אידישע ארבייטער קענען היינט דאס אומגליק נאך ניט אזוי שטארק איינזעהען. דיא גרויסע אידישע עמיגראציאן אהער האט זיך ערשט אנגעפאנגען מיט א יאהר צוואנציג צוריק. און נעוויינליך האבען עמיגרירט יונגע מענשען, און זיי האבען נאך ניט אוסגיעט דא אזוי אלט צו ווערען, אז עס זאל שוין זיין זייער צייט „דערשאסען צו ווערען"...

אבער עס וועלען פארבייגייז נאך עטליכע יאהר, און דיא הונדערט־טויזענדער אידישע ארבייטער וועלען האבען „אויסגעריענט" מאסענווייז וועלען זיי אלט ווערען וואס וועט ווערען פון אזעלכע מאסען אויסגעפרעסטע ציטראנען? אויף וועלכע קופה וועלען זיי געווארפען ווערען? — — — — — —

* * *

אין דייטשלאנד האט דיא רעגיערונג איינגעפיהרט א קליינע פענסיע פיר אלטע ארבייטער. ביסמארק אליין האט געזאגט וועגען איעלכע סאציאלע געזעצע, אז מען

פארטזעצונג אן זייטע 3.

רעפערענדום האט דאס גוטגעהייסען, איז אבער די ציימונג מעהר קיינמאל ניט ערשינען.

## דער רעזערוו פאנד.

וואס בריימער דער ארבייטער רינג האט זיך פארצווייגט, וואס גרעסער עס איז געווארען זיין צאהל מיטגליעדער, אלע העכער איז געשטיגען זיין פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט.

די אויסגעגעבענע בענעפיטס אין א קווארטאל (דעמאלסט צוויי מאנאט) פלעגען צוטיילט ווערען אויף גלייכע חלקים צווישען אלע מיטגליעדער, וועלכע האבען אט די אסעסמענטס געמוזט צאהלען דעם צווייטען קווארטאל.

די אסעסמענטס, זינט דער ארדען האט זיך געגרינדעט, האבען באטראפען:

אין דעם ערשטען קווארטאל 94 סענט; אין 2טען $1.78; אין דריטען $2.05, אין 4טען $1.81. אין די ערשטע דריי קווארטאלען האבען די אסעסמענטס געשטיגען.

די בענעפיטס פלעגען אויסגעצאהלט ווערען פריהער, איידער די אסעסמענטס זיינען קאלעקטעט געווארען. האט זיך אנגעפאנגען צו פיהלען א נויטווענדיגקייט אין א רעזערוו־פאנד.

וועגען רעזערוו־פאנד איז א סך דיסקוטירט געווארען אויף די מיטינגען פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיוו קאמיטע און נאך לאנגע דיסקוסיעס און הייסע דעבאטען איז, דעם 16טען דעצעמבער, 1901, ביי איהרען א מיטינג אין 217 הענרי סטריט, באשלאסען געווארען „ארויסצושיקען קאמיטעס פון די עקז. צו אלע ברענטשעס, אז זיי, די ברענטשעס, הייסט עס, זאלען מאכען א בענעפיט צו גונסטען א רעזערוו־פאנד פאר דעם אלגעמיינעם ארבייטער רינג".*)

קיין קאמיטעס זיינען, הכנים, ניט געשיקט געווארען. עס איז אבער ארויסגעשיקט געווארען א שטארקער און איבערצייגענדער צושריפט וועגען דעם.

אין די פראטאקאלען פון ברענטשם דריי (דעצעמבער 20, 1901) לעזען מיר: „א צושריפט פון דער עקזעקוטיווע פארגעלעזען, וואו עס ווערט ערקלערט, דאס דער ארבייטער רינג, אום צו זיין פארזי־

*) פראטאקאלען פון דער נ. ע. ק.

בערט מיט אן עקזיסטענץ, מוז אומבאדינגט האבען א רעזערוו־פאנד פון פינף טויזענד דאלאר, און לייגען פאר א פלאן צו שאפען דיזע סומע דורך א ריזיגע אונטערנעהמונג. ערוועהלט צו דיזען צוועק א קאמיטע פון די פריינדע שולמאן, כאשקעס און מיכטאם, דאס זיי צוזאמען מיט די קאמיטעס פון די איבעריגע ברענטשעס זאלען אויסארבייטען פלענער פאר דיזער אונטערנעהמונג".

פון דעם פלאן צו מאכען אן אלגעמיינע אונטערנעהמונג האט זיך גאר ניט אויסגעלאזען. דער רעזערוו־פאנד איז אבער געווען וויכטיג פאר'ן עקזיסטענץ פון ארדען. זיינען געגעבען געווארען פארשידענע עצות, ווי אזוי צו שאפען דעם פאנד.

איין פלאן איז געווען צו זאמלען דעם רעזערוו פאנד דורך סובסקריבשאן ליסטען, אן אנדער פארשלאג איז געווען צו טעקסען פאר א יאהר צייט די מעמבערס מיט 10 סענט א קווארטאל. ווייטער אן אנדער פארשלאג — מיט א קוואדער א קווארטאל פאר א יאהר צייט.

ברענטש דריי, א שטייגער, האט באשלאסען, אז דער טעקס זאל זיין א קוואדער א קווארטאל און די געלדער זאלען געהאלטען ווערען אין די ברענטשעס אזוי לאנג, ביז מען וועט דארפען נעהמען דעם טשארטער.

וועגען דעם רעזערוו־פאנד האט זיך געגרינדעט א ספעציעלע קאנפערענץ, וואו עס זיינען געווען פארטראטען דעלעגאטען פון אלע ניו יארקער ברענטשעס.

די קאנפערענץ האט באשלאסען צו אראנזשירען א טעאטער אונטערנעהמונג. און יעדער ברענטש האט געמוזט זיין פאראנט־ווארטליך פאר א געוויסע סומע.

דערמיט איז אבער דאס פראבלעם פון פאנד ניט געלייזט געווארען און די גאנצע פראגע איז געשטעלט געווארען אויפ'ן טאגעס ארדנונג פון דער צווייטער קאנווענשאן.

דער פונקט האט געהייסען:

„רעזערוו־פאנד און די אונטערנעהמונגען דאפיר".

א חוץ דעם פונקט און די פראגע וועגען „דיסקוטאנט", האט די עקזעקוטיווע פארגעשלאגען נאך אנדערע פונקטען, אויסער די רוטינע באריכטען פון נ. ע. ק. און סעקרעטער, וואס זאלען שטעהן אויפ'ן טאגעס־ארדנונג:

דהיינו:

קינדער ערציהונג.

פראפאגאנדא און פארטבילדונג.

אונזער פערהעלטנים צו טרייד יוניאניזם.

צולאזען עלטערע מעמבערס מיט ספעציאל קאנטריבוציאן, שטייגענדיג אין די סומע לויט אלטער.*)

פרויען מעמבערשיפ (א) פרויען פון מעמבערס; (ב) פון פארשטארבענע מעמבערס; (ג) אונפערהייראטע און אליינשטעהענדיגע פרויען אלס מעמבערס פאר זיך.

בעערדיגונגס קאסטען פאר די פאמיליען פון פארהייראטע מעמבערס, וועלכע שרייבען אונטער, דאס זייערע פרויען זיינען ניט איינשורט.

צי מען זאל אויפנעהמען טרייד ברענטשעס, וועלכע שטעלען א באדינגונג פאר זייערע מעמבערס, דאס זיי מוזען זיך טראנספערירען צו אן אנדער ברענטש, ווען זיי געהען ארויס פון טרייד?

צי מען זאל צולאזען מעמבערס, וואס קענען ניט אויסהאלטען קיין דאקטארס עקזאמען, פון גאנצע פאראיינען, וועלכע ווען זיך אנשליסען אלס ברענטשעס.

צו דער צווייטער קאנווענשאן האט די נ. ע. ק. געשיקט צוויי דעלעגאטען (מארגאלים און סטרוגאטש) און די קאנטראל קאמיטע צוויי דעלעגאטען (לעווין און ווארשאווסקי).

# דער ערשטער געדרוקטער רעפארט צו דער קאנווענשאן.

ערב דער צווייטער קאנווענשאן האט די נ. ע. ק. ארויסגעלאזען א בראשורע: „א יאהר אין ארבייטער רינג".**)

א חוץ א פאר פראפאגאנדא ארטיקלען איז דא פאראן דער פינאנציעלער רעפארט פאר'ן לעצטען יאהר. (פון ערשטען מערץ, 1901 ביז מערץ 1, 1902).

מיר גיבען דא איבער מיט קליינע פארקירצונגען דעם ערשטען רעפארט פונ'ם ערשטען יאהר.

---

*) א מין פראטוירנאל ריוטס-סיסטעם.

**) אייגענטליך איז שוין געווען א יאהר און א האלב אין ארבייטער רינג. אבער דער ערשטער האלב יאהר איז געווען א פראוויזארישער סעקרעטער און א פראוויזארישע נאצ. עקז. קאמיטע.

# יאהרעס-בעריכט פון ארבייטער רינג.

## מערץ 1, 1901 ביז מערץ 1, 1902.

אן די דעלעגאטען צו דיא צווייטע יעהרליכע קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג.

ווערטהע פריינדע!

מיט דעם פאָרשריט פון אונזער אָרגאניזאציאָן אין דעם אָבגעלאָפענעם יאָהר קען העכסט צופריעדען זיין יעדער פריינד, וועלכער פערשטעהט נאָר צו אונטערשיידען צווישען ווינשענסווערטהעס און מעגליכעס.

אונזער פאָרטשריט.

מיר פערגעניגען קענען מיר בעגריסען דיא טהאטזאכע, דאָס אין אונזער אָרגאניזאציאָן געפינען זיך אזעלכע הייסע פריינד איהרע, אזעלכע ענטהוזיאסטען, דאָס זיי האָבען געוואונשען און געהאָפט צו זעהען דעם ארבייטער רינג'ס ברענטשעס ארויסשיסען וויא שוועמלעך נאָך א רעגען און איהם אויסוואקסען אין איין יאָהר כאָטש, ווער ווייסט, צו א צעהן טויזענד מעמבערס.

אָבער וויא ליעב עס מעג אונז זיין צו זעהען אזא ענטהוזיאזמוס, קען ער אָבער דורך איבערטרייבונג גראדע אָבשוואכען דעם מוטה און דעם צוטרויען: ווען אזא ענטהוזיאזמוס פליהט צו הויך, ערווארטענדיג דאָס אונמעגליכע, ברייגנט ער דערנאָך צו דיסאפּאָינטמענט און דיסקאָרעדזשמענט.

עס איז דעריבער נויטווענדיג דיא בעגייסטערונג צו קאָנטראָלירען דורך דיא קאלטע איינזיכט אין דיא מעגליכקייט.

און אזא איינזיכט ציינט, דאָס דער וואקסען פון ארבייטער רינג האָט אין דעם יאָהר דערגרייכט דעם העכסטען גראד פון מעגליכקייט.

דען, ערשטענס, דארף מען געדענקען, אז אן אָרגאניזאציאָן, וויא יעדע זאך, וואקסט אין פּ ר אָ פּ אָ ר צ י ע . וואָס מעהר מעמבערס, מעהר ברייגנען זיי צו נייע מעמבערס; און וואָס גרעסער דיא אָרגאניזאציאָן, מעהר הערט זיך פון איהר און מעהר מענשען זוכען זיא אויך אליין אויף, אום זיך אָנצושליסען.

און מיט דיעזער ווירקליכער מאָס געמאָסטען, איז אונזער אָרגאניזאציאָן זעהר פיין געוואקסען, דען פון 9 ברענטשעס מיט 644 מעמבערס אין מערץ 1901 איז געוואָרען 17 ברענטשעס מיט נאָהענט טויזענד מעמבערס אין מערץ 1902.

דאָס איז א וואקסטהום פון איבער 45 פּראָצענט. ווירקליך, מיר קענען זיך דערמיט גראטולירען!

מיר קענען זיך דערמיט גראטולירען, אפילו ווען מיר בעטראכטען נים דיא שווערינקייטען אין וואקסען, וואָס דער ארבייטער רינג האָט פיעל מעהר, וויא אנדערע אָרדענס, אפילו ווען מען זאָל איהם קענען מעסטען מיט דיא מאָס פון אנדערע אָרדענס, שטייגט ער אויך זיי וויים, וויים איבער אין פאָרטשריט.

אונזערע שוועריגקייטען.

אונזערע אָרגאניזאטאָרישע ערפאהרונגען אין דעם פערגאנגענעם יאָהר האָבען אונז געצייגט, דאָס מיר האָבען פאָלגענדע שוועריגקייטען, וועל־כע שטערען אונז אין וואקסען:

ערשטענס. דיזעלבע שוועריגקייטען וואָס אונזערע פּרינציפּען הייבען איבערהויפּט אָן פערשפּרייטען זיך.

אלע אָרדענס האָבען א „ריטוס"; אָבער עס איז דאָך בעקאנט, וויא ווייניג זיי אכטען, אז דיא מעמבערס זאָלען ווירקליך זיין איבערצייגט אין די „פּרינציפּען" פון דעם ריטוס און האנדלען נאָך זיי. עס איז ביי זיי נאָר א פאָרמאליטעט. כמעט אלע פאָרדערען זיי, צום ביישפּיעל, אז די מעמבערס זאָלען גלויבען אין א „סופרים ביאינג" (א מינימום „גאָט"...), אָבער מיר ווייסען דאָך, וויפיעל אויסגעשפּראָכענע אטהע־איסטען עס בעלאנגען צו זיי.

ביי אונז אָבער שפּיעלט מען זיך נים מיט אונזער פּרינציפּ. מען מיינט עס ביטטער ערנסט מיט איהם!

א בעדייטענדע צאָהל קאנדידאטען פון נייע בראנטשעס האָט אייער גענעראל סעקרעטער צוריקגעוויזען, נאָכדעם וויא זיי האָבען שוין זאָ־גאר געהאט געאנטוואָרטעט „יא" אויף אונזערע פּרינציפּ־פראגען: דיזע קאנדידאַטען האָבען פריהער געמיינט, אז דאָס איז נאָר א פאָרמע, וויא דער „ריטוס" אין אנדערע אָרדענס. אָבער וויא דער סעקרעטער האָט דער־נאָך ערקלערט, אז מיר שפּאַסען נים און אז מיר וועלען ווירקליך נים דולדען אין אונזערע רייהען אזעלכע, וועלכע וועלען אונטערשטיצען קאפּיטאליסטישע פּארטייען אָדער סקעבען, האָבען זיי זיך צוריקגעצ־צויגען.

און דאָס פּובליקום אין אלגעמיין ווערט דאָס געוואָהר, און ווי געוויינליך ווערט דאָס אין דער איינבילדונג פון עולם נאָך שטארק אי־בערטריעבען, מען רעדט זיך גאָר איין, אז ווער עס וויל ארייַן אין אר־בייטער רינג, מוז זיין טיעף בע'הבי'נט אין סאָציאליזמוס און איבער־הויפּט מוז ער ווערען אן אפּיקורס ר"ל. יא, אזוי איז דיא איינבילדונג! דאָס האָבען מיר אויסגעפונען אין דעם יאָהר ארבייט.

נו, פערשטייט זיך דאָך, אז דורך דעם איז אונזער אָרגאניזאציאָן

ניט לייכטער צו וואקסען, וויא, צום ביישפיעל דיא סאָציאליסטישע שטי־מען אליין, וויא דיא פרייע געדאנקען אין אלגעמיין.

און דורך דעם איז שווער אריינצוקריגען אפילו מאנכע פאָרטגע־שריטענע פעראיינען.

איין גרויסער און בעדייטענדער פעראיין*), צום ביישפיעל, וועלכער בעשטייט כמעט בלויז פון סאָציאליסטען, האָט אונז, אויף אונזער אויפ־פאָדערונג זיך אן אונז אָנצושליסען, געענטפערט, דאָס זייער קאָנסטי־טוציאָן זאָגט אויסדריקליך, אז דער פעראיין טאָר גאָר ניט האָבען דאגע־גען, ווען זיינע מעמבערס האָבען וועלכע פאָליטישע אָדער רעליגיעזע גלויבענסבעקענטניס זיי ווילען, ווייל איבער אזעלכע זאַכען צוקריגט מען זיך, און זיי ווילען זיין „איניג“...

אין אן אנדערען גרויסען פעראיין, וועלכע בעשטייט אויך כמעט פון בלויז סאָציאליססטען, האָט מען אונז געענטפערט, אז אן אונטערשטי־צונגס פעראיין איז פיר ביזנעס, ניט פיר „רוחניות“..

אין נאָך אן אַנדער פעראיין (אין נוארק) האָט מען אייער סעקרעטער געפרעגט, אויב מיר וואָלטען אויפגענומען „גוים“ אלס מעמבערס און אויב מיר וואָלטען זיי געגעבען פלאטץ אויף אונזער קרקע? אויף דיא אנטוואָרט פון סעקרעטער, דאָס אָבוואָהל אויף אונזערע קרקעות וועלען דאָס פיליכט די סעמעטערי־קאָמפאניעס ניט דערלאָזען, וואָלטען אָבער מיר„ אין פרינציפ, ניט געהאט דעגעגען, — האָבען זיי ערקלערט, אז פאר זייער מאיאָריטעט מאכט דאָס פיליכט אויך ניט אויס, אָבער זיי האָבען צווישען זיך מעמבערס וועלכע וואָלטען זיך גע'שמד'ט פיר קו־מען צו קבר ישראל. און זיי קענען דיעזע מעמבערס ניט אין שטיך לאָ־זען און זיך אָנשליסען אָן ארבייטער רינג אָהן זיי.

אן אנדער שוועריגקייט צו אונזער וואקסען זיינען געוויסע אינער־ליכע אנגעלעגענהייטען, (וועלכע דער אונטערצייכענטער וועט ערקלעהרען מינדליך).

נאָך א גרויסע שוועריגקייט איז דער פאקט, דאָס נאָך דער נאטור פון אונזער פרינציפיעלען כאראקטער קענען מיר הויפטזעכליך נאָר רע־כענען אויף ארבייטער אלס מעמבערס; (מיר רופען זיך דאָך אויך ווירק־ליך „א ר ב י י ט ע ר ר י נ ג“ ;) און מיט אידישע ארבייטער אין אזוי: די וואָס קענען אָפשפאָרען די היבשע עטליכע דאָלאר, וואָס עס

*) דאָ מיינט דער שרייבער דעם „אינטערנאציאָנאלען ארב. אונט. פעראיין, מיט וועלכע דיא עקז. האָט געפיהרט פארהאנדלונגען, ער זאָל זיך אָנשליסען אָן דעם ארבייטער רינג. — א. ש. ז.

דארף קאָסטען אריינצוגעהן אין א לאדזש, האָבען דאָס געוועהנליך שוין לאנג גֶעטהאָן, און עס איז זעהר שווער צו געפינען אפילו אונטער אונזע־רע סימפאטהייזערס אזעלכע פּרינציפּיעלע ענטהוזיאסטען, וועלכע זאָלען זיין צופריעדען צו פערלירען אלע פּריווילעגיען אין זייער לאדזש, פיר וועלכע זיי האָבען טייער בעצאָהלט, און ערשט גיין ווערען א בייער מעמ־בער אין ארבייטער רינג; צאָהלען איןביידע קען ניט אן אָרימער אידי־שער ארבייטער. און וועלכע אידישע ארבייטער זיינען נאָך ניט קיין מעמבערס אין קיין לאדזש אָדער סאָסייעטיס? געוועהנליך ענטוועדער זעהר נאכלעסיגע אָדער זעהר אָרימע, וואָס איז זיי זעהר שווער אָפּצו־שפּאָרען דיא עטליכע דאָלאר און אויף איין מאָהל (אזעלכע זיינען לייי־דער פיליכט 90 פּראָצענט פון דיא אידישע ארבייטער), נון, דיא נאכ־לעסיגע איז עבען ניט לייכט אויפצורימטלען, און די אָרימע קומט לייי־דער זעהר שווער אָן צו קריגען אפילו דיא קלענערע סומע, וואָס מען דארף אום אין ארבייטער רינג אריינצוגיין.

א גאנצע גרויסע סאָסייעטי פון יונגע געזינגונגס־געגנאָסען האָט זיך געמוזט ענטזאגען אָנצונעהמען אונזער איינלאדונג, זיך אָנצושליסען אלס ברענטש פון ארבייטער רינג צוליעב דעם, וואָס פיעלע פון איהרע מעמ־בערס האָבען עס געפונען זעהר שווער צו קענען ספּענדען דיא דריי־ פיער דאָלאר.

דיעזע אלע שוועריגקייטען (און נאָך אנדערע, וועלכע איך וועל אייך ערקלערען מינדליך) זיינען ניטאָ אין וועג פון אנדערע לאדזשען און אָרדענס.

און דאָך האָבען מיר געוואקסען אין אזוי פיעל א גרעסערע פּראָ־פּאָרציע.

מיר קענען אלזאָ מיט אונזער פּאָרטשריט העכסט צופריעדען זיין! אונזערע פּאָרטהיילע.

די אורזאכע, ווארום מיר האָבען געקענט דיא אלע שוועריגקייטען איבערקומען און אזוי ערפאָלגרייך וואקסען, זיינען — אונזערע מעלות

די הויפּט מעלה אונזערע איז דאָס צ ו ט ר ו י ע ן , וואָס מיר געניסען ביים אויפגעקלערטען טהייל פון עולם איבער אָנדערע אונטער־שטיצונגס־אָרגאַניזאַציאָנען.

יעדער, ווער עס ווייס נאָר עטוואָס, ווייסט, אז דער ארבייטער רינג ווערט געפיהרט עהרליך און אז ביי אים זיינען ניטאָ אזעלכע, וואָס ריי־בען זיך אָן דיא פעטע שיסעל...

אין אלע לאדזשען זיינען מעמבערס דיסגאָסטעט מיט דיא גרויסע אויסגאבען אויף אלערליי נאָנסענס. און מען ווייסט זעהר גוט, אז דאָ, וואו ערגעבענע סאָציאליסטען זיינען די פערוואלטער, קען אזעלכעס ניט

פּאַרקומען. מען ווייסט, אז זיי זיינען ניט פון די פּראַקטישע ביזנעס־וועלט, וואו מען קען נאָר איין איינציגער מאָס צו מעסטען אלצדינג אין דער וועלט, נעמליך דיא, וואָס ליגט אין דיא ווערטער: „וואָס וועל איך האָבען דערפון?"

אָט געפין איך, צום ביישפיעל, אין דעם פינאנץ־בעריכט פון איין גרויסען אָרדען א הוצאה, „רייזע־קאָסטען פיר ברודער זאָ־און־זאָ נאָך באלטימאָרע, 35.00 דאָלאר. דער ארבייטער רינג האָט אויך געהאט אזא הוצאה, רייזע קאָסטען נאָך באלטימאָרע, האָט זיא בעטראָפען — 10 דאָ־לאר.

איך האָב אויסגערעכענט, לויט דעם געדרוקטען בעריכט פון דעם אינדעפּענדענט אָרדען „פּרי סאָנס אָוו דזשודע", אז אין איהם פאלט אויף יעדען מעמבער איבער צוויי דאָלאר א יאָהר אויף די קאָסטען פון דזשענעראל אָפיס אליין, ניט רעכענענדיג קיין שום בענעפיט. און אין ארבייטער רינג איז אין דעם אָפּגעלאָפענעם יאָהר אויסגעגעבען געוואָ־רען אויף דעם דזשענעראל אָפיס 1156.07 דאָלאר אויף א מעמבערשיפּ פון ארום טויזענד. דאָס מאכט עטוואָס איבער איין דאָלאר אויפ'ן מעמ־בער. און פערגעסט ניט, ווען מיר וועלען האָבען אזוי פיעל מעמבערס וויא יענער אָרדען, ארום 6000, וועט אויך אונזער גענעראל אָפיס נאָך קאָסטען פערהעלטניסמעסיג זעהר ווייניג מעהר וויא היינט, און דאן וועט עס אויסמאכען העכסטענס, ווען א סך, 50 סענט א יאָהר פון מעמ־בער. פערגלייכט דאָס מיט צוויי דאָלאר, און איהר וועט איינזעהן, וואָ־רום אויפגעקלערטע מענשען האָבען בעזאָנדערס צוטרויען צו אונזער אָר־גאניזאציאָן.

איך מיין דאָ דערמיט אבזאָלוט ניט צו שטעלען אונזער עהרליכ־קייט געגען דיא עהרליכקייט פון די הערען פערוואלטער פון אנדערע אָרדענס. איך נעהם אָן, אז עהרליך זיינען יענע הערען; אָבער עס ווענדעט זיך אָן דעם פּרינציפּ: אין אנדערע לאָדזשען ארבייט מען נאָך דעם פּרינ־ציפּ פון דיא וועלט, וואו יעדער, א חוץ דער ארביימער, לאָזט זיך זעהר פיין בעצאָהלען פאר זיינע דיענסטע; אין ארבייטער רינג אָבער אר־בייט מען נאָך דעם פּרינציפּ, וועלכער וויל, אז גראדע דער ארבייטער זאָל גוט בעצאָהלט ווערען, אנדערע דיענסטע אָבער איז מען ביי אונז גע־וואָהנט צו לייסטען לטובת הכלל — א זאך, וואָס אין אנדערע קרייזען קען מען דאָס גאָר ניט בעגרייפען און גלויבען! אונזערע קאָמיטעס אר־בייטען אומזיסט, זיצען האלבע נעכט און מיטען אומזיסט, לויפען ארום אין זייערע פרייע טעג פיר דער פעראיין אומזיסט; ווען זיי האָבען ער־געץ צו פאָהרען, רעכענען זיי אבזאָלוט ניט מעהר וויא געניי זייער קאָר־

פעיר. בעאמטע האָבען מיר ניט א האלבען מעהר וויא אונבעדינגט נויטיג, און מיט א זעהר מעסיגען געהאלט.

אין דעם דערמאָנטען אָרדען (איך נעהם דעם, ווייל ער איז אויך נאָך א קליינער) קאָסט יעדען מעמבער ארום א דאָלאר א יאָהר אויף געהאלט פיר בעאמטע( סעקרעטער 3,550 דאָל.; גרענד מעסענדזשער 793 דאָל און גרענד מאסטער 1,500 דאָל. מעמבערס ארום 6000). און א חוץ דעם רעכענען זיי ארום 4000 דאָלאר אָרגאניזאציאָנס עקספענסעס! ביי אונז האָט פאָריגעס יאָהר די 983 מעמבערס געקאָסט 685.00 דאָל. געהאלט פיר אָפיס ארבייט מיט אלע אָרגאניזאציאָנס טהעטיגקייטען! און אימער געדענקט, אז וויי‌ניג מעמבערס קאָסט אין פערהעלטניס מעהר פון מעמבער, וויא א סך. מיר קענען און וועלען לייכט זעקס מאָל אזוי פיעל מעמבערס מענעדזשען פיר העכסטענס צוויי מאָל אזוי פיעל געהאלט.

און אויך די בענעפיטס אונזערע פאלען לייכטער אויף אונזערע מעמבערס, וויא אין אנדערע אָרדענס, ווייל אונזערע מעמבערס בעטראכטען ניט דעם ארבייטער רינג פיר א מעלקעדיגע קוה, פון וועלכע מען דארף זעהען ארויסצופרעסען וואָס מעהר. ביי אונז „סאָקט“ מען ניט. דיא מעמבערס פיהלען זיך ניט צום ארבייטער רינג וויא צו א ביזנעס פירמא, נאָר וויא צו א פעראיין פון זייערע פריינד און חברים!

און דער אויפגעקלערטער עולם ווייסט דאָס אלעס און דאָס איז אונזער אדוואנטיידזש. דאָס וועט אונז געוויס פיהרען אויף דעם וועג פון פאָרטשריט, טראָץ אלע שוועריגקייטען. לאָמיר נאָר איבערקומען „דעם כל התחלות קשות“.

אונזער פינאַנס-בעריכט איז נאָך ניט אזוי ספּעציפיצירט וויא אין אנדערע אָרדענס. מיר פיהרען דערווייל אלע פאָנדס צוזאמען. און לויט דעם וועט אויך זיין אונזער בעריכט.

דער קעש בעלענס-שיט בעטרעפט נאָר דיא קעש איינגאהמע און אויסגאבען אין דזשענעראל אָפיס, א גאנץ גרויסער טהייל פון די אסעסמענטס, וואָס די ברענטשעס האָבען געהאט צו צאָהלען, איז זיי אָבגערעכענט געוואָרען פאר דיא דזשענעראל בענעפיטס, וואָס זיי האָבען פריהער געהאט אויסגעצאָהלט, און דאָס איז אין קעש-בעלענס שיט ניט אריינגערעכענט.

## צאָהל פון מיטגליעדער

### I

בּאָריכטעט ביז צום ערשטען מערץ, 1901......................644

נייע מעמבערס דעם יאָהר....................................561

1205

אויסגעשלאָסען ........................ 221
געשטאָרבען ........................ 4
רעזיגנירט ........................ 10

235

בלייבט מעמבערס רעפּאָרטעט ביז מערץ 1902 ................970
מעמבערס איינגעטרעטען אין ברענטשעס ביז דיטטאָ
אָבער שפּעטער רעפּאָרטעט ........................13

983 טאָטאל

צוטיילט ווי פאָלגט:
בר. 1—181; בר. 2—106; בר. 3—115; בר. 4—87;
בר. 5—60; בר. 6—31; בר. 7—49; בר. 8—87;
בר. 9—31; בר. 10—22; בר. 11—44; בר. 12—37;
בר. 13—49; בר. 15—54; בר. 16—33; בר. 17—19;
בר. 18—24.—מעמבערס עט לאַרדזש 4.

# II

## קעש באלאנס-שיט (פון דער עקזעקוטיווע)

### א) איינגאַהמע:

קעש אן הענד 1. מערץ 1901........................ $ 912.22
פיר 561 נייע מעמבערס צו 3 ד........................1683.00
אסעסמענטס און פיר סעמעטערי (אויסער וואָס איז אָבגערעכענט געוואָרען פיר בענעפיטס, וואָס די ברענטשעס האָבען באַצאָהלט אויפ'ן רעכנונג פון גענ. אָפּיס): ..........2733.87
פיר קרקע פערקויפט פיר ניט מעמבערס..................110.00
פערשידענעס ........................3.44
פיר מצבות ........................75.00ח

גרענד טאָטאל ........................$5517.53

### ב) אויסגאַבען:

1) אדמיניסטראַטיווע (גענעראל אָפּיס):
געהאַלט ........................$685.00
דרוקזאַכען ........................120.55
רענט ........................96.00
קאָנווענשאָן 1901 ........................57.76
לאָיער ........................85.00
קאַר פער ........................33.70
סטיישיאָנערי און ראָבבער סטעמפּס..........9.95
פּאָסטעדזש ........................19.71

העקטאָגראַפען און אָנפּיללען ... 5.25
אַדווערטייזמענטס, האָלל רענט, סיינס א. ז. וו. ... 24.25
קאָנטריבוציאָן צו ארבייטער קאָנפערענץ ... .75
פאַרניטשור ... 15.15 $1153.07

2) אינסטאָלמענט פיר קרקע ... 68.00
3) אויסגעלייגט פיר'ן רעזערוו פאָנד קאָמיטע ... 56.75
4) צוריקגעגעבען צו ברענטשעס:
פיר 561 נייע מעמבערס (צו 1 ד.) ... 561.00
אויף רעכענונג פון בענעפיטס:
בר. 2, $46.58; בר. 3, $100.00; בר. 4, $62.50
בר. 5, $54.00; בר. 6, $229.50; בר. 7, $18.00;
בר. 8, $51.00; בר. 13, $50.00; בר. 15, $6.00 ... 617.58

5) טויטען-בענעפיטס:
פיר פרוי סמעלסאָן (בר. 2) ... $200.00
פיר פרוי מאשינסקי (בר. 4) ... 200.00
פיר פר. לעווין (בר. 3) ... 400.00
פיר פר. מאגידסאָן (בר. 1) ... 400.00
פיר פרוי אראָנסאָן (בר. 1) ... 200.00
פיר פרוי שפיגעלגלאַס (בר. 1) ... 200.00 $1600.00

6) בענעפיטס אויסגעצאָהלט דורך די עקזעקוטיווע:
קראַנקען-בענעפיט ... 36.00
1) קעש אן הענד, 1. מערץ, 1901, דעפּאָזיט פון מעמבערס:
פיונעראַל-עקספענדיטשורס ... 58.10 94.10
7) פערשידענעס ... 3.00

טאָטאַל ... 4153.50
בלייבט אן הענד ... 1364.03

**גרענד** טאָטאַל ... $5517.53

# III

## רעסאָורסעס ענד לייעביליטיעס

### (א איינגאהמע:

ביי די **עקזעקוטיווע** $912.22
ביי די ברענטשעס 290.40
$1206.62

2) פיר 561 נייע מעמבערס ... 1683.00
3) אסעסמענטס פיר דעם לעצטען קוואַרטאל פאַריגען יאָהר ... 901.08
4) רעגעלער אסעסמענטס פיר דיזם (3 קוואַרטאַלען) ... 3880.53
5) ספּעציעל אסעסמענט (צו דעקען דעפיציט) ... 238.50
5) ספּעציעלע אסעסמענטס (צו דעקען דעפיציט) ... 238.50
6) פיר קרקע און מצבות:
א פיר קרקע פארקויפט צו פרעמדע ... 130.00

ב  דיום פון מעמבערם .....................486.25
ג  פיר מצבות .............................137.00  753.25

7) באלאנס ברענטש 5 .................................. 18.54

---

גרענד טאָטאל ................................ $8681.52

## (ב אויסגאַבען:

1, 2, 7) צו 235 געשטראָכענע און רעזיגנירטע מעמבערס*.... $ 665.00

3) צוויי טויטען־בענעפיטע פיר פרויען (פון לעצטען יאָהר)**.400.00

4) בענעפיטע און אויסגאַבען פון 3 קווארטאלען דיזען יאָהר:

א  אדמיניסטראַטיווע*** .....................$893.99
ב  קראנקען־בענעפיט ..........................1326.00
ג  באַערדיגונגס־קאָסטען ......................294.91
ד  ענדאָומענטס:
צו בר. 1, $800.00; בר. 3, $400.00..........1200.00

---

3714.90

6) פיר קרקע און מצבות:

א  א טויער ..........................$235.05
ב  מצבות ..............................150.00
ד  לויה פיר א ניט־מעמבער, געקויפט קרקע...25.00  478.05

---

טאָטאל אויסגאַבען )פיר די רעספּ. שוין געטעקסט)...5257.95
קעש אין הענד און רעסאָורסעס )זעה ליסט 4)......3423.57

---

גרענד טאָטאל ..................................$8681.52

# IV

## גענעראל באלאנס־שיט

### 1. רעסאורסעס:

1) קעש אין הענד (עקז. $1364.03 ברענטשעס פיר 970 מעמבערס 970 ד.) ...............................$2334.03

2) אויסגעגעבען, אדמיניסטראַטיוו, 4טען קוואַרטאַל*)......315.99

---

*) 40 דאל. פיר 20 מעמבערס פון בר. 14 איז געבליבען ביי עקז.

**) אויך האָבען די אסעסמענטס פיר דעם לעצטען קוואַרטאַל פון פאַריגען יאָהר (וועלכע זיינען קאָלעקטירט געוואָרען היינטיגען יאָהר) געמוזט דעקען $482.88 אַנדערע בענעפיטס, וואָס זיינען אויסגעגעבען און באַריכטעט געוואָרען פאַריגעס יאָהר.

***) איינבעגריפען $23.81 קאַר־פער אויסגעלייגט ביי די ברענטשעס.

*) אין דעם איינבעגריפען $33.10 אויסגעגעבען דורך די עקזעקוטיווע אויף א לויה פון א צוגערייזטע פרוי פון אן אויסווערטיגען מעמבער. די בײדע סומען („2“ און „3“) וועלען איינגענומען ווערען אין אסעס־מענטס דעם ערשטען קוואַרטאַל פון נייעם יאָהר.

3) אן אקקאונט, בענעפיטס פון 4טען קווארטאל............92.50
4) אויסגעליינט פיר רעזערוו פאנד קאמ.....................56.75
5) באלאנס געקומען פון ברענטשעס אם 1טען מערץ........624.30

טאטאל .......................................$3423.57

## 2. לייעביליטיעס:

1) פיר 970 מעמבערס צו 3 דאל............................$2910.00
2) צום סעמעטערי פאנד )מעהר איינגאהמע ווי אויסגאבען)..259.90

טאטאל .......................................$3169.90
איבערפלוס ......................................253.67

גרענד טאטאל ...................................$3423.57

## ב. פייגענבוים, גענעראל סעקרעטער.

פון דעם פראפאגאנדא מאטעריאל אין דער בראשורע איז ניט איבעריג איבערצוגעבען מיט קליינע פארקירצונגען דעם צווייטען טייל פון ערשטען ארטיקעל: „דער ארבייטער רינג און זיין אויפגאבע“.

נאכדעם, ווי דער ארטיקעל גיט איבער די געשיכטע פון ארבייטער רינג און די בענעפיטס, וועלכע ער צאהלט אויס, ווי דאס, וויפיעל עס קאסט א מעמבער צו באלאנגען צום ארדען, רעדט דער פארפאסער פון ארטיקעל (פייגענבוים) איבער דעם ארבייטער רינג'ס אויפגאבע און זיין אידעאל:

דיא מעמבערס פון ארבייטער רינג זיינען אבער ניט צופריעדען דערמיט, וואס זייער סאסייעטי בעזארגט זיי, זיי זאלען אנשטענדיג שטארבען: זיי ווילען דער עיקר אנשטענדיג לעבען, און זיי ווילען צו דעם בענוצען זייער אחדות אין דעם ארבייטער רינג.

זיי זיינען אויך ניט צופריעדען מיט א סאסייטי, וואס גיט זיי עטליבע דאלאר א וואך, ווען זיי זיינען קראנק: זיי ווילען זיך דער עיקר העלפען, דורך זייער אחדות אין איהר, אז זיי זאלען קענען זיין בעווארענט פון קראנקהייטען, און זיין געזונד — געזונד אין קערפער און אין גייסט!

און איז עס דען גאר ניט מעגליך, אז דיא ארבייטער זאלען קענען לעבען אנשטענדיג און זיין געזונד אין קערפער און גייסט?

דער ארבייטער רינג ווייסט גאנץ גוט, אז אליין, אלס אונטערשטיצונגס פעראיין קען ער ניט ווערען דיא מאכט פון די ארבייטער, וואס זיי מוזען זיך אויסבויען, אז זיי זאלען אויספיהרען דיא גרויסע איבער־

קעהרעגישען. זיי מוזען ווערען דערצו די מאכט אין דעם הארץ פון דעם געזעלשאפטס־לעבען, — אין דער פּאָליטיק. דאָרט איז עס, וואו דאָס גאנצע געזעלשאפטס־לעבען ווערט רעגולירט, און דאָרט מוז דיא מאכט פון דיא ארבייטער אריינקריכען.

אָבער דער ארבייטער רינג וויל בענוצען דיא געלעגענהייט, וואָס דיא ארבייטער זיינען אין איהם פּעראייניגט צוליעב אונטערשטיצונג, און וויל זיי אין זיך אויך צוזאמענבינדען אין אחדות, אלס ברידער, אמת׳ע ברידער — ניט נאָר בלויז „ברידער“ אין אונטערשטיצונג, נאָר דער עיקר אלס ברידער־ארבייטער אין קאמפף געגען זייער אלעמענס בערויבערס, און אלס ברידער אין דעם היילינגען שטרעבען צו ברייגגען פיר דיא גאנצע וועלט אן אָרדנונג פון אמת׳ע ברידערליכקייט, אָהן שנאה, אָהן קנאה, אָהן רייסעריי, אָהן ניט־פערגינען — אן אָרדנונג פון אמת, רעכט, גלייכהייט און גליק און פריעדען פיר אלע!

מיר ווילען זיך אין ארבייטער רינג א ו י ס ב י ל ד ע ן אין דיעזע קאַמפף־ברידערליכקייט, דורך פּראַקטישע האַנדלונגען אזוי גוט וויא דורך בעלעהרונג און אויפקלערונג.

אין אלע אונטערשטיצונגס־סאָסייטיס רופען זיך דיא מעמבערס כלומרשט „ברידער“. אמת איז, אז דער אונטערשטיצונגס־פּלאן פון דיא סאָסייעטיס איז טאקי א קליינער מוסטער פון דיא גרויסע ברידערליכקייט, וואָס דיא ארבייטער־קלאסע וועט איינפיהרען אין דיא גאנצע וועלט.

דען ביי דעם אלגעמיינעם אונטערשטיצונגס פּלאן פון דיא סאָסייעטיס קוקט מען שוין ניט יעדער פיר זיך, נאָר אלע פיר אלע.

יעדער גיט צושטייער אין פעראיינס־שותפות אריין זיין חלק און קריעגט ארויס פון שותפות דיא אונטערשטיצונג, וואָס ער דארף

ווען דאָס גאנצע פאָלק וועט זיין אזא אונטערשטיצונגס־סאָסייעטי, אָבער ניט נאָר פיר קראנקען־אונטערשטיצונג, נאָר פיר ברויט און קליידער און וואָהנונג און אלצדינג, וועט זיין דיא נייע פרייע אָרדנונג, צו וואָס דיא ארבייטער שטרעבען — דער סאָציאליזמוס

אָבער דיא געוועהנליכע אונטערשטיצונגס־סאָסייעטיס דענקען גאָר ניט פון דעם, אז זייער טהוי־לעפעלע „ברידערליכקייט“ אין דער סאָסייטי זאָל זיך אויסברייטען אין דער ווירקליכער וועלט. אונטער דיא פיער ווענד פון דער סאָסייעטי רעדען זיי פון „ברידערליכקייט“ און אין דער גאנצער מעכטיגער ווירקליכער וועלט פערשטארקען זיי נאָך דיא אָרדנונג, פון רשעות און כאפּ־לאפּ און רייס־בייס, — דיא אָרדנונג, פון א מלכות ביי איינעם, וואָס קומט פון דעם שרעקליכען דלות

ביי טוויזענדער. דעריבער איז זייער רופען זיך „ברודער", „ברודער" ניט מעהר וויא א פורים־שפיעל. עס איז דיא ברודערשאפט פון קין מיט הבל'ן...

ניט אזוי אָבער איז דער ארבייטער רינג!

דער ארבייטער רינג וויל, אז דער דאָזיגער פלאן פון זיך ברידער־ליך אונטערשטיצען איינע דיא אנדערע, פון קאָאָפּעראטיווען פערזאַרגען זיך, איינער פיר אלע און אלע פיר איינעם, — דער פלאן, נאָך וועלכען עס פיהרט זיך יעדער אונטערשטיצונגס־פעראיין — אז דער דאָזיגער פלאן, ווילען מיר, זאָל ניט בלייבען בלויז אונטער דיא פיער וועגט פון דער סאָסייעטי, און ניט נאָר אליין פיר קראנקען אונטערשטיצונג, — נאָר דאָס זאָל ביי אונז זיין א קליינע זריעה, איינגעפלאנצט אויף א פרוכטבארען באָדען, פון וואַנען ארויס דיעזער פלאַן פון ברידערליכע געגענזייטיגע פערזאָרגונג זאָל זיך פונאנדערוואקסען איבער דיא גאנצע מענשליכע געזעלשאפט און פערשפרייטען זיינע צווייגען איבער אלע בעדירפניסע פון דיא מענשען.

ווען דאָס וועט זיין — און עס מוז און וועט היינט קומען דערצו — עס פעהלט נאָר דיא ארבייטער־קלאסע זאָל קריגען דיא מאכט אויף דער וועלט! אלזאָ, ווען דאָס וועט זיין, וועט יעדער זיין בעזאָרגט ניט נאָר מיט אן אנשטענדיגע לויה נאָכ'ן טויט, נאָר דער עיקר מיט אן אנשטענדי־גע עקזיסטענץ ביים לעבען.

ניט נאָר מיט א קרקע בעגראָבען צו ווערען, נאָר דער עיקר מיט א שעהנע פיינע וואהנונג בעקוועם צו לעבען.

ניט נאָר מיט עטליכע דאָלאר א וואָך ווען ער וועט זיין קראנק נאָר מיט א געזונדען לעבען, אז מען זאָל זעהר זעלטען זיין קראנק.

אין אין דעם אלעם וויל דער ארבייטער רינג צוהעלפען:

ער וויל העלפען דיא טרייד יוניאָנס אין זייערע קעמפפע.

ער וויל צוהעלפען צו יעדע וויכטיגע פראָגרעסיווע סאָציאל־רע־פאָרם, וועלכע דיא ארבייטער ווילען מיט זייער מאכט דורכפיהרען.

מיט איין וואָרט:

דער אידעאל פון ארבייטער רינג איז דער אידעאל פון טאקי אמת'ע גלייכהייט און ברידערליכקייט פון אלע מענשען.

אונזער גלויבען איז, אז יעדער מענש האָט א רעכט, גלייך מיט אלע, צו לעבען גליקליך און צו ווערען ברידערליך בעהאנדעלט.

קיינער קען ניט און טאָר ניט גליקליך זיין, ווען אנדערע זיינען אומגליקליך.

אָבער דאָס קען ניט פריהער גילטען אין דער וועלט, ביז דיא ארביי־

טער־קלאסע וועט ניט קריעגען דיא מאכט און אָבשאפען דיא היינטיגע אָרדנונג פון כאַפּ־לאַפּ און רייס־בייס און איינפיהרען דיא נייע אָרד־נונג פון גליק און גלייכהייט פיר אלע, פון יושר און אלגעמיינע ברוי־דערליכקייט.

דאָס איז דער אידעאל און דיא אויפגאבע פון ארבייטער רינג.

## די צווייטע קאָנווענשאָן.

די צווייטע קאָנוועגשאָן פון ארבייטער רינג האָט זיך געעפענט דעם 8טען מאַי 1902, אין 114 גרענד סטריט.

אָט איז דער באריכט פון דער קאָנוועגשאָן, ווי ער איז געווען געדרוקט אין דער פרעסע:

קאָנוועגשאָן פון ארבייטער רינג

דיא אכטונג, וואָס דער ארבייטער רינג געניסט ביים פובליקום, האָט זיך פרייטאָג אבענד ארויסגעוויזען דורך דעם מאסענהאפטען בעזוך ביי דער עפענונג פון דער קאָנוועגשאָן אין 414 גרענד סטריט.

דער האָל, דער בעזוך, דיא רעדען און דאָס פובליקום — אלעס האָט געמאכט דעם איינדרוק וויא ביי א בעגייסטערטע קאָנוועגשאָן פון דער ארבייטער בעוועגונג.

דער האָל איז דעקאָרירט וויא ביי א סאָציאליסטישען קאָנגרעס. רוי־טע פאָהנען ציהען זיך אין אלע זייטען איבערן זאאל, בילדער פון קארל מארקס הענגען עטליכע, אויסער בילדער פון לאַסאַל און ענגעלס, צוויי גרויסע רויטע פאָהנען און סאָציאליסטישע אויפשריפטען...

דער מאנהעטען מוזיקאל קלוב, אונטער די לייטונג פון פריינד פי־דעלמאַן, האָט ערעפענט דעם אבענד אונענטגעלטליך מיט אייניגע מוזיק שטיקער, דערונטער די מארסעליעזע. דיא עפענונגס־רעדען פון די געגאָ־סען פייגענבוים, ראָזענצווייג און באראָנדעס זיינען זעהר ווארים אויפ־גענומען געוואָרען.

אלס טעמפּארערי טשערמאן איז ערוויילט געוואָרען פריינד סמיטה, וויים־טשערמאן, פריינד עלקין פון הארטפארד און אלס סעקרעטער פריינד י. אדלער.

א בעגריסונגס־בריעף איז פאָרגעלעזען געוואָרען פון גענאָסע אב. קאהאן, אין וועלכען ער ענטשולדיגט זיך פיר ניט קענען אנוועזענד זיין. בעגריסונגס־טעלעגראמען און צושריפטען זיינען אָנגעקומען פון פאָל־גענדע אָרגאניזאציאָנען: „צוקונפט" פרעס פעדעריישאָן, בראַנטש 13 פעטערסאָן, בראַנטש 12 פילאדעלפיא, בראַנטש 18 גלאָווערסוויל, בראַנטש 15 הארטפאָרד און פון די ליידיעס בראַנטש נומער 1, ניו יאָרק.

דער נאציאָנאל סעקרעטער, פריינד פייגענבוים גיט דאן אָפּ זיין יעהרליכען רעפּאָרט. אויסגעהערט און ווערט אָבגעלייגט ביז די קאָנט־ראָל קאָמיטע וועט געבען איהר בעריכט.

דאן איז דער בעריכט פון נאצ. סעק. ב. פייגענבוים נאָך א לענגערע דעבאטע גוטגעהייסען געוואָרען.

די קאָנטראָל קאָמיטע גיט אָב איהר רעפּאָרט, וועלכער ווערט גוט־גע־הייסען. די קאָנווענשאָן שפּרעכט דאן אויס איהר הערצליכסטען דאנק צו די קאָנטראָל און עקזעקוטיוו קאָמיטעס — פאר זייער אר־בייט.

דאן האָט די נאצ. עקז. אָבגעגעבען איהר יעהרליכען בעריכט, וועל־כער איז אויסגעהערט און גוט־געהייסען געוואָרען.

די פאָלגענדע קאָמיטעס זיינען ערוועהלט געוואָרען: קרעדענשעל קאָמיטע פון די פריינדע זוסמאן, בענציגער, עפּשטיין און לעווין; טאגעס אָרדנונג קאָמיטע: די פריינד בעקער, שאפער און זילבערמאן; רעזאָלו־ציאָן קאָמיטע: מ. בימקאָווסקי, וויינטראפּ און סטרוגאטש; פּרעס קאָמיטע אבגעלייגט ביז מאָרגען. רולס און רעגולישאָן קאָמיטעס ערוועהלט די פריינד ראָזענטהאל, זילבערמאן און גאָלדשמיעד. דיזע קאָמיטע געגעבען צייט ביז מאָרגען פריה אריינצובריינגען זייער בעריכט. די קרעדענשעל קאָמיטע בריינגט אריין דעם בעריכט פון 52 דעלעגאטען, וועלכע זיינען פערטראָטען.

א פאָרשלאג ווערט געמאכט צו נעהמען אן עקספּערט בוך־קיפּער און ערוועהלען א קאָמיטע צו איהם אונטערצוזוכען די ביכער פון נאצ. סעק. נאָך א צימליך לאנגע דעבאטע איז בעשלאָסען געוואָרען מיט 24 געגען 11 שטימען צו ערוועהלען בלויז א קאָמיטע אָהן א בוך־קיפּער. די פריינדע אביפאל, סיגעל, וויינטראפּ און דעניסאָן זיינען צו דיזען צוועק ער־וועהלט געוואָרען.

א פאָרשלאָג איז געמאכט געוואָרען צו שיקען א סימפּאטי טעלעגראַ־מע צו יאָהאן מאָסט.*) דיזעס צו בעשטימען איז אבגעלייגט געוואָרען ביז מאָרגען פריה. דאמיט איז די ערשטע זיצונג געשלאָסען געוואָרען ארום האלב נאָך איינס.

ביי די צווייטע זיצונג, שבת פריה, איז נאָך צוגעלאָזען געוואָרען פריינד מארשאק פון בראַנטש 10.

טשערמאן פון דיזע זיצונג איז פריינד דעניסאָן פון ב־ענטש 8,

---

*) אין יענער צייט, נאָך דעם אטענטאט אויף פּרעזידענט מעקינלי, זיינען פאָרגעקומען ארעסטען צווישען די אנארכיסטען. יאָהאן מאָסט איז אויך געווען ארעסטירט.

וויס־טשערמאן פריינד לעווין פון ברענטש 15. די קאָמיטעס פון רולס און רעגולײשאָנס און טאגעס־אָרדנונג בעריכטען. נאָך לענגערע דעבאַטען זיינען זייערע רעקאָמענדאציעס מיט איניגע ענדערונגען אָנגענומען געוואָרען.

(די רעגולײשאָנס וועלען שפּעטער בעריכטעט ווערען).

טאגעס־אָרדנונג איז אָנגענומען געוואָרען ווי פאָלגט:

1) ראָלל־קאָלל, 2) בעריכט פון ברענטשעס; 3) קראנקען בענעפיט, ווער זאָל צאָהלען? וויפיעל זאָל מען צאָהלען? 4) פּראָפּאגאנדא און פאָרטבילדונג: א) פרויען פאָרטבילדונג, ב) קינדער־ערציהונג; ג) קאָאָפּעראציאָן; ד) ערשטער מאי. 4) אונזער שטעלונג צו טרייד יוניאָנס. 5) רעזערוו־פאָנד. 6) אינוואלידען פאָנד. 7) נאָמינײשאָנס. 8) צולאָזונג פון עלטערע מעמבערס מיט ספּעציעלע קאָנטריבוציאָן שטייגענדיג לויט אלטער. 9) פרויען אלס מעמבערס: א) פרויען ברענטשעס. ב) פרויען פון פערשטאָרבענע מעמבערס. 10) צולאָזונג פון קאנדידאטען, מעמבערס פון א גאנצען פעראיין, וועלבער וויל זיך אָנשליסען, וואָס קענען ניט אויסהאלטען קיין דאָקטאָרס עקזאמינײשאָנס. 11) אויפנאהמע פון טרייד ברענטשעס. 12) בעערדיגונגס קאָסטען פיר די פאמיליע פון מעמבערס, וועלכע שרייבען זיך אונטער, דאָס זייערע פרויען זיינען ניט איני־שורט. 13) אמענדמענטס צו די קאָנסטיטוציאָן. 14) צום וואהל און בעסטען. — אמענדמענט קאָמיטע ערוועהלט. — אָנגענומען איינלאדונג פון לײדיעס ברענטש צו איהר אונטערהאַלטונג. — בעשלאָסען אָנצונעהמען א רעזאָלוציאָן און פּראָטעסט געגען ארעסט פון מאָסט.

פריינד פייגענבוים פערלאנגט, דאָס דער בעשלוס ניט צו ארראנזשירען קיין עקספּערט בוך־קיפּער, איהם צו קאָנטראָלירען, זאָל רעקאָנסידערט ווערען. אָנגענומען און די פראגע ווערט יעצט דיסקוטירט.

בעשלאָסען אָנצושטעלען איין עקספּערט צו אונטערזוכען די ביכער. פיר דיזען צוועק ערוועהלט א קאָמיטע פון די דעלעגאטען, סאראף, שטוי־בער, בענזינער, זילבערשטיין און נימקאָווסקי און בעוויליגט צו ספּענ־דען ביז 25 דאָלאר.

דער בעריכט פון קאָמיטע און עקספּערט זאָל ארייננקומען בעפאָר די וואהלען פון גענ. סעק.

בעריכט פון די ברענטשעס אויסגעהערט. איבעראל מאכט מען פאָרט־שריט.

3טע זיצונג ערעפענט פון טשערמאן לילענבלום פון ברענטש 2, וויס־טשערמאן גאָלדשטיין פון ברענטש 11.

א קאָמיטע פון די קלאוק מייקער יוניאָן צוגעלאָזען און זייער

פערלאנג אויסגעהערט. בעשלאָסען באדאנקען פיר זייער אויפמערקזאמ־
קיים צו דעם ארבייטער רינג.

פראָטאָקאָל פאָרגעלעזען און מיט דער קאָרעקשאָן דאָס איין עקס־
פערט איז אָנגעשטעלט געוואָרען דורך דעם וואונש פון פריינד ב. פיי־
גענבוים, גוטגעהייסען.

וועגען קראנקען־בענעפיט בעשלאָסען זאָל בלייבען אויף דער אלטער
סיסטעם, פון אָרדען געצאָהלט 6 דאָלאר פער וואָך. 39 דאפיר, 6 דאגעגען.

בעשלאָסען דאָס די קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג זאָל בעהמען אין
אנבעטראכט די נויטווענדיגקייט פון די קינדער־ערציהונג, און די פריינ־
דע אב. באראף, לילענבלום, פ. סיגעל, דר. מארגאָליעס, בעקער, וויינזינגער
און ראלניק ערוועהלט צו געפינען פלענער, וואָס איז צו טהאָן אין דיזער
בעציהונג.

בעשלאָסען צו רעקאָמענדירען צו די ברענטשעס פון ארבייטער רינג,
דאָס זיי זאָלען זיך בעטהייליגען אין דער קאָרפּאָריישאָן בעוועגונג. קוי־
פען שערס, ווערען מיטגליעדער, זיין קאָנסיומער אין דיזע געשעפטען.

בעשלאָסען ארויסגעבען דעם „דיסקוטאנט" 2 מאָהל אין מאָנאט.

בעשלאָסען, דאָס דער ארבייטער רינג אנערקענט די וויכטיגקייט
פון דעם 1טען מאי.

רעקאָמענדירען צו די ברענטשעס אין דעם 1טען מאי האלטען פעסט־
ליכקייטען, פערזאמלונגען.

4טע זיצונג.

טשערמאן פריינד סיגעל פון ברענטש 2. פראָטאָקאָל פאָרגעלעזען
און מיט קליינע קאָרעקשאָנס אָנגענומען.

וועגען די טרייד יוניאָנס, נאָך א לאנגער דעבאטע בעשלאָסען
פאסען א רעזאָלוציאָן, וועלכע זאָל אויסדריקען דעם אל. ארב. רינגס
הערצליכסטער וואונש איז דאָס אונזערע מיטגליעדער זאָלען בעלאנגען
צו זייער רעספעקטיווע אָרגאניזאציאָנען פון די טרייד יוניאָנס אין וועלכע
זיי בעטייליגען זיך.

פריינד אדלער ערוועהלט אין דער רעזאָלוציאָנס קאָמיטע.

וועגען רעזערוו פאָנד בעשלאָסען ארויפלייגען א טעקס פון 3000
דאָלאר, וועלכע זאָלען פאנאנדערגעוואָרפען ווערען צו 500 דאָלאר א קוואר־
טאל אויף יעדען ברענטש נאָך די צאָהל מיטגליעדער.

פאָרגעלעזען פון גענ. סעק. פייגענבוים א רעזאָלוציאָן צו די יוניאָנס.

5טע זיצונג ערעפענט פון טשערמאן מרגליות, ברענטש 2; וויים־
טשערמאן פון ברענטש 8.

פראָטאָקאָל פאָרגעלעזען און גוטגעהייסען. די רעזערוו פאָנד קאָמי־
טע אויפגעלייזט. א טעלעגראמע ערהאלטען פון הארטפאָרד קאָנג., ברענטש

15 ארבייטער רינג. נאָמינירט פיר געג. סעקרעטער ב. פייגענבוים און ראָזענצווייג. א פאָרשלאג דאָס פריינד פייגענבוים זאָל אראָפּגענומען ווערען פון דער נאָמינײשאָן ליסטע, איז נאָך א לאנגע הייסער דעבאטע דורכגעפאלען מיט 41 געגען דריי.

פאָלגענדע זיינען די רעזאָלוציאָנען, וואָס זיינען איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען ביי די קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג.

טרייד יוניאָנס און פּאָליטישער קאמפּף

„א י ן  א נ ב ע ט ר א כ ט, דאָס אונזערע פּרינציפּען ערקלעהרונג פאָדערט פון אונזערע מעמבערס טרייהייט צו די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קעמפּפע פון דער ארבייטער קלאסע,

„בעשלאָסען, דאָס מיר פערפּפליכטען מאָראליש אונזערע מעמבערס, זיך אָנצושליסען אָן די יוניאָנס פון זייער טרייד;

„ב ע ש ל אָ ס ע ן, דאָס ביים אויפנעהמען פון נייע מעמבערס, זאָל זיי ערקלעהרט ווערען דאָס עס איז זייער פּפליכט צו זיין מעמבערס פון זייערע יוניאָנס;

„ב ע ש ל אָ ס ע ן, דאָס דער „ארבייטער רינג“ ערקלעהרט זיך בערייט צו דיענען די אינטערעסען פון די טרייד יוניאָנס און צו בראנדמארקען זייערע פעררעטהער, אָבער דאָס נאָר אין דעם פאל, דאָס די יוניאָנס וועלכע ווינשען, דאָס מיר זאָלען געוויסע מעמבערס אונזערע אזוי מאסרעגעלען, וועלען דיעזע מעמבערס אָפיציעל אָנקלאגען צו זייער ברענטש און איהר איבערגעבען בעווייזע פון זייער שולד;

„ב ע ש ל אָ ס ע ן, דאָס מיר פערפּפליכטען אונזערע ברענטשעס צו זאָרגען דאפיר, אז די מעמבערס, וועלכע האָבען שוין דאָס געזעצליכע רעכט צו ווערען סיטיזענס, זאָלען דאָס ווערען, אום צו קענען העלפען אין דעם פּאָליטישען קאמפּף פון די ארבייטער קלאסע“.

וועגען די אונטערדריקונג פון רעדע און פּרעס־פרייהייט.

„דער ארבייטער רינג, פערזאמעלט אויף זיין צווייטע יעהרליכע קאָנווענשאָן, רופט צו די ארבייטער'ס אויפמערקזאמקייט צו די שענדליכע אונטערדריקונג פון רעדע און פּרעס־פרייהייט, צו וועלכע די הערשענדע קאפּיטאליסטען־קלאסע האָט זיך גענומען די לעצטע צייט אין אמעריקא. דעם אלטען קעמפּפער פיר די רעכטע פון די ארבייטער קלאסע, יאָהאן מאָסט, האָט מען אויף זיינע אלטע יאָהרען ווידער אמאָל פערורטהיילט בעגראָבען צו ווערען אויף א יאָהר אין געפענגניס, ווייל ער האָט איבערגעדרוקט אין זיין צייטונג אַן ארטיקעל, וועלכער איז נאָך מיט יאָהרען צוריק געדרוקט געוואָרען פריי. א פריעדליכע ארבייטער פערזאמלונג איז דורך א באנדע בעוואפענטע דעטעקטיווס בעפאלען געוואָרען, ווי פון מערדער. זיי האָבען די פערזאמלונג צושטערט און

ווידער אמאָל ארעסטירט דעמזעלבען מאָסט׳ען מיט זיין פריינד מעק׳קווין, דעם לעצטען פאר אויסדריקען אן אונשולדיגע פרייע מיינונג און דער ערשטען פאר דעם לעכערליכען „פערברעכען״ פון אפּלאָדירען דיעזען אויסדרוק.

„וועהרענד מיר אינדאָרסירען אבזאָלוט ניט די לעהרען פון דעם אייגענטליכען אנארכיזמוס, מאכען מיר אָבער אונזערע ברידער ארבייטער אויפמערקזאם אויף דעם פאקט, דאָס מיט די נייע שענדליכע רוסישע מאסרעגעלען מיינט די הערשענדע קלאסע ניט אזוי צו טרעפען דעם הארמלאָזען טהייל פון אַנאַרכיזמוס, וועלכער איז זיין ספּעציעלע כאַראקטעריסטיק, ווי דער עיקר דעם טהייל זייבעם, מיט וועלכען ער בעריהרט זיך מיט די גאנצע ארבייטער־בעוועגונג און פאר וועלכען די הערשענדע רויבער־קלאסע שרעקט זיך הויפּטזעכליך, — דאָס איז, דער וואקסענדער ווידערשטאנדס־געפיהל פון די ארבייטער קלאסע געגען די סקאנדאליעזע רויבערייען פון דעם קאָנצענטרירטען קאפּיטאל.

„די רעאקציאָנערע בלוטדורשטיגע געשרייען געגען דעם זאָגענאנטען „אנארכיזמוס״, וועלכע פיהלען יעצט אָן די לופט פון דיעזע רעפּובליק, קומען הויפּטזעכליך פון אזעלכע בורזשואס, וועלכע הייבען גאָר ניט אָן צו וויסען וואָס דער אייגענטליכער „אנארכיזמוס״ מיינט. זיי רופען „אנארכיזמוס״ יעדע אויפקלעהרונג פון אונצופריעדענהייט ביי די ארבייטער קלאסע מיט זייער לאגע אלס בערויבטע און אונטערדריקטע לוין שקלאפען. עס איז די ענטוויקלונג פון די רעוואָלוציאָנערע מאכט פון די ארבייטער קלאסע, ווייל דאָס שטערט זיי אין זייער אָנגעקליבענעם רויב פון די ארבייטער קלאסע.

„מיר בעדויערען, וואָס פיעלע ארבייטער בעגרייפען ניט, אז מיט זייער איינשטימען אין דיעזע געשרייען, כלומרשט געגען „אנארכיזמוס״, העלפען זיי זייערע בלוטזויגער צו מאכען עס פיר א פערברעכען, צו זיין אונצופריעדען מיט די אונגערעכטיגקייט, וואָס זיי ליידען פון די קאפּיטאליסטען קלאסע און דיעזע דערמיט צו שטערען אין איהר רוהע, גענישענדיג אין וואָהלטאָג און לוקסוס פון דעם, וואָס זיי פרעסען אויס פון דעם שווייס און בלוט פון די ארבייטער.

„מיר פאָדערען דעריבער אויף אונזערע ברידער־ארבייטער, זיי זאָלען זיך פון דיעזע ווילדע אונטערדריקער ניט לאָזען אָפּשרעקען, נאָר פערקעהרט, זיך דערפון נאָך מעהר איבערציינגען און די נויטווענדיגקייט פיר אונזער קלאסע, וואָס שנעלער צו נעהמען די הערשונג פון לאנד אין אונזערע הענד, אום צו מאכען אן ענד צו די קאפּיטאליסטישע הערשאפט, וועלכע וואָלט וועלען צוריקפיהרען דיעזע רעפּובליק צו א רוסישע טיראניי״.

לעצטע זיצונג.

טשערמאן פריינד מארגאָליס פון בר. 1, וויס־טשערמאן עלקין פון בר. 15. א פאָרשלאג צו העכערען דעם סעקרעטער׳ס געהאלט איז דורכגעפאלען. נאָמינײשאָנס פיר עקזעקוטיוו זיינען פאָרגענומען געוואָרען און איבערגעגעבען צום סעקרעטער אָנפרעגען אויב די נאָמינירטע קאַנדידאַטען נעהמען אָן. ווייבער, קינדער און פרויען בילדונג איבערגעגעבען צו א קאָמיטע. וועגען אויפנעהמען עלטערע קאנדידאטען, פרויען ברענטשעס און ז. וו. איז איבערגעגעבען צו דער עקזעקוטיווע. אויך איז דער עקזעקוטיווע בעאויפטראגט געוואָרען צו פערהאנדלען די אונערלײדיגטע געשעפטען. אויך וועגען דער צייט, ווען די אוראבשטימונג זאָל ארײנקומען. נאָך איין אנשפראכע פון טשערמאן איז די קאָנווענשאָן געשלאָסען געוואָרען.

(„פאָרווערטס“, 11טען, 12טען און 15טען מאי 1902).

די דעלעגאטען האבען געקראגען געצאהלט פאר צייט פארלוסט נים פון נאציאָנאלען אָפיס, נאָר פון זייערע ברענטשעס, וועלכע האבען זיי געשיקט.

אויף דער צווייטער קאָנווענשאָן האט יעדער דעלעגאט געהאט איין שטימע, און נים ווי ביי דער ערשטער קאָנווענשאָן, וואו די שטימען האָבען זיך געצעהלט לויט די קרערענשעלס.

## דער רעזולטאט פון רעפערענדום איבער די באשלוסען פון דער צווייטער קאָנווענשאָן.

צו מאנכע פונקטען, וואָס זיינען געשטאנען אויפ׳ן טאגעס ארדנונג, איז די קאָנווענשאָן נים צוגעקומען און במילא זיינען נים געשעהן קיין אפשטימונגען וועגען זיי.

די צושריפטען וואָס די עקזעקוטיוו האָט ארויסגעשיקט צו די ברענטשעס זיינען דאמאָלס געווען נים קיין געדרוקטע, נאר אָפגעצויגען אויף א העקטאָגראַף. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דעם רעפערענדום באלאָט.

פאר׳ן פונקט אויפ׳ן רעפערנעדום וועגען א טעקס פאר א רעזערוו פאָנד איז אָפגעגעבען געוואָרען 342 שטימען פאר און 173 געגען.

דער פונקט ארויסצוגעבען דעם „דיסקוטאנט“ איז דורכגעגאנגען מיט 265 שטימען פאר און 240 געגען.

דער אמענדמענט וועגען א טראנספערירטען מעמבער, (דאָס ער מוז זיך מעלדען צו דעם ברענטש צו וועלכען ער וויל זיך טרענס־

פערירען ניט שפעטער ווי צוויי וואכען נאך זיין ארויסנעמען א טרענספער)—איז פארוואַרפען געוואָרען מיט 119 שטימען פאר און 304 שטימען נעגען.

דער אמענדמענט, אז א מעמבער פון א סוספענדירטען ברענטש איז ניט בארעכטיגט צו קיין בענעפיט איז אנגענומען געוואָרען מיט 300 שטימען פאר און 168 נעגען.

אלס גענעראל סעקרעטער איז ערוועהלט געוואָרען ב. פייגענבוים מיט 360 שטימען. ל. ראזענצווייג, דער צווייטער קאנדידאט פאר סעקרעטער האָט אויפ'ן רעפערענדום געקראגען 167 שטימען. אין דער נייער עקזעקוטיוו זיינען ערוועהלט געוואָרען: ב. מארגאָליס, י. אדלער, ל. ראזענצווייג, ל. סטרוגאטש, ס. ליברוס, י. דעניסאָו, ש. בולגאטש און י. אנאפאָל.

## דער פאראיבעל פון די „געווערקשאפטען" אויפ'ן „ארבייטער רינג".

ווען דער ארבייטער רינג האָט זיך געגרינדעט, זיינען שוין די אידישע געווערקשאפטען געווען אלט דריי יאהר. אבער ניט בלויז מיט זייער עלטער, נאָר אויך מיט זייער אנזעהן האָבען זיי פאר־שטעלט און פארטונקעלט דעם ארבייטער רינג.

בשעת די געווערקשאפטען האָבען פארנומען דעם אויבענאָן, דעם מזרח־וואנט אין דער באוועגונג, ווי אין דער פרעסע, איז דער ארבייטער רינג געשטאנען פאררוקט אין א ווינקעל הינטער'ן בימה. קיינער האָט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט.

פון יאהר 1900, ווען דער ארבייטער רינג האָט זיך רעאָרגאניזירט אין אן אָרדען, און האָט אנגעפאנגען צו וואקסען אין דער טיף און אין דער ברייט, האָט ער מיט זיינע צווייגען אנגעפאנגען צו פאר־שטעלען עלטערע און מעהר פּאָפּולערע אָרגאניזאציעס.

אויך די געווערקשאפטען האָבען אנגעפאנגען צו פיהלען, אז אָט דער אומבאדייטענדער ארבייטער רינג פאנגט זיך אן מיט זיי צו פארמעסטען אין איינפלוס און פרעסטיזש. נאך מעהר, דער ארבייטער רינג האָט אנגעפאנגען זיי אריבערצוּוואקסען אין אָר־גאניזאציאָנס קראפט און דיסציפלין. אין דער ראדיקאלער פרעסע האָט דער ארבייטער רינג אנגעפאנגען צו פארנעהמען דעם בכבוד'־דיגסטען פּלאץ. האָט זיך, נאטירליך, ענטוויקעלט פריהער קנאה, שפּעטער שנאה פון די געווערקשאפטען צום ארבייטער רינג.

א סך טהוער אין דער באוועגונג האבען זיך אפגעגעבען צום ארבייטער רינג און די געווערקשאפטען זיינען צוליב דעם געבליבען ארעם אין אינטעליגענטע קרעפטען. דאס האט נאך מעהר פארשטארקט די קנאה פון די געווערקשאפטען, וועלכע האבען, אפשר אומבאוואוסט, באטראכט דעם ארבייטער רינג פאר זייערען א קאנקורענט אין דער באוועגונג.

אט די ניט פריינדליכע געפיהלען פון די געווערקשאפטען צום ארבייטער רינג, וועלכע האבען אין אנפאנג געגליהט אין דער שטיל, זיינען ארויס אין דער עפענטליכקייט.

די געווערקשאפטען האבען גע'טענה'ט, אז דער ארבייטער רינג איז ניט מקפיד אין הלכת יוניאניזם, אז צווישען זיינע מיטגליעדער זיינען פאראן ניט קיין כשר'ע יוניאן מיטגליעדער. מעהר היציגע אנהענגער פון די געווערקשאפטען האבען געשריען, אז דער ארבייטער רינג איז איבערהויפט „א נעסט פון סקעבס".

אזוינע „קאמפלימענטען" מצד די געווערקשאפטען־פיהרער זיינען אפט געפאלען אויפ'ן ארבייטער רינג. די ארבייטער רינג טהוער, פארשטעהט זיך, האבען אויך ניט געשוויגען און האבען דערלאנגט חזרה.

„דער שולחן ערוך פון יוניאניזם — האבען גע'טענה'ט די ארבייטער רינג־טהוער — איז ניט פארפאסט געווארען בלויז פון די געווערקשאפטען, אז זיי אליין — די פיהרער פון ארבייטער רינג — זיינען אויך שטיקלאך יודע ספר און דארפען ניט קומען פרעגען שאלות ביי די געווערקשאפטען־פיהרער. זיי קענען אליין פסק'ענען א דין אין טרייד יוניאניזם. אלא, וואס דער פסק דין געפעלט ניט די געווערקשאפטען, נו, מילא, זאל זיי ניט געפעלען..."

אין א באריכט פון ברענטש איינס (5טען יולי, 1901), לעזען מיר: „...א בריעף פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פארגעלעזען, אין וועלכען, זיי, די געווערקשאפטען, פארלאנגען דורכאויס, דאס דער ארבייטער רינג זאל באשעפטיגען מוזיקער פון די אמעריקאן פראטעקטיוו מוזיקער יוניאן. באשלאסען צו ענטפערען שריפטליך צו די געווערקשאפטען, דאס דער ארבייטער רינג מאכט ניט קיין אונטערשיד צווישען איין יוניאן און א צווייטער, וועיל מיר דענקען, דאס די מיוטשעל פראטעקטיוו יוניאן, מיט איהרע פיער טויזענד מעמבערס, איז גראד אזא באנאפאיד יוניאן, ווי די אמעריקאן פראטעקטיוו. דער ארבייטער רינג דענקט, דאס די א. פ. און ל., וואו די מיוטשעל באלאנגט איז גראד אזא „באנאפאיד" געווערקשאפטליכער פארבאנד פון די ארבייטער, ווי די פאראייניג־

טע אידישע געווערקשאפטען. אין קורצען, מיר באשעפטיגען יוניאָן מוזיקער, און מיר גלויבען ניט, דאס יעמאנד קען אונז צווינגען צו באשעפטיגען דוקא די יוניאָן און א צווייטע ניט".

די געווערקשאפטען האבען זיך, משמעות, אויך געווענדעט מיט זייערע קלאגעס אויף ברענטש איינס צו דער נ. ע. ק. און די נ. ע. ק. האט באשלאסען: „אנצופרעגען ברענטש איינס אין באצוג די באשולדיגונג פון די געווערקשאפטען, אז ברענטש איינס האט ניט באשעפטיגט קיין יוניאָן מוזיקער אויף זייער פיקניק..." (יולי 12).

האט דארויף ברענטש איינס געענטפערט קורץ און שארף דעם 19טען יולי: „...אויף דער פראגע פון דער נ. ע. ק. ענטפערען מיר: מיר האבען באשעפטיגט מוזיקער פון לאקאל 41, וועלכע באלאנגט צו די א. פ. אוו ל.".

דערמיט האט זיך דער סכסוך אבער ניט איינגעשטילט. פארקעהרט, די האלטונג פון ברענטש איינס איז געווען ווי אויל אויפ'ן פייער און די גאנצע נאצ. עקז. האט געמוזט איבערנעהמען די פארטיידיגונג פון ארבייטער רינג געגען די באשולדיגונגען פון די געווערקשאפטען.

אין „פארווערטס" פון נאוועמבער 26, 1902, אין דער אפטיילונג „וואס הערט זיך ביי די אידישע ארבייטער" באקלאגען זיך די געווערקשאפטען, וואס „א גרויסער טייל פון די דאון־טאונ'ער סאסייטיס האבען אין זייערע נעמען (רופען זיך) „פראגרעסיוו" אדער „עדיוקיישאנאל"... און דער טרייד יוניאניזם ליגט זיי אפילו ניט אין דער לינקער פיאטע. פיעלע פון זיי קימערען זיך ניט, צי זייערע מעמבערס זיינען יוניאן־לייט, צי ניט. און אייניגע מאכען זיך ניט ווימענדיג, אויב זייערע מיטגליעדער געהען אפילו סקעבען. פון דיזע סאסייטיס האבען די דעלעגאטען (פון די געווערקשאפטען) הויפטזעכליך דערמאנט דעם א ר ב י י ט ע ר ר י נ ג... דעם ארבייטער רינג האבען די דעלעגאטען זעהר שארף אטאקירט אין אנגעגעבען פאקטען, ווי די ארגאניזאציאן האט זיך ניט באמיהט אפצוהאלטען אייניגע מיטגליעדער איהרע פון צו געהן סקעבען, הגם מען האט איהם ווענגען דעם געלאזט וויסען...

„...און דערפאר, האבען די דעלעגאטען געזאגט, זינקט די אידישע ארבייטער באוועגונג פון טאג צו טאג און די געווערקשאפטען מוזען זעהן דערצו עפעס טהאן..."

„...עס איז א פאקט — האט איין דעלעגאט באמערקט — אז די שטיצע, וואס מען גיט די סאסייטיס, ליידינט אויס די קאסעס פון די יוניאנס..."

אז אנדער דעלעגאט, וועלכער פארטרעט איינע פון די גרעסטע אידישע יוניאנס, האט באמערקט, אז די מעהר פארטגעשריטענע און געבילדעטע ארבייטער באלאנגען ניט צו די יוניאנס, נאר צו די פראגרעסיווע פאראיינען. די יוניאנס בלייבען דעריבער אהן פעהיגע מיטגליעדער...

אויף דעם ארטיקעל האט די נאציאנאלע עקזעקוטיווע געענט־פערט מיט א מין דעקלאראציע אן „ערקלעהרונג", וואס פארנעהמט אין „פארווערטס" (דעצ. 8, 1902) צוויי גאנצע קאלומס, געדרוקט אין פעטיט.

די „ערקלעהרונג" איז געשריבען געווארען אין אזא ערנסטען און אויפריכטיגען (הגם האלב דייטשמערישען) טאן, דאס מיר גי־בען איהר דא איבער אין גאנצען. אגב איז דא קלאהר ארויסגע־זאגט געווארען וועגען דעם פלאץ, וואס דער ארבייטער רינג פאר־נעהמט אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

„פון פאלק צום פאלק" („פארווערטס" דעצ. 8, 1902.)

ערקלעהרונג פון די נאציאנאל עקזעקוטיווע פון ארבייטער רינג

אין „פארווערטס" פון 26טען נאוועמבער, אין א קאלום אונטער דעם טיטעל „וואס הערט זיך ביי די אידישע ארבייטער?" ווערט בעריכטעט, דאס ביי א מיטינג פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען האבען די דעלעגאטען „זעהר שארף אטאקירט דעם ארבייטער רינג און געגעבען פאקטען (?) ווי דיעזע ארגאניזאציאן האט ניט געטרייעט אבצוהאלטען איניגע מיטגליעדער איהר פון צו געהן סקעבען, אבוואהל מען האט איהר וועגען דעם געלאזט וויסען".

די נאציאנאל עקזעקוטיווע פון ארבייטער רינג ערקלעהרט היערמיט, דאס די דעלעגאטען, וועלכע האבען „געגעבען דיעזע פאקטען", מעגען זיך זיי צוריקנעהמען און אבטראגען אהין, וואו זיי האבען זיי גענומען. דען מען האט זיי מיאוס אבגענארט.

אזוי ווייט איז דאס פון דער ווארהייט, אלס דער „ארבייטער רינג" האט גאר ניט קיין שום אנדערען צוועק, ווי נאר צו זיין א פארשולע פיר די טרייד יוניאנס, ווי פון די פאליטישע ארבייטער באוועגונג.

די טהעטיגע מעמבערס פון ארבייטער רינג זיצען אב פערהארעוועט האלבע נעכט און אפפערען זייער צייט, מיה און געלד — צו וואס? זיי האבען גאר ניט דערפון דאס מינדעסטע. עס זיינען ביי אונז ניטא קיינע הערפראגענד טהעטיגע פערזאנען אזעלכע וועלכע זאלען קריעגען דערביי אפילו נאר א נאמען אדער כבוד. און אויך די גאנצע ארגאני־זאציאן אלס זאלכע, קען גאנץ וויניג מאטעריעל פראפיטען ביי איהר פערשפרייטונג, דען זי פיהרט זיך ניט אויף דעם סיסטעם פון געלד־אנ־

זאמלונג נור אויף דעם סיסטעם פון קאָאָפּעראַציאָן, זאַ דאָס די פּערמעה־רונג פון די צאָהל מעמבערס פערגרעסערט אין איהם ניט זיין קאסע אין קיין בעדייטענדען גראַד.

וועלכע דען אינטערעסע האָבען אונזערע מעמבערס אין אוועקגעבען זייער צייט, געלד און מיה פיר די פערברייטונג פון ארבייטער רינג?

זיי האָבען נאָר די איינע אינטערעסע, צו פערגרעסערען דורך די צאָהל אידישע ארבייטער, וואָס זאָלען געהן אין דיזע פארשולע פון דער ארבייטער בעוועגונג.

מיר זיינען נעמליך איבערצייגט, אז טויזענדער ארבייטער, וועלכע זיינען זאָנסט אינדיפערענט צו די ארבייטער בעוועגונג, קען מען אָבער בעוועגען זיך אָנצושליסען אָן ארבייטער רינג צוליעב זיין בענעפיט, און זייענדיג דאָרטען, ווערען זיי דערוואייל אנגעשטעקט מיט דעם גייסט פון דער ארבייטער בעוועגונג און מיטגעריסען מיט איהר שטראָם.

טאָ ווי איז דאָס מעגליך, מיר זאָלען גאָר דולדען פעררעטהער צו דער ארבייטער בעוועגונג אין אונזער מיטטע? צו וועלכען צוועק דאן וואָל־טען מיר געאָפּפערט אונזער מיה און מאטער אויסצובויען דעם ארביי־טער רינג?

מיר בעטען די פריינדע און געגנאָסען ספּעציעל צו זיין אויפמערקזאם אויף דעם פאַקט, דאָס מיר האָבען ניט קיין שום גרויסע ביזנעס אינטע־רעסען אין אונזער פערברייטונג. דאָס איז בעזונדערס וויכטיג צו ווי־סען, ווייל לייכטזיניגע צינגער, וועלכע פיהלען קיין שום געוויסענבי־סע צו לאָזען לויז זייער גיפט פון פערלוימדונג און קריגעריי, אָנמאַ־כענדיג די גרעסטע פערוויסטונגען אין דער ארבייטער בעוועגונג, האָבען זיך בעמיהט ארויסצולאָזען א קלאנג, דאָס ביים ארבייטער רינג איז די הויפּט זאך צו קריגען וואָס מעהר מעמבערס, און דעריבער קוקט מען ניט, ווער און וואָס, אבי אריין. אויב ביי אנדערע אונטערנעהמונגען קען מעגליך זיין, דאָס מען זאָל ווערען אין זיי אזוי שטארק אריינגע־טאָן אין די אינטערעסען פיר דעם מיטעל, דאָס מען זאָל צו איהם מקריב זיין דעם צוועק, איז דאָס מעגליך, ווייל דער מיטעל — די פערגרעסע־רונג פון די צאָהל מעמבערס — האָט פיר די, וואָס ארבייטען פיר איהם קיים וועלכע עס איז אנדערע וויכטיגקייט, סיידען צוליעב דעם צוועק — צו ענטוויקלען מעהרערע מעמבערס פיר טרייע סאָלדאטען אין דער ארביי־טער בעוועגונג. דער ארבייטער רינג איז ניט ווי א ביזנעס, וואו מעהר קונים ברייגנען מעהר פּראָפיט. ער נעהמט ביי די מעמבערס ניט א סענט מעהר, ווי ער צאָהלט אויס. ווען ער האָט מעהר מעמבערס און מעהר איינכאהמע, האָט ער פונקט אזוי פיעל מעהר אויסגאבען!

דער צוועק פון ארבייטער רינג ווערט דייטליך אויסגעדריקט אין זיין פרינציפּען ערקלעהרונג:

„צו העלפען ענטוויקלען אין די ארבייטער דעם זין פון אחדות, דעם קלאָהרען אויפגעקלעהרטען בליק, דאָס שטרעבען, דורך זייער אחדות צו האָבען אין דער געזעלשאפט דעם איינפלוס, וועלכער נור אליין קען פער־בעסערען זייערע ארבייטס אומשטענדען, פערגרעסערען זייערע איינקינפטע און ענדליך דערנעהענטערן די צייט פון זייער גאַנצע בעפרייאונג פון אויסבייטונג און אונטערדריקונג".

ביי די אופנאהמע פון נייע מעמבערס, ווערט זיי דעריבער פאָרגע־לייגט פאָלגענדע פראגען:

„נעהמט איהר זיך פאר צו שטיצען און בייצושטעהען די ארביי־טער, אין זייערע אנשטריינגונגען צו העכערען זייערע לוינען, צו פער־קירצערען די ארבייטס־צייט און איינצופיהרען געזונדהייטס־גינסטיגע אונשטענדען ביי דער ארבייט, דורך די מאכט פון זייער אחדות אין יע־דער בעציהונג?

פערפליכטעט איהר זיך צו העלפען ענטוויקלען אן אונאבהענגיגע מאכט פון די ארבייטער, אלס געגנערין צו די רעגירונגס־געוואלט פון די קאפּיטאליסטען דורך זייערע ביידע פּארטייען, און ניט צו העלפען שטאַר־קען דיעזע פּארטייען?"

און נור, ווען דער קאנדידאט ענטפערט „יאָ", אויף דיעזע פראגען און גיט דערמיט זיין עהרען וואָרט, „צו היטען טרייהייט צו דער אר־בייטער בעוועגונג", ווערט ער אויפגענומען.

און דאן געהער עס „צו זיינע פפליכטען צום ארבייטער רינג זעלבסט" (ווי עס ווערט אויסדריקליך געזאָגט אין אונזער פּרינציפּען ערקלעה־רונג), דיעזעס אונזער וואָרט צו האַלטען. זאָגסט ווערט אויסדריקליך געזאָגט אין אונזער קאָנסטיטושאָן (ארטיקעל 5, פּונקט 1), דאָס „א מעמ־בער זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון ארבייטער רינג אָדער בעשטראפט ווערען מיט 25 דאָלאר.

„ווען ער האנדעלט געגען די אינטערעסע און בעשלוסע פון אן אנער־קענטע טרייד יוניאָן און ווערט פון איהר אָפיציעל ערקלעהרט אלס „סקעב".

„אָדער אויך ווען ער פערנעהמט דעם פּלאַץ פון א סטרייקער ביי א שאפּ סטרייק".

און דאָס אלץ איז ביי אונז ניט קיין טויטער בוכשטאב.

אויף אונזער ערשטער קאָנוועגשאָן איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס יעדע בראנטש זאָל אויפפאָדערען איהרע מעמבערס צו ווערען מעמבערס

אין די יוניאָנס פון זייערע טריידס. און אויף דער צווייטער קאָנווענשאָן איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען א עהנליכע רעזאָלוציאָן: *)

דער לעצטער פונקט פון דיעזער רעזאָלוציע איז דעריבער נויטווענדיג, ווייל מיר ווייסען צו גוט פון ערפאהרונג ווי ווייניג מען קען זיך פערלאָזען אויף סתם סלוכען ווענען „סקעבעריי“. אונזער בעוועגונג לײדעט לײדער צו שטאַרק אויף דער קראנקהייט פון לייכטזיניגע בערוי־בונג פון דעם עהרליכען נאָמען פון איינצעלנע און אָרגאניזאציאָנען, אויפ׳ן גרונד פון די מינדעסטע איינבילדונג — ווי עס ציינט זיך אויך טאקע אין די בעשולדיגונגען געגען דעם ארבייטער רינג, פון וועלכען דאָ איז די רעדע.

אָבער ווען איינער איז ווירקליך א סקעב, מוז דאָך דאָס קענען בעווי־זען ווערען, און ווען א יוניאָן וועט אונז איבערגעבען אזעלכע בעווייזע וועגען אונזערען א מעמבער, וועלען מיר געוויס זאָפאָרט געגען איהם האַנדלען לויט אונזער אויבען־דערמאָנטען ארטיקעל 5 פונקט 1.

און די טהאטזאכע איז, אז ניט נאָר מען האָט אונז אָפיציעל קיין מאָל ניט געלאָזט וויסען וועגען אונזערע מעמבערס, וואָס סקעבען, זאָנדערן גראדע אים געגענטהייל: מיר האָבען שוין איין מאָל די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען דורך א בריעף דירעקט אָנגעפרעגט וועגען דעם, און אויפגעפאָדערט, זיי זאָלען אונז מעלדען, ווער פון אונזערע מעמבערס עס האָט געסקעבט, וועלען מיר נעהמען שריטע געגען זיי, און די געווערקשאפטען האָבען אונז אויף דעם ניט געענטפערט.

דאָס איז געווען אונגעפעהר מיט א יאָהר צוריק, ווען עס איז אויך געווען געמעלדעט אין א בעריכט פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען וועגען אזא בעשולדיגונג ווי די היינטיגע. מיר האָבען דעמאָלסט געשריבען צו די געווערקשאפטען, (ליסמאן) סעקרעטער זעהר א פריינדליכען בריעף, פערזיכערענדיג זיי, דאָס אויב עס געפינען זיך סקעבס צווישען אונזערע מעמבערס, איז עס נור מעגליך, ווייל מען האָט אונז וועגען דעם ניט געמעלדעט; מאכענדיג זיי אויפמערקזאם, דאָס עס איז ניט רעכט פון זיי אונז עפענטליך צו בעשולדיגען איידער זיי האָבען זיך צוערשט צו אונז געמאָלדען און בעטענדיג זיי, אימער אונז אזעל־כע פאַלען צו מעלדען. אנטוואָרט זיינען זיי אונז שולדיג געבליבען ביזן היינטיגען טאָג.

ניט נאָר די עקזעקוטיווע איז בערייט צו נעהמען שריטע געגען

---

* זעה די רעזאָלוציע וועגען טרייד יוניאָנס, זייט 187.

סקעבס, — דאָס טהוען אויך די ברענטשעס. ברענטש 3, צום ביישפּיעל, האָט שוין לאנג אבגעוויזען געוויסע סקעבס פון איהר מיטטע.

אין איין ברענטש אונזערען זיינען מעהרער מעמבערס, אלטע טרייע סאָציאַליסטען און יוניאָן־לייט צוריקגעגאנגען ארבייטען אין א סטרייק שאפּ, נאָכדעם ווי זיי האָבען אויסגעהאלטען א ביטערען קאמף פון אַכט וואָכען און נאָכדעם, ווי כמעט אלע יוניאָן לייט זיינען ביס־לעכווייז שוין געווען צוריק אריינגעגאנגען. אונזערע מעמבערס האָ־בען אם לענגסטען אויסגעהאלטען און זיינען געווען די לעצטע צוריק צו געהן ארבייטען. דאָך, אזוי ווי דער סטרייק איז אָפיציעל ניט ער־קלעהרט געוואָרען „אָף“, האָט די אונטערצווייגענטע עקזעקוטיווע געפיהרט א לאַנגע, שטרענגע אונטערזוכונג און האָט זיך שריפטליך אָנגעפרעגט ביי די נאציאָנאל אָפיסערס פון די בעטרעפענדע יוניאָנס. אויב אונזערע מעמבערס זיינען צו פערדאמען. מיר האָבען געהאט א לאנגע קאָרעספּאָנ־דענץ וועגען דעם און ניט גערוהט, ביז עס איז אונז קלאָהר געוואָרען, ווי מיר האָבען די זאך צו בעהאנדלען.

ווי מען זעהט, איז עס ניט מעהר ווי לייכטפערטיגע רכילות, ווען מען בעשולדיגט אונז אין דולדען סקעבס אין אונזער מיטטע.

ניט מעהר ווארהייט שטעקט אויך אין די אנדערע רעדעריי, דאָס די ברענטשעס פון ארבייטער רינג ליידיגען אויס די קאסעס פון די יו־ניאָנס. עס איז פּונקט אומגעקעהרט! עס געהט ניט אוועק כמעט קיין מיטינג פון אונזערע ברענטשעס, אז עס זאָל ניט קומען א קאָמיטע פון א יוניאָן מיט בענעפיט טיקעטס און אנדערע געלד פאָדערונגען, און זיי געהען קיין מאָהל ניט אוועק ליידיג! אָבער קיין יוניאָן וועט ניט קע־נען אויפצייגען איין איינציגען פאל, וואו א ברענטש פון ארבייטער רינג האָט זיך געמעלדעט צו איהר נאָך שטיצע!

מיר בעדויערען זעהר די לייכטזיניגקייט, מיט וועלכע מען האָט זיך צוגעוואָהנט אין דער ארבייטער בעוועגונג צו ווארפען בעשולדיגונגען רעכטס און לינקס, ניט פרעגענדיג, אויב עס האָט א גרונד אָדער ניט. מיר בעדויערען נאָך מעהר, וואָס דיעזע געפעהרליכע לייכטזיניגקייט, וועל־כע ווארפט אריין א טויטענדען גיפט אין דעם מארך פון דער בעוועגונג, דורך דעם האס און קריגעריי, וואָס זי פערארורזאכט, קריעגט אזוי לייכט נאָך דעם שארפען שווערד פון אונזער פרעסע אין איהר האנד אריין! מיר האָפען, אז דאָס וועט אן ענדע נעהמען און מען וועט ענדליך ניט דערלאָזען בעשולדיגען קיינעם עפענטליך, ביז די בעשולדיגונג וועט, אויף דעם רעגעלמעסיגען וועג פון קלאגען און אונטערזוכען ווי עס געהער גרינדליך אונטערזוכט און בעשטעטיגט ווערען.

דאן — און נור דאן — וועט קומען אין דער בעוועגונג די האר־

מאַניע, וועלכע איז דאָס חויסעסטע שטרעבען פון ארבייטער רינג בכלל און פון דיעזען אָפּיס בפרט, זינט ער איז געגרינדעט.

מיט סאָציאליסטישען גרוס,

אום אויפטראג פון די נאציאָנאל עקזעקוטיווע פון ארבייטער רינג.

ב. פייגענבוים, סעקרעטער.

אויך ברענטש איינס האט געענטפערט מיט אן „ערקלעהרונג". („פאָרווערטס", דעצ. 15, 1902).

## אן ערקלערונג פון ארבייטער רינג ברענטש 1.

געניאָסע רעדאקטאָר!

ערלויבט אונז צו געבען פאָלגענדע ערקלעהרונג אין בעצוג די בעשולדיגונג געגען אונז פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען אין „פאָרווערטס", דעם 26טען נאָוועמבער. די געווערקשאַפטען בעקלאָגט זיך אויף אלע פאָרטגעשריטענע אָרגאניזאציאָנען, און „הויפּטזעכליך אויף דעם ארבייטער רינג", אז זיי טהוען גאָר ניט פאר די יוניאָנס און האלטען נישט אב זייערע מעמבערס פון סקעבען אין צייט פון א סטרייק. קיינע נעמען און קיין צייט גיבען זיי אָבער ניט אָן. די 11 יעהריגע עקזיסטענץ פון „ארבייטער רינג" צייגט גראדע דאָס געגענטהייל. הונדערטע דאָלארס האָט דיזער פעראיין אויסגעצאָהלט צו מיטגליעדער אין צייט פון סטרייקס, אום אָבצוהאלטען זיי פון סקעבען, און מעמבערס, וועלכע מען האָט ניט געקענט צוריקהאלטען, האָט מען אויסגעשלאָסען פון ארבייטער רינג. דאָס קענען מיר בעשטעטיגען — מיט פאקטען. אבוואהל דיזעלבע סקעבס זיינען ריין געוואשען געוואָרען אין זייערע יוניאָנס גופא און כשר'ע מעמבערס געבליבען. אין אָרדען אָבער האָבען זיי שוין מעהר נישט געקענט אריינקומען. לעצטען זונטאג האָבען די קלאוקמייקערס בעשולדיגט אונזערען א מעמבער (נישט אָפיציעל), ווען דער מעמבער איז געקומען צו די עקזעקוטיווע, האָבען זיי איהם געזאָגט: „מיר האָבען צו אייך גאָר נישט". ווייטער בעקלאָגען זיך די געווערקשאפטען, אז מיר ליידיגען אוים די קאסעס פון די יוניאָנס — נון, זאָגט מען ווייטער נישט ביי וועמען? ווען? מיר קענען איבערצייגען דאָס געגענטהייל. זייט דריי יאָהר האָט בלויז אונזער ברענטש אויסגעצאָהלט צו די בעוועגונג (עקאָנאָמישע און פּאָליטישע) די קליינע סומע פון איבער 250 דאלאר. דער גרעסטער טהייל — צו יוניאָנס — א חוץ 20 אנדערע ברענטשעס פון ארבייטער רינג. „גענומען" האָבען מיר ביי קיינעם ניט, אויסער 10 דאָלאר פיר טהעאטער טיקעטס ביי די קלאוקמייקערס. די דערמאָנטע פאקטען, וועלכע קענען צו יעדער צייט בע-

שטעטיגט ווערען, גיבען אונז א רעכט צו דענקען, דאָס יעדער אָרענטלי־כער יוניאָן־מאן ברויכט צו אונז בעלאנגען.

פאר וואָס שטעהען, אייגענטליך, די פאָרטגעשריטענע ארבייטער פון וויטען, בעלאנגען ניט צו קיין יוניאָן? זאָלען די דעלעגאטען נור ערנסט אונטערזוכען דיעזע פראגע אין אלגעמיין, וועלען זיי געוויס אויס־געפינען, אז דער חסרון איז נישט אין די פאָרטגעשריטענע פעראיינען. געוויס זיינען פאראן פיעלע אורזאכען. אונזער אויפגאבע איז עס אָבער נישט אָנצודייטען אויף דיעזע אורזאכען, נור ווען די געווערקשאפטען זאָלען עס פערלאנגען, וועלען מיר געוויס טהאָן אונזער פפליכט אין דער עפענטליכקייט. עס איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר ווערען בעשולדיגט פון די געווערקשאפטען. מיר האָבען נישט געפונען ביז אהער פיר נויטיג צו ענטפערען, ווייל אלעס פלעגט גערערט ווערען „היג־טער די קוליסען". יעצט אבער, אז עס איז געקומען אין דער עפענט־ליכקייט דורך דעם „פאָרווערטס", האלטען מיר פיר נויטיג צו ענטפערען.

מיט גענאָסענשאפטליכען גרוס,

די קאָמיטע פון ארבייטער רינג, ברענטש 1.

# די נאציאָנאַלע עקזעקוטיווע רופט איהרע מיט־גליעדער ארייננצוקומען אין די יוניאָנס און צו שלום אין דער באוועגונג.

גלייך נאך איהר ענטפער אויף די באשולדיגונגען פון די גע־ווערקשאפטען, האָט די נאציאָנאלע עקזעקוטיווע ארויסגעלאָזען צו די מעמבערס פון ארבייטער רינג פאָלגענדען אויפרוף:

(„פאָרווערטס", דעצ. 16, 1902).

אן אלע מעמבערס און ברענטשעס!

ווערטהע פריינדע!

די אידישע ארבייטער בעוועגונג איז יאָהרען־לאנג געווען ארומגע־רינגעלט פון דער גיפטיגער שלאנג פון אינערליכע שטרייטעריען. די שלאנג האָט געבונדען איהר הענט און אויסגעזויגען איהר לעבענס־זאפט.

די הייסעסטע ווינשע און היליגסטע האָפנונגען פון אלע פריינד פון דער באוועגונג זיינען געווען, צו דערלעבען די גוטע שעה, ווען דיזע שלאנג וועט אראָבגעריסען ווערען פון די בעוועגונג וועט ענדליך קריגען איהרע נאטירליכע כוחות און פריי מאכען איהרע גלידער.

דיעזע לאנג־געהאָפטע צייט, פריינדע, איז געקומען!

קיין שום אָרגאַנישע שרייטיגקייטען זיינען ניט מעהר דאָ!

יעצט, אלזא, פריינדע איז די צייט געקומען אוועקצואוואַרפען דעם אלטען אויסרייד, אז מען איז „דיסגאָסטעד“ מיט דער בעוועגונג צוליעב די שטרייטיגקייטען און דאריבער וויל מען אין איהר קיין אַנטהייל ניט נעהמען!

דיעזער אויסרייד איז, אייגענטליך, פריהער אויך אָפט נאָר געווען א בעקוועמער תירוץ פיר פוילקייט און נאַכלעסיגקייט. יעצט אָבער איז שוין קיין שום תירוץ ניטאָ, און עס איז געקומען די צייט, ווען די פפליכט רופט אונז, זיך פעסט צו נעהמען, צו קרעפטיגען און ענטוויקלען די אָרגאניזאציאָן פון דער ארבייטער קלאסע!

מיר מיינען דאָ די *וויכטיגסטע* אָרגאניזאציאָן פון די ארבייטער קלאסע; מיר מיינען די יעניגע אָרגאניזאציאָן, וועלכע איז דער איינציגער *פונדאמענט* פיר אלע אנדערע געביידעס פון ארבייטער אחדות:

מיר מיינען די *טרייד יוניאָנס*! פריינדע! ווען איהר זייט געוואָרען מעמבערס פון ארבייטער רינג, האָט איהר אויף זיך הייליג גענומען די פפליכט „צו העלפען ענטוויקלען אין די ארבייטער דעם זין פון אחדות“ און אויפבויען „אַן אונאבהענגיגע מאכט פון די ארבייטער קלאסע“. מיט שטאָלץ קענען מיר זאָגען, אז אלע מעמבערס פון „ארבייטער רינג“ זיינען טריי דיעזע פפליכט און ריין פון פערראַט. אָבער דיעזע פפליכט פאָדערט אויך פון אייך ענשטידען, *אריינצוגיין אין די יוניאָנס* און צו העלפען מיט אלע אייערע כוחות זיי אויסבויען און קרעפטיגען!

קיין תירוץ ענטשולדיגט הייננט'ניט אָן ארבייטער פיר ניט ארייגגיין אין די יוניאָנס. ווען ער רעכענט, אז די בעשטעהענדע יוניאָנס פיהרען די אינטערעסען פון די ארבייטער קלאסע ווי מען דאַרף, איז דאָך געוויס ניטאָ קיין אורזאכע, ווארום ער זאָל ניט אריין אין זיי, זיי צו העלפען אין דער שווערער ארבייט, און צו פערגרעסערען זייער קראפט און איינפלוס, און אויך דורך די גרעסערע צאָהל צו געבען זיי א שטאַרקערע אנציהונגס קראפט פיר די מאסען, וואָס שטעהען נאָך פון ווייטענס.

רעכענט איינער ווידער, אז די בעשטעהענדע יוניאָנס פיהרען ניט די ארבייטערס קאמפף ווי מען דאַרף, איז דאָך ווידער זיין פפליכט, ניט צו דערלאָזען שאדען די אינטערעסען פון די ארבייטער־קלאסע און אריינצוגעהן ווירקען, עס זאָל זיך בעסער פיהרען! אין דעם פאל, בעגייט מען דאָך געוויס א פערראַט געגען די ארבייטער קלאסע, ווען מען קוקט פון ווייטענס, ווי איהרע אינטערעסען ווערען געשעדיגט, און מען מישט זיך גאָר ניט!

פריינדע! אויב אימיצער פון אייך האָט פיליכט קריוודעס צו די יוניאָן אָדער צו יענע, — געדיינקט, אז דאָס זיינען יעצט ניט מעהר די אלטע סאָרט קריוודעס וועגען „אונפערבעסערליכע" אָרגאנישע פעהלערען. די היינטיגע פעהלערען, נאָך אייער מיינונג, זיינען שוין געווים בלויז די פאָלגע פון דעם, וואָס די עלעמענטען, וואָס וואָלטען געקענט בעסער מאַכען, שטעהען פון ווייטען!

דענקט אימיצער, אז די מאסען פון די אידישע ארבייטער זיינען אזעלכע, וואָס זייער נאטור איז, דורכאוים פארצוציהען נאָר שלעכטע פיהרער און קרומע פיהרונגען? אויב אזוי, טאָ זאָגט זשע, אי איהר גלויבט גאָר איבערהויפּט ניט אין די מעגליכקייט פון א אידישע ארבייטער בעוועגונג, ווי מען דארף! אָבער דאָס וועט דאָך קיינער פון אונז ניט זאָגען. מיר זיינען דאָך נאָר אָרגאניזירט אין ארבייטער רינג מיט דעם צוועק צו העלפען אויסבויען די ארבייטער בעוועגונג, טאָ גלויבען מיר דאָך אין איהר מעגליכקייט.

און דאן הייסט דאָך דאָס, אז מיר זיינען איבערצייגט, דאָס די אידישע ארבייטער מאסע אין אלגעמיין האָט פערשטאנד און עהרליכקייט גענוג זיך אויסצוקלייבען די בעסערע פיהרער און פיהרונגען. טאָ וועלכען גרונד קען איינער האָבען צו רעכענען, אז געוויסע פעהלערען אין די יוניאָנס זיינען אונפערבעסערליך?

פריהער פלעגען מאנכע מיינען, אז געוויסע פעהלערען זיינען „איינגעוואָרצעלט" געוואָרען אונטער געוויסע פערוואלטונגען. אָבער די אלטע פערוואלטונגען האָבען די אָבגעלאָפענע צייטען אין די לעצטע פאסירונגען שוין לאנג אויסגעווישט. די פעהלערען, וואָס אימיצער האָט יעצט פיליכט נאָך אויסצוזעצען אין יוניאָנס, זיינען יעדענפאלס ניט מעהר ווי מאָמענטאנע, צופעליגע, וועלכע קענען פערמידען ווערען, אויב מען גלויבט איבערהויפּט אין די פעהיגקייט פון די אידישע ארבייטער צו קענען אמאָל פיהרען יוניאָנס ווי געהעריג.

קיין שום פּרינציפּיעלע אָדער טאקטישע אָדער פּראקטיאָנעלע אנגעלעגענהייטען שיידען ניט מעהר קיינעם פון אונז מיט די בעשטעהענדע טרייד־יוניאָנס, און עס איז דעריבער ניטאָ קיין גרונד אָנצונעהמען, אז עמעצער זאָל ניט קענען האָבען אין זיי דעם גערעכטען טהייל איינפלוס, וואָס עס קומט יעדען טרייען מעמבער, אום ער זאָל קענען ווירקען צו ענדערען, וואָס נאָך זיין מיינונג דארף געענדערט ווערען.

אלזאָ, פריינדע! אים נאָמען פון די פּרינציפּען פון דעם ארבייטער רינג, און אום אויסצופיהרען דעם איינציגען צוועק זיינעם, צו וואָס מיר ארבייטען פיר איהם, פאָדערען מיר אייך אויף, ענטשידען און ענערגיש,

ארײנצוגעהן אין די יוניאָנס און צו ארבייטען פיר זייער ענטוויקלונג, קרעפטיגונג און צוועקמעסיגע פיהרונג!

מהוט אייער פפליכט, פריינדע! און לאָמיר ענדליך פערווירקליכען פאָלשטענדיגע הארמאָניע צווישען אלע טיילען פון דער ארבייטער בעוועגונג.

מיט פריינדליכען גרוס,

פיר די נאציאָנאל עקזעקוטיווע, ארבייטער רינג.

ב. פייגענבוים, סעק.

# די געווערקשאפטען פאָדערען, דער ארבייטער רינג זאָל ארײנגעהמען אלס מיטגליעדער בלויז יוניאָן-לייט.

די געווערקשאפטען האָבען זיך ניט באַנוגענט ניט מיט דער „ערקלעהרונג" און ניט מיט דעם אויפרוף פון דער נאציאָנאל עקזעקוטיוו קאָמיטע.

זיי זיינען ניט געווען צופרידען דערמיט, וואָס דער ארבייטער רינג איז א ש ו ה ל ע פאר דער ארבייטער באַוועגונג. זיי האָבען געוואָלט, אז אין ארבייטער רינג זאָלען אויפגענומען ווערען שוין פאַרטיגע, א ו י ס ש ט ו ד י ר ט ע יוניאָן-לייט.

אין „פאָרווערטס" פון 26טען דעצעמבער, 1902, איז ערשינען אן ענטפער פון די געווערקשאפטען, וועלכען מיר גיבען דאָ איבער:

## וואָס מיר האָבען צו זאָגען:

## (אנטוואָרט פון די געווערקשאפטען)

אָן אלעמען, וואָס זיינען פעראינטערעסירט אין דיזער פראגע.

מאָנטאָג אבענד, דעם 24טען נאָוועמבער, איז ביי די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען פאָרגעקומען די פראגע: וואָס פאר א שטעלונג מיר זאָלען נעהמען געגען איבער די פיעלע רעוואָלוציאָנערע און פראָגרעסיווע ארבייטער קראנקען אונטערשטיצונגס פעראיינען, וואָס שרייען, אז זיי און נור זיי, זיינען די גרויסע טהייל פון דער ארבייטער בעוועגונג און האָבען דאָס רעכט צו זאָגען וועלכער סטרייק פון ארבייטער אָדער וועלכע פאָדערונג פון א יוניאָן איז א גערעכט און וועלכע ניט. און צו זעלבער צייט שיקען זיי דעלעגאטען צו יעדען ארבייטער קאָנפערענץ, און זאָגען זיך א ברייטע דעה אין די פיהרונג פון די יוניאָנס, און גיבען ניט אכטונג, אז זייערע אייגענע מיטגליעדער זאָלען ווערען מעמבערס אין זייערע טרייד יוניאָנס.

אָבער איידער מיר װעלען איבערגײן צו די פאקטען און בעשולדיגונג, װילען מיר דאָ ציטירען א זאטץ, װאָס איז ערשיענען אין „פאָרװערטס" מיטװאָך, דעם 26טען נאָװעמבער, אונטער דעם טיטול „װאָס הערט זיך ביי די אידישע ארבייטער".

„...די דעלעגאטען האָבען בעשולדיגט הױפּטזעכליך דעם „ארבייטער רינג" און די פּאָר בונדען, װעלכען האָבען זיך געגרינדעט מיט דעם צװעק צו העלפען די רעװאָלוציאָנערען אין רוסלאנד. דעם ארבייטער רינג האָבען די דעלעגאטען אטאקירט און אָנגעגעבען פאקטען װי דיזע אָרגאניזאציאָן האָט ניט געטריט אָפּצוהאלטען איניגע מיטגליעדער פון צו געהן סקעבען, אבװאהל מען האָט זיי געלאָזט װיסען, אז זייערע מיטגליעדער זיינען אימער פארטהאָן אין קעמפּפען פאר פערבעסערונג אין רוסלאנד, און די לאגע פון די היגע ארבייטער צו פערבעסערען טריט קיינער פון זיי ניט.

„...ערשט ניט לאנג דערצעהלט א דעלעגאט, זיינען צו איין מיטינג פון די ליידיעס װייסט מייקערס יוניאָן ערשינען צװיי קאָמיטעס פון פערשידענע סאָסייעטיס נאָך שטיצע, און מען האָט קיינע פון זיי ניט ענטזאגט".

מאָנטאג, דעם 8טען דעצעמבער, לעזען מיר אין „פאָרװערטס" איין ערקלעהרונג פון ארבייטער רינג, אונטער װעלכע מיר נעהמען ארױס פאָלגענדעס:

די נאציאָנאל עקזעקוטיװע פון ארבייטער רינג ערקלעהרט, היער־מיט, דאָס די דעלעגאטען, װעלכע האָבען „געגעבען דיעזע פאקטען", מעגען זיך זיי צוריקנעהמען און אבטראָגען אהין, װאו זיי האָבען זיי גענומען, דען מען האָט זיי מיאוס אבגענארט!"

„אזוי װייט איז דאָס פון דער װארהייט, אלס דער „ארבייטער רינג" האָט גאָר ניט קיין שום אנדערען צװעק, װי נור צו זיין א פארשולע פיר די טרייד יוניאָנס, װי פון די פּאָליטישע ארבייטער בעװעגונג!"

פריינדע פון דער נאַציאָנאַלע עקזעקוטיװע, איז דאָס מעגליך, אז איהר װייסט ניט װאָס עס קומט פאָר אין אייערע ברענטשעס? דען אז מיר, די דעלעגאטען זאָלען דארפען אבטראָגען דיזע פאקטען אהין, װאו מען האָט זיי גענומען, װעט ניט זיין װייט צו געהן, נור מען װעט זיי דארפען איבערלאָזען אין ברענטש איינס. דאָרטען אין די פּראָטאָקאָלען װעט איהר געפינען (אויב מען האָט דאָס פערשריבען), אז א קאָמיטע פון די קלאָוקמאכער יוניאָן האָט פערלאנגט, אז מען זאָל נעהמען שריטע געגען א פּאָר „פריינד", װאָס זיינען געבליבען ארבייטען (סקעבען), און די קאָמיטע איז בעאַנטװאָרטעט געװארען: מיר װייסען שוין אייערע

סטרייקס. אין ברענטש איינס וועט איהר געפינען א מיטגליעד, וואָס האָט צוגענומען די געלד ביי א לאָקאל פון די קלאוקמאכער, און טאקע דעם ערשטען אבענד ווי ער איז ערוועהלט געוואָרען טרעזשורער, האָט ער אוועקגעמופט מיט די געלד, און פערגעסען צו לאָזען זיין נייעם אד־רעס. נאָך א לאנגע רייהע פון פאָדערונגען ביים רינג איינס, האָט ער זיך ענדליך פערגלייכט מיט'ן לאָקאל. אין ברענטש איינס וועט איהר געפינען קלאוקמאכער, וואָס האָבען געמאכט קאָנטראקטען, און איהר, פריינדע פון די נאציאָנאלע עקזעקוטיווע, ווייסט, וואָס עס הייסט מאכען א קאָנט־ראקט מיט א באָס אָהן דער יוניאָן. ווען די בעאמטע פון דער יוניאָן האָבען געטריוט צו אָרגאניזירען א שאפּ, וואו דיזע קאָנטראקטאָרס ארבייטען, האָבען די איבעריגע ארבייטער ערקלעהרט, אז עס איז נוצלאָז, וויילזעקס בלייבען ארבייטען, און דאָס ברעכט שוין דעם סטרייק. מיר וואָל־טען אייך אויסגערעכענט א ליסטע פון נעמען, פון וועלכער איהר וואָלט געשטוינט! מיר וועלען אָבער די ליסטע צושיקען צו אייך, און מיר וועלען דאן זעהן, וואָס איהר וועט טהאָן. איהר זאָגט, מען האָט אייך ניט געלאָזט וויסען? מיט א קורצע צייט צוריק איז ערשינען א שטימע פון פאָלק אין „פאָרווערטס", וואו מען בעקלאָגט זיך אויף א פריינד פון ארבייטער רינג, וועלכער איז א פאָרמאן אין שרייערס שאפּ פון טאבעקא סיגארעטס, און די קלאגע בעשטעהט אין דעם, אז ער נעהמט ניט ארויף קיין נייע האנד צו דער ארבייט, סיידען מען זאָל איהם געבען פינף דאָ־לאר, אבוואהל מען דארף האָבען ארבייטער אין שאפּ. און ווען א קאָמיטע פון דער פראָגרעסיוו ראָלד סיגארעטס מייקערס יוניאָן האָט געפאָדערט רעכענונג דאפיר, האָט איהר דער פריינד ערקלעהרט, אז מען דארף ניט קיין ארבייטער. ווארום האָט ברענטש איינס ניט גענומען קיין שריטע? דאָ האָט מען זיי דאָך שוין געוויס געלאָזט וויסען און טאקע עפענטליך.

ברענטש איינס ערקלעהרט אין א רעזאָלוציע, אז זיי וועלען טהאָן זייער פליכט אין דער עפענטליכקייט, אויב די געווערקאשפטען וועלען זיי דאָס ערלויבען? גוט, פריינדע, טהוט! איהר קענט טהאָן בלויז דאָס ווי ארויסוואַרפען — די יוניאָן־לייטע אָדער ארויסשטעלען צום שאנד־קלאָץ די יעניגע, וואָס פערראטהען זייערע יוניאָנס.

ווייטער, פריינדע פון דער נאציאָנאל עקזעקוטיווע, פּרובירט אקארשט ערוועהלען א קאָמיטע צו ברענטש עלף, פון בראָנזוויל, א פארטיגער נעסט פון סקעבס! איהר ווילט פּיטען? יע, איהר זייט דערצו בערעכטיגט.

אין צייט פון דזשענעראל שניידער־סטרייק, האָבען מיטגעסטרייקט אויך די ני־פּענטס מייקערס יוניאָן. אין בראָנזוויל געפינט זיך א שאפּ פון ניע־פּענטס. און דער באָס הייסט לעווין. נו, ביי דיזען לעווין איז בעשעפטיגט א האלבער ברענטש, וועלכע זיינען ניע־פּענטס מייקער,

און מערקווירדיגער ווייזע זיינען זיי די פריינדע פון ברענטש 11 געווען געצוואונגען ארייננצוגעהן אין דער יוניאָן, און געצוואונגען האָט זיי קיין אנדערער ווי דער באָס אליין, ווייל דער מאנופעקטשורער פעק, (אזוי איז זיין נאָמען), האָט אונטערגעשריבען מיט די גארמענט וואָירקערס א קאָנטראקט. איין מאָל, ווען דער „וואָקינג" דעלעגאט קומט ארויף קאָלעקטען דיוס, זאָגען די „פריינדע", אז מיר ווילען ניט בעלאנגען צו דער יוניאָן, און אזוי ווי דער קאָנטראַקטאָר לעווין האָט א נאָוט אויף 100 דאָלאר ביי דער יוניאָן, ווילען זיי זיך צוזאמענלייגען די געלד, געבען דעם באָס, און נור ניט געהן אין דער יוניאָן. דער באָס איז אָבער געווען אויף אזוי פיעל טאָלעראנט, און זיי געזאָגט, אז אויב זיי ווילען ניט געהן אין דער יוניאָן, קענען זיי ביי איהם ניט ארבייטען, און האָט פון זייערע ווייזשעס ארונטערגענומען דיוס און בעצאָהלט אין דער יוניאָן. טרויעריג, האַ? און נאָך מעהר, אז עס פלעגט קומען צו די צעהן שטונדען, פלעגט דער באָס ווערען דער שאָפּ דעלעגאט, אויסלעשען די געז. און יעצט זיינען זיי פערבליבען סקעבס. פון דער צייט אָן וואָס דער אגרימענט האָט זיך געענדיגט.

מיר ווילען ניט פערנעהמען צופיעל פלאץ, ווייל מען קען נאָך אָנגעבען פיעלע אזעלכע פאקטען. מיר ווילען אָבער קומען צום שלום און זאָגען: אויב דאָס איז די פארשוהלע פון טרייד יוניאָניזמוס, וועלכע דער ארבייטער רינג קליימט, איז דאָס זייער א טרויעריגע.

און מיר וואָלטען אייך רעקאָמענדירט, בעסער אוועקצוואַרפען אייערע דיפּלאָמאטישע ווערטער ביים אויפנעהמען נייע מיטגליעדער, און אנשטאט צו שטעלען די פראגע ווי איהר גיט אָן אין אייער ערקלעהרונג, וועלכע מיר קאפּירען דאָ:

„נעהמט איהר זיך פאר צו שטיצען און טריי בייצושטעהן די ארבייטער, אין זייערע אנשטריינגונגען צו העכערען זייערע לוינען, צו פערקירצערן די ארבייטס-צייט און איינצופיהרען געזונדהייטס-גינסטיגע אומשטענדען ביי דער ארבייט, דורך די מאכט פון זייער אחדות אין יעדער בעציהונג?

פערפפליכטעט איהר זיך, צו העלפען ענטוויקלען אַן אונאבהענגיגע מאַכט פון די ארבייטער, אלס געגנעריי צו די רעגירונגס געוואַלט פון די קאפּיטאליסטען דורך זייערע ביידע פּארטייען, און ניט צו העלפען שטארקען דיזע פּארטייען?"

און נור ווען דער קאנדידאט זאָגט „יאָ" אויף דיזע פראגע, און גיט זיין עהרען וואָרט, „צו היטען געטריי צו דער ארבייטער בעוועגונג", ווערט ער אויפגענומען.

ווארום די גאנצע צערעמאָניעס? די בעסטע פראגע איז די: „זייט איהר א יוניאָן מאן? און אז ניט, געהט־זשע אין אייער יוניאָן בעפאָר, און דאן קומט צום ארבייטער רינג. דען איהר אליין ווייסט גאנץ גוט, אז אין דער צייט, ווען איהר לייגט פאָר דיזע פאָרלעזונג פאר א מיט־גליעד, וועלכער איז א קאָנטראקטאָר, און ער ענטפערט יא, דאן ברעכט ער זיין וואָרט נאָך איידער ער איז ארייגגעקומען אלס מיטגליעד. דען איהר ווייסט, און די ערפאהרונג האָט אלעמען בעלעהרענט, אז א קאָנט־ראקטאָרס אויפגאבע איז ענטגעגען געזעצטע פון ארבייטער, און אזוינע פאָר קאָנטראקטאָרס געפינען זיך אין אייערע רייהען אלס מיטגליעדער. איהר ערקלעהרט, אז ביי אייער קאָנווענשאָן, האָט איהר אָנגענומען א רעזאָלוציאָן און מאָראליש פערפפליכטעט אייער מיטגליעדער, אז זיי זאָ־לען ארייגגעהן אין זייערע טרייד יוניאָנס. מיר וועלען אייך אויפמערק־זאם מאכען אויף א פאקט, אז דיזע רעזאָלוציאָן האָט איהר אויך ניט אָנ־גענומען מיט אייער פרייען ווילען. די פעראייניגטע אידישע געווערק־שאפטען האָט געשיקט א קאָמיטע צו אייער קאָנווענשאָן, און נאָכדעם ווי זיי האָבען געדארפט ווארטען א פיער שטונדען, האָט איהר געצייגט אייער גנאדע און זיי צוגעלאָזען,, און אויף דעם פערלאנג פון די גע־ווערקשאפטען, האָט איהר אָנגענומען די, מיט צוקער בעשאָטענע, רעזאָ־לוציאָן.

מיר, די דעלעגאטען, וועלכע פערטרעטען אין די געווערקשאפטען פערשיידענע טרייד יוניאָנס, ערקלעהרען היערמיט, אז מיר וועלען ניט רוהען ביז אלע מיטגליעדער פון אייערע רייהען וועלען ניט ארייגגעהן אין זייערע יוניאָנס.

מיר ערקלעהרען היערמיט, אז מיר וועלען מיט פעראכטונג צוריק־ווייזען אירגענד וועלכע קאָמיטע, וואָס וועט זיך צו אונז ווענדען נאָך פינאנציעלע אָדער מאָראלישע שטיצע פון וועלכען עס איז בונד אָדער רע־וואָלוציאָנערען פעראיין, אזוי לאנג עס וועלען זיך געפינען אין זייערע רייהען ארבייטער פון אונזערע טריידס, און זיינען ניט קיין מיטגליעדער פון אונזערע יוניאָנס.

אונזער גאנצע ענערגיע וועט פון יעצט אָן פערווענדעט ווערען צו בע־קעמפפען יעדע אָרגאניזאציאָן, וועלכע וועט מיט איהרע פליגלען פון רעוואָלוציאָן אָדער פּראָגרעסיווען נאָמען וועלען פערטהיידיגען די יע־ניגע, וואָס שטערען אונז אין אונזער אלטעגליכען קאמפף, פאר אונזער עקזיסטענץ.

מיר האָפען אָבער, אז עס וועט צו דיזעס ניט דארפען קומען. אזוי לאנג יעדע פון דיזע אָרגאניזאציאָנען וועט שטעלען אלס איהר מ אָ ט אָ,

ארוין אין איזערע טרייד יוניאָנס און מיט פעראייניגטע קרעפטען אויפ'ן עקאָנאָמישען און פּאָליטישען פעלד קעמפּפען פאר די פערבעסערונג און פאר די אָבשאפונג פון דער יעצטיגער מיזעראבלע סיסטעם פון נויט, עלענד און צרות און אויף איהר אָרט איינפיהרען א געזעלשאפט פון פריהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט.

פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען.

דער ענטפער פון די געווערקשאפטען, ווי זייערע באשולדיגונגען האבען ארויסגערופען א שטורם פון פּראָטעסטען אין די קרייזען פון ארבייטער רינג.

די נ. ע. ק. האָט דורך א צושריפט צו די ברענטשעס איינגערופען א קאָנפערענץ וועגען די באשולדיגונגען. אויף דער קאָנפערענץ האָט מען די געוואַרקשאפטען ניט געשאנעוועט.

די קאָנפערענץ האָט ערוועהלט א קאָמיטע פון 5 צו אונטערזוכען די „פאקטען“ און זייער באשלוס לאָזען וויסען אין דער פּרעסע. די נ. ע. ק. האָט זיך צוריקגעצויגען, ווען זי האָט געזעהן, אז די דעבאטען ווערען געפיהרט צו לייךענשאפטליך.

דעם צווייטען יאנואר, 1903, איז ערשינען א „פּאָלקס־שטימע“ פון ס. יעלין, וואו ער זאָגט, דאָס „די באַהויפּטונג פון די געווערקשאַפטען, אַז איז בר. 11 זיינען געוועזן סקעבס איז פאַלש“.

אויך האָט אין דער אייגענער צייט פארעפענטליכט אן ערקלעהרונג אין „פּאָרווערטס“ ש. בולגאטש בנוגע דעם סכסוך צווישען א. ר. און די געווערקשאפטען, און האָט אָנגעוויזען אז די ברענטשעס האבען גראדע געהאָלפען די יוניאָנס אין אלע הינזיכטען.

אין „פּאָרווערטס“ פון יאנואר 5, 1903, איז די פראגע וועגען דעם סכסוך באַרירט געוואָרען עדיטאָריעל פון ש. פּעסקין (דר. פּעסקין איז דעמאָלט געוועזן דער רעדאַקטאָר פון „פּאָרווערטס) און אָט וואָס ער זאָגט אין זיין עדיטאָריעל:

פיעלע מעמבערס פון „אַרבייטער רינג“ קענען מיר ניט פערציהען פיר וואַס אין זייער פייט מיט די געווערקשאַפטען האָב איך געגעבען גערעכט צו די לעצטע. אויף דעם מוז איך גלייך ערקלעהרען פאָלגענדעס: ווי עס זעהט אויס פון דעם בעריכט פון די קאָנפערענץ פון „אַרבייטער רינג“ האַבען די דעלעגאַטען די גאַנצע פראַגע פערוואַנדעלט אין אַ פּערזענליכע. די דעלעגאטען פון די געווערקשאפטען האָט מען געזאָגט זיינען קאָררופּט, זיי פערטרעטען ניט די יוניאָנס, די לידערס פון די יוניאָנס זיינען אויך ניט בעסער, און די פיהרונגען פון די יוניאָנס זיינען אַזעלכע,

אַז קיין אנשטענדיגער מענש קען דאַרטען ניט בלייבען. איך וויל דאָ ניט אַריינגעהן אין די פראַגע אויף ווי וויט דאָס איז אַלעס איבער־טריעבען, איך האָב אָבער וועניגער פון אַלעס געהאַט אין זינען די פער־זענליכע זייט פון די פראַגע. איך זעה מעהר ניט, ווי די טרייד־יוניאָנס הויבען אָן אויפצובליהען אין גאַנצען לאַנד, און ווי די אידישע יוניאָנס הייבען אָן אַרויסצואווייזען אַ נייע לעבעדיגקייט. איך גלויב דעריבער, אַז עס איז די פליכט פון יעדען איינעם דיזע אויפבליהונג צו העלפען און ניט צו שטערען, און דער בעסטער וועג צו העלפען איז צו זעהן, אַז יעדער אַרבייטער זאָל ווערען אַ יוניאָן מאַן. דער „אַרבייטער רינג" קען נאָך מיין מיינונג פאָלקאָמען אַפאָרדען אַז די נייע קאַנדידאַטען זאָלען פריהער זיין יוניאָן לייטע, אויב עס איז דאָ אַ יוניאָן אין זייער טרייד. וואָס אנבע־לאַנגט די אַלטע מיטגליעדער, קען מען אויך גאַנץ לייכט מאַכען אַ רול, אַז די יעניגע אַרבייטער, וועלכע זיינען ניט קיין יוניאָן לייטע זאָלען ניט האָבען דאָס רעכט צו דיענען אויף אירגענד וועלכע עהרענהאַפטע קאָמיטע. נאָך אַמאָל אָבער אום ניט צו פערגעסען, מען דאַרף עס אַלעס איינפיהרען ניט צו געבען אַ סאַטיספעקשען די דעלעגאַטען פון די געווערקשאַפטען, נור צו טאָהן די פפליכט צו די אַרבייטער בעוועגונג.

ש. פ.

בעפאָר דעם עדיטאָריעל האָט גענ. פעסקין געשריבען אַן אַר־טיקעל, דעם 27טען דעצעמבער, 1902, וואו ער האָט גע'מוסר'ט דעם ארבייטער רינג.

אויף זיין אַרטיקעל און אויף זיין עדיטאָריעל האָט די נאַצ. עקז. גענטפערט אין „פאָרווערטס" (יאנואר 12, 1903).

אין „פאָרווערטס" פון דעם 23טען יאנואר (1903) געפינען מיר פאָלגענדע צוויי נאָטיצען:

אן די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען!

צום דריטען מאָל פאָדערען מיר אייך עפענטליך אויף ענדליך צו האַלטען אייער פערשפרעכען און אונז צו צושטעלען די נעמען פון אונ־זערע מעמבערס, וועלכע האָבען זיך, לויט אייערע בעשולדיגונגען, פער־זינדיגט געגען די טרייד יוניאָן בעוועגונג, מיט די בעווייזע פון זייער שולד.

די נאַצ. עקזעק. פון אַרב. רינג.

## אן אַלע ברענטשעס פון אַרבייטער רינג!

ייערטהע פריינדע!

איהר זייט געבעטען צו צושיקען צו דער עקזעקוטיווע אַ גענויע ליסטע פון אַלע אייערע אונטערשטיצונגען צו די טרייד יוניאָנס און די

אַרבייטער בעוועגונג אין אַלגעמיין, אַנגעבענדיג יעדע סומע בעזונדער, מיט דעם דאַטום און וועמען דאָס איז געגעבען געוואָרען, אויך אַלעס אַנדערע, וואָס איהר האָט אויפגעטאָהן פיר די אַרבייטער בעוועגונג זייט איהר עקזיסטירט.

**מיט פריינדליכען גרוס,**

**דאָס קאָמיטע.**

די נ. ע. ק. האט געזוכט מיט אַלע מעגליכקייטען איינצושטעלען די מחלוקות, און אַ דאנק איהרע טאַקטישע, רוהיגע צושריפטען זיינען די לײדענשאַפטליכע, ניט־איבערלייגטע באַשולדיגונגען, ביסלעכווייז פאַרשוואונדען פון דער פרעסע און פון די פאַרזאַמלונגען.

# דער אַרב. רינג וואַקסט און פאַרצווייגט זיך אַלץ מעהר און מעהר.

דער אַרבייטער רינג בוים איז פון דעם אַנגריף־שטורם, וואָס די געווערקשאַפטען האָבען אויף איהם געמאַכט, ניט געשעדיגט געוואָרען. פאַרקעהרט, ער איז געוואָרען שטאַרקער, פעסטער, סיי אין דער טיף און סיי אין דער ברייט.

יעדע וואָך זיינען צוגעקומען נייע בראַנטשעס. דער אַלטער אָפיס איז געוואָרען קליין, און אָנפאַנג נאָוועמבער 1902 האָט דער אָפיס אריבערגעמופט אויף 261 הענרי סטריט.

די ערשטע זיצונג פון דער נ. ע. ק. אין דער נייער הויפט־קוואַרטיר איז פאַרגעקומען דעם 9טען נאָוועמבער.

אין יענער צייט איז אַרויסגעשוואומען דער געדאַנק צו האָבען אַן אייגענעם לייבאָר־לייסעאום.

אויף איהר זיצונג, דעם 20טען יאַנואַר, 1903, האָט די נ. ע. ק. רעקאָמענדירט צו אַלע בראַנטשעס צו שטיצען די אידעע פון אַ לייבאָר־לייסעאום.

אונגעפעהר מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער איז אין „פאָרווערטס" ערשינען פאָלגענדער נאָטיץ:

אַ פרייליכע שטיקעל נייעס פאַר אַלעמען!

די אידישע אַרבייטער ווילען קריגען אַן אייגענע היים, אַן אייגענע געביידע.

איז עס דעם מאָל שוין זיכער?

יא! פאזיטיוו! דער ארבייטער רינג גערט בויען אן אייגענע היים. א „לייבאר אינסטיטוט".

ארבייטער! שליסט אייך אן אין ארבייטער רינג און העלפט אונז בויען!

ניט אלץ איז אבער געווען אזוי פרעהליך אין ארבייטער רינג. דער עולם איז נאך ניט געווען גענוג דיסציפלינירט און מאנכע ברענטשעס זיינען ניט געווען אזוי פינקטליך מיט זייערע צאהלונגען אין גענעראל אפיס. אנדערע האבען געהאלטען איבערהויפט פאר אן איבעריגע, ניט־נויטיגע פארמאליטעט צו צאהלען פינקטליך, אנ־דערע, ווידער, האבען פשוט ניט געהאט און האבען ניט געקענט זיין פינקטליך. בינו־לבינו איז געווען צרות. די קאסע פון ארדען איז דורך דעם געווארען מאגער און די נ. ע. ק. האט געמוזט זוכען מיטלען, ערשטענס, ווי צו פארקלענערען די הוצאה און, צווייטענס, געפינען א וועג ווי אזוי צו צווינגען די ברענטשעס, זיי זאלען אפ־צאהלען די חובות צום גענעראל אפיס.

אנפאנג יאנואר 1903 האט די נ. ע. ק. באשלאסען ארויסצו־נעמען די אדווערטייזמענטס פון „פארווערטס", ווייל עס קאסט צופיעל געלד.

ברענטש 5 (וואס און לייבאר) האט ניט באצאהלט זיינע שולדען.

דעם צווייטען סעפטעמבער 1902 איז אפגעהאלטען געווארען א דזשאינט מיטינג פון דער קאנטראל קאמיטע מיט דער עקזע־קוטיווע, וואו עס איז באהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען בר. 5. עס איז באשלאסען געווארען דעם ברענטש צו שטרייכען, סיידען ער וועט נעמען אויף זיך צו באצאהלען דעם לעצטען באלאנס, וועלכען ער איז געבליבען שולדיג.

דער ברענטש האט דעם באשלוס ניט געפאלגט און איז טאקע סוספענדירט געווארען, ביז ער האט צוריק איינגעצאהלט זיינע שולדען.

ער איז צוריק רעאינסטייטעט געווארען אין מאי 1903, נאך דער דריטער קאנווענשאן.

אויך בר. 11 האט קיין חשק ניט געהאט צו זיין פינקטליך. האט די עקז. קאמיטע איהם געגעבען 14 טעג צייט מיט דער התראה, אז ער וועט האבען דעם זעלביגען מזל ווי בר. 5.

בר. 7, וועסט האבאקען, בעט מען זאל איהם פארלענגערען די צייט פון איינצאהלען, ווייל זיינע מעמבערס זיינען אלע אין סטרייק. אזא פארשלאג איז, פארשטעהט זיך, באוויליגט געווארען.

פאר אזא קליינעם אפיס מיט אזא שווערע, קאמפליצירטע בוכפיהרונג, מיט א גענעראל־סעקרעטער וואס איז געווען אי דער ארגאניזאטאר, אי דער בריעף־שרייבער, אי דער לעקטשורער, און האט געקענט בלויז אפגעבען א פאר שעה א טאג צו דער אפיס־ארבייט, זיינען די געשעפטען מיט די ברענטשעס, די אויסגלייכונגען אין זייערע צאהלונגען, געווען אביסעל פארנאכלעסיגט. עס איז נויטיג געווען כאטש א שטיקעל הילף מן הצד. זאגט אבער די קאנסטיטוציע, אז מעהר ווי „איין באצאהלטער בעאמטער טאר ניט זיין". און „דער איינציגער באצאהלטער בעאמטער" האט ביי זיין בעסטען ווילען און פעהיגקייט ניט געקענט אויספיהרען די ארבייט, וואס איז געווען אויף איהם ארויפגעלייגט. האט ער גענומען א געהילף און איהם געצאהלט פון זיינע אייגענע שכירות (דריי דאלאר א וואך).

איז ווידער געווארען א ויצעקו (אין ברענטש 1, וואס האט געזוכט אלע מיטלען פטור צו ווערען פון פייגענבוים'ן). סטייטש! עקספלואטאציע, לוין־שקלאפעריי אין ארבייטער רינג! אויב דער סעקרעטער איז ניט פעהיג און קען ניט טאן די ארבייט — זאל ער געהן! מיר זיינען ניט מחויב צוליב דעם אונפעהיגען סעקרעטער אנצושטעלען א „צווייטען באצאהלטען בעאמטען!" אדער דער־לאזען, אז א קלוירק זאל זיך געפינען אין אפיס!

גענ. ב. פייגענבוים'ס מערכה אלס גענעראל סעקרעטער איז אסור געווען וואס מקנא צו זיין.

און דער ארדען איז טראץ דעם אלעם געוואקסען! נייע שפראצען, נייע צווייגען, נייע ברענטשעס. צוגעקומען א ברענטש אין סאמיט, נ. דזש., וואו עס זיינען געווען א סך אידישע וועבער. מ. האסקעל איז געווען איינער פון די גרינדער פון דעם סאמיט'ער ברענטש. נאך א סטרייק אין סאמיט זיינען די טעטיגע מיט־גלידער אריבער קיין פעטערסאן, נ. דזש.

די „האמלער פראגרעסיוו סאסייעטי" פון 138 לודלאו סטריט איז געווארען א ברענטש פון ארבייטער רינג.

די „האמלער" זיינען געווען זעהר פאפולער אויף דער אידישער דאריקאלער גאס מיט זייער קולטורעלער טעטיגקייט.

אונזער פריינד הלל זאק — שפעטער אזא וויכטיגער טוער אין ארדען, וועלכער איז עד היום פארבונדען אלס אן אנגעשטעל־טער אין אפיס — איז געווען דער הויפט־פיהרער פון דער „האמ־לער פראגרעסיוו סאסייעטי".

אנטלויפענדיג פון רוסלאנד צוליב פאליטישע אורזאכען, האט זיך פריינד זאק ־דא אין ניו־יארק איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען צו אויפקלערונגס־ארבייט; ער האט געגרינדעט „די ארבייטער בילדונגס־שולע", וואו עס האבען געהאלטען סיסטעמאטישע לעקציעס דר. קאספע, דר. ש. פעסקין, די אינגערמאנס, באגין און אנדערע. די „שולע" האט עקזיסטירט א פאר יאהר און איז געווען א צענטער פון קולטור פאר דער איינגעוואנדערטער יוגענד פון האמעל און אומגעגענד.

א דאנק דער איניציאטיווע פון דער סאסייעטי (און הויפטזעכליך פון דעם אונערמיעדליכען הלל זאק) האט דער שפעטער אזוי קלעגליך־„באריהמטער" עוואלענקא אנגעפאנגען ארויסצוגעבען וויסענשאפטליכע ביכער אין אידיש (דר. קאספע'ם „כעמיע", קראנץ'ם „קולטור־געשיכטע" און אנדערע).

די דאזיגע ביכער האבען געהאט א גרויסע באדייטונג. די אינטעליגענטע ארבייטער האבען געשלונגען יעדעם ווארט, וואס איז זיי איז געווען געשריבען.

אט די ביכער האבען געשאפען א נאכפראגע אויף אנדערע ערנסטע ביכער.

די האמלער פראגרעסיוו סאסייעטי האט אין 1901 געגרינדעט די „סאציאליסטישע ארבייטער־קאסע", וועלכע האט לויט איהרע פרינציפען געקענט ארייננעמען א זעהר באשרענקטע צאהל מיטגלידער. זי איז ניט געווען ערפאלגרייך. ענדע 1902 איז די סאסייעטי געווארען א ברענטש פון ארבייטער רינג.

דאס איז אונזער היינטיגער ברענטש 20.

ברענטש 20 איז דער ערשטער לאנדסמאנשאפט ברענטש אין ארבייטער רינג, וואס האט געטראגען דעם נאמען פון א שטאט. די „האמלער" האבען פאקטיש אויסגעלייגט דעם וועג פאר אנדערע לאנדסמאנשאפט סאסייטים, וואס האבען זיך שפעטער אנגעשלאסען אין ארדען, און רופען זיך נאך עד היום אויף די נעמען פון זייערע געבורט־שטעט.

מיט'ן פרישען ברענטש זיינען צוגעקומען נייע ענערגישע ארבייטער, ווי הלל זאק און אנדערע, וועלכע האבען שפעטער געשפיעלט א ראלע אויף די קאנווענשאנס פון ארדען און אין אלע זיינע ענינים.

אויך איז דעמאלט אינסטאלירט געווארען דער ערשטער ברענטש אין נוארק, נ. דזש., (ברענטש 23), מיט 24 מיטגלידער, און א ברענטש אין בראנקס מיט 15 מיטגלידער, (ברענטש 24).

די קולטורעלע ארבייט אין די ברענטשעס איז געווען אין דער צייט, צווישען דער צווייטער און דריטער קאנווענשאן, א לעבעדיגע. פאר אונטערשטיצונגען אויסערהאלב דעם אָרדען — פאר סטרייקס וכדומה — זיינען אויסגעגעבען געוואָרען באדייטענדע סומעס.

בר. 2 האָט אין דעם יאָהר געעפענט א קאָאָפעראַטיווע סטאָר.

אין דעמזעלביגען יאָהר האָט זיך אנגעהויבען א סכסוך צווישען דער נ. ע. ק. און דער קאָנטראָל קאָמיטע.

די קאָנטראָל קאָמיטע, וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט פון א מעמבער פון יעדען ברענטש אין גרייטער ניו־יאָרק, האָט צוריק־געוויזען א באשלוס פון דער נ. ע. ק.

די עקזעקוטיווע האָט גע'טענה'ט, אז די קאָנטראָל קאָמיטע האָט ניט קיין רעכט דערצו.

די קאָנטראָל קאָמיטע האָט אָבער גע'טענה'ט, אז זי האָט יאָ דאָס וועטאָ־רעכט.

די פראַגע איז אַרויסגעשיקט געוואָרען צום רעפערענדום.

דער סכסוך האָט שפּעטער געפיהרט דערצו, דאָס די קאָנטראָל קאָמיטע איז געענדערט געוואָרען סיי אין איהר צאָהל מיטגלידער און סיי אין איהר סטאַטוס.

נאָהענט בעפאָר דער דריטער קאָנווענשאָן איז שטאַרק דיסקו־טירט געוואָרען וועגען טרייד־יוניאָן ברענטשעס.

בר. 1 האָט רעקאָמענדירט, ניט אַריינצונעמען טרייד־ברענ־טשעס. ברענטש 15, האַרטפאָרד, האָט אונטערגעהאַלטען בר. 1 („פאָרווערטס“, אפּריל 1, 1903).

בר. 11 (בראָנזוויל) איז ניט נור געווען קעגען טרייד־ברענ־טשעס, נאָר בכלל קעגען אַריינגעמען פאַראיינען אַלס ברענטשעס. („פאָרווערטס“, אפּריל 21).

עס איז אַרויפגעשוואוּמען די פראַגע צו האָבען אַן אָרגאַניזער און צו גרינדען סטייט־קאָמיטעס.

אַט די פראַגען זיינען געווען פונקטען פון'ם טאָגעס־אָרדנונג אויף דער דריטער יעהרליכער קאָנווענשאָן.

## די פרוי אין אַרבייטער רינג.

ווען דער אַרבייטער רינג פעראיין האָט זיך געגרינדעט אין 1892, זיינען צווישען די ערשטע מיטגלידער געווען א פּאָר פרויען.*)

---

*) זעה אויבען.

די ערשטע קאנסטיטוציע, ארטיקעל 8, באשטימט: „יעדע פערזאָן אָהנע אונטערשיעד דער רעליגיאָן, אבשטאמונג, געשלעכטס קאן אין דיעזעס פעראיין אלס פריינד אויפגענומען ווערדען".

פרויען האבען שטענדיג גענומען אן אקטיווען אנטייל אין אלע אונטערנעמונגען פון פעראיין און האבען זיך גערעכענט אלס גלייכבארעכטיגטע מיטגלידער.

די פרויען פון מעמבערס האבען גאנץ אפט געגרינדעט „אוקזילערי" ארגאניזאציעס פאר'ן ארבייטער רינג.

אין „ארבייטער־צייטונג" פון 4טען מאי, 1894, געפינען מיר א באריכט: „עס מעלדען זיך איניגע פרויען אום צו גרינדען איינען ארבייטער רינג פרויען פאהנען פעראיין. עס ווארדע גוטגעהייסען און פערשפראכען צו אונטערשטיצען".

די מענער מיטגלידער, אלס ראדיקאלע פארטגעשריטענע לייט, האבען געקעמפפט פאר דער באפרייאונג פון דער פרוי — דעם אונטערדריקטען געשלעכט, ניט ווייניגער ווי פאר דער באפרייאונג פונ'ם ארבייטער — דעם אונטערדריקטען קלאס.

זיי האבען אימער געזוכט מיטלען, ווי אזוי צו בילדען, ענטוויקלען און דערהויבען די פרוי אויף א העכערע קולטורעלע מדרגה. ניט נאר זיינען זיי געווען ווייט פון איינשפארען די פרוי אין די פיער איילען פון איהר קיך, נאר זיי האבען געזוכט אלערליי מיטלען, ווי אזוי איהר ארויסצופיהרען פון איהרע שמאלע באלעבאסטע־אינטערעסען, איהר געבען די מעגליכקייט צו געהן אויף די מיטינגען, באזוכען לעקציעס און אנטייל נעמען אין אלע קולטורעלע אונטערנעמונגען.

די ערשטע מיטגלידער פון ארבייטער רינג פעראיין זיינען געווען פשוט'ע ארבייטער און האבען, פארשטעהט זיך, ניט געקענט האלטען דיענסטען, ארויסצוהעלפען זייערע פרויען, האבען זיי עס אליין געטאן. זיי פלעגען בלייבען אין דער היים מיט זייערע קינדער, כדי צו געבען די מעגליכקייט זייערע ווייבער, צו נעמען אן אנטייל אין סאציאלען און קולטורעלען לעבען.

ווען דער ארבייטער רינג האט זיך רעארגאניזירט אין א פראטוירנאל ארדען, האבען זיך, פאראלעל מיט די אלגעמיינע ברענטשעס, אנגעפאנגען צו ארגאניזירען ליידיס ברענטשעס.

אהן גרונד און אהן א פארוואס האט עקזיסטירט די מיינונג אין די ארבייטער רינג קרייזען, אז אין ארדען קענען ניט זיין קיין באזונדערע פרויען־ברענטש'עס, וואס זאלען זיין בארעכטיגט צו

דיזעלביגע בענעפיטס, ווי די מענער. האבען די פרויען אנגעפאנגען צו גרינדען ליידיס ברענטשעס אהן בענעפיטס.

דער ערשטער ליידיס ברענטש האט זיך געגרינדעט מיט אן ערך 100 מיטגלידער דעם ערשטען יאנואר 1901, פיער מאנאט נאכ'ן גרינדען דעם ארדען.

די מענער האבען אגיטירט זייערע פרויען, זיך אנצושליסען אן די ליידיס ברענטשעס.

אין פעברואר 1904 האט ברענטש 1 אפיציעל ארויסגעטראגען פאלגענדען שעהנעם און מערקווירדיגען באשלוס:

„. . . באשלאסען אויפצופאדערען אלע מעמבערס, זיי זאלען שיקען זייערע פרויען אין די פרויען ברענטשעס פון א. ר. אונזערע מעמבערס אלס פארגעשריטענע מענער מוזען איינמאל פאר אלע מאל פארשטעהן, דאס מען קען ניט באפרייען איין טייל פון דער מענשהייט און די אנדערע לאזען זיין פארשקלאפט. דער ארבייטער רינג פאדערט אויף זיינע מעמבערס איינמאל אין וואך צו בלייבען אין דערהיים ביי זייערע קינדער און די פרויען שיקען צו די מיטינגען אויף די לעקציעס פון די פרויען־ברענטשעס. טוט אייער פליכט, פריינדע פון ארבייטער רינג . . .“

אין א פאר מאנאט שפעטער האט זיך געגרינדעט ליידיס ברענטש 2.

די ליידיס ברענטשעס האבען זיך געהאט זייערע אייגענע פראבלעמען און זיינען געווען זעהר ערפאלגרייך. זיי האבען געהאט א גרויסע ערציהערישע באדייטונג, זיי האבען ענטוויקעלט דעם באוואוסטזיין, אז די פרויען טארען ניט אפשטעהן פון די מענער.

קיין קראנקען־בענעפיט האבען זיי פון ארדען ניט געקראגען. האבען זיי עס אליין געוואלט איינפיהרען צווישען זיך.

אין „פארווערטס“ פון דעם 12טען נאוועמבער, 1901, לייענען מיר אין דעם באריכט פון ליידיס ברענטש 1 אט וואס: „עס איז באשלאסען געווארען, דאס דיזער ברענטש זאל איינפיהרען קראנקען־בענעפיט. עס ווערט ערוועהלט א קאמיטע אויסצואַרבייטען פונקטען און פארברענגען ביים נעקסטען מיטינג. . . .“

און אין באריכט פון 19טען נאוועמבער: „די פונקטען, וועלכע די קאנסטיטוציאנס־קאמיטע האט רעקאמענדירט אין באצוג צו צאהלען קראנקען־בענעפיט איז גוטגעהייסען. אונזער ברענטש וועט צאהלען דריי דאלאר א וואך קראנקען־בענעפיט“.

דעם 24טען דעצעמבער קומט א באריכט וועגען ערשטען יאהרעספעסט: „דער יאהרעספעסט וועט שטאטפינדען דעם דריטען

יאנואר (1902) מיט געגאסע מילער און באראנדעס אלס פעסט־רעדנער. מיסס בילערמאן ערוועהלט אלס פינאנץ־סעקרעטעריז און מיסעס פילאט אלס פראטאקאל־סעקרעטערין פאר די נעקסטע דריי מאנאט. . . .

. . . אינסטרואירט, דער סעקרעטער זאל אריינברייננען אז עסטימייט פאר קאנסטיטוציאן צו דרוקען. . . . באשלאסען, דאס אלע ריקשטעהענדע מעמבערס קענען גוטשטעהענד ווערען מיט בלויז 25 סענט. נאכהער וועט קאסטען 50 סענט.“

עס האט ניט לאנג גענומען און א דריטער ליידיס ברענטש האט זיך געגרינדעט.

מיט דער צייט איז ארויפגעקומען די פראגע, פארוואס זאלען די ליידיס ברענטשעס ניט זיין גלייכבארעכטיגטע ברענטשעס אין ארדען? פארוואס זאלען זיי בנוגע זייערע בענעפיטס מאכען שבת פאר זיך?

מאנכע פיהרער פון ארדען האבען אבער געהאט א פאר־אורטייל קעגען גלייכבארעכטיגטע פרויען־ברענטשעס. דער פאר־אורטייל איז געווען אזוי גרוים, אז זיי האבען ניט געוואגט אליין צו נעמען א שטעלונג און האבען דאס פארגעבראכט פאר דער קאנווענשאן.

אויף דעם טאג־ארדענונג פון דער קאנווענשאן איז דעריבער געשטאנען דער פונקט: „פרויען־ברענטשעס“.

## דער ארבייטער רינג מאכט ברייטער זיינע אויפגאבען.

אין פעברואר, 1903, האבען אין „פארווערטס“ צום ערשטען מאל אנגעהויבען צו ערשיינען אויספיהרליכע נאטיצען וועגען אר־דען אונטער׳ן קעפעל: „וואס הערט זיך אין ארבייטער רינג?“

די ערשטע פון דער נאטיצען־סעריע געפונען מיר דעם 10טען פעברואר, 1903.

די נאטיצען באהאנדלען פארשידענע פראבלעמען פון ארביי־טער רינג. זיי האבען אריינגעבראכט א סך קלארקייט אין אלע פראגען. אגב שפיגעלט זיך אין זיי אפ דאס גאנצע לעבען פון ארדען פון יענער צייט.

ווי שוין געזאגט, זיינען אלע פונקטען וואס די עקזעקוטיווע האט געשטעלט אויפ׳ן טאגעס־ארדנונג פון דער דריטער יעהרליכער

קאָנוועגשאָן, שטאַרק דיסקוטירט געוואָרען אויף די מיטינגען פון די ברענטשעס.

אין די ברענטשעס האָט מען מיט גרויס ישוב הדעת און מיט אַ שטאַרקען געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט דיסקוטירט די פאַרשידענע פראַגען.

לויט דעם באַריכט פון דריטען אַפּריל (1903) האָט ברענטש 1 געגעבען צו זיינע דעלעגאַטען פאָלגענדע אינסטרוקציעס בנוגע פאַרשידענע פונקטען:

וועגען אַלגעמיינעם קאָנסאָמפשאָן פאָנד, בעשלאָסען דאָס דער אָרדען זאָל אויסצאָהלען אין אַ קאָנסאָמפשאָן פאַל אַ געוויסע סומע נאָך די בעשליסע פון קאָנוועגשאָן,*) וועגען עקסידענט פאָנד בעשלאָסען דאָס די נייע ערוועהלטע עקזעקוטיווע זאָל דייטליכער אויסאַרבייטען דעם פונקט און אַריינברייגגען צום נעקסטען יאָהר צום קאָנוועגשאָן, וועגען פונקט פון טרייד יוניאָן פראַגע, נאָך אַ לאַנגע דעבאַטע און געניגענדע אַרגומענטען איז בעשלאָסען דאָס מיר קענען ניט צוריקווייזען גוטע קאַנדידאַטען זאָגאַר ווען זיי בעלאַנגען ניט צו זייערע יוניאָנס, איניגע פונקטען איבערגעגעבען צו די דעלעגאַטען צו שטימען נאָך זייער מיינונג, איניגע פונקטען איבערגעלאָזען צום פערהאַנדלען ביים נעקסטען מיטינג, וועלכער וועט זיין אַ פאָרטזעצונג פון דעם ספעציאַל מיטינג.

אין אַן אַרטיקעל פון 6טען מאַי, 1903, ווייזט גענ. פייגענבוים אָז אויף דער גרויסער ראָלע, וואָס דער אַרבייטער רינג וועט שפּילען אין דער באַוועגונג בכלל.

דער אַרטיקעל אָטעמט מיט אָפּטימיזם און דריקט אויס די האָפענונג, אַז דער אַרבייטער רינג וועט אויפלעבען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע. דער אַרטיקעל פאָרדינט אַ פּלאַץ אין אונזער געשיכטע.

## וואָס הערט זיך אין אַרבייטער רינג?

מיר וועלען פון צייט צו צייט געבען, מיט דער ערלויבנים פון די רעדאַקציאָן פון „פאָרווערטס", אַן איבערבליק איבער דעם לעבען אין דעם „אַרבייטער רינג" — אין דיזען צווייג פון די אַלגעמיינע אַרבייטער בעוועגונג, וועלכער איז ביי דעם לעצטען אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליס-

---

*) ברענטש 1 האָט שוין פריהער געהאַט איינגעפיהרט ביי זיך אַ ספּעציעלען קאָנסאָמפשאָן פאָנד. דאָ האָט ער אינסטרואירט זיינע דעלעגאַטען וועגען אַזאַ פאָנד פאַר'ן גאַנצען אָרדען.

מישען קאנגרעס געשטעלט געווארען אויף איין שטופע מיט טרייד יוניאנס און קאאפעריישאנס.

* * *

דער „ארבייטער רינג" ווערט ביסלעכווייז דאס וואס ער דארף ווערען: דער פערבאנד פון אלע אידישע פאטשריטליכע בענעפיט-סאסייע־טיס. ברענטשש 24 אין די בראנקס איז געוועז די לעצטע, וואס איז אינ־סטאלירט געווארען און 25 און 26 שטעהען גרייט גלייך אינסטאלירט צו ווערען אין וואטערבורי און ראטשעסטער.

* * *

א וויכטיגער פונקט פיר די קאנווענשאן צו פערהאנדלען וועט זיין די פראגע פון א געמיינשאפטליכען קאנסאמפשאן פאנד, ווי דער ברענטש 1 האט עס שוין. די ערפאהרונג פון די לעצטע צייט האט געציינט, אז דער גאנצער „ארבייטער רינג" ווערט סיי ווי סיי אפט אנגערופען צו אונ־טערשטיצען פריינדע פון אייגצעלנע ברענטשעס, וועלכע ווערען בעגליקט מיט דיזע פאלעטאריער-קראנקהייט, און סיי ווי סיי מוזען זיך די ברענ־טשעס טעקסען דערויף. דאס ברייגגט נאטירליך אויף דעם געדאנק, אז עס וואלט גלייכער געוועזן דאס עס זאל זיין א רעגעלער טעקס אויף דעם. די מעמבערס וואלט עס ניט געקאסט טהייערער ווי אזוי און די אונגליקליכע פריינדע וואלטען ניט געדארפט ווארטען אויף די קאלעקשאן, אין דער צייט, ווען די קראנקהייט וויל ניט ווארטען מיט דעם פארטשטרייטען פון די פערוויסטונג, וואס זי מאכט אן אין קערפער, און פון וועלכע דער קראנקער וואלט זיך געקענט פיולייכט רעטען, ווען ער זאל באלד קענען פערלאזען די קוויקענדע פרישע לופט פון די טענעמענטס קווארטאלען.

* * *

די פארטגעשריטענע ארבייטער-ארגאניזאציאנען וואס ווערען געגרינ־דעט פיר געגענזייטיגע אונטערשטיצונג, ווערען אין אלע לענדער בעטראכט אלס א וויכטיגער טהייל פון דער אלגעמיינער ארבייטער בעוועגונג. אין בעלגיען, למשל, זיינען אזעלכע סאסייעטיס גאר סעקציאנען פון דער סא־ציאליסטישער פארטיי. די שטאדטישע אבטהיילונג פון די „פארטיי אואוו־ריע סאסיאליסט" פון בעלגיען בעשטעהן פון „צענטראל קאמיטעס", אין וועלכע עס זיינען פערטרעטען דעלעגאטען פון די יוניאנס, פארטבילדונגס־פעראיינען און קראנקען-קאסען פון שטאדט. יעדער מעמבער פון א יוניאן אדער א סאציאליסטישע קראנקען-קאסע איז שוין דערמיט אליין א מעמ־בער פון דער פארטיי.

אויך אין האלאנד איז שוין מיט יאהרען צוריק געוועזן א מין אר־בייטער רינג, — א קראנקען-קאסע און טויטען-בענעפיט פעראיין, דירעקט

אָנגעשלאָסען אָן דעם דאמאָלטיגען „סאָציאַליסטען בונד“, — ווי די פּאַרטיי האָט זיך דעמאָלט גערופען.

אָבער ביי די אידישע אַרבייטער אין אַמעריקא, ציינט זיך אַרויס, וועט דער „אַרבייטער רינג“ שפּיעלען נאָך אַ פּיעל וויכטיגערע ראָלע אין דער בעוועגונג ווי די סאָציאַליסטישע קראַנקען־קאַסען אין אַנדערע לענדער.

אויפבעוואַהרענדיג זיין סאָציאַליסטישען כאַראַקטער וועט דער „אַר־בייטער רינג“ זיין די איינציגע דויערענדע סאָציאַליסטישע אָר־גאַניזאַציאָן פון אידישע אַרבייטער אין אַמעריקא.

דאָס איז ער אין פיעלע שטעדט שוין. נאָך דעם מבול אין די אידישע סאָציאַליסטישע בעוועגונג איז אין די קלענערע שטעדט ניט געווען גע־בליבען קיין שריד ופּליט פון קיין בעוועגונג. וויפיעל מען האָט ניט געאַרבייט צו גרינדען אַלערליי אָרגאַניזאַציאָנען — אָדער מען האָט גאַר ניט געקענט צו שטאַנד ברייננען, אָדער עס איז באַלד צוריק צופאַלען. און דער „אַרבייטער רינג“ איז ווירקליך ערשיענען ווי אַ מלאך הגואל פון דער בעוועגונג פיר סאָציאַליזמוס אונטער די אידישע אַרבייטער!

אין האַרטפאָרד, צום ביישפּיעל, איז דער ברענטש 15 פון אַרבייטער רינג געגרינדעט געוואָרען דען 3טען סעפּטעמבער 1901 מיט 26 מעמבערס, נאָכדעם ווי עס איז שוין זייט יאָהרען ניט געווען דאָרטען קיין שום סאָלידע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן. יעצט האָט דער ברענטש איבער 80 מעמבערס. און ער האָט געגרינדעט אַ פיינעם סאָציאַליסטישען קלוב, און קעהרט איבער האַרטפאָרד!

אין פּעטערסאָן, וואו עס איז איבערהויפּט קיין מאָל ניט געווען קיין סאָלידע סאָציאַליסטישע בעוועגונג אונטער אידען, האָבען מיר געגרינדעט דעם ברענטש דען 23טען יוני 1901 מיט 34 מעמבערס. יעצט האָט דער ברענטש (13) 80 מעמבערס און ער האַלט אָב וועכענטליכע לעקטשורס און דיסקוסיאָנען, און יעצט איז שוין אויך געגרינדעט געוואָרען אין פּעטערסאָן אַ שטאַרקער אידישער ברענטש פון די זיידען־וועבער יוניאָן און אַ לאָקאַל פון דער פּאַרטיי.

איך וועל ניט דערמאָנען דעם געוואַלדיגען פאָרטשריט פון אַנדערע ברענטשעס, וואו עס איז פריהער אויך געווען אַ שטיקעל בעוועגונג. למשל אין פילאַדעלפיא (בר. 12), וואו מיר האָבען געגרינדעט דעם ברענטש דען 16טען מאַי 1901 מיט 16 מעמבערס און ער איז אויסגע־וואַקסען היינט צו 102 מעמבערס! כאָטש דאָרטען איז פריהער אויך געווען אַ בעוועגונג, איז אָבער קיין מאָל ניט געווען אַזאַ מעכטיגע אָרגאַניזאַציאָן, און אַזאַ זיכערע און פעסטע! איך וועל נור דער־מאָנען די לעצטע צוויי געגרינדעטע ברענטשעס, וועלכע זיינען די בעסטע איללוסטראַציאָן צו דעם וואָס מיר זאָגען דאָ.

ברענטש 26 איז געגרינדעט געוואָרען אין וואָטערבורי, קאָנעטיקוט, פאַריגען 8טען מערץ מיט 25 מעמבערס. אין וואָטערבורי איז קיין מאָל ניט געווען קיין אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָן. וויפיעל מען האָט ניט צואַרבייט שוין פון 10—12 יאָהר, — עס איז קיין מאָל ניט מעגליך געווען צונויפצושטעלען אַ שטיקעל פעראיין אָדער סעקציאָן. אידישע אַגיטאַציאָן איז דאָרט נאָר געמאַכט געוואָרען (ווי ווייט מיר וויסען) איין מאָל, מיט אַ יאָהר 10 צוריק, ווען דער שרייבער פון דיזען אַרטיקעל האָט דאָרטען אַדרעסירט אַ מאַסען-פערזאמלונג.

יעצט האָט דער ברענטש פון „אַרבייטער רינג" דאָרטען געמאַכט אַ געוואַלדיגען „סטיר". אין די עטליכע וואָכען זיינען שוין צוגעקומען 6 נייע מעמבערס, און דער ברענטש האָט שוין געמאַכט אַן אונטערנעהמונג און מאַסען-פערזאַמלונג פיר אַגיטאַציאָן. און ער אונטערהאַנדעלט מיט די אַמעריקאַנער לאָקאַל פון דער פאַרטיי צו אַרבייטען צוזאַמען פיר'ן סאָציאַליזמוס.

אָבער די בעסטע איללוסטראַציאָן פון די וויכטיגקייט פון „אַרבייטער רינג" פיר די בעוועגונג גיט, שיינט מיר, דער לעצט-געגרינדעטער ברענטש 27 אין ראטשעסטער.

דאָרטען איז די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אונטער די אַמעריקאַנער אין א גרויסאַרטיגען צושטאַנד. די גענאָסען זיינען כמעט זיכער צו ערוועהלען גענאָסע סיווערמאַן ביי די נעקסטע עלעקשאָנס. ביי די פאָריגע האָט איהם שוין נור געפעהלט איינציגע-און-זיבעציג שטימען און עלעקטעד צו ווערען. און אידישע סאָציאַליסטען זיינען דאָרטען געווען אַ היבשע ביסעל אימער. און זייער אַרבייט איז פון העכסטער אַקטועללער וויכטיגקייט, דען עס קען זיך ווענדען אָן איניגע צעהנדליג דאָרטיגע אידישע וואוטס אויב דער ערשטער סאָציאַליסט אין סטייט נויאָרק זאָל עלעקטעט ווערען ביי די נעקסטע עלעקשאָנס. דאָך איז אונמעגליך געווען די פערשלאָפענע אידישע גענאָסען צו דערוועקען צו טהעטיגקייט. זייט דער אַלגעמיין בעליעבטער גענאָסע בערמאַן איז פון דאָרט אַוועק, מיט אַ יאָהר צוויי צוריק, איז די אידישע אַגיטאַציאָן געווען „געשטאָרבען צום טויט".

אַזוי געשטאָרבען, אַז אפילו דעם ברענטש פון אַרבייטער רינג צונויפשטעלען איז אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים. ווען דער שרייבער פון דיעזע צייַלען איז אַהינגעקומען פאָריגען שבת, האָבען איהם די גענאָסען איינגעשושקעט אַ סוד, אַז זיי האָבען זעהר מורא, דאָס עס וועט פעהלען צום מנין (15 מעמבערס) וואָס מען דאַרף אום צו גרינדען אַ ברענטש.

אָבער די מאַסען-פערזאַמלונג דעם לעצטען טאָג פסח אין דזשערמעניע האָל, וואו דער אונטערצייכענטער האָט ערקלעהרט די בענעפיטס און דעם פּרינציפּ פון „אַרבייטער רינג, האָט געמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציאָן, און

נאָך די פערזאַמלונג זיינען 31 מאַן אַריין אין „אַרבייטער רינג“ — דער גרעסטער טהייל פון זיי אַלטע וועטעראַנען פון דער בעוועגונג, וועלכע זיינען אָבער געווען „ווי אין וואַסער אַריין“ פערפאַלען געוואָרען. יעצט איז די בעגייסטערונג אונבעשרייבליך. און פאַרגעסט ניט, אַ ברענטש פון „אַרבייטער רינג“ איז ניט קיין שפּינוועבס, ווי אַ סעקציאָן אָדער פעראיין. דאָ צאָהלט מען איין 3—4 דאָלאר און מען איז אינטערעסירט אין בע־נעפיט, זאָ דאָס מען צוקריכט זיך ניט!

קורץ, איך בין יעצט געקומען צו דער פעסטער איבערציינונג, אַז די צוקונפט פון אַן אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע בעוועגונג אונטער אידישע אַרבייטער אין אַמעריקא ליגט אין „אַרבייטער רינג“! ווען האָט די אידישע בעוועגונג זוכה געווען צו האָבען ביז 16 הונדערט מאַן פעסט אָרגאַניזירט אין א צענטראל אָרגאַניזאציאָן, ווי מיר האָבען יעצט אין „אַרבייטער רינג“?

* * *

דען 8טען מאַי האָבען מיר אונזער קאָנווענשאָן. אויב די קאָנווענשאָן וועט בעשליסען אָנצושטעלען אַ ספּעציעלען גוטען אָרגאַנייזער און זי וועט קענען קריגען אַזעלכען, וועט דער „אַרבייטער רינג“ גאַנץ בעשטימט נעכסטעס יאָהר אויפטהאָן וואונדער. מיר זיינען יעצט דערגאַנגען צו דעם פונקט, ווען מיר קענען נעהמען געהן פאָרווערטס מיט ריעזען־שריטטע. דאָס איז אַבזאָלוט זיכער.

ב. פייגענבוים, סעקר.

## ערב דער דריטער קאָנווענשאָן.

דעם זיבעטען מאַי, 1903, איז אין דער פרעסע פאַראַן אַ אָנזאָג וועגען דער דריטער קאָנווענשאָן און די וויכטיגע פראַגען, מיט וועלכע די דעלעגאַטען וועלען זיך דאַרפען באַשעפטיגען:

מאָרגען, פרייטאג אבענד, ווערט ערעפענט אונזער יעהרליכע קאָנ־ווענשאָן אין פאָלקס לייסעאום, 218-220 2טע סטריט.

צו די ערעפנונג ווערט דאָס פובליקום ספּעציעל איינגעלאַדען. אַ בענד מוזיק וועט שפּיעלען און די גענאָסען ב. פייגענבוים, ל. מיללער, באראָנדעס, ל. ראָזענצווייג, דר. ש. פעסקין און אַנדערע וועלען רעדען האַלטען.

דאָס פובליקום וועט קענען האָבען צוטריט צו די גאַנצע קאָנווענשאָן, וועלכע וועט פאָרטגעזעצט ווערען שבת און זונטאג די גאַנצע וואָך. דער אַרבייטער רינג האָט ניט קיין סודות און גאָר ניט וואָס צו בעהאַלטען. ביי איהם איז ניטאָ קיין „פאַס ווערטער“ און קיין שום צערעמאָניעס.

מיר ווינשען אז דאס פובליקום זאל מאכען בעקאנטשאפט מיט אונזערע אינערסטע אנגעלעגענהייטען.

* * *

די עקזעקוטיווע האט פערזוכט צו מאכען פאר דיזע קאנווענשאן אן אויסנאהמע פון אלע קאנווענשאנס מיט דעם וואס זי האט פארבערייטעט די טאגעס-ארדנונג און זי פריהער צושיקט צו די ברענטשעס צו פער־האנדלען און צו מאכען אמענדמענטס, און דיזע ארבייט צו פערשפארען דער קאנווענשאן און צו געווינען צייט. עס וועט זיך ווענדען אן די קאנווענשאן אליין צו זי זאל אננעהמען דיזע אראנדזשמענט אדער דורכ־אויס בעשטעהען אויף די לאנגע דעבאטען וועגען דער טאגעס-ארדנונג, וועלכע נעהמען אוועק ביי יעדע קאנווענשאן אזא גרויסען טהייל פון די זעהר בעשרענקטע צייט.

די טאגעס-ארדנונג פארגעשלאגען פון די עקזעקוטיווע און די אמענדמענטס פון די ברענטשעס זיינען די פאלגענדע:

1) פינאנס בעריכט, 2) עקזעקוטיווע בעריכט, 3) קאנטראל בעריכט, 4) דעלעגאטען בעריכט, 5) קאנסאמפשאן פאנד, 6) עקסטדענס פאנד, 7) פפליכטען פון טרעזשורער, 8) אמענדמענטס צו די קאנסטיטושאן וועגען אלטער פון קאנדידאטען, 9) לאקאלע בענעפיטס, 10) צו זאל דער ארבייטער רינג אויפנעהמען מעמבערס וועלכע בעלאנגען ניט צו די יוניאן וואס איז דא אין זייער טרייד? 11) שריפטליכע אגיטאציאן פיר דעם ארביי־טער רינג. 12) אונזער שטעלונג צו די סאציאליסטישע פארטייען. 13) סטייט ארגאניזאציאנען און ווי ווייט זאל געהן זייער מאכט? 14) פרויען ברענטשעס. 15) אלע פונקטען וואס בלייבען ניט בעהאנדעלט זאלען איבער־געגעבען ווערען צו א קאמיטע פון דער קאנווענשאן צו פערהאנדלען.

### א מ ע נ ד מ ע נ ט ס:

פון ברענטש 1:

1) רעזערוו פאנד דיום פון צוגעקומענע מעמבערס. 2) צו וועמען זאל געהערען דאס אייגענטהום פון די ברענטשעס? 3) רעקאמענדאציאנען צו די ברענטשעס וועגען אלד איידזש פענשאן.

פון ברענטש 2:

א טעקס פון 25 סענט פער מעמבער און קווארטאל צו בעפרייען אלטע און ארבייטס אונפעהיגע מעמבערס פון דיום.

פון ברענטש 6 און ברענטש 20:

זאל דער ארבייטער רינג רענטען יעהרליך א בעט אין האספיטאל?

פון ברענטש 12:

די קראַנקען בענעפיט פון קאָנסאָמפּשיוס זאָל די עקזעקוטיווע אַליין דירעקט צאָהלען.

פון ברענטש 13:

אַמענדמענטס צו די פּונקטען פון די קאָנסטיטושאָן וועגען אַ צווייטע פּרוי און וועגען צאָהל מעמבערס וואָס זיינען בערעכטיגט צו איין דעלעגאַט.

פון בר. 16: פייער־אינשורענס. נעמען פון קאַנדידאַטען זאָלען פער־עפענטליכט ווערען.

פון בר. 21: טעגליכע קראַנקען בענעפיטס.

עהנליכעס האָט די עקזעקוטיווע בעזאָרגט וועגען די דעלעגאַטען: זי האָט געשיקט צו די ברענטשעס זיי זאָלען פאָראוים אַריינשיקען אַלע קרעדענשעלס צו די עקזעקוטיווע אום צו פערשפּאָרען די צייט־פערלוסט פון אַ קרעדענשעל קאָמיטע. דער סעקרעטער וועט קומען מיט אַ פערטיגע ליסטע פון דעלעגאַטען און וועט יעדען נאָמען אויסרופען און דאָס וועט קאָנסטיטואירען די קאָנווענשאָן. (אויב צייט־מערדער וועלען נור ניט „קיקען".)

צו דער געלעגענהייט פון דער קאָנווענשאָן האָט די עקזעקוטיווע אַרויסגעגעבען אַ פיינעם פּראָפּאַגאַנדא ביכעל מיט'ן נאָמען „די נשמה און דער גוף פון אַרבייטער רינג". עס וועט געגעבען ווערען צו די מעמבערס אומזיסט, אום זיי זאָלען עס קענען בענוצען פיר פּראָפּאַגאַנדא.

אין דעם טאָג (8טען מאַי), ווען די קאָנווענשאַן האָט זיך געעפענט, איז פאַראַן פאָלגענדיגער נאָטיץ אויף דער ערשטער זייט פון „פאָרווערטס":

### ארבייטער רינג קאָנווענשאַן

הייטע אבענד עפענט זיך די יעהרליכע קאָנווענשאָן פון אַרבייטער רינג אין פאָלקס לייסעאום, 220-28 צווייטע סטריט. די גענאָסען פייגענבוים, מיללער, באַראָנדעס, ראָזענצווייג און פּעסקין וועלען ביי דער ערעפנונג פון קאָנווענשאָן האַלטען רעדעס.

אין זעלביגען נומער איז פאַראַן אַ באַגייסטערטער עדיטאָ־ריעל — דער ערשטער פולער עדיטאָריעל וועגען אַרבייטער רינג.

## די נשמה און גוף פון אַרבייטער רינג.

„די נשמה און דער גוף פון אַרבייטער רינג", וואָס ווערט דערמאָנט אין די נאָטיצען פון זיבעטען מאַי, ענטהאַלט אַחוץ פּראָ־פּאַגאַנדא־אַרטיקלען, געשריבען פון פייגענבוים'ן, אויך דעם יעהר־ליכען באַריכט (פון 1טען מערץ, 1902, ביז'ן 1טען מערץ, 1903).

## צאהל פון מיטגליעדער.

בעריכטעט ביז צום 1טען מערץ 1902 — — — — — — — — 970
נייע מעמבערס דעם יאהר — — — — — — — — — — — 508

טאָטאל — — — 1478

אויסגעשלאָסען — — — — — — — — 254
געשטאָרבען — — — — — — — — — — — 3

טאָטאל — — — 257

בלייבט מעמבערס רעפּאָרטעט ביז דען 1טען מערץ 1903 — 1221
צוטהיילט ווי פאָלגט: בר. 1, 167; בר. 2, 119; בר. 3, 110; בר. 11, 67; בר. 12, 86; בר. 13, 77; בר. 15, 71; בר. 16, 41; 16; בר. 17, 43; בר. 19, 14; בר. 20, 49; בר. 21, 17; בר. 22פ 28; בר. 23, 91; בר. 24, 41; מעמבערס עט לאַרדזש 9.
טאָטאל — — 1221

אַ היבשע צאָהל מעמבערס זיינען שפּעטער בעריכטעט געוואָרען און דריי גאַנצע ברענטשעס מיט צוזאַמען 83 מעמבערס זיינען געגרינדעט געוואָרען. צוזאַמען האָבען מיר וועהרענד דער קאָנווענשאן איבער 1500 מעמבערס.

## קעש באַלאַנס-שיט. (פון דער עקזעקוטיווע.)

### א) איינגאָהמע.

קעש אן הענד, 1. מערץ 1901 — — — — — — — — — — $1364.03
פיר נייע מעמבערס:
508 נייע מעמבערס צו 3 דאָלער — — — — — — — — — 1524.00
פיר 273 קאָנסטיטושאן ביכלעך — — — — — — — — — — 27,30
פיר ברענטשעס אן אקקאונט אַסעסמענט דיוס
(אברעכענענדיג פיר בענעפיטס וואס די ברענטשעס האבען
געצאהלט אויף רעכענונג פון גענעראַל אָפיס):
פערשיעדענעס — — — — — — — — — — — — — — 10,80
טאָטאל — — — 5164,54
פיר מצבות — — — — — — — — — — — — — — 55,00
" טראַנספּערירטע מעמבערס צו עט לאַרדזש — — — — — — — 7.00

| | | | |
|---|---|---|---|
| אונטערשטיצונג: פיר יאנישעווסקי | $104,30 | | |
| „ גאָלדבערג | 85,00 | | |
| „ ספעקס | 10,00 | | 199,30 |
| פון רעזערוו פאָנד בענעפיט — — — — — — — — — — — — — | | | 60,85 |
| פון פערקויפטע קרקע — — — — — — — — — — — — — | | | 22,00 |
| גרענד טאָטאל — — — — | | | 8434,82 |

ב) אויסגאָבען.

אדמיניסטראטיווע (גענעראל אָפיס):

| | | | |
|---|---|---|---|
| געהאַלט — — — — — — — — — — | $795,00 | | |
| רענט און גאַז — — — — — — — | 143,02 | | |
| דרוקעריי — — — — — — — — | 35,50 | | |
| פעיר און קאָמיטעס — — — — — | 56,56 | | |
| פאסטיידזש — — — — — — — — | 37,74 | | |
| סטיישאָנערי — — — — — — — — | 2,07 | | |
| העקטאָגראַף — — — — — — — — | 5,95 | | |
| אַדווערטייזמענטס — — — — — — | 6,00 | | |
| דעפאזיט פיר קאָנווענשאָן האָל — | 10,00 | | |
| ראָבבער סטעמפס — — — — — — | 5,85 | | |
| פוירניטשור און מעבעל — — — — | 12,85 | | |
| עקספערט — — — — — — — — | 15,00 | | |
| סייף — — — — — — — — — — | 40,00 | | |
| פערשיעדענעס — — — — — — — | 7,97 | | |
| דרוקען „א יאָהר אין אַרב. רינג" | 40,00 | | $1213,51 |
| פיר 508 נייע מעמבערס (צו די ברענטשעס) — — — — — — | | | 508,00 |
| פיר רעזערוו פאָנד בענעפיט — — — — — — — — — — — — | | | 195,58 |
| טראַנספּעריטע פון עט לאָדזש — — — — — — — — — — | | | 1,00 |
| צו ברענטשעס אן אקקאונט: | | | |
| אינסטאָלמענט פיר סעמעטערי — — — — — — — — — — — | | | 219,73 |
| דרוקען קאנסטיטושאנס — — — — — — — — — — — — — | | | 73,00 |
| קראַנקען בענעפיט בעצאָהלט פון גענעראַל אָפיס — — — — — | | | 204,00 |
| קאנווענשאן פון לעצטען יאהר — — — — — — — — — — — | | | 68,90 |
| אונטערשטיצונג: יאנישעווסקי | $89,30 | | |
| גאָלדבערג | 85,00 | | |
| ספעקס | 15,00 | | 189,30 |
| מצבות — — — — — — — — — — — — — — — — — | | | 75,00 |
| בעערדיגונגס־קאָסטען בעצאהלט פון גענ. אָפיס — — — — — | | | 34,00 |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| ענדאומענטס: ראזען | בר. 3 | $400,00 | | |
| גרודזינסקי | " 1 | 400,00 | | |
| יאנישעווסקי | " 10 | 200,00 | | |
| ראזען | " 2 | 200,00 | | |
| אייזמאן | " 16 | 200,00 | | |
| גאלדבערג | " 7 | 200,00 | 1600,00 | |
| פרעזידענטס — — — — — — — — — — — — — — | | | 3,70 | |
| דעפאזיט פיר גאז און שליסלען — — — — — — — — — — — | | | 3,50 | |
| טאטאל— — — — — — — | | | 5185,59 | |
| קעש אין הענד — — — — | | | 3249,23 | |
| גרענד טאטאל— — — — | | | 8434,82 | |

פראפאגאנדא־ארטיקלען זיינען פאראן צוויי. דער ערשטער איז א קאפיע פון דעם ארטיקעל, וואס איז ערשינען אין „א יאהר ארבייטער רינג". דער צווייטער הייסט: „אונזער מאראל", וואס רעדט ארום די „מאראל" אין אנדערע ארדענס און די מאראל אין ארבייטער רינג.

# דער בעריכט פון דער דריטער קאנווענשאן.

## ארבייטער רינג קאנווענשאן.

פאר דעם באריכט פון דער דריטער קאנווענשאן האט די פרעסע אפגענומען זעהר פיעל פלאץ. מיר גיבען דא איבער דעם באריכט מיט קליינע פארקירצונגען:

אין פאלקס גארדען, 220-218 צווייטע סטריט, ווערט יעצט אפגעהאלטען דער דריטער יעהרליכער קאנווענשאן פון דעם „ארבייטער רינג". עס זיינען אנוועזענד א 65 דעלעגאטען פון 25 ברענטשעס, און אויף דער קאנווענשאן הערשט אן אמת'ער געפיהל פון ברודער אחדות און ענטהוזיאזמוס.

די קאנווענשאן איז ערעפענט געווארען פרייטאג אבענד מיט א מאסמיטינג. דער האלל איז פאר דעם צוועק פרעכטיג דעקארירט געווארען און דער רויטער קאליער פון אינטערנאציאנאלע איניגקייט האט זיך גאנץ שטארק ארויסגעוויזען. א בענד מוזיק האט געשפיעלט און אויף אלעמענס געזיכטער האט זיך אבגעשפיגעלט א פרעהליכקייט וואס איז דער רעזולטאט פון אינערליכער בעגייסטערונג. ווארעמע רעדעס זיינען געהאלטען געווארען פון די גענאסען באראנדעס, ראזענצווייג, פעסקין און

פייגענבוים. די דעלעגאַטען פון די ברענטשעס אין האַרטפאָרד און אַנ־דערע שטעדט אין קאָנעטיקוט האָבען דעם ניו־ישיאָנעל סעקרעטער פייגענ־בוים פּרעזענטירט אַ בלומענקראַנץ פאַר זיינע לייסטונגען פאַר'ן אר־בייטער רינג.

אויף דער 1טער זיצונג, שבת אין דער פריה, איז דעלעגאַט עפשטיין ערוועהלט געוואָרען טעמפּארערי טשערמאַן און דעלעגאַט סמיטה — וויס־טשערמאַן. אַלס פּראָטאָקאָל סעקרעטער איז ערוועהלט געוואָרען דעלעגאַט אַדלער.

נאָכדעם ווי עס זיינען ערוועהלט געוואָרען אַ רעזאָלוציאָנס קאָמיטע און אַ רולס און רעגוליישאַן קאָמיטע, איז אָנגענומען געוואָרען פאָל־גענדער טאָגעס־אָרדנונג:

1) פינאַנץ בעריכט; 2) עקזעקוטיוו בעריכט; 3) קאָנטראָל קאָ־מיטע; 4) דעלעגאַטען בעריכט; 5) לאָקאַלע בענעפיטען; 6) קאָנסאָמפּ־שאַן פאָנד; 7) נאָמינריישאַן פאַר בעאַמטע און זייערע פפליכטען; 8) פרויען ברענטשעס; 9) זאָל דער אַרבייטער רינג אויפנעהמען מיטגליעדער וואָס בעלאַנגען ניט צו דער יוניאָן? 10) שריפטליכע אַגיטאַציאָן; 11) אונזער שטעלונג צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; 12) סטייט אָרגאַני־זאַציאָנען און ווי ווייט זאָל געהן זייער מאַכט; 13) וועגען דעם עלטער וועמען זאָל בעלאַנגען דאָס אייגענטהום פון די ברענטשעס? 16) אונזער נעכסטע קאָנווענשאַן; 17) אַמענדמענטס וועגען צווייטע פרויען; 18) צאָהל מעמבערס פון 1 דעלעגאַט צום קאָנווענשאַן; 19) פּערעפּענטליכען ־עמען פון פאָרגעשלאָגענע קאַנדידאַטען; 20) קאָאָפּעריישאַן; 21) פפליכטען פון טרעזשורער; 22) וועגען אוראַבשטימונג.

דעלעגאַט פיינזילבער פון האַרטפאָרד איז דאַן ערוועהלט געוואָרען פּערמאַנענט טשערמאַן פאַר דער ערשטער זיצונג.

בעגריסונגס־טעלעגראַמען זיינען אָנגעקומען פון בעקער יוניאָן 153, האַרטפאָרד; „צוקונפט" פרעס פעדעריישאַן; אינדוסטריעל קאָאָפּעריטיוו סאָסייעטי; וואָיס אָף לייבאָר; ליידיס ברענטש 1 אַרבייטער רינג און פון די בענטשעס 12, 13, 15, 22 און 27, ד. ה. פון האָבאָקען, פילאַ־דעלפיא, פעטערסאָן, האַרטפאָרד, ניו־בריטיין און ראָטשעסטער.

אַלע דעלעגאַטען האָבען אָבגעגעבען זייערע רעפּאָרטס, פון וועלכע עס איז געווען צו זעהן דאָס דער אַרבייטער רינג האָט אַריינגעגעבען לעבען איבעראַל וואו זיין איינפלוס האָט דערגרייכט. די גרויסע מאַיאָריטעט פון דעם אַרבייטער רינג זיינען פאָרטגעשריטענע מענשען, און צוואַר סאָ־ציאַליסטען. פיעלע ברענטשעס אויסער נויאָרק גיבען זיך אָפּ רעגעל־מעסיג מיט געוויסליכע סאָציאַליסטישע טהעטיגקייט און זיי אַרבייטען

מיט אַלע כוחות צו פערברייטען די ערליכע אידעען פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג.

פאָלגענדע פערזאָנען זיינען די דעלעגאַטען צום קאָנווענשאַן:

ברענטש 1 — גאָלדין, האָכבערג, עפּשטיין, שאַפּיראָ, לעווין, איבראַמסאָן, שאַרפּ און רייכעלסאָן; ברענטש 2 — זאַקס, סאַוויצקי, האָרין, מאַרגאָליעס, סיגעל און אַרנאָפּאָל; ברענטש 3 — אַדלער, סמיטה, פּעטאָשין, אַבראַמאָוויץ און קאָרענפעלד; ברענטש 4 — זוסמאַן, ליברוס און פינקעלשטיין; בר. 6 — גאָלדין און לעווין; בר. 7 — קאַפּעלסאָן, קאַץ און קאָהן; בר. 8 — שטיינער, אַלטשולער, דעניסאָן און בלומענטהאַל; בר. 9 — מ. מיללער און י. ראָזענבערג; בר. 10 — אַבראַמסאָן; בר. 11 — ספּעקטאָר, ס. וויינשטיין, בלאָך; בר. 12 — שלייפער, ראָזענבלום, מ. דאַרעווסקי, בערמאן; בר. 13 — וויינטרויב, מ. לעווין, העריסאָן, ראָזענטהאַל; בר. 15 — פיינזילבער, עלקין, פּאָלאַק, טאָק; בר. 16 — ראָטענבערג און ס. לעווין; בר. 17 — קרעמער, אַלפּערט; בר. 20 — פאָגעלסאָן זאַק; בר. 21 — גאָלעגאר; בר. 22 —סעם ברענאָף; בר. 23 — אייק סאשינסקי; בר. 24 — הענשעל; בר. 25 — לאַוונער און פינקעלשטיין; עקזעקוטיווע — קאַלינאָף און בולגאַטש; קאָנטראָל — יעלין און סעוועצקי; צוזאַמען 64.

אויך איז צוגעלאָזען געוואָרען מיסעס לעווין פון ברענטש 15, פרויען ברענטש, אָהנע שטימרעכט.

---

דער טשערמאַן פון דער דריטער זיצונג שבת נאָכמיטאָג איז געווען דעלעגאַט עלקין. רעפּאָרטס זיינען אָבגעגעבען געוואָרען פון דעם דזשענעראַל סעקרעטער פייגענבוים, פון דער נײשאָנאַל עקזעקוטיווע קאָמיטע און פון קאָנטראָל קאָמיטע. אַלע דריי רעפּאָרטס זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ ספּעציעלער קאָמיטע.

ס'איז פון קאָנווענשאַן אָנגענומען געוואָרען אַ לאַנגע רעזאָלושאַן איבער דער הריגה אין קישענעוו. דער אַרבייטער רינג פערדאַמט די רוסישע רעגיערונג און דריקט אויס די וואַרימסטע סימפּאַטהיע מיט די אונגליקליכע. אַלע אָרגאַניזאַציאָנען וואָס זיינען נור פערבונדען מיט'ן אַרבייטער רינג ווערען אויפגעפאָדערט צו טאָהן זייער פליכט אין דער רעטונגס־אַרבייט.

פאָלגענדע רעזאָלוציאָן איז אָנגענומען געוואָרען אין בעצוג אויף דעם יוניאָן לייבעל:

„אין אנבעטראַכט דאָס דער צוועק און דער גרונד־פּרינציפּ פון אַרבייטער רינג איז צו העלפען די ארבייטער־קלאַסע אין אלע אירע קעמפּפע געגען קאַפּיטאַל, אין אנבעטראַכט דאָס דער יוניאָן לייבעל איז איינער פון

די ווירקזאַמסטע וואַפען פון די אַרבייטער־קלאַסע אין איהר קאַמפף געגען קאַפּיטאַל;

„בעשליסט די 3טע יעהרליכע קאָנווענשאָן פון אַרבייטער צו מאַכען עס פיר די מאָראַלישע פליכט פון זיינע מעמבערס שטרענג אָפּצוהיטען צו קויפען וואַארע און צו נוצען אַרבייט נור מיט'ן יוניאָן לייבעל“.

דזשענעראל סעקרעטער פייגענבוים האָט אַריינגעשיקט זיין רעזיג־נייישאן אַלס בעאַמטער, ערקלעהרענדיג דאָס זיין געזונד ערלויבט איהם ווייטער ניט צו טאָהן דיזע אַרבייט. די רעזיגנאַציאָן איז אָבער ניט אָנ־גענומען געוואָרען. די קאָנווענשאָן האָט געוואָלט אַז סעקרעטער פייגענבוים זאָל פערבלייבען ביז זיין נאכפאָלגער וועט ערוועהלט ווערען.

אַ לאַנגע דעבאַטע האָט זיך ענטוויקעלט איבער דער פראַגע פון אַ קאָנסאָמפּטיוו פאָנד. עס איז ענדליך בעשלאָסען געוואָרען דאָס דער דזשע־נעראל אָפיס זאָל יעדען קאָנסאָמפּטיוו ליידענדען אויסצאָהלען 100 דאלער, פאַר וועלכע סומע אַלע מעמבערס זאָלען אַסעסט ווערען.

דעלעגאט שאַפּיראָ איז געווען פּאָרזיצענדער פון דער 4טער זיצונג.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען דאָס דער דזשענעראל סעקרעטער פון אַרבייטער רינג זאָל אויך זיין אָרגאַניזער. פאָרגעשלאָגען פאַר דיזען אַמט האָט מען ראָזענצווייג, לעווין, באראָף, זאַקס, פייגענבוים און ליעף. די עקזעקוטיוו איז אינסטרואירט אָנצושטעלען אַ סעקרעטער אין פאַל קיינער פון די פאָרגעשלאָגענע וועט ניט אָננעהמען. אויף דעם פערלאַנג פון פייגענבוים דאָס מען זאָל דערוויילע אפּאָינטען אַ טעמפּאָרערי סעקרעטער האָט מען אָנגעשטעלט פריינד ראָזענצווייג.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו שטיצען צוויי קראַנקע פריינד מיט 75 דאָלער פאַר יעדען.

וועגען דער פראַגע, אויב פרויען זאָלען בעלאַנגען צום אָרדען, איז אַפּאָינטעד געוואָרען אַ קאָמיטע וואָס זאָל אַריינברינגען אַ פאָלשטענדיגען פּלאַן וועגען דעם. די קאָמיטע האָט אין דער 5טער זיצונג פאָרגעשלאָגען אַז פרויען ברענטשעס זאָלען אַריינגענומען ווערען מיט 100$ אינדאָומענט און מיט אַ דאָלער איניציאיישאן צום אָרדען אנשטאַט 2 דאָלער, וועלכע סומע מענער דאַרפען צאָהלען. עס איז דערפאַר בעשלאָסען געוואָרען אַז מען זאָל פרויען ברענטשעס אָרגאַניזירען וואו מען קען.

דעלעגאַט סיגעל איז געווען פּאָרזיצענדער פון דער 5טער זיצונג.

פאָלגענדע מעמבערס זיינען נאָמינירט געוואָרען פאַר די עקזעקוטיוו קאָמיטע:

בלאך, קאָרענפעלד, שטיינער, האָרען, לעווין, ארנאָפּאָל, ג. גאָלדין, אַבראַמאָוויטש, ל. גאָלדין, סעוויצקי, באראָף, פּערסקי, בולגאַטש, ראָדמאַן, מירסק, לעווין, שאַפּיראָ, דעניסאָן, בעקער און זאַק.

דעלעגאַט גאָלדין איז געווען טשערמאַן פון דער 6טער און לעצטער זיצונג. עס איז הויפטזעכליך גערעדט געוואָרען פון פּראָפּאַגאנדא. עס איז בעשלאָסען געוואָרען דאָס די שריפטליכע פּראָפּאַגאנדא פון ארבייטער רינג זאָל געמאכט ווערען דורך׳ן „פאָרווערטס“ און די „פרייע אַרבייטער שטימע“. עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציאָן, אין וועלכער אַלע ברענטשעס פון אַרבייטער רינג ווערען אויפגעפאָדערט צו אַגיטירען און פערברייטען דעם וויסענשאַפטליכען מאָנאַטשריפט די „צוקונפט“. די קאָאָפּעראַטיווע בעוועגונג אונטער די אידישע פאַרטגעשריטענע אַרבייטער איז אינדאָרסירט געוואָרען.

# די אויפטואונגען אויף דער דריטער קאָנווענשאַן און די גרויסע ארבייט פאר די קישינעווער פאָגראָם־קרבנות.

מיר האָבען בכיוון געבראַכט אין פאָריגען קאפּיטעל דעם באַריכט, וואָס איז ערשינען אין דער פּרעסע איבער דער קאָנווענשאָן, אום צו זעהן, אַז ניט אַלע פּונקטען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ׳ן טאַגעס־ארדנונג זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען. אַ סך וויכטיגע פראַגען זיינען אָפּגעלייגט געוואָרען.

דערפאַר איז אָבער אויף דער קאָנווענשאָן באַהאַנדעלט געוואָרען אַ פּונקט, וואָס איז פריהער ניט געווען געשטעלט אויפ׳ן טאַגעס־אָרדנונג און דער רעפּאָרטער, וואָס איז, משמעות, בעת מעשה ניט געווען אין האָל, האָט איהם אויך אינגאַנצען אויסגעלאָזען.

דאָס איז די פראַגע, ווער עס זאָל צאָהלען די קראנקען־בענעפיט, דער אָרדען, צי די איינציגע ברענטשעס.

די פראַגע איז שוין נאָך דער ערשטער קאָנווענשאָן באַשלאָסען געוואָרען דורך אַ רעפערענדום, אַז דער אָ ר ד ע ן זאָל צאָהלען, און ניט די ברענטשעס אַליין.

ברענטש 1 אָבער, וואָס האָט זיך אַנדערע מאָל געהאַלטען העכער פון רעפערענדומס, האָט די פראַגע ווידער אויפגעהויבען.

ברענטש 1, אחוץ וואָס ער איז געווען דער בכור אין אָרדען, איז פשוט געווען פאַראינטערעסירט, אַז די ברענטשעס אַליין זאָלען אויסצאָהלען די בענעפיטס. ער איז געווען „בעסער אָפּ“ פון די אַלע אַנדערע ברענטשעס, סיי אין מעמבערס, סיי אין פינאַנצען.

ער האט ניט געהאט קיין שולדען און האט נאך געהאט עפעס אין דער קאסע אויף „א רעגענדיגען טאג“.

ער, דער ברענטש 1, איז געווען זיכער, אז ער קען אליין דעקען די קראנקען־בענעפיטס און אז עס לוינט איהם ניט צו זיין א שותף צו די איבעריגע, ארעמערע ברענטשעס.

די אנדערע ברענטשעס, איבערהויפט די קאונטרי ברענטשעס, האבען אזא באשלוס געהאלטען פאר א פארשוועכונג פון דער ארבייטער רינג אידעע: „אלע פאר איינעם און איינער פאר אלע“.

ברענטש 1 איז אבער געווען א גרויסער תקיף, האט געהאט פעהיגע, ערפאהרענע דעלעגאטען, וועלכע קענען „דורכפיהרען א זאך“, און עס האט שיער ניט געהאלטען, דער פארשלאג פון ברענטש 1 זאל דורכגעהן.

די „קאונטרי־דעלעגאטען“ זיינען ניט געווען גענוג באהאווענט אין הלכות קאנווענשאנס און האבען אויסער דעם געקוקט אויף דעם עלטסטען ברענטש פון אונטען ארויף.

האט די לאגע געראטעוועט הלל זאק, צום ערשטען מאל א דעלעגאט פון בר. 20. ער האט גענומען דאסווארט און האט אין א באגייסטערטער רעדע באוויזען, אז דער הויפט־כח פון ארבייטער רינג ליגט אין דעם, וואס דער שטארקערער קומט צו הילף דעם שוואכערען, און וואס די מאטעריעלע און גייסטיגע נויטען פון די מיטגלידער זיינען צוזאמענגעשמאלצען אין ארדען. די נשמה פון ארדען איז דער קאאפעראטיווער געדאנק, די געמיינשאפטליכקייט און ניט די זעקס דאלאר בענעפיט. און אויב בר. 1 איז קעגען שותפות־בענעפיטס, איז ער ממילא אויך קעגען דער גרונד־אידעע פון ארבייטער רינג, קעגען זיין גייסט און זיין נשמה.

זאק׳ס רעדע האט געהאט א גרויסע ווירקונג.

דער טשערמאן פון יענער זיצונג איז געווען ה. גאלדין. אלס דעלעגאט פון בר. 1 האט זיך איהם געוואלט, די קאנווענשאן זאל אננעמען די רעקאמענדאציעס פון זיין ברענטש, אבער אלס טשערמאן פון דער קאנווענשאן־זיצונג האט ער פארשטאנען, אז דאס וועט זיך נאך זאק׳ס איבערציינגענדיגער רעדע ניט איינגעבען.

כדי ניט צו קריוודען ברענטש 1, האט זאק צום שלום געמאכט א פארשלאג, אז די פראגע זאל אפגעלייגט ווערען אויף א יאהר. דער פארשלאג איז מיט א גרויסע מאיאריטעט אנגענומען געווארען און פון דעמאלט אן איז די פראגע קיינמאל מעהר ניט אויפגעהויבען געווארען.

אויסער דער פראגע מכח די צאהלונגען פון קראנקען־בענע־פיט, האט די קאנווענשאן באשלאסען:

1) איינפיהרען קאנסאמפשאן־בענעפיט.

2) פרויען־בראנטשעס זאלען אריינגענומען ווערען מיט 100 דאלאר ענדאומענט, מיט א דאלאר איניציאיישאן, אנשטאט צוויי דאלאר, און

3) ארויפלייגען א מאראלישען חוב אויף די מיטגלידער פון ארבייטער רינג, צו קויפען זאכען מיט'ן יוניאן לייבעל און צו נוצען יוניאן־ארבייטער.

די קאנווענשאן האט אויך ארויסגעטראגען א רעזאלוציע וועגען קישינעווער פאגראם

די רעזאלוציע וועגען קישינעווער פאגראם, וואס האט דער־מאלט אויפגעשטורעמט די גאנצע אידישע גאס אין אמעריקע, איז ניט געווען בלויז א פארדאמונגס־רעזאלוציע קעגען דער צארישער באליאסטרע און א סימפאטיע־רעזאלוציע פאר די פאגראם־קרבנות, זי האט אויך אויפגעפאדערט די בראנטשעס צו העלפען די פאר־אומגליקטע פינאנציעל.

די ברייטע און ווארעמע מענשליכע הארץ פון דעם נאך יונגען ארבייטער־ארדען האט אנגעפאנגען שנעל צו קלאפען פאר די אידען אויף יענער זייט ים, וועלכע די כוליגאנעס האבען געמארדעט, גע־שענדעט, גערויבט, געפלינדערט און אנגעטאן אלערליי קערפער־ליכע און גייסטיגע יסורים.

די הילף־ארבייט פון ארדען פאר די קישינעווער פאגראמען בילדעט איינע פון די שענסטע זייטלאך אין זיין געשיכטע.

## דער ענד פון דער „פייגענבוים־עפאכע"

מיט דער דריטער קאנווענשאן האט זיך געענדיגט די „פייגענבוים־עפאכע" אין ארבייטער רינג.

פייגענבוים'ס פארדינסטען פאר'ן ארדען זיינען אונגעהייער גרויס. ער האט דורכגעטראטען דעם וועג, ער האט געטאן פיאָ־נירען־ארבייט. פאר זיין צייט האט דער ארדען דורכגעמאכט פארשידענע קינדער־קראנקהייטען. און אלץ איז געפאלען אויף פייגענבוים'ס קאפ.

און די באלוינונג?

זלזולים, באשולדיגונגען, בלוט־צאפעניש.

אויף דער דריטער קאנווענשאן האט פייגענבוים רעזיגנירט פון זיין „פעטען דזשאב" און דער נאציאנאלער סעקרעטער (פריהער

טעמפארערי, שפעטער פערמאנענט) איז געווארען דער פארשטאר־בענער ל. ראזענצוויינ.

פייגענבוים האט זיך דעמאלט געזעגענט מיט די מיטגלידער פון ארבייטער רינג דורך דעם העקטאגראפישען צושריפט.



The Workmen's Circle

ארבייטער רינג

National Executive Committee

HEADQUARTERS:
261 HENRY STREET.

B. FEIGENBAUM,
GENERAL SECRETARY.

Office Hours: 4-9 P. M.

New York, May 13 1903

צו אלע מיטגלידער פון ארבייטער רינג.

ווערטהער פריינד!

היינט האבען מיר פון אייך אפגעזאגט אלס אייער נאציאנאל סעקרעטער. און באנקעטיג אייך הערצליך פאר דעם פערטרויען וואס איהר האט מיר געשענקט. דערביי איך אייך, דאסזעלבע פערטרויען צו שענקען מיין (פערווייל טעמפארערי און דערנאך האפענטליך פערמאנענטען) נאכפאלגער, פריינד ל. ראזענצווייג. איך קען איהם אייך הערצליך רעקאמענדירען אלס א טרייען און ערגעבענעם קעמפפער און אונזערע רייהען פון פראלעטאריער "חבר" וואו דער אונטערשרייבער, און איך האף אז ער וועט פארזיכערען די לייטונג פון אונזער [illegible] און פארהאלטען גוט וואס [illegible] און האפענטליך מיט אייער ענערגישער אונטערשטיצונג.

פערבלייבענדיג אייך מיין ברידערליכען דאנק. ווינשענדיג פיינען אונזער ארגאניזאציאן מיט אייער בעסטער קרעפטען, [illegible] מיט איהר פרייהייט וואס איז, [illegible]

פייגענבוים׳ס אוועקגעהן איז אבער ניט געווען אזוי גלאטיג. עס האט איבערגעלאזען א זויערען נאך־טעם. פייגענבוים׳ן האט מען געהאלטען פאר א שקלאף און אלס א שקלאף האט ער געמוזט אוועק בשן ועין. און גוטע ברידער האבען זיך שטענדיג געפונען, וועלכע זאלען אט די מצוה דורכפיהרען מיט גרויס הנאה ביי זייער „שקלאף", וואס איז, אגב אורחא, געווען אין יענער צייט דער רע־דאקטאר פון „צוקונפט" און איינער פון די וויכטיגסטע לעהרער און אויפקלעהרער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

ווען ל. ראזענצווייג איז געווארען דער נאציאנאלער סעק־רעטער, האט פייגענבוים, פארשטייט זיך, געמוזט מיט איהם בלייבען א וואך צייט און איהם איבערגעבען די ביכער. פאר דער וואך האט ער פארלאנגט מען זאל איהם באצאהלען די סומע פון 15 דאלאר (א וואך שכירות). די נ. ע. ק. האט איהם די סומע באוויליגט.

ברענטש 1 — פייגענבוים׳ס אונערמידליכער מקטרג — האט אויפגעהויבען א גוואלד. סטייטש! בארויבען דעם ארבייטער רינג! פופצעהן טאלער! פאר וואס? פאר ווען? ווי ערלויבט זיך עס פייגענבוים צו נעמען אזוינע בלוטיגע געלד? און וואס פאר א רעכט האט די עקזעקוטיווע געהאט דאס צו טאן?

פייגענבוים האט אבער געהאט א סך חסידים און כתם גוטע פריינד, וועלכע האבען ניט געקענט פארטראגען די שמוץ, וואס ברענטש 1 האט אויף איהם געווארפען.

פון אט די פייגענבוים׳ס פריינד האט איינער, ראזענבלום פון פילאדעלפיע, געשריבען אין „פארווערטס" א שטארקען פראָ־טעסט קעגען ברענטש 1, פאר דעם וואס ער באליידיגט אזוי פייגענבוים׳ן.

דיזער פראטעסט האט נאך מעהר געגאסען אויל אויף׳ן פייער און מאנכע מיטגלידער פון ברענטש 1 זיינען געווארען נאך מעהר אויפגעקאכט אויף פייגענבוים׳ן און זיינע פארטיידיגער.

ש. בולגאטש, האט דורך א לאנגע ערקלעהרונג אין „פאר־ווערטס" (מאי 22טען, 1903) זיך פריהער אויסגע׳טענה׳ט מיט ראזענבלום׳ען, למאי ער איז מיט זיין פראטעסט ארויס אין דער עפענטליכקייט און האט דאס ניט געשיקט צו ברענטש 1. דערנאך האט ער זיך גענומען צו פייגענבוים׳ען און האט איהם גאר ניט גע־שאנעוועט. אט זיינען איניגע כאראקטעריסטישע ציטאטען פון בולגאטש׳ס ערקלעהרונג:

„ניט די 15 דאָלער שפּילט דאָ די ראָלע, נאָר די חוצפּה פון פריינד פייגענבוים זיי צו פארלאַנגען, און נאָך מעהר די אונגערעכטע האַנדלונג פון זיינע פליגעל־אדיוטאַנטען די 15 דאָלער צו באוויליגען. פייגענבוים האָט ביי אונזער לעצטער קאָנווענשאָן רעזיגנירט, ערקלעהרענדיג, אַז ער איז קראנק. ווי האָט פייגענבוים געקענט טענדען דעם אָפּיס אויב ער האָט אונז קיין ליגען ניט געזאָגט אַז ער מוז גלייך רעזיגנירען, ווייל ער איז געפעהרליך קראנק? צווייטענס, אויב ער איז ניט קראנק און האָט נאָך זיין אַרבייט געקענט טענדען, מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער רעזיגנירט בעפאָר זיין צייט איז אויסגעגאַנגען אָהנע זאָגאר אונז איין וואָך נאָטיס צו געבען? דריטענס, די קאָנוועגשאן האָט דאָך זיין רעזיגניישאָן אָנגענומען און אַן אַנדערען אויף זיין פּלאַץ גלייך אָנגעשטעלט, היינט ווי נעמט מען זיך די חוצפּה גאַנץ נייע 15 דאָלאר צו פאַרלאַנגען פאר אַרבייט וועלכע ער האָט לויט זיין אייגענער ערקלעהרונג ניט געקאָנט, און קיינער האָט איהם אויך ניט געהייסען טהאָן?"

**און ווייטער:**

„די באַשולדיגונג פון פריינד ראָזענבלום אַז ברענטש 1 איז געגען די 15 דאָלאר נאָר משנאת המן איז אַ פּאַלשע (אָבגלייך אַ המן איז ער). פּערזענליכקייטען געהען נור אָן ביי איהך, די תּיאָקריטישע און אבסאָלוט פאַלשע, אונפערדיענטע, רעזאָלושאָנס, דאַנקבאַרקייט, אויסרופע האָך און 3 מאָהל האָך פאַר פריינד פייגענבוים, וועלכער האָט פאַר דעם אַרב. רינג זייער וויניג געאַרבייט, און איז צימליך גוט בעצאָהלט געוואָרען: דען 15 דאָלאר א וואָך צאָהלט מען ביי אונז אין דער בעוועגונג ניט פאַר אַ שיינעם נאָמען... פריינד פייגענבוים האָט נאָך אַלס פאַרלויפיגער עקז. דעלעגאַט פון דער קאָנוועגשאן קיין איינעם פון אונזערע מיטינגען ניט בייגעוואָהנט, עקסעפּט די פּאָאר מינוטען ווען מען האָט איהם זיינע 15 דאלער בעוויליגט. ביי דער זעלבער געלעגענהייט האָט ער אָנגענומען אונז צו רערעזענטירען אַלס דעלעגאַט צו דעם פיעל וויכטיגען קאָנפערענץ, איינבערופען פון די יונייטעד היברו טשאַריטעס, וואו אַללע פּראָגרעסיווע און אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציאָנען זיינען געווען פערטראָטען, און עס איז אַבסאָלוט נויטווענדיג געווען אַז אויך אונזער שטימע זאָל דאָרט געהערט ווערען. נון, האָט פריינד פייגענבוים אונז בלויז פערשפּראָכען צו רעפּרעזענטירען, געטענדעט האָט ער עס אָבער ניט, ווילט איהר דאָך פיעלליכט דיינקען, אַז ער איז קראַנק געווען. אָה, ניין, חלילה, די „צוקונפט" וואָלט אַזאַ וויסענשאַפטליכער זשורנאַל ניט געקאָנט זיין, ווען ער „פייגענבוים", וואָלט צו איהר עקסקוירשען אַליין אַלס רעדאַקטאָר ניט מיטגעפאָהרען! יאָ, פאַלשטענדיג ריכטיג! עס איז ווייל

געגען פייגענבוים פראטעסטירען מיר, איין אנדערען וואלטען מיר זיכער געטריט פון דעם ארבייטער רינג ארויסצואווארפען!

בולגאטש האט דא אויסגעדריקט די שטימונג וואס האט געהערשט אין ברענטש 1 קעגען פייגענבוים׳ען.

דער אמת פאדערט צו זאגען, אז בולגאטש׳ס קאמף קעגען פייגענבוים׳ן, ווי די גאנצע שטעלונג פון ברענטש 1 קעגען איהם, איז געווען אן אפשפיגלונג פון די פארביטערטע מחלוקות, וואס זיינען אנגעגאנגען אין דער באוועגונג קעגען דער ס. ל. פ. און קעגען דעם „אבענדבלאט“, מיט וועלכער פייגענבוים איז געווען פארבונדען א לאנגע צייט נאך דער שפאלטונג און נאך דעם ווי דער „פארווערטס“ האט אנגעפאנגען צו ערשיינען, אלס אן אפאזיציע קעגען „אבענדבלאט“.

ביידע צדדים האבען זיך אויפגעווארפען, וואס אין קארט שטעהט. דעניעל דע־ליאן, דער פיהרער פון דער ס. ל. פ., פלעגט ארייגלייגען אין חרם יעדען איינעם, וועלכער איז מיט איהם ניט געווען מסכים, און דער חרם פלעגט באגלייט ווערען מיט אלערליי זידלערייען און באשולדיגונגען אין אונעהרליכקייט, מיט אויפדעקונגען פון פריוואטע, פערזענליכע חטאים און עבירות.

עס פארשטעהט זיך, אז דער צווייטער צד האט אויך אהן רחמנות געשמוצט און געזידעלט איהם אין נאמען פון „הייליגען אידעאל“.

פייגענבוים, אלס איינער וואס האט ניט געהאלטען מיט דער אפאזיציע קעגען דער ס. ל. פ., איז דעריבער געווארען דער שעיר לעזאזל, אויף וועלכע די אידישע געגנער פון דעניעל דע־ליאן׳ס טאקטיק האבען געשאסען זייערע פיילען אין דער פארם פון גיפטיגע, ניט־איבערלייגטע אנצוהערענישען און אפענע באשולדיגונגען.

ווי די פיהרער פון ארבייטער רינג זאלען ניט האבען געוואלט זיין אומפארטייאיש, האבען זיך דאך אין ארדען געמוזט אפשפיגלען די רייסערייען, וואס זיינען פארגעקומען אין דער אלגעמיינער באוועגונג אין דער צייט פון „שפאלטונג“.

אויף בולגאטש׳ס אנגריף האט געענטפערט מיט א פאלקס־שטימע י. אדלער (ב. קאוונער).

אדלער האט זיך אנגענומען פייגענבוים׳ס קריוודע און אין זיין פאלקס־שטימע („פארווערטס“, דעם 28טען יוני, 1903) האט ער צוקלאפט אלע בולגאטש׳עס ארגומענטען געגען פייגענבוים׳ען. אט וואס אדלער האט געשריבען:

„ערשטענס: אויב בולגאַטש האָט אַ קריוודע אויף פריינד ראָזענבלום פאַר וואָס ער האָט זיך געווענדעט צו די לעזער פון „פאָרווערטס" מיט זיין שטימע, ניט צו די עקזעקוטיווע, טאָ ווארום האָט ער נאָכגעטאָן פריינד ראָזענבלום? צווייטענס: און ווען ער האָט דאָס שוין געטאָן, טאָ ווארום זיך האַלטען אַזוי פּאַרטייאיש אַז אפילו אַ בלינדער קען דאָס אַרויסזעהען?

דריטענס: און אויב שוין יא פּאַרטייאיש, טאָ ווארום ניט אַלס עהר־ליכער געגנער?

בולגאַטש זייענדיג אליין ביים קאָנווענשאָן ווייסט גאַנץ גוט, אַז מען האָט די רעזיגניישאַן פון פריינד פייגענבוים ניט אָנגענומען. און ער ווייסט אויך אַז פייגענבוים האָט עפענטליך ערקלעהרט, אַז ער וועט דעם אָפּפּיס ניט לאָזען שטעהן אין מיטען דערינען און אַוועקגעהן — ער האָט בלויז געבעטען אַז די קאָנווענשאַן זאָל בלויז פיר דערווייל אָנשטעלען אַ מענשען ביז ער וועט פיהלען בעסער אין געזונד. דאָס הייסט דאָך נאָך ניט אויף אימער. אין אַ פּאָאר טעג, אַז פייגענבוים האָט זיך געפיהלט בעסער האָט ער גענומען ווייטער דעם אָפּפּיס אַטענדען און צו דערזעלבער ציט איבערגעבען די ביכער מיט אַללע דאָקומענטען צום נייעם — אָדער צום צוקינפטיגען סעק.

און פריינד בולגאַטש האָט דאַכט זיך אַטענדעט דעם ערשטען מיטינג נאָך דער קאָנווענשאַן, דאַן ווען פריינד פייגענבוים האָט פערלאַנגט זיין געוויינליכע וואָך געהאַלט, און האָט דאַכט זיך גאַנץ גוט געהערט ווי דער נייער סעק. ראָזענצווייג האָט אַלליין געאָזגט אַז ווען ניט פייגענבוים, וואָלט ער קיין זאַך ניט געקאָנט טאָן, און אַז פייגענבוים האָט די גאַנצע וואָך שווער געאַרבייט איהם איבערגעבענדיג דעם אָפּפּיס. וואָלט איהר „פריינד" בולגאַטש געוואָלט אַרבייטען אַ וואָך ציט שווער און ביטער פאר א דאנק...? און וואָס איהר זאָגט, אז קיינער האָט איהם ניט געבעטען, איז דאָס ניט ווערט קיין שום פּולווער, ווייל ווען פייגענבוים וואָלט ניט געקומען אַטענדען דעם אָפּפּיס און איבערגעבען די ביכער וואָלט דער אָפּפּיס געמוזט פאַרמאַכט ווערען. און דאַן וואָלט איהר ערשט — אויף אייער שטייגער — אַרויס מיט קולות, מיט געוואַלדען: „סטייטש, ווי איז דאָס געזעהן און געהערט געוואָרען, אַז אַ סעק. זאָל אַללעס איבער־לאָזען אין מיטען דערינען און פערגעסען דעם זיי־געזונד, און דער ארבייטער רינג ליידעט און פערנאכלעסיגט איהרע אלע ביזנעס?"

די גייסטער פון ברענטש 1 האבען זיך סוף כל סוף באַרוהיגט, ווען ל. ראָזענצווייג, פייגענבוים'ס נאָכפאָלגער אַלס נאַ־ציאָנאַלער סעקרעטער, האָט אין „פאָרווערטס" געגעבען פאָלגענ־דע ערקלערונג:

ווערטהער רעדאַקטאָר!

איך שרייב דיזע צײלען כדי צו מאַכען אַן ענדע צו די שמערצליכע מיספערשטענדניסע וואָס קומען יעצט פאַר צווישען דעם עקס סעקרעטער פון אַרב. רינג און מאַנכע פון אונזערע מעמבערס.

איך ערקלעהר דערמיט אַז איך האָב די ביכער אַליין ניט געקענט איבערנעהמען און אַז געוויסע פײגענבוים האָט מיר די גאַנצע וואָך אַ חוץ איין אבענד געצייגט דעם „איין און אויס“ אין די ביכער און דערביי אַלעס נייע אַליין אַריינגעטראָגען, אויך נאָך היינט ווען איך בין ניט קלאָהר אין עפּעס קומט ער אַריין און צייגט מיר יעדען מאָהל ווען איך רופ איהם.

ל. ראָזענצווייג.

# ל. ראָזענצווייג אַלס נאַציאָנאַלער סעקרעטער און די נאַציאָנאַלע עקז. קאָמיטע פאַר׳ן יאָהר 4־1903.

ל. ראָזענצווייג איז געווים ניט געווען קיין גרויסער בריה אין אדמיניסטראטיווע ענינים. זיינע פעהיגקייטען, אין דעם פּרט, זיינען ניט געווען קיין גרעסערע ווי די אין דעם פּרט פון זיין פאַר־גענגער, פײגענבוים, און אַזוי ווי דער פריהערדיגער, האָט זיך אויך דער איצטיגער סעקרעטער מעהר אָפּגעגעבען מיט שריפטליכער און מינדליכער אגיטאציע פאַר׳ן ארבייטער רינג, ווי מיט דער גע־שעפטליכער זייט.

ער פלעגט שטענדיג אויפטרעטען אויף מיטינגען פון ארביי־טער רינג און זיין שריפטליכע פּראָפּאגאנדא האָט ער דורכגעפיהרט אין די נאָטיצען פון „פאָרווערטס“ און „פרייע ארבייטער שטימע“.

ביז דער דריטער קאָנווענשאָן זיינען די דאָזיגע „ארבייטער רינג נאָטיצען“ ערשינען בלויז אין „פאָרווערטס“. אויף דער דריטער קאָנווענשאָן איז באַשלאָסען געוואָרען, זיי צו געבען אויך אין דער „פרייע ארבייטער שטימע“.

די נאָטיצען זיינען ניט געווען פריי. דער ארבייטער רינג האָט פאַר זיי באַצאָהלט וועכענטליך.

גלייך ווי ראָזענצווייג האָט איבערגענומען זיין אמט, איז ארויסגעשיקט געוואָרען פון נאַציאָנאַלען אָפּיס אַ צושריפט, די ברענטשעס זאָלען דיסקוטירען, צי מען זאָל דעם „פאָרווערטס“ און דער „פרייע ארבייטער שטימע“ צאָהלען פאַר יעדען ארטיקעל באַ־זונדער, אָדער יעהרליך, מיט אנדערע ווערטער, צי דער ארבייטער

רינג זאל קויפען „ספיים“ אין די צייטונגען „ריטייל“ אדער „האל־סייל“.

דער ערשטער ארויספאהר פון ל. ראזענצווייג אין דער פרעסע איז געווען דעם 20טען מאי, 1903, וועגען דער לעצטער (דריטער) קאנווענשאן.

אט וואס ער האט אין א באגייסטערטען טאן צווישען אנדע־רעם געשריבען:

איינער וואס האט בייגעוואהנט די קאנווענשאן, האט באלד געקענט זעהען ווער דא קומט זיך צונויף, פרעגען איז ניט נויטיג געווען, ווייל די ווענט האבען פאר יעדען פארקונדיגט, ווער די 1500 מאן, וועלכע ווערען דא רעפרעזענטירט, זיינען.

די ווענט האבען געשריגען אויף א קול:

„אונזער צוועק: שטיצע פאר דעם קראנקען קערפער און גייסט“.

„מיר זיינען פריינדע אין דער נויטה און אין קאמפף געגען דער נויט“.

„איינינגקייט איז קראפט פאר דעם קראנקען ווי פאר דעם געזונדען“.

„הבל וויל ניט מעהר זיין קין’ס ברודער“.

„מיר קעמפפען געגען קראנקהייט, טויט און קאפיטאליזמוס“.

„מיר ווילען אז די נאציאן זאל זיין איין גרויסע בענעפיט סאסייטי“.

אין די נאטיצען האט זיך אפגעשפיגעלט דאס גאנצע לעבען פון ארבייטער רינג, זיינע פריידען און ליידען, זיינע האפנונגען און צוועקען. די ארבייטער רינג נאטיצען זיינען אויך די הויפט שריפטליכע קוועלען (אחוץ, פארשטייט זיך, די תורה שבעל פה), פון וואנען מיר שעפען אונזערע אינפארמאציעס בנוגע די פא־סירונגען אין ארדען זינט דער דריטער קאנווענשאן ביז דעם 7טען דעצעמבער 1904, ווען ראזענצווייג האט רעזיגנירט.

קיינע פראטאקאלען און גענויע געשעפטליכע באריכטען וועגען ארבייטער רינג זיינען פון דער צייט, ווען ראזענצווייג איז געווען אין אמט, ניט איבערגעבליבען. דאס, פארשטעהט זיך, איז זעהר שטארק צו באדויערען.

דורך ראזענצווייג’ס ערשטע „נאטיצען“ דערוויסען מיר זיך, אז „די וואים און לייבאר“, ברענטש 5, וואס איז א געוויסע צייט געווען סוספענדירט, ווייל ער האט ניט געפאלגט דעם באשלוס פון דער נ. ע. ק. בנוגע זיינע שולדען צום נאציאנאלען אפיס, איז צוריק ריאינסטייטעט געווארען.

די נייעס איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס פרייד.

אין יולי 1903 האט די עקזעקוטיווע געצעהלט די שטימען, וואס זיינען אריינגעקומען דורכ'ן רעפערענדום פאר'ן נאציאנאל־סעקרעטער און פאר די מיטגלידער פון דער נאציאנאל־עקזעקוטיווע.

די רעזולטאטען זיינען געווען:

פאר נאציאָנאל־סעקרעטער:

ל. ראָזענצווייג — 595 שטימען
ל. זאקס — — — 93 „

פאר נאַציאָנאל עקזעקוטיווע:

ב. פויגענבוים — 563 שטימען, בר. 3
ת. זאק — — — 538 „ בר. 20
י. אנאפאל — — 535 „ בר. 2
ק. דעניסאָן — — 449 „ בר. 8
ס. שאַפּירא — 401 „ בר. 1
ב. בלאָך — — 400 „ בר. 11
מ. סאָקאָלאָף — 392 „ בר. 3
ק. שטיינער — 358 „ בר. 3
ש. בולגאַטש — 355 „ בר. 1

די איבעריגע נאָמינירטע אויף דער קאָנוועגשאַן, וואס האבען געקראגען ווייניגער שטימען, זיינען דא ניט דערמאָנט.

אלס טשערמאַן פון דער עקזעקוטיווע איז געווען געוועהלט ס. שאַפּירא. ער האט רעזיגנירט א קורצע צייט פאר דער 4־טער קאָנווענשאָן.

ראזענצווייג איז געווען זעהר באַוועגליך. ער פלעגט ארומ־פאָהרען איבער אלע שטעדט און שטעדטלאך, האלטען דארטען לעקציעס, און אין דער אייגענער צייט האט ער אגיטירט פאר'ן ארבייטער רינג.

די צווייגען פון ארדען האבען זיך אין זיין צייט אנגעפאנגען אויסצושפרייטען ווייט, אין איסט און אין וועסט, אין נארטה און סאוטה.

אין יולי 1903 האט דער פּראָגרעסיוו אונטערשטיצונגס פער־איין פון פיטסבורג, פארלאנגט אויפגענומען צו ווערען אלס ברענטש פון ארבייטער רינג. (שפעטער דער באַוואוסטער גרויסער ברענטש 45).

דער ארבייטער רינג פאנגט אויך אן צו שלאגען ווארצלען אין מאסאטשוזעטס, איבערהויפּט אין די אינדוסטרי־צענטערס.

א באַקאַנטמאַכונג פון דער נ. ע. ק. אין מאָנאט יולי לעזט זיך:

פרייגד מאַרגוליס, א מעמבער פון די אלטע עקזעקוטיווע, וועט דיזע וואָך זיין אין באָסטאָן און לאָרענץ. דאָקטאָר קאָניקאָף און שאַראָף זיי־נען געבעטען זיך מיט זיי דורכצורײדען וועגען גרינדען ברענטשעס פון אַרב. רינג אין מאַססאַטשוסעטס סטייט. זיין אַדרעסע איז: ברוין ענד שמיטה, 25 עווערעט סטריט.

געג. יגדל פון לאָרענץ איז געבעטען אויסצונוצען די געלעגענהייט און גרינדען א ברענטש דאָרטען.

דאַ פאַסט זיך צו דערמאַנען, אַז פריהער מיט צעהן יאהר, ווען דער אַרבייטער רינג פעראיין איז אַלט געווען איין יאָהר, האָט איינער פון די גרינדער פונ׳ם אַ. ר. (גרינבערג) זיך אַנגע־פרעגט ביים פאראיין, אויב מען זאָל גרינדען אַ ברענטש אין באָס־טאָן, און דער פאראיין האָט באשלאָסען דאָס ניט צו טאָן.

די צייט איז שוין געוואָרען אַן אַנדערע.

פאַר דער צייט איז געגרינדעט געוואָרען ברענטש 32 אין שיקאַגאַ, וועלכער איז געוואָרען דער שטאָם, פון וועלכען עס האָבען ארויסגעשפּראָצט אַלע ברענטשעס אין דער וועסט און מידעל־וועסט.

דער איניציאַטאָר פון דעם ברענטש איז געווען ב. גילמאַן, (איצט אין נוארק).

אין שיקאַגאַ האָט עקזיסטירט דער „לאָסאַל קלאָב“, און כמעט אַלע מיטגלידער פון דעם קלוב האָבען זיך אַנגעשלאָסען אַן בר. 32.

## דער „בונד“ און דער ארבייטער רינג

בשעת דאַ, ביי אונז אין אַמעריקע, האָט געשפּראָצט און געוואַקסען דער אַרבייטער רינג, פריהער אַלס „פעראיין“ און שפּע־טער אַלס פראַטוירנאַל אַרבייטער־ארדען, איז דאָרטען, אין דער אַלטער היים, אין רוסלאַנד, געוואַקסען די אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

דער גרויסער קאַמף פאַר עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פריי־הייט, וואָס איז געפיהרט געוואָרען קעגען צאַריזם, האָט דעמאָלט איבערגעלעבט זיינע פריהלינגס־יאָהרען.

די רעוואָלוציאָנערע אַרבייט האָט געבליהט אין פּעטערסבורג, מאָסקווע, וואַרשע, קיעוו, באַרדיטשעוו, אָדעס, ביאַליסטאָק, לאָדז, ווילנא, שאַוועל, קאָוונע, וויטעבסק, מינסק און אַלע אַנדערע גרע־סערע און קלענערע שטעדט.

אין רוסלאַנד האָט געבושעוועט אַ שרעקליכע, פינסטערע רע־

אקציע. די שטיצען פון צארישען טראן האבען זיך אנגעפאנגען צו וואקלען, און וואס מעהר דער צאר מיט זיינע טשינאווניקעס זיינען געווארען אומזיכער מיט זייער ממשלה, וואס מעהר זיי האבען זיך געשראקען פאר זייער לעבען, אלץ גרויזאמער איז געווארען זייער קנוט, אלץ גיפטיגער זיינען געווארען זייערע פיילען, וועלכע זיי האבען געווארפען רעכטס און לינקס אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

די איינגעגעבענע אטענטאטען אויף די מיניסטארען באגאליעפאוו און סיפיאגין, פון קארפאוויטש און סאזאנאוו, און שפעטער אויף דעם צאר׳ס אנקעל, דעם מאסקווער גענעראל־גובערנאטאר סערגעי אלעקסאנדראוויטש דורך קאליייעוו, דער ניט־געלונגענער אטענטאט אויף דעם רוסישען טארקוועמאדא, פאביעדאנאסצעוו, האבען ארויפגעווארפען אזא מורא אויף די רוסישע הערשער, דאס זיי האבען באשלאסען אנצואווענדען אלערליי מיטלען אום צו דערשטיקען די רוסישע רעוואלוציע.

אין 1900 איז אין ווילנא פארגעקומען דער אטענטאט פון הערש לעקערט אויף דעם גובערנאטאר פאן־וואהל, און דאס האט נאר מעהר צוטומעלט די מיניסטערשע קעפ פונ׳ם צארען־לאנד און די פיהרער פון דער בלוטיגער צארישער פאליטיק.

דער בלוט־הונד פאן־פלעהווע, וואס האט פארנומען סיפיאגין׳ס פלאץ אלס דער אינערן־מיניסטער, האט באשלאסען צו דערטרינקען די רוסישע רעוואלוציע אין טייכען אידישע בלוט און טרערען.

עס האט זיך אנגעהויבען די סדרה פון גרויזאמע אידישע פאגראמען, צוערשט אין קישינעוו, נאך דעם אין ביאליסטאק, סיעדלעץ און א רייהע אנדערע שטעדט.

דער אידישער רעוואלוציאנער איז דאפעלט פארפאלגט געווארען, אלס רעוואלוציאנער און אלס איד.

עס האט זיך אנגעהויבען א רעוואלוציאנערע עמיגראציע קיין אמעריקע.

הונדערטע און טויזענדע אידישע יונגע־לייט און מיידלאך, וואס האבען זיך געהאדעוועט אין די בונדיסטישע קרייזען און זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן רעוואלוציאנערען געדאנק און באלויכטען מיט׳ן אידעאל פון סאציאליזם, זיינען געקומען קיין אמעריקע יונג, פריש, קאמף־לוסטיג.

די יוניאנס האבען אין אנפאנג צו זיי ניט אפעלירט. די סאציאליסטישע באוועגונג איז געווען צושפאלטען אין דער ס. ל. פ.

און דער ס. פּ. און ניט זייענדיג גוט באהאווענט אין די אורזאכען פון די מחלוקות, זיינען זיי (מיט ווייניג אויסנאהמען) געשטאנען פון ווייטען. אין גאנצען בלייבען פאסיוו האט זיי אבער ניט גע־לאזען דער גייסט פון קאמף, וואס זיי האבען מיט זיך מיטגעבראכט פון דער רוסישער רעוואלוציע. האבען זיי זיך ארגאניזירט אין רע־וואלוציאנערע ארגאניזאציעס צו העלפען מיט געלד די רעוואלוציע אין רוסלאנד, דער עיקר, דעם „בונד“.

אבער אחוץ אט דער ארבייט פאר דער „היים“ האבען זיי אנגעפאנגען צו שטראמען אין ארבייטער רינג, וועלכער האט עפּעס געהאט פאר די אריבערגעקומענע רעוואלוציאנערען א באזונדערען חן, א באזונדערע צוציהונגס־קראפט.

זיי האבען אין די ברענטשעס אריינגעבראכט א שטארקערען רעוואלוציאנערען גייסט און א קאמפּלוסטיגע שטימונג.

עס איז געשלאסען געווארען א שדוך צווישען „בונד“ און ארבייטער רינג, א שדוך, וואס קומט פון געגענזייטיגער ליבע, און האלט נאך אן עד היום.

די „בונדיסטען“ האבען געמאכט שטארקער און רייכער דעם ארבייטער רינג, און דער ארבייטער רינג האט שטענדיג אויס־געשטרעקט א ברודערליכע האנד צום „בונד“ אין רוסלאנד.

## דער סענטראל פארבאנד פון „בונד“ אין אמעריקע און דער ארבייטער רינג.

די אריבערגעקומענע בונדיסטען, וועלכע האבען דא געארבייט צו העלפען דעם „בונד“ אין רוסלאנד, האבען זיך געוועהנליך אר־גאניזירט אין באזונדערע לאנדסמאנשאפטען. די ווילנער — אין א ווילנער בונדיסטישער לאנדסמאנשאפט, די וויטעבסקער — אין א וויטעבסקער ארגאניזאציע, די מינסקער — אין א מינסקער א. אז. וו.

אויף דער איניציאטיווע פון ארקאדיע קרעמער (אלעקסאנדער,) דער פאטער פון „בונד“ און מיכאאיל בערג, וועלכע זיינען געקומען קיין אמעריקע צו קריגען שטיצע פאר'ן „בונד“, איז דעם 12טען דעצעמבער, 1903, אפּגעהאלטען געווארען א קאנווענשאן פון די בונדיסטישע ארגאניזאציעס און בונדיסטישע לאנדסמאנשאפטען.

צו דער קאנווענשאן זיינען געקומען דעלעגאטען פון ניו־יארק, ניו־הייווען, פילאדעלפיא, באסטאן, באלטימאר, פּעטערסאן און שי־קאגא. פון די בונדיסטישע לאנדסמאנשאפטען אין ניו־יארק זיינען

געווען פארטרעטער פון די ווילנער, פינסקער, ביאליסטאקער, דווינסקער, בערדיטשעווער, קאוונער, באריסאווער און מינסקער.

די קאנווענשאן האט באשלאסען צו גרינדען דעם בונדיסטישען „סענטראל פערבאנד אין אמעריקע".

א סך ארבייטער רינג ברענטשעס, וואס האבען שוין פריהער געשטיצט דעם „בונד", האבען זיך פארהאלטען זעהר פריינדליך צו דעם נייעם פערבאנד. זיי האבען באגריסט די קאנווענשאן דורך פארטרעטער און דורך טעלעגראמען.

די קאנווענשאן האט געמאכט בולט דעם פריינדליכען אנטייל פון די ארבייטער רינג ברענטשעס דורך פאלגענדיגער רעזאלוציע.

„מיט פריידען האבען מיר געהערט די באגריסונגען און געלעזען די טעלעגראמען פון די פארשיעדענע ארבייטער רינג ברענטשעס. מיט פארגעניגען האבען מיר געהערט דעם באריכט, דאס 7 ברענטשעס האבען ביגעשטייערט צום פאנד פון „בונד"... די דעלעגאטען פון די ארגאניזאציעס און לאנדסלייט־פעראיינען, וואס זיינען געקומען צו דער קאנווענשאן, דאנקען אט די 7 ברענטשעס פאר זייער סימפאטיע און מיטארבייט. די קאנווענשאן דריקט אויס דעם פארלאנג, דאס די נאציאנאל־עקזעקוטיווע פון ארבייטער רינג — אנשטאט די ברענטשעס זאלען שטיצען דעם „בונד" יעדער פאר זיך, אינדיווידועל — זאל בעסער זעלבסט ארגאניזירען די הילף פון ארבייטער רינג און די שטיצע זאל געשיקט ווערען ניט פון אינדיווידועלע ברענטשעס, נאר פון דער גאנצער נאציאנאלער ארגאניזאציע".

דא זעהט מען קלאר ארויס, ווי ווייט וויכטיג די בונדיסטישע פארשטעהער האבען געהאלטען די מאראלישע שטיצע פון ארבייטער רינג. זיי האבען געוואלט האבען די סאנקציע פון דער נ. ע. ק. אויף דער שטיצע, וואס די ברענטשעס האבען פאר זיך געשיקט.

די מעהרסטע פון די בונדיסטישע לאנדסמאנשאפטען זיינען שפעטער געווארען ברענטשעס פון ארבייטער רינג.

די ווילנער זיינען געווארען ברענטש 43, דווינסקער — נר. 75, קאוונער — בר. 83, מינסקער — בר. 99. דער ביאליסטאקער ברענטש 83 איז ניט געווען אפיציעל א בונדיסטישער ברענטש. אבער כמעט אלע זיינע ערשטע מיטגלידער זיינען געווען בונדיסטען.

עס פארשטעהט זיך, אז די בונדיסטען האבען געקראגען שוין אין די ערשטע יאהרען פון ארדען א גרויסען איינפלוס. א דאנק דעם בונדיסטישען עלעמענט אין ארבייטער רינג איז אויף דער 5טער קאנווענשאן באשלאסען געווארען, דאס יעדער מיטגליד פון

ארבייטער רינג זאל צאהלען דריי סענט א קווארטאל פאר דעם רוסישען רעוואלוציאנס-פאנד.

דער פאנד איז געווארען צוטיילט אויף גלייכע חלקים צווישען די 4 פארטייען: בונד, רוסישע סאציאל-דעמאקראטען, סאציא-ליסטען-רעוואלוציאנערען און פ. פ. ס.

די צאהלונגען צו דעם פאנד האבען אנגעהאלטען ביז אקטא-בער 1911, די בונדיסטען זיינען די גאנצע צייט געווען, און זיינען נאך עד היום, זעהר אקטיוו אין ארבייטער רינג, סיי אין די בראנ-טשעס, סיי אין דער צענטראל-פארוואלטונג.

עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו באהויפטען, אז די מאיארי-טעט מיטגלידער פון ארבייטער רינג האט זיך געהאדעוועט מעהר אדער וויניגער אין רעוואלוציאנערען חדר פון בונד און האט געקראגען די ערציהונג אין די בונדיסטישע קרייזען. דארטען האבען זי געקראגען איהר ערשטע באקאנטשאפט מיט די הויכע, גרויסע, אלמענשליכע אידעאלען.

דער ארבייטער רינג איז א סך שולדיג דעם אלגעמיינעם אר-בייטער-בונד פון ליטא, רוסלאנד און פוילען. דער „בונד" איז געווען דער רעזערוואואר, פון וואנען דער ארבייטער רינג האט רעקרוטירט די גרעסטע צאהל מיטגלידער, בעאמטע און טוער.

דער ארבייטער רינג איז אבער אויך ניט געבליבען קיין בעל-חוב צום „בונד".

די ערשטע און די גרעסטע שטיצע פאר'ן „בונד" קומט פון ארבייטער רינג.

די דעלעגאטען פון „בונד", מאקסים, ליבער, אבראמאוויטש, זיבערט, דער יונג-געשטארבענער וולאדימיר מעדעם, און צולעצט מיכאילעוויטש, האבען געקראגען דעם גרעסטען און שענסטען קבלת פנים פון ארבייטער רינג.

## דער ארבייטער רינג וואקסט און בליהט.

און דער ארבייטער רינג וואקסט. ער וואקסט אין דער טיעף און אין דער ברייט; ער וואקסט מיט יעדען טאג, מיט יעדער שעה.

יעדע וואך קומען צו נייע בראנטשעס, אין שיקאגא, פיטס-בורג, סט. לואיס, סינסינעטי, מינעאפאליס, שוין אפגערעדט אין ניו-יארק סטייט גופא, ווי ניובורג, אלבאני און אין די ארומיגע שטעדט, ווי ניו-דזשוירזי, קאנעטיקוט, מאסאטשוזעטס. ער דער-גרייכט שוין מיט זיינע צווייגען אזש ביז סאן-פראנציסקא.

עפעס דוכט זיך, אז די גאנצע פארבארגענע ענערגיע פון די ערשטע פאר יאהר, ווען פייגענבוים איז געווען נאציאנאלער סעקרעטער, האט מיט א מאדנער קראפט זיך ארויסגעגאסען דרויסען און די כחות, וואס האבען איינינגע יאהר נאכאנאנד געשלומערט, האבען מיט גרויס אימפעט אנגעפאנגען צו ארבייטען.

ווי די בוימער אין פריהלינג שיסען איבער נאכט ארויס און ווערען פלוצלונג באדעקט מיט גרינע בלעטער, ווי די קליינע קוסטעס עפענען אין איין אויגענבליק זייערע קנאספען און ווערען איינגעטונקט אין בלומען, אזוי האט דער ארבייטער רינג אין די יאהרען 1903-1904 ארויסגעלאזען פון זיך גרויסע און קליינע זאנפטיגע צווייגען.

צו דער דריטער קאנווענשאן האט דער ארבייטער רינג געהאט 22 ברענטשעס, וואו עס זיינען געווען 1221 מיטגלידער, און צו דער 4טען קאנווענשאן זיינען שוין געקומען פארטרעטער פון 57 ברענטשעס מיט א מיטגלידערשאפט פון 2688. פאר דער צייט פון דער דריטער ביז דער פערטער קאנווענשאן האט דער ארבייטער רינג צוגעקראגען 35 ברענטשעס מיט 1467 מיטגלידער.

און וואס איז דער וואונדער?

אומעטום, וואו נאר עס זיינען געווען אידישע ארבייטער, האט דער ארדען געהאט זיינע טרייע, איבערגעגעבענע אגענטען, וועלכע האבען געארבייט מיט ליב און לעבען פאר'ן ארבייטער רינג.

אין פראווידענס האט געארבייט פאר'ן ארבייטער רינג, וו. באקסט, אין מאסאטשוזעטס — מ. יגדל און דר. קאניקאף, אין הארטפארד — פיינזילבער, אין פיטסבורג — וויסבערג און פארלענבוים, אין שיקאגא — גילמאן, רובינשטיין, אלפערט, און דער גאנצער „לאקאל קלוב", אין פעטערסאן — וויינטרויב, וועלכער פלעגט ווערען אז א. ר. אגענט, וואו נאר ער פלעגט זיך געפינען. אט ווי עס איז צו זעהן פון די ארבייטער רינג נאטיצען אין „פארווערטס" (מערץ 6, 1904).

וואשינגטאן נעקסט.

א ברענטש אין דער הויפט שטאדט פון דיזער רעפובליק וועט זיין אונזער נעקסטער שריט. די נויטיגע צאהל מענער פאר א ברענטש איז געווען באלד ביים ערשטען אויפרוף, און דיזער אויפרוף איז געמאכט געווארען מינדליך פון אונזער פריינד און סעקרעטער פון ברענטש 13 פעטערסאן, י. וויינטרויב, וועלכער געפינט זיך יעצט אין וואשינגטאן.

אויסער וויינטרויב איז אין וואשינגטאן געווען טעטיג פאר'ן ארבייטער רינג, רובינאוויטש.

אין סינסינעטי האט געארבייט הערי קורצער, אין טרענטאן האט דער נאצ. סעקרעטער זיך געהייסען ווענדען וועגען א. ר. צו גענאסע פאול אורקען, אין טשעלסי צו פריינד שאראף, אין סאן־פראנציסקא צו פריינד ראזענבלאט (היינט אין וואשינגטאן), אין דזשוירזי סיטי און האבאקען צו ה. קאהן, אין גלאווערסוויל צו פריינד ג. שטיין, אין סקענעקטעדי צו נ. לאפידוס, אין יוטיקא צו ס. בוקביינדער.

אין סט. פאול, מינעסאטא, האט מען זיך געווענדעט צו מ. לעבאוו.

זיינען גילמאן און אלפערט מעמבערס פון בראנטש 32 אין שיקאגא, אוועק קיין סט. לואיס, ערב דער אויסשטעלונג, זוכען ארבייט, האבען זיי קודם כל דארטען געגרינדעט א בראנטש (בר. 60). היינט וואוינען ביידע אין נוארק און זיינען נאך עד היום טעטיג אין ארבייטער רינג.

און נאר א דאנק אט די אגיטאטארען, וועלכע האבען אליין געשלעפט די שטיינער און די ציגעל, וועלכע האבען אליין געקנאטען די ליים און האבען דורכגעפיהרט די אנדערע שווארצע „קליין־אר־בייט", איז דער ארבייטער רינג אזוי גרויס אויסגעוואקסען.

דער נאציאנאלער סעקרעטער ל. ראזענצווייג איז געשטאנען אויפ'ן וואך און האט די „אגענטען" געגעבען אלערליי אינסטרוק־ציעס און אינפארמאציעס. אויב ערגעץ־וואו, אין אן ארט, האט זיך א ריהר געטאן, איז ער שוין גלייך אליין געוועזען אויפ'ן פלאץ, אדער אויסגעפונען א פאסיגען גענאסע, אויף וועמען מען קען זיך פארלאזען, אז ער וועט ניט פארבייילאזען די געלעגענהייט צו רעק־רוטירען נייע סאלדאטען פאר דער ארבייטער רינג ארמעע.

די הויפט־קווארטיר פון ארבייטער רינג, וואוהין די אגענטען האבען געשריבען און געקראגען די נויטיגע ידיעות, האט זיך אין יענעם אויפבליהונגס־פעריאד געפונען אויף 229 עלדרידזש סטריט. דאס איז שוין געווען דער פערטער אפיס, זינט דער ארבייטער רינג איז געווארען אן ארדען.

רענט פאר דעם אפיס אין עלדרידזש סטריט האט געקאסט 22 דאלאר און 50 סענט א מאנאט.

גלייך נאך דער 4טער קאנווענשאן האט דער ארבייטער רינג ווידער געמופט.

ער האט פון עלדרידזש סטריט אריבערגעמופט אין א טייע־

רערען אפיס — אין „פארווערטס" בילדינג, 175 איסט בראדוויי, (דער „פארווערטס" האט נאר־וואס געקויפט די בילדינג.)

דא האט געקאסט רענט שוין גאנצע 25 דאלאר א מאנאט.

אין פארווערטס בילדינג איז דער אפיס געווען ניט לאנג, ביז דעם 26טען סעפטעמבער, 1904.

דעמאלט האט זיך דער אפיס אריבערגעקליבען אויף 24 ראטגערס סטריט, מיט 35 דאלאר א מאנאט רענט.

## אגענטען, אבער ניט פאר געלד.

מיר האבען אין פאריגען קאפיטעל געזאגט, אז דער ארבייטער רינג איז אזוי שנעל געוואקסען, ווייל ער האט איבעראל געהאט גוטע, טרייע אגענטען.

זאל מען אבער ניט מיינען, אז דאס זיינען געווען באצאהלטע אגענטען. חס וחלילה! ווער האט דעמאלט געוואלט קריגען געצאהלט פאר זיין ארבייט אין דער באוועגונג? ווער האט גאר געהאט אין זינען, אז פאר אזא ארבייט דארף מען קריגען באצאהלט? ווערמען האט זיך דאס גע'חלומ'ט איבערהויפט, אז דער ארדען דארף צאהלען פאר ארבייט, וואס ווערט געטאן פאר איהם?

די קאנסטיטושאן האט געזאגט, אז דער ארבייטער רינג קען האבען בלויז איין באצאהלטען בעאמטען. איין באצאהלטען בעאמטען און ניט מעהר.

דער איינציגער באצאהלטער איז פריהער געווען פייגענבוים, מיט 15 דאלאר א וואך, און שפעטער ראזענצווייג, מיט 20 דאלאר א וואך שכירות.*)

ברענטש 13 פון פעטערסאן, נ. דזש., האט אמאל באשלאסען צו געבען אלס פרעזענט א גאלדענעם ארבייטער רינג באטאן (קנעפעל) צו די יעניגע, וואס וועלען פארשלאגען 5 נייע קאנדידאטען.

האט דערויף געענטפערט די נאציאנאל־עקזעקוטיווע (18טען אפריל, 1904), אז זי איז געגען דעם באשלוס פון ברענטש, צו געבען וועלכע עס איז מתנות. „דער ארבייטער רינג האט דאס ניט נויטיג. די איינציגע מתנה, וואס דער ארבייטער רינג גיט, איז באגייסטערונג".

*) נאך דער פירטער קאנווענשאן איז אין אפיס אנגעשטעלט געווארען א באי פאר 5 דאלער א וואך אלס אסיסטענט.

דער הארטפארדער ברענטש 15 האט באשלאסען צו האבען א קאנוועגשאן (די ערשטע סטייט קאנווענשאן אין א. ר.) אין הארט־פארד, זונטאג, דעם 23טען אויגוסט, 1903. אויף דער קאנווענשאן איז באשלאסען געווארען צו גרינדען א סטייט קאמיטע, וואס זאל זיך אפגעבען מיט דער ארגאניזאציע פון ברענטשעס אין קאנע־טיקוט סטייט.

ס. סאוועצקי, אן אלטער מעמבער פון ברענטש 2, וועלכער האט זיך שפעטער אריבערגעקליבען קיין וואטערבורי, קאננ., וואו ער איז געווען זעהר אקטיוו פאר'ן ארבייטער רינג, איז ערוועהלט געווארען אלס סטייט ארגאנייזער, פארשטעהט זיך, שלא על מנת לקבל פרס.

ער האט אבער אויסגעגעבען 12 דאלאר הוצאות צו ארגאני־זירען א ברענטש אין אנסאניא, קאננ. איז די נ. ע. געווארען איז כעס, וואס ער האט אויסגעגעבען אזוי פיעל געלד און האט געלאזט סאוועצקי'ן וויסען, אז זי וויל ניט האבען מעהר אזעלכע פאר־שווענדערישע ארגאנייזערס.

סאוועצקי האט קעגען אזא באציהונג מצד דער עקזעקוטיווע צוגעשיקט א „פאלקס־שטימע" צום „פארווערטס". ער האט אנגע־וויזען, אז אפילו אין ניו יארק קאסט געלד צו ארגאניזירען נייע ברענטשעס.

סאוועצקי'ס „פאלקס־שטימע", איז אין „פארווערטס" קיינ־מאל ניט ערשינען. די „פארווערטס"־רעדאקציע האט די „שטימע" איבערגעגעבען צום סעקרעטער, ל. ראזענצווייג.

ראזענצווייג האט דערויף געענטפערט אין „פארווערטס" (יוני, 31, 1904) דורך א לאנגען בריף.

אין ראזענצווייג'ס אפיציעלען ענטפער, האט פריינד בול־גאטש געזעהן א מין „דע־ליאניזם" און האט דעם סעקרעטער אנ־געקלאגט אין דער עפענטליכקייט דורך א „פאלקס־שטימע".

דאס איז געווען די התחלה פון די מחלוקות, וואס זיינען שפעטער פארגעקומען צווישען בולגאטש'ן און ראזענצווייג'ן.

ש. בולגאטש האט אנגעפאנגען צו זיין אומצופרידען מיט ראזענצווייג'ן אויך צוליעב אן אנדער זאך. ווען ראזענצווייג איז געווארען דער סעקרעטער פון ארבייטער רינג, האט ער שטודירט לאו.

בעת ער האט געענדיגט, האט ער אויף די אפיציעלע אפיס־

בריף אוועקגעשטעלט זיין טיטול „לאיער" און זיין לאו־אפיס. בולגאטש האט קעגען דעם שטארק פראטעסטירט. „מיר דארפען אדווערטייזען דעם ארבייטער רינג און ניט א פריוואטען „לאו־אפיס" — האט בולגאטש גע'טענה'ט.

און עס האט זיך אנגעפאנגען א גאנצע חד־גדיא, וואס האט געפיהרט צו ראזענצווייג'ס רעזיגנאציע.

נאך א פאקט, וואס באווייזט ווי אזוי מען האט געקוקט אין די ארבייטער רינג קרייזען אויף צו גרויסע הוצאות.

די ערשטע פינף קאנווענשאנס פלעגען זיך עפענען פרייטאג אווענט און די זיצונגען זיינען פארגעקומען שבת און זונטאג. יעדער דעלעגאט האט געקראגען צו צוויי דאלאר א טאג „פאר דעם פארלוסט פון ארבייטס־צייט".

אזוי איז בפירוש געשטאנען אין דער קאנסטיטושאן (ארטיקעל 16, ז. 34).

עס איז אויפגעהויבען געווארען די פראגע, אויב מען דארף באצאהלען פאר זונטאג אדער ניט.

בעפאר דער נעקסטער קאנווענשאן האט די עקזעקוטיווע גע־בעטען א הסכמה דורך א רעפערענדום, אז די קאנווענשאן זאל דוי־ערען דריי טעג, פון פרייטאג אווענט ביז מאנטאג אווענט.

דער רעפערענדום האט דערצו מסכים געווען מיט 907 געגען 762 שטימען. ברענטש 13 האט אנגענומען א רעזאלוציע געגען דעם באשלוס, און אלס פראטעסט האט ער באשלאסען ניט צו שיקען קיינע דעלעגאטען צו דער „דומער דומע".

די רעזאלוציע איז געווען געדרוקט אין דער „פרייע ארבייטער שטימע".

דעם באשלוס האט נאכגעפאלגט דער צווייטער ברענטש פון פעטערסאן, בר. 30.

די זעקסטע קאנווענשאן נעמט אן א רעזאלוציע אויפצופא־דערען די צוויי ברענטשעס צוריקצוציהען זייערע רעזאלוציעס דורך דער זעלבער צייטונג, וואו זיי זיינען געווען געדרוקט. אין פאל, זיי וועלען דאס ניט טאן, זאל ברענטש 13 ווערען באשטראפט מיט 50 דאלאר און ברענטש 30 מיט 25 דאלאר. די געלד זאל ווערען אוועקגעגעבען: 25 דאלאר צום בערקמאן פאנד, 25 דאלאר צו דער אלמנה פון יאהאן מאסט און 25 דאלאר צו דעם מאיער און היי־וואוד פאנד.

די שטראף איז פון די ברענטשעס ארונטערגענומען געווארען ביי דער 7טער קאנווענשאן.*)

## די נאַציאָנאַל־עקזעקוטיוו קאָמיטע פאנגט אָן צו ערלויבען צווייטע ברענטשעס.

אז דער ארבייטער רינג האט זיך אנגעפאנגען שטארק צו פארשפרייטען, האבען א סך פון זיינע פריהערדיגע „רולס" געמוזט בטל ווערען.

מאנכע זיינען בטל געווארען אומבאמערקטערהייט, ניט אנ־פרעגענדיג ביי קיינעם, אנדערע ענדערונגען זיינען דורכגעפיהרט געווארען מיט דעם הסכם פון די מיטגלידער דורך אן אוראפשטי־מונג. אזוי צי אזוי, די פריהערדיגע גרעניצען האבען זיך גע־מוזט אפרוקען ווייטער און די פריהערדיגע באשרענקונגען זיינען באזייטיגט געווארען.

ווי מיר געדענקען, איז אין אנפאנג געווען א מנהג ניט אריינ־צונעמען א צווייטען ברענטש אין א שטאדט אהן דער הסכמה פון דעם ערשטען ברענטש. אפילו אין ניו־יארק גופא איז מעהר געווען די טענדענץ צו פארגרעסערען די צאהל מיטגלידער אין די עקזיס־טירענדיגע ברענטשעס, איידער די צאהל ברענטשעס.

דער רוף איז געווען: מ ע ה ר מ ע מ ב ע ר ס און ניט מ ע ה ר ברענטשעס.

אין ניו־יארק האט מען זיך ניט געקענט העלפען. איבערהויפט שפעטער, ווען עס האבען זיך אנגעפאנגען אנצושליסען אן ארביי־טער רינג גאנצע סאסייעטים און לאנדסמאנשאפטען.

אין די קלענערע שטעדט האט מען זיך א פאר יאהר גע־האלטען אן דעם חוק, ניט צו אינסטאלירען צווייטע ברענטשעס דעמאלט, ווען די נייע קאנדידאטען האבען געקענט ווערען מיט־גלידער פון די ערשטע ברענטשעס.

שפעטער האט מען דעם מנהג בטל געמאכט אפילו אין די קלענערע שטעדט.

די ערשטע שטאדט, וואו עס איז געגרינדעט געווארען א צווייטער ברענטש, איז געווען פעטערסאן, נ. דזש.

*) פראטאקאלען זעקסטע יעהרליכע קאנווענשאן, זייטע 68; רעפארט און רעקאמענדיישאנס פון דער עקז. זייטע 15; פראטאקאלען זיבעטע יעהרליכע קאנווענשאן, זייטע 91 און 94.

צום ברענטש 13 איז שפּעטער צוגעקומען דאָרטען ברענטש 30, וואוהין עס האָבען זיך איבערגעקליבען נאָכ'ן סטרייק אין סאָמיט, נ. דזש., די מיטגלידער פון ברענטש 16.

ברענטש 13 האָט פריהער דאָס ניט געוואָלט ליידען, אָבער שפּעטער איז ער מרוצה געוואָרען.

די צווייטע שטאָדט נאָך פּעטערסאָן, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ צווייטער ברענטש, איז געווען האַרטפאָרד, קאָננ. דאָס איז געווען ברענטש 95.

„מיר ווילען באַהויפּטען, האָט ראָזענצווייג געשריבען, אַז דאָס וואָס פּעטערסאָן קען, קען אויך האַרטפאָרד."

עס איז פאַר דער צייט פאָרגעקומען נאָך אַ וויכטיגע ענדערונג. דאָס איז די גרויס פון די קוואָרטאַלען. ווען דער אַרבייטער רינג איז געוואָרען אַן אָרדען, איז דער יאָהר איינגעטיילט געוואָרען אין זעקס קוואָרטאַלען, צו צוויי מאָנאַט אַ קוואָרטאַל. שפּעטער איז דער יאָהר באַשטאַנען פון פיער קוואָרטאַלען, צו דריי מאָנאַט אַ קוואָרטאַל.

די דזשענעראַל דיוס פאַר דעם ערשטען קוואָרטאַל אין 1904, איז געווען $1.42.

איידער מיר געהען ווייטער, ווילען מיר אויפמערקזאַם מאַכען אויף אַ זעהר שעהנעם באַשלוס פון דער נ. ע. ק. בעת ראָזענצווייג איז געווען גענעראַל-סעקרעטער.

אַז איינער האָט געוואָלט ווערען אַ מיטגליד אין אַ ברענטש אַ. ר. האָט ער, פאַרשטעהט זיך, געמוזט האָבען, אַז אַ מיטגליד פון ברענטש זאָל איהם פאַרשלאָגען. ווי איז אָבער דער דין, אַז דער קאַנדידאַט האָט ניט געהאַט קיין באַקאַנטע אין ברענטש?

האָט די נ. ע. ק. געלאָזט וויסען דורך ראָזענצווייג'ס נאָטיצען, אַז

„עלענדע מענשען, וועלכע האָבען ניט ווער עס זאָל זיי פאַרשלאָגען אין אַ ברענטש, קענען אריינקומען אין אירגענד וועלכען ברענטש, אויב זיי ווערען פאַרגעשלאָגען פון די דאָזיגע פעראיינען: ביאַליסטאָקער יאָנג מענס, יאָנג מענס עדיוקיישאָנאַל ליעג, „צוקונפט" פּרעס פעדעריישאָן, עסטרייכישער בילדונגס-פעראיין, און „פאָרווערטס" אַסס'ן".

דעם 9-טען פעברואַר, 1904, האָט דער אַרבייטער רינג דערגרייכט דעם פופציגסטען ברענטש נומער. אַ גרופּע וואַרשעווער לאַנדסלייט, זיינען אינסטאַלירט געוואָרען אַלס ברענטש 50.

דיזער נומער איז באטראכט געווארען אלס דער פופציגסטער יובילעאום ברענטש.

נאכדעם ווי דער ארדען האט שוין פארמאגט 50 ברענטשעס, האט דער גענעראל אפיס אנגעהויבען איינצופיהרען א מאדערנעם סיסטעם אין דער בוכפיהרונג פון אפיס.

## די ליידיעס ברענטשעס.

ווי מיר ווייסען, האט די דריטע קאנווענשאן באשלאסען צו גרינדען פרויען־ברענטשעס, וועלכע זאלען מיט דער צייט האבען דיזעלביגע רעכטען און דיזעלביגע פליכטען, ווי די געוועהנליכע רעגולערע ברענטשעס.

מיר זאגען מיט דער צייט, ווייל עס האט אין אמת'ן טאקע געדויערט א פאר יאהר, איידער די פרויען־ברענטשעס זיינען געווארען אין גאנצען גלייכבארעכטיגט.

די פיהרער פון דער נ. ע. ק. זיינען דעמאלט גראד געווען ניט קיין גרויסע „דאמען־פריינד" בנוגע ארגאניזאציאנס־ענינים און אום די ליידיס צו מאכען אפהענגיג אין זייער קאמף פאר פרויען־רעכט אין ארבייטער רינג, האבען זיי שטענדיג גע'טענה'ט, אז דער אינשורענס דעפארטמענט ערלויבט ניט קיין באזונדערע פרויען־ברענטש אין אן ארדען. די פרויען זיינען אפטער קראנק און זייער „אינשורענס־רייט" איז אן אנדערע, ווי ביי די מענער.

די דריטע קאנווענשאן האט אבער באשלאסען יא צו ארגאניזירען פרויען־ברענטשעס און זעהן, זיי זאלען זיין געזעצליכע ברענטשעס.

בעפאר דער דריטער קאנווענשאן זיינען די ליידיס־ברענטשעס פאקטיש געווען ניט מעהר ווי הילפס־ארגאניזאציעס. אויף זיי איז מקוים געווארען דער פסוק צו זיין אן „עזר כנגדו". זיי האבען ניט געקראגען קיין בענעפיטס און האבען אויך ניט געטראגען די פליכטען פון ארדען.

ערשט די דריטע קאנווענשאן האט באשלאסען צו ארגאניזירען פרויען־ברענטשעס מיט דער האפנונג, זיי שפעטער אויסצוגלייכען מיט די אנדערע ברענטשעס.

ענדע מערץ 1904 איז געגרינדעט געווארען דער ערשטער פרויען־ברענטש.

די אינסטאלליישאן פון ליידיס־ברענטש 1 איז באטראכט גע־

ווארען פאר א היסטארישע געשעהעניש. אט וואס מיר געפינען אינ'ם וועכענטליכען ארבייטער רינג ארטיקעל:

דער ארבייטער רינג טרעט אריין אין א נייע פאזע.

דיזען זונטאג אבענד, וועט אין 126 סאפאלק סטריט, אינסטאלירט ווערען לײדיעס בראנטש נומער 1. די עהרע צו זיין די ערשטע אינסטאלירטע פרויען בראנטש איז צוגעפאלען צו די פרויען פון בראנטש 20, זיי זיינען עס געווען די ערשטע פרויען בראנטש אונטערן ארדען פון אר. רינג און מיט רעכט איז זיי צוגעקומען דער נומער 1 לײדיעס בראנטש אר. רינג, אבער אזוי ווי די פרויען פון בראנטש, ניט זייענדיג אונטערן ארדען, האבען דיזען נומער געטראגען די לעצטע עטליכע יאהר, האבען זיי פערלאנגט פון דער ערשטער פרויען בראנטש אונטערן ארדען, ביי זיי ניט אוועקצונעהמען דעם נומער 1, אונטער וועלכען זיי האבען אויפגעטהאן ווירקליך פיעל גוטעס און אונזערע האמלער פרויען, די פרויען פון בראנטש 20 האבען זיך גרויסמוטהיג ענטזאגט פון דעם נומער 1, וועלכער איז מיט רעכט זיי צוגעקומען, און האבען איהם צוריקגעגעבען צו די פרויען פון ערשטען לײדיעס בראנטש, און היינט האבען מיר די ערשטע פרויען בראנטש ,דאס הייסט די לײדיעס בראנטש נומער 1, בלייבט לײדיעס בראנטש נומער1 אויך אונטערן ארדען, און די לײדיעס בר. נומער 20 פון פריהער, בלייבט יעצט לײדיעס בראנטש נומער 2 אונטערן ארדען.

ער איז פאזיטיוו אן עהרע צו טראגען דעם נומער 1 פון ארבייטער רינג, עס איז אן עהרע צו קענען זאגען „מיר זיינען די גרינדער פון דיזען גרעסטען ארבייטער ארדען" און דערפאר גלויבען מיר אז דער אוועקגעבען פון ערשטען נומער איז א גרויסמוטהיגע, נאבעלע האנדלונג פון די האמלער פרויען. עס איז א האנדלונג ווי עס פאסט פאר פרויען פון אר. רינג.

(פארווערטס, מערץ 27, 1904)

די סעקרעטעריז פונ האמלער לײדיס-בראנטש, וואס האט איבערגעגעבען דעם כבוד זיך צו רופען „לײדיס-בראנטש 1" צו די פרויען פון בראנטש 1, איז געווען מרס. פראדע זאק, די פרוי פון הלל זאק.

פרויען בראנטשעס זיינען אין דער ערשטער צייט, געווארען שטארק אין דער מאדע.

אין ניו-יארק, ברוקלין און די קאונטרי-שטעדט האבען זיך די פרויען אנגעפאנגען צו ארגאניזירען באזונדער.

אין זעלבינען ארטיקעל, וואס מיר האבען פריהער ציטירט, געפינען מיר אט די מעלדונג:

מיר האָבען שוין די נעמען פון די ברוקלינער פרויען ברענטש, וועלכע ווילען אינסטאַלירט ווערען אַלס ברענטש 3 און פון פּעטערסאָנער פרויען אַלס ברענטש 4. פּראָווידענסער פרויען וועלען וואהרשיינליך קריגען נומער 5 און האַרטפאָרדער 6 און דערמיט פאַנגט זיך אָן אַ צוויי־טע בעוועגונג אין אַר. רינג פון וועלכע מיר ערוואַרטען גרויסע און וויכטיגע פאָלגען.

די „צווייטע באַוועגונג" אין ארבייטער רינג איז ניט געווען אזא ערפאָלג, ווי די ערשטע באַוועגונג. די צאָהל פרויען־ברענטשעס איז ניט געוואָרען אזוי גרויס, ווי מען האָט ערוואַרטעט. די צאָהל פרויען־ברענטשעס האָט דערגרייכט דעם ציפער 7: ניו־יאָרק, ברוקלין, פּעטערסאָן, פּראָווידענס, האַרטפאָרד, פּיטסבורג און שי־קאַגאָ.

אנשטאט צו מאַכען יום־טוב פאַר זיך, זיינען די ראַדיקאַלע פרויען אריין אין די געוועהנליכע ברענטשעס.

אייניגע פרויען ברענטשעס זיינען נאָך עד היום פאַראַן.

ביז מען האָט געקראָגען דעם טשאַרטער אין 1905, זיינען פרויען־ברענטשעס געווען באַזונדער. דאָס הייסט, זיי האָבען גע־צאָהלט דיוס, ווי די מענער, אָבער זייערע געלדער זיינען ניט גע־נאַנגען אין דער אַלגעמיינער קאַסע פון ארבייטער רינג. מען האָט, ווי געזאָגט, אַלץ געמיינט, אַז „ליידיס־ברענטשעס" זיינען ניט „ליגעל", הגם אויף דער פּערטער קאָנווענשאָן זיינען געווען צוגע־לאָזען דעלעגאַטען פון אייניגע פרויען־ברענטשעס און האָבען זיך אפילו באַטייליגט אין רעפערענדום.

די חשבונות פון די פרויען־ברענטשעס האָט דער סעקרעטער ל. ראַזענצווייג געפיהרט ניט אין די זעלביגע ביכער פון ארדען, נאָר אין באַזונדערע ביכער.

עס רעדט זיך אזוי, אין „באַזונדערע ביכער". קיין גוט־איינ־געפיהרטע ביכער זיינען בכלל ניט געווען, אפילו ניט פאַר די גע־וועהנליכע ברענטשעס, בפרט נאָך פאַר „ליידיס־ברענטשעס". עס איז געווען אַ ביכעל, אויף וועלכער דער סעקרעטער פלעגט אריינ־שרייבען „קבלתי כמה וכמה", „נתתי כמה וכמה", ניט אין העב־רעאיש, נאָר אין ענגליש.

אז די ליידיס האָבען פּראָטעסטירט קעגען אזא מין פיהרען חשבונות, האָט ראַזענצווייג געענטפערט, אז מען קען זיין ביכעל מעהר גלויבען ווי תורת משה, פון וועלכער ער, ראַזענצווייג, האָט לחלוטין ניט געהאַלטען.

דער עקזאמינער פון דעם אינשורענס דעפארטמענט אין אל־באני, וועלכער איז שפעטער געקומען איבערקוקען די ביכער, איז משמעות, ניט געווען מיט ראזענצווייג׳ס מיינונג. ער האט טהייל־ווייז אויפ׳ן סמך פון ראזענצווייג׳ס ביכער, אפגעזאגט ארויסצוגע־בען א טשארטער דעם ארבייטער רינג.

שפעטער, ווען מען האט דעם ארדען שוין ארויסגעגעבען א טשארטער, זיינען די פרויוען־ברענטשעס נאך אלץ ניט געווען א גע־זעצליכער, גלייכבארעכטיגטער ארגאנישער טייל פון ארבייטער רינג. זיי האבען נאך אלץ עקזיסטירט אלס זעלבסטשטענדיגע, אפגעזונ־דערטע ארגאניזאציעס, צו וועמען דער ארדען איז ניט געווען פאר־אנטווארטליך.

אזוי ווי פרויען־ברענטשעס זיינען ניט געווארען געטשארטערט אלס א טייל פון ארדען און אזוי ווי מען האט נאך די אלע שווע־ריגקייטען, ווען מען האט קוים מיט צרות שוין געקראגען דעם טשארטער, מורא געהאט עובר צו זיין א „לאו“ אין געזעץ, האט די נ. ע. ק. בעפאר דער פינפטער קאנווענשאן געלאזט וויסען די פרויען־ברענטשעס, אז זיי קענען ניט זיין פארטראטען ווי די גע־וועהנליכע ברענטשעס אויף דער קאנווענשאן.

די פרויען האבען דעמאלט אויפגעהויבען א „וויצעקו“. זיי האבען ארויסגעשיקט א בריף צו די ברענטשעס און פאר׳מוסר׳ט די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע און קאנטראל־קאמיטע אלס רעאקציאנערען, וועלכע זיינען געגען גלייכע רעכטע פאר פרויען.

כמעט אלע רעגולערע ברענטשעס האבען אנגענומען רעזאלו־ציעס, וואו מען האט פארדאמט די עקזעקוטיוו און קאנטראל־קא־מיטעט פאר זייער צושריפט און וואו מען האט געפאדערט, אז די פרויען־ברענטשעס זאלען צוגעלאזען ווערען צו דער קאנווענשאן מיט אלע רעכטע.

„כמעט“ אלע ברענטשעס, אחוץ ברענטש 1, וועלכער איז בכלל געווען געגען דעם, אז די לײדיס זאלען ווערען א טייל פון ארדען.

אויף דער פינפטער קאנווענשאן האבען די דעלעגאטען אין אנפאנג דעמאנסטראטיוו באשלאסען צוצולאזען די פארטרעטער פון די פרויען־ברענטשעס צוגלייך מיט אנדערע. ווען מען האט אבער אויף א שפעטערדיגער זיצונג פון קאנווענשאן גענומען פארהאנדלען איבער דעם געזעצליכען סטאטוס פון די פרויען־ברענטשעס, איז מען געקומען אין א פארלעגענהייט. מען האט ניט געוואוסט וואס צו טאן. זיי שטימען איבער אלע פראגען אזוי ווי אלע אנדערע דעלעגאטען, אבער זיי זיינען פארט ניט ווי אלע.

עס איז באשלאסען געווארען צו שיקען א קאמיטע פון דריי צו א לאיער נאך אן עצה: צוויי מענער און איין פרוי.

צי די קאמיטע האט זיך ווירקליך געהאלטען אן עצה מיט א לאיער אדער ניט — איז שווער צו זאגען.

מיר ווייסען נאר, אז די קאנווענשאן האט באשלאסען איבער־צוגעבען די פראגע וועגען פרויען־ברענטשעס (אויך וועגען מאסא־טשוזעטס סטייט טשארטער) צו א קאמיטע פון פיער, וועלכע זאל ארבייטען צוזאמען מיט דער עקזעקוטיוו.

די פיערער קאמיטע איז, ווי די מאדע איז, גלייך אפגע־שטארבען און עס איז געבליבען פאר דער פארוואלטונג אויסצו־ארבייטען א פלאן, ווי אזוי די פרויען־ברענטשעס זאלען קענען אריינגענומען ווערען אלס אן ארגאנישער טייל אין ארבייטער רינג.

צו דער זעקסטער קאנווענשאן איז פארגעלייגט געווארען דער פלאן וועגען א צווייטען קלאס פאר פרויען־מיטגלידער, וואס וועלען עקזיסטירען אין באזונדערע ברענטשעס.*) די פרויען אלס צווייטע קלאס זאלען קריגען צוויי הונדערט דאלאר אינשורענס, אבער קיין קראנקען און קאנסאמפשאן בענעפיט.

צו דער זעקסטער קאנווענשאן זיינען געקומען דעלעגאטקעס פון זייערע ברענטשעס . . .

„די קרעדענשעל קאמיטע האט אפגעגעבען איהר רעפארט, אז זי האט געקראגען איינציגע קרעדענשעלס פון די פרויען־ברענטשעס און רעקאמענדירט זיי צוצולאזען אהן שטימרעכט.

די רעקאמענדיישאן איז אנגענומען געווארען.

שפעטער, ווען דער פארשלאג וועגען צווייטער קלאס איז אנ־גענומען געווארען ביים רעפערענדום, זיינען אינסטאלירט געווארען פיער פרויען־ברענטשעס.

די פרויען פון די איבעריגע ברענטשעס זיינען מיעד געווארען פון קאמף און זיינען אריין אין די רעגעלע ברענטשעס.

די נומערען פון די ברענטשעס זיינען דעמאלט איבערגעמאכט געווארען. אנשטאט 1, 2, 3, 4 און אז. וו., האט מען זיי נומערירט 101, 102, 103, 104 און אז. וו.

די אורזאך איז געווען א גאנץ פשוט'ע: ניט צו האבען פא־ראלעלע ברענטש־נומערען אין ארדען.

---

*) זעה „רעפארט צו דער זעקסטער קאנווענשאן, ז״ז 10, 13, און קאנווענשאן פראטאקאלען ז. 71, ווי אויך רעפערענדום ז. 81“.

אין קאמף פאר פרויען־גלייכבארעכטיגונג אין ארבייטער רינג האבען זיך שטארק אויסגעצייכנט די פרויען דראבקין, זאק, איסקאלסקי, ברוידא, אנא וויסבערג און לייבמאן פון פיטסבורג און אנדערע.

## דער ערשטער אנהויב פון דער סאניטאריום באוועגונג.

די דריטע קאנווענשאן האט באשלאסען צו צאהלען קאנסאמפ־שאן־בענעפיט (100 דאלאר) צו די מיטגלידער, וועלכע זיינען גע־כאפט געווארען פון דער „ווייסער פלאג" און מוזען פאהרען אין די ווייטע מקומות פון וועסט זיך קורירען.

די פראלעטארישע קראנקהייט איז, פארשטעהט זיך, געווען אן אפטער גאסט אין די בראנטשעס פון ארבייטער רינג און דער ארדען האט שוין באצייטענס אנגעפאנגען צו זארגען פאר זיינע מיטגלידער, וואס ווערען איהרע קרבנות.

ניט לאנג בעפאר דער 4טער קאנווענשאן האט זיך געגרינדעט אין דענווער, קאלאראדא, דער סאניטאריום פאר שווינדזיכטיגע.

דער סאניטאריום האט זיך, ווי געוועהנליך, שטארק גע־נויטיגט אין געלד, און אזוי ווי בראש פון סאניטאריום איז גע־שטאנען דר. ספיוואק און אנדערע פון דער ראדיקאלער גאס, האט מען זיך צווישען אנדערע אויך געווענדעט נאך שטיצע צו די ארבייטער רינג בראנטשעס.

דער רוף נאך הילף, וואס איז געקומען אזש פון דענווער, האט געפונען דעם ווארעמסטען אפקלאנג צווישען די נאך יונגע ארבייטער רינג בראנטשעס.

די בראנטשעס האבען ניט נור אליין געגעבען, נאר האבען געמאכט אויך אנדערע צו געבען.

די ארבייטער רינג בראנטשעס זיינען געווארען די אומזיסטע אגענטען פאר'ן דענווער סאניטאריום. אין מאנכע פראווינץ־שטעדט האבען זיי פשוט אויפגעוועקט די פארשלאפענע שוהל־אידען, זיי זאלען צולייגען א האנד צו דעם נייעם מעכטיגען אנשטאלט, וואו פליכטלינגע פון דער ווייסער מגפה זאלען געפינען רוה און היילונג.

די נ. ע. ק. האט געמונטערט און געשטויסען די בראנטשעס צו דער ארבייט און איז געווען שטאלץ מיט די בראנטשעס, וועלכע האבען געהאלפען לייגען דעם פונדאמענט פאר'ן דענווער סאני־טאריום.

אויף דער פערטער קאנווענשאן איז געווארען באשלאסען, אז יעדער מעמבער פון ארבייטער רינג מוז צאהלען 20 סענט א יאהר פאר דעם סאני־טאריום אין דענווער.

דער דענווער סאניטאריום איז שטארק פארפליכטעט דעם ארבייטער רינג סיי פאר דער מאטעריעלער, סיי פאר דער מאראַ־לער שטיצע, וואס דער ארדען האט איהם געגעבען.

דער ארבייטער רינג איז געווען איינער פון די ערשטע גרויסע נאציאנאלע ארדענס, וועלכע האבען פארשטאנען די גרויסע וויכ־טיגקייט פון אזא רעטונגס־פלאץ פאר די געפאלענע אין דער מלחמה פאר'ן לעבען.

דענווער סאניטאריום האט, פארשטעהט זיך, אבגעדאנקט דעם ארבייטער רינג. ער האט זיינע טירען שטענדיג געהאלטען אפען פאר די ארבייטער רינג מיטגלידער. די ערשטע צוויי קראנקע אין סאניטאריום זיינען געווען ארבייטער רינג מיטגלי־דער. אט ווי עס איז צו זעהן פון א באריכט, וואס די נ. ע. ק. האט פארעפענטליכט דעם 5טען סעפטעמבער 1904:

באשלאסען צו שיקען א טעלעגראמע קיין קאלאראדא, צו דער ער־עפנונג פון דעם נייעם האספיטאל, ערהאלטען א בריעף פון דעם פרעזי־דענט פון דעם נייעם האספיטאל אין וועלכען ער שרייבט אז די ערשטע 2 קראנקע וואס זיינען אויפגענומען געווארען זיינען 2 פריינדע פון א. ר. בעשלאסען צו שרייבען קיין קאלאראדא אז זיי זאלען אויפנעה־מען אונזערען א פריינד נאמענס קורלענדער פון בראנטש 11 וועלכער גע־פינט זיך אין קאלאראדא.

דער ארבייטער רינג איז, ווי מען זעהט, ניט נור געווען דער ערשטער צו געבען דעם סאניטאריום מאטעריעלע און מאראלע הילף, נאר אויך דער ערשטער, וועלכער האט צוגעשטעלט די קרבנות, וואס האבען זיך גענויטיגט אין אט דער הילף.

דער סאניטאריום אין דענווער איז געווען דער פארשפיגעל פאר'ן סאניטאריום אין ליבערטי.

## דער סאוועניער צו דער 4־טער קאנווענשאן.

לכבוד דער 4טער קאנווענשאן האט די נ. ע. ק. ארויסגעגעבען א מערקווירדיג שעהנעם סאוועניער מיט ארטיקלען און לידער פון כמעט אלע פראמינענטע אידישע סאציאליסטישע און אנארכיס־טישע שריפטשטעלער און פאעטען.

דער פארביגער, פיעל־קאָלירענדיגער שער־בלאַט דריקט מיט זיך אוים די אידעע פון ארבייטער רינג.

די שטאַלצע, שעהנע געטין פון פרייהייט שטעהט אויף א רונדען זייל און האַלט אין איהר אויסגעשטרעקטער האנד דעם ארבייטער רינג עמבלעם.

דער זייל איז ארומגעוויקעלט מיט א באנד, וואו עס זיינען אויסגעוועבט די ווערטער: „וויר וואָללען די נאַציאָן זאָל זיין איינע גראָסע בענעפיט סאָסייעטי."

א מאַן אין אָוועראָלס (ארבייטס־קליידער) מיט א קאַמפּס־לוס־טיג געזיכט, וואָס דריקט אוים ענטשלאָסענהייט, געהט פאָראוים און טראָגט הויך די פאָהן, אויף וועלכער עס איז אויסגעדריקט די מאָטאָ פון אָרדען: „מיר קעמפפען געגען קראַנקהייט, פריהצייטיגען טויט און קאַפּיטאַליזם".

הינטער איהם מארשירט א גרויסע ארבייטער־מחנה מיט פאָהנען, אויף וועלכע עס זיינען פאָראַן פארשידענע אויפשריפטען, וואָס האבען א שייכות צו דעם כאראַקטער פון ארבייטער רינג.

איין אויפשריפט: ליבע און רעספּעקט פון איינעם צום צווייטען.

א צווייטער אויפשריפט: פריינדשאַפט און סאָלידאַריטעט.

א דריטער: קאַמף און זיעג.

און אזוי ווייטער.

לעבען דעם עמבלעם איז דער דאַטום, ווען דער ארבייטער רינג האט זיך אָרגאַניזירט.*)

## אינהאַלט פון סאָוועניער:

1) אַ בילד ווי די פעלקער שטרעבען צו דער ליכטיגער צוּקונפט — — —

2) 27 בילדער פון פארשידענע פאָרשטעהער פון דער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באוועגונג (זשול געד, זשאַן זשאָרעס, פּאָול לאַפארג, לאַסאַל, מארקס, ענגעלס, עמיל וואַנדערווילדע, ווילהעלם ליבקנעכט, א. וו. קינדמאַן, דר. וויקטאָר אדלער, עדוואַרד בערנשטיין, קארל קאוטסקי, ענריקא פערי, אויגוסט בעבעל, פּאָול זינגער, יודזשין וו. דעבס, אלעקסאַנדער יאָנאַס, סערגאסלעוויטש, הירש לעקערט, סאָ־פיא פעראָווסקאַיאַ, סטעפאַן באַלמאַשאָוו, פּעטער קראָפּאָטקין, מיכאיל

*) דאָ שטעהט, אז דער אַ. ר. איז אָרגאַניזירט געוואָרען דעם 4־טען פעברואר, 1891. דאָס איז, פארשטעהט זיך, אַ טעות. דער אַ. ר. איז אָר־גאַניזירט געוואָרען דעם 4־טען אפּריל, 1892.

באַקונין, דזשאָן מאָסט, פעטער לאַנקאָוו, אהרן זונדעלעוויטש, סערגעי קראוושינסקי (סטעפּניאַק).

3) די העלדען פון דער קאָמונע (דעלעקלאַז, פערי, לואיזע מישעיל, פלאָרענס, מיליער, דאמבראָווסקי און ווערמאָרעל).

4) מאַרטירער בלוט, געדיכט — — — — — — — — — — א. ליעסין

5) בעגריסונג — — — — — — — — — — — — א. ליעסין

6) אַ פּאָעטישער בריעף פון ה. איבסען, פריי איבערגעגעבען — מ. קאַץ

7) א משל מיט א נמשל — — — — — — — — — — — אב. קאהאן

8) דאָס וואָרט און די טהאַט — — — — — — — — — מ. ווינטשעווסקי

9) דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם און די פּראַזען סאָציאַליסטען — — — — — — — — — — — דר. ק. פאַרנבערג

10) דער ארב. רינג און די אידישע באַוועגונג — — — — — ל. פעסקין

11) ווי קומט אַ בענעפיט סאָסייטי צו פּאָליטיק — — ב. פייגענבוים

12) דער שטאַאַט אלס באָס — — — — יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי

13) פרייהייט און סאָלידאַריטעט — — — — — — — ה. זאלאטאראף

14) דער ארבייטער רינג און העגעלס טריאדע — — — — ל. מילער

15) דאָס שיף דער פרייהייט (געווידמעט צו די דעלעגאַטען פון דער 4־טער קאָנווענשאָן א. ר.) — — — — — ת. רויזענבלאַט

16) צו דער 4־טער קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג — יאָזעף באראנדעס

17) א בילד פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד — — — ב. גאָרין

18) א פאנטאַזיע — — — — — — — — — — — — יעקב גאָרדין

19) אינערציע אָנגעווענדעט אויף א סאָציאַלע באַוועגונג — ל. ראָזענצווייג

20) אונזער יעהרליכער פינאַנס בעריכט — — — — — — — — — — —

21) די סמנים (וואָדעוויל) — — — — — — — — — — — ז. ליבין

פון די אַרטיקלען, וואָס זיינען געווידמעט דעם ארבייטער רינג, איז צו זעהן, אַז דער אַרבייטער רינג איז אין די פּאָר יאָהר גוואַלדיג געוואַקסען ניט נאָר אין פינאַנציעלען זין, נאָר — יאָ נאָך מעהר — אין גייסטיגען זין. ער איז געוואָרען די אנגעזעהענסטע ארבייטער־אָרגאַניזאַציע אויף דער אידישער גאַס.

אַז מען דערמאָנט זיך, דאָס מיט דריי יאָהר פריהער, אין 1901, האָט קיינער איהם ניט באַמערקט און יעדער גדול האָט געהאַלטען פאַר אַ פּחיתת הכבוד זיך צו באַשעפטיגען מיט'ן ארבייטער רינג — און איצט, האָבען אַלע איהם געווידמעט אַזעלכע באַגייסטערטע לויב־געזאַנגען און זיך געגריסט מיט איהם, ווי מיט דעם פּער אין דער אַרבייטער־משפּחה, איז אַ סימן, אַז דער אָרדען האָט באַוויזען וואונדער.

נאר א וואונדער־ארגאניזאציע האט געקענט אין אזא קורצער צייט זיך דערהויבען צו אזא הויכער מדרגה, דאס זי איז געווארען דער שטאלץ און די האפנונג פון דער ארבייטער־באוועגונג.

יעדער שרייבער האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג איבער דעם צוועק און די אויפגאבען פון ארבייטער רינג, ווי ער האט סובּ־יעקטיוו פארשטאנען, יעטווידער האט נור באלויכטען איין ווינקעל, איין שטריך פון דעם אָרדען, אבער אין אלגעמיין האט זיך אין די ארטיקלען אפגעשפיגעלט די גאנצע שעהנקייט, די גאנצע הויך און גרויס פון דעם ארבייטער רינג.

עס הערשען גרויסע חלוקי דעות צווישען די פיהרער פון אר־בייטער רינג איבער די מאטיוען, וואס האבען געטריבען די פשוט'ע ארבייטער מיט עטליכע און דרייסיג יאהר צוריק צו גרינד'ען דעם ארבייטער רינג.

אנדערע זאגען, אז דער הויפּט־מאטיוו איז געווען צו האבען אן אייגענע לאדזש, אן ארבייטער־לאדזש פאר בענעפיט־צוועקען. אין די באלעבאטישע לאדזשעס מיט זייערע נארישע צערעמאניעס האבען זיך די ארבייטער ניט גוט געפיהלט. זיי זיינען געווען פרעמדע, האבען זיי געוואלט האבען אן אייגענעם אונטערשטיצונגס־פאראיין אהן די אלע פורים־שפּילער העויות און קאמעדיאנטישע שטיק.

א צווייטער טייל פיהרער וויל האבען, אז די הויפּט־זאך, וואס האט געפיהרט צום געדאנקט צו האבען אן ארבייטער רינג, איז געווען די צוריסענקייט, וואס האט געהערשט אין דער אידישער ארבייטער־באוועגונג.

די איינפאכע, פשוט'ע הארעפּאשניקעס האבען געזוכט א ווינקעל, א שטילען, רוהיגען, גייסטיגען ווינקעל, וואו עס זאל אין די אויערען ניט גריזלצען דער הו־הא פון די מחלוקות צווישען די אנארכיסטען און די סאציאליסטען. זיי האבען געוואלט האבען א מין פאראייניגטען פראנט, וואו אלע ראדיקאלע ארבייטער, אהן אונטערשיד צו וועלכער ריכטונג זיי באלאנגען, זאלען זיך אנ־שליסען.

לויט דער מיינונג פון די ערשטע איז דער גוף פון ארבייטער רינג, דאס הייסט די מאטעריעלע אונטערשטיצונג, געווען דער עיקר, און די נשמה, די סאציאליסטישע אויפקלערונג, בילדונג, איז געווען א צוגאב, א צובוי צום פונדאמענט פון די בענעפיטס.

לויט דער מיינונג פון די צווייטע איז דאס, וואס מיר רופען אן „די נשמה פון ארבייטער רינג", געווען פון אנפאנג אן, שוין

ביים גרינדען, פונקט אזוי וויכטיג, און א סברא, אז נאך וויכטיגער, ווי די בענעפיטס, וואס מען קריגט אויך אין אנדערע לאדזשען.

אזא פּאָלעמיק איז ניט א מעטאפיזישע, ווי דער פּלפּול, וואס עס איז געווען פריהער, די הוהן אָדער די איי.

די פארשידענע מיינונגען איבער די ערשטע און הויפט־אויפ־גאבען פון ארבייטער רינג שפּיגלען זיך אפּ אין זיין פּראקטישער טעטיגקייט.

מיר האבען אין די פריהערדיגע קאפּיטלען געווארפען א ליכט איבער די מאטיווען, וועלכע האבען זיך דערוועקט ביי די ערשטע גרינדער פון ארבייטער רינג פעראיין.

דא ווילען מיר נאר פעסטשטעלען, אז צווישען די סאָציאַ־ליסטישע און, איבערהויפּט, ראדיקאלע שריפטשטעלער האבען אויך געהערשט אט די צוויי מיינונגען.

## יעקב גאָרדינ'ס פאנטאזיע אין יאָהר 1904 וועגען ארבייטער רינג.

יעקב גארדין, וואס איז געווען א מיטגליד אין ברענטש 3 און בכלל א גרויסער חסיד פון ארבייטער רינג, האט אָנגעשריבען אין דעם סאָווועניער לכבוד דער 4טער קאָנווענשאָן „א פאנטאזיע" אונ־טער'ן נאָמען: „ען דאָס זיין?"

ער איז געפאָהרען שפּעט ביינאכט אהיים אויף א קאר — דערצעהלט גארדין — און איז איינגעשלאפען. איז צו איהם גע־קומען אין חלום די פאנטאזיע.

די פאנטאזיע האָט זיך שטארק צושפּילט. ער האָט אָנגע־הויבען צו פאנטאזירען פון יענער גליקליכער צוקונפט, ווען דער ארבייטער רינג וועט האבען 480 ברענטשעס מיט א מיטגלידער־שאפט פון 40 טויזענד.

ס'וועט נאך קומען א צייט, פאנטאזירט גארדין, ווען דער ארבייטער רינג, „די איינציגע אידישע שטארקע, פאראנטווארטליכע ארגאניזאציע, וועלכע אינטערעסירט זיך מיט בילדונג" — אז אט דער ארבייטער רינג וועט איבערנעמען די „עדיוקיישאנאל עלייענס" און וועט דארטען איינריכטען, אנשטאט די איצטיגע „פיפּעלס סי־נאגאג", א „פּיפּעלס יוניווערסיטי", וואו עס וועט יעדע נאכט אפּ־געהאלטען ווערען וויסענשאפטליכע לעקציעס, אנשטאט די איצטיגע דרשות פון מגידים.

ער פאנטאזירט ווייטער, אז אנשטאט „וואס מען פראוועט איצט אין עדיוקיישאנאל עליינס „גאטעסדיענסט“, זאל מען דיענען איינער דעם צווייטען. מען זאל פאר די קינדער איינריכטען „סאנדיי־סקולס“, זיי זאלען זיך צונויפקומען הערען שעהנע מוזיק און אליין זינגען ליעדער וועגען גערעכטע פעהעלטניסע צווישען מענש און מענש. . . .“

ער חלום'ט פון דער צייט, ווען דער ארבייטער רינג וועט איינריכטען מוזיקאלישע קלאסען פון וויאלין און פיאנא, וואו הונדערטע פון אידישע ארבייטער־קינדער וועלען זיך לערנען; ווען דער ארבייטער רינג וועט האבען זיינע ארקעסטערס, זיינע כארען פון זינגער און זינגערקעס; ווען אין דער „עדוקיישאנאל עליענס“, וואס וועט באלאנגען צום ארבייטער רינג, וועט זיין „די רעדאקציאן פון אונזער צייטונג און זשורנאל“; ווען דער ארבייטער רינג וועט האבען פיעלע קליינע אפטיילונגען אין פארשידענע שטעדט, וועט האבען צוויי סאניטאריומס פאר קאנסאמפטיוו קראנקע און א היים פאר אלטע לייט, די מיטגלידער זאלען אויף דער עלטער ניט דארפען געהן אין „מאנטעפריארע האום“.

ווען דער קאנדוקטאר פון קאר, וואו ער, גארדין, האט איינגעדרעמעלט און גע'חלום'ט וועגען די גרויסע זאכען, וואס דער ארבייטער רינג וועט נאך אמאל (ווען ער וועט האבען 480 בראנטשעס און 40 טויזענד מיטגלידער) דורכפיהרען, האט איהם אויפגעוועקט, האט ער זיך אליין א פרעג געטהאן: „קען דאס זיין?“ און ער האט זיך געענטפערט: „פאר וואס זאל דאס ניט קענען זיין? וואס איז דאס אזוינס? אז עהרליכע מענשען מיט שכל און ענערגיע ווילען עס זאל זיין, וועט זיין!“

יעקב גארדין'ס פאנטאזיע, איז, משמעות, ניט געפעלען געווארען ש. בולגאטש'ן, א מיטגליד פון דער נ. ע. ק. און איינער פון דער קאמיטע ארויסצוגעבען דעם סאוועניער.

„פאנטאזירען?“ — שרייבט בולגאטש צו גארדין'ען — „אה! ניין, פריינד יעקב גארדין, דערצו איז דער ארבייטער רינג ניט באשאפען . . .“ און ער רעכענט שפעטער אויס א גאנצע רייהע אויפטואונגען פון ארבייטער רינג, אז דער ארבייטער רינג האלט אויס „די צוקונפט“, אונטערשטיצט דעם „פארווערטס“, האלט אפ לעקטשורס, אונטערשטיצט די קאאפעראטיווע באוועגונג און צום סוף דערצעהלט ער אז . . . צווישען אונזערע מעמבערס געהט אן א שטארקע באוועגונג וועגען בויען א היים פאר'ן ארבייטער רינג“.

„מאנכע ווילען אבער, אז די הויז זאל געבויט און קאנטראלירט

ווערען בלויז פון די ניו־יארקער ברענטשעס, און אנדערע זאגען, עס זאל געבויט ווערען און אויך באלאנגען צום גאנצען ארבייטער רינג, דאס הייסט צום אלגעמיינעם ארדען".

דארויף האט יעקב גארדין געענטפערט:

מעהר פון אלעם ערביטערט מיין יונגען פריינד בולגאטש, נאך וואס איך האב אנגעשריבען א פאנטאזיע. ניט פאנטיזירען, זאגט ער, דארפען מיר, פראקטישע, נוצליכע ארבייט, דארף מען טהאן. אויף דעם וויל איך מיין פריינד בולגאטש ענטפערען: יעדע פראקטישע ארבייט פאנגט זיך אן פון פאנטאזירען. דער פאעט איז דער נביא און א נביא איז א פאעט. די פאעטישע פאנטאזיע זעהט שטענדיג פריהער וואס שפעטער קען מעגליך פערווירקליכט ווערען. אן ענגלישער פאעט בעזאן האט אנגעשריבען א פאנטאזיע וועגען איין ארבייטערס הויז און דיעזע פאנטאזיע איז געווא־רען א ווירקליכקייט. פאר דעם פראקטישען סאציאליזמוס קומט די או־טאפיע. איך בין ניט פאעט גענוג, אבער איך בין גענוג נאר צו זיין א נביא, און צו זאגען, אז אויב דער „ארבייטער רינג" וועט אזוי פראגרע־סירען, ווי ביז יעצט, איז זי די איינציגע מעכטיגע ארגאניזאציאן, וועל־כע קען איבערנעהמען אין איהרע הענד די „עדיוקיישיאנאל אלליעענס". ווארום אין מיין זאגענאנטער פאנטאזיע איז אלעס א פאנטאזיע, אויסער דעם, אז מיט מיר האט ווירקליך געשפראכען איינער פון די הויפט פיהרער פון דעם אינסטיטוט און עס איז א פאקט, אז זיי פיהלען זיך מיעד און אונקאמפעטענט צו פיהרען ווייטער זייערע „ביזנעס" אין דער אידישער געטא. איך מיין גאנץ ערנסט, אז דער „עדיוקיישאנאל אליעענס" וועט זעהר גיך זיין צום האבען". פריינד בולגאטש אייגענטליך פאנטאזירט דאך אויך וועגען אן אייגענעם היים פיר דעם „ארבייטער רינג", פאנטא־זיר איך אביסעל ווייטער און זאג, אז א היים איז שוין דא, מען דארף נאר האבען גענוג איניציאטיווע, ענערגיע, מיטלען און גוטען ווילען אהין אריבער „מופען", אי, וואס דען, מיין פלאן געפעלט אייך ניט? ווינש איך דעם „ארבייטער רינג" אליין רייך אויפבויען א נייעם היים. איין זאך איז קלאר — דער „ארבייטער רינג" דארף ערנסט דענקען וועגען א היים. איך האף, די קומענדע קאנווענשאן וועט שענקען גענוג אויפמערקזאמקייט דיעזער פראגע.

אין יעדען פאל פאנטאזירען וועגען גוטע זאכען איז זאגאר קיין איבעריגע זאך ניט. פאנטאזירט ניט, אז פאנטאזיע איז אלע מאל מעהר גאר ניט, ווי נאר פאנטאזיע!

מיט 21 יאהר צוריק, אין 1904, האט יעקב גארדין, דער גרויסער צו־פריה פארשטארבענער דראמאטורג, גע'חלומ'ט און פאנ־

טאזירט פון אזא ליכטיגער צייט, ווען דער ארבייטער רינג וועט האבען 480 ברענטשעס און 40 טויזענד מיטגלידער און צוויי סאַניטאַריומס און אַן אייגענע היים און אַ סאַנדיי־סקול א. אז. וו. און איצט?

דער אַרבייטער רינג איז אזוי גרויס און הויך געוואַקסען, דאס ער האט אריבערגעשטיגען צוויי מאָל, און אין אנדערע פּרטים, אַ סך מאָל, די דרייסטע פאַנטאַזיע פוּן׳ם פארשטאָרבענעם דראַמאַטורג.

די צאָהל ברענטשעס אין אַרדען איז כמעט צוויי מאָל אזוי פיעל, וויפיעל יעקב גאָרדין האט זיך פאַרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע. די מיטגלידערשאפט, מעהר ווי צוויי מאָל. סאַניטאַריומס האלט דער אַרבייטער רינג אויס דריי. אחוץ דעם אייגענעם סאַניטאַריום אין ליבערטי, נ. י., פון וועלכען יעקב גאָרדין האט פאר זיין לעבען אפילו ניט געטרוימט, ווערען פון די ארבייטער רינג ברענטשעס אין אַ גרויסער מאָס אויסגעהאלטען די סאַניטאַריומס אין דענווער און אין לאָס אנדזשעלאָס.

אנשטאט אײן אייגענע הויז, איין לייבאר־לייסעאום, האט דער אַרבייטער רינג עטליכע צעהנדליג אייגענע לייבאַר־לייסעאומס, וועלכע זיינען אין פארשידענע שטעדט די צענטרען פון בילדונג און אויפקלערונג. אַנשטאט אַ סאַנדיי־סקול — האט דער אַרבייטער רינג איבער נײַנציג שולען, און ניט נאָר איין אָרקעסטער און כאָר, נאָר אייניגע אָרקעסטערס און אייניגע כאָרען האט דער ארבייטער רינג.

די ווירקליכקייט האט אריבערגעשטיגען יעקב גאָרדין׳ס פאַנטאַזיע.

## די 4־טע קאָנווענשאָן.

די 4טע קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ברוקלין, (לידערקראַנץ האָלל) די ערשטע וואָך אין מאי, 1904.

פון דער דריטער ביז דער פערטער קאָנווענשאן זיינען צוגעקומען 35 ברענטשעס און 1467 מיטגלידער.

בעפאָר דער ערעפענונג פון דער קאָנווענשאָן איז פאַרגעקומען אַ פייערליכער, איינדרוקספולער פאראד פון די דעלעגאַטען איבער דעם אָקאַרשט געעפענטען וויליאמסבורגער בריק. די דעלעגאטען האָבען מארשירט מיט אויפגעהויבענע קעפּ און פאקלען אין די הענד.

אויף דער 4טער קאנווענשאן איז באפעסטיגט געווארען דער פאראיאהריגער באשלוס צו צאהלען קאנסאמפשאן בענעפיט, 100 דאלאר צו א מיטגליד, ווען ער ווערט קראנק אויף קאנסאמפשאן און דארף פאהרען אין די ווייטע וועסטערן שטעדט זיך צו קורירען.

די זעלביגע קאנווענשאן, ווי מיר האבען שוין אויבען געזעהן, האט זיך מעהר פארטראכט וועגען דעם פראבלעם פון די שווינד־זיכטיגע מיטגלידער.

דא איז, הייסט עס, געמאכט געווארען די התחלה פונ'ם אר־בייטער רינג סאניטאריום, איבערהויפט מיט דעם שוין אויבען־געבראכטען באשלוס, אז יעדער מיטגליד זאל צאהלען 20 סענט א יאהר פאר דעם נייעם דענווער סאניטאריום.

אויך איז אויף אט דער קאנווענשאן געמאכט געווארען די ערשטע פראבע צו צענטראליזירען די קולטורעלע ארבייט: אז ניט יעדער ברענטש באזונדער זאל טאן די בילדונגס־ארבייט, נאר דער גענעראל־אפיס.

עס איז ערוועהלט געווארען פאר דעם צוועק אן עדיוקיישאנאל קאמיטע.

די קאמיטע האט אבער לאנג ניט עקזיסטירט, און די קולטור־ארבייט איז געבליבען, ווי עס איז געווען פריהער, דעצענטראליזירט.

יעדער ברענטש באזונדער האט דורכגעפיהרט קולטור־ארבייט לויט זיינע קרעפטען און מעגליכקייטען.

אויף דער קאנווענשאן איז אויך באשלאסען געווארען, די קאנטראל־קאמיטע זאל באשטעהן פון ניין מיטגלידער.

דערצו איז נויטיג געווען צו ענדערען א פונקט אין דער קאנס־טיטושאן, וועלכער זאגט:

די נאציאנאל עקזעקוטיווע באשטעהט פון 9 מיטגליעדער פון גרייטער ניו יארק, נאמינירט ביי די קאנווענשאנס און ערוועהלט דורך אן אוראפשטימונג. זי שטעהט אונטער די אויפזיכט פון א קאנטראל קאמיטע, וועלכע בעשטעהט פון איין דעלעגאט פון יעדען ברענטש פון גרייטער ניו יארק".

אויף דער 4־טער קאנווענשאן איז דער פונקט געענדערט גע־ווארען אזוי:

די קאנטראל קאמיטע באשטעהט פון 9 מיטגלידער, נאמינירט אויף די קאנ־ווענשאנס און ערוועהלט דורך א רעפע־רענדום.

די 4טע קאנווענשאן האט אינסטרואירט די נייע עקזעקוטיווע צו זעהן קריגען א טשארטער אזוי שנעל ווי מעגליך.

און דא האט זיך אנגעהויבען דער באוואוסטער שטורעמדיגער טשארטער־קאמף, פאר וועלכען מיר וועלען ווידמענען א ספעציעלען קאפיטעל.

די סעקרעטארען אויף דער 4טער קאנווענשאן זיינען געווען: י. אדלער און י. וויינטרויב.

אלס גענעראל־סעקרעטער זיינען נאמינירט געווארען ל. ראזענצווייג (וואס איז געווען אין אמט) און ב. פייגענבוים, ראזענצווייג'ס פארגענגער.

וועגען דעם רעזולטאט פון רעפערענדום מכח די נאמינירטע קאנדידאטען געפינען מיר א באריכט אין „פארווערטס" פון 10טען יולי, 1904.

פאלגענדע שטימען זיינען אבגעגעבען געווארען פאר די בעאמטע פון ארבייטער רינג פאר קומענדען יאהר:

פאר דזשענעראל סעקרעטער:

| | שטימען | | שטימען |
|---|---|---|---|
| ל. ראזענצווייג, בר. 1 | 1140 | ב. פייגענבוים, בר. 8 | 842 |

פאר עקזעקוטיווע:

| | | | |
|---|---|---|---|
| ה. גאלדין, בר. 1 | 1115 | וו. שאר, בר. 42 | 869 |
| ה. בערלין, בר. 50 | 1048 | מ. הערמאן, בר. 28 | 796 |
| י. לילענבלום, בר. 2 | 1034 | ה. האלפערן, בר. 11 | 739 |
| י. אדלער, בר. 3 | 1032 | ל. סטרוגאטש, בר. 6 | 734 |
| ה. גאלדבערג, בר. 5 | 874 | | |

פאר קאנטראל קאמיטע:

| | | | |
|---|---|---|---|
| פ. לעווין, בר. 1 | 1082 | אלטשולער, בר. 11 | 572 |
| ב. ווארשאווסקי, בר. 2 | 770 | אב. קעזענאוו, בר. 20 | 566 |
| א. סמיטה, בר. 3 | 705 | גאטהעלף, בר. 39 | 564 |
| ה. נעגין, בר. 8 | 639 | באראנאוו, בר. 25 | 528 |
| זשייקאבסאן, בר. 28 | 596 | | |

ה. גאלדין, בר. 1, איז ערוועהלט געווארען טשערמאן פון דער עקזעקוטיווע און ה. גאלדבערג, בר. 5, טרעזשורער.

ה. גאלדבערג איז געווען דער ערשטער טרעזשורער פון ארבייטער רינג. פריהער איז דער גענעראל־סעקרעטער אויך געווען

דער טרעזשורער. גאָלדבערג איז געווען דער טרעזשורער פון אר־בייטער רינג אונגעפעהר דריי יאָהר, ביז וואַנען ער האָט ארויסגע־מופט פון ניו־יאָרק.

די נייע עקזעקוטיווע האָט געמאַכט אַנדערע ענדערונגען אין אָפיס. זי האָט אין מיטען יולי (1904) אַנגעשטעלט ס. שטאָם אַלס בוקקיפּער. זיינע שכירות זיינען געווען 15 דאָלאר אַ וואָך. ווען ל. ראָזענצווייג האָט דעם 7טען דעצעמבער, 1904, רעזיגנירט אַלס נאַציאָנאַל־סעקרעטער, האָט מען שטאָם'ס שכירות געהעכערט ביז 25 דאָלאר אַ וואָך.

## די אויפרופען פאַר די קאָלאָראַדאָ סטרייקער.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען דער היסטאָרישער סטרייק פון קוילען־מיינערס אין קאָלאָראַדאָ.

די קוילען־באַראָנען האָבען אַנגעווענדעט כל'ערליי מיטלען אונ־טערצודריקען דעם סטרייק.

די רעגירונג איז געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט די קוילען־באַראָנען.

די סטרייקערס מיט זייערע פאַמיליען זיינען ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון זייערע „דירות", האָבען געליטען הונגער און קעלט. זייער געזונד איז געוואָרען אונטערגעגראָבען און זייער לעבען איז געוואָרען הפקר.

די משרתים פון קאַפּיטאַל האָבען אין די שוצלאָזע מיינערס געשאָסען און זיי גאַנץ אָפט מכבד געווען מיט קאַלטע און הייסע געוועהר.

די אייגענטימער פון די מיינס האָבען באַשלאָסען פּטור צו ווערען פון דער קוילען־מיינערס יוניאָן און האָבען זייער באַשלוס געזוכט דורכצופיהרען מיט אַ ברוטאַלער אייזערנער האַנד.

דער קאַמף איז אַנגעפיהרט געוואָרען מיט אַ שרעקליכער פאַר־ביטערטקייט. די גאַנצע ארבייטער־באַוועגונג איז געווען פאַראינ־טערעסירט, דער סטרייק זאָל געוואונען ווערען.

דער ערשטער אַקט פון דער נייער עקזעקוטיווו קאָמיטע פון ארבייטער רינג איז געווען ארויסצולאָזען אַן אויפרוף צו שטיצען די קאָלאָראַדאָ סטרייקערס.

דעם אויפרוף האָט די נ. ע. ק. ארויסגעלאָזען אויף דער אינציאַטיווע פון פּעטערסאָנער בראַנטש 13, ווי עס איז צו זעהן פון דעם פאָלגענדען נאָטיץ פון 10טען יולי, 1904:

די עקזעקוטיוו קאָמיטע פון אר. רינג האָט בעשלאָסען ארויסצו־לאָזען אַן אויפרוף צו אַלע ברענטשעס וועגען עפּעס טהאָן פאַר די קאָ־לאָראַדאָ סטרייקערס, דער פערלאַנג קומט פון ברענטש 13, פון אונזערע וועבער, ער קומט פון יענע וועלכע האָבען שוין מעהר ווי איינמאָהל גע־בלוטעט אין קאַמפּף מיט קאַפּיטאַל און רעגירונג.

מיט א וואָך פריהער, איידער די עקזעקוטיווע האָט ארויס־געשיקט דעם הילפס־רוף, האָט ברענטש 1, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען פאַר א וועלטעל אַז און פאַר זיך, און קען במילא טאָן זאַכען אויפ'ן אייגענעם חשבון, ארויסגעלאָזען אַן אייגענעם אַפּיעל וועגען דעם קאָלאָראַדאָר סטרייק.

דער אַפּיעל פון ברענטש 1 איז ערשינען אין „פאָרווערטס“ דעם 3טען יולי (1904), א וואָך פריהער איידער די נייע נ. ע. ק. איז אריין אין אמט.

די אונטערגע'חתמ'עטע אויפ'ן אַפּיעל פון ברענטש 1, אב עפּ־שטיין, און ש. בולגאטש זיינען, ווען דער אַפּיעל אין ערשינען, נאָך געווען מיטגלידער פון דער אַלטער עקזעקוטיווע.

האָבען זיי זיך, א פּנים, אונטערגעאיילט און פאַרלאָפען דעם וועג פון דער נייער נ. ע. ק.

די נייע נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע איז געווען אונצופרידען, וואָס ברענטש 1 האָט דאָס געטאָן, ווי עס איז צו זעהן פון איהר נאָטיץ, אַז קרעדיט פאַר איהר אַפּיעל קומט ברענטש 13 פון פּע־טערסאָן. דעם אַפּיעל פון ברענטש 1, אונטער וועלכען עס זיינען געווען גע'חתמ'עט צוויי מיטגלידער פון דער אַלטער עקזעקוטיווע, האָט זיי איגנאָנצען איגנאָרירט.

עס איז אבער כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן ארבייטער רינג. אַז א ברענטש האָט געוואָלט אונטערשטיצען א פּיסעל א צווייטען ברענטש אָדער אפילו דער נאַציאָנאַלער פאַרוואַלטונג, האָט ער דאָס געטאָן מיט דעם, וואָס ער האָט ארויסגעוויזען, אַז ער קומט גיכער צו הילף דער ארבייטער־באַוועגונג.

א נאָך־שפּיל צום סטרייק פון די מיינערס איז געווען די אַנ־קלאַגע אין מאָרד ערשטען גראַד געגען די דריי ארבייטער־פיהרער, וויליאַם הייוואוד,*) מאיער און פּעטיבאָון.

די קאַפּיטאַליסטישע יוסטיץ האָט געוואָלט אויפ'ן „געזעצ־ליכען“ וועג טויטען די דריי פיהרער פון מיינער־סטרייק און נעמען

*) שפּעטער דער פיהרער פון א. וו. וו.

פון זיי נקמה פאר אן אטענטאט, וואס איז געמאכט געווארען אויפ'ן גאווערנאר פון קאלאראדא.

דער משפט פון די דריי אנגעקלאגטע איז איינע פון די אינטערעסאנטסטע זייטלעך אין דעם קאמף צווישען ארבייט און קאפיטאל.

דער אנקלאגער איז געווען דער איצטיגער סענאטאר באראה (דעמאלט א קאנווערוואטיווער מענש).

דער פארטיידיגער איז געווען דער באוואוסטער ארבייטער־לאיער קלארענס דאראו.

דאס לעבען פון די דריי אנגעקלאגטע איז געהאנגען אויף א האר.

צו פיהרען די פארטיידיגונג איז נויטיג געווען גרויסע סומעס געלד, און דער ארבייטער רינג איז ווידער געווען דער ערשטער, וואס האט געגעבען מיט זיין געוועהנליכער אפענער האנד א גרויסען חלק צו דעם פארטיידיגונגס־פאנד.

# דער טשארטער-קאמף.

דער טשארטער־קאמף איז געווען דער ערשטער גרויסער היציגער קאמף, וואס איז פארגעקומען אין די רייהען פון ארבייטער רינג גופא. דאס איז געווען א ברודער־קאמף, וואס איז געפיהרט געווארען מיט גרוים לײדענשאפט. איין צייט האט זיך געדוכט, אז אט דער קאמף וועט פיהרען צו א שפאלטונג, און דאס וואלט אין יענער צייט געהייסען — א סוף פון ארבייטער רינג.

די שונאים פון דער ארבייטער־באוועגונג בכלל און פון ארבייטער־ארדען בפרט האבען דערלעבט א נקמה, זיי האבען זיך געפרעגעלט אין נחת. זיי האט הנאה געטאן דער קאמף, וואס קומט פאר ביי „די געגאסען צווישען זיך“.

די באלעבאטישע ארדענס זיינען געווען זיכער, אז דער ארבייטער רינג האלט שוין, רחמנא לצלן, ביים גוסס'ן, און האבען זיך געגרייט צו דער ירושה, וואס ער דארף זיי איבערלאזען. יא, נים ווייניג פון די מיטגלידער גופא האבען אנגעפאנגען צו גלויבען, אז אט־אט וועט די רעטונגס־שיף פון דער ארבייטער־באוועגונג אונטערגעהן אין דעם שטורם און וועט איינגעשלונגען ווערען פון די כוואליעס, וואס די טשארטער־פראגע האט ארויסגערופען.

די מורא פון די פריינד און די נקמה פון די פיינד איז געווען אן אומזיסטע. אויף להכעיס די שונאים איז דער ארבייטער רינג ארוים פונ'ם טומעל שטארקער און געזונטער.

די כוואליעס פונ'ם לײדענשאפטליכען קאמף האבען איהם נים געשעדיגט, זיי האבען בלויז אפגעוואשען די שטויב, וואס האט זיך אין פארלויף פון א פאר יאהר אנגעקליבען און דער ארבייטער־ארדען, ווי א פעלזען אין מיטען ים, איז געווארען ריינער, צארטער און שעהנער.

דער שטורם האט זיך איינגעשטילט און די מיטגלידער האבען זיך אנגעפאנגען צו פיהלען אין דער רעטונגס־שיף נאך באקוועמער, נאך זיכערער, ווי פריהער.

און איצט צו דער געשיכטע פון טשארטער גופא.

ווען דער ארבייטער רינג האט זיך ארגאניזירט אלס ארדען, אין יאהר 1900, איז געווארען באשלאסען ארויסצונעהמען א טשאר־

טער פון ניו יארק סטייט. א קאמיטע האט זיך ווענגען דעם גע־ווענדעט צו יצחק אייזיק הורוויץ, ער האט דאן פראקטיצירט לאא אין ניו יארק.

די געזעצע פון ניו יארק סטייט אין יענער צייט, האבען גע־פאדערט אז כדי ארויסצוגעבען א טשארטער צו אן ארדען איז גע־ווען נויטיג אז 1) דער ארדען זאל האבען ניט ווייניגער ווי 200 מעמבערס; 2) די מעמבערס זאלען זיין אינשורט אין ניט ווייני־גער ווי אין 400 טויזענט דאלאר, און 3) עס זאל זיין אין דער קאסע ניט ווייניגער ווי איינס פראצענט פון די אינשורענס, אלס איינגנ־טהום פון דעם ארדען.

לויט דער קאנסטיטושאן פון ארבייטער רינג וואס איז אויסגע־ארבייט געווארען, בעת דער ארבייטער רינג האט זיך רעארגאני־זירט אין אן ארדען, איז די גרעסטע סומע, אויף וויפיעל א מעמ־בער האט אליין געקענט זיין אינשורט, געווען 400 דא־לאר, ד. ה., אום צו האבען 400 טויזענד דאלאר אינ־שורענס, איז ניט געווען גענוג 200 מעמבערס, ווייל די אינשורענס פון 200 מעמבערס, יעדער צו 400 דאלאר, האט בעטראפען ניט מעהר ווי 80 טויזענד דאלאר. עס איז געווען נויטיג ניט ווייניגער ווי 1000 מעמבערס, יעדערער זאל זיין אינשורט אין 400 דאלאר, כדי נאכצוקומען דעם פונקט פון געזעץ.

די צווייטע מניעה איז געווען דאס, וואס יעדער מעמבער האט ניט איינגעצאהלט קיין איינטריטס געלד, וואס זאל זיין דאס איי־גענטהום פון ארבייטער רינג, ווי עס איז איצט, נאר יעדער האט איינגעצאהלט 3 דאלאר אלס דעפאזיט, אז ער וועט באצאהלען זיי־נע דיוס. פון די 3 דאלאר האט מען אוועקגעשיקט אין אפיס 2 דא־לאר, און 1 דאלאר איז געבליבען אין ברענטש פאר לויפענדע אויס־גאבען. ווען א מעמבער וועלכער איז ניט געבליבען שולדיג, פלעגט ארויס פון ארבייטער רינג, האט מען איהם אומגעקערט די 3 דא־לאר.

אונטער אזוינע אומשטענדען האט, אייגענטליך געדארפט זיין קלאהר פאר יעדען איינעם, אז דער ארבייטער רינג קען קיין טשאר־טער ניט קריגען פון ניו יארק סטייט. אזוי האט אויך הורוויץ ער־קלעהרט דער קאמיטע.

די קאמיטע האט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט הורוויץ'ס ענטפער. זי איז אוועק צו אן אנדער גענאסענשאפטליכען לאיער, צו לואי מיללער.

מיללער האט זיך אונטערגענומען צו קריגען א טשארטער פאר'ן ארבייטער רינג.

דאס געזעץ פון ניו יארק סטייט זאגט: אז 9 מענשען, סיטי־זענס, קענען מאכען אן אפליקיישאן צום סטייט אינשורענס דע־פארטמענט, מען זאל זיי ערלויבען גרינדען אן ארדען. דער אינ־שורענס דעפארטמענט גיט ארויס א „פרעלימענערי סערטיפיקייט", ד. ה. א פארלייפיגען טשארטער, אן ערלויבעניש צו ארגאניזירען דעם ארדען מיט דעם תנאי, אז אין צייט פון 2 יאהר זאלען זיי קריגען די נויטיגע צאהל מעמבערס, און דיזע מעמבערס זאלען אלע צוזאמען זיין אינשורט אין נים וועניגער ווי אין 400 טויזענד דא־לאר, און האבען אלס אייגענטהום נים וועניגער ווי איינס פראצענט פון די אינשורענס אלס רעזערוו. נאך דיזע צוויי יאהר, ווען דער ארדען זעהט, אז ער איז נאכגעקומען די פאדערונג פון דעם געזעץ, דארף ער לאזען וויסען וועגען דעם אין אינשורענס דעפארטמענט, פון דארט ווערט געשיקט אן עקזאמינער, וועלכער קוקט איבער די אפליקיישאנס פון די מעמבערס, קוקט איבער די ביכער, אלע דא־קומענטען, צעהלט איבער די געלד, און ווען אלץ איז ריכטיג, ווי דער געזעץ פאדערט, ווערט ארויסגעגעבען א „פיינעל סערטיפי־קייט", ד. ה., אן ענדליכער טשארטער. עס הייסט, אז דער ארדען האט געקראגען א טשארטער.

אויב אבער דער ארדען קען אין צוויי יאהר נים נאכקומען דעם פארשריפט פון געזעץ, ווערט דער פארלייפיגער טשארטער צוריק־געצויגען, און דער ארדען פערלירט זיין רעכט ווייטער צו עקזיס־טירען.

ל. מיללער, וואס האט זיך אונטערגענומען צו קריגען פאר דעם ארבייטער רינג א טשארטער, האט געמאכט אן אפליקיישאן צום אינשורענס דעפארטמענט פון ניו יארק סטייט, האט געקראגען א „פרעלימענערי סערטיפיקייט" — א פארלויפיגען טשארטער, וואס איז גוט פאר בלויז 2 יאהר — און האט באריכטעט צו דער עקז־זעקוטיווע, אז ער האט שוין א טשארטער. מען האט איהם פיין באדאנקט און געגעבען אן עקסטרא מתנה, אויסער די סומע, וואס מען האט זיך מיט איהם באדונגען.

דער דאמאלסדיגער סעקרעטער פון ארבייטער רינג, ב. פייגענ־בוים, זייענדיג זיכער אז דער ארבייטער רינג איז געטשארטערט אין ניו יארק סטייט, פלעגט ענטפערען מיט א גרויסען „יא!" יעדען איינעם, וועלכער פלעגט איהם פרעגען אויב דער ארבייטער רינג

האט א טשארטער, איהם איז אפילו ניט ארויף אויפ'ן זינען, אז דער טשארטער איז קיין טשארטער ניט.

אט איז א בריף, וואס גען. ב. פייגענבוים האט געשריבען צו פריינד א. דז. פאנטעל דעם 3טען מאי, 1901, גלייך נאך דער ערשטער קאנווענשאן. אויפ'ן בריף איז נאך ניטא קיין אפיס־אדרעס, פשוט דערפאר, ווייל עס איז נאך קיין אפיס ניט געווען. ערשט שפעטער האט דער ארבייטער רינג גענומען דעם אפיס אין 40 קריסטיע סטריט.

דער בריף ווייזט, ווי דער גענעראל־סעקרעטער האט געגלויבט, אז דער ארבייטער רינג האט א טשארטער, און מיר ברייגנען איהם דא דעריבער אינגאנצען, ווי ער איז ארויס פון גען. פייגענבוים'ס פען:

Mr. A. J. Pantel, Paterson, N. J.

ווערטהער פריינד:—

אייער בריעף פון 1־טען מאי ערהאלטען. אויף אייערע פראגען ענטפער איך אייך:

1. אז עס איז ניטא אזא זאך ווי א יונייטעד סטייטס טשארטער. די יונייטעד סטייטס רעגירונג האט גאר ניט צו טהאן מיט אינערליכע אנגעלעגענהייטען, א חוץ די פאסט, טעקסעס און נאך עטליכע זאכען. אפילו א טראסט פון הונדערטער מיליאנען אינקארפארירט זיך נאר אין איין סטייט, נעמט ארויס א סטייט טשארטער און אויף דעם גרונד פון דעם טשארטער קען ער טהאן ביזנעס אין גאנץ יונייטעד סטייטס, אזוי טהוט אויך יעדער ארדען, און אזוי האט אויך געטהאן דער ארבייטער רינג. אן ארדען ווי א קאמפאני, טראסט, קארפאריישאן א. ז. וו. קען זיך טשארטערען אין וועלכען סטייט זיי ווילען. דאס רוב טראסטס זיינען געטשארטערט אין סטייט ניו דזשורסי. ארדענס געפינט איהר געטשארטערט אין פערשיעדענע סטייטס. דער ארבייטער רינג איז געטשארטערט אין סטייט ניו יארק.

2. א קאפיע פון טשארטער וועט יעדער בראנטש קריגען אזוי שנעל ווי עס וועט עלעקטעט ווערען א נייע עקזעקוטיווע. די אלטע עקזעקוטיווע וועלכע האט נאך אין גאנצען צו פיגורירען עטליכע וואכען, האט נאך קיין טשארטער קאפיעס ניט געלאזט דרוקען, ווייל עס איז ערשט א קורצע צייט, ווי מיר האבען דעם טשארטער.

מיט פריינדליכען גרוס,

ב. פייגענבוים.

דער בריף איז ניט דער איינציגער, וואו פייגענבוים האט פארזיכערט, אז דער ארבייטער רינג האט א טשארטער.

שפעטער איז מען געוואר געווארען וואס פאר א מין „טשארטער" דער ארבייטער רינג האט.

א גרויסער טהייל פון דער צייט ביי דעם צווייטען און דריטען קאנוועגשאן האט פארנומען די טשארטער פראגע. מען האט געוואלט וויסען: וואס וועט זיין מיט א טשארטער? ווייל אהן א טשארטער וועט דער ארבייטער רינג ניט קענען פראגרעסירען און ער וועט זיך מוזען אויפלעזען. דער לאיער האט אויף אלעם געענטפערט, אז ער וועט, ער וועט! ער וועט „פאיטען", זיך מעסטען אין כחות מיט דעם אינשורענס דעפארטמענט אין די קאורטס; ער וועט געהן צום אטוירני דזשענעראל, צום לעדזשיסלייטשור; אבער דעם ריכטיגען, געזעצליכען מיטעל האט מען ניט פארגענומען.

ווי מיר ווייסען, איז נאך דער דריטער קאנווענשאן ערוועהלט געווארען אלס סעקרעטער ל. ראזענצווייג. די עקזעקוטיווע האט זיך גענומען ענערגיש צו קריגען דעם טשארטער, צו דער 4-טער קאנווענשאן, אין ברוקלין האט די עקזעקוטיווע רעפארטעט, אז קיין טשארטער האט מען נאך ניט. די אורזאכע? עס איז געקומען אן עקזאמינער פון אינשורענס דעפארטמענט און האט אויסגעפונען, אז עס זיינען טאקע דא מעהר ווי 200 מעמבערס, ווי עס פאדערט דער געזעץ, און טאקע מעהר ווי 1000 מעמבערס, כדי עס זאל זיין ניט ווענינער ווי 400 טויזענד דאלאר אינשורענס, נאר פון א גרויסע צאהל מעמבערס פעהלט זייערע אפליקיישאנס, און פון די אפליקיישאנס וואס זיינען דא, זיינען פיעלע ניט ריכטיג אויסגעפילט, אזוי אז מען קען זיי גאר ניט נעהמען אין אנבעטראכט, מען קען זיי ניט רעכענען אלס אפליקיישאנס פון מעמבערס, דארום איז ניטא קיין אינשורענס פאר קיין 400 טויזענד דאלער.

ל. ראזענצווייג איז געוועזן א גוטער אגיטאטאר, אבער א שלעכטער אדמיניסטראטאר און נאך אן ערגערער בוכהאלטער. די פאפירען אין אפים זיינען קיינמאל ניט געוועזן אין דער נויטיגער ארדנונג, ועל כולם, פערמאגט ניט דער ארבייטער רינג קיין 400 טויזענד דאלאר, און די געלד וואס איז דא, איז ניט דאס אייגענטהום פון ארבייטער רינג, נאר עס באלאנגט צו יעדען מעמבער באזונדער.

אט צוליעב דער אורזאכע איז דער פארלאנג פון ארבייטער רינג, צו קריגען א טשארטער, צוריקגעוויזען געווארען.

די עקזעקוטיווע וואָס איז ערוועהלט געוואָרען צו דער 4טער קאָנווענשאָן, איז געוואָרען אנפערטרויט צו קריגען א טשאַרטער אונטער אלע אומשטענדען. די פראַגע מוז איין מאָל פאר אַלע מאָל ווערען געלעזט.

די נייע עקזעקוטיווע האָט אין אָנפאַנג פּרובירט צו געהן אויף דעם זעלבען וועג, אויף וועלכען עס זיינען געגאַנגען די פריהערדיגע קאָמיטעס, סוף כל סוף אָבער האָט זי איינגעזעהן, אז געהענדיג אויפ׳ן זעלבען וועג וועט זי דערגרייכען די זעלבע רעזולטאַטען. זי האָט באשלאָסען אָנצונעהמען א מעהר ראַדיקאַלען מיטעל.

זי האָט צונויפגערופען א ספּעשעל קאָנווענשאָן. דער צוועק פון ספּעשעל קאָנווענשאָן איז געווען אָנצונעהמען א רעזאָלוציאָן, ערשטענס, אז די געלד, וואָס עס איז שוין פאַראַן אין דער קאַסע פון ארבייטער רינג, זאָל ערקלעהרט ווערען אלס דאָס אייגענטהום פון ארבייטער רינג. און צווייטענס, אז יעדער מעמבער זאָל איינצאָהלען די איבעריגע ביז איינס פּראָצענט פון דער סומע, אויף וואָס דער מעמבער איז אינשורט. דער וואָס האָט ר״״אַנגט אליין, האָט באַדאַרפט איינצאָהלען ביז 4 דאָלאַר. און [illegible], אז די דאָלאַרס וואָס געפינען זיך אין די בראַנטשעס פאר יע[illegible] מעמבער, זאָל איבערגעגעבען ווערען אין גענעראַל אָפיס.

דאָס איז געווען דער ערשטער שריט צו געהן אויפ׳ן גלייכען און געזעצליכען וועג.

די עקזעקוטיווע האָט אבער געוואוסט, אז אויב די ספּעשעל קאָנווענשאָן וועט אָפּגעהאַלטען ווערען ביי אָפענע טהירען, קען מעגליך זיין אז די דעלעגאַטען אונטער דעם איינדרוק פון די צוקוקער וועלען שטימען געגען די רעזאָלוציעס, וואָס וועט מיינען געגען די אינטערעסען, געגען פּראָגרעס און עקזיסטענץ פון ארבייטער רינג. זיי האָבען דעריבער אַראַנזשירט, אז די ספּעשעל קאָנווענשאָן זאָל פאָרקומען אין געהיים.

די ספּעשעל קאָנווענשאָן איז געהאַלטען געוואָרען דעם 9טען אָקטאָבער, 1904, אין מעדיסאָן האָל, 1513 מעדיסאָן עוועניו, ניו־יאָרק. און בלויז דעלעגאַטען האָט מען געזאָגט, וואו די קאָנווענשאן וועט געהאַלטען ווערען.

אויף דער קאָנווענשאָן האָט מען באשלאָסען:

1) אַז די סומע פון 3 דאָלאַר, וואָס יעדער מעמבער האָט איינגעצאָהלט ביים ווערען א מעמבער, פערבלייבט דאָס אייגענטהום פון ארבייטער רינג.

2) יעדער מעמבער מוז איינצאהלען ניט שפעטער ווי ביז דעם 8טען יאנואר, 1905, דאס איבעריגע — ביז איינס פראצענט פון דער סומע, אין וועלכער ער איז אינשורט, און דאס זאל אויך בלייבען דאס אייגענטהום פון ארבייטער רינג.

3) די איינטריטס געלד פון נייע מעמבערס זאל זיין איינס פראצענט פון די אינשורענס, נעמליך: פאר סינגעל מעמבערס 4 דאלאר, און 6 דאלאר ווען דער מעמבער געהט אריין מיט דער פרוי.

4) די איינטריטס געלד פון די נייע מעמבערס וואס וועלען אריינקומען, זאל פארבלייבען דאס אייגענטהום פון ארבייטער רינג און מען זאל זיי דאס ניט אומקעהרען אפילו, ווען זיי רעזיגנירען אדער ווערען געשטראכען פאר ניט צאהלען די דיוס, ווי דער מנהג איז געווען ביז דאן.

5) די אמענדמענטס צו דער קאנסטיטושאן זאל ווערען ארויסגעשיקט צו א רעפערענדום, וועלכער זאל ווערען געשלאסען דעם 8טען נאוועמבער, 1904.

דער רעזולטאט פון רעפערענדום איז געווען, 1300 מעמבערס האבען געשטימט פאר די 4 באשלוסען, און ארום 150 האבען גע־שטימט געגען.

עס איז דערביי נויטיג צו באמערקען, אז די ערשטע עקזאמי־נײשאן פון אינשורענס דעפארטמענט איז געמאכט געווארען אונ־געפעהר אין מאנאט אפריל, 1904, און א צווייטע עקזאמינײשאן פון אינשורענס דעפארטמענט איז געמאכט געווארען אין מאנאט סעפטעמבער פון זעלבען יאהר. די ערשטע עקזאמינײשאן איז גע־מאכט געווארען בעפאר דער 4טער קאנווענשאן און דעם רעזולטאט ווייסט איהר שוין פון פריהער: מען האט אפגעזאגט צו געבען א טשארטער. דער רעזולטאט פון דער צווייטער עקזאמינײשאן איז ווידער געווען אן אפזאג. דאס האט געטריבען דער עקזעקוטיווע צו רופען די ספעשעל קאנווענשאן און וואס גיכער דורכצופיהרען די באשלוסען סיי ביים קאנווענשאן סיי ביים רעפערענדום, כדי עס זאל מעגליך זיין אז צו דער 5טער קאנווענשאן זאל זיין דער טשארטער.

נאך דעם ווי די באשלוסען אויף דעם ספעשעל קאנווענשאן זיינען דורכגעגאנגען דעם רעפערענדום און מען האט זיי געדארפט דורכפיהרען אין פראקטיקע, און אין הסכם מיט דעם ענדערען די קאנסטיטושאן; נאך דעם ווי די ברענטשעס האבען געדארפט אריינ־שיקען די דאלארס, וואס איז ביי זיי פערבליבען פון איינטריטס

געלדער, און די מעמבערס האָבען בעדאַרפט צו צאָהלען דאָס איבעריגע ביז איינס פּראָצענט,—איז געוואָרען א גאַנצע יעלה! עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שטורם פון פּראָטעסטען. עס איז געוואָרען אַ באַוועגונג געגען דעם, מען זאָל אַרויס נעמען אַ טשאַרטער אין ניו יאָרק.

אָנגעפאַנגען האָט די באַוועגונג ברענטש 7 פון וועסט האָבאָקען, נ. דזש.

# דער שטורם פעריאָד פון אַרבייטער רינג.

לויט דער איניציאַטיווע פון ברענטש 7 איז אויף דעם 26טען נאָוועמבער (1904) צונויפגערופען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון אַלע ניו־דזשוירזי ברענטשעס אין וועסט־האָבאָקען.

די טשאַרטער־פראַגע איז געווען דער הויפט־פּונקט אויפ'ן טאַגעס־אָרדנונג.

פאָלגענדע רעזאָלוציע, וואָס מיר גיבען איבער וואָרט פאַר וואָרט, איז אָנגענומען געוואָרען:

„אַ טשאַרטער איז איינע פון די וויכטיגסטע זאַכען פון אַ סאָסייטי, אָהן אַ טשאַרטער קענען מיר געזעצליך ניט מיטען און קענען ניט פיהרען קיין ביזנעס, דער אַ. ר. האָט זיך געגרינדעט מיט דער אַבזיכט, אַריינצונעמען דעם אַרבייטער קלאַס, ער זאָל ניט דאַרפען געהן אין די אַלטע לאָדזשעס. אויב מיר ווילען עס פערווירקליכען, דאַרפען מיר מאכען אַזעלכע קאָנדישאָנס, וואָס זאָלען ניט זיין אַ געגענזאַץ, אַ שטערונג, מיר זעהען, אַז אין יעדער בענעפיט אַסאָסיאיישאָן בעלאַנגען פערהייראַטע מעהר ווי סינגעל לייטע, ווי אייך איז אַלעמען בעוואוסט, וויל די עקזעקוטיווע אַרויסנעהמען אַ טשאַרטער פון ניו יאָרק סטייט, און יעדער מעמבער, וואָס בעלאַנגט אָדער וואָס וויל בעלאַנגען, (אָבוואָל דאָס איז נאָך אַ פראַגע), וועט מוזען איינצאָהלען 1 פּראָצענט פון די אינשורענס. בעטראַכטענדיג די זאַך ברייטער, זעהען מיר און וויסען עס פּראַקטיש, אַז עס איז אונמעגליך פאַר אַיין אַרבייטער, איינצוצאָהלען 4 אָדער 6 דאָלאַר ביי דעם איינטריט, עקסעפּט (אַ חוץ) פּאָרשלאַגס און דאָקטאָר, וואָס דאָס קאָסט אויך 2 דאָלאַר. בעפאָר האָט יעדער ברענטש איינגעהאלטען 1 דאָלאַר פון די 3 דאָלאַר סעקיוריטי און יעדער ברענטש האָט געהאַט מיט וואָס צו פיהרען זיינע ביזנעס, מיט וואָס צו צאָהלען זיינע לאָקאַלע אויסגאַבען„ אויך צו צאָהלען די קראַנקען בענעפיט, יעצט אָבער וועט יעדער ברענטש דאַרפען אַריין שיקען די דאָלאַרס אין דעם אָפיס און די ברענטשעס וועלען בלייבען אָהן אַ סענט, און דער קראַנקער מיטגליעד וועט

דאַרפען וואַרטען מיט זיינע געזעצליכע קראַנקען בענעפיט ביז וואַנען די עקזעקוטיווע מיט דער קאָנטראָל קאָמיטע וועלען אַנערקענען דם סיק סערטיפיקייט פיר געזעצליך, און נאַכהער וואַרטען ביז וואַנען זיי וועלען זיך דערמאָנען צו שיקען די געלד אין ברענטש. מיר ווייסען אָבער, אַז דער קראַנקער מיטגליעד קען אַזוי לאַנג ניט וואַרטען, דען די וואָך וואָס ער אַרבייט ניט, האָט ער ניט פון וואַנען צו לעבען, אויך וועט זיין אַ גרויסע שוועריגקייט אַריינצוקריגען נייע מיטגלידער, ביז איצט, האָבען מיר געמאכט די 3 דאָלאר סעקיורימי אויף אויסצאָהלונג, אָבער יעצט וועט דער נייער מיטגליעד זיין געצוואונגען איינצאָהלען מיט אַ מאָהל, און דער וואוקס פון אַרבייטער רינג וועט אָבגעהאַלטען ווערען, און זאָ לאַנג ווי קיין פרישע קרעפטען וועלען ניט צוקומען, וועט מיט דער צייט מוזען פאַלען דער גאַנצער אַרבייטער רינג, און די גרויסע מאַסע אַרבייטער וועט מוזען אריבער געהן אין די אלטע לאָזשען, וואו די פינסטערלינגע וועלען האָבען איבער זיי דעם קאָנטראָל.

בעטראַכטענדיג דאָס אַלעס, זיינען מיר געקומען צום שלוס, אויך איז געמאַכט געוואָרען א פאָרשלאג פון ברענטש 7, אונטערשטיצט פון די אַלע איבעריגע דעלעגאַטען, וועלכע זיינען אַנוועזענד געווען, אַרויס צונעהמען אַ טשאַרטער פון ניו דזשוירסי סטייט. (מיר מוזען אַנערקענען אַז מיר זיינען ניט דאַגעגען זאָגאַר אַן אַנדער סטייט, מיר זאָגען נור פון ניו דזשוירסי סטייט, ווייל מיר ווייסען ,אַז קיין סטייט האָט ניט אַזעלכע ליבכטע געזעצען ווי ניו דזשוירסי), מיר זעהן, אַז די גרעסטע קאָרפּאָרישאָנס, זיינען געטשאַרטערט אין ניו דזשוירסי, אויך זעהן מיר, אַז אין שיקאַגאָ געהט מען יעצט אַרויסגעבען א טעגליכע סאָציאַליסטישע צייטונג, און דאָרטען איז אויך אָבגעשטימט געוואָרען דעם טשאַרטער צו מאכען אין ניו דזשוירזי סטייט, דאָ איז ניט די אמביציאָן, נאָר די זאַך אַליין, און אום דער אַרבייטער רינג זאָל עקזיסטירען און מאַכען פראָגרעס ווי ביז יעצט, מוזען מיר אַזוי טהאָן, קיין אַנדער מיטעל האָבען מיר ניט, און אַז מיר וועלען האָבען אַ טשאַרטער פון ניו דזשוירסי סטייט וועלען מיר קענען טהאָן ביזנעס אין גאַנץ יונייטעד סטייטס, ווייל דאָס געזעץ זאָגט אַזוי: „דער מענש וואָס האָט רעכט צו טהאָן ביזנעס אין איין סטייט, איז ער אויך בערעכטיגט געזעצליך אין אלע איבעריגע סטייטס".

ערוועהלט אַ קאָמיטע צו מאַכען אַ קאָפּיע פון טשאַרטער, אויך צו ווענדען זיך צו דער עקזעקוטיווע, זי זאָל אַרויסנעהמען אַ טשאַרטער פון ניו דזשוירסי סטייט.

די קאָמיטע צו דער עקזעקוטיווע: **ניישוין, ברענטש 7, און טיילאָר, ברענטש 13.**

ווענען דער רעזאָלוציע פון די ניו־דזשוירזי ברענטשעס ווערט איבערגעגעבען אין דעם רעפּאָרט פון דער נ. ע. ק. צו דער 5טער קאָנווענשאָן אזוי:

דער פּלאַן וואָס ברענטש 7 פון וועסט האָבאָקען האָט פאָרגעלעגט איז געווען: אַז דער טשאַרטער זאָל ווערען אַרויסגענומען פון ניו דזשוירסי סטייט, ווייל די געזעצען פון ניו דזשוירסי זיינען זעהר לייכטע, הויפּט־זעכליך מיט דעם, וואָס דאָס געזעץ האָט ניט פערלאַנגט, אַז יעדער מעמ־בער זאָל איינצאָהלען אַלס איינטריטס געלד איינס פּראָצענט פון די אינ־שורענס, ד. ה., אַז אונטער אַ ניו דזשוירסי טשאַרטער וועט יעדער נייער מעמבער ניט דאַרפען איינצאָהלען 4 אָדער 6 דאָלאר איינטריטס געלד און די געלד זאָל אין גאַנצען אַוועקגעהן אין הויפּט אָפיס, „וועהרענד די הויכע איינטריטס געלד — האָבען זיי גע'טענה'ט — וועט מאַכען שווער דאָס אַריינקומען פון נייע מעמבערס אין דער אַר. רינג וועט ניט קענען פּראָגרעסירען. עס וועט זיין שווער פאַר איין אַרבייטער איינצוצאָהלען אַזאַ גרויסע סומע פאר איין מאָהל. אויסער דעם, וועט עס אויך פּעראָרי־מען די ברענטשעס, ווייל מען נעהמט צו פון די ברענטשעס דעם דאָלאַר, וואָס געפינט זיך ביי זיי פאר יעדען מעמבער, און די ברענטשעס וועלען ניט האָבען קיין געלד מיט וואָס צו צאָהלען די קראַנקע און אַנדערע בע־נעפיטס, ווען אָבער דער טשאַרטער וועט ווערען אַרויסגענומען פון ניו דזשוירסי סטייט, וועט אַלעס קענען בלייבען ווי געוועזן".

קיינער האָט ניט געצווייפעלט, אז ברענטש 7 מיינט ערנסט און אויפ־ריכטיג. די איינציגע זאַך איז נאָר געווען דאָס, וואָס ברענטש 7 האָט ניט געוואוסט און האָט ניט פערשטאַנען, אַז ווען מען נעהמט אַרויס אַ טשאַר־טער אין איין סטייט, מיינט עס ניט, אַז דער טשאַרטער איז גוט, פאַר אַלע שטאַאַטען. אַזאַ טשאַרטער איז גוט פאַר דיזען סטייט אַליין. און ווען מען וויל טהאָן געזעצליכע ביזנעס אין אַ צווייטען סטייט, מוז מען דאָר־טען אַרויסנעהמען אַ לייסענס, און כדי צו קריגען די לייסענס, מוז מען נאָכקומען די געזעצען פון דיעזען אַנדערען סטייט. ד. ה. אַז ווען דער א. ר. וואָלט אַרויסגענומען דעם ערשטען טשאַרטער פון ניו דזשוירסי סטייט, וואָלט דיזער טשאַרטער געווען גוט פאַר ניו דזשוירסי סטייט. אויב מען האָט געוואָלט טהאָן געזעצליכע ביזנעס אין ניו יאָרק סטייט, האָט מען אַלץ געמוזט נאָכקומען די געזעצע פון ניו יאָרק סטייט, אָדער פון אַנדערע, וואו דער אַרבייטער רינג האָט מיטגלידער און ברענטשעס.

אַלס ביישפּיעל קען דינען דער פאַקט, מיט מאַסאַטשוזעטס סטייט. דער אַרבייטער רינג האָט דאָרטען ניט געטאָרט האָבען קיינע ברענטשעס, ווייל כדי צו האָבען דאָרטען ברענטשעס צו טהאָן דאָרטען ביזנעס, מוז מען נאָכקומען די געזעצען פון דיעזען סטייט פאַר דעם גאַנצען אָרדען.

דאָס האָט ברענטש 7 ניט געוואוסט און ניט פערשטאַנען. עס קען זיין, ווען מען קומט זיך צוזאַמען אויף אַ מיטינג און מען רעדט זיך דורך אויף אַ פריינדליכען אופן, וואָלטען זיי דאָס בעגריפען, און די פיהרער פון ברענטש 7 און אַנדערע ברענטשעס וואָלטען אַליין צוגעגעבען, אַז זיי זיינען ניט גערעכט. האָט זיך אָבער באַלד אונטערגערוקט אַ קאָנפערענץ, עס איז געוואָרען אַ „פאָלקס" בעוועגונג מיט פראָטעסטען, רעזאָלוציאָנען, און דאַן איז שוין געווען שווער צו אַפּעלירען צום שכל, צו לאָגיק.

די אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציאָנערער אָפּאָזיציע קענען דער עקזעקוטיווע זיינען געווען אַחוץ די ניו־דזשוירזי ברענטשעס, וואו עס האָבען זיך אויסגעצייכענט די ברענטשעס 7 און 13, אויך די ניו יאָרקער ברענטשעס 43, 50 און 75.

כמעט אַלע קאַונטרי־ברענטשעס האָבען געהאַלטען מיט דער אָפּאָזיציע. אויך די פרויען־ברענטשעס, וועלכע האָבען געהאַט טענות צו דער נ. ע. ק., פאַר וואָס מען גיט זיי ניט פולע גלייכבאַרעכטיגונג, זיינען צוגעשטאַנען צו דער „רעוואָלוציע".

אין יאַנואַר 1905 האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון קאָנפערענצען.

ברענטש 1, וואָס איז בכלל געווען נייטראַל צו דעם גאַנצען סכסוך, האָט גערופען אַ קאָנפערענץ אויף זונטאָג דעם 8טען יאַנואַר (1905) אין 83 פאָרסייטה סטריט, מיט דעם צוועק צו געפינען אַן אויסוועג פון דער פאַרפּלאָנטערטער לאַגע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון 8 ברענטשעס. אויף דער קאָנפערענץ איז באַשלאָסען געוואָרען צו אַגיטירען פאַר אַ ניו־דזשוירזי טשאַרטער און קענען דער נ. ע. ק. צו דער קאָנפערענץ איז געווען דער פאַרשטאַרבענער בענעוויי, אַ מיטגליד אין ארבייטער רינג און אַ לאָיער, וועלכער האָט גע'פּסקנ'ט, אַז אַ ניו־דזשוירזי טשאַרטער איז פונקט אַזוי גוט ווי אַ ניו־יאָרקער.

די עקזעקוטיווע האָט זיך געהאַלטען פעסט ביי איהר באַשלוס, אַז מען מוז אונטער אַלע באַדינגונגען קריגען אַ טשאַרטער אין ניו־יאָרק סטייט און האָט אַרויסגעשיקט אַ רעדזשיסטרירטען בריף צו אַלע ברענטשעס מיט אַ התראה, דאָס יעדער ברענטש, וואָס וועט ניט איינצאָהלען ביז'ן ערשטען פעברואַר די סומע, וואָס עס קומט פון איהם, כדי צו מאַכען מעגליך אַ ניו־יאָרקער טשאַרטער, וועט ווערען סוספענדירט.

די וואָרנונג האָט געווירקט ווי אויל אויפ'ן פייער. דעם 29טען יאַנואַר איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די פּראָטעסטי־

רענדע ברענטשעס, וועלכע האבען זיך אלץ מעהר געפרוכפערט. בענגעוו האט אויף דער קאנפערענץ דערצעהלט, אז ער האט זיך געזעהן מיט א גרויסען לאר־פראפעסאר, וועלכער האט אויך גע־ראטען צו נעמען א טשארטער אין ניו־דזשוירזי.

די קאנפערענץ האט געשיקט א קאמיטע צו דער נ. ע. ק. און האט איהר פשוט אויפגעפאדערט, זי זאל אויפהערען צו ארבייטען פאר א טשארטער אין ניו־יארק סטייט, אז זי זאל אומבאדינגט דורכפיהרען דעם פלאן פון דער ניו־דזשוירזי קאנפערענץ.

די נ. ע. ק. האט די קאמיטע פון דער רעוואלוציאנערער קאנ־פערענץ ניט אנערקענט. זי האט איהר ניט צוגעלאזען צום מיטינג.

דאס האט נאך מעהר צופלאקערט דעם פייער פון די פראָ־טעסטען.

אייניגע ברענטשעס, וועלכע האבען זיך פריהער פארהאלטען פאסיוו, זיינען געווארען אקטיוו קעגען דער נ. ע. ק.

עס האט זיך פארשפרייט א קלאנג צווישען אלע ברענטשעס איבער'ן גאנצען לאנד, אז דעם 12טען פעברואר וועט דער ארביי־טער רינג ווערען צושפאלטען.

פייגענבוים האט דאן געמאכט א אגיטאציאנס־טור פאר דער סאציאליסטישער פארטיי. ער האט געוואוסט די שטימונג פון די קאנטרי־ברענטשעס און האט דעם 12־טען פעברואר דורך א בריף, געדרוקט אין „פארווערטס" אפעלירט צו די מיטגלידער, זיי געזוכט צו בארוהיגען און גערופען צו שלום.

עס איז געגאנגען אזוי ווייט, דאס ברענטש 7 האט באשלאסען צו שרייבען צו ברענטש 13 (פעטערסאן), מען זאל רופען א ניו־דזשוירזי סטייט קאנפערענץ פאר דעם צוועק צו גרינדען א ניו־דזשוירזי ארבייטער רינג.

און די עקזעקוטיווע איז אונערשראקען. זי דרוקט כסדר א באצאהלטע אדווערטייזמענט אין „פארווערטס" און לאזט וויסען די מיטגלידער, אז זיי זאלען איינצאהלען דעם רעזערוו פאנד, און אויב די ברענטשעס וועלען ניט וועלען שיקען די געלד אין אפיס, וועלען זיי געשטראכען ווערען.

אויף א מיטינג פון דער עקזעקוטיווע, דעם 13טען פעברואר, און באשלאסען געווארען צו סוספענדירען די פאלגענדע 21 ברענ־טשעס:

7, 13, 15, 22, 23, 28, 31, 32, 43, 47, 50, 55, 56, 59, 62, 68, 75, 76, 77, 79 און 80.

די עקזעקוטיווע האט אויך באשלאסען, אז די ברענטשעס האבען צייט גוטשטעהענד צו ווערען ביז דעם 15טען מערץ.

דעם 17טען פעברואר איז ערשינען אין „פארווערטס" דער פאלגענדער נאטיץ:

## מעמבערס פון ארבייטער רינג, אויפמערקזאם!

„מיר, די פעראייניגטע ברענטשעס וועלכע זיינען געגען דער האנד־לונג פון דער עקזעקוטיווע, בעצוג צום טשארטער, ערקלעהרען פאלגענ־דעס: מיר זיינען פון איצט אן פאראנטוואָרטליך פאר אלע בענעפיטע וועלכע דער אָרדען האט ביז איצט געצאהלט אלע קראנקע, און ווען עס וועט זיין טויטען פעלע וועלען זיי זיכער אויסגעצאהלט ווערען ווי שטענדיג. מיר שיקען ארויס א גענויע ערקלעהרונג בעצוג אלעס אין א צושריפט, די מעמבערס זיינען אויפגעפאָדערט צו פאדערען פון די סעק־רעטערע זיי פארצולעזען.

אין נאמען פון דער קאמיטע, ס. וואלאס, סעק".

אויף דעם האט די עקזעקוטיווע קאמיטע געענטפערט דורך א נאטיץ אין „פארווערטס":

## אן די מעמבערס פון ארבייטער רינג

פאר דעם נאטיס צו די מעמבערס פון ארבייטער רינג פון א געוויסען ס. וואלאס, אין נאמען פון אן אונבעשטימטע קאמיטע, וועט דער אָרדען ניט זיין פעראנטוואָרטליך. קייגער האט קיין רעכט ניט צו טהאן ביזנעס אין נאמען פון ארבייטער רינג אלס בעזונדער באדי.

וו. שור, סעק. נאצ. עקז. קאמיטע.

גענעראל־סעקרעטער ל. ראזענצווייג האט שוין געהאט רע־זיגנירט. דער אפיס איז געווארען געפיהרט פון בוקקיפער ס. שטאם, וו. שור איז געווען דער פראקטיקאל־סעקרעטער פון דער עקזעקוטיווע. ער האט אנגך געפיהרט א טייל פון דער קארעס־פאנדענץ מיט די ברענטשעס.

ברענטש 13 האט אויף א מיטינג, דעם 12־טען פעברואר, וואו עס זיינען געווען א סך מיטגלידער פון אנדערע ברענטשעס, באשלא־סען צו באשטימען אן אייגענע נ. ע. ק. פון וועלכער ב. קאהן האט געזאלט זיין טשערמאן און ס. וואלאס — סעקרעטער. די קאמיטע איז בעאויפטראגט געווארען, אז אויב די עקזעקוטיווע וועט ניט סטאפען דעם טשארטער, זאל זי נעמען אן אפיס אין ניו יארק.

מאנכע ברענטשעס האבען פרובירט צו מאכען שלום. ברענטש 2 (ניו יארק), אשטייגער, האט ערוועהלט א קאמיטע, וועלכע זאל באזוכען די פראטעסטירענדע ברענטשעס און אויפקלערען זייער טעות; אבער די קאמיטע האט ניט געהאט קיין ערפאלג.

עס דארף דא געזאגט ווערען, דאס ארום דער פראטעסט־באַ־וועגונג האבען זיך געדרעהט מאנכע עלעמענטען, וועלכע האבען סתם געוואלט כאפען פיש אין מוטנע וואסער; זיי האבען גע־זוכט צוצושפאלטען דעם ארבייטער רינג. די מעהר־וויכטיגע „רעוואלוציאנערען" האבען דאס באלד איינגעזעהן. עס איז אבער געווען צו שפעט פאר זיי זיך צוריקצוציהען.

דער טאן־געבער פון ברענטש 7 האט חרטה געקראגען אויפ'ן גאנצען עסק. ער האט דאס מגלה געווען וויינטרויב'ן, וועלכער האט געהאט אן איינפלוס אויף א סך ברענטשעס. וויינטרויב, דער־מאלט אסיסטענט מענעדזשער פון דער „צוקונפט", וועלכער האט זיך פאראינטערעסירט מיט דער פראגע, איז געווען גענוי באקאנט מיט די פונדאמענטאלע געזעצע פון פראטוירנאל ארדערס. ער האט זיך אריינגעווארפען אין קאמף אויף דער זייט פון דער עק־זעקוטיווע. ער איז געגאנגען צו ברענטשעס און געפאהרען צום מיטינג פון ניו־דזשוירזי סטייט קאנפערענץ, וואס איז צונויפגע־רופען געווארען אויף דער איניציאטיווע פון די ברענטשעס 7 און 13.

ברענטש 1 האט ווידער אמאל באשלאסען צו רופען א קאנ־פערענץ אויף זונטאג דעם 19טען פעברואר.

די קאנפערענץ איז געהאלטען געווארען אין 414 גרענד סטריט. ביי דער קאנפערענץ זיינען געווען דעלעגאטען פון 42 ברענטשעס.

טשערמאן איז געווען מ. גילעס פון ברענטש 1.

סעקרעטערע זיינען געווען וו. ב. ליעף פון ברענטש 1 און ב. שפינראד פון ברענטש 49.

עס זיינען געווען די עקזעקוטיווע און די קאנטראל־קאמיטע, און עס איז אנגענומען געווארען אט די רעזאלוציע:

„אין אנבעטראכט, אז דער קאנפערענץ איז איבערציינגט, אז די איצ־טיגע צוויסטיגקייטען אינערהאלב דעם א. ר. איז ניט מעהר ווי א רעזול־טאט פון מיספערשטענדעניסע,

און אין אנבעטראכט אז דער קאנפערענץ איז זיכער אז ביידע שטרייטענדע צדדים מיינען ערנסט דעם וואהלזיין פון ארבייטער רינג, און זיינען בערייט צוזאמען דאפיר צו ארבייטען.

זיי עס בעשלאָסען אַז דער קאָנפערענץ זאָל ערוועהלען אַ קאָמיטע פון 20 וועלכע זאָל צו זיך ערוועהלען א קאָמיטע פון 5 אַנדערע און צו־זאַמען זיך איבערגעבען צו א פּראָמינענטען לאָיער און אונטערזוכען די טשאַרטער פראגע.

די עקזעקוטיווע זאָל ניט מאַכען קיינע ווייטערע שריטע בעצוג דעם טשאַרטער ביז די קאָמיטע וועט אָבגעבען אַ רעפּאָרט און צוריק ציהען די סוספּענשאָן פון אַלע סוספענדירטע ברענטשעס ביז די קאָמיטע וועט די פראַגע ענטשיידען, וועלכע זאָל זיין יעדענפאַלס ניט שפּעטער ווי ביז דעם 15־טען מאַרטש.״

די לייטענדע גייסטער אין דער עקזעקוטיווע זיינען געווען: ב. לילענבלום, ה. גאָלדין, וו. שור, און ה. גאָלדבערג. פון די 9 פון דער עקזעקוטיווע איז איינער ה. בערלין, פון ברענטש 50 געווען אויף דער זייט פון דער אָפּאָזיציע.

אין דער 25טער קאָמיטע, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען אויף דער קאָנפערענץ פון 19טען פעברואַר, זיינען אויך געווען פייגענבוים, גילעס און ב. קאהן. דער סעקרעטער פון דער קאָמיטע איז געווען מילעס פון ברענטש 56.

אַלס קאָמיטע צו זעהן זיך מיט א לאָיער זיינען געווען: פייגענבוים, גילעס און ב. קאהן. זיי האָבען זיך בעראַטען מיט מאָרים הילקוויט.

הילקוויט האָט געמאַכט א געשריבענע ערקלערונג, און איז אויך געקומען צו אַ מיטינג פון דער 25ער קאָמיטע. דאָן האָט די קאָמיטע אַרויסגעגעבען איהר ווערדיקט, אין „פאָרווערטס״ פון 7טען מערץ.

דער ווערדיקט איז געווען:

1) די עקזעקוטיווע זאָל פאַרזעצען די אַרבייט אַרויסצונעמען דעם ניו־יאָרקער טשאַרטער.

2) איינטיילען די מיטגלידער אין קלאַסען, און זיי זאָלען זיין אינשורט לויט די סומע, וואָס זיי האָבען איינגעצאָהלט.

3) די ביי־לאָז איבערגעבען צו אַ רעפערענדום. די סוס־פּענשאָן (פון די ברענטשעס) זאָל פאַרלענגערט ווערען ביז ענדע רעפערענדום.

4) אַלעס מעגליכעס זאָל געטאָן ווערען, אַז די סוספּענדירטע ברענטשעס און מעמבערס זאָלען ניט בלייבען אָהן שטיצע אין צייט פון סוספּענשאָן.

5) די סוספענדירטע ברענטשעס זאָלען איינצאָהלען זייערע שולדען, און אויב ברענטשעס וועלען ערקלערען, אַז זיי וועלען איינצאָהלען, זאָלען זיי ווערען רעאינסטייטעט.

די עקזעקוטיווע האָט אָנגענומען דעם באַשלוס, האָט אַרויס־געשיקט צום רעפערענדום די רעקאָמענדיישאָן וועגען די קלאַסען, און ביי דעם רעפערענדום איז דאָס דורכגעפאַלען.

די ברענטשעס האָבען ניט געוואַרט ביז ענדע רעפערענדום. זיי האָבען ביסלעכווייז איינגעצאָהלט וויפיעל זיי האָבען געדאַרפט. קיין איין־איינציגער ברענטש איז ניט געבליבען סוספענדירט, אויסער ברענטש 25, וועלכער איז דאַן געווען אין ברוקלין. ער איז אויסגעשלאָסען געוואָרען און אַ טייל פון די מיטגלידער האָט זיך טראַנספערירט צו ברענטש 4, ברוקלין.

די צייט פון דער ספּעשעל קאָנווענשאָן (פון דעם 9טען אָק־טאָבער, 1904) ביז דער 5טער יעהרליכער קאָנווענשאָן ווערט אָנ־גערופען דער שטורם־פּעריאָד אין ארבייטער רינג.

אַן אַפּליקיישאָן פאַר'ן טשאַרטער איז געמאַכט געוואָרען דעם 27טען מאַי, 1905, נאָך דער 5טען קאָנווענשאָן, צו דער צייט ווען וויינטרויב איז שוין געווען סעקרעטער פון אָרדען.

אַלס לאָיער אַרויסצוקריגען דעם טשאַרטער האָט די עקזעקו־טיווע איינגעלאַדען עקס־גאָווערנאָר בלעק. דער אינשורענס דע־פּאַרטמענט האָט געמאַכט אַ נייע עקזאַמינאַיישאָן, און דעם 22טען נאָוועמבער, 1905, האָט דער אַרבייטער רינג געקראָגען דעם טשאַרטער.*)

איינער פון די טעטיגע מיטגליבער אין דער נ. ע. ק., וועלכער האָט גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אין דער אַרבייט צו קריגען אַ טשאַרטער אין ניו־יאָרק סטייט, איז געווען פריינד ה. גאָלדבערג, פון קיאַמישאַ, נ. י., דעמאָלט דער טרעזשורער פון אַרבייטער רינג.

עס איז כדאַי איבערצוגעבען זיינע פּערזענליכע עראינערונגען פון יענער צייט.

„ווען איך בין אַריין אין נ. ע. ק. — דערצעהלט גאָלדבערג, האָב איך געהערט, אַז אויף אַ פאַריגען מיטינג האָט ל. מילער ערקלערט דאָס אונז — דעם אַר. רינג הייסט עס, פעלט לויט די פּראַצענטען 3000 דאָלאַר אום צו קריגען אַ טשאַרטער. ער, ל. מילער, האָט רעקאָמענדירט, אַז די עקזעקוטיוו זאָל אויסבאָרגען די נויטיגע סומע.

*) אַ פאָטאָגראַפישע קאָפּיע פון טשאַרטער געפינט זיך אויף דער געקסטער זייט.


STATE OF NEW YORK

Insurance Department.

FINAL CERTIFICATE OF AUTHORITY.

WHEREAS,

THE WORKMEN'S CIRCLE,

LOCATED IN
THE CITY OF NEW YORK,
COUNTY OF NEW YORK and STATE OF NEW YORK,

AND WHEREAS, the Superintendent of Insurance, having issued to the said

THE WORKMEN'S CIRCLE,

NOW THEREFORE, I, FRANCIS HENDRICKS, SUPERINTENDENT OF INSURANCE,
of the State of New York, do hereby certify that the said

THE WORKMEN'S CIRCLE,

is duly authorized to transact business and that the said order is duly constituted a body politic and corporate with the powers and privileges of a Fraternal Beneficiary Society Order or Association.

In Witness Whereof,

SUPERINTENDENT OF INSURANCE

(דער טשאַרטער, וואָס דער דעפּאַרטמענט אָף אינשורענס פון סטייט ניו־יאָרק האָט ארויסגעגעבען דעם ארבייטער רינג, דעם 22טען נאָוועמבער, 1905.)

די פאָריגע עקזעקוטיווע, צו וועלכער מילער האָט געגעבען זיין באַריכט, האָט דאָס געלד געליהען אויף אַ נאוט פון אונזער דאַמאָלסדיגען באַנקיר, יאַרמאָלאָווסקי, נאַטירליך, יאַרמאָלאָווסקי האָט קיין מזומנ'ע 3000 דאָלאַר ניט געגעבען. ער האָט בלויז געגעבען דעם א. ר. קרעדיט אויפ'ן בוך.

עס איז אַוועק מאָנאַטען און קיין טשאַרטער איז נאָך אלץ ניט געווען. איך בין געווען דער יעניגער וואָס האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, מען זאָל זעהן צו קריגען אַ ריכטיגען קאָרפּאָריישאָן לאָיער, מעג ער ניט זיין קיין גענאָסע.

די עקזעקוטיוו האָט אָנגענומען מיין פאָרשלאַג, און האָט ערוועהלט אַ קאָמיטע צו זעהן אַ לאָיער, די קאָמיטע האָט איינגעלאַדען עקס גאָווערנאָר בלעק, פון ניו יאָרק.

איין שעהנעם פריהמאָרגען, האָט דער אָפיס געקראָגען אַ בריעף פון לאָיער, אַז דעם נעקסטען שבת, 10 אוהר אין דער פריה, זאָל אַ קאָמיטע פון דער עקזעקוטיווע צוזאַמען מיט דעם טרעזשורער, מיט מיר הייסט עס, קומען אין זיין אָפיס צו באַגעגענען דעם עקטשועריַ פון אָלבאַני.

ה. גאָלדין, דעמאָלט טשערמאַן פון דער נ. ע. ק., איך, און נאָך אַ דריטער איך געדענק ניט ווער, (וואַרשיינליך וויינטרוב, וואָס איז שוין געווען גענעראַל סעקרעטער), זענען געגאַנגען צום לאָיער. מיר זיינען אַהין געקומען אַרום 11 אוהר, מיר האָבען געוויזען די באַנק ביכלאַך, אַז מיר האָבען דאָס נויטיגע געלד, איז דאָס אָבער געווען ווייניג, דער עקטשועריַ האָט דוקא געוואָלט מיר זאָלען איהם ווייזען די 3,000 דאָלאר מזומן, די ביכלאך האָט ער ניט אנערקענט.

מיר האָבען דעמאָלט געהאט אַריבער 3000 דאָלאַר אין אַ באַנק, טשעמבערס קאָר. בראָדוויי, און איך מיט גאָלדינ'ען זיינען דאָרטען אַוועק און אַרויסגענומען 3,000 דאָלאר. איך האָב דעם קעשיער געפרעגט אויב מיר וועלען ניט אָנווערען די צינזען צוליעב דעם, וואָס מיר נעמען אַרויס דאָס געלד פאַר דער צייט, האָט ער אונז געענטפערט, אַז אויב מיר וועלען דאָס געלד צוריק ברייגנען נאָך היינט, וועלען מיר ניט פאַרלירען דעם אינטערעסט וואָס האָט באַטראָפען אַ קיימא לן פון 40 דאָלאַר.

מיר זיינען מיט דער אַפּויטיקע, ד .ה. מיט די 3000 דאָלאַר געלאָפען און געוויזען דעם עקטשועריַ, דער עקטשועריַ האָט די געלד פאָרזיכטיג איבערגעצעהלט און אונז אָפּגעלאָזען.

עס איז געווען 5 מינוט צו צוועלף, ווען די באַנקען ווערען שבת געשלאָסען. מיר זיינען געלאָפען צו דער באנק ניט טויט ניט לעבעדיג. צוקומענדיג נאָהענט צום באנק האָב איך געזעהן ווי מען מאַכט צו די

טירען. האָבען מיר זיך געלאָזט לויפען מיט אַ געוואַלדיגען אימפעט, לויפענדיג האָב איך זיך פאַרטשעפעט אונטער די רעדער פון אַן אַדאַמס עקספרעס קאָמפּאַניע טראָק, פריינד גאָלדין האָט מיך שנעל אַרויסגעשלעפּט און מיך פשוט געראַטעוועט פון טויט.

מיר האָבען נאָך באַוויזען צוריק צו דעפּאָזיטען דאָס געלד, מען האָט ספּעציעל פאַר אונז נאָך אַמאָל געעפענט די באַנק און האָבען מיר איינגעשפּאָרט אויף דעם אופן 40 דאָלאר פאַר'ן אר. רינג.

מיר האָבען דעם טשאַרטער סוף כל סוף געקראָגען. שפּעטער, ווען מיר זיינען געגאַנגען צו אונזער באַנקיר יארמאָלאָווסקי, אָפּצאָהלען די 3000 דאָלאַר, וואָס ער האָט קרעדיטעט אויף אונזער חשבון, האָט ער זיך ניט געפוילט און אונז גערעכענט 6% צינזען, וואָס דאָס האָט בעטראָפען איבער 200 דאָלאַר.

איך בין געווען דער איינציגער אין נ. ע. ק. וואָס האָט עפּעס גע־וואוסט וועגען ליהען געלד אין אַ באַנק. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו צאָהלען 6% פאַר געלד, וואָס מיר האָבען קיינמאָל ניט גענוצט. בקיצור, מיר האָבען געסעטעלט פאַר איינס פּראָצענט ,און אין דער טרעזשורי פון א. ר. איז געבליבען אַ 170 דאָלאַר מעהר".

## די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון פייגענבוים־ראָזענצווייג פעריאָד אין אַרבייטער רינג.

ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער טשאַרטער־שטורם, האָט ל. ראָזענצווייג רעזיגנירט פון זיין אַמט אַלס נאַציאָנאַלער סעק־רעטער פון ארבייטער רינג.

זיין רעזיגנאַציע האָט ראָזענצווייג אַריינגעגעבען אין נאָוועמ־בער און זי איז אָנגענומען געווארען דעם 7־טען דעצעמבער, 1904.

מיט ראָזענצווייג'ס רעזיגנאַציע האָט זיך געענדיגט די ער־שטע, די אַזוי־גערופענע פייגענבוים־ראָזענצווייג־עפּאָכע איז אַר־בייטער רינג.

ראָזענצווייג איז פאַקטיש געווען דער טיפּישער נאָכפאָלגער פון פייגענבוים'ן. פייגענבוים האָט איהם אַליין רעקאָמענדירט און ער, ראָזענצווייג, איז טאַקע געגאַנגען אין פייגענבוים'ס וועג.

ביידע, סיי פייגענבוים, סיי ראָזענצווייג, זיינען געווען טיפּי־שע אַגיטאַטאָרען פאַר'ן אַרבייטער רינג. זיי זיינען געווען די מגידים, די פּרעדיגער פון זיינע אידעאַלען. זיי האָבען אויפגעטאָן ריזיגע אַרבייט. זיי האָבען דעם אַרבייטער רינג געמאַכט פּאָ־

פּוּלער דורך וואָרט און שריפט. זיי האָבען באַארבייט דעם באָדען און געשאַפען די אַטמאָספערע, וואָס איז נויטיג געווען, דער אַר־בייטער רינג זאָל וואַקסען און זיך אַנטוויקלען.

זייענדיג אַליין פּאָפּולער ביי די אַרבייטער מאַסען, האָבען זיי מיט גרויס איבערגעבענהייט רעקרוטירט פון זייערע מיטגלידער פאַר׳ן „רינג״.

זיי זיינען ביידע געווען עקסטרעמע פריידענקער, פאַנאַטישע אַפּקורסים.

אויב זיי פלעגען געוואָר ווערען, אַז אימיצער פון אַרבייטער רינג פלעגט זיך אַמאָל אַריינכאַפּען אין אַ שוהל, האָבען זיי איהם שטאַרק מכבד געווען. זיי פלעגען איהם גאַנץ געהעריג אויס׳מוסר׳ן פאַר אַזאַ עבירה קעגען פריידענקעריי.

דעם אַרבייטער רינג, אַלס אַן אָרגאַניזאַציע געגרינדעט פון פריידענקער, האָבען זיי געהאַלטען פאַר זייער שטאַרקסטע פעסטונג, פון וועלכער זיי האָבען געוואָרפען זייערע אַפּיקורסית׳שע פיילען אין די גלויביגע.

אין דעם פּרט איז ראָזענצווייג נאָך געגאַנגען ווייטער פון פייגענבוים׳ן.

אַ איד, וואָס כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין שוהל, איז פאַר איהם געווען אַ לעסטערער פון סאָציאַליסטישען אידעאַל, און טאָר קיין צוטריט ניט האָבען צום אַרבייטער רינג. אַ מענש מיט רע־ליגיעזע סענטימענטען איז פאַר איהם געווען מי יודע ווי טרייף און פּסול.

מען האָט אַמאָל סוספּענדירט אַ גאַנצען בראַנטש, ווייל ער האָט געמאַכט אַ מנין אויף ימים נוראים.

אָט וואָס ראָזענצווייג אַליין דערצעהלט וועגען דעם אין דעם „אַ. ר. סאָוועניר זאַמעלבוך״, וואָס איז ערשינען צו דער 10 יעהר־ליכער קאָנווענשאָן:

„עס איז געווען ערב יום כפּור, ניינצעהן הונדערט מיט עטלאַכע יאָהר, נאָך דעם, וואָס דער מעכטיגער גאָט איז מיט מזל געוואָרען אַ טאַטע און אויך אין צווייטען יאָהר, וואָס איך בין געווען סעקרעטער אין אַר. רינג.

„דער אָפיס פון ארבייטער רינג איז שוין דאַמאָלס געווען אין 24 ראָטגערס סטריט, אין אַ שעהנעם טאָג, אַן ערב ראש השנה, ברייגט מיר אַ מעמבער אריין אין אָפיס א שוהל טיקעט, געדרוקט אויף רויטען פּאַפּיר, וואו עס ווערט מיט גרויסע בוכשטאַבען דערציילט, אַז אַ וועלט בעריהמטער חזן וועט מתפּלל זיין. דער גאַנצער טיקעט קאָסט בלויז דריי דאָלאַר.

אונטער אַנדערע אומשטענדען, וואָלט מיר באַדאַרפט גרויס הנאה טהאָן, ווייל נאָך אַלעמען קריגען דאָך אַזוי פיעל אָפּרייטאָרס, אַזוי פיעל אָרימע בעלי מלאכות א געלעגענהייט פאר בלויז דריי דאָלאר צו בעטען גאָט, וועלכעס איז ווירקלאָך אַ גרויסע מציאה, איבערהויפּט, אַז מען גע־דענקט נאָך, אַז סליחות געהען אויך אַריין פאַר די דריי דאָלאַר. דאָך בין איך פון דעם „באַרגיין" ניט באַגייסטערט געוואָרען, ניט נאָר בין איך ניט באַגייסטערט געוואָרען נאָר פאַרקעהרט, איך בין אַן אויפגעקאָכטער גע־וואָרען, ווען איך האָב דערזעהן דעם רויטען שוהל טיקעט, ווייל דער גאַנ־צער עסק איז אַראַנזשירט געוואָרען פון אַ ברענטש פון אַרבייטער רינג. דאָס הייסט פּראָסט, אַ ברענטש פון אַרבייטער, מיין אייגענער אַ ברענטש, האָט געדונגען אַ האָל, געדונגען אַ חזן, געדונגען אַ ספר תורה, און אַלע איבעריגע קלייניגקייטען און פאַרקויפט בילעטען צו דריי דאָלאַר אַ שטיק. דאָך דיזער פאַקט אַליין האָט מיך ניט פיעל אויפגערעגט, מיר האָט אפילו ניט פעררדראָסען דער פאַקט, וואָס דיזער גאָטס פאַרכטיגער ברענטש האָט מיך ניט געדונגען צו זיין זייער בעל מוסף, דאָס אַלעס האָב איך אי־בערגעטראָגען קיהל, אַן אויפגעקאָכטער בין איך געוואָרען, ווען איך האָב געזוכט אויף דעם רויטען טיקעט דעם יוביאַן לייבעל, און ניט גע־פונען".

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

„צו דער אייביגער עהרע פון אַרבייטער רינג, איז דער ברענטש באַלד פערשוואונדען געוואָרען".

אַט די פּאַסירונג האָט איהם געצוואונגען אַנצושרייבען אין „פאָרווערטס" א שטאַרק־אַטעאיסטישען אַרטיקעל. ניט קיין אַר־טיקעל קענען סקעבעריי האָט איהם די פּאַסירונג געטריבען צו שרייבען, נאר אַן אַרטיקעל קעגען זיין אַלטען שונא — גאָט.

אגב איז צו זעהן אין דעם הלצה־טאָן פון זיינע „עראינערונגען", ווען ער רעדט וועגען גאָט, אַז מעהר ווי אַלץ האָט איהם געקרענקט, וואָס אַן אַרבייטער רינג ברענטש מאַכט שלום אום ראש־השנה און יום־כפור מיט זיין געפעהרליכסטען שונא.

אין די ערשטע, קינדער־יאהרען, פון ארבייטער רינג האָט אַזאַ אַנטי־רעליגיעזע אַגיטאַציע איהם ניט געשעדיגט. עס איז אויף דער אידישער גאַס געווען גענוג אויסגעשפּראָכענע פרייךענקער, סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען, וועלכע האָבען געדינט אַלס אַ רע־זערוואוּאַר פאַר'ן אַרבייטער רינג.

אז דער ארבייטער רינג איז ארויסגעוואקסען פון זיינע קינ־דער־יאהרען און האט זיך געגרינדעט אין א ברייטערען פעלד, אין א גרעסערער טעריטאריע, האט שוין דער עקסטרים אפיקורסית'שער גלויבען איהם ניט געקענט באגייסטערען. צו די נייע מענשען האט מען באדארפט קומען מיט נייע ווערטער.

די פראקטישע טוער האבען דאס געפיהלט און האבען פאר־לאנגט, מען זאל דעם „פאטער" אין הימעל איינגאנצען לאזען צו־רוה, מען זאל ניט רייסען די האר פון גאטס בארד, ווי דער רעלי־גיעזער אפיקורס ראזענצווייג פלעגט טאן.

די טעארעטיקער און פרעדיגער, פייגענבוים און ראזענצווייג, זיינען פארביטען געווארען אויף א פראקטישען געשעפטסמאן.

עס האט זיך אנגעהויבען דער וויינטרויב פעריאד. און גלייך ווי וויינטרויב איז געווארען דער גענעראל סעקרעטער, האבען מיר אנגעהויבען צו הערען א נייעם טאן, א נייעם נגון.

אנשטאט דער פריהערדיגער אפגעהיטקייט אין ארייננעמען מיטגלידער, לעזען מיר שוין אין דעם באריכט פון קאנטראל־קאָ־מיטע צו דער 5טער יעהרליכער קאנווענשאן, וואס איז געווען גע־שריבען פון וויינטרויב'ן:

„דער ארבייטער רינג דארף אבער ארייננעהמען אונטער זיין פאהן אלע*) אָ ר ע נ ט ל י כ ע ארבייטער און רעכטדענקענדע מענשען".

## י. וויינטרויב ווערט גענעראל סעקרעטער פון ארבייטער רינג.

י. וויינטרויב איז שוין געווען באוואוסט אין דער באוועגונג נאך איידער ער איז געווארען דער גענעראל־סעקרעטאר פון ארביי־טער רינג.

מען האט איהם געהאלטען פאר א זעהר אקטיווען, קלוגען, פראקטישען מענשען.

ער איז געווען איינער פון די הויפט־טוערס אין ברענטש 13 ער האט אין אנפאנג, ווען ער איז אריבערגעקומען פון רוסלאנד, געארבייט אלס זיידען־וועבער.

ער האט געהאלפען דעם פארשטארבענעם רעוואלוציאנער אבראם באסקין ארגאניזירען דעם רוסישען רעוואלוציאנערען אונ־

*) אונטערגעשטראָכען פון אונז — ז.

טערשטיצונגס־פעראיין, וואס האט געהאט דעם צוועק אריבערצו־שיקען ליטעראטור פאר'ן „בונד" אין רוסלאנד.

מיט זיין הילף איז ארגאניזירט געווארען א סאציאליסטישער ליטעראַרישער דעבאטען־קלוב און א יאנג מענס אייד סאייעטי, פון וואנען עס האבען שפעטער ארויסגעשפראצט די ברענטשעס 7 (וועסט־האבאקען) און 13 (פעטערסאן).

אין ברענטש 13 איז ער געווען דער פראטאקאל־סעקרעטער און דער פינאנס־סעקרעטער. ער האט זעהר פיעל געטאן פאר'ן ברענטש.

אין „פארווערטס" (1902) געפינען מיר אט דעם באריכט פון ברענטש 13 :

א רעגעלער מיטינג אפגעהאלטען זונטאג, דעם 24־טען אויגוסט.... דער סעקרעטער פון פיק ניק בעריכטעט, דאס איינאהמע איז געווען ביים פיק ניק $204.00, אויסגאבען $142.06, פראפיט שוין דא, $29.19 און $32.75 איז נאך פאראן צו קאלעקטען פאר טיקעטס. . . . ארויסגע־שפראכען א דאנק צום סעקרעטער וויינטרויב פאר זיין פירען א פינקטלי־כען רעכנונג און פאר זיין לייסטען צום פיק ניק...

אלס א פעהיגען טוער, האט דער ברענטש איהם אין א פאר מיטינגען שפעטער, ווי ער איז געווארען א מיטגליד, געשיקט אלס דעלעגאט צו דער 2טער קאנווענשאן פון ארבייטער רינג. וויינטרויב איז א געוויסע צייט אויך געווען אן ארגאנייזער אינ'ם אידישען בר. ס. פ., טעטיג אין דער זיידען־וועבער יוניאן, אין פעטערסאנער ברענטש פון „בונד", האט א סך געארבייט פאר'ן זשורנאל „צו־קונפט", וואס איז אקארשט אויפגעשטאנען תחית המתים נאך א פינף־יאהריגען טויט (1897־1902), פלעגט קלייבען סובסקרייבערס פאר'ן זשורנאל און האט אויך איז א סך ברענטשעס דורכגעפיהרט, אז יעדער מיטגליד זאל ווערען א סובסקרייבער. וויינטרויב איז אויך געווען צווישען די איניציאטארען פון דער קאאפעראטיווער בעקעריי אין פעטערסאן. ער האט די פראגע וועגען א קאאפערא־טיווע בעקעריי אויפגעהויבען אויף א מיטינג פון ברענטש 13. צוזאמען מיט בר. 30 האט בר. 13 גערופען א קאנפערענץ פון נאך אייניגע ארגאניזאציעס. דיביידע ברענטשעס האבען באשלאסען צו דעקען די אלע הוצאות, ביז וואנען עס וועט געשאפען ווערען די בעקעריי אויף קאאפעראטיווע יסודות. ער האט אויך ארגאניזירט די ערשטע סטייט־קאמיטע פון ארבייטער רינג אין ניו־דזשוירזי, ענדע 1902.

אויף דער ערשטער קאנווענשאן פון די בונדיסטישע ארגאניזאציעס, וועו עס איז געגרינדעט געווארען דער צענטראל־פערבאנד פון „בונד“, איז וויינטרויב, געווען דער סעקרעטער. זיינע פראטאקאלען זיינען געווען זעהר גוטע און אומעטום, וואו ער פלעגט נעמען אן אנטייל, האט מען איהם מכבד געווען מיט דעם אמט פון פראטאקאל־סעקרעטער. ער איז ערוועהלט געווארען אין דער עקזעקוטיווע און אביסעל שפעטער, איז ער געווארען דער סעקרעטער פון „פערבאנד“.

אנפאנג זומער 1904 האט דער אלטער י. נעטער, מענעדזשער פון „צוקונפט“, אים איינגעלאדען צו קומען קיין ניו־יארק און ווערען זיין אסיסטענט מיט א געהאלט פון 8 דאלאר א וואך. אין פארלויף פון די צעהן חדשים, ווען ער איז געווען אסיסטענט מענעדזשער פון „צוקונפט“, האט זיך די צירקולאציע פון זשורנאל שטארק פארגרעסערט.

ער איז אויך געווען א דעלעגאט צו דער 3טער און 4טער קאנווענשאן פון ארבייטער רינג. אויף דער 4טער קאנווענשאן איז ער געווען איינער פון די סעקרעטערע; דער צווייטער איז געווען י. אדלער.

אנפאנג 1905 איז געווארען א וואקאנסיע אין קאנטראל־קאמיטע פון ארבייטער רינג, איז וויינטרויב ערוועהלט געווארען אין קאנטראל־קאמיטע.

דאס איז געווען אין דער צייט פון דער „טשארטער־רעוואלוציע“ און וויינטרויב איז געווארען איינער פון די הויפט־ארבייטער אויף דער זייט פון דער נ. ע. ק.

ווען מען איז געקומען נעהנטער צו דער קאנווענשאן, איז ניט געווען ווער עס זאל פארבערייטען דעם רעפארט פון די נאציאנאלע קאמיטעען. קיין אפיציעלער סעקרעטער איז ניט געווען. נאך ראזענצווייג'ס רעזיגנאציע, איז ס. שטאם, דער בוכהאלטער, געווארען דער הויפט „אפיס פארוואלטער“. זיין קאפ איז אבער געווען זעהר פארדרעהט צוליב א דעפיציט, וואס איז געווען אונטער זיין אדמיניסטראציע. דעמאלט איז מאריס ווינטשעווסקי איינגעלאדען געווארען איבערצוקוקען די ביכער און ער האט דעם דעפיציט באשטעטיגט. אזוי ווי שטאם איז געווען פעראנטווארטליך פאר דעם פארלוסט, האט ער בלויז גענומען א העלפט פון זיינע שכירות און מיט דער צווייטער העלפט האט ער ביסלעכווייז געדעקט דעם דעפיציט.

אין גאנצען זיינען זיינע שכירות געווען 25 דאלאר א וואך און ווען ער האט נאך דערפון א העלפט געמוזט אפגעבען צוריק, האט ער געמוזט זוכען אנדערע פארדינסטען. ביי אזעלכע דאגות־חיונה איז שטאמ'ן געווען אונמעגליך צו שרייבען דעם רעפארט צו דער קאנווענשאן.

דער פראטאקאל־סעקרעטער פון דער עקזעקוטיווע איז געווען שור פון ברענטש 42, אבער, ער איז ניט געווען פעהיג צו מאכען דעם רעפארט.

אז ניט קיין אנדערער, איז געפאלען דער גורל אויף צו מאכען דעם רעפארט אויף וויינטרויב'ן, צוזאמען מיט א קאמיטע. איז דער קאמיטע זיינען געווען ליליענבלום און גאלדין פון דער עקזעקוטיווע און פ. לעווין פון דער קאנטראל־קאמיטע.

צו דער 5טער קאנווענשאן איז וויינטרויב געגאנגען אלס דעלעגאט פון דער קאנטראל־קאמיטע.

אויף דער זעלבער קאנווענשאן איז באשלאסען געווארען, אז דער גענעראל־סעקרעטער זאל ניט ערוועהלט ווערען דורך א רעפערענדום, ווי ביז איצט, נור זאל באשטימט ווערען פון דער עקזעקוטיווע צוזאמען מיט דער קאנטראל־קאמיטע. ער זאל שטעהן אונטער זייער אויפזיכט און זיין צו זיי פאראנטווארטליך.

אזוי ווי קיין גענעראל סעקרעטער איז ניט געווען, זיינען איינינע עקזעקוטיווע מיטגלידער געקומען צום באשלוס, אז וויינטרויב איז די פאסענדע פערזאן פאר'ן אמט.

וויינטרויב האט דעם פארשלאג אנגענומען און ביי א געמיינשאפטליכען מיטינג פון דער עקזעקוטיווע און קאנטראל־קאמיטע איז ער באלד נאך דער 5טער קאנווענשאן ערוועהלט געווארען, מיט אלע שטימען קעגען איינעם, אלס גענעראל־סעקרעטער פון ארדען. זיין געהאלט איז באשטימט געווארען 15 דאלאר א וואך.

אין מיטען מאנאט מאי, 1905, האט וויינטרויב איבערגענומען זיין אמט אלס גענעראל־סעקרעטער פון ארבייטער רינג.

אין דער אייגענער צייט, ווען וויינטרויב איז געווארען סעקרעטער, איז מארים ווינטשעווסקי ערוועהלט געווארען אלס אודיטאר פון ארבייטער רינג.

## די פינפטע קאנווענשאן.

צו דער 5טער קאנווענשאן, וואס איז פארגעקומען דעם 12טען, 13טען און 14טען מאי, אין בעטהאווען האל, 210 פינפטע סטריט,

ניו־יארק, זיינען צוגעשטעלט געווארען אויספיהרליכע רעפּאָרטען פון דער עקזעקוטיווע און קאָנטראָל־קאָמיטע.

די רעפּאָרטען, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, זיינען געשריבען געוואָרען פון י. וויינטרויב, וואָס איז בעפאָר דער קאָנווענשאָן געווען א מיטגליד אין קאָנטראָל־קאָמיטע.

אַ קורצע צייט פאַר דער קאָנווענשאָן האָט די נ. ע. ק. ארויס־געשיקט אַ צושריפט מיט רעקאָמענדיישאָנס צום טאָגעס־אָרדנונג, וואָס זי שלאָגט פאַר אויף דער קאָנווענשאָן.

אויפ'ן פאַדערבלאַט פון רעפּאָרט געפינען מיר אַ טאַבעלע מיט אַ סך־הכל, וואָס דער אַרבייטער רינג האָט געטאָן פאַר'ן לעצטען יאָהר.

86 ברענטשעס. 4530 מעמבערס.

דער אַרבייטער רינג האָט אין לעצטען יאָהר פון 1־טען מערץ, 1904 ביז 1905, אויסגעצאָהלט:

| | |
|---|---|
| קראַנקען בענעפיט — — — — — — — — — — — — — | $ 9,585.00 |
| טויטען בענעפיט — — — — — — — — — — — — | 7,600.00 |
| קאָנסאָמשאָן פאָנד — — — — — — — — — — — — — | 1,000.00 |
| דענווער סאַניטאַריום — — — — — — — — — — — — | 300.00 |
| *42 ברענטשעס האָבען אונטערשטיצט 337 מעמבערס מיט — | 3,131.81 |
| 42 ברענטשעס האָבען אונטערשטיצט 113 ניט מעמבערס מיט | 483.60 |
| 42 ברענטשעס האָבען אונטערשטיצט סטרייקערס מיט — — | 763.11 |
| 42 ברענטשעס האָבען אונטערשטיצט פּאַרטיי ראַדיקאַלע פרעסע א. ז. מיט — — | 1,583.93 |
| 42 ברענטשעס האָבען אַראַנזשירט 355 לעקטשורס וועלכע האָבען געקאָסט — — — | 1,190.24 |
| בס"ה — — — | $25,637.69 |

אויף דער 5טער קאָנווענשאָן זיינען געמאַכט געוואָרען איי־ניגע וויכטיגע אויפטואונגען.

דער פאָנד פאַר'ן דענווער סאַניטאַריום איז פאַרגרעסערט גע־וואָרען פון 20 סענט ביז אויף 40 סענט אַ יאָהר פער מיטגליד.

עס איז געשאַפען געוואָרען דער פאָנד פאַר די רוסישע רעוואָ־לוציאָנערע פּאַרטייען, 12 סענט אַ יאָהר פער מיטגליד.

*) פון די 86 ברענטשעס האָבען בלויז 42 צוגעשיקט די באריכטען וועגען זייער טעטיגקייט.

די פרויען־ברענטשעס זיינען אריינגענומען געווארען אין ארדען אלס צווייטע קלאסע מיטגלידער (200 דאלאר אינשורענס) אהן קראנקען און קאנסאמפשאן בענעפיט.

אן ענדערונג אין דער פארוואלטונג.

די קאנטראל־קאמיטע זאל באשטעהן פון 9 מיטגלידער (אין גרייטער ניו־יארק), די עקזעקוטיווע — פון 15 מיטגלידער.

דער גענעראל־סעקרעטער זאל ערוועהלט ווערען פון דער עקזעקוטיווע און קאנטראל־קאמיטע.

דורך דעם לעצטען באשלוס איז דער סעקרעטער אין גאנצען געווארען אבהענגיג פון די קאמיטע־מיטגלידער.

500 דאלאר זאל אויסגעגעבען ווערען פאר שריפטליכע אגיטאציע אין דער פרעסע.

עס איז אויך דורכגעגאנגען דער פארשלאג, צו האבען אנשטאט א גריוועגס קאמיטע פון גרייטער ניו־יארק, ווי די נ. ע. ק. האט געהאט אין זינען, א סטייט קאנטראל, וואס זאל שליכטען די פארשידענע רייבונגען צווישען די נאציאנאלע קאמיטעס (נ. ע. ק. און ק. ק.), כדי „עס זאל ניט אוועקנעמען צופיעל צייט ביי די דעלעגאטען אויף די קאנווענשאנס דיזע אלע קליינינקייטען אויסצוהערען, פארהאנדלען און שליכטען".

עס איז געווען נאך אן אורזאך, וואס האט ארויסגערופען די נייע איינריכטונג: „צו געבען א מעגליכקייט די נאהענטע — פאר 10 דאלאר רייזע הין און צוריק — ארגאניזירטע (מיט דריי ברענטשעס) סטייטס צו זיין פארטראטען דורך רעפרעזענטאטיוום, יעדע דריי מאנאטען, אין הויפט־אפיס און זעהן ווי די ביזנעס פון ארדען ווערט געפיהרט.*)

פון אט דער סטייט קאנטראל קאמיטע איז שפעטער ארויסגעוואקסען די נייישאנאל בארד אוו דירעקטארס.

אין דער „סטייט קאנטראל קאמיטע", וואס איז באשטימט געווארען אויף דער קאנווענשאן, זיינען אריין: ס. שלייפער, (פענסילוויינא), ס. מנקר (ניו־דזשורזי), ש. יגדל (מאסאטשוזעטס) און אב. פיינגאלד (הארטפארד, קאנג.).

די פראטאקאל־סעקרעטארען אויף דער 5טער קאנווענשאן זיינען געווען: י. אדלער און אב. בארא̇ף.

מיט דעם באשלוס פון דער קאנווענשאן, אז עס זאל זיין א 15ער עקזעקוטיוו־קאמיטע, האט פאסירט אט וואס:

---

*) רעפארט צו דער זעקסטער יעהרליכער קאנווענשאן, ז. 19.

אויפ'ן רעפערענדום זיינען געווען ניט מעהר ווי 16 נעמען אויפ'ן באלאט פאר דער עקזעקוטיווע און ניט מעהר ווי 11 פאר דער קאנטראל־קאמיטע.

ברענטש 1 איז ארויס מיט א פראטעסט געגען דעם באלאט, ווייל עס זיינען ניטא גענוג קאנדידאטען. די קאנסטיטושאן שרייבט פאר — האט דער ברענטש גע'טענה'ט — אז אויף יעדען אמט דאר־פען „לויפען" צוויי קאנדידאטען. ער האט דעריבער געפאדערט, אז אויב עס זיינען ניטא גענוג קאנדידאטען, זאל מען מאכען דעם באלאט אזוי, דאס מען זאל קענען שטימען „פאר" און „געגען".

דער פראטעסט פון ברענטש 1 איז געווען געדרוקט אין „פארווערטס" (יוני 22, 1905). די נ. ע. ק. האט דארויף גלייך געענטפערט (פארווערטס, יוני 23) מיט אן ערקלערונג, אז מען זאל שטימען ניט פאר א 15ער, נאר פאר א 9ער עקזעקוטיווע.

דער עיקר איז דאס, האט די עקזעקוטיווע געלאזט וויסען, וואס זי איז ערוועהלט בלויז אויף א יאהר — ביז'ן 12טען יולי, און אויב מען וועט ניט ערוועהלען קיין עקזעקוטיווע ביז אט דער צייט, בלייבט דער ארבייטער רינג אהן א נאציאנאלער פארוואלטונג.

אין נ. ע. ק. זיינען ערוועהלט געווארען: ה. גאלדין, ב. לי־ליענבלום, ה. גאלדבערג, מ. לעווינסאן, טש. מייערסאן, ל. זאטע, י. קאלענאף, ס. בעראנאף און ס. מילער.

אין קאנטראל־קאמיטע: ס. יעלין, ס. וואלאס, ל. גינזבורג, מ. ניעגין, י. עדווארדס, מ. וויינשטיין, ל. לעמב, א. קאזענאף, ד. זארין און פ. לעווין.

פון דער נ. ע. ק. איז גאלדין געווען טשערמאן; ב. ליליענבלום, וויים־טשערמאן, און ה. גאלדבערג, טרעזשורער.

דער טשערמאן פון קאנטראל־קאמיטע איז געווען ס. יעלין.

די אנדערע נאציאנאלע בעאמטע פאר'ן יאהר 1905־1906 זיינען געווען: י. וויינטרויב, סעקרעטער; מ. ווינטשעווסקי, אווי־דיטאר; מ. לאנדאן, אטוירני.

זינט דעמאלס איז מאיר לאנדאן דער ליגעל אדוויזער פון ארבייטער רינג.

דער ערשטער מיטינג (פערטעל יעהרליכער) פון דער סטייט קאנטראל, צוזאמען מיט דער עקזעקוטיוו און קאנטראל איז אפגע־האלטען געווארען שבת, דעם 30טען סעפטעמבער, און זונטאג, דעם 1טען אקטאבער, 1905, אין ארבייטער רינג אפיס, 24 ראטגערס סטריט.

פון די פּראָטאָקאָלען איז צו זעהן, אז די סטייט קאָנטראָל קאָמיטע האָט ביי איהר ערשטען צוזאַמענקונפט ניט געוואוסט, וואָס עס זיינען איהרע פונקציעס.

אָט וואָס מיר געפינען אין פּראָטאָקאָל:

די ערשטע פראַגע וואָס ווערט בעשפּראָכען איז, די פונקציאָנען פון דער סטייט קאָנטראָל, וואָס איז זייערע רעכטע און זייערע פליכטען? די פראַגע איז געווען צו וויכטיג צו בעשפּרעכען, ווייל די קאָנווענשאָן האָט בלויז בעשלאָסען אַז עס זאָל זיין אַ סטייט קאָנטראָל און האָט ניט פעסט געשטעלט די פונקציאָנען פון דיעזער קאָמיטע.

נאָך אַ לענגערע דיסקוסיאָן איז מען געקומען צו פערשטענדעניסע אַז די פונקציאָנען פון דער קאָמיטע איז אַ קאָנטראָלירענדע און קען אויך מאַכען רעקאָמענדאַציאָנען וועלכע דאַרפען פון דער עקזעקוטיוו בעטראַכט ווערען.

אַ פאָרשלאג ווערט געמאַכט און אָנגענומען, אז די ערשטע זיצונג זאָל איבערגעלאָזען ווערען פאַר די סטייט דעלעגאַטען אַליין איבערצוקוקען די פּראָטאָקאָלען פון דער עקזעקוטיווע און קאָנטראָל קאָמיטע פאַר דער צייט פון דער קאָנווענשאָן, די בעשליסע און האַנדלונגען פון די ביידע קאָמיטעס, און דער סעקרעטער זאָל זיי געבען אינפאָרמיישאָנס וואָס איז נויטיג.

ביי דעם מיטינג פון די סטייט דעלעגאַטען ווערט פאָרגעלעזען אַלע פּראָטאָקאָלען פון עקזעקוטיווע, קאָנטראָל קאָמיטע און פון די געמיינשאַפטליכע מיטינגס.

דער גרעסטער טייל פון דעם מיטינג איז געווען פאַרנומען מיט אינטערפּעלאַציעס צו דער עקז. קאָמיטע און מיט די באַריכטען פון די סטייטס. יעדער פאַרטרעטער אין דער קערפּערשאַפט האָט איבערגעגעבען א גענויעם רעפּאָרט פון דעם צושטאַנד פון די בראַנטשעס אין זיין סטייט.

דער מיטינג האָט אויך געהאַנדעלט איבער פאָלגענדע דריי קלאגעס:

„1. פון דער קאָנטראָל קאָמיטע אויף 2 מיטגלידער פון בר. 66 פאַר אַרויסגעהן מיט א בעשולדיגונג אויף דער עקזעקוטיוו קאָמיטע אין דער פּרעסע, איידער זיי האָבען אָנגעווענדעט אלע מיטעל וואָס די קאָנסטיטוציאָן פון ארבייטער רינג גיט זיי צו פערקלאגען מעמבערס, בראַנטשעס, און די עקזעקוטיווע. די בעשולדיגונג האָבען זיי געלאָזט דרוקען אין דער „פר. אַר. שטימע" פון 26טען אויגוסט, און האָבען געהאַנדעלט געגען פונקט 6 פון דער קאָנסטיטושאָן. די צוויי מיטגלידער זיינען אנוועזענד־

און ערקלעהרען ווארום זיי האָבען דאָס געטאָהן. זיי גיבען צו אַז זיי האָבען דאָס ניט אונטערזוכט בעפאָר, נאָר האָבען געהערט פון איינעם. און אויף דעם שטיצענדיג זיך האָבען זיי געמאכט די בעשולדיגונג.

2. פר. עדווארדס פון דער קאָנטראָל קאָמיטע ווערט פערקלאָגט פון דער עקזעקוטיווע, אז ביי א געמיינשאַפטליכען מיטינג פון דער עקזעקוטיווע און קאָנטראָל קאָמיטע ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט, אויב דער אַרבייטער רינג זאָל נעהמען אַן אנטהייל אין דער פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע וואָס איז געוואָרען אראנזשירט אין ניו יארק פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערען, רוסישע סאָציאל דעמאָקראטען און פוילישע סאָציאליסטישע פּאַרטיי. האָט ער געזאָגט אַז דאָס איז א „בודל" מאַרטש, דאפיר איז ער דאַגעגען.

דעל. עדווארדס גיט צו, אז ער האָט דאָס געזאָגט, און אז ער איז געווען געגען דעם דער ארבייטער רינג זאָל נעהמען אַן אַנטהייל, ווייל עס דאַרף קאָסטען געלד.

3. אַ קלאגע ווערט פאָרגעלעזען פון די ברענטשעס 3 און 6 אויף דער עקזעקוטיווע און קאָנטראָל קאָמיטע וועגען די 500 דאָלאַר, וואָס איז געוואָרען בעשלאָסען ביי דער קאָנווענשאָן אויף שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדא און די געלד איז ניט צוטהיילט געוואָרען צווישען אַלע ראַדיקאַלע ציי־טונגען.

די סטייט דעלעגאטען נעהמען אָן פאָלגענדע רעזאָלוציאָנען :

1) אין אנבעטראכט, אז די קאָנטראָל קאָמיטע האָט געדאַרפט די קלאגע אויף די צוויי מעמבערס פון ברענטש 66 איבערגעבען פריהער צו דעם ברענטש וואו זיי זיינען מעמבערס, און דער ברענטש זאָל אורטהיילען,

זיי עס בעשלאָסען, דאָס מיר גיבען איבער די קלאגע צום ברענטש, און ווען דער ברענטש וועט ניט נעמען קיין עקשיאָן אָדער די עקזעקוטיווע און קאָנטראָל קאָמיטע וועט ניט זיין צופרידען מיט די האַנדלונג פון ברענטש וועט די פראַגע פערהאַנדעלט ווערען ביי נעקסטען פערטעל יעהר־ליכען מיטינג.

2) אין אנבעטראכט, דאָס פריינד אייק עדווארדס, מיטגליד פון בר. 28 האָט, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעשפּראָכען אין די אנוועזענהייט פון די מיטגלידער פון עקז. קאָנט. און סטייט קאָנט. קאָמיטעס, ביי זייער ערשטען געמיינשאַפטליכען מיטינג, זונטאג אבענד, דעם 1טען אָקטאָבער, 1905, אין אָפיס פון ארבייטער רינג, דאָס דער מאַרטש אַראַנזשירט פון די פאָלגענדע אָרגאניזאַציאָנען : דער „בונד", די סאָצ. רעוו., פּ. פּ. ס. און רוס. סאָצ. דעמ. צו פּראָטעסטירען געגען די מערדערייען פון די רו־סישע רעגירונג געגען אַלע פרייהייטס קעמפּפער — און וועלכער דע־

מאָנסטראציאָן דער אר. רינג, דורך איהר עקז. און קאָנט. קאָמיטעען, נעמט אַנטהייל, איז א „בודעל" מאַרטש.

דארום טאַדלען מיר דעם פריינד אייק עדוואַרדס פיר זיין מיאוס'ער אינסינואַציאָן און זיינען מתרה דעם זעלבען פריינד אויף ווייטער צו גע־ברויכען זיין שפּראכע אין א ריינערען און אנשטענדיגערען אַרט.

3) אין אנבעטראכט דאָס די קאָנווענשאָן פון אַרב. רינג אין מאַי 13־14 פון 1905 האָט בעשלאָסען צו ספּענדען בלויז 500 דאָלער פיר שריפטליכע פּראָפּאַגאנדע פיר'ן אַרבייטער רינג.

און אין אנבעטראכט, דאָס מיר אנערקענען אז די בעסטע פּראָפּאַ־גאנדע פיר'ן ארבייטער רינג אָדער אירגענד אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנען קען געמאַכט ווערען נאָר דורך א טעגליכע ציימונג און א וויסענשאַפטליכע מאָנאַטליכען זשורנאַל, דארום אנערקענען מיר, די דעלעגאַטען פון סטייט־קאָנטראָל, די האַנדלונג פון די עקז. און קאָנ. קאָמיטעס, צוטהיילענדיג די 500 דאָלער צווישען דעם „פאָרווערטס" א טעגליכע סאָצ. ציימונג 350 דאָלער און די „צוקונפט" א סאָצ. וויסענ־ זשורנאַל, 150 דאָלער — פיר ריכטיג און פאָלקאָם אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסען פון ארבייטער רינג אָבוואָהל אין פּרינציפּ אנערקענען מיר, אז אנדערע ארבייטער ציי־טונגען מוזען אויך אין אנבעטראכט גענומען ווערען, ווען די געלד־מיטעל וואָלטען עס אונז ערלויבען".

די סטייט דעלעגאַטען האָבען אויך אינסטרואירט די נ. ע. ק. צו קריגען אַלע נויטיגע אויסקינפטע וועגען א טשאַרטער אין מאַס־סאַטשוזעטס סטייט און באַריכטען צום קומענדען מיטינג פון דער סטייט קאָנטראָל קאָמיטע.

## די באַריכטען צו דער זעקסטער קאָנווענשאָן.

צו דער 6טער קאָנווענשאָן איז צוגעשטעלט געוואָרען אַ אויספיהרליכער רעפּאָרט.

דער רעפּאָרט איז פון 1טען יאַנואַר 1905 ביז'ן 31טען דע־צעמבער 1905.

אזוי ווי אין פאַריגען יאהר, איז אַ ביסעל געענדערטער פאָר־מע, געפינט זיך אויף'ן ערשטען בלאַט אַ אַלגעמיינער סך הכל פון די צאָהל ברענטשעס און מיטגלידער, וואָס דער אַרבייטער רינג פאַרמאָגט, וואָס ער האָט אויסגעצאָהלט פאַר'ן יאָהר 1905 בענע־פיטס, וויפיעל ער האָט אויסגעטיילט הילף פאַר פאַרשידענע פאָנדס און וואָס ער האָט אויפגעטאָן אויף'ן קולטורעלען געביט.

אין דעם יאהר (1905) איז דער ארבייטער רינג געוואקסען א סך וויינינער, ווי אלע אנדערע יאהרען.

ברענטשעס זיינען איינגאנצען צוגעקומען 4 (דאס איז פאר צעהן חדשים, פון 1טען מערץ ביז'ן 31טען דעצעמבער, 1905. דעם 1טען מערץ 1905, זיינען געווען 86 ברענטשעס) מיטגלידער זיינען איינגאנצען צוגעקומען 175.

אויך לעקטשורס זיינען א סך ווייניגער אפגעהאלטען געווארען. אין יאהר 1904 זיינען פון 42 ברענטשעס ארגאנזשירט געווארען 355 לעקציעס, וואס האבען געקאסט 1,190 דאלאר, און אין יאהר 1905 זיינען פון 45 ברענטשעס בלויז ארגאנזשירט געווארען 142 לעקציעס, וואס האבען געקאסט 688.35 דאלאר.*)

דער טשארטער־קאמף, ווי אויך די אונבאשטימטע לאגע פון די פרויען־ברענטשעס, האבען, ווי מען קען עס פארשטעהן, זיך שלעכט אפגערופען אויף דער ענטוויקלונג פונ'ם ארדען פאר א געוויסער צייט.

די קולטורעלע ארבייט איז אויך אינ'ם „שטורם־פעריאד" ניט שטארק געלעגען אין קאפ. אגב לוינט דא פעסטצושטעלען, אז דער פראקטישער וויינטרויב, וואס איז געווען דעם ערשטען יאהר אין זיין אמט, האט זיך מעהר אינטערעסירט מיט דעם „גוף" פון ארדען, ווי מיט זיין נשמה. דער „גוף" איז ווירקליך פריהער ניט געווען מיט אלעמען. זיינע ארגאנען האבען ניט אזוי גוט פונקציאנירט. וויינטרויב'ס ערשטע ארבייט איז דעריבער געווען צו ברייגגען דעם גוף אין ארדנונג. די „נשמה" איז ביי איהם געווען אויפ'ן צווייטען שטאפעל. ביי זיינע פארגענגער, פייגענבוים און ראזענצווייג, איז געווען פונקט פארקעהרט.

„...מיר דענקען און זיינען איבערצייגט — זאגט די דזשענעראל עקזעקוטיווע אין איהר באריכט — אז קיינמאל אין דער געשיכטע פון ארבייטער רינג איז נאך ניט צוזאמענגעקומען אזוי פיעל וויכטיגע פראגען מיט איין מאל ווי יעצט, און אז קיין קאנווענשאן האט ניט געהאט אזוי פיעל פעראנטווארטליכקייט, ווי די יעצטיגע קאנווענשאן האט. אין די הענט פון די יעצטיגע קאנווענשאן ליגט דער שיקזאל פון ארדען. אויף איהר, דעלעגאטען, ליגט די פאראנטווארטליכקייט פון דעם „פראגרעס פון אונזער ארגאניזאציאן".

*) מען דארף דא האבען אין זינען, אז דא איז דער רעפארט בלויז ביז'ן 31טען דעצעמבער. די חדשים יאנואר און פעברואר, ווען עס ווערען ארגאנזשירט א סך לעקציעס, געהען דא ניט אריין.

„דער יאהר 1905 איז פיליכט געווען דער שווערסטער איז דער קורצער געשיכטע פון ארבייטער רינג, און ווען טראָץ אלע שוועריגקייטען זיינען אין דעם יאהר אריינגעקומען 1,400 נייע מיט־גלידער (דער געגויער ציפער איז געווען 1335), איבערצייגט עס די גרויסע צוציהונגס־קראַפט, וואָס דער אַ. ר. האָט, און איצט, ווען פיעל שוועריגקייטען זיינען באַזייטיגט געוואָרען... איז קיין פראַגע, אז ס'וועט ניט לאַנג דויערען און די מעמבערשיפּ וועט זיך צעה־לען 10 טויזענט".

דער רעפּאָרט געהט איבער צום סך הכל פון דעם נעטען צו־וואוקס:

„אין יאהר 1905 זיינען אריינגעקומען 1335 נייע מיטגליעדער און געשטראָכען זיינען געוואָרען 1160 (דאָ איז דער צוואוּאַקס נעט 175 מיטגלידער). פון די נייע מיטגלידער זיינען אָבער ניט מעהר געשטראָכען געוואָרען, ווי 85. די איבעריגע 1075, וואָס האָבען זיך געלאָזען שטרייכען, זיינען פון די, וואָס זיינען אריינגעקומען אין 1904—1903..."

„...די אגיטאַציאָן און אַטאַקעס, וואָס זיינען לײדער איז צייט פון אויפרעגונג געמאַכט געוואָרען אויף דעם ארבייטער רינג, האָבען אָהן צווייפעל געשטערט דעם נאַטירליכען וואוקס פון די מיטגלי־דערשאַפט".

ווען די נ. ע. ק. באַרירט די אַפּיס פראַגע, מעלדעט זי, אז „זי האָט ערוועהלט פר. י. ווייגטרויב אַלס אַפּיס קעשיער און קאָרעס־פּאָנדינג סעקרעטער, וועלכער שטעהט אויך אונטער צוויי טויזענד דאָלער באַנדס".

„אלס בוכקיפּער איז ביז אין מיטען מאָנאַט אַפּריל געווען ס. שטאָם, און נאָך זיין רעזיגניישאָן איז אָנגעשטעלט געוואָרען אַ צווייטער, מר. שלעזינגער".

„... לויט נאָך דעם בעשלוס פון דער קאָנווענשאָן, אז עס זאָל אנגעשטעלט ווערען אַן אודיטאָר, האָבען מיר ערוועהלט גענאָסע מ. ווינטשעווסקי אלס אודיטאָר".

„... ווען מיר האָבען געקראָגען דעם טשאַרטער, און מען האָט אונז געלאָזט וויסען, אז מיר מוזען האָבען אַן אַטוירני, וואָס זאָל ביי געוויסע פעלע זיין צו וועמען צו ווענדען זיך, און ער זאָל אונז פאַר־טרעטען, האָבען מיר אַפּוינטעד געג. מ. לאָנדאָן אלס לאָיער".

און דאָ דערצעהלט די נ. ע. ק. וואָס פאַר אַ צרות זי האָט גע־האָט, איידער זי האָט ארויסגעקראָגען דעם טשאַרטער.

„... דעם טשארטער האבען מיר געקראגען דעם 22טען נאוועמבער, 1905. די שוועריגקייטען צו קריגען דעם טשארטער איז געווען אומגעהייער גרויס. אלע פריהערדיגע ארבייט איז געווען ארויסגעווארפען. א נייע אפליקיישאן האט געמוזט געמאכט ווערען און די עקזאמיניישאן, בעפאר מיר האבען געקראגען דעם טשארטער איז געווען זעהר א שווערע. יעדע שטיקעל פאפיר, וואס האט זיך געפונען אין אפיס און אין סייף איז עקזאמינירט געווארען און געמוזט ריכטיג עקספליינט ווערען. אלעס איז געווען אנגעשטרענגט ביי דער עקזאמיניישאן...

„... די געלדער אין די בענק איז נאכגעזעהן געווארען, און ווען איין באנק האט ניט געוואלט געבען קיין געשווארענעם סטייטמענט, ווייל זיי האבען ניט געקענט האבען אזוי שנעל א מיטינג פון די בארד או דירעקטארס, זיינען מיר געווען געצוואונגען אין צייט פון צוויי שטונדען בריינגען די געלד אין קעש, אין אינשורענס דעפארטמענט און מיט די שווערע ארבייט פון דער קאמיטע צוזאמען מיט דער הילף פון דער לאא פירמע, וועמען מיר האבען דאס איבערגעגעבען, איז אונז געלונגען צו קריגען דעם טשארטער. באלד נאכדעם האבען מיר פארבערייטעט אלעס נויטיגעס און געמאכט אפליקיישאנס פיר אינקארפאריישאן אין ניו דזשוירזי, פענסילווייניא און קאנעקטיקוט סטייטס*) און מאכען אויך גרייט אלעס נויטיגע פאר די אנדערע סטייטס, אויסער מאססאטשוזעטס, וועגען וועלכע די קאנווענשאן דארף באשטימען".

„מיט'ן קריגען דעם טשארטער, האט אויך דער טרעזשורער אמט געמוזט געביטען ווערען און אנגענעמען אן אנדער פארמע. דער געזעץ ערלויבט ניט, אז די געלד זאל זיך געפינען ביי איינצעלנע פערזאנען. אלע געלדער וואס קומען אריין מוזען יעדען טאג דעפאנירט ווערען. דער טרעזשורער קען ניט יעדען טאג זיין אין אפיס און די געלדער ווערען דארום יעדען טאג דעפאנירט פון אפיס קעשיער. דער טרעזשורער צוזאמען מיט דעם טשערמאן פון דער עקזעקוטיווע שרייבען אונטער די משעקס אויף אלע אויסגאבען וואס ווערען געמאכט"**).

ווייטער באקלאגט זיך די ג. ע. ק. אין איהר רעפארט אויף די ברענטשעס און זייערע פיהרונגען און מוסר'ט די סעקרעטערען, זיי זאלען זיין פארזיכטיגער און פינקטליכער אין פיהרען די ביכער.

---

*) אין דער צייט פון דער 6טער קאנווענשאן איז שוין דער ארבייטער רינג געווען אינקארפארירט אין ניו דזשוירזי און פענסילווייניא.
**) אזוי פיהרט זיך נאך עד היום.

דער רעפּאָרט גיט אויך איבער, וואס די נ. ע. ק. האט געטאן, ווען עס האט אויסגעבראָכען די פּאגראָמען אין רוסלאנד:

„ווען עס זיינען אויסגעבראָכען די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און הילפע איז געווען נויטהיג האָבען מיר געפיהלט, אַז דער אַרבייטער רינג אַלס אָרדען מוז עטוואס טהאָן אין דעם, אזוי ווי אַליין האָבען מיר קיין רעכט געהאט, האָבען מיר פּעררופען אַ קאָנפערענץ פון די אָרומיגע ברענ־טשעס, דאָרטען איז בעשלאָסען געוואָרען און דורך איין רעפערענדום גוטגעהייסען געוואָרען צו געבען 500 דאָלאר פאר רוסלאנד.

„מיר האָבען אויך אָפיציעל אנטהייל גענומען אין דעם פּראָטעסט מאַרטש פון אַלע רוסישע פּאַרטייען געגען דער רוסישער רעגירונג".

די נ. ע. ק. שלאָגט פאַר אייניגע וויכטיגע רעפאָרמעס, וואס דארפען געמאכט ווערען.

1) אַנצושטעלען אַ דזשענעראל מעדיקאל עקזאמענירער.

2) ארויסצוגעבען אַ מאָנאַטליכען זשורנאל, אַ בולעטין וואס זאל זיך בעשעפטיגען מיט דעם אַרבייטער רינג.

3) אַ בעצאָהלטע אָרגאניזאַציאָנס קאָמיטע.

4) צוויי קלאסען סיסטעם פון אינשורענס, פאר מענער און פרויען.

5) מעהר אָרגאניזאַציאָנס דיסציפּלין.

נאך דעם רעפּאָרט פון דער נ. ע. ק., קומט דער באריכט פון קאָנטראָל קאָמיטע.

דער באריכט ריהרט אָן וויכטיגע פראגען, וואס זיינען נוגע דעם לעבען פון אָרדען.

אויך די סטייט קאָנטראָל קאָמיטע, וואס איז אין יאהר 1905 געוואָרען איינגעפיהרט, גיט איבער איהר ערשטען שריפטליכען באַ־ריכט צו דער קאָנווענשאָן.

## דער אָנהויב פון מאססאטשוזעטס אפּעיר.

אין די יאָהרען 1905־6, אין דער צייט פון דער שטורעמדיגער טשאַרטער באַוועגונג און גלייך נאָך דעם, ווי מען האט שוין גע־לראָגען דעם ניו־יאָרקער טשאַרטער, שטויסען מיר זיך שטענדיג אָן אויף דער פראגע וועגען מאַסס. סטייט.

אויף דער 5טער קאָנווענשאָן, אקאָרשט ווי עס האט זיך איינ־געשטילט די ניו יאָרקער „טשארטער רעוואָלוציע", איז ארויפגע־קומען אַ צווייטע טשאַרטער פראגע. אייניגע דעלעגאטען פון די מאַסס. ברענטשעס האבען געפרעגט: וואס הערט זיך וועגען אַ טשאַרטער אין מאססאטשוזעטס?

מען האט געוואוסט, אז אין מאסס. סטייט זיינען פאראן ספע־ציעלע שוועריגקייטען, אבער איינצעלהייטען, אין וואס די שוועריג־קייטען באשטעהען, האט מען ניט געוואוסט. אייניגע האבען גע־זאגט, אז די מניעה איז דאס, וואס די פרויען פון מעמבערס, וועל־כע זיינען דעמאלט נאך ניט באטראכט געווארען פאר מיטגליעדער, ווילען לויט די מאסס. געזעצען דארפען האבען שטימרעכט. דע־מאלט זיינען נאך ניט געווען די איצטיגע קלאס 3 מעמבערס.

דאס איז אבער געווען א השערה, סתם אין דער וועלט אריין, גענומען פון דער לופט. געננוי, וואס עס איז דער אפהאלט אין מאסס. האט מען ניט פערשטאנען. אויסער דעם, איז נאך געלעגען אויפ'ן קאפ דער ניו יארקער טשארטער און מען האט די מאסס. פארטרע־טער אפגע'פטר'ט מיט שיהי פיהי.

עס איז אויך וויכטיג צו דערמאנען, דאס איז דער צייט פון דער „טשארטער רעוואלוציע", ווען פיעל ברענטשעס האבען זיך אפגעזאגט צו צאהלען דעם רעזערוו, וואס די ספעשעל קאנווענשאן האט באשטימט, אום צו קריגען א טשארטער אין ניו יארק סטייט. האט ברענטש 57, איסט באסטאן, יא באצאהלט לויט דער באשטי־מונג. האט אבער דערביי אנגעפרעגט אין אפיס: וואס וועט זיין מיט'ן רעזערוו, אויב דער ארבייטער רינג וועט ניט קענען ווערען געזעצליך אין מאססאטשוזעטס?

אויף דעם — באהויפטעט דער ברענטש 57 — האט ער גע־קראגען אן ענטפער, אז אויב מען וועט דעם ארבייטער רינג ניט קענען מאכען געזעצליך אין מאסס., וועט מען זיינע מיטגלידער צוריק אפגעבען די איינטריטס־געלט.

קיין קאפיע פון אזא בריעף האט מען אין גענעראל אפיס ניט געקענט געפינען. מען האט דעמאלט איבערהויפט נאך ניט געהאל־טען פון דעם מנהג, איבערצולאזען קאפיעס פון די ארויסגעשיקטע אפיציעלע בריעף. עס איז אבער דא א גרונד צו גלויבען, אז אזא ענטפער איז ווירקליך געגעבען געווארען.

אין אפריל 1905 איז א קאמיטע פון ברענטש 33 צוזאמען מיט דר. קאניקאוו פון באסטאן אוועק אין „סטייט האוז" אויסצוגעפינען, אויב דער ארבייטער רינג האט א רעכט צו עקזיסטירען אין מאסס. דער ענטפער איז געווען, אז דער ארבייטער רינג איז ניט געזעצליך און אויב אין איין יאהר וועט דער ארדען זיך ניט אינקארפארירען אין סטייט, וועט די סטייט רעגירונג אנווענדען געגען איהם מיט־לען.

די ערשטע פיערטעליעהריגע זיצונג פון דער סטייט קאנטראל קאמיטע (אקטאבער 1905) האט אפגעגעבען דער מאסס. פראגע א סך צייט אין איהרע פארהאנדלונגען און א סך פלאץ אין איהר געדרוקטען רעפארט.

וואו נאר א קאנפערענץ, א פארזאמלונג, אדער סתם אזוי א שמועס וועגען ארבייטער רינג ענינים, האט מען שטענדיג געהערט די פראגע: „נו, וואס וועט זיין מיט מאססאטשוזעטס?

וואס א יאהר שפעטער האט די מאססאטשוזעטס אנגעלעגענהייט אנגענומען אלץ א מעהר ערנסטען כאראקטער.

אין מאססאטשוזעטס איז געווען א לעבעדיגע ארבייטער באוועגונג און דער ארבייטער רינג איז דארטען שטארק געוואקסען. די טוער אין דער באוועגונג, און במילא אויך אין ארבייטער רינג, זיינען געווען טעטיגע, רירעוודיגע, אקטיווע מענשען. זיי האבען גענארגט, די פראגע זאל ארויפשווימען אין דער הויך, אויף דעם אויבערפלאך.

אין דער צייט, צווישען דער פינפטער און זעקסטער קאנווענשאן, באמערקט זיך שוין א נערוועזע אומרוהיגקייט ביי די טוער און בעאמטע פון ארדען. די פראגע וועגען מאססאטשוזעטס ווערט וואס א טאג אלץ מעהר ארויספאדערנדיג, מעהר מאנענדיג. זי בורערט און לאזט ניט אפ. זי פארלאנגט אן ענטפער.

מאססאטשוזעטס איז געווארען אזא וויכטיגע צייטיגע פראבלעם פאר'ן ארבייטער רינג, אז די נ. ע. ק. האט געפונען פאר נויטיג אין איהר געדרוקטען רעפארט צו דער זעקסטער קאנווענשאן, אפצוטיילען די פראגע באזונדער און איהר געבען א ספעציעלען פלאץ. זי האט געשאנקען א באזונדערע אויפמערקזאמקייט דער ארבייט וועגען „מאססאטשוזעטס סטייט טשארטער" און האט טאקע באלויכטען דעם גאנצען אומקלארען ענין אין א באזונדערער אפטיילונג.

אין דעם יאהר צייט האט זי שוין אויך אויסגעפונען די אורזאכען, פאר וואס עס איז אין מאסס. שווער צו קריגען א טשארטער.

איידער מיר וועלען צוקומען צו דעם, וואס די עקזעקוטיווע דערצעהלט וועגען דעם ענין, האלטען מיר פאר וויכטיג איבערצוגעבען אייניגע פאקטען, וועלכע האבען א שייכות מיט דער פארגעשיכטע פון דער „מאססאטשוזעטס אפעיר". די „אפעיר", האט געקאסט פיעל געלד, האט ארויסגערופען פיעל הייסע בלוט, און האט אין פארלויף פון א היבשער צאהל יאהרען פארנומען פיעל פלאץ, ניט נאר אין די ארבייטער רינג קרייזען, נאר אפילו אין דער באוועגונג בכלל.

## די פארגעשיכטע פון דער מאסס. אפעיר.

אין מאנאט מערץ, 1902, האט דער דעמאלדיגער נאצ. סעק־רעטער ב. פייגענבוים געקראגען אן אנפראגע פון א ראדיקאלער סאסייעטי אין לאורענס, מאסס. וועגען גרינדען א ברענטש פון אר־בייטער רינג.

ווי עס ווייזט אויס, האט דאמאלסט די נ. ע. ק. ניט געהאט קיין חשק צו גרינדען ברענטשעס אין מאססאטשוזעטס.

אין אנדערע סטייטס זיינען שוין יא געווען ארגאניזירטע ברענ־טשעס. עס זיינען שוין געווען: אין ניו־דזשוירזי די ברענטשעס 7 (וועסט האבאקען), ברענטש 10 (באיאן), ברענטש 13 (פעטער־סאן), ברענטש 16 (סאמיט). אין פענסילווייניא איז שוין געווען ברענטש 12 (פילאדעלפיא), אין מערילאנד ברענטש 9 (באלטימא־רע), אין ראוד איילאנד ברענטש 14 (פראווידענס), אין קאננעק־טיקוט ברענטש 15 (הארטפארד) און ברענטש 17 (ניו הייווען).

אין מאססאטשוזעטס, אין אזא אינדוסטריעלען צענטער, וואו עס זיינען געווען א סך אידישע ארבייטער, סאציאליסטען און אנאר־כיסטען, איז דעמאלט ניט געווען קיין איין ברענטש.

נאך מעהר, די עקזעקוטיווע האט, משמעות, דארטען ניט ג ע ו ו א ל ט האבען א ברענטש.

אין די ארכיוועז פון „אינדעפענדענט ארבייטער רינג", איז פא־ראן א בריעף פון ב. פייגענבוים צו איינעם אין לאורענס, וואו ער שרייבט, אז צוליב געזעצליכע אורזאכען קענען קיין ברענטשעס ניט ווערען ארגאניזירט אין מאסס., ווייל ס'האט שוין פאסירט, אז מען האט ארעסטירט סעקרעטארען פון ניט געזעצליכע לאדזשעס*).

אונטער פייגענבוים'ס אדמיניסטראציע איז טאקע ניט געווען קיין איין איינציגער ברענטש אין מאסס.

אין 1903 — ווען ראזענצווייג איז שוין געווען סעקרעטאר — האט דער ארדען זיך אנגעהויבען צו פארצווייגען אין מזרח און מערב, אין צפון און דרום. ראזענצווייג האט זיך ניט שטארק גע־רעכענט מיט דער געזעצליכער זייט פון די ארדענס אין די באזונ־דערע סטייטס. ער האט איבערהויפט ניט שטארק געהאלטען פון דער „קאנסטיטוציע", ווי ער אליין האט זיך אמאל בארימט. דער ארבייטער רינג האט איבעראל און אומעטום אנגעשפארט — אויך אין מאססאטשוזעטס.

*) זעה „ערקלערונג פון אינדעפענדענט ארבייטער רינג", „פאר־ווערטס" דעם 9טען נאוועמבער, 1903.

אין „פאָרווערטס“ פון 13טען יוני, 1903, געפינען מיר אין ראַזענצווייג'ס באַריכט אַט דעם כאַראַקטעריסטישען נאָטיץ:

„גענאָסע יגדל פון לאָורענס שרייבט ווי פאָלגט: „זייט איהר שוין אינקאָרפּאָרירט אין מאַסס. סטייט? אויב יאָ, וועט ניט נעמען קיין פיער און צוואַנציג מעת לעת און מיר האָבען דאָ אַ שטאַרקען ברענטש פון חברה, איינס ווי איינס. איהר קענט אונז דאָך! לאָזט מיר וויסען און איך נעהם זיך צו דער אַרבייט“.

און ראַזענצווייג שרייט אויס:

„אַט דאָס זיינען עס די גייסטער, וועלכע דער אַרבייטער רינג זוכט!“

אויב ראַזענצווייג האָט געענטפערט דירעקט אויף יגדל'ס פראַגע, צו דער אַרבייטער רינג איז געטשאַרטעט אין מאַסס, אָדער ניט — איז שווער צו זאָגען. מיר ווייסען נאָר, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען אַפּטע ידיעות וועגען נייע ברענטשעס, וואָס זיינען אינסטאַלירט געוואָרען אין מאַסס.

צוערשט איז געקומען ברענטש 31 (לאָורענס), דערנאָך ברענטש 33 (באָסטאָן), שפּעטער ברענטש 36 (טשעלסי), 46 (לין), 55 (מאַלדען), 57 (איסט באָסטאָן), 58 (בראָקטאָן), 61 (הייווערהיל), 64 (וואָוסטער) א. ז. וו.

דער אַרבייטער רינג איז אָבער דאָרטען ניט געווען געזעצליך אין די מאַסס. דעלעגאַטען אויף די קאָנווענשאָנס האָבען יערעס מאָל דערמאָנט וועגען דעם.

1905 איז געווען דער טשאַרטער יאָהר פון אַרבייטער רינג. אַ חוץ ניו יאָרק האָט מען אויך לייכט געקראָגען טשאַרטערס אין אַנדערע סטייטס. אין מאַסס. אָבער האָט מען קיין טשאַרטער ניט געקראָגען.

די מאַסס. ברענטשעס האָבען געפאָדערט פון דער עקזעקוטיווע, זי זאָל זעהן וואָס צו טאָן דערצו, אָבער די עקזעקוטיווע האָט דאָ גאָרניט געקענט טאָן, צוליב די ספּעציעלע געזעצען, וואָס עס האָבען עקזיסטירט (און עקזיסטירען נאָך עד היום) אין מאַסס. בנוגע אָרדענס.

אין דעם פריהער דערמאָנטען רעפּאָרט צו דער זעקסטער קאָנווענשאָן גיט די נ. ע. ק. צום ערשטען מאָל אַ גענויע אויפקלערונג וועגען דעם גאַנצען עניין.

אַט וואָס די נ. ע. ק. דערצעהלט וועגען די צרות, וואָס זי האָט אין מאַססאַטשוזעטס סטייט:

„מיט אַ קורצע צייט צוריק האָבען מיר אינסטראַקטעט אונזער לאָיער, ער זאָל אונז אריינברייגגען א רעפּאָרט וואָס מיר האָבען צו טהאָן אום מיר זאָלען זיך אינקאָרפּאָרירען אין מאַסאַטשוזעטס סטייט.

ווי אייך איז בעוואוסט, האָט יעדער סטייט אין יונייטעד סטייטס אַנדערע לאָא׳ס אין בעצוג די אינשורענס פון פראַטוירנאַל אָרדענס און אין יעדער סטייט וואו מען וויל האָבען ברענטשעס דארף מען בעזונדער אינקאָרפּאָרירען זיך, און אום צו אינקאָרפּאָרירען זיך דאַרף מען נאָכקומען די געזעצע פון סטייט.

די געזעצען פון דער סטייט וואו מען אינקאָרפּאָרירט זיך דאַרפען ניט נאָר עפעקטען בלויז אויף די ברענטשעס וואָס געפינען זיך אין דיעזער סטייט, נאָר אויף דעם גאנצען אָרדען.

ווען למשל די געזעצע פון ניו יארק סטייט זיינען, אז יעדער מעמבער דאַרף איינצאַהלען 1 פּראָצענט פון די אינשורענס, אלס איינטריטס־געלד, איז דאַס ניט נאָר פאר די ברענטשעס און מעמבערס פאר נויאָרק סטייט, עס דארף זיין פאר דעם גאַנצען אָרדען.

וואָס אנבעלאנגט צו די אַנדערע סטייטס וואו דער ארבייטער רינג האָט ברענטשעס, זיינען די געזעצע אזעלכע, וואָס זיינען אין איינקלאנג מיט די געזעצען פון ניו יארק סטייט, און אינקאָרפּאָרירענדיג זיך אין יענע סטייטס דארף אין ארבייטער רינג ניט פּאָרקומען קיין ענדערונג.

גאַנץ אנדערש איז עס מיט די געזעצע אין מאַססאַטשוזעטס סטייט ווען מיר אינקאָרפּאָרירען זיך דאָרט דאַרף די גאנצע סיסטעם געביטען ווערען.

אום צו קריעגען א טשאַרטער אין מאַססאַטשוזעטס דארפען מיר אָננעהמען דעם „לעוועל רייט פּלען“ וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט נאָך די סטאַטיסטיק פון נײשאָנאל פראטוירנאל קאָנגרעס, מיר וועלען ערקלעהרען וואָס דאָס מיינט.

דער „נײשאָנאל פראטוירנעל קאָנגרעס“, איז איין אַסאָסיאיישאָן פון עטליכע און פערציג אָרדענס אין יונייטעד סטייטס, וועלכע האָבען צוויישען זיך א געוויסע פערבינדונג. לויט נאָך די עקספּיריענס, און שטרעבען סטאַטיסטיק פון דיעזע אָרדענס, איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען א רייט וואָס יעדער מעמבער זאָל צאָהלען א מאָנאַט, ספּעציעל פאר טויטען בענעפיט וועלכע זיינע יורשים קריעגען נאָך זיין טויט.

די לעדזשיסלייטשור פון מאַסס. סטייט האָט אין יאָהר 1901 אָנגענומען די רייטס פון „נײשאָנעל פראטוירנעל קאָנגרעס“ און גיבען אַרויס א „טשארטער“ נאָר צו די אָרדענס וואָס קומען נאָך דיעזען געזעץ.

די אָרדענס וואָס האָבען אין מאסס. סטייט עקזיסטירט בעפאר דעם יאָהר 1901, זיינען נים אָרגנטער אונטער דיעזע לאָאָ'ס.

ווען דער ארבייטער רינג וויל זיך אינקאָרפּאָרירען אין מאסס. סטייט מוזען מיר אָננעהמען די רייטס.

די צאהלונגען דאַרפען ווערען געמאכט יעדען מאָנאט אין אַדוואַנס, לויט די עלטער פון די מעמבערס ווען זיי קומען אַריין.

וואָס אנבעלאנגט צו די פרויען פון די מעמבערס, פערלאנגט די מאסס. סטייט געזעצע, אז זיי זאָלען ווערען בעטראכט אלס מעמבערס, ווען זיי בעלאנגען מיט דעם מאן צוזאַמען, אָבער עס איז נים נויטהיג ווי אנדערע האָבען געדענקט, אז זייערע פּויטען בענעפיט מוז זיין גלייך מיט די טויטען בענעפיט פאר די מענער מעמבערס ד. ה. 400$ און 400$ אָדער 300$ און 300$, זיי ווערען בעטראכט אלס מעמבערס פון א צווייטע קלאס וועלכע זיינען אינשורט בלויז אין 200$.“

פון דעם באריכט איז צו זעהן, אז די מניעה ארויסצוקריגען א טשאַרטער אין מאססאטשוזעטס, איז געלעגען אין דעם, וואָס דער געזעץ אין יענעם סטייט פאָדערט, אז יעדער אָרדען מוז זיינע אינשורענס שטיצען אויף דעם „לעוועל רייט פּלען“.

דער ארבייטער רינג האָט נאָך דעמאָלט נים געהאט די „רייטס“ סיסטעם און עס איז דעריבער געווען פאר איהם אונמעגליך זיך צו אינקאָרפּאָרירען אין מאססאטשוזעט. דאָס האָט געפיהרט צו דער באַוואוסטער „מאסס. אפעיר“.

מיר ווילען דערווייל די גאנצע „אפעיר“ לאָזען אַז א זייט און א קוק טאָן אויף די אנדערע פארהאנדלונגען פון דער זעקסטער קאָנוועגשאָן.

דאָס טוען מיר דערפאר, וואָס אויף דער זעקסטער קאָנווענשאָן, ווי מיר וועלען זעהן, האָט די מאססאַטשוזעטס פראגע פארנומען א גרויסען אָרט.

## די זעקסטע קאָנווענשאָן.

(פרייטאג, שבת, זונטאג און מאָנטאג, 4טען, 5טען, 6טען און 7טען מאי, 1906, אין בעטהאָווען האָלל, 210 איסט 5טע סטריט, נויארק).

לכבוד דער קאָנווענשאָן, איז דעם 4טען מאי, אין „פאָרווערטס“ ערשינען אַן עדיטאָריעל*) „דעם ארבייטער רינגס אויפגאבען“.

*) געשריבען פון ב. פייגענבוים, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען א מיטגליד פון דער „פאָרווערטס רעדאקציע“.

דער עדיטאָריעל איז אין מאַנכע אַגיטאַציאָנס־אויסגאַבען פון אַרבייטער רינג געוואָרען איבערגעדרוקט, ער האָט נאָך היינט ניט פארלוירען זיין באדייטונג.

די קאָנווענשאָן האָט געעפענט ה. גאָלדין, טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע.

טעמפּאָרערי טשערמאן פון דער ערשטער זיצונג איז ערוועהלט געוואָרען א. עפּשטיין (בר. 1), וויס טשערמאן א. סמיטה (בר. 3).

אחוץ די רוטינע פּונקטען זיינען אויפ'ן טאגעס אָרדענונג גע־ווען:

1) מאססאטשוזעטס סטייט טשארטער.
2) ספּעשעל רעזערוו פאָנד.
3) צוויי קלאסען סיסטעם פון אינשורענס.
4) ארגאניזאציאָנס קאָמיטע.
5) שריפטליכע אגיטאציאן פאר'ן ארבייטער רינג.
6) דזשענעראל מעדיקאל עקזאמינער.
7) אינסטאלירען נייע ברענטשעס אין ניו יארק מיט 25 מיטגלידער.
8) קאָנסאמפּשאָן בענעפיט.
9) דענווער סאניטאריום.
10) ארבייטער רינג לייסעאום אין ניו יארק.
11) אָלד איידזש פאָנד.
12) קינדער שוץ קאסעס.

אלס פּראָטאָקאָל סעקרעטערען זיינען ערוועהלט געוואָרען ל. באָוז (בר. 5) און ב. שפּינראד (בר. 49).

ביי דער קאָנווענשאָן זיינען געווען פארטראָטען 79 ברענטשעס מיט 107 דעלעגאטען. 2 פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו קאָמיטע און 2 פון דער קאָנטראָל קאָמיטע. צוזאמען 111 דעלעגאטען.

די קרעדענשעל קאָמיטע רעקאָמענדירט, אז אלע דעלעגאטען זאָלען צוגעלאָזען ווערען, אויסער דעם דעלעגאט פון בר. 50, אויף וועלכען זי האָט זיך ניט געקענט אייניגען, ווייל עס איז אויף איהם געמאכט געוואָרען א קלאגע, אז ער האָט ביים לעצטען קאמ־פּיין אין נויארק געארבייט פאר א קאפּיטאליסטישע פּארטיי. די שטימען פון דער קרעדענשעל קאָמיטע האָבען זיך צוטיילט און דער טשערמאן האָט ענטשיעדען, די פראגע וועגען דעלעגאט איבערצו־געבען דער קאָנווענשאָן צו פארהאנדלען.

דאָס רופט אַרויס אַ היסע דעבאַטע.

דעלעגאַט צינקין, פון בר. 38, מאַכט אַ פאָרשלאַג, נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט, אַז דער ארבייטער רינג איז אַ געזעצליכער אָר־דען, זאָל דארום דער דעלעגאַט פון בר. 50, צוגעלאָזען ווערען, נאָר ער זאָל ניט צוגעלאָזען ווערען צו אַ קאָנווענשאָן אמט.

עס ווערט רעקאָמענדירט, מען זאָל אָנפרעגען די עקז. דעלע־גאַטען, אויב מען האָט אַ רעכט אויף דיזע גרינדע צוריקצואוויי־זען אַ דעלעגאַט.

ב. לילענבלום (פון דער נ. ע. ק.) ערקלעהרט: — ווי אַ לאָיער האָט אונז איבערגעגעבען, קען מען ניט אויסשליסען איינעם, וואָס איז אריין אין מיליטער, ווייל דאָס איז אַ סטייט געזעץ, אָבער די אַנדערע פרינציפען, וואָס אַן אָרגאַניזיישאָן האָט, ווערען באַטראַכט אַלס ביי לאָאָס, וועלכע די מעמבערס מוזען נאָכקומען.

עס ווערט באַשלאָסען פריהער אויסצוהערען די קלאַגען.

ל. פאוז שלאָגט פאָר, מען זאָל אָננעהמען אַ רעזאָלוציאָן, אַז די קאָנווענשאָן איז אין פּרינציפּ געגען צולאָזען דעם דעלעגאַט, אָבער אין די אינטערעסען פון אַ. ר., אום זיך ניט אריינצולאָזען אין טראָבעל, זאָל ער צוגעלאָזען ווערען אונטער פּראָטעסט.

די רעזאָלוציאָן ווערט אָנגענומען מיט 57 שטימען דאַפיר און 23 שטימען דאַגעגען.

נאָהענט בעפאָר דער קאָנווענשאָן, איז דער רעדאַקטאָר פון דער טעגליכער „אבענד צייטונג“*), ש. יאַנאָווסקי, אַרויס מיט געוויסע חשדים און אָנצוהערענישען אין ניט עהרליכקייט קעגען די פיהרער פון אָרדען.

יאַנאָווסקי איז געווען אָנגעשטויסען, וואָס די נאַציאָנאַלע קאָ־מיטעט האָבען לויט זיין מיינונג זעהר פּאַרטייאיש איינגעטיילט די 500 דאָלער, וואָס איז געווען באַשטימט פאָר שריפטליכע אַגיטאַ־ציע. ער האָט אויפגעפאָדערט די נ. ע. ק. זאָל ווייזען די ביכער... און ערקלערען, פאָר וואָס עס זיינען געמאַכט געוואָרען אַזעלכע אויסגאַבען.

דער רעפּאָרט אין דער „אבענד צייטונג“ איבער דער ערשטער זיצונג איז אויך ניט געווען קיין שמייכעלהאַפטער.

די דאָזיגע אָנצוהערענישען האָבען פאַרנומען אַ געוויסע צייט אויף דער קאָנווענשאָן.

---

*) די צייטונג האָט אין גאַנצען עקזיסטירט איניגע וואָכען.

אויף דער צווייטער זיצונג, האט דער טשערמאן פון דער נ. ע. ק. ה. גאלדין, ווען ער האט געענדיגט זיין רעפארט, ערקלעהרט:

„ווי עס ווייזט אויס, האט דער רעדאקטאר פון „אבענד צייטונג“, ווען ער האט געשריבען זיין ארטיקעל, ניט געפונען פאר נויטיג צו זעהן דעם פינאנציעלען סטייטמענט און רעפארט פאר די 10 מאנאטען, פון 1טען מארטש ביז דעם 31טען דעצעמבער, וועלכער זאגט אויסדריקליך און קלאר, אויף וואס עס זיינען געווען די אויסגאבען.

ב. לילענבלום זעצט פאר דעם רעפארט. אנפאנגס פארלאנגט ער, די קאנווענשאן זאל ערוועהלען א פינאנס אונטערזוכונגס-קאמיטע נאכצוזעהן וועגען די אויסגאבען, וואס זיינען געמאכט געווארען דעם יאהר, און זאל די קאמיטע איין מאל פאר אלע מאל איבערצייגען דער וועלט, ווער עס זיינען די פיינד און פריינד פון ארבייטער רינג. און ווען די ביכער זיינען ריכטיג, אויפצופאדערען די „אבענד צייטונג“ איהר סטייטמענט צוריקציהען.

די קאנווענשאן נעהמט אן די אויפפאדערונג מיט צופרידענהייט.

אין פערלויף פון דער זיצונג פרעגט איינער (בערלין בר. 50): „ווארום האט די עקזעקוטיווע געגעבען פון די 500 דאלער פאר שריפטליכע אגיטאציאן בלויז צו איין צייטונג?“

דארויף האט געענטפערט ב. ליליענבוים אין נאמען פון דער עקזעקוטיווע:

„... וועגען די 500 דאלער שריפטליכע פראפאגאנדא, איז דער באשלוס ניט געווען פאר אלע צייטונגען. נאר 500 דאלער פאר שריפטליכע פראפאגאנדא, וועלבע די עקזעקוטיווע האט דאס רעכט צו ספענדען, און מיר האבען געטאן ווי מיר האבען פארשטאנען, ווי אם בעסטען פאר דעם ארבייטער רינג. די עקזעקוטיווע האט גאנץ גוט געוואוסט, אז איין צייטונג וועט אטאקירען דעם ארבייטער רינג דערפאר, און די פראגע האט זיך געשטעלט, צו זאל מען געבען א צייטונג געלד אויס מורא, זי זאל ניט אטאקירען דעם ארבייטער רינג? און מיר האבען באשלאסען, ניט מורא צו האבען, נאר טאן וואס מיר דענקען בעסער פאר דעם ארבייטער רינג.“

לילענבלום'ס רעקאמענדאציע צו ערוועהלען א פינאנס אונטערזוכונגס קאמיטע ווערט אנגענומען. אין דער קאמיטע זיינען אריין: סמיטה, בר. 3, ברוקלין; אלפערט, בר. 32, שיקאגא; זאק, בר. 20, ניו יארק; אייבראמסאן, בר. 1, ניו יארק; ד. קאהן, בר. 12, פילאדעלפיא.

**שפעטער,ביים פונקט: שריפטליכע פראפאגאנדא פאר דעם ארבייטער רינג, לייענען מיר אין באריכט*):**

...„די רעפארט קאמיטע רעקאמענדירט, אז אנשטאט א מאנאטליכען זשורנאל, ווי עס רעקאמענדירט די עקזעקוטיוו קאמיטע, זאל דער ארבייטער רינג האבען אין „צוקונפט" יעדען מאנאט 5 פיידזשעס, פאר וועלכע מען זאל צאהלען 500 דאלאר א יאהר „די צוקונפט פרעס פעדעריישאן".

„אן אמענדמענט ווערט געמאכט צו דער רעקאמענדיישאן, אז די שריפטליכע אגיטאציע פאר דעם ארבייטער רינג זאל זיין אין די טעגליכע צייטונגען, „פארווערטס" און „אבענד צייטונג".

„א פארשלאג ווערט געמאכט, צו שטימען פאר יעדער צייטונג באזונדער".

דער רעזולטאט פון אפשטימען:

„צו האבען ארטיקלען אין „פארווערטס" — דאפיר 65 שטימען, דאגעגען 25 שטימען. צו האבען ארטיקלען אין „אבענד צייטונג" — דאפיר 45, דאגעגען 43 שטימען. ביים צעהלען די שטימען דורך „ראל קאל" (נאמענטליכע אפשטימונג) איז געווען א מיספארשטענדניס צווישען די שטימען, וואס איז געצעהלט געווארען פון טשערמאן און סעקרעטער. ביים טשערמאן איז געווען צוויי שטימען א מאיאריטעט צו האבען די ארטיקלען אין „אבענד צייטונג", און ביים סעקרעטער איז געווען מיט דריי שטימען ווייניגער, און דער פארשלאג איז, בכן, דורכגעפאלען.

ב. ליליענבלום מאכט א פארשלאג, אז צוליב הארמאניע אין ארבייטער רינג זאלען אנגענומען ווערען די שטימען, ווי דער טשערמאן האט געצעהלט. דער פארשלאג ווערט אנגענומען. מיט דעם איז באשלאסען, צו האבען ארטיקלען אין „פארווערטס" און „אבענד צייטונג".

„א פארשלאג ווערט געמאכט צו צאהלען 100 דאלאר א יאהר. אן אמענדמענט 500 דאלאר. אייניגע דעלעגאטען באטייליגען זיך אין דער דעבאטע, אנדערע זיינען מיט דער מיינונג, אז פאר ווייניגער ווי 500 דאלאר א יאהר וועלען די צייטונגען ניט וועלען דרוקען די ארטיקלען, און אנדערע מיינען, אז דער ארבייטער רינג ארבייט פאר די צייטונגען, דארפען די צייטונגען ארבייטען פאר דעם ארבייטער רינג. דער פארשלאג פאר 100 דאלאר א יאהר פאר ביידע צייטונגען ווערט אנגענומען און דער אמענדמענט פאלט דורך".

אין יענער צייט האט דער באוואוסטער צייטונגס ארויסגעבער, וויליאם ראנדאלף הוירסט, אויפגערודערט גאנץ ניו יארק מיט זיין

*) פראטאקאלען פון דער 6טער קאנווענשאן, ז. 62.

קאמף קעגען „טעמעני“ און איהרע באסעס. ער האט ארגאניזירט א רעפארם באוועגונג מיט א ראדיקאלער פראגראם.

אויך אויף דער אידישער גאס האט די „הוירסט באוועגונג“ געקראגען א סך אנהענגער. מאנכע ארבייטער רינג דעלעגאטען זיינען מיט דער באוועגונג מיטגעריסען געווארען.

אויף דער קאנווענשאן איז אריינגעבראכט געווארען א קלאגע קעגען אזא האלטונג מצד די טוער אין ארבייטער רינג.

עס איז אנגענומען געווארען אט די רעזאלוציע (73 פאר און 7 געגען).

„די קאנווענשאן באדויערט די אויסדריקע פון איינעגע דעלעגאטען, וואס האבען זיך אויסגעדריקט אין פייוואר פון דער „הוירסט באוועגונג“.

„... באשלאסען אויפצופאדערען די ברענטשעס, דאס מעמבערס, וועלכע ארבייטען אין דער עפענטליכקייט פאר אירגענד וועלכע קאפיטאליסטישע פארטיי, וואס איז געגען די סאציאליסטישע פארטיי זאלען ניט האלטען קיין אמט אין קיין ברענטש פון ארבייטער רינג, און זאלען פאר קיין פאל ניט געשיקט ווערען אלס דעלעגאטען צו די קאנווענשאנס פון ארבייטער רינג“.

אן דער טאקטיק האט זיך דער ארב. רינג שטענדיג געהאלטען. אויסשליסען האט מען געזעצליך ניט געקענט, אבער מען האט געזוכט מיטלען צו זעהן, אז די וואס ארבייטען געגען דער סאציאליסטישער פארטיי, זאלען קיין תקומה ניט האבען אין ארבייטער ארדען*).

א קלאגע איז געמאכט געווארען אויף א דעלעגאט פון ברענטש 66, פאר שרייבען א פאלשען און מיאוסען רעפארט פון דער 5טער קאנווענשאן אין „דער פרייער ארבייטער שטימע“.

דער דעלעגאט האט זיך ענטשולדיגט . . . און די קלאגע איז ארונטערגענומען געווארען.

מיט דעם אינצידענט איז פארבונדען דער ערשטער דעביוט אויף א קאנווענשאן פון י. וויינבערג, דער איצטיגער טשערמאן פון ארבייטער רינג. י. וויינבערג איז אויף דער 6טער קאנווענשאן געווען א דעלעגאט פון זיין ברענטש 2.

---

*) דאס איז ניט נוגע די אנארכיסטען. מען מעג ניט זיין איינשטימיג מיט די פרינציפען פונ'ם סאציאליזם, מען מעג איבערהויפט ניט האלטען פון דעם סאציאליסטישען צוקונפט שטאט, מען מעג מבטל זיין דעם שטים־קאסטען, מען טאר אבער ניט ארבייטען פאר א קאפיטאליסטישע פארטיי.

אין די קאנווענשאן פראטאקאלען געפינען מיר:

וויינבערג: — ווארום האט די עקזעקוטיווע פערשוויגען וועגען די בעשולדיגונגען וואס דער דעלעגאט פון בר. 66 האט געמאכט דורך דער פרעסע?

אנטוואָרט: *) — די עקזעקוטיווע האט איהם פארקלאגט פאר זיין ברענטש, און דער ברענטש אנשטאט אונטערצוזוכען די בעשולדיגונגען וואס ער האט געמאכט, איז ארויס מיט אן ערקלעהרונג אין די צייטונגען, אז זיי גיבען פרייהייט יעדען מעמבער צו זידלען און בעשמוצען יעדען איינעם. די עקזעקוטיווע האט דאן די גאנצע אנגעלעגענהייט איבער־געגעבען צו דער סטייט קאנטראל.

אויך אן אנדערער וויכטיגער טוער אין ארדען, מ. דאווידאף, אן עקס טשערמאן אין ארבייטער רינג און אין פארשידענע צייטען א מיטגליד אין דער פארוואלטונג, איז געווען א פנים חדשות אויף דער קאנווענשאן. ער איז געווען פארטראטען דורך א פראקסי פון א סינסינעטער ברענטש. אויף דער קאנווענשאן איז דאווידאף נאמינירט געווארען אין די קאנטראל קאמיטע.

אויך א. האפאלאווסקי, שפעטער א פיהרער פון די „יונגע" איז צום ערשטען מאל געשיקט געווארען אלס דעלעגאט פון זיין ברענטש 88 צו דער 6טער קאנווענשאן.

איין רעזאלוציע, וואס איז שייך צו קינדער־ערציהונג, פאסט זיך דא צו ברייגנען.

„א רעזאלוציאן, וועלכע פערלאנגט, אז דער ארבייטער רינג זאל איינפיהרען א סקול פאר די קינדער פון א. ר. מעמבערס, ווערט פער־שאבען צו דער נעקסטער קאנווענשאן".

די פראגע האט זיך שוין דעמאלט אנגעהויבען צו ענטוויקלען. אויף דער 6טער קאנווענשאן איז זי נאך ניט געווען רייף גענוג און איז אפגעלעגט געווארען אויף א יאהר צייט.

רעזאלוציע נומער 2 רעקאמענדירט, צו שיקען א סימפאטיע רעזאלוציע צו מאיער און העיוואוד (די פיהרער פון בארימטען מיינער סטרייק, וועלכע זיינען געשטאנען אונטער א קלאגע פון מארד ערשטען גראד).

עס איז אויך באוויליגט געווארען 300 דאלאר פאר דעם מאיער און העיוואוד פאנד.

---

*) פר. לילענבלום האט געענטפערט אין נאמען פון ג. ע. ק. אויף אלע פראגען.

## ווייטער קומט א רעזאָלוציע פאַר'ן „בונד".

אין אנבעטראכט, דאָס דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער בונד פון ליטע, פוילען און רוסלאנד איז א רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שע אָרגאניזאַציאָן, וועלכע קעמפפט אויסער פאר די אינטערעסען פון דעם אַרבייטער־קלאַס, אויך פאר די אינטערעסען פון דאָס אידישע פאָלק אין רוסלאַנד, זיי עס בעשלאָסען ביי דער 6טער יעהרליכער קאָנוועגשאָן פון אַ. ר. צו שיקען דורך געג. גריגאָרי מאַקסים א ברידערליכען גרוס צו דעם קעמפפענדען אידישען פּראָלעטאריאַט אין רוסלאַנד.

זיי עס אויך בעשלאָסען דאָס דער אַ. ר. פערפפליכטעט זיך מיט פער־דאָפּעלטע ענערגיע צו שטיצען דעם „בונד" אין זיין רעוואָלוציאָנערען קאַמפף פיר פּאָליטישע, נאַציאָנאלע און עקאָנאָמישע פרייהייט.

די רעזאָלוציאָן ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

„מאַקסים" איז דעמאָלט געווען אין נויאָרק אלס דעלעגאט פון „בונד". ער האָט געהאלטען א באַגייסטערטע באגריסונג אויף דער קאָנווענשאָן.

דער באריהמטער רוסישער שריפטשטעלער, מאַקסים גאָרקי, איז דעמאָלט געקומען קיין נויאָרק און די צבוע'קעס, די היפּאָקרי־טען, האָבען פאַרשפּרייט א קלאַנג אין דער פּרעסע, אַז גאָרקי לעבט ניט כדין וכדת מיט זיין פרוי, די באַוואוסטע אַקטריסע אנדרעיעווע און אַט צוליב דעם חטא קעגען טהרת המשפחה, האָט קיין האָטעל ניט געוואָלט אריינלאָזען דעם גרויסען קינסטלער. דער ארבייטער רינג האָט געגען דעם פּראָטעסטירט.

„אַ רעזאָלוציאָן ווערט איינשטימיג אָנגענומען אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט אַ פּראָטעסט געגען די אַמעריקאַנער פּרעסע, פאַר איהר שענדליכע האַנדלונג צו מאַקסים גאָרקי".

אין נויארק האָט עקזיסטירט אַן עדיוקיישאָנאַל ליעג (דער פאַרשטאָרבענער יעקב גאָרדין איז דאָרטען געווען זעהר טעטיג), וואו עס זיינען געגעבען געוואָרען סיסטעמאַטישע לעקציעס אויף פאַרשידענע געביטען פון דער וויסענשאַפט אויף אידיש.

די עדיוקיישאָנאַל ליעג איז געווען א וויכטיגע בילדונגס אינסטי־טוציע און האָט אין די יאָהרען פון איהר עקזיסטענץ זעהר אַ סך אויפגעטאָן אויפ'ן קולטורעלען געביט. די זעקסטע קאָנווענשאָן נעהמט אָן א רעזאָלוציע, וועלכע רופט די מעמבערס פון ארבייטער רינג, זיך צו אינטערעסירען מיט אָט דער אינסטיטוציע פאַר בילדונג צווישען ארבייטער.

אלע רעזאלוציעס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט, וואס עס הערשט אין ארבייטער רינג בנוגע געוויסע עקאָנאמישע, סאציאלע און פאליטישע באוועגונגען.

די רעזאלוציעס האבען קלאר געמאכט דעם שטאנדפונקט פון ארבייטער רינג.

# דער רעפערענדום נאך דער זעקסטער קאנווענשאן.

די אלע וויכטיגע פונקטען, איבער וועלכע מען האט מיט גרויס ערנסט און שכל דיסקוטירט אויף דער קאנווענשאן, זיינען, נאך דעם ווי די קאנווענשאן האט וועגען זיי באשלאסען, ארויסגעשיקט געווארען צום רעפערענדום.

אזוי ווי כמעט אלע פונקטען זיינען געווען נייע שטופען אין דער געשיכטע פון ארבייטער רינג, גיבען מיר זיי דא איבער:

ר ע פ ע ר ע נ ד ו ם.

1. עס זאל איינגעפיהרט ווערען א צווייטע קלאס פון אינשורענס פאר פרויען. אין דער צווייטער קלאס זאלען בעלאנגען נאר פרויען, פרויען פון מעמבערס, מיידלעך, און אויך פרויען וועמעס מענער עס בעלאנגען ניט צום ארבייטער רינג, אבער ארבייטען ניט געגען די אינטערעסען און פרינציפען פון ארבייטער רינג. אין דער צווייטער קלאס זיינען די מעמבערס אינשורט בלויז אין 200 דאלאר, און קיין קראנקען אדער קאנסאמפשאן בענעפיט.

2. עס זאל אפאינטעט ווערען פון דער עקזעקוטיווע צוזאמען מיט דער קאנטראל קאמיטע אן ארגאניזאציאנס-קאמיטע, בעשטעהענד פון 4 מיטגליעדער, 2 פון דער עקזעקוטיווע און קאנטראל און 2 פון אנדערע מעמבערס. די עקזעקוטיווע זאל ספענדען פאר דיזער ארגאניזאציאנס-קאמיטע

1) ביז 2 טויזענד דאלאר דעם יאהר;

2) ביז 1 טויזענד דאלאר דעם יאהר.

3. עס זאל געשאפען ווערען א ספעשעל רעזערוו פאנד

1) יעדער מעמבער זאל פאר דיזען פאנד צאהלען 25 סענט א קווארטאל.

2) יעדער מעמבער זאל פאר דיזען פאנד צאהלען 15 סענט א קווארטאל.

4. יעדער מעמבער איז בערעכטיגט צו קריגען 50 דאָלאר קאָנסאָמפּשאָן־בענעפיט, אין פאל ער וועט קריגען קאָנסאָמפּשאן, און א פּראָפעסאָר וועט איהר ראטהען צו פאָהרען אין א קאָנטרי ניט וויט פון זיין וואָהנונגס־פּלאץ. ווען דער מעמבער וועט זיך אין דיזער קאָנטרי ניט קענען קורירען און וועט דארפען פאָהרען אין די וועסטערן סטייטס ווי קאָלאָראדאָ, טעקסעס א. ז. וו., אָדער אין יוראָפּ, זאָל דער מעמבער קריגען די אנדערע 50 דאָלאר. ווען א פּראָפעסאָר וועט ראטהען דעם מעמבער באלד פאָהרען אין די וועסטערן סטייטס, ווי קאָלאָראדאָ, טעקסעס, א. ז. וו. אָדער אין יוראָפּ, זאָל דער מעמבער קריגען 100 דאָלאר קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט.

5. די סאַלערי פאר די אָפיס־אָנגעשטעלטע זאָל זיין 45 דאָלאר א וואָך. פון דעם זאָל דער סעקרעטער קריגען 18 דאָלאר א וואָך, דער בוכהאַלטער ביז 20 דאָלאר, און די איבעריגע פאר אן אסיסטענט.

6. די שריפטליכע אַגיטאַציאָן פון ארבייטער רינג זאָל זיין אין די טעגליכע צייטונגען „פאָרווערטס“, „אבענד־צייטונג“ און מאָנאַטליכען זשורנאל „צוקונפט“. די צייטונגען זאָלען קריגען צו 50 דאָלאר אַ יאָהר.

7. אין ניו יאָרק זאָלען נייע ברענטשעס אינסטאָלירט ווערען מיט 25 מיטגלידער אנשטאָט 50.

8. די נעקסטע קאָנווענשאן זאָל זיין קומענדען יאהר

1) אין פילאדעלפיא,

2) אין נואַרק, נ. דזש.

9. צו בעוויליגען פאר דעם מאָיער און העיוואוד דעפענס פאָנד 300 דאָל.

די אלע פונקטען זיינען ביי דעם רעפערענדום אבשטימונג אנגענומען געווארען. די שטאָט, וואו ס'זאָל געהאַלטען ווערען די זיבעטע קאָנווענשאָן, האָט דער רעפערענדום באַשטימט, זאָל זיין נואַרק, ניו דזשוירזי.

# די מאססאטשוזעטס אפעיר.

איצט איז די צייט זיך אומצוקערען צו דער מאססאטשוזעטס געשיכטע, וואס האט געפיהרט צו דעם „אינדעפענדענט ארבייטער רינג", לייבאר ליעג" און צו א סך אנדערע רעזולטאטען.

מיר האבען אויבען געזעהן, ווי די מאסס. פראגע האט זיך גע־צויגען זינט דער ארבייטער רינג איז געווארען אן ארדען, ווי אזוי זי האט בּאאונרוהיגט די פיהרער פון ארבייטער רינג און אז די נ. ע. ק. האט איהר איינגעטיילט א ספּעציעלען פּלאץ אין איהר רעפּארט צו דער 6טער קאנווענשאן.

וואס האט פּאסירט אויף דער קאנווענשאן גופא?

אין די פּראטאקאלען פון דער 6טער קאנווענשאן (ז. 64־63) לייענען מיר:

אין אנבעטראכט, דאס די פראגע וועגען מאססאטשוזעטס סטייט טשאר־טער איז פון די הויפּט וויכטיגע, אויב ניט די וויכטיגסטע פון דיעזער קאנווענשאן;

אין אנבעטראכט, דאס די גרויסע צאהל דעלעגאטען פון דיזער קאנ־ווענשאן, איז מעהרסטענס פרעמד אין דער טהעארעטישער און פּראקטישער זייט פון דיזער פראגע, און

אין אנבעטראכט, אז די צייט פון דיזער קאנווענשאן איז זעהר טהייער,

זיי עס בעשלאסען, דאס די קאנווענשאן זאל גלייך ביי דיזער זיצונג ערוועהלען א קאמיטע פון 9, וועלכע זאל בעשטעהן: 1ער פון דער עק־זעקוטיווע און 1 דעלעגאט פון יעדער פערטראטענער סטייט, צוזאמען מיט דעם לאיער פון ארבייטער רינג און מיט די דעלעגאטען פון מאססאטשו־זעטס סטייט, צוזאמען די פראגע גרינדליך בעשפּרעכען אויסהערענדיג די דעלעגאטען פון מאסס. סטייט, זייערע פּלענער און רעקאמענדיישאנס, און אריינברענגען צו דער קאנווענשאן צו דיסקוטירען, ווען עס וועט קומען צו פּונקט 6 פון טאגעס־ארדנונג*), ד. ה., אז דער פּונקט 6 פון טאגעס־

---

*) דאס איז דער פּונקט וועגען מאססאטשוזעטס — ז.

אָרדנונג זאָל פריהער ניט פערהאנדעלט ווערען, בעפאר די קאָמיטע פון 9 וועט בעריכטען.

אַ פאָרשלאג ווערט געמאכט די רעזאָלוציאָן אָנצונעהמען מיט אן אמענדמענט, אז די קאָמיטע זאָל בעשטעהן ניט דוקא פון 1 דעלעגאט פון יעדער סטייט, ווערט אָנגענומען און פאָלגענדע דעלעגאַטען ווערען ער־וועהלט אין דער קאָמיטע: פ. לעווין, בר. 1; א. עפשטיין, בר. 1; באקסט, בר. 14; ה. זאק, בר. 20; סמיטה, בר. 3; גאָלדשטיין, בר. 11; דייוויס, בר. 42; סקלארינסקי, בר. 59 און סאוועצקי, בר. 87.

ווייטער (פראָטאָקאָלען ז. 66) קומט דער באריכט פון דער קאָמיטע.

די קאָמיטע וועגען מאַסס. סטייט רעפּאָרטעט און רעקאָמענדירט, אזוי ווי די געזעצען פון מאַסס. זיינען זעהר שווער אָנצונעהמען פאר דעם אַ. ר., זאָל זיך דער אַ. ר. דאָרט ניט אינקאָרפּאָרירען און די מעמבערס זאָלען בעטראכט ווערען אלס מעמבערס עט לארדזש.

אין דער דעבאַטע בעטהייליגען זיך איניגע דעלעגאטען, און רעדען געגען די רעקאָמענדיישאָן פון מעמבערס עט לארדזש, ווייל דאָ וועט זיין שווער צו קאָנטראָלירען די קראנקען בענעפיט און דעם אַ. ר. קען אויסקו־מען פיעל צו ליידען דאדורך, זיי בעדויערען דעם פאַל, דאָס מען וועט מוזען פארלירען די מאַסס. סטייט ברענטשעס; מען קען זיך אָבער ניט העלפען.

גענ. מ. לאָנדאָן, אַטורני פון אַ. ר., איז אנוועזענד, ער גיט אן ער־קלעהרונג וועגען די לאגע אין מאַסס. סטייט, און ער ראַטה דער קאָנווענ־שאָן, מען זאָל די פראגע ביי דיזער קאָנווענשאָן ניט ענטשיידען און אָב־לייגען אויף א קורצע צייט.

די מאַסס. סטייט דעלעגאטען ברינגען אריין פאָלגענדען געשריעבע־נעם פאָרשלאג:

„מיר שטעלען צום אנטראג דאָס די עקזעקוטיווע זאָל זיין אינסטרו־אירט צו שיקען דעם אטורני פון אַ. ר. ניט שפּעטער ווי ביז ענדע מאָ־נאַט מאי 1906 נאָך באָסטאָן, מאַסס. צו קאָנפערירען מיט א לאָיער פון באָסטאָן, צוזאַמען מיט דער סטייט קאָמיטע פון מאַסס. צו פערפערטיגען אַ פאָלשטענדיגען בעריכט פון די מעגליכקייטען צו פערזיכערען דעם אַ. ר. א געזעצליכע עקזיסטענץ אין דיעזען סטייט.

אונטערשריבען אלע דעלעגאַטען פון מאַסס. סטייט.

דער פאָרשלאג פון די מאַסס. סטייט דעלעגאטען ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

דער פיהרער פון דער מאסס. דעלעגאציע איז געווען ש. יגדל. אין אנפאנג איז ער געווען א מעמבער אין בר. 14 (פראווידענס). שפעטער האט ער אריבערגעטופט קיין באסטאן, ער האט געגרינדעט בר. 31 לארענס (מאסס). דא אויף דער קאנווענשאן איז ער געווען א דעלעגאט פון בר. 55.

יגדל איז געווען אן אקטיווער טוער. מען האט איהם געהאלטען פאר אן אייגענעם מענשען, וואס איז זעהר געטריי דעם ארבייטער רינג. ער האט פארטראטען מאססאטשוזעטס אין דער סטייט קאנטראל קאמיטע. ער איז כסדר געשטאנען אין פארבינדונג מיט'ן גענ. אפיס.

די ערשטע קאנפערענץ מיט די מאסס. ברענטשעס איז געהאלטען געווארען אין דזשון, 1906, אין באסטאן. ב. לילענבלום און ה. גאלדין זיינען געווען די קאמיטע פון דער עקז. צו „הענדלען די קיים" צוזאמען מיט מ. לאנדאן.

ביי דיזער קאנפערענץ איז באשאפען געווארען א מאסס. טשארטער קאמיטע, וועלכע זאל זיך בעראטען מיט לאיערס, אויסזוכען פלענער ווי אזוי דער א. ר. זאל קענען ווערען געזעצליך אין מאסס. סטייט. א צווייטע קאנפערענץ איז געהאלטען געווארען אין באסטאן אין מאנאט אויגוסט פון דעם זעלבען יאהר, ביי דיזער קאנפערענץ איז פון דער עקז. געווען פארטראטען: ה. גאלדין, א. עפשטיין און מ. לאנדאן.

אז דער א. ר. קען ניט ווערען געזעצליך אין מאסס. איז מען געווען זיכער. דאס האט מען געוואוסט, ווען מען איז באקאנט געווארען מיט די ניישאנאל פראטוירנעל קאנגרעס רייטס. אז דער א. ר. זאל ווען עס איז אננעמען די רייטס, האט קיינער ניט געחלומ'ט.

עס קען זיין, אז אויב מען וואלט ניט געמאכט קיין „אישוס" וועגען מאסס., אזוי ווי מען האט ניט געמאכט קיין „אישוס" וועגען דעם אין אנדערע סטייטס, וואלט גאר ניט געווען. עס קען גרייליך זיין, אז די „אישו" וואלט מיט דער צייט אפגעשטארבען. האט אבער די עקז. אויף דעם ראטה פון דער קאמיטע, גאלדין און עפשטיין, וואס זיינען געווען אויף דער לעצטער קאנפערענץ אין באסטאן, באשלאסען — מען זאל אויפהערען אריינצונעמען נייע מעמבערס אין מאסס. סטייט.

וויינטרויב איז געווארען אינסטרואירט צו לאזען וויסען וועגען דעם באשלוס די ברענטשעס אין מאסס. סטייט. וויינטרויב

האָט געהאַלטען פון כלל, אז ניט אלע מאָל און ניט אלע באשלו־סען פון אן עקזעקוטיווע זיינען קלוג און טאַקטיש.

וויינטרויב האָט זיך דעריבער ניט געאיילט מיט׳ן לאָזען וויסען דעם באַשלוס צו די מאַסס. ברענטשעס, אז זיי זאָלען ניט אריינ־נעמען קיין נייע מעמבערס.

ער איז אָבער געוואָרען שטרענג אויפגעפאָדערט פון טשער־מאַן פון דער עקז. ביי א מיטינג, אומבאַדינגט דאָס יאָ צו טאָהן.

ניט אריינגעמען נייע מעמבערס הייסט — לאָזען אָבשטאַרבען די ברענטשעס, און שטאַרבען האָט זיך קיינעם ניט געוואָלט.

דאָס האָט געגעבען א שטאַרקען שטויס צו דער גרינדונג פון אן „אינדעפּענדענט אר. רינג אין מאַסס.“

די מאַסס. טשאַרטער קאָמיטע איז געבליבען און זי האָט אויס־געאַרבייט א פּלאַן פון א באַזונדער אָרגאַניזאַציע. אמת, קיין כונה פון א דירעקטער אָפּאָזיציע צום אַ. ר. איז דערביי ניט געווען.

אין מיטען מאָנאַט נאָוועמבער, 1906, איז צו א מיטינג פון דער עקז. געקומען א קאָמיטע פון דער „מאַסס. טשאַרטער קאָמי־טע“. די קאָמיטע איז געווען ש. יגדל און ס. גאָלדבערג פון בראָק־טאָן. זיי האָבען פאָרגעשלאָגען א פּלאַן פון א באַזונדערער אָר־גאַניזאַציע פאר די מאַסס. ברענטשעס.

„די ברענטשעס ווילען לעבען, ווילען עקזיסטירען, ווילען אריינגעמען נייע מעמבערס — האָט די קאָמיטע גע׳טענה׳ט — און כדי דאָס צו טאָהן, מוזען זיי זיך אָרגאַניזירען אין אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע“.

די קאָמיטע האָט פארלאַנגט 1,000 דאָלאַר, וואָס עס דאַרף קאָסטען צו באַשאַפען אַזאַ אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיט אן אָפּיס א. ז. וו., און ווייסענדיג, אז די עקז. האָט ניט קיין געלד פאר אַזאַ צוועק, האָט זי געזאָגט, אז די מאַסס. מעמבערס וועלען זיין צו־פרידען אָראָפּצולאָזען 200 דאָלאַר פון די אינשורענס, כדי מען זאָל קענען אויסצאָהלען דעם אונטערשיד פון די איינטריטס־געלד.

צו יענער צייט איז אין מאַסס. געווען 9 ברענטשעס מיט אן ערך 245 מעמבערס. פאַרהייראַטע און אומפאַרהייראַטע. ניט רעכענענדיג די פרויען פון די פאַרהייראַטע, אלס ספּעציעלע מעמ־בערס, ארום 100 אין צאָהל.

די עקזעקוטיווע האָט מסכים געווען דערצו מיט דעם תנאי, מען זאָל פריהער צושיקען א בריעף צו די מעמבערס פון מאַסס. און אַנטרעגן, ווייל זיי זיינען צופרידן צו ווערן מעמ־

בערם פון צווייטען קלאס. אויב די מאיאריטעט וועט אננעמען דעם פלאן, וועט מען געבען דער קאמיטע דאס געלד, אדער מען וועט אליין ארגאניזירען א באזונדערע ארגאניזאציע אין מאסס. סטייט, איינארדנען אן אפיס א. ז. וו.

די קאמיטע איז אפילו ניט געווען צופרידען מיט דעם תנאי, זי האט זיך אבער ניט געקענט העלפען.

פון אפיס איז ארויסגעשיקט געווארען א בריעף צו יעדען מעמבער באזונדער, צוזאמען מיט א באלאט.

פון די 245 מעמבערס האבען בלויז 76 געענטפערט. 72 זיינען געווען געגען און בלויז 4 זיינען געווען דערפאר.

אין דער צייט, ווען עס איז אנגעגאנגען דער רעפערענדום און עס האט זיך געפיהלט, אז דער רעזולטאט וועט זיין א פולער צו־טרויען צום א. ר., האט די מאסס. קאמיטע אפילו ניט געהאט קיין געדולד אפצואווארטען דעם בעשלוס פון רעפערענדום, און **האט ארגאניזירט אן ארבייטער רינג אף מאסס. אינקארפארייטעט.** דעם 17טען דעצעמבער 1906 האט זי ארויסגענומען א טשארטער אין ראד איילאנד סטייט מיט 200 דאלאר אינשורענס. סאסייעטים, וואס צאהלען ניט מעהר ווי 200 דאלאר אינשורענס, פאלען ניט ארונטער אונטער די אינשורענס געזעצען פון מאסס. סטייט.

דער גענעראל אפיס האט זיך דערפון דערוואוסט דעם זעלביגען טאג, ווען דער ראד־איילאנד טשארטער איז ארויסגענומען געווארען. וויינטרויב איז גראדע דעמאלט געווען אין פראווידענס און האט דארטען געטראפען יגדל'ן. יגדל האט איהם דערצעהלט וועגען דעם.

באלד נאך דעם האט זי, די קאמיטע, אריינגעגעבען אן ערקלעהרונג אין „פארווערטס"*) וועגען דעם נייעם א. ר. און האט דערצעהלט, אז ער שטעהט אין די בעסטע באציהונגען מיט דעם א. ר. אין נויארק.

מאנכע א. ר. ברענטשעס האבען זיך אנגעשלאסען אן דעם נייעם א. ר. און מאסס. אינק. ענדע אפריל, 1907, האט די נייע ארגאניזאציע געהאלטען איהר ערשטע און גרינדונגס קאנווענשאן.

אויף דעם צוזאמענפאהר זיינען געווען 12 דעלעגאטען־פערטרעטער פון 248 מעמבערס.

---

*) „פארווערטס" דעם 19טען יאנואר, 1907.

די עקזעקוטיווע, איינזעהענדיג דעם טעות, וואס זי האט גע־מאכט מיט דעם באשלוס ניט אריינצונעמען נייע מעמבערס, האט געפרופט געהן צוריק. א קאמיטע, ה. גאלדין און א. עפשטיין, איז אין מיטען יאנואר 1907 געפאהרען קיין איסט באסטאן און בראקטאן, און דארטען ביי די מיטינגס האט זי זיך באמיהט אויפקלעהרען די מיטגלידער וועגען דעם א. ר. אף מאסס. אינק.

אין כעס אויף דער געגענערשאפט מצד די נ. ע. ק. צו דער נייער ארגאניזאציע, האט די גרינדונגס קאנווענשאן, אדער די ערש־טע קאנווענשאן פון א. ר. אף מאסס. אויף צו להכעיס באשלאסען אריינצונעמען ברענטשעס איבעראל, אפילו אויסער מאססאטשו־זעטס.

אויף דער 7טער קאנווענשאן אין נוארק, אין 1907, זיינען גע־ווען פון מאסס. 4 דעלעגאטען:

פון בר. 31 לארענס — טעפער.
" " 33 באסטאן — היימאן.
" " 36 טשעלסי — קארווין.
" " 58 בראקטאן — ס. גאלדבערג.

די 4 דעלעגאטען האבען צו דער קאנווענשאן איבערגעגעבען א צושריפט, אין וועלכען זיי האבען פארלאנגט, אז די קאנווענשאן זאל באלד ערוועהלען א קאמיטע פון 9, וואוהין עס זאלען אריין צוויי דעלעגאטען פון די מאסס. ברענטשעס, און 2 פון דער עקז., און עס זאל ווערען פארהאנדעלט די מאסס. פראגע. די קאנווענ־שאן האט דעם פארשלאג באוויליגט. אין דער קאמיטע זיינען ער־וועהלט געווארען:

ש. בולגאטש — בר. 1; וו. באקסט — בר. 14; ל. ראטה־מאן — בר. 1; ל. זאקס — בר. 2; ס. סאוועצקי — בר. 87; מ. רייז — בר. 26; וו. אלטשול — בר. 9; ס. מנקר — בר. 62; מ. רייטשעלסאן — בר. 111.

פון דער עקז. ווערען באשטימט: מ. לילענבלום און ה. גאלדין.
פון די מאסס. דעלעגאטען זיינען געווען אלע 4.

נאך דעם, ווי די קאמיטע האט געהאט איהר מיטינג, אויסגע־הערט די עקז. און די מאסס. דעלעגאטען, ברענגט זי אריין א בא־ריכט, אז מען זאל דעם גאנצען ענין איבערגעבען דער עקז. צו פאר־האנדלען.

עס איז אוועק א שטיקעל צייט נאך דער קאנווענשאן, אלץ איז, דוכט זיך, געגאנגען רוהיג, שטיל. די עקז. האט גאר ניט גע־

טאָהן, ווייל זי האָט אלץ געמיינט, אז דער באַשלוס פון דער נייער אָרגאַניזאַציע צו גרינדען ברענטשעס איבעראל, איז געווען ניט מעהר ווי א „סטראשוטאַק", פּלוצלונג לאָזט מען וויסען פון וואָטערבורי, אז דער מאַסס. א. ר. געהט טאַקע אויף און אמת'ן דאָרטען אָרגאַניזירען א ברענטש.

אייניגע מעמבערס, וואָס זיינען פון בר. 26 וואטערבורי געוואָרען ארויסגעשטויסען, האָבען זיך געווענדעט צום דזשענ. אָפּיס, נויארק און געבעטען אָרגאַניזירען א צווייטען ברענטש. צוליב טאַקטישע אורזאכען האָט די עקז. זייער פאַרלאַנג אָפּגעזאָגט, האָבען זיי זיך פון כעם געווענדעט קיין באָסטאָן און אין אויגוסט 1907 זיינען זיי אינסטאַלירט געוואָרען אלס בר. 12 פון א. ר. אָף מאַס.

דאָס האָט אויפגערודערט דאָס שטילע וואַסער. די לאָיאלע מעמבערס פון א. ר. אין מאַסס., ספּעציעל פון בראָקטאָן, זיינען ארויס אין אן אָפענער אָפּאָזיציע קעגען דער נייער אָרגאַניזאַציע. צו יענער צייט האָבען זיך די מעהרסטע ברענטשעס פון א. ר., וואָס האָבען זיך געפונען אין מאַסס. סטייט, שוין געהאַט אויפגעלעזט. די מעמבערס זיינען געוואָרען מעמבערס עט לארדזש. כדי די מאַססאַטשוזעטסער זאָלען וויסען, וואָס עס טהוט זיך אין נויאָרק, האָבען זיי בכיוון איבערגעלאָזען אין נאָמען 3 ברענטשעס, די בר. 31, 33 און 61, וואָס האָבען פאַקטיש באַלאַנגט צום א. ר. אָף מאַסס. אינק.

די בראָקטאָנער מעמבערס עט לארדזש האָבען פאַרלאַנגט פון גענ. אָפּיס אין נויאָרק, מען זאָל זיי צוריק אינסטאַלירען אלס ברענטש. צווישען די איבערגעגעבענע און לאָיאלע מעמבערס אין בראָקטאָן זיינען געווען מ. וואָלפּערט, ס. גאָלדבערג און טאַרלאָוו.

זייער פאַרלאַנג איז באַוויליגט געוואָרען און ה. גאָלדין, צוזאמען מיט וויליאם באקסט פון פּראָווידענס, האָבען דעם 9טען דעצעמבער 1907 אינסטאַלירט אין בראקטאָן ברענטש 171. באַלד דערנאָך, דעם 6טען יאנואר 1908, איז געוואָרען אינסטאַלירט דער ברענטש 177 אין וואוסטער, און אין אפּריל, דעם 13טען, 1908, דער בר. 189 אין בראָקטאָן.

די צוויי ברענטשעס, 171 און 177, האָבען גענומען ענערגיש באַקעמפען דעם „א. ר. אָף מאַסס., אינק." די פון פריהער איבערגעלאָזענע 3 ברענטשעס פון א. ר., וועלכע זיינען פאַקטיש געווען ברענטשעס פון דער מאַסס. אָרגאַניזאַציע: די ברענטשעס 31, 33 און 61, זיינען ארויס מיט אן אַפּיל צו דיביידע ארבייטער רינגס,

אַז עס זאָל ווערען געהאַלטען אַ קאָנפערענץ, וואָס זאָל פיהרען צו אַן אויסגלייך.

ביי דער 8טער קאָנווענשאָן אין פילאדעלפיע איז ב. פייגענ־בוים געווען אַ פּראָקסי דעלעגאַט פון בר. 33 באָסטאָן, אבער ער האָט קיין אנטהייל אין די פערהאַנדלונגען פון קאָנווענשאָן ניט גענומען.

עס זיינען געווען צוויי דעלעגאַטען פון לאָיאַלען בר. 171, בראָקטאָן, מ. וואָלפּערט און ס. גאָלדבערג.

אויף דער קאָנווענשאָן איז ערהאַלטען געוואָרען אַ צושריפט פון א. ר. אָף מאַסס. אינק., אין וועלכען ער לאָזט וויסען, אַז ער האָט אָנגענומען די רעקאָמענדיישאָן פון די בראַנטשעס 31, 33 און 61. ער איז מסכים צו שיקען אַ קאָמיטע, דער אַ. ר. זאָל אויך שיקען אַ קאָמיטע און ביידע קאָמיטעס זאָלען זיך דורכריידען.

די קאָנווענשאָן בעשליסט איבערצוגעבען דער עקז. צו ער־וועהלען אַזאַ קאָמיטע*).

נאָך לאַנגע פּערהאַנדלונגען דורך בריעף וועגען פּלאַץ, וואו די קאָנפערענץ זאָל געהאַלטען ווערען, ווייל די עקזעקוטיווע האָט פון אָנפאַנג ניט געוואָלט פאָהרען קיין באָסטאָן און די מאַסס. דע־לעגאַטען האָבען ניט געוואָלט קומען קיין נויאָרק, איז בעשטימט געוואָרען, אַז דער קאָנפערענץ זאָל ווערען געהאַלטען דעם 12טען און 13טען סעפּטעמבער, 1908, אין נ י ו ב ר י ט י י ן, ק אָ נ., ווייל צו יענער צייט האָט דער מאַסס. אַ. ר. שוין געהאַט אויך אַ בראַנטש אין ניו בריטיין.

עס איז אָפּגעמאַכט געוואָרען, אַז יעדער צד זאָל ביי דער קאָנ־פערענץ זיין פאַרטראָטען דורך 5 דעלעגאַטען, אַ חוץ דעם סעקרע־טער און ליגעל אדווייזער.

די עקז. האָט באַשטימט די פאָלגענדע 5 דעלעגאַטען : אַ. עפּ־שטיין, ה. גאָלדין, י. ווייגבערג, י. אַנאָפּאָל, ב. שפּינראָד. אַ חוץ זיי אויך י. וויינטרויב און מ. לאַנדאָן.

די קאָנפערענץ איז געהאַלטען געוואָרען אָפען פאר'ן עולם. ד. ה. פאר די מעמבערס פון ביידע צדדים.

---

*) זעה פּראָטאָקאָלען 8טע קאָנווענשאָן, זייט 110. בכלל געפינט מען זעהר וועניג וועגען מאַסס. סטייט, סיי אין די בעריכטען פון דער עקז., סיי אין די פּראָטאָקאָלען פון קאָנווענשאָן. צוליב טאַקטישע אורזאַ־כען האָט מען געזעהן וואָס וועניגער צו שרייבען און וואָס וועניגער צו רעפּאָרטען, ביז אָנפאַנג אָקטאָבער, 1908.

סעקרעטערען פון קאָנפערענץ זיינען באַשטימט געוואָרען: וויינטרויב און יגדל.

ביידע צדדים האָבען אָנגעפאנגען צו האַלטען רעדעס. דער פארטרעטער פון בר. 31, איינער פון די ברענטשעס, אויף וועמענס איניציאַטיווע די קאָנפערענץ איז צוזאַמענגערופען געוואָרען, האָט געזעהן, אַז פון דעם רעדען וועט גאָר ניט אַרויסקומען, האָט דער־מאָלט פאָרגעשלאָגען, די ביידע צדדים זאָלען זיך פריוואַט דורכ־רעדען און אריינברענגען געשריבענע פאָרשלאַגען.

נאָך דעם, ווי מען האָט זיך בעראַטהען, וואָס צו טאָהן און ווע־לענדיג אויסמיידען ווייטערדיגע סכסוכים, האָט די אַ. ר. דעלעגאַ־ציע אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע זי האָט צוגעשטעלט צו דער נעקסטער עפענטליכער זיצונג.

„אין אַנבעטראַכט, אַז אין מאַסס. סטייט איז אין קראַפט אַ געזעץ, דאָס די אַססעסמענטס פון פראַטווירנאַל אָר־דענס דאַרפען זיין אויפ'ן באַזיס פון „נייַשאָנאַל פראַטווירנאַל קאָנגרעס טייבעל אָף מאָרטאַליטי“, אַז צוליב דיזען געזעץ איז אונמעגליך פאר דעם אַ. ר. צו עקזיסטירען אין מאַסס. געזעצליך, אַז די מעמבערס פון מאַססס. סטייט זיינען געווען געצוואונגען צו אינקאָרפאָרירען זיך אַלס בעזונדער אָרדען אין מאַססס. סטייט, כדי זיי זאָלען עקזיסטירען געזעצליך, ווי עס האָבען ערקלעהרט די פער־טרעטער פון אַ. ר. אָף מאַסס., אינק.

„אין אַנבעטראַכט, אַז דער אַ. ר. האָפט אין גיכען אָנצו־נעמען די „נייַשאָנאַל פראַטווירנאַל קאָנגרעס רייטס*).

„אין אַנבעטראַכט, אַז אין די סטייטס ווערמאָנט, ניו־העמפשיר און מעין האָט נאָך דער אַ. ר. ניט אויסגעגעבען קיין געלד פאר אָרגאַניזאַציאָן, און דאָרטען איז דער אַ. ר. ניט קיין אַסעט.

---

*) צו דיזער צייט איז שוין וויינטרויב געווען גוט בעקאַנט מיט דעם „נײשאָנאַל פראַטערנאַל קאָנגרעס רייטס טייבעל אָף מאָרטאַליטי“, און ער האָט איינגעזעהן, אַז דאָס איז ניט סתם אַזוי אַ קאַפּריז פון מאַסס. סטייט, אַז דאָס איז נאָר אַ לעבענס־פראַגע פאר אַלע אָרדענס. ער האָט דאַן אָנגעפאַנגען צו פיהרען אַן אַגיטאַציע פאר די רייטס. געשריבען אַרטיקלען אין „פאָרווערטס“, „צוקונפט“, און אין די יעהרליכע רעפּאָרטס צו די קאָנווענשאָנס א. ז. וו., אַז די נ. פ. ק. רייטס וועלען ווערען אָנגענומען אין אַ. ר.

„זאָל דער א. ר. אָף מאסס., אינק., זיך בעגרענעצען מיט זיין טהעטיגקייט אין דיזע סטייטס, ביז וואנען דער א. ר. וועט ווערען געזעצליך אין מאסס. סטייט."

דאָס איז די מאסס. דעלעגאַטען אָבער געווען ווייניג, זיי האָבען פארלאַנגט, אז דער א. ר. זאָל זיך צוריק ציהען פון טהעטיגקייט אין אַ ל ע סטייטס פון ניו־ענגלאַנד, איינגעשלאָסען קאָנעקטיקוט און ראָוד איילאַנד און איבערגעבען „דעם א. ר. אָף מאסס., אינק." אלע ברענטשעס און מעמבערס.

דער פארלאַנג איז געווען א חוצפה'דיגער, און ווען די נויאָר־קער דעלעגאַציע האָט געענטפערט, אז זי קען דאָס אפילו ניט באַ־טראַכטען, האָט דאַן געבעטען דאָס וואָרט י. גאָלדשטיין, דער איצטי־גער אָרגאַנייזער פון די בעקערס אין נויארק, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין באָסטאָן. (ער איז געקומען מיט די מאססאַטשוזע־טסער, כדי צו אַדרעסירען א פארזאַמלונג, וואָס דער מאסס. ברענטש האָט דאָרטען אַראַנזשירט).

ווען גאָלדשטיין האָט געבעטען דאָס וואָרט, האָבען אלע גע־מיינט, אז ער וויל עפּעס פארלעגען, אלס א זייטיגער, אונפּאַרטיי־אישע פּערזאָן. ער האָט אָבער געמאַכט אויף די נויאָרקער א שטאַרקע אַטאַקע. די נויאָרקער האָבען דעמאָלט איינגעזעהן, אז דאָס בעסטע, וואָס מען קען טהאָן, איז צוריקצוציהען זיך און אָפּ־ברעכען די קאָנפערענץ. דאָס האָט מען געטהאָן.

די נויאָרקער דעלעגאַציע האָט וועגען קאָנפערענץ געגעבען אַן ערקלעהרונג אין „פאָרווערטס"; די מאססאַטשוזעטסער האָבען גע־ענטפערט מיט אַן ערקלעהרונג אויף א גאַנצער זייט. די נויאָרקער האָבען זיי צוריק געענטפערט אויך אויף א פולע זייט*).

די נ. ע. ק. האָט דאַן בעשלאָסען אָנצופיהרען אַן אַקטיווען קאַמף געגען דעם מאסס. א. ר.

די מלחמה סטראַטעגיק פון דער נ. ע. ק., איז געווען, אָנצור־פאַנגען א קאַמף אין פיינד'ס טעריטאָריע, און אין דער זעלבער צייט באַפעסטיגען די פּאָזיציע פון א. ר. ביים גרענעץ פון מאסס. סטייט. אלס אָנפיהרער פון קאַמף, האָט מען אריינגעשיקט א. עפּשטיין אין מאסס. סטייט. די העדקוואָדערס זיינען געווען אין

*) זעה „פאָרווערטס" סעפּטעמבער 14, אָקטאָבער 2, נאָוועמבער 9, און נאָוועמבער 19, 1908. אין דער זעלבער צייט זיינען געווען גרויסע אַדווערטייזמענטס פון ביידע צדדים אין „פאָרווערטס".

פראווידענס. עפשטיינען האבען געהאלפען וויליאם באקסט, וועל־בער האט דאן געוואהנט אין פראווידענס. מ. וואלפערט, ס. גאלד־בערג און טארלאוו פון בראקטאן, פיינזילווער פון הארטפארד, פעלדמאן פון ספרינגפילד און נאך איינינע פון און ארום באסטאן. זיי אלע האבען זיך אריינגעווארפען אין קאמף.

עס איז גערופען געווארען א קאנפערענץ פון אלע ברענטשעס פון די ניו־ענגלאנד סטייטס. די קאנפערענץ איז געהאלטען גע־ווארען אין הארטפארד דעם 29טען נאוועמבער, 1908. דער צוועק פון קאנפערענץ איז געווען צו באפעסטיגען די פאזיציעס אין ניו ענגלאנד סטייט.

עס זיינען באלד ארגאניזירט און אינסטאלירט געווארען ברענטשעס, אין ספרינגפיעלד, בר. 237, טשעלסיע בר. 241, אטעל־בערא בר. 249.

די אלע 3 ברענטשעס זיינען אינסטאלירט געווארען אין די מאנאטען נאוועמבער און דעצעמבער, 1908.

כדי די מאסס. ברענטשעס זאלען האבען א געזעצליכען אנ־האלט, האט דער דזשענעראל אפיס ארויסגענומען א טשארטער אין ראוד איילאנד, אומגעפעהר אזא סארט טשארטער, וואס די אפגע־שפאלטענע פון מאסס. האבען געקראגען.

ענדע 1908 זיינען שוין ווידער געווען אין מאסס. סטייט 9 ברענטש פון א. ר. מיט 343 מעמבערס, איינגעשלאסען די 3 ברענטשעס 31, 33 און 61.

דעם 2טען דעצעמבער, 1908, איז אין „פארווערטס" (אבטיי־לונג „אונזער פאסט") געווען געדרוקט א פראטעסט פון די ברענ־טשעס 31, 33 און 61 געגען נויארק, ווארום די נ. ע. ק. ארגאני־זירט ברענטשעס אין מאסס. סטייט (נויארק האט געוואוסט, אז אונטער די 3 ברענטשעס בעהאלט זיך דער מאסס. א. ר.).

דעם 4טען דעצעמבער שלאגט פאר דער „פארווערטס" אין אן עדיטאריעל א נייע קאנפערענץ מיט אונפארטייאישע פארמיטלער.

דעם 10טען דעצעמבער איז אין „פארווערטס" אבגעדרוקט א רעזאלוציע פון בר. 110 סאוט פראווידענס, וועלכע רעקאמענדירט אנצונעמען די עצה פון „פארווערטס" וועגען א קאנפערענץ, און לעגט פאר, אז די פארמיטלער זאלען זיין פארטרעטער פון די אר־בייטער און סאציאליסטישע צייטונגען.

דעם 17טען דעצעמבער קומט ווידער א פארשלאג אין „פאר־

ווערטס" פאַר אַ קאָנפערענץ און עס ווערט דעריביי געמאָלדען אַז די „פאָרווערטס" פארטרעטער וועלען זיין, מ. לינט און א. העלד.

דער מאסס. א. ר. ענטפערט אין א בריעף דעם „פאָרווערטס" וואו ער לאָזט וויסען, אַז ער נעמט אָן דעם פאָרשלאַג וועגען אַ קאָנפערענץ. ער שטעלט אָבער אַ באַדינג, אַז אויסער פאַרטרעטער פון „פאָרווערטס", „פרייע ארבייטער שטימע" און „ארבייטער" זאָלען אויך זיין פארטרעטער פון דער „ווארהייט"*).

דער „פאָרווערטס" האָט איבערגעגעבען דעם בריף אין דזשענעראל אָפיס פון ארבייטער רינג. דער אָפיס האָט דעם 21טען דעצעמבער געענטפערט דורכ'ן „פאָרווערטס", אַז די נ. ע. ק. איז מסכים אויף אַלע באַדינגונגען פון די מאססאטשוזעטסער, איז אָבער געגען זייער פאָדערונג, די „ווארהייט" זאָל זיין פארטראָטען אויף דער קאָנפערענץ.

דעם 1טען יאנואר, 1909, האָט דער אינד. אַ. ר. געשטעלט אין „פאָרווערטס" פאָלגענדע באַדינגונגען:

1) די קאָנפערענץ זאָל זיין זיין אָפען פאַר „דאָס פובליקום", און נאָר ביי וויכטיגע געזעץ פראגען זאָלען געהאַלטען ווערען עקז. סעשאָנס.

2) די רעפּאָרטס און רעקאָרדס פון קאָנפערענץ זאָלען צוגעפערטיגט ווערען פוןביידע סעקרעטערען, י. ווייינטרויב און ש. יגדל, בעפאָר זיי ווערען געשיקט צו דער פרעסע.

3) בנוגע דער פארטרעטונג פון דער פרעסע, נעמט ער קיין אנטהייל, ד. ה., איהם ארט ניט, וועלכע צייטונגען עס זאָלען ווערען איינגעלאַדען.

4) די קאָנפערענץ זאָל געהאַלטען ווערען דעם 9טען און 10טען יאנואר, 1909, אין באָסטאָן.

דארויף האָט דער ניויאָרקער אָפיס געענטפערט דורך דעם „פאָרווערטס" אין אַ פּאָר טעג ארום. (די פארהאַנדלונגען האָבען זיך געפיהרט דורך דעם „פאָרווערטס").

„1) מיר נעמען אָן פונקט 1 מיט דער אויסבעסערונג, אַז פאַר דער ערשטער סעשאָן זאָלען ביידע לאָיערס, ביידע סעקרעטערע און

*) צו יענער צייט איז אָנגעפיהרט געוואָרען אַ היסער קאַמף געגען מילער'ס „ווארהייט". אין „פאָרווערטס" האָבען זיך כסדר געדרוקט רעזאָלוציעס געגען דער „ווארהייט". דער אָגענט פון דער „ווארהייט" אין באָסטאָן איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין אינד. אַ. ר.

די פארטרעטער פון די צייטונגען, האבען אן עקזעקוטיוו סעשאן אויסצוארבייטען א טאגעס־ארדנונג".

(פריהער האט די נ. ע. ק. פארלאנגט, אלע זיצונגען זאלען זיין פארמאכט פאר דעם פובליקום, ווייל זי האט געוואלט פארהאנדלען און ניט פיהרען קיין אגיטאציע. די פארטרעטער פון מאסס. האבען געוואלט, אז די פארהאנדלונגען זאלען זיין אפען פאר'ן עולם. האט די עקז. איינגעשטימט, נאר כדי עס זאל עפעס געטאהן ווערען, האט זי געשטעלט די באדינגונג וועגען דער ערשטער זיצונג).

וועגען די פארטרעטער פון דער פרעסע, האט די נ. ע. ק. פארלאנגט, אז די פארטרעטער פון „פארווערטס", „פרייע ארב. שטימע" און „ארבייטער" זאלען פוןביידע צדדים אנערקענט ווערען אלס אפיציעלע דעלעגאטען מיט בעראטהונגס רעכט.

די נויארקער זיינען געווען איינפערשטאנען מיט פונקט 2 און וועגען דער צייט, ווען דער קאנפערענץ זאל געהאלטען ווערען.

צו דער זעלבער צייט האט נויארק פארטגעזעצט די ארבייט אין מאסס. סטייט.

דעם 27טען דעצעמבער, 1908, איז אין טשעלסיע געהאלטען געווארען די סטייט קאנפערענץ פון די ס. פ. ברענטשעס אין מאסס. סטייט. די מלחמה צווישען ביידע ארבייטער רינגס האט פארנומען פיעל צייט אויף דער קאנפערענץ. א רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען צו פראטעסטירען געגען מאסס. א. ר. פאר'ן פארלאנג, אז די „וואהרהייט" זאל זיין פארטראטען אויף דער קאנפערענץ. (זעה „פארווערטס", יאנואר, 7טען, 1909).

דעם זעלביגען טאג, יאנ. 7, ענטפערט דער אינד. א. ר. דורך דעם „פארווערטס", אז ער נעמט אן דעם פארשלאג, אז ביידע צדדים זאלען אנערקענען אפיציעל די פארטרעטער פון „פארווערטס", „פ. א. ש." און „ארבייטער". (רעדאקטאר פון „ארבייטער" איז געווען י. שלאסבערג), אבער ער איז געגען, אז זיי זאלען האבען בעראטונגס־רעכט. זיי פארלאנגען אויך, אז אלע זיצונגען, אויך די ערשטע, זאלען זיין אפען פאר דעם פובליקום.

אזוי ווי צייט איז געווען ווייניג ביז דער קאנפערענץ האט געזאלט געהאלטען ווערען, האט ער פארלאנגט, מען זאל ענטפערען טעלעגראפיש, אויב מען זאל מאכען די נויטיגע אראנדזשמענטס.

די נ .ע. ק. האט גערעכענט, אז אזוי ווי די פארטרעטער פון דער פרעסע וועלען זיין אנוועזענד, וועלען זיי שוין במילא קריגען

באַראַטהונגס־רעכט, און זי האָט באַשלאָסען צו לאָזען וויסען טע־לעגראַפיש, מען זאָל מאַכען די נייטיגע אראַנדזשמענטס.

אז מען האט וועגען דעם געלאָזט וויסען יאַנאָווסקי׳ן פון דער „פ. אַ. ש." און די פאַרטרעטער פון „פאָרווערטס", האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט צו פאָהרען צום קאָנפערענץ, אָהן אַ באַשטימטער באַראַ־טהונגס־רעכט. עס ווערט באַשלאָסען, וויינטרויב זאָל פאָהרען קיין באָסטאָן איבערגעבען דאָרטען, אז דער „פאָרוועטס" און „די פ. אַ. ש." זאָגען זיך אָפּ אַנטהייל צו נעמען אין קאָנפערענץ, אויב זיי וועלען איינשטימען, אז די פרעסע פאַרטרעטער זאָלען האָבען באַראַ־טהונגס־רעכט, זאָל וויינטרויב טעלעפאָנירען, דאַן וועט מען קומען צו דער קאָנפערענץ.

וויינטרויב איז געקומען קיין באָסטאָן אין אָפּיס פון אינד. אַ. ר. און האָט דאָרטען איבערגעגעבען דעם צוועק פון זיין מיסיאָן. ער האָט פאַרלאַנגט אַ געשריבענעם ענטפער. מען האָט איהם געהיי־סען קומען שפּעטער נאָך דעם. דער ענטפער איז געווען, אז די צייטונגס פאַרטרעטער קענען ביי דער ערעפענונג פון קאָנפערענץ רעדען וויפיעל זיי ווילען, אָבער אין די וויטערדיגע פאַרהאַנדלונ־גען קענען זיי ניט נעמען קיין אַנטהייל. פון די עקז. זיצונגען זיינען זיי אויסגעשלאָסען.

וויינטרויב האָט זייער בעשלוס טעלעפאָנירט קיין נויארק. די קאָנפערענץ איז ניט געהאַלטען געוואָרען.

די עקז. פון אינד. אַ. ר. האָט וויינטרויב׳ן געבעטען, ער זאָל קומען אין האָל, וואו די קאָנפערענץ איז געווען באַשטימט, צו גע־בען אַן ערקלעהרונג דעם געקומענעם עולם, ווארום די קאָנפערענץ קען ניט היינט אָבגעהאַלטען ווערען.

אין „פאָרווערטס" פון 12טען יאַנואַר, האָט די נ. ע. ק. געגע־בען אַן אָפיציעלע ערקלעהרונג.

אין זעלביגען נומער, וואו עס איז געווען די ערקלעהרונג, מאַכט דער „פאָרווערטס" ווידער אַ פאָרשלאַג אין אַ עדיטאָריעל, אז אַ קאָנפערענץ זאָל דאָך געהאַלטען ווערען אָהן צייטונגס פאַרטרעטער, נאָר אַזוי מיט אונפּאַרטייאישע פאַרמיטלער.

די נ. ע. ק. נעמט אָן דעם פאָרשלאַג מיט פאָלגענדע באַדינ־גונגען:

1) צו דער קאָנפערענץ זאָלען ווערען איינגעלאַדען צו צוויי פערזאָן פון יעדען צד, אָבער ניט אַלס ארביטרייטאָרס, ווענן עס וועט זיין צייט זיך צו באַשליסען צו אָבהאַלטען די קאָנפערענץ.

2) די פארמיטלער זאלען האבען בארעטהונגס־רעכט און א רעכט אנטהייל צו נעמען אין אלע פארהאנדלונגען, אפילו אין די עקזעקוטיוו סעשאנס.

3) די קאנפערענץ זאל געהאלטען ווערען אין באסטאן דעם 23טען און 24טען יאנואר.

דעם 19טען יאנואר ענטפערט דער אינד. א. ר. דורך דעם „פארווערטס", אז ער נעמט אן, ער וויל נאר אן אנדער צייט. די נ. ע. ק. באשטעהט אויף דעם דייט.

די נ. ע. ק. האט פון איהר זייט בעשטימט אלס איהרע פער־מיטלער: מ. לינט און מ. יאפע (פון פארווערטס). יאפע האט ניט געקענט פאהרען, איז אויף זיין פלאץ בעשטימט געווארען ל. ראזענצווייג.

דער אינד. א. ר. בעשטימט אלס זיינע פערמיטלער: יצחק אייזיק הורוויץ און דר. קאספע. (זעה „פארווערטס", יאנואר 21טען).

דעם 23טען יאנואר ווערט סוף כל סוף געהאלטען די קאנפע־רענץ אין „פיין מעמאריאל האל", באסטאן.

פון ארבייטער רינג זיינען פארטראטען: י. וויינבערג, א. עפשטיין, ה. גאלדין, ס. סאוועצקי, ב. שפינראד. מ. לאנדאן, י. וויינטרויב, און מ. לינט און ל. ראזענצווייג, פארמיטלער.

פון אינד. א. ר.: ס. ווילקאן, א. באראן, דר. קאניקאוו, מ. איילינקאף, ל. הייסען, ל. לעווין, ש. יגדל, און דר. קאספע און יצחק אייזיק הורוויץ, פארמיטלער.

אויף דער ערשטער זיצונג ווערט ס. ווילקאן בעשטימט אלס טשערמאן און י. וויינטרויב אלס סעקרעטער.

עס ווערט באשלאסען, אז וויינטרויב, יגדל,ביידע ליגעל אד־וויזערס און די 4 פארמיטלער זאלען אויסארבייטען א טאגעס־ארדנונג".

פאלגענדער טאגעס־ארדנונג ווערט פארגעלעגט:

1) איז עס בכלל ווינשענסווערטה זיך צו פאראייניגען?
2) מיטלען און מעטהאדען פון א פאלשטענדיגער פאראייני־גונג.
3) מיטלען און מעטהאדען פון אן אפמאך.
4) הוצאות פון דער קאנפערענץ.

דער ערשטער פונקט זאל ווערען דיסקוטירט אין דער עפענט־ליכקייט, די אנדערע צוויי ביי עקזעקוטיוו סעשאנס.

וועגען דעם ערשטען פונקט (אויב עס איז ווינשענסווערט זיך צו פאראייניגען) רעדען י. וויינבערג און א. עפשטיין, דר. קאני־קאוו און ס. ווילקאן.

זעלבסטפארשטענדליך ריידען אלע 4 וועגען דער וויכטיגקייט פון פאראייניגונג.

„דאס פובליקום", ד. ה. די מעמבערס פון א. ר., איז געווען צוטהיילט אין „אינדעפענדענטניקעס" און „לאיאלע" א. ר. מעמ־בערס. זיי זיינען געקומען פון בראָקטאן, וואוסטער און אנדערע פלעצער.

דערמיט האט זיך געענדיגט די ערשטע עפענטליכע זיצונג.

די צווייטע און דריטע זיצונגען זיינען געווען עקזעקוטיוו „סעשאנס" אין אדאמס האטעל.

וועגען מיטלען און מעטהאדען פון א פאלשטענדיגער פאראיי־ניגונג האט אפילו קיין רייד ניט געקענט זיין, ווייל אן ארגאנישע פאראייניגונג איז געווען אונמעגליך. ספעציעל ווען דער צווייטער צד האט ניט געוואלט. פונדעסטוועגען האט די נ. ע. ק. ביי דער עקז. סעשאן פארגעלעגט א פלאן, אויב ניט פון קיין פאלשטענדי־גער פאראייניגונג, טא כאטש פון א נאהענטער פארבינדונג.

אט וואס די נ. ע. ק. האט פארגעשלאגען:

1) כדי צופרידענצושטעלען דעם מאסס. געזעץ, זאל אנגע־האלטען ווערען אן ארגאניזאציע אויף דעם באזיס פון פראטווירנאל רייטס.

2) דער ארדען זאל פארוואלטעט ווערען פון צוויי קערפער־שאפטען: א ניישאנאל באארד אף דירעקטארס און א סטייט קאָ־מיטע.

3) אין דער ניישאנאל באארד זאל א מאיאריטעט זיין פון נויארק, די סטייט קאמיטע זאל זיין פון מאסס. סטייט, ערוועהלט ביי די מעמבערס פון סטייט.

4) אויפהאלטען אן אפיס אין באסטאן מיט א סעקרעטער, וועלכער זאל ערוועהלט ווערען פון די מאסס. ברענטשעס.

5) די געלד פון די מאסס. מעמבערס זאלען ווערען אינוועס־טעד אין מאסס. סטייט באנדס און דעפאזירט אין באסטאן באנקס.

6) דער א. ר. זאל אויפהאלטען א ספעציעלען פאנד פאר טראנספערס פון איין ארדען צום צווייטען.

7) פאָנדס, וועלכע ווערען ניט קאָנטראָלירט פון אינשורענס קאָמישאָנער פון מאַסס. סטייט, צ. ב. ש., סאַניטאַריום פאָנד, זאָל זיין אונטער דער אויפזיכט פון ניו יאָרק.

די מאַסס. דעלעגאַטען זיינען ניט צופרידען מיט דעם פאָר־שלאָג, ווייל די טעריטאָריע אין וועלכער זיי ווערען באשרענקט, מאַסס. איז צו קליין פאַר זייער טהעטיגקייט. א חוץ דעם ווילען זיי ניט קיין נויאָרקער מאַיאָריטעט אין דער ניישיאָנאַל באָארד אָף דירעקטאָרס.

די נויאָרקער ליגען פאָר, אז אין מאַסס. און אין אנדערע סטייטס, וואו עס עקזיסטירען די זעלבע געזעצען וועגען פראַטערנאַל רייטס, (דעמאָלט זיינען געווען אַן ערך 13 סטייטס אזעלכע), זאָל דער „אינד. א. ר.“ אויסברייטען זיין טעטיגקייט.

אויף דער נעקסטער עפענטליכער זיצונג, לייגט לאָנדאָן פאָר דעם ערשטען פלאַן. ס. ווילקאָן רעדט דאַגעגען. די נ. ע. ק. לייגט פאָר דעם צווייטען פלאַן, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז די ברענטשעס פון ביידע א. ר. אין דיזע סטייטס זאָלען בלייבען עקזיסטירען, און דיזער אַגרימענט זאָל בלייבען אין קראַפט, ביז דער א. ר. וועט אָנ־נעמען פראַטוירנאַל רייטס און ווערען געזעצליך אין מאַסס. סטייט.

די מאַסס. דעלעגאַציע פאָדערט אבער, אַז די ברענטשעס פון א. ר. אין מאַסס. זאָלען ווערען אויפגעלעזט און די מעמבערס זאָ־לען בלייבען מעמבערס עט לאַרדזש.

עס ווערט ווידער געהאַלטען אַן עקז. סעשאָן. די פאַרמיטלער לעגען פאָר אייניגע פונקטען.

עס איז שפּעט און עס ווערט באַשלאָסען פאַרצוזעצען די קאָנ־פערענץ אין נויאָרק, אין צוויי וואָכען ארום*).

די פאָרזעצונג פון קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 6טען און 7טען פעברואַר, אין א האָל אין הויסטאָן סטריט אין נויאָרק. די קאָנפערענץ ווערט אין גאַנצען אָבגעהאַלטען אונטער פאַרמאַכטע טירען.

נאָך לאַנגע דעבאַטען, וואָס האָבען זיך געצויגען צוויי טעג, ווערט ענדליך אָנגענומען פאָלגענדער אַגרימענט פון א פאַרשטענד־ניס.

1) די ברענטשעס פון נויאָרקער א. ר. אין מאַסס. פאַרבליי־בען. זיי האָבען אָבער קיין רעכט ניט אריינצונעמען נייע מעמבערס

---

*) זעה וועגען די פערהאַנדלונגען פון דיזען קאָנפערענץ אין „פאָר־ווערטס“ פון דעם 25טען יאַנואַר, 1909.

אדער גרינדען נייע ברענטשעס. אויב א ברענטש וועט זיך אויפ־לעזען, קען ער ניט רעארגאניזירט ווערען.

2) קאנעקטיקוט און ראוד איילאנד סטייטס זיינען פריי פאר ביידע ארבייטער רינגס.

3) יעדער ארבייטער רינג קען שיקען פראטוירנאל דעלעגא־טען צו דער קאנווענשאן פון צווייטען א. ר.

4) א געמיינשאפטליכער אדווייזערי באארד זאל ארגאני־זירט ווערען מיט א גלייכער צאהל פארשטעהער. דיזער באארד זאל אויסגלייכען סכסוכים צווישען די צוויי ארבייטער רינגס.

5) דער אגרימענט זאל אנהאלטען ניט וויניגער און ניט מעהר ווי 5 יאהר, ביז דער ניו יארקער א. ר. וועט איינפיהרען פרא־טוירנאל רייטס.

דער אגרימענט מוז באשטעטיגט ווערען דורך א רעפערענדום וואוט פון ביידע אר. רינגס, אין א משך פון ניט וויניגער ווי 30, און ניט מעהר ווי 45 טעג.

עס ווערט אויך פארהאנדעלט וועגען די הוצאות, וואס די אלע קאנפערענצען האבען אבגעקאסט.

וועגען די הוצאות האט מען אין באסטאן ניט פארהאנדעלט. די פראגע איז געווארען אבגעלייגט ביז דער נויארקער קאנפערענץ. די אלע דריי קאנפערענצען (ניו־בריטיין, באסטאן און נויארק) האבען געקאסט א סך הכל פון 855 דאלאר און 5 סענט.

| | |
|---|---|
| דעם א. ר. האט געקאסט — — — | $457.14 |
| דער מאסס. אינדעפענדענט א. ר. — | 397.91 |
| סך הכל — | $855.05 |

די מאסס. דעלעגאטען האבען פארלאנגט, אז די אלע הוצאות זאלען געדעקט ווערען פער קאפיטא, פראפארציאנעל לויט דער צאהל מעמבערס פון ביידע ארבייטער רינגס. זיי האבען גע־טענה'ט, אז זיי איז שווער צו צאהלען א גאנצע העלפט.

דאס האט געהייסען, אז דער א. ר. דארף צאהלען כמעט אלע אויסגאבען. דער אורטייל פון די פארמיטלער איז אויך געווען אז, „אלע עקספענסעס פון די לאיער בילס פון די דריי אפגעהאלטענע קאנפערענצען, זאלען צוזאמענען ווערען פער קאפיטא אויף די מעמבערס פון ביידע ארדענס".

די נויארקער האבען זיך אונטערגעווארפען דעם באשלוס.

דער אבמאך איז געשריבען געווארען פון יצחק אייזיק הורוויץ און ביידע צדדים האבען זיך אונטערגעשריבען.

איינינע פון דעם ארבייטער רינגס קאמיטע־לייט זיינען גע־
ווען ג ע ג ע ן דעם אפמאך, אנדערע זיינען געווען נייטראל.
פ א ר דעם אפמאך זיינען שטארק געווען מ. לאנדאן, ס. סא־
וועצקי און י. וויינטרויב.

לאנדאנ׳ס, וויינטרויב׳ס און סאוועצקי׳ס ארגומענטען זיינען
געווען, אז דורך דעם אקטיווען קאמף געגען מאסס. ווערען זיי אנער־
קענט אלס מארטירער, אלס שוואכע געגען שטארקע. דאס רופט
ארויס א סימפאטיע צו זיי. זיי ווערען קאמפס־לוסטיג.

אז זיי וועלען אויפהערען צו זיין מארטירער, וועט זייער
קאמף־לוסטיגקייט ווערען אבגעשוואכט, און אין 5 יאהר צייט ווע־
לען זיי פארשווינדען. אויסער דעם זיינען זיי געווען זיכער, אז אויב
ניט אין 5 יאהר, וועלען אין 6 אדער 7 יאהר געוויס אנגענומען ווע־
רען פראטווירנאל רייטס אין א. ר.

דער פאקט איז, אז נאך אלע באמיהונגען מצד די אנהענגער
פון אינד. א. ר., האט ער ענדע יאהר 1911, געהאט ניט מעהר ווי
2362 מעמבערס. פון דעם האט ער אין מאסס. סטייט געהאט 1943
מעמבערס און אין די אלע איבעריגע סטייטס, ווי אין ניו יארק,
קאנעקטיקוט, ניו דזשוירזי, פענסילווייניא און איינינע אנדערע
סטייטס — 419 מעמבערס.*)

וואלט דער א. ר. אנגענומען יענעם אבמאך, וואלט היינט ניט
געווען קיין צוויי ארבייטער רינגס.

ווען עס איז אבגעגעבען געווארען דער רעפארט ביי א גע־
מיינשאפטליכער מיטינג פון אלע קאמיטעס, עקז., קאנט., סאני־
טאריום, האם אפיס, א. ז. וו. האט זיך אבער ארויסגעוויזען א
שטארקע געגנערשאפט צו דיזען אפמאך.

די מעהרסטע פון דער קאנפערענץ קאמיטע זיינען אליין געווען
דאגעגען. און די פארטהיידיגונג פון די, וואס זיינען געווען דאפיר,
האט ניט געהאלטען. עס איז אבער געווארען באשלאסען, ארויס־
צושיקען צום רעפערענדום. אויפ׳ן רעפערענדום איז געווען די פרא־
גע איבער די הוצאות פון די קאנפערענצען. דערביי האט מען אפ־
געמאכט, אז די עקז. אלס עקז. זאל בלייבען נייטראל, ניט אגיטירען,
ניט דאפיר און ניט דאגעגען. (זעה אכטער יעהרליכער רעפארט,
זייט 22).

---

*) זעה יעהרליכער רעפארט פאר דעם יאהר 1911 פון אינד. א. ר.
פון אמעריקא, זייטע 7.

אזוי שנעל ווי דער רעפערענדום איז געווען ארויסגעשיקט, האט בראנטש 2 גערופען א קאנפערענץ פון אלע בראנטשעס אין נויארק און אומגעגענד.

צו דער קאנפערענץ, וואס איז געהאלטען געווארען זונטאג, דעם 21טען פעברואר, 1909, אין 83 פארסייט סטריט, זיינען געקומען דעלעגאטען פון איבער 80 בראנטשעס, צווישען זיי דעלעגאטען פון ניו דזשורזי, קאנעקטיקוט, פענסילווייניא, א. ז. וו.

ס. סאוועצקי און וויינטרויב האבען פארטיידיגט דעם שלום אפמאך. די איבעריגע מיטגלידער פון דער קאנפערענץ קאמיטע, האבען זיך געהאלטען נייטראל. זיי האבען ניט גענומען קיין אנטייל אין דער דעבאטע.

געגען דעם אפמאך זיינען שטארק ארויסגעטראטען כמעט אלע טאן־געבער פון א. ר. אין יענער צייט, א שטייגער, ליליענבלום, בולגאטש, אנאפאל, מנקר, און אנדערע.

דער רעזולטאט איז געווען, אז די קאנפערענץ האט איינשטימיג באשלאסען צו רעקאמענדירען די בראנטשעס איבער'ן לאנד, זיי זאלען שטימען געגען דעם שלום אפמאך. עס איז ערוועהלט געווארען א פרעס קאמיטע (ש. בולגאטש, י. אנאפאל, ב. ליליענבלום און א. מילער), וואס האט געדארפט ארויסשיקען א צושריפט צו די בראנטשעס און געבען אן ערקלערונג אין „פארווערטס“.

די ערקלערונג איז געווען געדרוקט אין „פארווערטס“, דעם 24טען פעברואר, 1909.

דער צושריפט און די ערקלערונג האבען געווירקט. די אלע פונקטען פון שלום־אפמאך (אויך דער פונקט וועגען די הוצאות) זיינען דורכגעפאלען.

בשעת עס זיינען פארגעקומען די לעצטע צוויי קאנפערענצען (באסטאן און נויארק) און אין דער צייט פון רעפערענדום, האט די עקזעקוטיווע ניט אינסטאלירט קיין נייע בראנטשעס אין מאסס.

אין לאגער פון אינד. א. ר. איז אויך ניט געווען קיין איינשטימיגע מיינונג איבער דעם שלום־אפמאך.

בר. 1 פון אינד. א. ר. האט דורך דעם „פארווערטס“ באגריסט דעם אפמאך. די מיטגלידער פון בראנטש זיינען געווען פארמאטערט פון די רייסערייען און האבען געוואלט שלום. זיי האבען רעקאמענדירט און געבעטען די אנדערע בראנטשעס צו שטימען פאר דער פשרה.

די ברענטשעס פון אינד. א. ר. אין קאננ. סטייט האבען אויף א קאנפערענץ אין ניו־בריטיין באשלאסען פארקערט. זיי האבען רעקאמענדירט זייערע ברענטשעס צו שטימען ג ע ג ע ן דעם פשרה־אפמאך.

אויף א קאנפערענץ אין באסטאן האבען די דעלעגאטען פון מאסס. א. ר. געשטימט יא אנצונעמען דעם אפמאך.

דאס, וואס די קאננ. ברענטשעס פון אינד. א. ר. זיינען געווען געגען דעם אפמאך, ערקלערט זיך דערמיט, וואס זיי זיינען געווען שטארק אויפגעבראכט אויף'ן נויארקער גענ. אפיס. מאנכע פון זיי האבען זיך לכתחילה אנגעשלאסען אן דעם מאסס. א. ר. אויף צו להכעיס, כדי אפצוטאן די נ. ע. ק. פון א. ר. אין נויארק, דערפאר, וואס זי האט ניט געוואלט גרינדען אן אנדער ברענטש אין וואטערבורי, קאננ.

די מערסטע ברענטשעס פון אינד. א. ר. האבען אבער אויף אן אמת געוואלט מאכען א סוף צו די מחלוקות און האבען געזוכט א וועג, ווי אזוי צו לעבען בשלום מיט'ן נויארקער א. ר.

בינו לבינו האט זיך אונטערגערוקט די 9טע קאנווענשאן, וואס איז געהאלטען געווארען אין באלטימארע.

אויף דער 4טער זיצונג פון דער קאנווענשאן ווערט אריינגעבראכט א רעקאמענדיישאן פון די דעלעגאטען פון די ניו־ענגלאנד סטייטס, וואו זיי פארלאנגען, אז די קאנווענשאן זאל ערוועהלען א קאמיטע פון 7, וועלכע זאל פארהאנדלען די פראגע וועגען א. ר. אין מאסס.

די אויפגאבע פון דער קאמיטע זאל זיין: 1) צו שליכטען דעם ענין אזוי, אז ס'זאל זיין בלויז איין ארבייטער רינג. 2) די עקז. זאל באוויליגען די געלד אויף עקספענסעס, ווען נויטיג, און 3) די קאמיטע זאל האבען פול מאכט. (זעה פראטאקאלען פון דער 9טער קאנווענשאן, זייט 107)

עס ווערט באשלאסען אזא קאמיטע צו ערוועהלען.

אין דער קאמיטע געהען אריין די פאלגענדע:

וו. באקסט, בר. 14, פראווידענס; נ. ה. פיינזילווער, בר. 15, הארטפארד; י. אלפערט, בר. 23, נוארק; ס. מנקר, בר. 62, פאסייק; מ. וואלפערט, בר. 171, בראקטאן, מאסס.; א. העלר, בר. 200, נויארק; מ. פיין, בר. 201, נויארק.

דאס איז די באריהמטע „7ער מאסס. קאמיטע".

די טהעטיגקייט פון דער קאמיטע פאנגט זיך אן נאך דער 9טער קאנווענשאן.


ז. באַקסט
נ. פּינזילווער
ב. מאָוועצקי
פ. מנקר
מאַקס פּיין
י. אלפערט
מ. ג. וואָלפערט

# די 7-ער קאָמיטע און די גרינדונג פון לייבאָר ליעג.

באלד נאָך דער 9טער קאָנווענשאָן האָט זיך די 7ער קאָמיטע גענומען צו דער אַרבייט. עס איז אויסגעארבייט געוואָרען אַ פּלאַן, אָט דער זעלבער, וואָס די עקז. האָט אָנגענומען ענדע יאהר 1908 : אָנצופיהרען דעם קאַמף אין מאסס. סטייט. עס זיינען אָרגאַנזשירט געוואָרען אַ רייהע מאסען-פאַרזאַמלונגען אין פאַרשידענע שטעט. די קאָמיטע האָט באַשלאָסען ארויסצוגעבען אַ ליפלעט, און אַפּיעל צו די מעמבערס, פון אינד. א. ר. און צו די ראַדיקאַל-געניינטע אַר־בייטער אין דעם זעלבען סטייט. מען האָט וויינטרויב׳ן אינס־טרואירט, אויפצושרייבען אַ ליפלעט.

דאָס איז דער באַריהמט געוואָרענער ליפלעט אין מאַסס. סטייט אונטער׳ן נאָמען „א י י ן א ר ב י י ט ע ר ר י נ ג א י ן א מ ע ר י ק א“.

דער ליפלעט איז געוואָרען אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט אין צעהנדליגע טויזענדע עקזעמפּליארען אין מאַסס. סטייט.

די ערשטע גרויסע פאַרזאַמלונג איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין באָסטאָן. די רעדנער זיינען דאָן געוועזן : לאָנדאָן, מנקר, עפּשטיין, וויינטרויב, וויינבערג און אנדערע.

אן דער שפּיצע פון דער זיבענער קאָמיטע איז געשטאַנען וויליאם באָקסט (ער האָט שוין דאָן געהאַט אריבער געמופּט פון פּראָווידענס קיין מאַלדען), אין מאסס. סטייט גופא האָט זיך אָר־גאַניזירט אַ ספּעציעלע קאָמיטע. צווישען די קאָמיטע ליט זיי־נען געוועזן דאָקטאָר פאַלמער, שאַפּירא, טאַרלאָוו און קייליעס. די קאָמיטע האָט געאַרבייט מיט איבערגעבענקייט, האָט ניט געשלאָפען קיין נעכט, איז אַרומגעפאָהרען אין די פאַרשידענע שטעדט און שטעטלאַך א. ז. וו. ביי דער זייט פון דער זיבענער קאָמיטע זיינען שטענדיג געשטאַנען י. וויינבערג, א. עפּשטיין, ש. בולגאַטש, מ. לעווינסאָן, י. וויינטרויב און אנדערע.

עס האָבען זיך אָנגעהובען צו אָרגאַניזירען נייע ברענטשעס. ענדע יאָהר 1909, זיינען אין מאַסס. סטייט געוועזן 25 ברענטשעס פון ניו־יאָרקער א. ר.

דער אינד. א. ר. האָט אויך ניט געשוויגען. ער האָט פּרובירט אַלץ, וואָס ער האָט געקענט, אויך גרינדען ברענטשעס אַנדערשוואו,

אויסער מאסס. סטייט, די טאן־געבער האט זיך איינגעגעבען צו ארגאניזירען א ברענטש אין נוארק, און א ברענטש אין ניו יארק.

אין מאסס. האבען זיי אנגעווענדעט אלעם מעגליכעם און אונ־מעגליכעם אבצושטעלען דעם פראגרעס פון אר. רינג, און ווען קיינע אגיטאציאנס־מיטלען האבען ניט געהאלפען, האט מען זיך גענומען צום געזעץ.

מען האט ארעסטירט איינינע סעקרעטערע. דעטעקטיווס און יוניפארם פאליסלייט האבען צוטריבען מיטינגען. דאס האט אבער ניט אבגעהאלטען די ארבייט. די זיבענער קאמיטע איז וואס ווייטער געווארען מעהר איבערגעגעבען צום אר. רינג, און האט געארבייט מיט א געוואלדיגען אימפעט.

דער מאסס. אטארני דזשענעראל האט ארויסגעגעבען א „וואראנט" צו ארעסטירען ש. בולגאטש, דעמאלט טשערמאן פון א. ר., י. וויינטרויב, סעק., און א. העלד, אויב מען וועט זיי כאפען אין מאסס. סטייט.

די טאן געבער אין אר. רינג האבען געוואוסט, אז לאנג אנגעהן מיט דער ארבייט, אין מאסס, וועט מען ניט קענען, און מען האט אויסגעארבייט א פלאן פאר א צווייטע ארגאניזאציאן. די ארבייט איז אנגעגאנגען ביז אין מיטען אפריל, 1910. דער לעצטער ברענטש צו ווערען אינסטאלירט איז געווען, ברענטש 433 אין קעמברידזש. ביז דאן האט דער אר. רינג געהאט 32 ברענטשעס אין מאסס. סטייט, איינרעכענענדיג 2 פון די אלטע ברענטשעס, וועלכע האבען נאך עקזיסטירט אין נאמען פון פריהער.

ווען דער פלאן פון דער נייער ארגאניזאציע איז געווארען פארטיג, האט מען די ברענטשעס אויפגעלעזט, די מעמבערס זיינען געבליבען „מעמבערס עט לארדזש" אין אר. רינג, און דיזעלבע ברענטשעס מיט די זעלבע מעמבערס זיינען אריבער צו דער נייער ארגאניזאציע.

וויינטרויב איז געפארען קיין באסטאן און האט ארגאניזירט דעם אפיס פון דער ארגאניזאציע. די ארגאניזאציע איז דאס געווען דער „ל י ב א ר ל י ע ג".

דער אינדעפענדענט אר. רינג האט שפעטער א לאנגע צייט געמאנט איבער 300 דאלאר פון ארבייטער רינג. ער האט גע־טענה'ט, אז דאס געלד קומט איהם פאר די הוצאות, וואס ער האט געמאכט אויף די ערשטע דריי קאנפערענצען (ניו בריטיין, באסטאן און ניו יארק), ווען מען האט פארהאנדעלט איבער'ן סכסוך.

די נ. ע. ק. האט די פאדערונג צוריק געוויזען אויף דעם סמך, וואס דער אבמאך איז דורכגעפאלען ביים רעפערענדום.

די מאסאטשוזעטסער האבען געפאדערט די געלד דורך אן אפענעם בריעף*) צו די 4 פארמיטלער, וועלכע האבען אויף דער קאנפערענץ אין ניו יארק גע׳פסקנ׳ט, אז אויב דער שלום וועט דורכ־געהן, דארף מען די הוצאות דעקען פער קעפיטא פון דער צאל מעמבערס אין ביידע ארבייטער רינגס.

אין מאי, 1911, איז אפגעהאלטען געווארען אין באסטאן א קאנווענשאן פון דער „אידישער אגיטאציאנס ביורא“, (דער פאר־לויפער פון דער אידישער סאציאליסטישער פעדעראציע, וואס האט זיך אין א יאהר שפעטער געגרינדעט אין פעטערסאן, נ. דזש.).

אין דער צייט האט שוין עקזיסטירט די „לייבאר ליעג“. די רייסעררייען און די מחלוקות צווישען די ביידע ארגאניזאציעס (לייבאר ליעג און אינד. אר. רינג) האבען, ווי עס איז געווען צו ער־ווארטען, געפונען אן אפקלאנג אויף דער סאציאליסטישער קאנווענ־שאן.

די דעלעגאטען אויף דער קאנווענשאן פון די מאסס. ברענ־טשעס האבען שטארק געפאדערט, מען זאל זעהן ווי עס איז צו מאכען אן ענד צו די אפענע מחלוקות צווישען די ארגאניזאציעס, וועלכע האבען א דעמאראליזירענדען איינפלוס אויף די ברענטשעס פון דער אגיטאציאנס ביורא.

די קאנווענשאן האט ערוועהלט א קאמיטע פון פינף (אלעק־סאנדער קאהן, א. ש. זאקס, ב. וולאדעק, מאיר גיליס, און דר ל. סילווערמאן פון באסטאן), וואס זאל מאכען שלום און פאראייניגען די לייבאר ליעג מיט׳ן אינד. אר. רינג.

צוויי מיטגלידער פון דער קאמיטע, (ב. וולאדעק און דר. ל. סילווערמאן), זיינען געקומען צום מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון אינד. א. ר. און האבען פארגעשלאגען א פלאן פון פעראייני־גונג. די עקזעקוטיווע האט געענטפערט אז זי וועט איהר באשלוס לאזען וויסען שפעטער.

אין א קורצער צייט ארום, — שוין נאך דער קאנווענשאן פון דער אידישער אגיטאציאנס ביורא, — האט די עקזעקוטיווע פון „אינדעפענדענט“ געשיקט א בריעף צו א. ש. זאקס, סעקרעטער פון דער פינפער קאמיטע, וואו זי האט מודיע געווען, אז מיט׳ן „לייבאר

*) זעה „פארווערטס“ פון 27טען אפריל, 1909.

ליעג" האט זי בכלל ניט וואס צו טאן. מיט איהם פיהרט ניט דער „אינדעפענדענט" א קאמף און האט ניט במילא וועגען וואס מיט איהם צו קאנפערירען. דער „אינדעפענדענט" פיהרט א קאמף מיט'ן אר. רינג און מיט איהם, איז זי, די עקזעקוטיווע, מסכים צו פארהאנדלען. אבער איידער די פארהאנדלונגען וועלען זיך אנהויבען, פארלאנגט זי קודם כל, דער אר. רינג זאל איהר אויסצאהלען דעם אלטען חוב, 397 דאלאר מיט 91 סענט.*)

די פארהאנדלונגען זענען, פארשטייט זיך שוין קיינמאל ניט פארגעקומען.

די גאנצע„ מאסס אפעיר" האט אפגעקאסט דעם ארבייטער רינג, ארום $6.000 דאס איז א חוץ די עקסטרא אויסגאבען אויף אדווערטייזמענטס און דרוק זאכען.

אויף דער עלפטער קאנווענשאן איז די מאסס. אפעיר אפיציעל געווארען ליקווידירט.

פאקטיש האט די מחלוקה געהאט א שטארקען אפקלאנג אין די ווייטערדיגע יאהרען.

## די זיבעטע קאנווענשאן.

די זיבעטע קאנווענשאן איז געהאלטען געווארען אויסער ניו־יארק, זי איז פארגעקומען אין נוארק, נ. דזש., דעם 3טען, 4־טען און 5טען מאי, 1907, אין ניו סענטשורי האלל.

די באאמטע פאר'ן יאהר 1906־1907 זיינען געווען:

דזשענעראל עקזעקוטיווע: ה. גאלדין, טשערמאן, ב. לילענבלום, וויס טשערמאן, א. עפשטיין, טרעזשורער, מ. לעווינסאן, ל. סטרוגאטש, א. סמיטה, ב. שפינראד, ה. זאק און מ. אלטשולער.

קאנטראל קאמיטע: ס. יעלין, טשערמאן, י. אנאפאל, פ. לעווין, ס. וואלאס, ס. פארט, מ. דייווידאף און מ. קאסטראנסקי.

אוידיטאר: מ. ווינטשעווסקי.

סעקרעטער: י. וויינטרויב.

אטוירני: מ. לאנדאן.

בוק קיפער: ס. שלעזינגער.

סטייט קאנטראל: ס. מנקר, ניו דזשוירזי; נ. ה. פיינזילווער, קאנג.; מ. שלייפער, פענסילווייניא; וו. אלטשול, מערילאנד.

*) רעפארט פון אינד. א. ר. צו דער 6טער קאנווענשאן.

צו דער קאנווענשאן איז דער אר. רינג געקומען מיט 108 ברענטשעס און 8840 מיטגלידער*) און מיט א קאפיטאל פון אומ־געפער 64 טויזענד דאלאר.

דער ארדען איז פאר דעם יאהר שטארק געוואקסען, ווי עס איז צו זעהן פון פאלגענדען רעפארט:

דער ארבייטער רינג האט אין יאהר 1906 אויסגעצאהלט:

| | |
|---|---|
| קראנקען בענעפיט | $13,314.00 |
| קאנסאמשאן בענעפיט | 1,74.00 |
| טויטען בענעפיט | 6,800.00 |
| פיונעראל עקספענסעס | 1,931.60 |
| דזשואיש קאנסאמטיוו רעליעף סאסייטי | 1,41.00 |
| רוסישע רעוואלוציאנערען פאנד | ,264.72 |
| בונד זעלבסט־פערטיידיגונג פאנד און אנדערע צוועקען | 600.00 |
| טאטאל | $26,430.32 |

אין דעם רעפארט פון דער עקזעקוטיווע פיהלט זיך א שטאל־צער טאן איבער דעם ערפאלג פון אר. רינג:

„וואס א יאהר וויטער, אלס שטארקער, גרעסער, און מעכטיגער ווערט אונזער ארגאניזאציאן. וואס א יאהר וויטער, ווערען די אויסזיכ־טען אויף א שטארקערען פראגרעס אלס פעסטער און זיכערער, און ביי אונז איז קיין צווייפעל ניט, אז אין קורצען וועט דער ארבייטער רינג זיין די גרעסטע און מעכטיגסטע ארגאניזאציאן ניט נאר צווישען די אידישע ארבייטער, נאר צווישען די אידישע באפעלקערונג אין אלגע־מיין**)".

און טאקע דערפאר, ווייל די עקז. האט פארשטאנען, אז דער א. ר. דארף ווערען, די „גרעסטע און מעכטיגסטע ארגאניזאציאן" אין אמעריקא, האט זי אנגעפאנגען צו זארגען, אז דער ארדען זאל זיך פארצווייגען אין קאנטרי.

„ספעציעלע אויפמערקזאמקייט האבען מיר געשענקט, די פערשפריי־טונג פון ארבייטער רינג אין דער קאנטרי. די פראגע וועגען פערשפריי־טען דעם ארבייטער רינג אין קאנטרי, האבען מיר געהאלטען און האלטען, פאר זעהר וויכטיגע, צוליעב פיעל אורזאכען".

---

*) צו די 8840 מעמבערס זיינען געווארען צוגערעכענט די 2398 פרויען פון מעמבערס, וואס האבען באלאנגט לעצטען יאהר און זיינען דיזען יאהר קלאסיפיצירט געווארען אין קלאס 3.

**) זעקסטער יעהרליכער רעפארט צו דער 7־טער קאנווענשאן.

„אויסער דעם וואָס די פערשפּרייטונג פון אַרבייטער רינג אין קאַנטרי איז וויכטיג פאר דער ארבייטער רינג אליין, איז דאָס אויך וויכטיג פאַר אונזער בעוועגונג. אין דער שטאָדט וואו עס גרינדעט זיך אַ ברענטש פון אַרבייטער רינג, ווערט שוין אין יענער שטאָדט אָדער שטעדטעל אַ באַוועגונג. עס פאַנגט זיך אָן אַ נייער לעבען“.

„איינזעהענדיג וואָס פאר אן אָפּקלאַנג דער אַרבייטער רינג האָט געהאט אין די קאַנטרים, און וויסענדיג אז אום צוקלייבען די פרוכט פון ענטהוזיאַזמוס, איז נויטיג צו שיקען אַ הין אַן אָרגאַנייזער, האָבען מיר אראנזשירט 2 טורס, אויף דעם ערשטען טור איז געפאָהרען פר. א. עפּשטיין, דעם צווייטען טור האָט געמאַכט פר. ב. לילענבלום.

אום צו וויסען אויף ווי ווייט דער אַרבייטער רינג קען זיך מאַכען אַ באָדען אין קאַנאַדא, און צו איז אין אַלגעמיין פאַראַן פאַר אונז אירגענד וועלכע אויסזיכטען, דאָרט צו האָבען ברענטשעס, האָבען מיר געמאַכט א פּרואוו. עס איז געוואָרען אַרויסגעשיקט לעטערס און פאַמפלעטס צו פערשיעדענע פּערזאָנען אין פאָלגענדע שטעדט: מאָנטרעאל, האַמעלטאָן, טאָראָנטאָ און וויניפּעג, און פון אלע שטעט האָט מען זיך אָבגערופען מיט בעגייסטערונג וועגען אַרבייטער רינג.

שנעל האָבען זיך אָרגאַניזירט ברענטשעס, פערטיג פיר אינסטאָליישאָן. מיר האָבען געזעהן אַז אין קאַנאַדא איז פאַראַן אַ גרויסער פעלד, און אין יעדער שטאָדט איז פאַראַן גענוג פריינ'דע פון אַרבייטער רינג“.

* * *

דער רעפּאָרט ווייזט אָן אויף די וויכטיגקייט, דאָס די ברענטשעס זאָלען אריינשיקען באַריכטען איבער זייער טהעטיגקייט, און באַקלאָגט זיך, וואָס ניט אַלע ברענטשעס פאַרשטייען דאָס.

די עקז. קאָמיטע מעלדעט אין דעם רעפּאָרט, אז די פּאַרוואַלטונג פון דער ניו יאָרקער סעמעטערי, איז אָפּגעגעבען געוואָרען צו די ניו יאָרקער ברענטשעס.

די עקזעקוטיווע דערצעהלט, וואָס זי האָט געטאָן פאַר'ן מאיער און הייוואוד פאָנד:

„אויף דער רעקאָמענדיישאָן פון ברענטש 1, האָבען מיר איינגערופען אַ קאָנפערענץ פון די ניו יאָרקער ברענטשעס, אום צו בעראַטהען זיך וואָס דער אַרבייטער רינג קען טהאָן פאַר דיעזען צוועק, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו רעקאָמענדירען צו דער עקזעקוטיווע אַרויסצושיקען א רעפערענדום, אז עס זאָל בעוויליגט ווערען נאָך 700 דאָלאר, און צוזאמען מיט די 300 דאָלאר, וואָס איז בעשלאָסען געוואָרען ביי דער

לעצטער קאָנווענשאָן אַוועקשיקען 1000 דאָלאַר פאַר דיזען פאָנד. מיר האָבען דעם רעפערענדום ארויסגעשיקט און עס איז אָנגענומען געוואָרען".

ווייטער דערצעהלט זי מכח דער אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע:

„ווי עס איז באַוואוסט איז ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן און מיט די בעשטעטיגונג פון רעפערענדום בעשלאָסען געוואָרען צו האָבען אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע פון 4 (2 פון דער עקזעקוטיווע און 2 פון אויטסיידערס) און אויף דעם איז בעשלאָסען געוואָרען צו ספּענדען ניט מעהר ווי 1000 דאָלאַר. ווען מיר האָבען זיך גענומען דיזען בעשלוס אויספיהרען האָבען מיר זיך אָנגעשלאָגען אָן פיעלע שוועריגקייטען.

ערשטענס האָבען מיר מיט דער סומע פון 1000 דאָלאַר פאַר 4 פערזאָן, דאָס הייסט צו 5 דאָלאַר א וואָך, גאָר ניט געקענט טהאָן; ספּעציעל מיט די צוויי אויטסיידערס. מיר האָבען עס געפונען פיר אומפּראַקטיש צו פאָרשלאָגען אַן אויטסייד פריינד, ספּעציעל אַזאַ וואָס מיר וועלען געפינען פאַר פעהיג צו זיין אונזער אָרגאַנייזער, צו אַרבייטען פאַר אונז פיר 5 דאָלאַר אַ וואָך, און ער זאָל אָבגעבען יעדען אבענד, אין וואָך און אויך זונטאג.

צווייטענס, האָבען מיר געפונען, אַז אונטער די אומשטענדען ווען דער אַרבייטער רינג האַלט זיך אין איין טשענזען און פאָרמירען צו־ליעב די פערשיעדענע סטייט געזעצע, איז ניט פּראַקטיש אָנצופערטרויען אַזאַ אַרבייט ווי אָרגאַניזירען צו פערזאָנען, וואָס זיינען ניט גענוי באַ־קאַנט, און שטעהען ניט אין גאַנץ נאָהענטע פערבינדונגען מיט דעם אַר־בייטער רינג.

מיר האָבען דעם פּלאַן פון 2 אויטסיידער, אויפגעגעבען.

מיט די צוויי אינסיידער איז אויך געווען פיעל שוועריגקייטען, ווייל נאָך דעם בעשלוס וואָס איז געפאַסט געוואָרען ביי אַ געמיינשאַפט־ליכען מיטינג מיט דער קאָנטראָל קאָמיטע, אַז מען זאָל צאָהלען 5 דאָלאַר אַ וואָך, האָבען מיר ניט געקענט געפינען קיין קאָמיטע.

דאַן האָט די עקזעקוטיווע, (זעהענדיג אַז אַרבייט איז פאַראַן פיעל, און עס ווערט פערנאַכלעסיגט) בעשלאָסען, פאָרלויפיג אַלס פּראָבע אָנ־שטעלען 2 פריינד מיט א סאַלערי פון 7 דאָלאַר א וואָך.

די קאָנטראָל קאָמיטע האָט דעם בעשלוס מיספערשטאַנען, דענקענ־דיג אַז די עקזעקוטיווע האָט זיי אָנגעשטעלט פיר סטעדי אָהן זייער צו־שטימונג, און האָבען אַריינגעשיקט אָרדערס צו דער קאָמיטע, זיי זאָלען סטאָפּען די אַרבייט, ווייל זיי וועלען זייער סאַלערי ניט פּעסען.

דאָס האָט ווידער אַרויסגערופען אונצופרידענהייט, און איינער פון דער קאָמיטע האָט רעזיגנירט.

ביי א צווייטען געמיינשאפטליכען מיטינג מיט דער קאָנטראָל קאָמיטע, איז דער בעשלוס גוט געהייסען געוואָרען און אַן אַנדער פריינד האָט אָנגענומען אין דער קאָמיטע.

צוזאַמען האָבען זיי ביידע אַלס אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע געאַרבייט 5 וואָכען, אונטער דער צייט, האָבען זיי בעזוכט 22 אָרגאַניזאַציעס, און 20 אַלטע ברענטשעס אונטער די אינסטרוקציאָנען פון דער עקזעקוטיווע".

צווישען די וויכטיגע נייע איינפיהרונגען, וואָס די עקזעקוטיווע לעגט פאָר, באַגעגנען מיר שוין:

1) אַן אייגענעם סאַניטאַריום פאָר קאָנסאָמפּטיווס.

ס'פיהלט זיך אין גאַנצען רעפּאָרט, א שטאַרקע באַגייסטערטע אַגיטאַציע פאָר אַן אייגענעם סאַניטאַריום. אויף דער זיבעטער קאָנווענשאָן איז טאַקע געלייגט געוואָרען דער ערשטער שטיין פאָר'ן סאַניטאַריום.

אָבער וועגען סאַניטאַריום שפּעטער. דערוויי וועלען מיר דערמאָנען די אַנדערע רעפאָרמען, וועלכע די עקזעקוטיווע לעגט פאָר:

2) א האָום אָפיס.

3) קראַנקען און קאָנסאָמפשאָן בענעפיט פאָר מעמבערס פון קלאַס 2.

4) די סטייט קאָנטראָל קאָמיטע זאָל פאַרביטען ווערען אויף א ניישאָנאל באָארד אָף דירעקטאָרס.

5) אָלד איידזש פאָנד.

6) אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע פון 2 בעצאָהלטע אָרגאַניזאַטאָרען.

אָט איז א טייל פון דעם טעקסט פון דער רעקאָמענדאַציע, אַז די סטייט קאָנטראָל קאָמיטע זאָל רעפאָרמירט ווערען אין א ניישאָנאל באָארד אָף דירעקטאָרס.

„אַפּעלירענדיג אין פערשידענע סטייטס פאָר רעדזשיסטריישאָן, האָבען מיר זיך אָנגעשלאָגען אין די פערשידענע געזעצע און פערלאַנגען פון יעדע סטייט. איניגע, וויכטיגע סטייטס, דאָרט וואו מיר קענען האָבען פיעלע ברענטשעס און מעמבערס, האָבען אבדזשעקטעט א פונקט אין אונזער קאָנסטיטושאָן, וועלכער זאָגט: „אַז די עקזעקוטיווע קאָמיטע בעשטעהט פון מיטגלידער פון נויאָרק". און אום געזעצליך צו קענען עקזעסטירען אין דיעזע סטייטס, מוזען מיר אומענדערען דיעזען פונקט

פון דער קאָנסטיטושאָן ביי דיעזער קאָנווענשאָן. מיר מוזען דעם פונקט פון דער קאָנסטיטושאָן אַזוי אומענדערען, אז אַלע סטייטס זאָלען קענען זיין פערטראָטען אין די פערוואַלטונג פון ארבייטער רינג.

בעפאר מיר האָבען געמאַכט אונזער רעקאָמענדיישאָן, האָבען מיר פריהער בעטראכט די סטייט קאָמיטעס און סטייט קאָנטראָל. און בעטראכטענדיג די סיסטעם פון די איצטיגע סטייט קאָנטראָל קאָמיטעס, זיינען מיר געקומען צו פאָלגענדען שלוס:

די סיסטעם פון א סטייט קאָנטראָל קאָמיטע איז אָנגענומען געוואָרען מיט 2 יאהר צוריק. ערשטענס, צו קאנטראָלירען פון צייט צו צייט דעם האָם אָפיס, און צווייטענס, צו העלפען ארבייטען פאר דעם וואָהל און בעסטען פון ארבייטער רינג, יעדערער אין זיין רעספעקטיווע סטייט. די לעצטע 2 יאהר זינט דיעזער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרען האָט זיך אַרויסגעצייגט, אז די סטייט קאָנטראָל דעלעגאַטען האָבען רעפּרעזענטירט זיך אליין, זייערע אייגענע ברענטשעס, ווייל זיי איז געווען זעהר שווער צו האָבען סטייט מיטינגען.

מיר רעקאָמענדירען דארום אז די סטייט קאָנטראָל זאָל ווערען אָבגעשאַפט.

עס זאָל ערוועהלט ווערען א נײשיאָנאל באָאַרד אָף דירעקטאָרס, איין דעלעגאט פון יעדער סטייט, נויאָרק סטייט אַריינגערעכענט.

די נײשיאָנאל באָאַרד אָף דירעקטאָרס זאָל האָבען זייערע רעגעלע מיטינגס 2 מאָהל אין יאָהר, אין פעברואר און אָקטאָבער.

אום צו פערמיידען גרויסע עקספּענסעס זאָל ווערען בעוויליגט, ביז 12 דאָלאר ריילראוד פעיר, אהין און צוריק פאר א דעלעגאַט.

די דזשענעראל עקזעקוטיוו קאָמיטע זאָל בלייבען ווי געוועזן".

די קאָנטראָל קאָמיטע דערציילט אין איהר בעריכט וועגען די רייבונגען, וואָס זי האָט געהאַט מיט דער עקזעקוטיווע, און רעקאָמענדירט איינס פון די ביידע, ענטוועדער די קאָנטראָל קאָמיטע זאָל טאַקע אויף אַן אמת'ן האָבען די קאָנטראָלירענדע מאַכט (די מאַכט פון וועטאָ), אָדער זי זאָל אין גאַנצען אָפּגעשאַפט ווערען, און איהר פּלאַץ זאָל פאַרנעמען אַ נעשיאָנאַל באָארד אָף דירעקטאָרס.

„אויב די קאָנווענשאָן געפינט פיר נויטיג אז די קאָנטראָל קאָמיטע זאָל עקזיסטירען, דאַן איז אונבעדינגט נויטיג, אז די קאָנווענשאָן זאָל דער קאָנטראָל קאָמיטע געבען א קאָנטראָלירענדע מאַכט.

ווען די קאָנטראָל קאָמיטע וועט געפינען, אז א געוויסער בעשלוס פון דער עקזעקוטיווע, פאר ניט גוט, אָדער א געוויסע עקספּענס וואָס די

עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט בעשלאָסען צו מאכען איז ניט פראַקטיש, דאַן זאָל די קאָנטראָל קאָמיטע האָבען די פאור, צו סטאָפּען, און זייער בע־שלוס זאָל פון אָפּים אויסגעפיהרט ווערען.

אויב א קאָנטראָל קאָמיטע וועט ניט האָבען דיזע פאור, אויב די קאָנוועגשאָן וועט עס דער קאָנטראָל קאָמיטע ניט וועלען געבען, דאַן גע־פינען מיר פאר אונזער פליכט אייך צו רעקאָמענדירען דער קאָנטראָל קאָמיטע איינגאַנצען אָבשאַפען.

עס שטעלט זיך אָבער אָפּ איין זאך וואָס מוז גענומען ווערען אין אנבעטראכט ווען די קאָנטראָל קאָמיטע וועט ווערען אָבגעשאַפט, און דאָס איז, די ברענטשעס וועלען ניט האָבען צו וועמען צו אַפּעלירען געגען ענטשיידונגען פון דער עקזעקוטיווע, דאפיר רעקאָמענדירען מיר, אז ווען די קאָנטראָל קאָמיטע זאָל ווערען אבגעשאַפט, זאָל ווערען ערוועהלט אַן עקזעקוטיווע פון 15 מיטגלידער, און עס זאָל איינגעפיהרט ווערען א בוי־שאָנאל באָאַרד אָף דירעקטאָרס פון אלע סטייטס.

יעדער סטייט זאָל זיין בערעכטיגט צו שיקען 1 דעלעגאַט אין אל־געמיין און 1 דעלעגאַט פון יעדע 1000 מעמבערס אָדער א מאַיאָריטעט טהייל דערפון, ווייטע סטייטס זאָלען קענען ערוועהלען א פראַקטי".

די קאָנוועגשאָן איז געעפענט געוואָרען פרייטאג, דעם 3טען מאי, 8 אַזייגער אין אָוועגד, דורך ה. גאָלדין, טשערמאַן פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע.

באַגריסונגס־רעדען זיינען געהאלטען געווארען פון אב. קאַ־האַן, ב. פייגענבוים, מ. ווינטשעווסקי און מאיר לאָנדאָן.

דער פראָטאָקאָל סעקרעטער פון קאָנוועגשאָן איז געוועז ב. שפינראד.

דער טאגעס אָרדנונג איז געוועז:

1. ערוועהלונג פון קאָמיטעס. (אום 10 אוהר אבענדס).
   א. קרעדענשעל קאָמיטע; ב. רעזאָלוציאָנס און רעקאָמענדיישאָן קאָמיטע; ג. פרעס קאָמיטע.
2. רעפּאָרט פון קרעדענשעל קאָמיטע.
3. ערוועהלונג פון קאָנוועגשאָן אָפיסערס.
4. בעריכט פון דער קאָנטראָל קאָמיטע.
5. בעריכט פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע.
   בעריכט פון דער רעזאָלוציאָנס און רעקאָמענדיישאָן קאָמיטע.
6. אָרגאניזאַציאָנס ארבייט.
7. שריפטליכע אגיטאַציאָן פאר דעם אַרבייטער רינג.
   בעריכט פון דער רעזאָלוציאָנס און רעקאָמענדיישאָן קאָמיטע.

8. סאניטאריום.
9. אַלד אידזש פאַנד.
10. האָום אָפיס.
11. קראַנקען און קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט פיר קלאַס 2.
12. נאָמינײשאָנס פיר עקזעקוטיוו, קאָנטראָל און אנדערע קאָמיטעס.
13. אינפאָרמיישאָן ליובאָר ביוראָ.
14. וויטערע קאָנוועגשאָנס.
15. קיין טעקס אין מיטען יאָהר ביי רעפערענדום, אויסער ביי קאָנוועג־שאָנס.
16. ערוועהלונג פון אַן עלעקשאָן באָארד.

אויסער דעם גרויסען קאפּיטעל „סאַניטאַריום", וואָס די זי־בעטע נוארקער קאָנווענשאָן האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען אין דער געשיכטע פון ארבייטער רינג, האָט זי אויך אַריינגעבראַכט אַ סך אַנדערע פּונקטען, וואָס האָבען צו טהאָן מיט דעם ה א ר ץ פון אַרדען, מיט זיין ברייטער מענשליכער הארץ, וואָס האָט קיינ־מאָל ניט אויפגעהערט צו שלאָגען פאַר די קרבנות פון דעם הייג־טיגען קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם.

מיר ווילען דאַ ברייגגען אייניגע פון זיי:

„די עקזעקוטיוו קאָמיטע רעקאָמענדירט, אז די מעמבערס וואָס בעד לאַנגען צום קלאַס 2, מענער און פרויען זאָלען קריגען 3 דאָלאר אַ וואָך קראַנקען בענעפיט און קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט 50 דאָלאר, ווען דער מעמ־בער וועט דאַרפען פאָהרען אין קאָלאָראַדאָ, טעקסעס א. ז. וו., ד. ה. אין די וויטערע וועסטערן סטייטס אָדער אייראָפּא קורירען זיך, און 25 דאָ־לאר ווען דער מעמבער פון קלאַס 2 וועט דאַרפען פאָהרען קורירען זיך אין א קאָנטרי, ניט וויט פון זיין וואָהנונגס שטאָדט.

די רעקאָמענדיישאָן ווערט פון דער קאָנווענשאָן איינשטימיג אָנ־גענומען.

עס ווערט פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע רעקאָמענדירט, אַז יעדער מעמבער זאָל צאָהלען 5 סענט אַ קוואַרטאל פאר אַן אָלד אידזש פאַנד, און ווען אַ מעמבער וועט בעלאַנגען 15 יאָהר צום אַר־בייטער רינג, און צוליעב שלעכטע אומשטענדען וועט ער ניט קענען צאָהלען זיינע אסעסמענטס זאָל זיין ביל געדעקט ווערען פון דיזען פאַנד.

דער פאַנד זאָל אָנפאַנגען אין 15 יאָהר פון דער צייט ווען דער אַ. ר. האָט זיך געגרינדעט אלס אָרדען. די רולס פאר דיעזען פאַנד זאָלען ווערען אויסגעאַרבייט.

די רעקאָמענדיישאן ווערט פון דער קאָנווענשאָן אָנגענומען".

די קאָנווענשאָן האָט אויך באשלאָסען, אז דער א. ר. זאָל האָבען אן אייגענעם האוס אָפיס. אָט די פראגע איז שפּעטער גע־ווען די אורזאכע פון פארשידענע רייבונגען.

„די עקזעקוטיוו קאָמיטע רעקאָמענדירט, דאָס דער ארבייטער רינג זאָל בויען אָדער קויפען א בילדינג אין נויאָרק (מאַנהעטען) פאר אַ האָם אָפיס, און אויב דיזעס וועט אָנגענומען ווערען, זאָל ערוועהלט ווערען א קאָמיטע, וואָס זאָל דאָס אויספיהרען.

רעקאָמענדיישאָן איינשטימיג אָנגענומען.

די עקזעקוטיווע רעקאָמענדירט, דאָס עס זאָל ערוועהלט ווערען אַ נײשאָנאל באַארד אָף דירעקטאָרס צו 1 דעלעגאַט פון יעדער סטייט, וואו דער אַרבייטער רינג האָט ברענטשעס. די נײשאָנאל באַארד אָף דירעקטאָרס זאָלען האָבען די רעגולע מיטינגס צוויי מאָל אין יאָהר, אין סעפּטעמבער און אין פעברואר. פאר דיזען צוועק זאָל בעשטימט ווערען ניט מעהר ווי ביז 12 דאָלאר רײלראוד פעיר, אַהין און צוריק פאר יעדען דעלעגאט".

די פערטע זיצונג פון דער קאָנווענשאָן, (ב. לילענבלום, טשער־מאָן און י. סאַפּירשטיין, וויים טשערמאָן) איז געווען פארנומען מיט דער דעבאַטע וועגען אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט.

ה. גאָלדין, לעזט די רעקאָמענדיישאָן פון דער עקזעקוטיוו קאָ־מיטע, וואו זי רעקאָמענדירט אָנצושטעלען 2 אָרגאַנייזערס.

די רעקאָמענדיישאָן האָט אַרויסגערופען א גרויסע דיסקוסיע.

געעפענט די דיסקוסיע האָט י. וויינבערג, און האָט פאָרגע־שלאָגען די רעקאָמענדיישאָן אָנצונעמען.

געגען וויינבערג'ן זיינען אַרויסגעטראָטען שלייפער, אַראָנסאָן, אַדלער, ראפּאָלאָווסקי, (ערשטער אויפטריט אויף א קאָנווענשאָן), י. דריישפּיעל (אויך ערשטער דעביוט) און מנקר.

עס איז אויך שטאַרק דיסקוטירט געוואָרען די פראָגע צו האָ־בען אן אייגענעם זשורנאל. אָט וואָס מיר געפינען אין פּראָטאָקאָל:

„עס ווערט פערהאַנדעלט די פראגע פון שריפטליכע אַגיטאַציאָן.

רעדעס ווערען געהאלטען פון י. וויינבערג, י. אדלער, ס. וואלאס, און י. ווינטרויב פאר איין אייגענעם זשורנאל, פון א. עפּשטיין, ה. פיינזילווער, י. אלפּערט און ס. שווארץ, פאר אגיטאַציאָן אין די ציי־טונגען.

די וואָס זיינען דאַפיר, אז די אַגיטאַציאָן זאָל זיין אין די ציי־טונגען, צייגען אָן די וויכטיגקייט, אז דער אַרביטער רינג זאָל ווערען פּאָפּולער צווישען דער גרויסער מאַסע לעזער פון די צייטונגען, אז דאָרט וואו עס קומען אָן און עס ווערט געלעזען צייטונגען איז אונמעגליך,

עס זאָל אָנקומען איין אייגענער זשורנאַל. איין אייגענער זשורנאל וועט זיין בלויז צווישען די מעמבערס.

די וואָס זיינען פאר אן אייגענעם זשורנאל צייגען אָן אויף די וויכטיגקייט פון צו האָבען אן אייגענעם 3 מאָנאַטליכען זשורנאל, וואָס זאָל ווערען געשיקט צו אַלע מעמבערס, אין וועלכע מען זאָל קענען דיסקוטירען פערשידענע ספעציעלע ארבייטער רינג פראַגען, וואָס קען אינטערעסירען בלויז די מעמבערס פון ארבייטער רינג. אין דיזען 3 מאָנאַטליכען זשורנאל זאָל ווערען געדרוקט די רעפּאָרטס, פינאַנציעלע און אַנדערע פון ארבייטער רינג, אום די מעמבערס זאָלען וויסען און זיין בעקאַנט מיט דעם ארבייטער רינג. דאָס וועט געבען די מעגליכקייט, אז די מעמבערס זאָלען זיך מעהר אינטערעסירען מיט דעם אַרבייטער רינג, און דאָס אליין וועט בריינגען פיעל מעהר מעמבערס ווי די אַגיטאַציאָן דורך אַרטיקלען אין די צייטונגען".

מיט 80 געגען 50 שטימען ווערט באשלאָסען, אז די אגיטאַציע פאר'ן אַרב. רינג זאָל געמאַכט ווערען דורך די צייטונגען.

„די עקזעקוטיווע ווי אויך לאָיער גענ. מ. לאָנדאָן רעפּאָרטען, אַז אַפּעלירענדיג אין פערשידענע סטייטס פיר אינקאָרפּאָרירען זיך, שטויסט מען זיך אָן אין פערשידענע געזעצע. און עס איז דארום נויטיג צו ערוועהלען א לאָא און קאָנסטיטושאָן קאָמיטע, וואָס זאָל האָבען דאָס רעכט אָהן א רעפערענדום צו אַמענדירען געוויסע פונקטען אין דער קאָנסטיטושאָן, אָנגעהמען נייע ווען עס איז נויטיג פאר דעם צוועק צו אינקאָרפּאָרירען דעם אַ. ר. אין א געוויסער אָדער געוויסע סטייטס.

די רעקאָמענדיישאָן ווערט איינשטימיג אָנגענומען. עס ווערען ערוועהלט קאָמיטעס: פיר לאָא און קאָנסטיטושאָן קאָמיטע ווערען ערוועהלט די דעלעגאטען ב. ליליענבלום, פּ. לעווין, א. עפּשטיין, ה. זאַק און מ. לעווינסאָן".

די קאָנווענשאָן האט אויך באשלאָסען איבערצוגעבען צו די נייישיאָנאַל באָארד אַף דירעקטאָרס די פראַגע וועגען אן אינפאָרמיישאָן ליבאָר ביוראָ — א פראַגע פון גרויסער בעדייטונג.

די גרינדונג פון אַזאַ ביוראָ, איז מיט איינינע יאָהר שפּעטער אויך אַרויפגעשוואומען אויפ'ן אויבערפלאַך, זי איז אָבער דערווייל געבליבען ניט מעהר, ווי א פרומער וואונש.

די פראַגען, וואָס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען צום רעפערענדום:

1. עס זאָל בעוויליגט ווערען 2,000 דאָלאַר אַ יאָהר פאר אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט, און די עקזעקוטיווע צוזאַמען מיט דער נייישאָנאַל באָארד אַף דירעקטאָרס זאָלען עס פערוואַלטען.

2. די מעמבערס פון קלאס 2, מענער און פרויען, זאָלען קריגען 3 דאָלאר א וואָך קראנקען בענעפיט, קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט 50 דאָלאר. ווען דער מעמבער דאַרף פאָהרען אין די וויימע וועסטערן סטייטס אָדער יוראָפּ, און 25 דאָלאר ווען דער מעמבער דאַרף פאָהרען אין א קאָנטרי ניט ווייט פון זיין וואָהנונגס פּלאץ. די מעמבערס פון קלאס 2 זאָלען ווערען אַסעסט פאר די קראנקען און קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט פון קלאַס 2.

3. די שריפטליכע אַגיטאַציאָן פאר דעם אַרבייטער רינג זאָל ווערען געמאַכט דורך די צייטונגען „פאָרווערטס", „אַרבייטער" און „פרייע ארבייטער שטימע", און די עקזעקוטיווע זאָל האָבען דאָס רעכט פאר דיזע אגיטאַציאָן צו ספּענדען ביז 1000 דאָלאר א יאָהר.

4. יעדער מעמבער זאָל צאָהלען 5 סענט א קוואָרטאל פאר אַ פאָנד, וואָס זאָל הייסען „אָלד איידזש פאָנד", און ווען א מעמבער וועט באַלאַנגען צום ארבייטער רינג 15 יאָהר און צוליעב געוויסע אומשטענדען וועט ער ניט קענען צאָהלען זיינע אַסעסמענטס, זאָל דער מעמבער ניט קענען געשטראָכען ווערען. זיינע אַסעסמענט זאָל ווערען געדעקט פון דיזען פאָנד. די צייט ווען דיזער פאָנד זאָל געעפענט ווערען איז 15 יאָהר פון דעם טאָג, וואָס דער ארבייטער רינג האָט זיך געגרינדעט אלס אָרדען.

5. דער אַרבייטער רינג זאָל קויפען אָדער בויען אַ האָם אָפיס אין ניו יאָרק (מאַנהעטען).

6. די עקזעקוטיוו קאָמיטע זאָל באַשטעהן פון 9 פּערזאָן. פון נעקסטען יאָהר און ווייטער, זאָל יעדען יאָהר ווערען ערוועהלט בלויז 5 נייע עקזעקוטיוו מיטגלידער, און 4 פון דער פריהערדיגער עקזעקוטיווע זאָלען בלייבען אין דער נייער עקזעקוטיווע. ביי דער קאָנווענשאָן זאָל ווערען געשטימט וועלכע 4 פון די אלטע זאָלען בלייבען אין דער עקזעקוטיווע פאר דעם נייעם יאָהר.

7. צו האָבען א לאָא און קאָנסטיטושאָן קאָמיטע, וואָס זאָל אָהן א רעפערענדום קאָנען אמענדירען, ארונטערנעהמען אָדער צוזעצען אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטושאָן, ווען עס וועט זיך נויטיגען ביים אינקאָרפּאָריערען דעם אַרבייטער רינג אין א געוויסען סטייט.

8. דער 10 סענט פאָנד א קוואָרטאל פון יעדען מעמבער פאר דענווער סאַניטאריום זאָל בלייבען, נאָר אנשטאָט דענווער סאַניטאריום זאָל עס הייסען „קאָנסאָמפּשאָן סאַניטאריום פאָנד", און פון דיזע 10 סענט אַ קוואָרטאל פון יעדען מעמבער זאָל ווערען געגעבען דעם דענווער סאַניטאריום 500 דאָלאר אַ יאָהר".

יעצט געהען מיר איבער צו דעם גרויסען און שעהנעם קאַפּיטעל אין אונזער געשיכטע, וואָס הייסט: ס אַ נ י ט אַ ר י ו ם.

# די געשיכטע פון סאַניטאַריום.

דער ארבייטער רינג איז אַן אָרדען פון ארבייטער, פון מענשען, וועלכע נייהען קליידער, און האָבען גאַנץ אָפט אליין ניט וואָס אָנצוטהאָן, וועלכע בויען הייזער און האָבען אליין ניט וואו צו וואוינען; די מיטגלידער פון ארבייטער רינג זיינען אין דער גרויסער מערהייט פּראָלעטאריער.

די שווינדזוכט באַצילען געפינען אין די דירות און אין די קערפּערס פון די פּראָלעטאריער א גוטען באָדען, וואו זיך צו פּרוכפּערען, אָהן א שיעור און אָהן אַן ערך. זיי באַפאַלען אין גרויסע מיליארדיגע מחנות אויף זייערע קרבנות, וועלכע זיינען צו שוואַך אַרויסצואווייזען א ווידערשטאַנדס־קראַפט.

אין א געזונדען קערפּער, האָבען די טובערקולאָזיס באַקטעריען קיין פּלאַץ ניט פאר זייער ענטוויקלונג, זיי האָבען דאָרטען ניט קיין תקומה און זיינען דעריבער ניט געפעהרליך.

אַ סכנה באַפאַלען צו ווערען פון אָט די קליינינקע ברואים'לעך ליגט פאר די ארבייטער, וועלכע זיינען אויסגעמוטשעט און שוואַך זיי בייצושטעהן.

די אַרבייטער גיבען די גרעסטע צאָהל קרבנות פון שווינדזיכט.

ניט אומזיסט איז שווינדזיכט באַוואוסט אונטער'ן נאָמען, „די פּראָלעטארישע קראנקהייט", ווייל מעהר ווי אלע זיינען די פּראָלעטאַריער, וועלכע ווערען געפאנגען פון איהר. פּראָלעטאַריער בלוט איז די בעסטע שפּייז און פּראָלעטארישע פליש איז די בעסטע דירה פאר דעם „טובערקול באַצילוס".

די צאָהל קאָנסאָמפּטיוו־קראַנקע אין אַרבייטער רינג איז וואָס אַ יאָהר אלץ גרעסער געוואָרען, און די טאָן־געבער אין אונזער אָרדען האָבען מיט אלע מיטלען געזוכט א וועג, ווי אַזוי צו קומען צו הילף יענע ברידער, וועלכע זיינען פארכאַפּט געוואָרען פון דער שרעקליכער פּראָלעטאַרישער פּלאָג.

דערפון — דער געדאנק פאר אן אייגענעם סאניטאריום, וואו די מיטגלידער זאלען געפינען רוה און היילונג.

אום א געוויסער געדאנק זאל האבען א געוויסע ממשות, אום א אידעע זאל ווערען פארווירקליכט, זיינען וויכטיג פארשידענע גינסטיגע באדינגונגען, מאנכעס מאל — צופעליגע.

א צופאל קען פיהרען דערצו, אז די אידעע, וואס איז שוין רייף, זאל פריהער (אדער שפעטער) באצויגען ווערען מיט הויט און ביין און ווערען א ווירקליכקייט. פון צופאל איז אפהענגיג דער ארט און די צייט, וואו און ווען דער געדאנק קריגט א ממשות'דיגע פארמע.

אזא צופאל האט געדינט, אז דער סאניטאריום פון ארבייטער רינג זאל זיין אין ליבערטי, נ. י.

און דא פאנגט זיך אן די געשיכטע פון אונזער „ס א נ י־ ט א ר י ו ם  א י ן  ל י ב ע ר ט י", וואס פארשאפט דעם אר־ בייטער רינג אזוי פיעל כביד און גדולה, הגם ניט ווייניג דאגות און קאפדרעהעניש.

דאס איז געווען אנפאנג 1907.

דר. טשארלס ראיעווסקי (דער אמאליגער „עם עולם'ניק" און ערשטער ארויסגעבער פון א סאציאליסטישער צייטונג) האט זיך באזעצט אין ליבערטי צוליב פאמיליען אנגעלעגענהייטען.

עס איז איהם אויסגעקומען צו קורירען א. ר. מעמבערס, וועל־ כע האבען דארטען געמוזט וואהנען צוליב זייער שוואכען געזונד — אט טאקי די מעמבערס, וועלכע האבען געקראגען 50 דאלאר קאנ־ סאמפשאן בענעפיט פון א. ר.

דר. ראיעווסקי האט ביי א געלעגענהייט, ווען ער איז געווען אין ניויארק, אין אפיס פון „פארווערטס", פארגעלעגט פאר צוויי עקזעקוטיווע מעמבערס (ב. ליליענבלום און ה. גאלדין) א פלאן, אז דער א. ר. זאל עפענען א סאניטאריום אין ליבערטי.

דער פלאן האט געקלונגען ווי א הימעלדיגע פאנטאזיע. ניט ליליענבלום און ניט גאלדין האבען געהאלטען פאר וויכטיג גע־ נוג אפילו פארצולעגען אזא פאנטאסטישען פארשלאג פאר דער עק־ זעקוטיוו קאמיטע.

דר. ראיעווסקי'ס שמועס מיט די טוער אין א. ר. איז אבער געווען געגליכען צו א קערנדעל, געווארפען אויף א פרוכטבארען באדען. איבערהויפט האט זיך אין דעם פארשלאג פארטראכט ב. ליליענבלום.

קורץ נאָך דעם געשפּרעך איז אין נויאָרק געווען דר. ספּיוואַק, סעקרעטער פון דענווער סאַניטאַריום, וואָס איז, ווי מיר ווייסען, שטאַרק אונטערגעשטיצט געוואָרען פון אַ. ר. דורך אַ יעהרליכען טעקס אויף די מעמבערס.

דר. ספּיוואַק האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב צו קומען צום מיטינג פון דער עקז. אָפּגעבען אַ באַריכט פון דענווער סאַניטאַריום.

אויף דעם מיטינג האָט דער געדאַנק פון אַן אייגענעם סאַני־טאַריום שוין אָנגעפאַנגען צו קריגען אַ שטיקעל ממשות.

אין דעם זעקסטען יעהרליכען רעפּאָרט צו דער זיבעטער קאָנ־ווענשאָן צווישען די „ו ו י כ ט י ג ע ר ע פּ אָ ר מ ס א י ן אַ ר ב י י ט ע ר ר י נ ג“, ווידמעט די עקז. אַ באַדייטענדען פּלאַץ דער פראַגע פון „אַן אייגענע סאַניטאַריום פאַר קאָנסאָמפּ־טיווע“. די עקז. דערצעהלט:

„מיט איניגע מאָנאַטען צוריק איז אין נויאָרק געווען דאָקטאָר ספּיוואַק, דער סעקרעטער פון דענווער סאַניטאַריום. ער האָט בעזוכט דעם מיטינג פון דער עקזעקוטיווע און האָט אונז אָבגעגעבען אַ בעריכט וועגען דעם צושטאַנד פון דענווער סאַניטאַריום, אויך אַ שטיקעל בעגריף וואָס עס טהוט זיך אין קאָלאָראַדאָ, און וואָס אונזערע קראַנקע פריינד מאַכען דאָרט. לײדער קענען מיר ניט איבערגעבען דעם גאַנצען אינהאַלט, בלויז איין אַנטוואָרט אויף אַ פראַגע, אויף דער פראַגע ווארום ענטהאַלטען זיך די נויאָרקער דאָקטוירים און ספּעציאַליסטען אין דיזער קראַנקהייט פון צו רעקאָמענדירען אַז קאָנסאָמפּשיאָניקעס זאָלען פאָהרען אין קאָלאָראַדאָ, האָט ער געגעבען פאָלגענדע ערקלעהרונג: „צו שיקען אין קאָלאָראַדאָ אַזעלכע וואָס זיינען שוין אין צווייטען און 3טען גראַד, איז ניט גוט, ווייל דאָרט האָבען זיי אויך ניט קיין גרעסערען טשאַנס אויסצוקורירען זיך, ווי דאָ, נעבען נויאָרק. צו ווערען קורירט פון דיזער קראַנקהייט, איז דער מיטעל ניט אַזוי די מעדיצין, ווי דער פּלאַץ, רוהיגקייט, גוטע, פרישע לופט און גענוג שפּייז אַ. ז. וו., מיט וועלכע דער קראַנקער דאַרף זיין פערזאָרגט. ווען אבער אַ קראַנקער, וואָס קומט אין קאָלאָראַדאָ און איז דאָרט פרעמד, ווייט פון דעם היים און פאַמיליע, נאָך וועלכע ער בייַנקט, אָהנע מיטלען צום לעבען, מיט ווייניג געלד זיך צו קורירען, אין די האָספּיטעלער און סאַניטאַריומס קענען זיי אַזוי שנעל ניט אריינקומען, ווייל זיי זיינען איבערפילט, און אין קיין פּריוואַט וואָהנונגען לאָזט מען זיי ניט אַריין, קיין מעדיצין, קיין פלעגע האָבען זיי ניט, קען, אונטער אַזאַ צושטאַנד דער קראַנקער ניט ווערען קורירט, און דארום

ראטהען די דאָקטוירים ניט צו פאָהרען אין קאָלאָראדאָ אַזעלכע, וואָס האָבען ניט גענוג מיטלען צו מאכען א לעבען און זיינען שוואַך צו אר־ בייטען".

דיעזער בעריכט האָט אונז געמאכט פיעל נאָכצודענקען, און ביי אונז האָט זיך געשטעלט די פראגע: וואָלטען מיר זיי פיליכט בעסער גע־ האָלפען, ווען מיר וואָלטען די קראנקע קענען דאָ פערזאָרגען? פערזאָר־ גען זיי מיט א היים דאָ, ניט ווייט פון נויאָרק, נ. דזש. קאָנעקטיקוט, א. ז. וו., ניט ווייט פון זייערע פריינדע און פאַמיליען, מיט רוהיגקייט, מעדיצין, פרישע, געזונדע שפייז און גוטע, געזונדע לופט, דאָס הייסט האָבען אן אייגענעם סאניטאריום. דער פלאן האָט זיך אונז פאָרגע־ שטעלט זעהר א שעהנער, גוטער און נוצליכער, אָבער ניט היגעריסען צו ווערען פון סענטימענט און געפיהל, (זייענדיג אן עקזעקוטיוו מיטגליד, איז שטרענג פערבאָטען צו לאָזען זיך הינרייסען, מיט סענטימענט, צו־ ליב די זיכערהייט פון ארבייטער רינג) האָבען מיר געמוזט אויסגעפי־ נען דריי זאכען: ערשטענס, אויב דער קלימאַט איז אין ליבערטי (רע־ קאָמענדירט פון דר. ראַיעווסקי) אַזוי גוט פאר די קראַנקע ווי אין קאָ־ לאָראדאָ? וואָס דאַרף אונז קאָסטען אויסהאלטען א יאהר אַזאַ סאני־ טאריום און וואו זאָל מען נעמען די געלד?"

דעם פאָרשלאג, אז די עקז. זאָל נעמען די זאַך ערנסט און אונטערזוכען דעם גאַנצען עניין, כדי צו קענען רעקאָמענדירען צו דער קאָנווענשאָן, איז געמאַכט געוואָרען פון ב. ליליענבלום, אין ווען עם קאָפּ עם זיינען שוין פריהער שטארק געקראָכען די ווער־ טער פון דר. ראיעווסקי'ס פלאַן.

די ערשטע אויבערפלעכליכע אונטערזוכונג מיט דעם צוועק צו באלייכטען די רעקאָמענדאציעס אויף דער קאָנווענשאָן איז גע־ מאַכט געוואָרען פונ'ם סעקרעטער י. וויינטרויב. ער האָט זיך דורכגעשריבען מיט פראָפ. אלעקסאנדער לעמבערט, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער „עקזאמינינג פיזישאַן" פאר קאָנסאָמפּטיוו קראנקע מיטגלידער.

דר. לעמבערט האָט געענטפערט אויף וויינטרויב'ס אַנפראגע איבער א סאניטאריום בכלל, און ער האָט געענדיגט זיין בריעף:

„צוליעב פיעלע גרינדע, אויס עקאָנאָמישע, אויס בעקוועמליכ־ קייט, ווי אויך אויס די מעגליכקייט צו טאָן גוטעס צו די גרעסטע צאָהל פון אייערע פאַציענטען, איז נאָך מיין מיינונג, דאָס פער־ נינפטיגסטע צו בעזעצען אייער סאניטאריום אין די מעסיגע העהע פון ליבערטי אָדער ארום די סאָסנאָווע בוימער פון דזשוירזי.

זונען־שיין, פרישע לופט און גוטע ערנעהרונג זיינען די וויכ־טיגסטע מיטלען, אויף וועלכע מיר קענען זיך פערלאָזען פאר די אויפפאַ־סונג פון דיזע פּאַציענטען, און אלע די מיטלען קען מען בעקומען אַרום בערג.

אויב איהר דענקט, דאָס איך קען אייך נאָך וויטער בעהילפיג זיין מיט אירגענד וואָס, וועל איך זיין העכסט צופריעדען דאָס צו טאָן".

וויטער דערצעהלט די עקז. אין איהר רעפּאָרט איבער דעם רעזולטאַט פון וויינטרויב'ס אונטערזוכונג בנוגע די קאָסטען אויס־צוהאַלטען א סאניטאריום:

„די קאָמיטע וואָס איז ערוועהלט געווארען, אויסצוגעפינען וואָס עס דאַרף אונז קאָסטען א יאהר אויסהאלטען די סאניטאריום, איז געווען אין ליבערטי, און זיך בעראטהען מיט פערזאָנען וואָס זיינען מעהר אָדער וויניגער בעקאנט אין דעם, און לויט דעם רעפּאָרט פון דער קאָמיטע, און רעפּאָרטס פון אנדערע סאניטאריומס, האָבען מיר אויסגערעכענט, אז די סאניטאריום אויסהאלטען דאַרף קאָסטען ארום 6 טויזענד דאָלאר א יאָהר. נעמליך:

$1,500 א יאהר דאָקטאר און מעדעצין.
$1,000 א יאהר נוירסעס, און געבען זיי אלעס פריי.
$1,000 מענעדזשמענט און הילפע, אלעס פריי.
$2,000 שפּייז פאר 25 פּאַציענטען.
500 פערשידענע אנדערע אויסגאבען.

מיר האָבען גערעכענט שפּייז פאר 25 פּאַציענטען, ווייל לויט די צאָהל קראנקע וואָס מיר האָבען געהאט די לעצטע פאָר יאָהר, מוזען מיר רעכענען אין דורכשניט 25 קראנקע א יאהר.

דעם לעצטען יאָהר האָבען מיר געהאט 21 קאָנסאָמפּשאָן פּעלע. מיט דעם וואוקס פון דער מעמבערשיפּ, פערגרעסערט זיך אויך די קאָנסאָמפּ־שאן פּעלע. אנדערע פון די קראנקע דאַרפען זיין א יאהר אין סאניטאריום. אַנדערע 6 מאָנאַטען א. ז. וו. און אין דורכשניט דאַרפען מיר רעכענען. פון 40 קראנקע א יאהר, זאָלען אין סאניטאריום זיין אימער 25.

די עקספּענסעס האָבען מיר אויסגערעכענט, דאַרף קאָסטען ארום 6 טויזענד דאָלאר א יאהר, און עס האָט זיך אונז געשטעלט די פראגע וואו זאָל מען דיזע געלד נעהמען. און מיר זיינען געקומען צום פאָלגענ־דען בעשלוס:

לויט נאָך די צאָהל קאָנסאָמפּשאָן פּעלע וואָס מיר האָבען געהאט. דאַרפען מיר רעכענען אז פון 10 טויזענד מעמבערס (וועלכע מיר וועלען אין גיכען האָבען) קען זיין א 40 קראנקע א יאהר, וועלכע וועלען דאַר־

פען קריגען אַ 2,000 דאָלאַר (לעצטען יאָהר האָבען מיר געהאַט 1,745 דאָלאַר קאָנסאָמפשאָן בענעפיט). דיעזע 2,000 דאָלאַר זאָל ווערען אַסעסט אויף די מיטגלידער, ווי איצטער. אויסער דעם דאַרפען מיר רעכענען, אַז דער טעקס פון 10 סענט אַ קוואָרטאַל וואָס געהט יעצט אַוועק פאַר דער דענווער סאַניטאַריום, און דאָס וועט פון 10 טויזענד מעמבערס אריינ־ברייננגען 4 טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר, זאָל פערוועגדעט ווערען פאַר דיעזען צוועק. און פון דיעזע 2 קוועלען האָבען מיר צו דעקען די קאָסטען פון סאַניטאַריום.

דער 10 סענטיגער טעקס אַ קוואָרטאַל פאַר דענווער סאַניטאַריום דאַרף ווערען פערוועגדעט פיר דיעזען צוועק. ווי איהר האָט געזעהן פון דאָס פריהער געזאַגטע, און פון פּראָפעסאָרס לעטער, איז פיעל ראַטה־זאַמער, און פיעל בעסער, ווען די קראַנקע אונזערע, וועלען ניט פאָהרען אין קאָלאָראַדאָ, און מיר זעהען ניט איין ווארום זאָל אַזאַ סומע געלד ניט פערוועגדעט ווערען פיר דעם צוועק און אויף דעם פּלאַץ, וואו עס איז ראַטהזאַמער, בעסער און נוצליכער.

מיר דענקען אַלזאָ, אַז מיר קענען אָנהאַלטען אַן אייגענע סאַני־טאַריום, וואו יעדער קראַנקער זאָל דאָרט קענען זיין פריי. עס קען זיין, אַז מיר קענען פיליוכט מאַכען אַ מיסטייק. נאַטירליך, מוז עס אַ קאָמיטע מעהר אויסאַרבייטען, אָבער לויט אונזערע יעצטיגע בעגריפע און וויסען אין דער פראַגע, רעקאָמענדירען מיר צו האָבען אַן אייגענע סאַ־ניטאַריום, אין ליבערטי נויאָרק. און ווען דיזע רעקאָמענדיישאָן וועט אָנגענומען ווערען רעקאָמענדירען מיר, אַז

1. דער טערמין וואָס אַ קראַנקער וועט דאַרפען זיין אין סאַניטאַריום, זאָל ער זיין פריי פון צאָהלונג.
2. דער טערמין זאָל זיין ניט מעהר ווי 1 יאָהר.
3. אויב דער טערמין וועט זיך ענדיגען, און נאָך דעם יאָהר וועט דער פּאַציענט נאָך דאַרפען זיין אין סאַניטאַריום, זאָל ער צאָהלען אַ בע־שטימטע סומע אַ וואָך.
4. ווען אַ מעמבער ווערט קראַנק אוי. קאָנסאָמפשאָן און דער פּראָפע־סאָר הייסט איהם פאָהרען אין ליבערטי, זאָל פאַר איהם ווערען בע־צאָהלט צום סאַניטאַריום פאָנד 50 דאָלאַר און דיעזע 50 דאָלאַר זאָל ווערען אַסעסט אויף אַלע מיטגלידער.
5. ווען אַ קראַנקער איז אין סאַניטאַריום מעהר ווי דריי מאָנאַטען און ער ווערט דאָרט ניט קורירט, און דאַרף פאָהרען אין קאָלאָראַדאָ, טעק־סעס, ד. ה. אין די וועסטערען סטייטס אָדער אין אייראָפּאַ, זאָל ער קריגען די צווייטע 50 דאָלאַר קאָנסאָמפשאָן בענעפיט ווי פריהער.

6. מעמבערס פון ווייטע סטייטס ווען זיי ווערען קראנק אויף קאָנ־סאָמפּשאָן, און ווילען קומען אין סאַניטאַריום, זאָלען ארונטער געהן אונטער די זעלבע רולס.

7. מעמבערס פון ווייטע סטייטס וואָס ווערען קראנק אויף קאָנסאָמפּשאָן און ווילען אין דער סאַניטאַריום נים קומען, זאָלען קריגען 50 דאָ־לאר קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט, ווען זיי דאַרפען זיין אין א קאָנטרי נים ווייט פון זייער וואָהנונגס פּלאַץ, און 100 דאָלאר ווען זיי דאַר־פען פאָהרען ווייט און זייער רייזע איז פערבונדען מיט גרויסע עקס־פּענסעס.

8. די 10 סענט א קווארטאל וואָס געהט יעצט פאר דענווער סאניטאריום, זאָל געהן פאר דער אייגענער סאניטאריום.

9. פון די 10 סענט א קווארטאל זאָל ווערען געגעבען דער דענווער סא־ניטאריום 500 דאלאר א יאָהר".

די עקזעקוטיוו קאָמיטע רעפּאָרטעט, אז אין דער פראגע וועגען דעם סאַניטאַריום, האָט א גרויסען אנטייל גענומען גענ. דר. טשארלס ראַיעווסקי, אלס דער, וואָס האָט דער ערשטער פאָרגע־לעגט דעם פּלאַן, אז דער ארבייטער רינג זאָל בויען אן אייגענעם סאַניטאַריום, און דורך זיין מיה און קענטשאַפט, זיינען די קאָמי־טעס, וואָס זיינען געפאָהרען אין ליבערטי, פארגעשטעלט גע־ווארען פאר פּראָפעסאָר קינג פון לומיס סאַניטאַריום, וועלכער האָט די קאָמיטעס זעהר פריינדליך אויפגענומען און געגעבען אלע נויטיגע אויסקינפטע, און האָט אויך פארשפּראָכען צו ארבייטען אָהן געלד, און געבען אלע נויטיגע אויסקינפטע ווען נויטיג.

די עקזעקוטיוו קאָמיטע רעפּאָרטעט אויך, אז זיי האָבען איינ־געלאַדען דאָקטאָר טש. ראַיעווסקי צו דער קאָנווענשאָן, אלס דאָק־טאָר, וואָס וואוינט אין ליבערטי און איז באַקאַנט מיט די צו־שטענדע, דעם היילען און לעבען פון די קאָנסאָמפּטיווע, אז ער זאָל געבען אן איבערבליק איבער דער פראגע*).

דר. ראַיעווסקי האָט געהאַלטען אן אויספיהרליכען רעפּאָרט איבער דער קראנקהייט „שווינדזוכט", וועגען סאַניטאַריומס פאר די שווינדזיכטיגע און וועגען א סאַניטאַריום פאר די שווינדזיכ־טיגע מיטגלידער אין אַ. ר.

ער האָט דעם גאנצען ענין זעהר ברייט ארומגערעדט. ער האָט באַריהרט אין זיין רעפּעראַט די פראגעס פון פערוואַלטונג,

*) רעפּאָרט פון דער 7טער יעהרליכער קאָנווענשאָן, ז. 102-3.

פון די הוצאות, איבער דער מעגליכקייט די פאציענטען זאלען שפעטער קענען מאכען א לעבען דורך קאאפעראטיווע שעפער א. ז. וו.

ראיעווסקי'ס אויספיהרליכער איבערבליק האט געמאכט א טי־פען איינדרוק אויף די דעלעגאטען. מען האט דעם רעפערענט באַ־דאנקט דורך א „רייזינג וואוט".

די קאנווענשאן איז אבער געווען גענוג פארזיכטיג אין דער פראגע און האט פריהער באשלאסען צו ערוועהלען א קאמיטע צו מאכען א גענויערע אונטערזוכונג, אויסצוגעפינען אלע איינצעל־הייטען און דעם באשלוס פון דער קאמיטע (נאך דער אונטערזו־כונג) ארויסשיקען אויף א רעפערענדום.

אין דער קאמיטע זיינען אריין ל. סטרוגאטש, י. וויינבערג און ה. גאלדין. י. וויינטרויב איז צוגעצויגען געווארען אלס סעק־רעטער.

די קאמיטע האט געארבייט מיט גרויס איבערגעבענהייט און האט די רעזולטאטען פון איהר אונטערזוכונג געלאזט וויסען דורך א רעפארט, וואס זי האט ארויסגעשיקט צו די ברענטשעס.

פריהער האט די סאניטאריום קאמיטע (סטרוגאטש, וויינ־בערג און גאלדין, וועלכע זיינען אויך געווען מיטגלידער פון דער נ. ע. ק.) ארויסגעשיקט אויף א רעפערענדום בלויז דעם באשלוס, צו וועלכען זי איז געקומען א דאנק איהר אונטערזוכונג.

ברענטש 1 האט פראטעסטירט. ער האט פארלאנגט, מען זאל אפשטעלען דעם רעפערענדום, ווייל מען קען ניט שטימען איבער א זאך, וואס איז ניט באוואוסט.

די עקז. האט באשלאסען צו לאזען וויסען די ברענטשעס דורך א צירקולאר, אז דער רעפערענדום וועט באשליסען איבער דער פראגע בלויז אין פ ר י נ צ י פ.

נאך דעם ווי דער רעפערענדום איז געווארען געשלאסען, האט די סאניטאריום קאמיטע ארויסגעשיקט איהר גענדרוקטען רעפארט צוזאמען מיט א צווייטער אנפראגע, צי מען זאל בויען א סאני־טאריום אדער ניט.

דא האבען זיך ווידער געפונען ברענטשעס, וואס האבען געפאדערט, מען זאל דעם רעפערענדום אפשטעלען.

די עקזעקוטיווע האט זיך אבער צו זיי ניט צוגעהערט און איז געגאנגען מיט'ן רעפערענדום.

איז דעם געדרוקטען רעפּאָרט צו דער אַכטער קאָנוועגשאָן ער־קלעהרט די עקז. קאָמיטע פאָלגענדעס:

„מיר האָבען די פראגע אַרויסגעשיקט צו א רעפערענדום. ברענטש 1 האָט פארלאנגט, אז דער רעפערענדום זאָל געסטאָפּט ווערען און זאָל דאן ווערען אַרויסגעשיקט, ווען די קאָמיטע וועט זיין פארטיג מיט דעם רעפּאָרט, אום מען זאָל וויסען איבער וואָס צו שטימען. מיר האָבען איינגעזעהן, אז ער האָט רעכט פון זיין זייט און די סאַניטאריום קאָמיטע פון איהר זייט. צו וואָס ארבייטען און מאכען עקספּענסעס ווען מען ווייס ניט, אויב די מעמבערס וועלען איינגאַנצען האָבען א סאניטאריום. און דורך א סירקולאר לעטער צו אלע ברענטשעס האָבען מיר געלאָזט וויסען, אַז דיזער רעעפערענדום וועט נאָר באשליסען אין פּרינציפּ, אויב מען זאָל האָבען א סאניטאריום אָדער ניט. אַ צווייטער רעפערענדום וועט אַרויס־געשיקט ווערען נאָך דעם ווי די קאָמיטע וועט זיין פארטיג מיט איהר אר־בייט, און דער צווייטער רעפערענדום וועט די פראגע ענטשיידען. נאָך דעם, ווי דער רעפערענדום איז געשלאָסען געוואָרען האָט די קאָמיטע זיך גענומען צו דער ארבייט. זי האָט פארפערטיגט א רעפּאָרט, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרען צו די ברענטשעס.

און לויט דעם בעשלוס פון קאָנוועגשאָן, איז די פראַגע וועגען סאניטאריום ווידער אַרויסגעשיקט געוואָרען צו די ברענטשעס פאר רע־פערענדום. איניגע ברענטשעס האָבען פאָרלאַנגט, אז מען זאָל סטאָפּען דעם רעפערענדום און איבערלאָזען די פראגע צו פארהאַנדלען אויף דער קאָנוועגשאָן. אום אָבער דאָס צו טאָהן האָט זיך געפאָדערט א קאָנווענ־שאָן, צוריקצוציהען דעם בעשלוס פון דער לעצטער קאָנוועגשאָן. מיר האָבען דעריבער זייער פארלאנג ניט געטאָרט באַוויליגען.

מיט דעם אַרויסשיקען די פראגע צו א רעפערענדום, האָט די סאַ־ניטאריום קאָמיטע געענדיגט איהר ארבייט".

אויף דער דריטער זיצונג פון דער 8טער קאָנוועגשאָן (פילא־דעלפיא), האָט ל. סטרוגאטש אָפּגעגעבען א רעפּאָרט פון דער סאַ־ניטאריום קאָמיטע.

„די פראגע וועגען סאניטאריום איז ארויסגעשיקט געוואָרען צו רעפערענדום . . . און דער רעפערענדום האָט באשלאָסען, אז דער אַרבייטער רינג זאָל האָבען א סאניטאריום פאר די קאָנסאָמפּטיווע מיטגלידער"*).

אויף דער 8טער קאָנוועגשאָן איז די פראגע פון א סאניטאריום איבערגעגעבען געוואָרען צו א קאָמיטע פון דעלעגאַטען.

---

*) בעריכט פון דער 8־טער יעהרליכער קאָנוועגשאָן, ז. 101.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער קאַנווענשאַן איז אפּגעגעבען געוואָרען דער רעפּאָרט פון דער קאָמיטע דורך א. סאָלאָוויאָוו, (בר. 25) טשערמאַן און באריכט אפּגעבער:

„קאָמיטע רעפּאָרטעט, בעצוג דער פראגע וועגען סאַניטאריום איז פאַראַן א מאַיאָריטעט רעפּאָרט און מינאריטעט רעפּאָרט. די מאַיאָריטעט איז דאַפיר, אז מען זאָל באלד דעם סאַניטאריום בויען. די מינאָריטעט איז דאַפיר אָפּצואװאַרטען נאָך א פּאָר יאָהר ביז וואַנען עס וועט זיין א גרויסער פאָנד.

די קאָנווענשאַן נעמט אָן די רעקאָמענדיישאַן פון דער מאַיאָריטעט, דעם סאַניטאריום באלד צו בויען, ווי עס וועט נאָר זיין גענוג געלד דאפיר.

עס ווערט ערוועהלט א סאַניטאריום קאָמיטע, און פאָלגענדע דעלע־גאַטען ווערען ערוועהלט:

ה. ארענסאָן, בר. 1; י. אנאפאל, בר. 2; י. קאָהן, בר. 2; ל. סטרו־גאַטש, בר. 6; ס. וואלאס, בר. 75"*).

די סאַניטאריום קאָמיטע האָט אין פארלויף פון יאָהר, ביז דער 9טער קאָנווענשאַן, אונטערגעזוכט פארשידענע פארמס, זיך קאָרעס־פּאָנדירט מיט ספעציאליסטען, געקויפט א פּלאַץ און איז געווען אימשטאַנד צו קומען צו דער 9טער קאָנווענשאַן מיט דער בשורה: „ד ע ר  ס א נ י ט א ר י ו ם  ב ו י ט  ז י ך  ש ו י ן!"

אין דעם רעפּאָרט, וואו עס ווערט אָנגעזאָגט די בשורה, אז דער סאַניטאריום בויט זיך שוין, שטעלט זיך די סאַניטאריום קאָמיטע לענגער אָפּ אויף דער פראגע וועגען דעם פּלאַץ, וואָס איז געקויפט געוואָרען פאר'ן סאַניטאריום. צוזאַמען מיט'ן רעפּאָרט זיינען אָב־געדרוקט דריי בריעף פון דר. הערבערט קינג פון לומיס סאַניטאריום. דער ערשטער בריעף איז אן ענטפער אויף דר. ראיעווסקי'ס אָנ־פראגע, וואָס פאר א פארם עס איז ראטהזאמער צו קויפען — א קולטיווירטע פארם אָדער א שטיק אונענטוויקעלטע לאַנד. דר. קינג'ס מיינונג איז געווען צו קויפען א קולטיווירטע פארם. די אַנ־דערע צוויי בריעף זיינען וועגען דעם געגענד, וואו די פאָרם זאָל גע־קויפט ווערען. אין איינעם פון די בריעף רעקאָמענדירט דר. קינג, צווישען די אלע פאָרגעשלאָגענע פארמס, אז די „בערגער פארם"**) איז דער פּאַסענדסטער פּלאַץ צו בויען דעם סאַניטאריום.

---

*) באריכט פון דער 8טער קאָנווענשאַן, ז. 115.

**) דער אייגענטימער פון דער פאָרם האָט געהייסען בערגער — אויף דעם פאָרם געפינט זיך היינט דער סאַניטאריום.

די פאַרם איז טאַקע געקויפט געוואָרען*), און די קאָמיטע גיט איבער אין איינצעלהייטען וועגען דער פאַרם און וועגען די ערשטע פלענער צו בויען דעם סאַניטאַריום:

„אַ קאָמיטע איז אַרויסגעפאָהרען אָנצוקוקען דעם פאַרם און אונטערזוכענדיג און געפינענדיג אלעס אַזוי ווי מען האָט אונז געשריבען האָבען מיר באלד אַרויסגערופען די איבריגע פון דעם סאַניטאַריום קאָמיטע און אויך א קאָמיטע פון דער עקזעקוטיוו און קאָנטראָל קאָמיטעס. די פאַרם איז דאַן געקויפט געוואָרען פאר דעם פּרייז פון 7 טויזענד דאָלאר מיט די פאָלגענדע באדינגונגען: $2,900 אין קעש און די איבריגע $4,100 אויסצאָהלען אין 10 יאָהר. פון די $2,900 אין קעש האָבען מיר געקראָגען $250 קאָמישאן (ווייל איניגע פון דעם קאָמיטע האָבען זיך פאָרגעשטעלט אלס אײדזשענטס) און דיעזעס געלד איז באלד איבערגעגעבען געוואָרען צו דעם סאַניטאַריום פאָנד.

די פאַרם באַשטעהט פון 159½ אקער לאנד, פון וועלכע 75 אַקער זיינען קולטיווירטע, עס זיינען פאַראַן 8 קיה, קעלבלעך און 75 טשיקענס, ווי אויך היי, ווייץ, קאָרן, אלע נויטיגע מאַשינערי צו באַארבייטען די ערד, וועגען, לייכטע קערידזשעס און א 12 רום הויז מיט איניגע באַרנס און אַנדערע נויטיגע געגענשטאַנדען.

איצט, ווען מיר זיינען שוין פערטיג געוואָרען מיט דעם פּונקט וועגען א פאַרם האָבען מיר אָנגעפאנגען צו באַטראַכטען פלענער וועגען אימפּרואוומענטס אויפ'ן פאַרם און מיר זיינען געקומען צו פאָלגענדעס: דאָס הויז וועלכעס איז שוין דאָ אויפ'ן פאַרם וועט דיענען אַלס אַ וואָהנונג פאר דעם מענעדזשער פון סאַניטאַריום און אויך פאר די ארבייטער אויף דער פאַרם, דאַן דארף מען צובויען די „ליען־טו", ד. ה. די אָפענע געביידען פאר פּאַציענטען, און א הויז וואָס זאָל דיענען אלס האָספּיטאַל, לאבאראַטאָריום ווי אויך פאר דעם דאָקטאר און נוירס. דר. טש. ראַיעווסקי האָט לויט דעם מאָדעל פון די „ליען־טו" פון דעם „לומיס סאַניטאריום" אויסגעאַרבייט א פּלאַן מיט איניגע פאַרבעסערונגען. דיעזער פּלאַן איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דעם אַרכיטעקט, וועלכער האָט געבויט לומיס'עס סאניטאריום.

די פלענער פון דעם „ליען־טו" און פון דער הויז זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו איניגע קאָנטראַקטאָרס און דער ביליגסטער און

*) די פאַרם איז געקויפט געוואָרען אין דער וואָך פון 22טען נאָוועמבער, 1908, אויף דעם נאָמען פון י. וויינבערג, וועלכער איז דעמאָלט געווען טשערמאַן פון דער נ. ע. ק., ווייל מ'האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט מען זיך דערוויסען, אַז דאָס איז פאַר'ן אַרבייטער רינג, פאר א קהל'שע זאַך, וועט מען דאַרפען צאָהלען טייערער.

בעסטער „ביד“ איז אַרויסגעקומען פון א מעמבער פון בר. 2, פר. שאַפּירא, וועלכער פארלאנגט די סומע פון 2,050$ פאר א „ליען־טו“, מיט דער באַדינגונג אז עס זאָלען באַשעפטיגט ווערען ביים בויען נאָר יוניאָן אַרבייטער, אַ באַדינגונג וועלכע די איבריגע קאָנטראקטאָרס האָבען ניט אָנגענומען, ווייל דאָרטען אין ליבערטי גופא איז ניטאָ קיין יוניאָן און אריבערברענגען פון ניו יאָרק קיין ליבערטי יוניאָן ארביימער, האָבען זיי ערקלעהרט, וועט זיך זיי ניט לוינען, און פר. שאַפּיראָ האָט געקראָגען דעם קאָנטראקט.“

בעפאָר דער 9טער קאָנווענשאָן איז די „ווארהייט“ ארויס מיט א שארפע אטאַקע אויף דעם ארבייטער רינג סאַניטאַריום.

די אַטאַקע איז געמאַכט געוואָרען אין צוויי עדיטאָריעלס. דער עדיטאָריעל שרייבער האָט שטאַרק איינגעשראָקען און האָט נביאות וועהלט געוואָרען ביי דער 9טער קאָנווענשאָן אריינצוברענגען רעקאָמענדאַציעס בנוגע סאַניטאַריום ענינים, האָט אויך באַטראַכט די אַטאַקעס פון דער „ווארהייט“.

די סאַניטאַריום קאָמיטע פון 15 דעלעגאַטען, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען ביי דער קאָנווענשאָן אריינצוברענגען רעקאָמענדאַציעס בנוגע סאַניטאַריום ענינים, האָט אויך באַטראַכט די אַטאַקעס פון דער „ווארהייט“.

אָט איז איהר באַריכט:

„סאַניטאַריום קאָמיטע. — דר. דזש. ראזעט, בעריכט אָבגעבער.

1) אַ ספּעשעל טעקס פון 50 סענט פאר קומענדען יאָהר זאָל אַרויפגעלעגט ווערען אויסצוצאָהלען אין 4 קווארטאלען, — אָנגענומען.

2) נאָר מעמבערס פון אַ. ר. זאָלען אויפגענומען ווערען אין סאַניטאריום. — אָנגענומען.

3) דריטע קלאַס מעמבערס זאָלען אויפגענומען ווערען אין סאַניטאריום און זיי זאָלען אסעסט ווערען פאר דיזען צוועק — איבערגעגעבען דער קאָנסטיטושאָן קאָמיטע.

4) אַ קראנקער זאָל אין סאניטאריום ניט פארבלייבען מעהר ווי 6 מאָנאַטען פריי.

5) ווען דער דאָקטאר פון סאניטאריום דענקט אז א קראַנקער דאַרף פארבלייבען מעהר ווי 6 מאָנאַטען, זאָל דער קראנקער צאָהלען א באַשטימטע סומע וועלכע וועט באַשטימט ווערען פון סאַניטאריום קאָמיטע, אָבער אונטער קיינע אומשטענדען זאָל א קראַנקער ניט פארבלייבען מעהר ווי 1 יאָהר אין סאניטאריום.

די רעקאָמענדיישאָנס 4 און 5, ווי רעקאָמענדיישאָן 3, ווערט אי־בערגעגעבען דער קאָנסטיטושאָן און סאניטאריום קאָמיטע.

די קאָמיטע דריקט אויס דאָס צוטרויען צו דר. קינג און דר. ראַ־יעווסקי פון ליבערטי און גלויבט ניט די רעפּאָרטס, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „ווארהייט“).

די 9טע קאָנווענשאָן האָט ערוועהלט א נייע סאניטאריום קאָ־מיטע פאר'ן יאָהר 1909־10.

די קאמיטע: ל. סטרוגאטש (בר. 6), י. אנאפאל (בר. 2), דזש. האָרן (בר. 2), מ. ספעקטאָר (בר. 11), נ. ראסקין (בר. 130).

די ארטיקלען אין דער „ווארהייט“, וואָס זיינען אָפיציעל אויף דער קאָנווענשאָן באטראכט געוואָרען אלס רכילות, האָבען דאָך געפיהרט דערצו, אז ס'זאָל זיך ארייננ'גנב'ענען א צווייפעל ביי מאנ־כע פארוואלטער פון ארדען איבער דער מעגליכקייט אויסצוהאלטען א סאניטאריום און איבער דעם פּלאַץ, ספּעציעל איבער דעם פּלאַץ.

עס איז באשלאָסען געוואָרען צו בעטען דר. דזשיימס אלעק־סאנדער מילער, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער עקזאמינינג דאָק־טאָר פון די קאָנסאָמפּטיוו קראנקע מיטגלידער, ער זאָל פאָהרען קיין ליבערטי און באטראכטען דעם פּלאַץ.

דר. מילער האָט דעם 27טען יולי, 1909, געענטפערט צו מאיר לאָנדאָן, אז דער פּלאַץ איז דווקא זעהר א גוטער פאר א סאניטאריום.

דאָס און אלע אנדערע פּאסירונגען פאר'ן יאָהר 1909 ווערען איבערגעגעבען אין דעם רעפּאָרט פון דער סאניטאריום קאָמיטע צו דער צעהנטער יעהרליכער קאָנווענשאָן.

א טייל פון דעם רעפּאָרט וועלען מיר דאָ ברייננגען:

„אין רעפּאָרט פון דער סאניטאריום קאָמיטע צו דער לעצטער יעהר־ליכער קאָנווענשאָן איז געוואָרען בעריכטעט, אז די „ליען־טו“ פאר'ן סא־ניטאריום בויעט זיך שוין.

היינט קענען מיר אייך רעפּאָרטען, אז דער סאָניטאריום איז שוין ערעפענט, און היינט צו טאָג געפינען זיך דאָרט איבער 30 מעמבערס פון א. ר. און א צווייטע און א דריטע „ליען־טו“ פאנגען זיך באלד אָן צו בויען.

אָבער ניט אַזוי לייכט איז דאָס אונז אָנגעקומען. געגוג שטערונ־גען, שוועריגקייטען האָבען מיר געהאט אין וועג צו אונזער נאָבעלער מי־

*) רעפּאָרט פון דער 9טער יעהרליכער קאָנווענשאָן. זז. 113—112.

סיאָן. דיזע אַלע שווערִיגקייטען זיינען מיר אריבערגעקומען, און מיר האָבען ענדליך ערריכט דעם ציעל, מיר האָבען פארפערטיגט די ארבייט וואָס איהר האָט אונז איבערגעגעבען".

* * *

„ווי איידָ איז באוואוסט, איז ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן געוואָרען באַשלאָסען אן עקסטרא טעקס פון 50 סענט אויף יעדען מיטגליד אויסצוצאָהלען אין 4 קווארטאלען פאר סאניטאריום בילדינגס.

באַלד נאָך דער קאָנווענשאָן איז אַרויסגעשיקט געוואָרען דער רע־פערענדום וועגען דעם, וועלכער איז מיט א גרויסע מאַיאָריטעט דורכ־געגאַנגען, און פינאַנציעל פאר דעם יאָהר ארבייט זיינען מיר געזיכערט געווען.

מיר גיבען איידָ דאָ איבער א קורצען פינאַנציעלען רעפּאָרט.

| | |
|---|---|
| דעם 1טען יאנואר 1909, האָט דער סאניטאַריום פאָנד פערמאָגט — — — — — — — — — — — | $ 4,387.23 |

**א י נ נ א ה מ ע ן**

| | |
|---|---|
| פון רעגעלען פאָנד — — — — — — — — | 13,006.95 |
| " ספּעשעל פאָנד — — — — — — — — | 6,188.92 |
| " באָל אין גרענד סענטראל פּאלאס — — — — | 1,369.40 |
| " פּראָפיט פון סאָוו. פּ. ק. — — — — — — | 326.20 |
| " דאָנייישאָנס פון ברענטש — — — — — — | 777.33 |
| " פאַרם — — — — — — — — — — | 551.81 |
| צוזאַמען — — — | $26,607.84 |

**א ו י ס ג א ב ע ן**

| | |
|---|---|
| פערוואלטונגס קאָסטען — — — — — — — — | $ 3,445.80 |
| בילדינגס און לאַנד אימפּרואוומענטס — — — | 10,204.67 |
| פוירניטשור און קעטל — — — — — — — — | 834.76 |
| צאָהלונג אויפ'ן מאָרטגעדזש — — — — — — | 400.00 |
| דענווער סאניטאריום — — — — — — — — | 500.00 |
| צוזאַמען — — — | $15,385.23 |
| באַלאַנס — — — — — — — — — — | 11,222.61 |

פאר די פאַרם האָבען מיר שוין איינגעצאָהלט $3,050.

דאָס איז געווען דער פינאַנציעלער צושטאַנד דעם 1טען יאַנואַר, איי־דער דער סאַניטאַריום איז ערעפענט געוואָרען, איידער די אַלע נויטיגע פּראָדוקטען, פוירניטשור און איינריכטונגען זיינען געקויפט און געמאַכט געוואָרען, וועלכע באַטרעפען היבשע טויזענדער, אָבער דאַן האָט אונז קיין געלד ניט געפעהלט פאַר דאָס נויטווענדיגסטע. וואָס אונז האָט יאָ גע־פעהלט, איז אַן אָפיציעלע ערלויבניס פון שטאָט צו האָבען אַ סאַניטאַריום.

און כדי ניט אַריינצוגעהן אין ווייטערע עקספּענסעס פון בויען אַ גרויסע הויז, וועלכע האָט געדאַרפט קאָסטען אַרום 15 טויזענד דאָלאַר, האָבען מיר געדענקט פּאַרלויפיג ווענט די אַלטע הויז, וועלכע איז גע־שטאַנען אויפ׳ן פאַרם, אַן אַלטע פאַרם־הויז, דיענען פאַר אונזער צוועק. די הויז האָט זיך געגנויטהיגט אין אַלטעריישאַנס, וועלכע מיר האָבען באַ־שלאָסען צו מאַכען. מיר האָבען געדענקט אַז ווען אַפילו אונז וועט ניט געלינגען צו קריגען אַ טשאַרטער פאַר אַ סאַניטאַריום, וועלען מיר האָבען אַ פאַרם, און אַזוי ווי יעדער פאַרמער קען האַלטען באָרדערס אָהן אַ טשאַרטער, אַזוי וועלען אונזערע קראַנקע פריינד זיין דאָרט אַלס באָר־דערס אויף אַ פאַרם, און ניט אין אַ מאָדערנעם סאַניטאַריום, וועלכע עס האָט זיך אונז זעהר געוואָלט האָבען.

אַן אַפּליקיישאָן פאַר אַ סאַניטאַריום־טשאַרטער איז געמאַכט געוואָ־רען ענדע מאַנאַט דזשולוי, 1909.

צו דער זעלבער צייט האָט מען זיך אויך גענומען אויספיקסען די אַלטע הויז, און ווי מיר האָבען שוין געמאָלדען אין די נומערען 29, 30, 31 און 32 „אַרבייטער רינג בולעטין“, האָבען מיר אַ טשאַרטער געקראָ־גען. אמת מיט גרויסע שוועריגקייטען, די אייגוואוינער פון ליבערטי זיינען געווען שטאַרק דאַגעגען, מיר האָבען דאָס אָבער געקראָגען.

בעפאָר מיר האָבען באַשלאָסען צו פיקסען די אַלטע הויז, און צו מאַכען אַן אַפּליקיישאָן פאַר אַ טשאַרטער, האָבען מיר זיך נאָך אַמאָל גע־וואָלט איבערצייגען, אויב דער פּלאַץ איז אַ גוטער פאַר דיזען צוועק. מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז דער פּלאַץ איז גוט, אום אָבער צו זיין זי־כערער, האָבען מיר איינגעלאַדען פּראָפעסאָר דזשיימס אַלעקסאַנדער מילער, ער זאָל בעזוכען דעם פּלאַץ און זאָגען זיין מיינונג. די איינלאַדונג פון פּראָפעסאָר מילער צו באַזוכען דעם פּלאַץ און זאָגען זיין מיינונג, האָבען מיר אויך געדאַרפט פאַר אַ צווייטען צוועק, נעמליך, צו האָבען די מיי־נונג פון נאָך אַן אויטאָריטעט אום צו קריגען ליכטער דעם טשאַרטער.

מיר גיבען אויך דאָ פּראָפעסאָר מילער׳ס מיינונג.

פּראָפעסאָר דזשיימס אַלעקסאַנדער מילער, דער פּרעזידענט פון די טובערקולאָזיס קליניקס פון נויארק, וועלכער האָט באַזוכט די פאַרם אויף

אונזער ביטע, זאָגט אז דער פּלאץ איז זעהר א גוטער פאר דעם סאַניטאריום.

דער קלימאט איז זעהר א גוטער אין ליבערטי, וועלכער געפינט זיך ארום 2,000 פוס איבער די אויבערפלעכע פון ים.

די בערג און דער וואלד פאַרהיטען דעם פּלאץ פון די נאָרטה־וועס־טערן ווינדען, וואָס דאָס איז זעהר וויכטיג.

דער וואַסער־סופּליי איז אויסגעצייכענט, און ציינט אַז עס וועט זיין גענוג.

די איינציגע מעגליכע אָבדזשעקשאָן געגען פּלאַץ איז, איינס אָדער צוויי בידעריגע אקער לאַנד וועלכע איז דומפּיג, ווייל עס לויפט דאָרט אָן די וואַסער פון די קוואַלען, וועלכע געפינען זיך אויפ׳ן פּלאַץ.

און דאָס קען אויך, נאָך זיין מיינונג, ווערען לייכט אויסגעטרי־קענט.

די פאָרגעלעגטע סאָרטען בילדינגס, די זאָ גערופענע „ליען־טו“ איז אויסגעצייכענט פאר דיזען צוועק.

די פּראַקטיקע אין אנדערע פּלעצער האָט געצייגט, אז דאָס איז זעהר גוט, סיי פון עקאָנאָמישען און סיי פון פּראַקטישען שטאַנדפּונקט.

ווייטער שרייבט פּראָפעסאָר מילער:

ער פיהלט, אז ער מוז גראטולירען דעם אַ. ר. פאר דיזע נאָבעלע אַרבייט, וועלכע מיר געהען דורכפיהרען. דאָס איז איינע פון די גאַנץ ערשטע פּראָבען פון אַן ארבייטער אָרגאַניזאַציאָן, צו זאָרגען פאר זייערע קאָנסאָמפּטיוו קראַנקע מיטגלידער.

אומגעפעהר אין מאָנאַט נאָוועמבער איז אלעס באלד פארטיג געוואָ־רען. מיר האָבען דאַן איינגעזעהן אז מיר מוזען האָבען א מענעדזשער מיט עקספּיריענס אין סאַניטאריום און האָספּיטעלער. עס איז אונז גע־וואָרען רעקאָמענדירט פריינד ס. ראָזענבליטה, אלס פערזאָן וואָס האָט גע־האַט דיזע נויטיגע עקספּיריענס. ער האָט איבערגענומען די מענעדזש־מענט פון סאַניטאריום ענדע מאָנאַט דעצעמבער.

מיר האָבען באַשלאָסען, אז אלע די פריינדע וואָס וועלען זיך מעל־דען קראַנק אויף קאָנסאָמפּשאָן פון דעם 15טען יאנואר זאָלען אריינגע־נומען ווערען אין סאַניטאריום.

די ערעפענונג האָבען מיר באַשטימט עס זאָל זיין דעם 12טען פעב־רואר, און אין דיזען טאָג איז דער סאַניטאריום ערעפענט געוואָרען.

אלס הויז־אַרצט איז אונז געוואָרען רעקאָמענדירט דאָקטאר סינגער, אַ יונגער דאָקטאר, מיט די פּראַקטיקע פון טרודו סאַניטאריום.

דער סאַניטאריום איז ערעפענט געוואָרען, די נויטיגע פערזאָנען זיינען געוואָרען אָנגעשטעלט, קראַנקע האָבען אָנגעפאַנגען צו קומען. דער סאַניטאריום איז געווען פּאָרבערייטעט פאר 25 פּאַציענטען, און אין

צווי מאָנאַטען צייט איז דער סאַניטאַריום געװען פול, און מיר האָבען באַשלאָסען צו בויען נאָך צװיי „ליען־טום", איינע פאר מענער און א צװייטע פאר פרויען, וואו עס וועט זיין פּלאַץ פאר נאָך 36 פּאַציענטען.

דיזע אלע בילדינגס און אימפּראװומענטס וואָס איז נויטיג דיזען זומער צו מאכען, װעלען קאָסטען אן ערך 30—35 טויזענד דאָלאר, און די פראגע איז: וואו נעהמט מען דאָס געלד? און דער איינציגער אנט־וואָרט אויף דער פראגע, וואו נעהמט מען דאָס געלד, איז — די מעמבערס.

מיר רעקאָמענדירען, אז יעדער מעמבער זאָל דיזען יאָהר ווערען גע־טעקסט מיט 1 דאָלאר אויסצוצאָהלען צו 25 סענט א קווארטאל, און מיר ווילען דערביי באמערקען, אז דער טעקס זאָל זיין ניט װעניגער ווי 1 דאָ־לאר, זאָנסט וועלען די אלע אבסאָלוט נויטהיגע בילדינגס און אימפּ־רואוומענטס ניט קענען געמאַכט ווערען.

צום שלוס ווילען מיר נאָך אייך באריכטען, אז אלס באראטהונגס־דאָקטוירים האָבען אָנגענומען פּראָפעסאָר קינג פון לומיס סאניטאריום און דר. טש. ראַיעווסקי. דר. ראַיעווסקי באַזוכט די סאַניטאריום א פּאָר מאָל א וואָך און פּראָפעסאָר קינג גיט אונז די נויטיגע אַדווייזעס צו יע־דער צייט ווען מיר בעטען איהם".

ווי עס איז צו זעהן פון די באריכטען איז שאַפּירא פון בר. 2 געװען דער בוימייסטער פון דער ערשטער „ליענטו". ער האָט אויך געדאַרפט אויסבעסערען די אַלטע פאַרם־הויז פאר דער אדמיניס־טריישאָן בילדינג.

ווי י. װײַנטרויב גיט איבער, איז שאַפּירא קיין נויאָרק פון ליבערטי, און האָט איהם דערצעהלט, אז די הויז איז אלט און די געלד, וואָס מען וועט אין איהר איצט אריינלעגען, איז אַרויסגעוואָרפען.

װײַנטרויב האָט געוואוסט דעם סענטימענט פון די קאָמיטעס און איז געװען איבערצייגט, אז זיי וועלען ניט לאָזען בויען קיין נייע הויז. האָט ער, װײַנטרויב, געגעבען שאַפּירא'ן אן עצה. די עצה איז געווען, אז ווען ער ועט דארפען אָנפאַנגען איבערצובויען די הויז, זאָל ער איהר איינוואַרפען, און עס זאָל הייסען, אז זי איז פון זיך אליין איינגעפאַלען. דעמאָלט װעט מען שוין מוזען בויען א נייע הויז. אזוי איז טאַקע געװען.

די אַלטע הויז איז „איינגעפאַלען" און מען האָט קיין אנדער ברירה ניט געהאַט, ווי צו בויען א נייע הויז אויפ'ן פונדאַמענט פון דער אַלטער פאַרם־הויז.

דאָס איז די איצטיגע עדמיניסטריישאָן בילדינג.

# דער טשארטער פאר'ן סאניטאריום.

פון דעם רעפארט אין פאריגען קאפיטעל האבען מיר געזעהן, אז די סאניטאריום קאמיטע איז געווען באזארגט וועגען א ט ש א ר ט ע ר פאר'ן סאניטאריום. זי מעלדעט אויך, אז זי האט שפעטער געקראגען דעם טשארטער מיט גרויס שוועריגקייטען.

עס איז נויטיג דא צו דערצעהלען די געשיכטע פונ'ם סאניטאריום טשארטער.

עס איז שוין געווען א פארם, געווען א „ליענטו", געווען קראנקע, אבער קיין סאניטאריום איז נאך אלץ ניט געווען.

אום צו ערעפענען א סאניטאריום, דארף מען האבען אן ערלויבניש, א טשארטער פון דער סטייט רעגירונג, און דא האבען זיך אנגעפאנגען נייע צרות.

פריהער האט מען געמיינט, אז מען וועט זיך ווי עס איז קענען באגעהן אהן א טשארטער. שפעטער האט מען באשלאסען צו זעהן קריגען א טשארטער.

אין א. ר. בולעטין פון יולי—אויגוסט, 1909, געפינען מיר אויף זייט 4 פאלגענדע מעלדונג:

„עס וועט זיין וויכטיג פאר די מעמבערס צו וויסען, אז ווען דער פלאן וועגען א סאניטאריום איז באטראכט געווארען, איז אויך איינע פון די פראגען געווען, אויב עס איז נויטיג א טשארטער פאר דעם סאניטאריום, און אויב יא, ווי איז דאס מעגליך צו קריגען. דער ליגעל אדווייזער פון א. ר., פר. מ. לאנדאן, איז געווארען באאויפטראגט ארייבצוגעבען א רעפארט וועגען דעם. פר. לאנדאן האט רעפארטעט, אז לויט די געזעצע, וואס האבען דאן עקזיסטירט (אין 1907), וועט זיין אונמעגליך צו קריגען א טשארטער. די גאנצע מאכט איבער דעם איז געלעגען אין די הענט פון די טאון און קאונטרי סופערווייזערס, און עס איז געווען זיכער, אז זיי וועלען קיין ערלויבניש ניט געבען פאר א סאניטאריום צוליב פארשידענע לאקאלע אורזאכען. אויף דעם ראטה פון פערזאנען, וואס זיינען געווען גוט באקאנט מיט די פארוואלטער פון ליבערטי און סאליוואן קאונטי, איז געווארען באשלאסען, ניט צו מאכען קיין אפליקיישאן פאר א טשארטער, און פארזעצען די ארבייט פון סאניטאריום. א ו י ף ד ע ם ג ר ו נ ד, ו ו א ס ק י י נ ע ר ק ע ן ק י י נ ע ם נ י ט פ א ר װ ע ר ע ן צ ו ה א ב ע ן א פ א ר ם, און אויף

## בילדער פון סאניטאריום



רעכטס: די אדמיניסטריישאן בילדינג.

לינקס: דער האספיטאל, געע־עפנט געווארן יולי 1914.

אונטען: אלגעמיינער אויסזעהן פון סאניטאריום.





1909 די ערשטע סאנאטאריום קאמיטע. 1908



ה. אראנסאן   ס. וואלאס   ל. סטרונאטש   י. אזאפאל   א. מאזעז

דיזער פאָרם זאָלען זיך געפינען מענשען, וועלכע דאַרפען פרישע לופט פאר זייער געזונד. אם ערגסטען פאַל וועט דאָס זיין א מין אינדאָסטריעל קאָלאָניע, און דערצו דאַרף מען נים קיין ספּעציעלע ערלויבניש, און די אַרבייט איז אונגעשטערט געוואָרען פאָרטגעזעצט.

אונטער דיזער צייט האָט פּאַסירט, אז די ברוקלינער סענטראל לייבאָר יוניאָן האָט באשלאָסען צו בויען א סאניטאריום אין לאָנג איילאנד, און זיי, וויסענדיג, אז ביי די באָארד אָוו סופּערוויזארס וועלען זיי די ערלויבניש נים קריגען, האָבען זיך באַמיהט, אז דער געזעץ זאָל אין שטאַט נויאָרק ווערען געענדערט, און אַזוי האָט עס פּאַסירט. דער געזעץ איז געוואָרען אמענדירט, און דאָס רעכט פון געבען אַן ערלויבניש פאר סאניטאריומס פאר קאָנסאָמפּטיווע קראַנקע איז צוגענומען געוואָרען פון די לאָקאלע פּארוואלטער פון יעדע שטעדטעל און קאונטי און עס איז איבערגעגעבען געוואָרען צום קאָמישאָנער אָוו העלטה פון סטיוט, צוזאַמען מיט די לאָקאלע העלטה אָפּיסערם.“

נאָך דער 9טער קאָנווענשאָן איז מאיר לאָנדאָן געוואָרען באַאויפטראגט אַרויסצונעמען א טשאַרטער.

לויט דעם נייעם געזעץ, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַ דאַנק די באַמיהונגען פון ברוקלינער סענטראַל לייבאָר יוניאָן, האָט אַן אפּליקיישאָן פאר א סאניטאריום געמוזט ווערען געמאכט צום סטייט קאָמישיאָנער אָוו העלטה. דער סטייט קאָמישיאָנער באַשטימט אין א געוויסער צייט א „פּאָבליק הירינג“, וועלכע מוז פּאַרקומען אין דעם פּלאַץ, וואו די סאַניטאריום דאַרף ווערען געבויט. אלע די יעניגע, וועלכע זיינען דאַפיר אָדער דאַגעגען, אַז אַ סאַניטאריום זאָל דאָ אויפגעשטעלט ווערען, קענען קומען צו דער הירינג און זאָגען זייער מיינונג. און נאָך דעם, ווי עס ווערען אויסגעהערט די מיינונגען, דאַרף דער סטייט-קאָמישיאָנער אָף העלטה צוזאַמען מיט דעם לאָקאלען העלטה אָפּיסער באַשטימען, אויב אַן ערלויבניש זאָל ווערען געגעבען אָדער נים. אויב דער סטייט מעדיקאל דירעקטאָר און דער לאָקאַל העלטה אָפּיסער זיינען נים געקומען צו איין באַשלוס, איינער איז מסכים און דער צווייטער נים — קען מען אפּעלירען. דער אַפּיעל ווערט פּאַרהאַנדעלט פון ליוטענאַנט גאָווערנאָר, ספּיקער פון אסעמבלי און סטייט מעדיקאל דירעקטאָר. זייער באַשלוס ווערט שוין געזעץ.

אין יולי, 1909, ווי עס איז צו זעהן פון רעפּאָרט אין פּאָריגען קאַפּיטעל, איז געמאכט געוואָרען די אַפּליקיישאָן פּאָר א סאַניטאַריום-טשאַרטער.

די „פאבליק הירינג“ איז באשטימט געווארען אין „ליבערטי האל“, ליבערטי. י. וויינטרויב און די מיטגלידער פון סאניטאריום קאמיטע האבען זיך דערוואוסט פון דר. ראיעווסקי'ן און אנדערע, אז עס איז פאראן א שטארקע אפאזיציע געגען אן א. ר. סאניטאריום, אז כמעט אלע איינפלוסרייכע איינוואהנער פון ליבערטי קלויבען זיך ארויסצוטרעטען אויף דער „הירינג“ געגען דעם טשארטער.

דאקטאר קינג פון „לומיס סאניטאריום“ האט פריוהער געהאט צוגעזאגט, אז ער וועט קומען צו דער הירינג און וועט בעטען, מען זאל די אפליקיישאן פון א. ר. יא באוויליגען.

מען האט זיך אין א. ר. אויך דערוואוסט, אז די שטעטעל ליבערטי האט אנגעשטעלט אלס א לאיער א באוואוסטען פאליטישען פון דער רעפובליקאנער פארטיי אין סאליוואן קאונטי. עס איז אויך געווען קלאר, אז דער לאקאל העלטה אפיסער וועט זיין געגען א סאניטאריום.

מאיר לאנדאן האט דאס אלץ געננוי געוואוסט און דאס בעסטע, אויף וואס ער האט געקענט האפען, איז, לכל הפחות, א ניט איינשטימיגען באשלוס, ד. ה. דער סטייט העלטה קאמישאנער זאל, לכל הפחות, זיין דערפאר, כדי מען זאל שפעטער קענען אפעלירען.

דאס האט לאנדאנ'ען זיך אויך איינגעגעבען, און איינגעגעבען האט זיך עס איהם, ווייל ער האט דא באנוצט א לאיערישען איינפאל, וואס מעג דא דערצעהלט ווערען.

ווען די סענטראל פעדערייטעד יוניאן פון ברוקלין האט געוואלט בויען איהר סאניטאריום, האט זי זיך אויך אנגעשטויסען אויף אן אפאזיציע מצד די שכנים, וועלכע האבען געמיינט, אז זייער „פראפערטי“ (זייער אייגענטום) וועט ווערען קלענער אין ווערטה צוליב דעם. אן אגענט פון דער יוניאן, אדער איהר לאיער, האט אבער ארויסגעקראגען סטייטמענטס און אפידייוויטס פון די באלעבאטים ארום פארשידענע סאניטאריומס, וואו עס איז געזאגט געווארען, אז ניט נאר ווערען הייזער ניט ביליגער אין דער שכנה'שאפט פון א סאניטאריום, נאר פארקערט, זיי שטייגען נאך. אזוינע סטייטמענטס האבען ארויסגעגעבען פילע אייגענטימער פון ריעל עסטייט אין ליבערטי, סטארקיפערס און סתם בכבוד'יגע, חשוב'ע איינוואוינער.

זיי האבען בפירוש געזאגט, אז צוליב דעם „לומיס סאניטאריום“ האט זיך זייער ריעל עסטייט א הויב געגעבען.

סטארקיפערס האבען אנגעוויזען, אז פריהער האבען זיי פון די צוויי זומערדיגע מאנאטען געדארפט לעבען א גאנץ יאהר, און דורך דעם „לומיס סאניטאריום" טוען זיי ביזנעס א גאנץ יאהר, א. ז. וו.

לאנדאן האט געקראגען די אלע דאקומענטען.

עס איז געקומען א טאג פאר דער „הירינג". צום „הירינג" זיין ליבערטי זיינען אוועקגעפאהרען מ. לאנדאן, י. וויינטרויב און ראסקין פון דער סאניטאריום קאמיטע. פון ליבערטי האבען גע־דארפט זיין דר. ראיעווסקי און דר. קינג פון לומיס סאניטאריום.

אויפ'ן צווייטען טאג איז אין דער באשטימטער צייט פארגע־קומען די „הירינג".

דער ערשטער עדות איז געווען י. וויינטרויב. ער ערקלעהרט דעם צוועק פון סאניטאריום, ווער די פאציענטען וועלען זיין און די פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט פון א. ר. דער עיקר, וואס דער געגנערישער לאיער האט געוואלט ארויסקריגען, איז געווען, א באַ־ווייז, אז דער א. ר. וועט פינאנציעל ניט קענען אויסהאלטען דעם סאניטאריום, און אויב דער סאניטאריום וועט זיך צומאכען, וועלען די פאציענטען פאלען צו לאסט אויף דער שטאט. זיי, די פאציענ־טען, וועלען ווערען א „פאבליק טשארדזש". דאס איז איהם אבער ניט געלונגען, ווייל וויינטרויב איז געקומען באלאדען מיט אלע נוי־טיגע דאקומענטען, מיט ציפערן וועגען דער פינאנציעלער זיכער־קייט פון א. ר. און די גוטע כונות פון די מעמבערס. ער האט באַ־וויזען, אז דער א. ר. זאגט זיך אב צו נעמען נדבות פון פרעמדע, ניט פון מעמבערס, וועלכע האבען פארגעשלאגען גרויסע סומען געלד.

דער צווייטער עדות איז געווען דר. קינג. ער האט גערעדט וועגען דער הומאנער זייט פון סאניטאריום. ער האט, אגב אורחא, אונטערגעשטראכען, אז דער סאניטאריום איז ווייט פון ליבערטי, אז ער ליגט אין א זייט און קען קיינעם קיין שאדען ניט טאהן.

דער דריטער עדות איז געווען דר. ראיעווסקי. ער האט אנגע־וויזען אויף די סאניטארע באדינגונגען פון ליבערטי, אז זיי זיינען אזעלכע, וועלכע דער סאניטאריום קען ניט ערגער מאכען, א. ז. וו.

עס זיינען ארויסגעטראטען די געגנער פון סאניטאריום, די איינוואהנער און די סטאר קיפערס פון ליבערטי. זיי האבען גע־טענה'ט, אז דער סאניטאריום קען זיי רואינירען; ליבערטי וועט קריגען א נאמען פון א קאנסאמפטיוו סאניטאריום. דאס וועט פאר־טרייבען די זומער־געסט, פון וועלכע זיי מאכען א לעבען; עס וועט

פאַלען דער ווערטה פון ריעל עסטייט, עס וועלען זיך דאָ פאַרשלעפּען קראַנקהייטען א. ז. וו.

לאָנדאָן האָט זיי געלאָזט רעדען. ער האָט זיי ניט געשטעלט קיין פראַגעס. אַז עטליכע האָבען שוין געהאט אָבגערעדט, האָט לאָנדאָן גערופען דעם ערשטען רעדנער צום עדות שטוהל. דערביי האָט ער ארויסגענומען א פּאַפּיר, און געפרעגט דעם עדות, אויב דאָס איז זיין אונטערשריפט. דער עדות האָט צוגעגעבען, אז דאָס איז זיין חתימה. לאָנדאָן האָט געגעבען דעם סטענאָגראַפער, ער זאָל דאָס פאָרלייענען. דער עולם ביי דער „הירינג" איז געוואָרען שטאַרק איבערראַשט, ווען ער האָט דאָ געהערט א סטייטמענט, וואָס דער זעלבער עדות האָט געגעבען אין די נוצען פון דעם סאַניטאריום פאר דער סענטראל לייבאָר יוניאָן אין ברוקלין. דאָ איז געווען פּונקט דער היפּך, וואָס דער זעלבער האָט פריהער געזאָגט. אַזוי האָט לאָנדאָן געטאָהן מיט'ן צווייטען און דריטען און די אַנדערע, וואָס האָבען גערעדט געגען סאַניטאריום.

די איבעריגע, ווען עס איז נאָך געבליבען צו רעדען געגען, האָבען זיך שטילערהייט ארויסגערוקט פון האָל. ווען דער געגנער־שער לאָיער האָט אַרויסגערופען נאָך עדות, האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופען.

די „הירינג" האָט זיך געענדיגט. נאָך דער הירינג איז דער סטייט מעדיקאל דירעקטאָר, מיט דעם לאָקאל העלטה אָפיסער, געפאָהרען באַקוקען דעם פּלאַץ, וואו דער סאַניטאריום איז.

דער רעזולטאַט פון דעם „הירינג" איז געווען, אז דער לאָקאל העלטה אָפיסער איז געווען דאַגעגען. דאָקטאר פּאָרטער, דער סטייט מעדיקאל דירעקטאָר — דאַפיר.

לאָנדאָן האָט געמאַכט אַן אַפּיעל צו דער העכערער קאָמיסיאָן, ווי דער געזעץ שרייבט פאָר, און די קאָמיסיאָן האָט איינשטימיג באַוויליגט א טשאַרטער (דעם 16טען אָקטאָבער, 1909).

אין „אַ. ר. בולעטין", ז. 32—31 פון מאָנאַט סעפּטעמבער—אָקטאָבער, 1909, איז פאַראַן אַן איבערזעצונג פון זיין „דעסיזשאָן" (פּסק־דין), וואָס דער סטייט קאָמישיאָנער אָף העלטה האָט אַרויס־געגעבען.

אין דער צייט, ווען עס האָט זיך גערודערט וועגען טשאַרטער, איז די ארבייט פון בויען דעם סאַניטאריום אָנגעגאַנגען. אַלע קאָנ־קאָמפּטיוו קראַנקע, וואָס זיינען רעפּאָרטעט געוואָרען נאָך דעם 15טען יאַנואר, 1910, האָט מען שוין קיין קאָנסאָמפּשאָן ביינע־

פיט ניט געצאָהלט, און זיי האָבען גערארפט וואַרטען ביז דעם 12טען פעברואַר, ווען דער סאַניטאַריום האָט זיך גערארפט עפענען. צום גליק איז בלויז איינער, (אַ מעמבער פון ברענטש 288) געווען אויף דער ליסטע. מיט דעם איין און איינציגען פּאַציענט איז געעפענט געוואָרען דער סאַניטאַריום, דעם 12טען פעברואַר, 1910. צוויי טעג שפּעטער, דעם 14טען פעברואַר, איז אין סאַניטאַריום צוגעקומען אַ צווייטער פּאַציענט, אַ מיטגליד פון ברענטש 40.

צו דער אָפיציעלער עפענונג פון סאַניטאַריום זיינען איינגעלאַדען געוואָרען אַלע אַקטיווע מהוער פון אַרבייטער רינג, פאַרטרעטער פון דער פּרעסע, און פון דער אַרבייטער באַוועגונג, און אויך די שטאָט־באַאַמטע פון ליבערטי.

ווען מען האָט געקויפט די פאַרם פאַר'ן סאַניטאַריום, איז בערגער פון ברענטש 3 געוואָרען דער אויפפּאַסער פון פאַרם. פאַר זיין צייט זיינען אויך געבויט געוואָרען די ערשטע „לינטו", די הויז און דער ערשטער וואַסער רעזערוואואַר. עס זיינען דעמאָלט אויך געמאַכט געוואָרען אַנדערע אויסבעסערונגען.

בערגער איז געווען מענערזשער ביז אָנפאַנג 1910, ווען אַלס מענעדזשער איז געוואָרען באַשטימט ס. ראָזענבליטה.

## דער סאַניטאַריום צווישען 10טער און 11טער קאָנווענשאָן.

אויף דער 10טער קאָנווענשאָן איז באַשלאָסען געוואָרען, דאָס די סאַניטאַריום קאָמיטע זאָל באַשטעהן פון 7 מיטגלידער. צווישען זיי זאָלען זיין צוויי פון דער פריהערדיגער קאָמיטע. אויף דער קאָנווענשאָן זיינען ערוועהלט געוואָרען ספּעקטאָר (בר. 11), קאָהן (בר. 43), קאַץ (בר. 408), קאָהן (בר. 24), פּ. לעווין (בר. 1)*).

די דאָזיגע קאָמיטע, צוזאַמען מיט דער עקזעקוטיווע און קאָנטראָל קאָמיטע, האָבען ערוועהלט נאָך צוויי. די גאַנצע סאַניטאַריום קאָמיטע איז שפּעטער באַשטאַנען פון: דזש. שטיינפעלד (בר. 3), ב. ספּינראָד (בר. 49), ס. סאַוועטצקי (בר. 87), ל. עפּשטיין (בר. 201), מ. ספּעקטאָר, ה. קאָהן (בר. 24), א. קאָהן (בר. 43).

די סאַניטאַריום קאָמיטע האָט באַשלאָסען:

---

*) פּ. לעווין איז אויך ערוועהלט געוואָרען, אין הויז קאָמיטע איז ער אריין אין די לעצטע.

עס זאָל ווערען אָרגאַניזירט א סאַניטאַריום אַדווייזערי באָרד פון דאָקטוירים, געגאַסען, וועלכע וואָהנען ניט ווייט פון סאַניטאַריום און א קאָנסאַלטינג מעדיקאַל באָרד פון פּראָפעסאָרען פון פאַר־שידענע שטעט. (דער באָארד איז באַשטאַנען פון דר. י. האַלפּערן, דר. ס. אינגערמאַן, דר. פּ. לעווין, דר. מ. לעווין, דר. י. ב. פיש, דר. מאַנדעלבוים און דר. ראַיעווסקי).

יעדער מעמבער זאָל דעם יאָהר (1910-11) געטעקסט ווערען מיט 60 סענט פאַר דעם „סאַניטאַריום בילדינג פאָנד", פאַר די נויטיגע בילדינגס, וואָס דאַרפען ווערען געמאַכט.

נייע אריינגעקומענע מיטגלידער זאָלען איינצאָהלען 1 דאָלאַר פאַר דעם סאַניטאַריום בילדינג פאָנד. דעם 1 דאָלאַר קען יעדער מעמבער אויסצאָהלען אין צייט פון צוויי יאָהר.

דער טעקס פון 60 סענט איז אָבער געווען וועניג פאַר די ביל־דינגס, וואָס מען האָט באַדאַרפט אויפשטעלען.

פּאַציענטען זיינען געוואָרען אַלץ מעהרער, און די פאָדערונג — גרעסער.

די סאַניטאַריום קאָמיטע האָט געפונען פאַר נויטיג צו אָראַנ־זשירען א רייהע קאָנפערענצען אין איינציגע שטעט, אויף וועלכע עס זיינען געגרינדעט געוואָרען „סאַניטאַריום הילפס קאָמיטעס" און „ליידיעס אקזילערים".

זי האָט אויך אַראַנזשירט א פּאָר גרויסע אונטערנעמונגען.

דעם 20טען אויגוסט, 1910, האָט די סאַניטאַריום קאָמיטע ארויסגעשיקט צו די בראַנטשעס א באַריכט וועגען סאַניטאַריום פאַר 6 מאָנאַטען פון זיין עקזיסטענץ.

אין דעם באַריכט ווערט צווישען אַנדערעס איבערגעגעבען פאָל־גענדעס:

דער סאַניטאַריום פון אַרבייטער רינג איז איצט אין גאַנצען אַלט זעקס מאָנאַטען און פאַר דיזער קורצער צייט זיינען אַריינגענומען גע־וואָרען 62 פּאַציענטען, 62 קראַנקע מיטגלידער, דאָס גרעסטע טהייל פאַר־הייראַטע, מענער פון אָרימע שוואַכע פרויען, פאָטערס פון קליינע הילפ־לאָזע קינדער.

פאַר דיזע קורצע צייט זיינען שוין 8 פּאַציענטען אַרויס, ווער פאָל־קאָם געזונד, ווער טהיילווייז געזונד; און איינעם, ליידער, האָט די גוטע, רייגע לופט פון די בערג, די גוטע נאַרהאַפטע שפּייז ניט געהאָלפען. די לופט איז געווען צו שטאַרק פאַר איהם, און אויף א ראַטה פון די דאָק־טוירים, האָט ער זיך געמוזט אומקעהרען צוריק ניט קיין קורירטער.

פיעלע פון די פאציענטען, וועלכע זיינען אין סאניטאריום א קורצע ציוט, צייגען אלע ציובענס פון פארבעסערונג.

אויסער די 62 פאציענטען וואס זיינען אין סאניטאריום געוועזן און זיינען נאך איצט, קריגען ארום 40 מיטגלידער מעדיצינישע באהאנדלונג אין סאניטאריום. דאס זיינען די, וואס זיינען געוועזן אין ליבערטי בעפאר דער סאניטאריום האט זיך ערעפענט, און די וואס געפינען זיך אין באָרדינג הייזער, ווארטען אויף זייער נעקסט אריינגענומען צו ווערען אין סאניטאריום.

די פיעלע מיטגלידער פון ארבייטער רינג, וואס האבען זיך געפונען אין ליבערטי פון בעפאר, פלעגען זיך ניט קענען פארגינען דעם פארגעניגען צו ווערען אפט עקזאמינירט פון א דאקטאר, דאס איז געוועזן פאר זיי א צו גרויסער לוקסוס.

מיר האבען איינגעפיקסט א דיספענסערי, ביידע דאקטוירים פון סאניטאריום עקזאמינירען די קראנקע 2 מאל א וואך, און גיבען זיי מעדיצין ווען נויטיג, פריי.

און ניט נאר דאקטאר און מעדיצין קריגען זיי פריי, נאר מיר פארשפארען זיי נאך די קאסטען, וואס עס קאסט צו פאהרען פון ליבערטי אין סאניטאריום. צוויי מאל א וואך ווערען ארויסגעשיקט די פערד און וועגען פון סאניטאריום, און מען ברענגט אונזערע אלע קראנקע פריינדע, און שפעטער פיהרט מען זיי אב צוריק.

פאר דיעזע 6 מאנאטען האבען מיר ערהאלטען ארום 80 אפליקיישאנס אריינגענומען צו ווערען אין סאניטאריום. פון דיזע 80 זיינען עטליכע און זעכציג אריינגענומען געווארען און די איבעריגע ווערען איצט אויסגעהאלטען אויף די קאסטען פון סאניטאריום פאנד אין באָרדינג הייזער אין ליבערטי, ווייל עס איז פארלויפיג ניטא קיין פלאץ אין סאניטאריום.

מיר מוזען איצט האבען א גרויסען פאנד פאר די נויטיגע געביידעס, וואס ווערען שוין און מוזען ווערען געמאכט, און מיר ווילען שאפען דיזען פאנד דורך פריוווילינע מיטעל, ווייל די 60 סענט א יאהר, וואס איז דורכגעגאנגען דורך דעם רעפערענדום, וועט ווייט ווייט ניט זיין גענוג צו קענען דעקען דעם עקספענס פאר די געביידעס וועלכע מיר פלאנעווען און זיינען אונטער אלע אומשטענדען נויטיג צו בויען. פערגעסט ניט, פריינדע, אז אויב מיר וועלען יעצט ניט אוועקשטעלען אונזער סאניטאריום אויף א ריכטיגען צושטאנד, וועט די סאניטאריום ניט זיין פאלקאם, ווי עס דארף, מוז און מיר וואלטען געוואונשען עס זאל זיין.

מען קען איצט נים לאָזען די ארבייט אין מיטען, ווייל עטליכע און צוואנציג פון אונזערע קראַנקע, אומגליקליכע פריינדע געפינען זיך אין באָרדינג הייזער. ערשטענס קאָסט אונז א סך טייערער דאָס אויסהאַלטען זיי, און ווידער האָבען אונזערע פריינדע נים די באַקוועמליכקייט און אויפפאַסונג וואָס זיי וואָלטען געהאַט ביי אונז אין סאַניטאַריום.

איין זאַך, פריינדע, ווילען מיר, איהר זאָלט וויסען, אַז מיר, די איצטיגע סאַניטאַריום קאָמיטע, ווי די וואָס איז געווען בעפאָר אונז, און מיר האָפען אז די וואָס וועלען זיין נאָך אונז, וועלען אָנווענדען אלע מי־טעל צו מאכען דעם סאַניטאַריום פאר דאָס שעהנסטע און בעסטע אינסטי־טושאָן דאָ אין לאנד, אַן אינסטיטושאָן, וואו די קראַנקע זאָלען זיך פיה־לען ווי ביי זיך אין דער היים.

דעם 1טען סעפּטעמבער האָבען די דזשענעראַל עקזעקוטיוו, קאָנטראָל, און סאַניטאַריום־קאָמיטעס ארויסגעשיקט א צושריפט צו די ברענטשעס, דורך וועלכען מ׳האָט זיי געלאָזט וויסען, אז עס זיינען אראנזשירט געוואָרען ספּעציעלע קאָנווענשאַנס, וואָס וועלען געהאַלטען ווערען אין אייניגע גרעסערע שטעט, צו פאַרהאַנדלען ווע־גען סאַניטאַריום.

אַט איז א טייל פון צושריפט:

מיט אייניגע טעג צוריק האָט די סאַניטאַריום קאָמיטע דורך א צו־שריפט געלאָזען וויסען וועגען דעם צושטאַנד פון סאַניטאַריום, אין וועל־כען זיי האָבען אויך געמאַכט אַן אויפרוף צו שאַפען פּריוויליגע פאָנדס.

ביי א געמיינשאַפטליכען מיטינג פון די עקזעקוטיוו־קאָנטראָל און סאַניטאַריום קאָמיטעס, איז דער צושטאַנד פון סאַניטאַריום גרינדליך בעשפּראָכען געוואָרען, און נים נאָר וועגען דאָס אויפבויאונג פון די גע־ביידעס, וועלכע זיינען נויטווענדיג, נאָר וועגען דאָס פערזיכערונג פון דער עקזיסטענץ פון סאַניטאַריום אין אלגעמיין. פאַר דיעזען צוועק האָבען מיר בעשלאָסען צו האָבען ספּעשעל קאָנווענשאַנס, ד. ה. צו האָבען קאָנ־ווענשאַנס אין אייניגע טהיילען פון לאנד, וואו עס זאָל זיין באַקוועם כמעט פאַר אלע ברענטשעס צו שיקען דעלעגאַטען און עס זאָל נים זיין פאַרבונדען מיט גרויסע רייזלראוד עקספּענסעס.

די קאָנווענשאַנס וועלען ווערען געהאַלטען זונטאג, דעם 25טען סעפּ־טעמבער, אין פאָלגענדע שטעדט:

אין ניו יאָרק, נ. י.; באָפאַלא, נ. י.; קאָלאָמבוס, אָהיאָ; שיקאַ־גאָ, אילינאָיס; וואַשינגטאָן, דיסטריקט קאָלאָמביא; פילאדעלפיא, פּענ־סילווייניא; וואָטערבורי, קאָנעקטיקוט.

די צוטהיילונג פון די טעריטאָריעס איז געמאכט געוואָרען, ווי געזאָגט, לויט די באקוועמליכקייטען פאר די ברענטשעס צו שיקען דעלעגאטען.

דער טאגעס־אָרדנונג פאר יעדער קאָנווענשאָן וועט באַשטעהן פון 4 פונקטען, וועלכע די קאָנווענשאָנס וועלען דארפען פאַרהאַנדלען, נעמליך:

1) צו פאַרגרעסערען דעם סאניטאריום פאָנד.

2) יעדער קראנקער וואָס איז אין סאניטאריום זאָל קריגען פאר דער צייט וואָס ער וועט זיין אין סאַניטאריום, אנשטאָט 6 דאָלאר אַ וואָך קראנקען בענעפיט, נאָר 3 דאָלאר א וואָך, און די אנדערע 3 דאָלאר א וואָך זאָל געהן פאר'ן סאַניטאריום.

3) בלויז מעמבערס, וועלכע באַלאַנגען צום אַרבייטער רינג ניט וועניגער ווי 1 יאָהר, זאָלען זיין בארעכטיגט אויפגענומען צו ווערען אין סאניטאריום.

4) וואָהל אם בעסמען פון סאניטאריום.

די אַלע ספּעציעלע קאָנווענשאָנס זיינען פאָרגעקומען אין צייט.

דער אָפיס האָט אָפּגעגעבען א שריפטליכען באריכט וועגען זיי אין א ליפלעט.

פון דעם באריכט נעהמען מיר ארויס, אז די קאָנווענשאָנס אין אַלע שטעט האָבען באַשלאָסען:

צו פאַרגרעסערען דעם פאָנד אויף 10 אדער אויף 15 סענט א קווארטאַל.

נאָר מעמבערס, וועלכע זיינען אמווייניגסטענס 1 יאָהר אין א. ר. זאָלען ווערען אויפגענומען אלס פּאַציענטען.

אַ_רעזאָלוציע, וועלכע אנערקענט דעם סאַניטאריום אלס פרייוויליגע אינסטיטושאָן, און דער אַ. ר. איז ניט פארפליכטעט צו געבען קאָנסאָמפּטיוו קראנקע מיטגלידער סאַניטאריום טריטמענט.

ביי א געמיינשאַפטליכען מיטינג פון דער עקזעקוטיוו, קאָנטראָל און סאַניטאריום קאָמיטעס איז געוואָרען באַשלאָסען דיזע פונקטען ארויסשיקען צו רעפערענדום צו אַלע ברענטשעס. אין דעם צושריפט, וואָס איז ארויסגעשיקט געוואָרען צוזאַמען מיט דעם רעפערענדום איז אַנגעגעבען פאָלגענדע ערקלעהרונג: „נעהמענדיג אין אנבאַטראכט, אז אַט די קאָנווענשאָנס קענען ניט ווערען באטראכט אלס איינע, א גאַנצע קאָנווענשאָן, מיט די פונקציאָנען און רעכטע פון א קאָנווענשאָן, דיזע קאָנווענשאָנס קענען נאָר באַטראכט ווערען אלס באראַטהונגס־קאָנפערענצען, און אַזוי ווי לויט די קאָנסטיטוציאָן האָבען 3 ברענטשעס פון 2 סטייטס דאָס רעכט

צו פארלאנגען ארויסצושיקען א פראגע צו א רעפערענדום. פאלג־ליך האט יעדע קאנווענשאן דאס רעכט צו פארלאנגען זייערע באַ־שליסע ארויסצושיקען צו רעפערענדום, ווייל ביי יעדע קאנווענשאן זיינען געווען דעלעגאטען פון 2 סטייטס".

אין דעצעמבער נומער „פריינד" (1910) געפינען מיר א קליי־נעם באריכט איבער דעם רעזולטאט פון דער אבשטימונג, וועלכען מיר גיבען דא איבער:

„סאניטאריום רעפערענדום".

דעם 25טען נאוועמבער איז געשלאסען געווארען דער רעפערענדום וועגען סאניטאריום. פון די 444 ברענטשעס, וועלכע זיינען געווען בא־רעכטיגט צו שטימען, האבען בלויז 311 ברענטשעס אריינגעשיקט זייערע באלאטס אין צייט; 14 ברענטשעס האבען אריינגעשיקט די באלאטס נאך דעם ווי דער רעפערענדום איז געשלאסען געווארען, און 119 ברענטשעס האבען גאר ניט אריינגעשיקט די באלאטס.

דער רעזולטאט פון רעפערענדום איז פאלגענדער:

1) צו פארגרעסערען דעם סאניטאריום פאנד מיט 15 סענט א קווארטאל — דאפיר, 2826 שטימען; דאגעגען 3028 שטימען. דורכגע־פאלען.

2) צו פארגרעסערען דעם סאניטאריום פאנד מיט 10 סענט א קווארטאל — דאפיר, 4328 שטימען; דאגעגען, 1586 שטימען. אנגענומען.

3) נאר מעמבערס, וועלכע זיינען ווייניגסטענס 1 יאהר אין א. ר. זאלען ווערען אויפגענומען אלס פאציענטען — דאפיר, 3004 שטימען; דאגעגען, 4630 שטימען. דורכגעפאלען.

4) צו אנערקענען די סאניטאריום אלס פריוויליגע אינסטיטושאן ווי פארגעלייגט אין דער רעזאלוציאן — דאפיר, 1855 שטימען; דאגע־גען, 5340 שטימען. דורכגעפאלען.

## דער ערשטער אפיציעלער סאניטאריום יאהר.

אין פארלויף פון ערשטען יאהר (1910), ווען דער סאניטא־ריום איז אפיציעל געעפענט געווארען, איז ער שוין אויסגעוואקסען אין א ריזיגע אינסטיטוציע, וואו עס זיינען אריינגענומען געווארען 132 פאציענטען.

קראנקע, אויסגעצערטע פראלעטאריער זיינען פארן געגנוג ניט ווייניג פון זיי זיינען מיטגלידער פון א. ר.

די צאָל אפּליקאנטען איז געווען גרויס. וואָס ווייטער אַלץ גרע־סער. וואָס מעהר קראנקע, אַלץ גרעסער די פאראנטוואָרטליכ־קייט, אַלץ גרעסער די אויפגאבען און אַלץ העכער די אויסגאבען.

דער סאניטאריום פארשאפט קאָפּ־דרעהעניש; די אונטערנע־מונג איז א געוואגטע, א ריזיגע, א שטאַלצע.

די זאָרג איז ניט נאָר געווען איבער דער פראגע, ווי אזוי צו דעקען די הוצאות, וואָס זיינען נאטירליך געוואקסען פון טאָג צו טאָג, נאָר אויך ווי אזוי צו דיסציפּלינירען די פּאציענטען אין סא־ניטאריום.

שווינדזיכטיגע זיינען בכלל נערוועז, זיי זיינען שטענדיג אויפגערעגט, זעהר אָפט אין א שלעכטער שטימונג. פאַר זייער היילונג איז אָבער נויטיג רוהיגקייט, שטילקייט. דאָס קען דורכגע־פיהרט ווערען דורך א שטרענגע דיסציפּלין. זיי מוזען זיין פּינקט־ליך און זיך אונטערוואַרפען די פאָרשריפטען פון דאָקטאָר.

אין א פרעמדען סאניטאריום מוזען די פּאציענטען אויספיהרען דאָס, וואָס די דאָקטוירים און די פּערוואַלטער הייסען. דער א. ר. סאניטאריום איז אָבער אן „אייגענער" אנשטאַלט. דער פּאציענט באטראכט דאָס מיט פול רעכט פאַר ז י י ן סאניטאריום, פאַר ז י י ן אייגענטום און האַלט די דיסציפּלין פאַר אַן אונגויטיגע זאַך.

קומען, פארשטעהט זיך, ארויס רייבונגען, סכסוכים צווישען דער אדמיניסטריישאַן און די קראנקע, צווישען די דאָקטוירים און זייערע פּאציענטען.

די סאניטאריום קאָמיטע ווערט ניט ווילענדיג אריינגעצויגען אין די סכסוכים. זי מוז פּסקנ'ען, ווער עס איז גערעכט און ווער אומ־גערעכט. קומען פאַר פּאראיבעלס, פּראָטעסטען, וועלכע פיהרען גאנץ אָפט צו ניט אנגענעהמע רעזולטאַטען.

אָט די אַלע זאָרגען, סיי פינאַנציעלע, סיי מאָראַלע, וועלכע ציהען זיך ווי רויטע פעדים דורך דער גאַנצער געשיכטע פון סאני־טאריום, זיינען שוין געווען בולט אינ'ם ערשטען יאָהר.

נאָך דעם פינאַנציעלען רעפּאָרט פאַר'ן יאָהר 1910 גיט די סאניטאריום קאָמיטע אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דער לאגע:

„די צאָהל קאָנסאָמפּטיווס, וועלכע מען האָט פריהער גערעכענט זאָ־לען דורכשניטליך זיך געפינען אין סאניטאריום, שטייגט אין דער ווירק־ליכקייט ווייט אריבער. עס ווערען געמאַכט נייע פּלענער וועגען שאַפען ווייטערע מיטלען אויסצוהאַלטען און צו פארפאָלקאָמען דעם סאני־טאריום" . . .

. . . „שוין באלד ביי דעם אָנפאַנג פון אונזער אריינמרעטען אין אַמט, האָבען מיר געזעהן און געפיהלט, אז די אַרבייט פון דעם סאַני־טאריום קאָמיטע איז ניט באַפּוצט מיט לאָרבער קראַנצען, ניט באַהאַנגען מיט טיטלען און מעדאַלען, נאָר אז אונז שטעהט פאָר א יאהר שווערע פאַראַנטוואָרטליכע און אומדאַנקבארע ארבייט. און וואָלט די ארבייט פאר'ן סאניטאריום ניט געווען אַזאַ הייליגע . . . וואָלטען אייניגע פון דער קאָמיטע רעזיגנירט באלד אין אָנפאַנג*).

## די סאַניטאריום קאָמיטע באַקלאַגט זיך:

„שוין באלד ביי דעם ערשטען טאָג פון אונזער אריינטרעטען אין אמט אלס פארוואלטער פון סאַניטאריום, האָבען מיר זיך אָנגעשטויסען אויף זעהר א שווערע פראַגע, נעמליך: ווי קען מען צופרידענשטעלען פּאַציענטען אין א סאַניטאריום, דאָרטען, וואו זיי פיהלען זיך אליין די בעלי הבתים? און עס וועט ניט זיין איבערטריבען, ווען מיר זאָגען, אז מיר האָבען אין פארלויף פון די ערשטע 7 מאָנאַטען ניט געהאַט קיין איין רוהיגען טאָג, שטענדיג קלאַגען, קאָמפּליינס פון די פּאַציענטען אויף דאָס מענעדזשמענט און פון דעם מענעדזשמענט אויף די פּאַציענטען. צוליב אומבאַדייטענדע קלייניגקייטען אָדער מיספארשטענדניסע, וועלכע פלעגען זיך נאָכהער אַרויסווייזען פאר אומבאַגרינדעט, פלעגען ארויסקומען גרויסע אומצופרידענהייטען. און די סאַניטאריום קאָמיטע ניט זייענדיג אויפ'ן פּלאַץ, פלעגט האָבען צו זינגען און צו זאָגען און ניט זעלטען פלעגען מיר זיך מוזען שטעלען פאר'ן געריכט פון צעהנדליגע ברענטשעס זיך צו פאַרענטפערען אויף ניט געשעהענע און ניט געפלויגענע פארלוימ־דונגען און ידיעות . . .

„מיר גיבען צו, אז אין מאַנכע פון אינערליכע טראָבלס איז די שולד פון דער געוועזענער סאַניטאריום קאָמיטע און אויך פון אונז אליין, דורך דעם, וואָס דער סאַניטאריום איז געעפענט געוואָרען אָהן אירגענד וועלכע פאַראָרדנונגען און פאַרשריפטען, וועלכע זאָלען זיין פּאַסענד פאר אַזאַ אינסטיטושאָן, און ביז מיר האָבען זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם מעדיקאַל באָאַרד, איז געווען אין סאַניטאריום אַ ווירקליכער כאַאָס. עס איז ניט געווען קיין באַשטימטע דיעטע און עס איז געווען טראָבל ביי יעדען מאָל עסען. עס איז ניט געווען קיין פעסטע האָספּיטאל דיסציפּלין, און די פּאַציענטען האָבען זיך מאַנכעס מאָל גע־וואָלט ערלויבען אַזוינס, וועלכעס האָט געבראַכט שאַדען זיי אליין און אויך דער עקזיסטענץ פון סאַניטאריום גופא. מיט איין וואָרט, דער סאַ־

---

*) 11טער יעהרליכער בעריכט ז. 52; זעה אויך „פריינד" מערץ־אפּריל, 1911.

ניטאריום האָט גיכער אויסגעקוקט ווי א גרויסע קאָמוניסטישע קאָלאָניע, איידער א האָספיטאל, וואו מענשען זיינען געקומען זיך קורירען און זאָרגען פאר זייער געזונד. פיל מיה און צייט האָט אונז געקאָסט ביז מיר, צוזאַמען מיט דעם מעדיקאל באָאַרד, האָבען איינגעפיהרט רוה און אָרדנונג אין סאַניטאריום, און יעצט קענען מיר מיט שטאָלץ זאָגען: „הזורעים בדמעה, ברנה יקצורו" — עס הערשט פאָלשטענדיגע האַרמאָניע און צופרידענהייט".

ווייטער דערצעהלט די סאַניטאריום קאָמיטע, אז זי האָט געהאַט א שווערע פּראָבלעם צו לעזען: וואו נעמט מען פלאַץ פאר פרויען פּאַציענטען?

„ווען מיר האָבען געקראָגען די אפּליקיישאָן פאר די ערשטע פרוי פּאַציענט, האָבען מיר ניט געהאט וואו איהר צו האלטען, און טראָץ דעם, וואָס די דריטע „ליען-טו", וואָס מיר האָבען געבויט פאר 10 בעטען, האָט געזאָלט זיין פאר פרויען, האָבען מיר דאָך ניט געקענט פאַרנעמען א גאַנצע „ליען-טו" מיט איין פרוי, אין דער צייט, וואָס צעהנדליגע פּאַציענטען מענער האָבען געוואַרט פאר זייער נעקסט אין די באָרדינג הייזער אין ליבערטי. נאָר באלד איז צוגעקומען די צווייטע פּאַציענטין און מיר זיינען געווען געצוואונגען צו מאכען פלאַץ פאר זיי אין איינע פון די „ליען-טוס", אָפּצאָמענדיג פאר זיי א געוויסע אָפּטיילונג, וואו זיי האָבען זיך געפיהלט גאַנץ באַקוועם. יעצט האָבען מיר אין סאַניטאריום פינף פרויען פּאַציענטען".

ווייטער שלאָגט די סאַניטאריום קאָמיטע פאָר, אז די קאָנווענשאָן זאָל אָננעמען די אלע רעקאָמענדאַציעס פון די ספּעשעל קאָנווענשאָנס, וועלכע זיינען דורכגעפאלען ביים רעפערענדום (צו פאַרגרעסערען דעם סאַניטאריום פאָנד, אז נאָר מעמבערס, וואָס זיינען א יאהר אין א. ר. זאָלען קענען ארייגענומען ווערען). צום סוף רעקאָמענדירט די קאָמיטע, אז די קאָנווענשאָן זאָל אָננעמען א רעזאָלוציע, דאָס יעדער בראַנטש זאָל מאכען א „סאַניטאריום טאָג" איין מאָל אין יאָהר, און דיזער טאָג זאָל זיין דעם 12טען פעברואר. ערשטענס, איז דער טאָג א יום טוב — לינקאָלנ'ס געבורטס-טאָג, און דער עיקר — אין דעם טאָג האָט זיך געעפענט דער סאַניטאריום . . .

זי שלאָגט אויך פאָר, אז די סאַנ. קאָמיטע זאָל באַשטעהן פון ניין מיטגלידער. פיער זאָלען שטענדיג פאַרבלייבען פון דער פריהערדיגער קאָמיטע און אז די ארבייט פון דער סאַניטאריום קאָמיטע זאָל זיין מעהר זעלבסטשטענדיג, און ניט אזוי אָפּהענגיג פון דער עקזעקוטיווע.

מען דארף האבען אין זינען, אז אין יענער צייט איז די סאני־טאריום קאמיטע געווען ניט מעהר ווי א סטענדינג קאמיטע, אונטער דער השגחה פון דער עקזעקוטיווע.

גאנץ אפט האט די עקז. צוריקגעוויזען די באשלוסען פון סאנ. קאמיטע און האט וועטאאירט די הוצאות, וואס פלעגען געמאכט ווערען פאר'ן סאניטאריום.

## סכסוכים און טראבלס אין סאניטאריום.

. . . „עס הערשט יעצט פאלשטענדיגע הארמאניע און צופרי־דענהייט" — אזוי האט דערצעהלט, ווי מיר האבען געזעהן אין פאריגען קאפיטעל, די סאניטאריום קאמיטע.

די „פאלשטענדיגע הארמאניע" האט אבער ניט לאנג אנגע־האלטען. אין דעם באריכט פון דער סאניטאריום קאמיטע צו די דע־לעגאטען פון דער 12טער יעהרליכער קאנווענשאן, האט נאך די „הארמאניע" כלומרשט אנגעהאלטען.

„פון קיין קלאגען, קאמפליינס און אונצופרידענהייט צווישען די פאציענטען און די מענעדזשמענט אין סאניטאריום, האבען מיר דיזען יאהר כמעט ווי נישט געהערט, מיט דער אויסנאמע פון א פאר אונבא־דייטענדע קלייניגקייטען איז אלעס געווען אין בעסטער ארדנונג . . . פילע קוועלען און אורזאכען, וועלכע האבען פארשאפט אומזיסטע אונאנ־גענעמליכקייטען און טראבלס זיינען שוין כמעט ווי אפגעשאפט און קיין אורזאכען פאר צאנקערייען און אונצופרידענהייט איז דיזען יאהר כמעט ווי ניט געווען. און עס קען זיין, אז דאס איז אויך פיליכט דאפיר, וואס די פאציענטען, אדער די מעמבערס פון ארבייטער רינג, וועלכע געהען אין סאניטאריום, האבען אנגעפאנגען צו באגריפען, אז דער סאניטאריום איז געבויט געווארען פאר זיי צום קורירען זיך, אבער ניט צו באלעבא־טעווען דארטען . . . *)

משמעות, אז ניט אלע פאציענטען זיינען געווען איינשטימיג מיט דעם, דאס „דער סאניטאריום איז א פלאץ צום קורירען זיך, אבער ניט צו באלעבאטעווען".

מאנכע פאציענטען האבען געוואלט זאגען דעות, ווי אזוי דער סאניטאריום זאל ווערען געפיהרט. און ווען זייערע דעות און עצות האט מען ניט אנגענומען, זיינען זיי געווארען ברוגז. דער ברוגז האט שפעטער געפיהרט צו אן אפענעם סכסוך.

---

*) „פריינד" ז. 177 (1912).

סוף 1913 איז אין סאַניטאַריום פאָרגעקומען א גרויסער טראָבל, וואָס האָט אויפגערודערט א סך ברענטשעס.

דער טראָבל איז געקומען פון דעם, וואָס די סאַניטאַריום קאָמיטע האָט געפונען פאַר נויטיג אין די אינטערעסען פון דער אינסטיטוציע ארויסצושיקען דריי פּאַציענטען אלס די הויפּט דיסציפּלין ברעכער.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אזא אַקט האָט ארויסגערופען א רייהע פּראָטעסטען מצד די ברענטשעס, וועלכע זיינען בכלל געניינט צו האַלטען מיט די שוואַכע און „געקריוודעטע".

די סאַניטאַריום קאָמיטע איז געווען געצוואונגען ארויסצוגעבען אַן ערקלעהרונג „צו אלע ברענטשעס און מעמבערס פון א. ר."

די ערקלעהרונג מאַכט קלאָר די גאַנצע אַנגעלעגענהייט און שטעלט פעסט די באַציהונגען, וואָס דאַרפען עקזיסטירען אין סאַניטאַריום.

אזוי ווי סכסוכים אין סאַניטאַריום זיינען א גאַנץ אָפטע ערשיינונג, איז ניט איבעריג איבערצוגעבען די וויכטיגסטע טיילען פון דער ערשטער גרויסער ערקלעהרונג, וואָס איז אגב אורחא אויך פּאַסיג בנוגע די אלע אנדערע „בונטען", וואָס זיינען פאָרגעקומען אין סאַניטאַריום:

„. . . ווי אייך איז באַקאַנט, ווערט יעצט געבויעט א האָספּיטאַל אין סאַניטאַריום. דעם קאָנטראַקט צו בויען דעם האָספּיטאַל האָט באַקומען דער קאָנטראַקטאָר א. ריגער און קאָ., וועלכער איז, לויט די עסטימייטס וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען צו פאַרשידענע בילדערס צו עסטימייטען דעם דזשאַב, געווען בארעכטיגט צו באַקומען דעם קאָנטראַקט. דעם קאָנטראַקט מיט דעם קאָנטראַקטאר האָט געמאַכט אונזער ליעגעל אדווייזער גען. מ. לאָנדאָן און דאָרט איז פאַראַן א פּונקט, דאָס דער קאָנטראַקטאָר מוז באַשעפטיגען יוניאָן אַרבייטער, וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט דער אַמ. פעד. אָוו לייבאָר. מיר האָבען דיזען פּונקט אַריינגעשטעלט אין קאָנטראַקט דערפאר, ווייל די אמעריקאַן פעדערישאָן אָוו לייבאָר איז די אנערקענטע ארבייטער קערפּערשאַפט אין די פאראייניגטע שטאַטען. פון וועלכע יוניאָן לאָקאַלס דער קאָנטראַקטאָר זאָל נעהמען זיינע אַרבייטער, האָבען מיר אין קאָנטראַקט ניט געקענט אריינשטעלען; אַזוי לאַנג זיי זיינען נאָר פאַרבונדען מיט דער אמעריקאַן פעדערישאָן אָוו לייבאָר, קאָן ער זיי באַשעפטיגען.

דער קאָנטראַקטאָר האָט ענגיידזשט קאַרפּענטערס פון פאַרשידענע לאָקאַלס פון ניו־יאָרק, ווי אויך פון מידלטאָון. וואָס מאַכט א פּרייז ער

האָט זיי געצאָהלט, ווייסען מיר ניט, ווייל אין דעם האָבען מיר זיך ניט געדאַרפט מישען — דערויף זיינען פאַראַן יוניאָנס מיט דעלעגאַטען, וועלכע דאַרפען אויף דעם אויפפאַסען. אויף וואָס מיר האָבען יא בעדאַרפט אויפפאַסען, און מיר האָבען אויפגעפאַסט, איז: עס זאָלען אַרבייטען יוניאָן לייט. אונזער מענעדזשער האָט באַקומען אַן אָרדער, דאָס ער זאָל עקזאַמינירען יעדען טאָג די יוניאָן ביכלעך פון די ארבייטער, וואָס ארבייטען ביים האָספּיטאל, און ווער עס איז ניט קיין יוניאָן מאַן זאָל ער ניט לאָזען אַרבייטען. ביים האָספּיטאל האָבען געאַרבייט ביז 12—13 מאַן, צווישען וועלכע עס האָבען זיך אויך געפונען צוויי קאַרפּענטערס, וועלכע האָבען געהאט יוניאָן־ביכלעך פון א ניו־יאָרקער לאָקאל און געוואוינט האָבען זיי אין ליבערטי, ניט ווייט פון סאַניטאריום. זיי זיינען ביידע געוועזענע פּאַציענטען.

די ארבייט ביים האָספּיטאל איז אָנגעגאַנגען ביז די ענדע פון מאָנאַט סעפּטעמבער, ווען מיר האָבען אָפּגעסטאַפּט די ארבייט אויף איניגע טאָג צייט, ווייל ביים האָספּיטאל האָט זיך געפאָדערט צו מאַכען איניגע ענדערונגען און מיר זיינען געווען געצוואונגען צו סטאַפּען אַ פּאָר טאָג ביז דער אַרכיטעקט איז געקומען און האָט די נויטיגע ענדערונגען געמאַכט. שבת, דעם 4טען אָקטאָבער, האָבען מיר ערהאלטען א בריעף, אונטערגעשריבען פון איניגע קאַרפּענטערס פון סאַניטאריום, דאָס אין סאַניטאַריום זיינען די קאַרפּענטערס אַרונטער אין סטרייק; קיינע אוינצעלהייטען זיינען ניט געמאָלדען געוואָרען. מיר האָבען גלייך דעם זעלבען טאָג גערופען א מיטינג און מיר האָבען אויך איינגעלאַדען דעם קאָנטראַקטאָר און איהם געפרעגט, וואָס פאר א סטרייק דאָס איז. דער קאָנטראַקטאָר האָט אונז ערקלעהרט, דאָס ער אליין ווייסט אויך ניט וועגען וואָס צו זאָגען; ווען ער איז אָפּגעפאָהרען פון ליבערטי, האָבען די קאַרפּענטערס געאַרבייט; נאָר היינט האָט ער באַקומען א בריעף, דאָס די קאַרפּענטערס זיינען ארונטער אין סטרייק. ער דענקט, — ערקלעהרט ווייטער דער קאָנטראַקטאָר, — דאָס דער סטרייק מוז זיין איבער פאָלגענדעס: ווען די קאַרפּענטערס האָבען זיך געדאַרפט שטעלען צוריק צו דער אַרבייט, נאָכדעם ווי זיי האָבען געסטאַפּט איניגע טעג צוליעב דעם, וואָס דער אַרכיטעקט איז ניט געווען, זיינען צוגעגאַנגען צו מיר די ניו־יאָרקער קאַרפּענטערס און האָבען פאַרלאַנגט ווידזשעס פאר דער צייט וואָס זיי האָבען געסטאַפּט, ערקלעהרענדיג דערביי, דאָס אַזוי ווי זיי זיינען ניו־יאָרקער און דאַרפען סופּאָרטען די פאַמיליעס אין ניו־יאָרק און דאָ אויך צאָהלען באָאַרד, ווילען זיי באצאָהלט, ווייל, — האָבען זיי געטענה'ט, — איהר האָט דאָך אונז צוגעזאָגט, דאָס מיר וועלען דאָ האָבען ארבייט און ניט דאַרפען סטאָפּען. איך האָב זיי ערקלעהרט, דאָס לויט

די יוניאָן רולס דאַרף איך ניט צאָהלען קיין ווייטינג טאַים, ד. ה. פאַר דער צייט וואָס זיי וואַרטען, ווען מען קען ניט אַרבייטען, צי דאָס איז צוליב א רעגען אָדער אַן אנדער אורזאַך. דער מענעדזשער פון סאַני־טאריום האָט זיך אָבער אַריינגעמישט און געווירקט אויף מיר, איך זאָל מיט זיי דורכקומען און איך האָב מיט זיי געסעטעלט. ווען איך האָב שוין באַדאַרפט אָפּפאָהרען קיין ניו־יאָרק, זיינען צו מיר צוגעגאַנגען די צוויי קאַרפּענטערס, וואָס וואוינען אין ליבערטי, און האָבען אויך פאַר־לאַנגט באַצאָהלטס פאַר דער צייט וואָס זיי האָבען געסטאַפּט. זיי האָב איך שוין ניט געוואָלט באַצאָהלען, ווייל איך האָב דאָך זיי פון ניו־יאָרק ניט געבראַכט. און דערפאַר, ווייזט אויס, איז דער סטרייק. דאָס איז גע־ווען דעם קאָנטראַקטאָר'ס ערקלעהרונג.

מיר האָבען גלייך ערקלעהרט דעם קאָנטראַקטאָר, דאָס ער זאָל סעט־לען מיט די ארבייטער, ווייל מיר קאָנען ניט אַפּאָרדען, דאָס ביי אונז זאָל זיין א סטרייק. מיר האָבען אויך אויף זונטאַג אַוועקגעשיקט א קאָמיטע אין סאניטאריום צו זעהן, אויב עס איז ניטאָ קיין וועג צו סעטלען די שטרייטיגקייטען צווישען די אַרבייטער און דעם קאָנטראַקטאָר. אונזער קאָמיטע האָט, אָבער, דאָרט גאָר ניט געקאָנט מאכען, ווייל די פאָדערונגען פון די ארבייטער זיינען געווען אזעלכע, אין וועלכע מיר האָבען זיך ניט געקאָנט אַריינמישען. מיר האָבען פאַרלאַנגט פון די ארבייטער, זיי זאָלען זיך ווענדען צום דיסטריקט קאונסיל אין ניו־יאָרק, ער זאָל סעט־לען דעם סטרייק; האָבען זיי ערקלעהרט: ערשטענס, האָט דער דיסטריקט קאונסיל קיין דזשורישדיקשאָן ניט אין ליבערטי, און קאָן זיך דערום ניט אַריינמישען, און, צווייטענס, האָבען זיי גלאָט קיין צוטרוי ניט צום ניו־יאָרקער דיסטריקט קאונסיל. מיר האָבען אויך פון זיי פאַרלאַנגט זיי זאָלען זיך ווענדען צו די פּאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, פון וועלכען זיי האָבען זיך אויך ענטזאגט; מיר ווייסען ניט אויס וועלכע גרינדע זיי האָבען זיך ענטזאגט.

ביי אונזער נעקסטען מיטינג, מאָנטאַג, דעם 6טען אָקטאָבער, האָבען מיר באַשלאָסען, דאָס מיר האַלטען זיך ביים קאָנטראַקט, ד. ה., אַז דער קאָנטראַקטאָר דאַרף באַשעפטיגען יוניאָן לייט, און אַזוי לאַנג קיין יוניאָן לייט וועלען דאָרט ניט אַרבייטען, וועלען מיר ניט ערלויבען קיינעם צו אַרבייטען. דאָס איז געווען אונזער דירעקטער באשלוס. אונדירעקט האָט עס געהייסען, דאָס מיר לאָזען איבער דעם סכסוך צווישען דעם קאָנטראַקטאָר און די אַרבייטער פאַר זיי אַליין און מיר וועלען בלויז אויפפּאַסען אויף דעם, דאָס ניט קיין יוניאָן לייט זאָלען דאָרט ניט אַרבייטען.

ס'איז באַשלאָסען געוואָרען מען זאָל נאָך אמאָל שיקען אַ קאָמיטע קיין ליבערטי, און טרייען ווירקען אויף די אַרבייטער ווי אויך אויף דעם קאָנטראקטאָר, זיי זאָלען צווישען זיך דורכקומען; ווייל, טראָץ דעם, וואָס דער אַרבייטער רינג אַלס אַזעלכער איז דירעקט נים פאַרמישט אין דעם סטרייק, פאַר דער וועלט וועט דאָס אָבער אויסקומען, דאָס אַר־בייטער סטרייקען ביים אַרבייטער רינג און ניט ביים קאָנטראקטאָר. די קאָמיטע איז דיעזען מאָל באשטאַנען פון איינעם פון דער עקזעקוטיוו, איינעם פון דער סאניטאריום קאָמיטע און גענ. מ. לאָנדאָן, דער ליגעל אדוויזער פון ארבייטער רינג.

דער סעטעלמענט צווישען די אַרבייטער און דעם קאָנטראַקטאָר איז געמאַכט געוואָרען. מיר ווילען זיך דאָ ניט אָפּשטעלען אויף די פאַרשיע־דענע פונקטען פון דעם סעטעלמענט; מיר ווילען דאָ בלויז אָנצייגען אויף איין פונקט, וועלכער איז נויטיג צו דיעזער אַנגעלעגענהייט: 5 קאַרפּענטערס פון 12—13 וואָס האָבען געאַרבייט ביים האָספּיטאַל אַלס פריימער (פלאַטניקעס) האָבען אָנגעגעבען, דאָס זיי זיינען טרימערס, ד. ה. רעגולערע קאַרפּענטערס; און דיעזע 5 האָט זיך דער קאָנטראַקטאָר פאַרפליכטעט צו האַלטען אַזוי לאַנג ער וועט האָבען אַרבייט פאַר זיי, וועל־כע זיי קענען מאַכען; אין קייס פון אַ דיספּיוט צווישען דעם קאָנט־ראַקטאָר און אירגענד וועמען פון די 5 קאַרפּענטערס, אויב דער קאָנט־ראַקטאָר וועט אירגענד וועמען פון זיי אַנטזאַגען פאַר ניט זיין קאָמפּעטענט אין דער אַרבייט, אָדער פאַר אַנדערע אורזאַכען, זאָל דער אַנטזאַגטער אַר־בייטער זיך ווענדען צו דער סאַניטאַריום קאָמיטע, און די סאַניטאַריום קאָמיטע זאָל אַנטשיידען, ווער עס האָט רעכט. די סאַנ. קאָמ. איז דורך דעם אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין דער פּאָזישאָן פון פאַרמיטלער, אַנ־שטאָט די יוניאָן זאָל אַטענדען צו אַזעלכע זאַכען. דאָס איז געטאָן גע־וואָרען מיט דעם צוועק, ווייל די אַרבייטער האָבען גע'טענה'עט, דאָס די יוניאָן קאָן זיך דאָ ניט מישען, ווייל עס איז אויסער זייער דזשורים־דיקשאָן, ווי אויבען דערמאָנט.

מיטוואָך, דעם 5־טען נאָוועמבער, קומט אָן אַ בריעף פון איינעם פון די צוויי קאַרפּענטערס וועלכע געפינען זיך אין ליבערטי, דאָס דער קאָנט־ראַקטאָר האָט אַנטזאַגט איינעם פון די צוויי, און אויס סימפּאַטי צום ערשטען איז דער צווייטער אַרונטער אין סטרייק. מיר ווילען דערביי באַ־מערקען, דאָס די אַנדערע 4 קאַרפּענטערס, ווי אויך די פּלאַסטערערס און פּלאָמבערס, וועלכע זיינען, נאַטירליך, אויך יוניאָן לייט, זיינען פאַרבלי־בען אַרבייטען. אונזער סעקרעטאַר, וועלכער האָט דעם בריעף ערהאַלטען, האָט גלייך אוועקגעשיקט צוויי בריעף — איינעם צום אַנטזאָגטען קאַר־

פענטער, מעלדענדיג איהם, דאָס די סאַנ. קאָמיטע וועט מיטען מאָנטאג און וועט די קיים פארהאַנדלען, און א צווייטען בריעף צום קאָנטראַקטאָר, ער זאָל צושיקען אַן ערקלערונג, וואַרום ער האָט אָנטזאַגט דעם קאַרפענטער, אום די סאַנ. קאָמיטע זאָל וויסען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

פרייטאָג פריה טהיילט מען אונז מיט פער טעלעפאָן, דאָס אין סאַניטאַריום איז געווען אַ פייט צווישען די פאַציענטען און די אַרבייטער ביים האָספיטאל, און מיר זאָלען גלייך שיקען א קאָמיטע. מיר האָבען, נאַטירליך, גלייך אַ קאָמיטע אַרויסגעשיקט, און שטוינט וואָס אונזער קאָמיטע האָט אויסגעפונען:

די פאַציענטען, אַזוי שנעל ווי זיי האָבען זיך דערוואוסט אַז דער קאָנטראַקטאָר האָט ענטזאַגט 2 אַרבייטער, האָבען ערוועהלט אַ 5־ער קאָמיטע, און זיינען געקומען צום קאָנטראַקטאָר פאָדערען, ער זאָל זיי צוריק אָנשטעלען; און ווען דער קאָנטראַקטאָר האָט זיך אָנטזאַגט זייער פאַרלאַנג צו באַוויליגען, זיינען זיי אָנגעפאַלען אויף די אַרבייטער ביים האָספיטאַל, ווער מיט א שטיין און ווער מיט אַן אייזען, און געמאַכט אַ פייט.

צוגעבענדיג אויף איין מאָמענט, דאָס דער קאָנטראַקטאָר איז געווען אומגערעכט דערמיט, וואָס ער האָט אָנטזאַגט די צוויי אַרבייטער; איז דאָס, אָבער, די אַרבייט פון די פאַציענטען צו נעהמען אַ שטעלונג? זיינען זיי די פאַרוואַלטער פון דעם סאַניטאַריום? זיינען זיי די יעניגע, וועלכע דאַרפען ענטשיידען, ווער עס זאָל אַרבייטען ביים האָספיטאַל, און ווער ניט?

מיר ווייסען ניט ווי איהר, פריינדע, וואָלט געהאַנדעלט אין אַזאַ פאַל. מיר, יעדענפאַלס, האָבען באַטראַכט דיעזען אונפאַרציילינען סקאַנדאַל אין דעם אַרבייטער רינג סאַניטאַריום פאַר אַזעלכעס, וואָס קאָן שטעלען אין געפאַהר ניט נאָר דעם געזונד פון די פאַציענטען, נאָר דעם גאַנצען סאַניטאַריום. אויב דאָס זאָל אַזוי אויף ווייטער אָנגעהן, איז מען זאָך ניט זיכער, דאָס נעקסטע וואָך, זאָל זיי דער מענעדזשער, דער דאָקטאָר אָדער אַן אַנדער אָנגעשטעלטער פון סאַניטאַריום ניט געפעלען, און זאָלען מיט איהם אויך אַזוי ניט טהאָן. און איניגע פאַציענטען פאַרשטעהען טאַקע ניט וואַרום זאָלען זיי אַליין ניט קאָנען אָנשטעלען קיין דאָקטאָר? אויב אַ ברענטש פון אַרבייטער רינג קאָן דאָס טהאָן, וואַרום זאָלען זיי דאָס ניט קאָנען טהאָן?

איז סאַניטאַריום, ווי איהר זעהט, פריינדע, איז די לאַגע אַזעלכע, צו וועלכע די סאַניטאַריום קאָמיטע האָט ניט געקאָנט בלייבען גלייכגילטיג און דאָס לאָזען געהן אַזוי. אַ שנעלע און באַשטימטע שטעלונג האָט גלייך געמוזט גענומען ווערען. מיר זיינען דאָך, אָבער, ניט געווען אי־

בעראיילט און ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט; מיר האָבען געאָרדערט אַ מיטינג פון דער מעדיקאַל אַדווייזאָרי באָאַרד, מיר האָבען געמיטעט איין מאָל און אַ צווייטען מאָל, די לאַגע פון סאַניטאַריום איז פאָרזיכטיג און גענוי באַטראַכט געוואָרען און אַלע, ווי איינער, זיינען געקומען צו אַן איינשטימיגען באַשלוס: דאָס שטרענגע מיטלען מוזען אָנגענומען ווערען; דאָס די רולס און רעגולי׳ישאָנס פון סאַניטאַריום זאָלען אונטער אַלע אומשטענדען אָפּגעהיט ווערען און עס מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסגעשטעלט ווערען ביי אַלע מעמבערס פון אַרבייטער רינג, דאָס די פּאַציענטען אין סאַניטאַריום זיינען בלויז פּאַציענטען און ניט מעהר; עס מוז קלאָהר ווערען: ווער עס זיינען די פאָרוואַלטער פון סאַניטאַריום — צו זיינען דאָס די פּאַציענטען אָדער די פאַרוואַלטונגס קאָמיטע, וועלכע ווערען ערוועהלט ביי די קאָנווענשאָנס. די סאַניטאַריום קאָמיטע איז מיט דער לעצטער מיינונג: דער סאַניטאַריום מוז פאַרוואַלטעט ווערען פון אַ קאָמיטע, און ניט פון די פּאַציענטען. די סאַנ. קאָם. איז אַנטשלאָסען איינצופיהרען אין סאַנ. אָרדנונג. די סאַנ. קאָם. איז אַנטשלאָסען פון סאַניטאַריום צו מאַכען אַן אינסטיטושאָן מיט וועלכען מיר זאָלען ווירקליך קאָנען שטאָלצירען. גענוג געשטיקט אין זיך די צרות און מורא געהאט דעם אמת פאַר די מעמבערס פון אַרבייטער רינג צו ענטדעקען.

ביי אַ דזשאָינט מיטינג פון דער סאַנ. קאָמיטע און די מעדיקאַל אַדווייזאָרי באָאַרד, וועלכע באַשטעהט פון 5 פּראָמינענטע דאָקטוירים, איז באַשלאָסען געוואָרען, די שולדיגע אין דיזען פייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין סאַניטאַריום, אַרויסצושיקען. און לויט אונזער אונטערזוכונג וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין דיזער קיים, זיינען 3 פון די פּאַציענטען געפונען געוואָרען שולדיג, און די זעלבע האָבען מיר באַשלאָסען פון סאַניטאַריום אַרויסצושיקען.

מיר ווייסען, פריינדע, דאָס פיעלע וועלען אונזער האַנדלונג קריטיקירען; אַנדערע וועלען זאָגען, דאָס מיר האָבען צו שטרענג געהאַנדעלט; דאָס מענשען מיט שטיינערנע הערצער קאָנען ביי זיך פּועל׳ן 3 קראַנקע מעמבערס פון אַ סאַניטאַריום אַרויסצושיקען. מיר ווייסען דאָס אַלעס, און מיר ווייסען אויך, דאָס אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט ליגט אויף אונז דורך דיזען באַשלוס; מיר ווייסען אָבער אויך די גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט וואָס עס איז צו אונז איבערגעגעבען געוואָרען פון קאָנווענשאָן, און דאָס איז: מיר זאָלען מענעדזשען דעם סאַניטאַריום אַזוי, דאָס די בלוטיגע אַרבייטער פּענים וואָס ווערען געספּענדט אין די טויזענטער יעהרליך, אויפצוהאַלטען דעם סאַניטאַריום, זאָלען ניט אַרויסגע־

וואָרפען ווערען, נאָר זאָלען ברייגגען די נויטיגע און געוויגשטע רעזול־טאַטען.

עס איז דאָס בעסטע וואָס מיר האָבען געקאָנט טהאָן אונטער די אומ־שטענדען. אַ קריזיס אין סאַניטאַריום האָט מען געמוזט איבערלעבען: אַזעלכעס אָדער עהנליכעס איז ערוואַרטעט געוואָרען און עס קאָן ער־וואַרטעט ווערען, אויב עס וועט אַזוי ווייטער געהן. אויף יעמאַנדען האָט געמוזט פאַלען דער גורל דיעזע מיסיאָן דורכצופיהרען. אַלע זיינען איינ־פערשטאַנען, דאָס אין אַ סאַניטאַריום מוז הערשען רוה און אָרדנונג; קיינער האָט אָבער דעם מוטה נאָך ביז יעצט ניט געהאַט אַזאַ שאַרפע שטע־לונג צו נעהמען. מיר האָבען דאָס געטהאָן אין די אינטערעסען פון סאַ־ניטאַריום און פון אַלגעמיינעם אַרבייטער רינג.

מיט פריינדליכען גרוס,

**די סאַניטאַריום קאָמיטע פון אַרבייטער רינג,**

נ. פיינערמאַן, סעקרעטער

די אנדערע מיטגלידער פון דער סאַניטאַריום קאָמיטע זיינען געווען: דזש. דריישפיל, (טשערמאַן), נ. פריימאַן, ד. קורהאַן, ר. גינזבורג, ס. נאַדעלמאַן און וו. באַביט.

אַ חוץ טראָבלס אין סאַניטאַריום זיינען אויך פאָרגע־קומען מחלוקות איבער׳ן סאַניטאַריום. מחלוקות צווישען די סאַניטאַריום קאָמיטעס און דער עקזעקוטיווע. אָבער דאָס גע־הערט שוין צו אַן אַנדער קאַפּיטעל געשיכטע.

בכלל האָט דער סאַניטאַריום אַ גרויסע און אינטערעסאַנטע געשיכטע און מען וואָלט וועגען אַזאַ וויכטיגער אינסטיטוציע אליין געקענט אָנשרייבען אַ גרויס בוך, אָבער מיר קענען דאָס ליידער ניט טאָן צוליב דעם באַשריינקטען פּלאַץ.

מיר וועלען נאָר דאָ דערמאַנען, אז אַזעלכע „אומרוהען", ווי די אויבענדערמאַנטע, האָבען זיך איבערגע׳חזר׳ט אין 1918—19 און 22. (זעה די רעפּאָרטס פון די סאַניטאַריומס צו די קאָנווענ־שאָנס).

## דער רעפּאָרט צו דער 8טער (פילאַדעלפיא) קאָנווענשאָן.

אין די יאָהרען 8-1907 איז געווען אַ גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס אין אַמעריקע. די קאַפּיטאַלען פון דער אינדוסטריע האָ־בען צוגענומען דעם ברויטקאָרב פון די ארבייטער מאַסען. דער

גורל פון די אידישע ארבייטער איז ניט געווען בעסער, אין מאנכע פרטים — נאך ערגער. זיי האבען געוואלט פארקויפען זייער איינ־ציגע סחורה, וואס זיי פארמאגען, — זייער ארבייטס־קראפט. עס האבען זיך אבער ניט געפונען קיין בעלנים, קיין קויפער. די אלע מלאכי חבלה, וואס באגלייטען א קריזיס, האבען פריי און פראנק שפאצירט אויף דער אידישער גאס. דער דלות האט גע־פייפט אין די אידישע הייזער. די ארימקייט איז געווען אומבאַ־שרייבליך. מען פלעגט זיצען גאנצע טעג אהן א שטיקעל ברויט פאר זיך און אהן א ביסעל מילך פאר די קינדער. די נויט האט געטריבען צו פארצווייפלונג, צו יאוש. זעלבסטמארדען זיינען גע־ווארען א טאג־טעגליכע ערשיינונג.

דער ארבייטער רינג איז אבער געוואקסען! ער איז געוואקסען א סך שנעלער, סיי אין קוואנטיטעט, סיי אין קוואליטעט, ווי די גרעסטע פאנטאזיע פון גרעסטען אפטימיסט האט זיך געקענט פאר־שטעלען.

דער יאהר 1907 איז געווען א רעקארד ברעכער אין ארביי־טער רינג.

עס קען מעגליך זיין, אז אט טאקע דער קריזיס גופא איז גע־ווען די אורזאך פון ארבייטער רינגס וואקסען. מענשען האבען אנ־געפאנגען זיך צו שרעקען פאר מארגענדיגען טאג און האבען גע־וואלט האבען כאטש א שטיקעלע אנהאלט. דער ארבייטער רינג האט שוין געהאט א נאמען פאר זיין גרויס, ברייט, מענשליך הארץ. מען האט געוואוסט, אז די מעמבערס פון ארבייטער רינג לא־זען זייערען א פריינד ניט פאלען אין די האלאבליעס פון שווערען לעבען. האט מען זיך אנגעפאנגען צוצוטוליען צו דער גרויסער הארציגער משפחה, באוואוסט אונטער'ן נאמען „ארבייטער רינג“.

עס קען אויך זיין, אז דער ארדען איז אזוי ריזיג געוואקסען, ווייל אין דעם יאהר איז געווען א גרויסער שטראם פון נייע אי־מיגראנטען, וועלכע די רעאקציע אין צארישען רוסלאנד האט פון זיך געטריבען.

עס איז אויך מעגליך, אז די טוער און טאן־געבער האבען גע־כאפט דעם שניט פון אגיטאציע און פראפאגאנדא — אט די צוויי טייערסטע און בעסטע אגענטען פאר יעדער ארגאניזאציע.

ווי עס זאל ניט זיין, דער פאקט איז, אז אין דעם יאהר האט דער ארדען געמאכט א גרויסען, א ריזיגען שריט פארווערטס.

פון 103 ברענטשעס (דעם 31טען דעצעמבער, 1906) איז ער

געוואַקסען ביז 174 ברענטשעס (31טען דעצעמבער, 1907). די צאָהל מעמבערס האָט זיך אין דעם יאהר פארגרעסערט פון 8840 ביז 14158. אַנפאַנג יאָהר 1907 איז דער קאַפּיטאַל פון „נעט אַססעטס“ געווען: $42,037.44, און צום ענדע פון יאָהר האָט דער פּארמעגען באַטראָפען: $73,302.92.

די אַלגעמיינע הכנסה אין יאָהר 1906 איז געווען $53,682.89 און די הוצאה האָט באַטראָפען $41,718.87. אין יאָהר 1907 איז די הכנסה געווען $86,534.52 און די הוצאה האָט אויסגעמאַכט $56,938.96.

די הכנסה פאַר'ן יאָהר 1907 איז געווען מעהר פון דער הכנסה אין 1906 אויף $32,851.68.

די הוצאה איז אין יאָהר 1907 געווען מיט $15,220.09 גרעסער פון דער הוצאה אין 1906.

אין יאָהר 1906 זיינען אריינגעקומען 2733 נייע מעמבערס, און אין יאָהר 1907 זיינען אריינגעקומען 6469, מיט 3736 מעהר.

פון דעם באַריכט איבער'ן יאָהר 1907 וועלען מיר בלויז אַרויס־נעמען אייניגע כאַראַקטעריסטישע שטעלען:

„לויט דעם באַשלוס פון לעצטען קאָנווענשאָן, אַז דער אַרבייטער רינג זאָל קויפען אָדער בויען אַ האָם אָפיס אין ניו יאָרק, מאַנהעטען, זיינען געהאַלטען געוואָרען אייניגע מיטינגען פון דער עקז. צוזאַמען מיט דער קאָנטראָל קאָמיטע און הויז קאָמיטע, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען פאַר דיזען צוועק, צו באַטראַכטען אין וועלכע געגענדען פון שטאָדט עס איז פּאַסענד, אַז דער האָם אָפיס זאָל געקויפט ווערען, ווייל ווי פאַרשטאַ־נען, איז דאָס ניט נאָר אַ האָם אָפיס, פאַר דעם ביזנעס אָפיס פון אַרבייטער רינג, נור אויך אַן אַרבייטער רינג צענטער, אַן אַרבייטער רינג לייסעאום, וואו עס זאָל זיין דער ביזנעס אָפיס, וואו די ברענטשעס זאָלען מיטען. אַ גרויסער האָל פאַר פאַרזאַמלונגען, לעקטשורס, ליטעראַרישע אבענדען, קאָנצערטען, א. ז. וו.

פאַרשידענע הייזער, אין פאַרשידענע געגענדען זיינען פאָרגעלייגט געוואָרען. און נאָך דעם ווי די הויז קאָמיטע האָט באַשלאָסען צו קויפען די 2 הייזער 13—211 הענרי סטריט, האָבען זיי אונז געלאָזט וויסען, און מיר האָבען אויטאָריזירט דעם טשערמאַן און טרעזשורער אַרויסצוגע־בען אַ טשעק, ווען עס וועט זיין נויטיג פאַר אַ דעפּאָזיט ביים שרייבען דעם קאָנטראַקט.

די געגאַנטע הייזער זיינען געקויפט געוואָרען פאַר דעם פּרייז פון 66250 דאָלאַר, אויף דעם האָט דער אַר. רינג אויסגעצאָהלט 10250 דאָלאַר

און די איבעריגע זיינען מאָרטגיידזשעס. אַ ערשטער מאָרטגיידזש אויף 40 טויזענד דאָלאַר און אַ צווייטער — אויף 16 טויזענד דאָלאַר.“

*      *      *

ווען דער קריזיס האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָבען מיר אָנגעפאַנגען צו ערהאַלטען לעטערס פון אונזערע קראַנקע מיטגלידער אין דענווער, אין וועלכע זיי האָבען געשילדערט זייער ביטערע לאַגע. מיר האָבען איינגעזעהן אַז הילפע איז נויטיג, און ניט נאָר נויטיג, נאָר שנעלע הילפע מוז געשאַפען ווערען. ,דאָס בעסטע וואָס מיר האָבען געקענט טהאָן, איז געווען, אַרויסצולאָזען אַן אַפּיעל צו די ברענטשעס. דער אויפרוף צו די ברענטשעס האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטען. עטוואָס ווייניגער ווי 600 דאָלאַר איז אַריינגעקומען פאַר די דענווער מעמבערס, וועלכע מיר האָבען אָבגעשיקט אין דענווער צו אַ קאָמיטע וואָס האָט די געלד פאַנאַנדער געטוילט.,

*      *      *

נאָך פיעלע יאָהרען וואַרטען, איז ענדליך די קאָנסטיטושאָן, דיזען יאָהר אָבגעדורקט און אַרויסגעשיקט געוואָרען צו די ברענטשעס. דער פאַרלאַנג נאָך דער קאָנסטיטושאָן איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז לענגער וואַרטען איז געווען אונמעגליך. דער אָפּיס איז געוואָרען פאַרוואָרפען מיט לעטערס; ברענטשעס האָבען פּראָטעסטירט, און האָבען אויך געהאַט רעכט. שוין 4 יאָהר ווי עס איז ניט געווען קיין געדרוקטע קאָנסטיטושאָן. פאַר די 4 יאָהר זיינען אַריינגעקומען מאַסען נייע מעמבערס; פאַר די 4 יאָהר האָט זיך פיעלע זאַכען געענדערט. אויסער די פּראָטעסטען, פלעגט דער אָפּיס קריגען מאַסען לעטערס פון מעמבערס און ברענטשעס אָנפרעגענדיג קאָנסטיטוציאָנעלע פראַגען. אַזעלכע לעטערס פלעגען אַריינקומען צעהנדליגע אַ טאָג. קורץ, לענגער וואַרטען איז געווען אונמעגליך. מיר האָבען אויפגעפאָדערט דער קאָנסטיטושאָן קאָמיטע, זיי זאָלען פאַרפערטיגען די קאָנסטיטושאָן, און זיי האָבען דאָס אויך געטאָן. זיי האָבען געמאַכט אייניגע קליינע ענדערונגען וואָס עס האָט זיך געפאָדערט צוליעב די געזעצע, די באַשליסע וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען ביי די קאָנווענשאָנס און רעפערענדומס, ווי אויך די רעקאָמענדיישאָנס פון די ברענטשעס, וואָס זיי האָבען געמאַכט מיט אַ יאָהר און אַ האַלב צוריק ווען די קאָנסטיטושאָן איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פאר דיסקוסיאָן און אבשטימונג. מיר האָבען אויך צוגעזעצט פאַרלאַמענטאַרישע רולס ווי צו פיהרען אַ מיטינג, און די קאָנסטיטושאָן איז ענדליך פערטיג געוואָרען.

*      *      *

מיט דעם שטאַרקען וואוקס פון אַרבייטער רינג אין מעמבערס ווי אין ברענטשעס, האָט זיך די ארבייט אין אָפּיס זעהר שטאַרק פאַרגרעסערט

אין אַלע אבטהיילונגען. עס איז געוואָרען אונמעגליך פאַר די 3 אָפיס אָנ־געשטעלטע צו אַטענדען צו דער אַרבייט אין צייט. עס האָט זיך געפאָדערט נאָך אַ פערזאָן. מיר האָבען אָנגעשטעלט אַן אַסיסטענט מיט אַ סאַלערי פון 12 דאָלאַר אַ וואָך. דער אַסיסטענט האָט צו טאָן מיט די מעמבערשיפּ און בענעפיט.

די סאַלערים פון די 4 אָפיס אָנגעשטעלטע באַטרעפט איצט 62 דאָ־לאַר אַ וואָך.

## די הייזער אויף הענרי סטריט.

די הייזער אויף הענרי סטריט, וועלכע זיינען געקויפט געוואָ־רען פאַר א האום אָפיס, האָבען דעם אַרבייטער רינג פאַרשאַפט ניט וועניג טראָבעל. זיי זיינען געקויפט געוואָרען אין א ניט מזל׳דיגער שעה, און גלייך פון אָנפאַנג אָן זיינען זיי געווען די אורזאַך פון פּלאָגעס, חשדים און סכסוכים, און, ווי די מאָדע איז, פון פּראָ־טעסטען.

די „האום אָפיס“ קאָמיטע, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען אויף דער 7טער קאָנוועגשאָן, איז באַשטאַנען פון 5 מעמבערס: פאַטאַ־שין, בר. 3; לייבסאָן, בר. 4; מנקר, בר. 62; אַנאַפּאָל, בר. 2; און גאָלדין, בר. 1. מנקר איז אין דער קאָמיטע ניט געווען אַקטיוו. זיינען געבליבען בלויז פיער. פון די פיער האָבען גאָלדין און אַנאַפּאָל געקויפט די הייזער אַלס א מציאה. די אַנדערע צוויי, פּאַטאַשין און לייבסאָן זיינען, משמעות, ניט געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר דער מציאה. גאָלדין און אַנאַפּאָל, מעמבערס פון דער עקזעקוטיווע, האָבען אַליין געשלאָסען דעם קאָנטראַקט.

דאָס האָט אַרויסגערופען א גרויסען פּראָטעסט.

בר. 3 האָט אַרויסגעשיקט א ליפלעט צו די בּרענטשעס פון גרייטער נויארק און זיי גערופען צו א קאָנפערענץ.

דער ליפלעט איז פול מיט באַשולדיגונגען און אינסינואַציעס. גאָלדין און אַנאַפּאָל ווערען זעהר שטאַרק אָנגעגריפען. אויך די עקז. און קאָנטראָל קאָמיטעס ווערען ניט געשאָנעוועט. זיי ווערען אָנגע־רופען: „די מאַכערס, די שאַלטער און וואַלטער פון אונזער מיט בלוט און שוויים געבויטען אָרדען; א פּאָר זעלבסטזיכטיגע אונ־פאַרטרויענסווערטהע אַפּאָרטוניסטען, וואָס האַלטען דעם אָרדען אין זייער פּאַקעט און זוכען איהם צו רואינירען“.

דער אויפרוף ענדיגט זיך אזוי:

. . . „פארגעסט ניט, פריינדע, אז ווען איהר וועט ניט נעהמען קיין שריטע, קען צו גרונדע געהן דער בלוטיגער קאפיטאל, דער פארמעגען פון אָרדען".

„וואַרט ניט ביז צום נעקסטען קאָנווענשאָן, אפשר קען מען נאָך יעצט באלד עפּעס טהאָן און ניט דערלאָזען, אז א פּאָר דעמאַגאָגען זאָלען אונז אריינפיהרען אין א ריעל־עסטייט טראנזעקשאָן, פון וועלכען מיר וועלען מוזען בלוטען און ריזיקירען דאָס פארמעגען".

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 19טען יאנואר, 1908. עס זיינען געקומען 146 דעלעגאַטען פון 72 ברענטשעס.

ניט ווייניג הייסע בלוט איז אויף דער קאָנפערענץ ארויסגע־רופען געוואָרען.

די קאָנפערענץ האָט ריינגעוואשען די אנגעקלאָגטע. זי האָט איהר פסק דין געלאָזט וויסען דורך פאָלגענדען צושריפט:

ביי דעם קאָנפערענץ וועלכער האָט שטאַטגעפונדען דעם 19־טען יאַנ־וואַר, אין קעפּיטאל האָלל, 43 מאַנהעטען עוועניו, ברוקלין, רעפּרעזענ־טירט די פאָלגענדע ברענטשעס:

1, 2, 3, 4, 6, 7, 8, 11, 13, 17, 23, 24, 25, 28, 35, 36, 37, 38, 39, 42, 43, 47, 49, 50, 51, 52, 53, 54, 55, 56, 57, 59, 64, 66, 68, 72, 75, 76, 77, 80, 82, 85, 86, 87, 88, 89, 91, 93, 96, 97, 99, 100, 101, 102, 107, 108, 115, 122, 123, 124, 130, 133, 134, 136, 139, 140, 143, 144, 145, 146, 148, 150.

צוזאַמען 72 ברענטשעס און 146 דעלעגאַטען.

אויסהערענדיג די קלאַגע פון ברענטש 3 געגען די עקזעקוטיווע און קאָנטראָל קאָמיטע פון די 2 פאַרקלאָגטע הויז קאָמיטע און א 7־ער קאָמיטע פון ברענטש 3. — אויסהערענדיג דיזע 9 קלעגער, און אויסהערענדיג די פאַרקלאָגטע עקזעקוטיווע און קאָנטראָל קאָמיטע זייער פאַרטיידיגונג, זאָ איז באַשלאָסען געוואָרען ביי דיזען קאָנפערענץ די קלאַגען געגען די עקזעקוטיווע און קאָנטראָל קאָמיטע צוריק צו ווייזען און ריין וואַשען די אָנגעקלאָגטע. באַשלאָסען גלייך פון קאָנפערענץ ארויס שיקען צו אַלע ברענטשעס פון אַרבייטער רינג אונזער באַשלוס.

י. אַלפּערט, דעלעגאַט בר. 23, טשערמאַן

ס. יעלין, דעלעגאַט ברענטשעס 122־123 אַלבאַני און טראָי

סעק. פון דיזען קאָנפערענץ.

די עקזעקוטיווע האָט אין איהר באַריכט צו דער קאָנווענשאָן דעם גאַנצען ענין פאַרשוויגען. די קאָנטראָל קאָמיטע האָט ניט

דערמאנט די קאנפערענץ. זי האט אבער אבגעגעבען א גרויסען פלאץ אין איהר באריכט וועגען דער גאנצער געלעגענהייט.

אט וואס זי דערצעהלט:

אלס קאנטראל קאמיטע האבען מיר אויך געהאט צו אונטערזוכען א קלאגע פון דער הויז קאמיטע.

די קלאגע איז געמאכט געווארען פון איין טהייל פון דער הויז קאמיטע געגען דער צווייטער. 2 פון דער הויז קאמיטע, די פריינד ליבסאן און פאטאשין, האבען געמאכט א קלאגע אויף די אנדערע 2, די פריינד גאלדין און אנאפאל, אז ביים מאכען דעם קאנטראקט, זיינען די ערשטע צוויי ניט געווען, מען האט זיי ניט גערופען. און אויף דעם גרונד פון דיזער לאגע האבען זיי געמאכט נאך איינציגע קלאגעס, אז די קאנדי־שאנס זיינען ניט קיין גוטע און גינסטיגע פאר דעם ארבייטער רינג, אז מען האט איבערגעצאהלט 250 דאלאר.

מיר האבען די קלאגען גרינדליך אונטערזוכט ביי איינציגע מיטינ־גען, און אויסהערענדיג אלעמען, וואס האבען געהאט צו טהאן מיט דער הויז, האבען מיר אויסגעפונען אז די קלאגען האבען קיין שום גרונד און קיין ווערטה ניט, אז די קאנדיציאנען זיינען ניט געווען קיין שלעכ־טע, אז די 250 דאלאר איז ניט געווארען איבערגעצאהלט, נאר פאר ביליגער וואלט מען די הייזער ניט געקענט קויפען. מיר האבען איינגעזעהן אז די אלע קלאגען, זיינען נור דאפיר, וואס ליבסאן און פאטאשין זיינען ניט געווען ביים מאכען דעם קאנטראקט. און עס וואלט ניט אנדערש גע־ווען, ווען זיי וואלטען יא געווען.

די איינציגע קלאגע וואס איז געווען, איז ווארום זיי זיינען ניט גערופען געווארען ביים מאכען דעם קאנטראקט. די פר. אנאפאל און גאל־דין האבען געמאכט פאלגענדע ערקלעהרונג:

„נאך דעם ווי די קאמיטע האט געהאט פיעלע מיטינגען, צו באטראכ־טען פארשידענע פראפאזישאנס פון הייזער, נאך דעם ווי זיי האבען גע־האלטען פיעלע מיטינגען, ווען מען האט זיך אפגעשטעלט ביי די הייזער, און די פריינדע ליבסאן און פאטאשין זיינען געווען דאפיר מען זאל נאר די הייזער קויפען, נאך דעם ווי אן ארכיטעקט און א בילדער האבען באטראכט די הייזער און געפונען די הייזער פאסענד פאר דעם צוועק צו וועלכען מיר קויפען זיי, האבען זיי, די פריינד ליבסאן און פאטאשין, ביי א מיטינג פון דער קאמיטע, ערקלערט, אז זיי וואהנען אין ברוקלין און זיי איז שווער צו קומען, און האבען איבערגעגעבען גאלדינען מיט ארנאפאלן, אלס קאמיטע, צו מאכען א סוף.

די קאָמיטע וויסענדיג אַז ליבסאן און פּאטאשין זיינען איינפערשטאַנען די הייזער צו קויפען, און זיינען אויך געווען איינפערשטאַנען מיט דעם פּרייז, וואָס איז געבאָטען געוואָרען, נאָר זיי האָבען געזאָגט, פּיליכט וועט מען קענען עטוואָס אַרונטער דריקען, און זייענדיג אונטער דעם איינדרוק אַז זיי האָבען זיי איבערגעגעבען צו סעטלען, האָבען ניט געפונען פאַר אַ שטאַרקע נויטווענדיגקייט זיי צו רופען ביים מאַכען דעם קאָנטראַקט".

די פריינדע פּאטאשין און ליבסאָן האָבען ערקלערט אַז עס איז אמת, זיי האָבען איבערגעגעבען צו פאַרהאַנדלען, זיי האָבען אָבער ניט געמיינט אַז זיי זאָלען סעטלען אין גאַנצען אָהן זיי.

מיר האָבען איינגעזעהן, אז עס איז ניט געווען קיין פּערזענליכער צוועק פון די אַנדערע צוויי ניט צו רופען די פריינדע פּאטאשין און ליבסאָן, עס איז געווען אַן אונפאָרזיכטיגע האַנדלונג. עס האָט אָבער ניט געשטעקט אין דעם אירגענד וועלכער פאַרברעכען. אָבער אין פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישע פּאַרוואַלטונג, טאָר אַ מינאָריטעט פון אַ קאָמיטע ניט האַנדלען אַליין.

און צוליעב דיזען דעמאָקראַטישען פּרינציפּ, האָבען זיי ניט געטאָרט אַליין האַנדלען און נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט ביים שרייבען דעם קאָנטראַקט, און מיר האָבען זיי דארום געטאַדעלט.

ווי פריהער געזאָגט, האָט די אונטערזוכונג פון דיזער קלאָגע ביי אונז גענומען איניגע מיטינגען, און פון דער אונטערזוכונג פון דיזער קלאגע זיינען מיר געקומען צום שלום, אז ווען די פר. גאָלדין און אנאַפּאָל וואָלטען אין דער זעלבער צייט ניט געווען קיין עקזעקוטיווע מעמבערס, וואָלטען זיי פיליכט ניט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט, ווען זאָגאָר זיי זיינען געוואָרען אויטאָרייזט. און מיר האָבען באַשלאָסען צו רעקאָמענדירען, אַז אין דער צוקונפט זאָל קיין עקז. אָדער קאָנטראָל מעמבער ניט קענען זיין אין קיין סטענדינג קאָמיטע וואָס די קאָנווענשאָן ערוועהלט. ד. ה., קיין מעמבער זאָל ניט קענען זיין אין צוויי קאָמיטעס.

די קאָנפערענץ, וואָס האָט ריינגעוואשען די אָנגעקלאָגטע, האָט דעם סכסוך ניט געענדיגט. די ברענטשעס, וועלכע זיינען געווען זעהר לאָיאַל צו די פאַרוואַלטענדיגע קאָמיטעס, האָבען אָנגעקלאָגט בר. 3 פאַר דער נייישאַנאַל באָרד אָוו דירעקטאָרס דערפאַר, וואָס בר. 3 האָט גערעדט לשון הרע אויף דער עקזעקוטיווע.

די נ. ב. אָוו ד. האָט געפונען בר. 3 „שולדיג“, און האָט איהם באַר'משפּט.

דער אורטייל איז געווען :

א) דאס בר. 3 זאל צוריק רופען זיינע באהויפטונגען קעגען אונזערע נאציאנאלע אפיסערס דורך דער פרעסע.

ב) דאס בר. 3 זאל ארויסשיקען א סירקולאר צו אלע ברענ־טשעס, און צוריקרופען זיינע באהויפטונגען.

ג) די מעמבערס פון בר. 3 זאלען אויך ניט האבען קיין רעכט צו זיין פארטראטען אין דער פארוואלטונג פון א. ר. אויף איין יאהר צייט, פון דעם 15טען פעברואר, 1908, ביז דעם 15טען פעב־רואר, 1909.

ברענטש 3 האט זיך אבער ניט אונטערגעווארפען דעם פסק־דין פון דער נייטאנאל באארד און דירעקטארס. האט די העכסטע אינסטאנץ אין א. ר. דערפאר אויף דעם ברענטש ארויפגעלעגט א גרעסערע שטראף.

„דערפאר, וואס בר. 3 — האט גע'פסקנ'ט די נ. ב. און ד. — איז ניט נאכגעקומען די ערשטע צוויי באשליסע אין צייט פון 30 טעג, וואס איז איהם געגעבען געווארען, זאלען זיינע מעמבערס ניט זיין בארעכטיגט צו וועלכען עס איז אמט אין דער פארוואלטונג אויף נאך איין יאהר, ביז דעם 15טען פעברואר, 1910".

בר. 3 האט אפעלירט געגען דעם פסק־דין צו דער 8טער קאנ־ווענשאן.

די קאנווענשאן האט אויסגעקליבען א 5ער קאמיטע, וואס זאל פארהאנדלען דעם אפיעל פון בר. 3.

אויף דער 4טער זיצונג, וואס איז פארגעקומען פרייטאג, דעם 8טען מאי (1908), האט די 5ער קאמיטע איבערגעגעבען איהר באשלוס וועגען דעם אפיעל פון בר. 3.

אין די פראטאקאלען פון דער 8טער קאנווענשאן לעזען מיר :

„נאך דעם ווי מיר די 5־ער קאמיטע, האבען אויסגעהערט אלע צדדים, און אונטערזוכט אלע איינצעלהייטען, וועלכע באציהען זיך די־רעקט אדער אינדירעקט צו דעם אויבען־געגעבענעם אפיעל, געפינען מיר פאר געזעצליך און ריכטיג די האנדלונג פון די נייטיאנאל באארד אף דירעקטארס.

„נור, אזוי ווי מיר געפינען דאס דער צוגעגעבענער יאהר שטראפע איז צוגעגעבען געווארען אויף דעם טעכנישען גרונד, דאס ברענטש 3, האט איבערגעטראטען דעם 30 טעג אפיל געזעץ.

„רעקאָמענדירען מיר איינשטימיג צו דער קאָנווענשאָן,
„דאָס די צווייטע דעסיזשאָן פון נײשיאָנאַל באָארד אָף דירעקטאָרס
זאָל צוריק גערופען ווערען און דער ערשטער באַשלוס זאָל בלייבען.
אונטערגעשריבען,

ב. גילמאַן, ברענטש 23, נוארק, מ. ליפסאן, בר. 2, ניו יאָרק.
מ. גאָרדאָן, בר. 15, האַרטפאָרד, א. העלד, בר. 63 קענזאַס סיטי,
ס. גאָלדבערג, בר. 171 בראָקטאָן".

דער טשערמאַן נעמט אַ וואוט ווענען דיזען דעסיזשאָן ביי „יא" און „ניין" און דער „יא" איז זעהר גרויס.

די דעלעגאַטען פון ברענטש 3, פאַרלאַנגען אַז מען זאָל נעמען צו אַן אָבשטימונג ביי ראָלל קאָלל, זייער פאַרלאַנג ווערט באַוויליגט.

עס ווערט אָבגעגעבען אַ קלאָוז וואוט, און מען קומט ניט צו קיין רעזולטאַט, און עס ווערט באַשלאָסען דעם אַפּיעל פאַרצונעמען ביי דער קאָנווענשאָן.

פר. י. סמיטה, דעלעגאַט פון ברענטש 3, לעזט פאָר דעם אַפּיל פון ברענטש.

וו. באַקסט, סעקרעטער נײשיאָנאַל באָארד אָף דירעקטאָרס, ערקלערט, אז די שטראָפען וואָס זיי האָבען אַרויפגעלייגט אויף ברענטש 3, איז געווען פאַר איבערטרעטען די קאָנסטיטושאָן פון אַרבייטער רינג, אַרויסשיקענדיג א סירקולאר־לעטער צו אלע ברענטשעס, מיט באַשולדיגונגען אויף דער עקזעקוטיווע, און איינרופען אַ קאָנפערענץ, בעפאָר זיי האָבען אָנגעווענדעט די מיטלען וואָס די קאָנסטיטושאָן שרייבט פאָר, — זיך ווענדען מיט דער קלאַגע צו דער קאָנטראָל קאָמיטע, און אויב זיי זיינען ניט איינפערשטאַנען מיט דער דעסיזשאָן פון דער קאָנטראָל קאָמיטע, זיך ווענדען צו דער נײשיאָנאַל באָארד אָף דירעקטאָרס און ערשט דאַן זיך ווענדען צו די ברענטשעס.

י. סמיטה, ערקלערט, אַז זיי האָבען זיך געווענדעט צו דער קאָנטראָל קאָמיטע, זיי האָבען געשיקט אַלס קאָמיטע ליבסאָן און פאָטאַשין, און זיי זיינען ניט געווען איינפערשטאַנען מיט דער דעסיזשאָן פון דער קאָנטראָל קאָמיטע, דאַפיר האָבען זיי צוזאַמענגערופען דעם קאָנפערענץ.

פאָלגענדער סטייטמענט ווערט געמאַכט פון דער קאָנטראָל קאָמיטע:

„צום טשערמאַן און דעלעגאַטען פון דער אַכטער יעהרליכער קאָנווענשאָן".

„מיר די אונטערשריבענע ערקלערען, אַז דער ברענטש 3, איז קיינ־

מאָל ניט געקומען מיט קיינע קלאָגען צו דער קאָנטראָל קאָמיטע, געגען אירגענד וועלכען מעמבער פון דער הויז קאָמיטע".

אונטערשריבען:

ס. סאָוועצקי, ה. גראַף, פּ. לעווין, ד. זארין, א. וואליצקי און מ. דאָווידאָף. — מיטגלידער פון דער קאָנטראָל קאָמיטע.

פריינד מ. ליבסאָן, מאַכט פאָלגענדען געשריבענעם סטייטמענט:

„טשערמאַן און דעלעגאַטען!"

„אין נאָמען פון גערעכטיגקייט, ערקלער איך, אַז איך בין קיין מאָל ניט געווען פאַרטראָטען אלס קאָמיטע צו דער קאָנטראָל קאָמיטע אין דעם נאָמען פון ברענטש 3.

אונטערשריבען — מ. ליבסאָן, ברענטש 4".

געגנאָסע מ. לאָנדאָן, דער לאָיער פון אַרבייטער רינג, ערקלערט די גאַנצע אַנגעלעגענהייט, און צייגט איבער אַז די אַלע באַשולדיגונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען האָבען קיין גרונד ניט און זיינען ניט ריכטיג, ער ערקלערט: אַז געזעצליך קען מען ניט אויסשליסען קיין ברענטש פון דאָס רעכט צו זיין פאַרטראָטען אין דער פאַרוואַלטונג פון אַרבייטער רינג".

א פאָרשלאַג ווערט געמאַכט און אָנגענומען:

דאָס די קאָנווענשאָן געפינט, אין פּרינציפּ ברענטש 3 שולדיג, וועלכע איז ווערט די שטראַפע, נאָר מען קען זיי ניט באַשטראָפען, ווייל עס איז געגען געזעץ, ווערען זיי דארום געטאַדעלט".

די הייזער האָבען שפּעטער פאַרשאַפט אנדערע עגמת נפש, קיין האום אָפּיס האָט מען פון זיי ניט געקענט מאַכען. ביי דער 13טער קאָנווענשאָן איז ערוועהלט געוואָרען א ספּעציעלע קאָמיטע, וואָס זאָל פאַרקויפען די הייזער. די קאָמיטע איז באַשטאַנען פון א. סמיט, בר. 3; ס. יעלין, בר. 6; ל. ראָטהמאַן, בר. 195; ש. בולגאַטש, בר. 1 און ב. וואָלף, בר. 3.

זומער, 1913, זיינען די הייזער סוף־כל־סוף פאַרקויפט געוואָרען מיט א גרויסען פאַרלוסט.

# דער באַריכט פון דער ערשטער ניישאָנאַל באָרד און דירעקטאָרס.

אין דעם רעפּאָרט צו דער 8טער קאָנווענשאָן איז פאַראַן דער ערשטער באַריכט פון ניישאָנאַל באָרד און דירעקטאָרס.

די נ. ב. אָ. ד. האָט אָפּגעהאַלטען צוויי מיטינגען, דעם 9טען

און דעם 10טען נאוועמבער, 1907, און דעם 15טען און 16טען פעברואר, 1908.

דער באריכט דערצעהלט, אז די נײשאנאל באָרד האט אין אנפאנג אליין ניט געוואוסט איהרע אויפגאבען, איהרע רעכטען און פליכטען. שפּעטער האבען די דירעקטארען אליין באשטימט זייער ארבייט. אין זייערע פונקציאנען געהען אריין: 1) קאנטראלירען דעם אפּיס; 2) פונקציאנירען אלס די העכסטע אפּעלאציאנס געריכט; 3) צו באזארגען די שריפטליכע און מינדליכע פּראפּאגאנדא פאר׳ן א. ר. און די גייסטיגע ענטוויקלונג פון אלע מיטגלידער; 4) די אויפזיכט איבער דער טעטיגקייט פון די סטייט קאמיטעס; 5) אויספילען וואקאנסען א. אז. וו.

בכלל איז צו זעהן פון באריכט, אז די נ. ב. האט נאך געטאפּט אין דער פינסטער.

בנוגע דער „פארוואלטונג אין אפּיס" גיט די נ. ב. צו וויסען, אז אלץ איז אויסגעצייכענט. אונטער „די קלאגען און אפּעלאציאנען" דערצעהלט דער באריכט, אז די נ. ב. האט געהאט צו טאהן מיט דעם סכסוך צווישען ברענטש 3 און אנדערע ברענטשעס איבער די „הייזער אויף העגרי סטריט" און האבען פאר׳משפּט בר. 3.

די דירעקטארען רעקאמענדירען ווייטער אן עדיוקיישאנאל ביורא, אונטער דער אויפזיכט פון די נ. ב. און דירעקטארען. די אויפגאבע פון דער ביורא זאל זיין, צו באזארגען אלע ברענטשעס מיט לעקציעס, טעמאס פאר פארלעזונגען און טעמאס פאר דיסקוסיעס א. אז. וו.

„מיר גלויבען ניט אז יעמאנד פון די דעלעגאטען וועלען זיין דאגעגען אזא ביורא, וועלכע איז כמעט די הויפּט אויפגאבע פון אר. רינג די איינציגע פראגע וועלכע באשעפטיגט די קאנטרי ברענטשעס, איז די גייסטליכע זייט פון אר. רינג, און מיר גלויבען אז דורך איין סיסטעמאטישע עדיוקיישאנאל ביורא, וועלען מיר האבען דיזע פראגע געלייזט. מיר רעקאמענדירען אויך אז טויזענד דאלאר זאל באוויליגט ווערען פאר די ביורא, און דאס זאל פארוואלטעט ווערען געמיינשאפטליך מיט די עקזעקוטיוו און קאנטראל קאמיטעען".*

ווענען שריפטליכע פּראפּאגאנדא זאגט דער באריכט:

„די אויסגאבען פאר שריפטליכע פּראפּאגאנדא לעצטעס יאהר זיינען געווען זעהר קליין. די אורזאכען זיינען געווען, ווייל עס

*) דער זיבעטער יעהרליכער רעפּארט צו דער אכטער קאנווענשאן, ז. 59.

זיינען נים געווען קיינע שרייבערס פאר ארטיקלען, און דער „פארווערטס"
האט זיך אנטזאגט צו נעהמען באצאהלט פאר ארטיקלען.

דארום רעקאמענדירען מיר, אז אנשטאט די טויזענד דאלאר וועלכע
עס זיינען לעצטען יאהר באוויליגט געווארען, זאל נאר 5 הונדערט באַ־
וויליגט ווערען".

און וועגען די סטייט קאמיטעס רעקאמענדירט די נ. ב., אז
„זיי (די סטייט קאמיטעס) זאלען אויפגעהאלטען ווערען לויט דער
קאנסטיטוציע. בנוגע דער ארבייט פון גרינדען ברענטשעס זאלען
זיי שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון די עקז. קאמ. די עקז. קאמ.
זאל געבען די מעגליכקייט דעם סטייט דירעקטאר, פון צייט צו צייט
צו בעזוכען די ברענטשעס אין זיין סטייט, און געבען אויפזיכט
איבער די טהעטיגקייט פון די ברענטשעס".

# די רעקאמענדאציעס פון דער נ. ע. ק. צו דער אכטער קאנווענשאן.

צווישען די וויכטיגע רעקאמענדאציעס פון דער נ. ע. ק. צו
דער 8טער קאנווענשאן, זיינען:

1) אז די קראנקען און קאנסאמפשאן בענעפיטס פאר די
מעמבערס פון קלאס צוויי זאל זיין גלייך מיט'ן ערשטען קלאס.
זי רעקאמענדירט עס, ערשטענס צוליב דעם, וואס די מעמבערס
פון צווייטען קלאס, וועלכע קימערען זיך ניט צו פארגרעסערען
אינשורענס נאכ'ן טויט, וועלען אבער האבען מעהר פראטעקשאן
אין צייט פון לעבען, און צווייטענס: אויב עס זאל אנגענומען ווע־
רען דער פארגעשלאגענער געזעץ, אז יעדער מעמבער זאל צאהלען
פאר טויטען בענעפיט, א געוויסע רייט, לויט זיין עלטער, וועט
פיעלע מעמבערס זיין שווער צו צאהלען דיעזע רייט, און זיי וועלען
זיין צופרידען צו באלאנגען צום צווייטען קלאס.

2) אנצושטעלען אן אסיסטענט סעקרעטער, ווייל די ארבייט
אין אפיס איז זעהר פיעל און די פיער פערזאנען אין אפיס זיינען
פשוט ניט אימשטאנד צו באזארגען אזוי פיעל ארבייט.

3) אן ענדערונג אין דעם בענעפיט פון כראנישע קראנקע.

4) אז די מיטגלידער פון די סטענדינג קאמיטעס טארען ניט
זיין אין דער אייגענער צייט מיטגלידער אין עקז. און קאנטראל
קאמיטעס.

דער רעפּאָרט פון דער נ. ע. ק. צו דער 8־טער קאָנווענשאָן שטעלט זיך אָפּ אויף די סטייט קאָמיטעס. מיר וועלען דאָ ציטירען איינינע שטעלען.

„ביי דער 4־טער ווי אויך ביי דער 5־טער יעהרליכע קאָנווענשאָנס, איז באַשלאָסען געוואָרען, עס זאָל זיין סטייט קאָמיטעס*) די אַרגומענטען וואָס מען האָט געגעבען פאַר סטייט קאָמיטעס, זיינען געווען: ערשטענס, ווערט די עקזעקוטיווע און קאָנטראָל קאָמיטעס ערוועהלט פון ניו יאָרקער מעמעברס ,די קאָנטרי ברענטשעס קענען ניט נעהמען קיין אַנטייל אין דער פאַרוואַלטונג, און דאָס ברייננט מיסטרויען; צווייטענס, וועט דורך סטייט קאָמיטעס זיין מעגליך אָנצופיהרען די אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט און עס וועט קאָסטען וועניגער. אַנדערע האָבען נאָך צוגעגעבען, אז די סטייט קאָמיטעס קענען בעסער וויסען וואָס עס טהוט זיך ביי זיי אין סטייט ווי די עקזעקוטיווע וואָס איז אין ניו יאָרק. דאָס אומגעפעהר, זיינען געווען די הויפּט אַרגומענטען פון די וואָס זיינען געווען פאַר סטייט קאָמיטעס. דער מוסטער איז גענומען געוואָרען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס ווערט פאַרוואַלטעט דורך סטייט קאָמיטעס.

אין דיזער צייט האָבען מיר געהאַט די געלעגענהייט מעהר צו באַקענען זיך מיט דעם כאַראַקטער פון אַרבייטער רינג. אין דיזער צייט האָט מען געקענט זעהן וואָס די סטייט קאָמיטעס האָבען אויפגעטאָן, און וואָס זיי קענען אויפטאָן, אויף וויפיעל זיי זיינען שעדליך פאַר דעם אַרבייטער רינג.

און עס איז וויכטיג מען זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל די פראַגע גרינדליך דיסקוטירען.

מיר וואָלטען אויך די פראַגע ניט אויפגעהויבען, ווען מיר וואָלטען ניט באַמערקט ביי מאַנכע פון די סטייט קאָמיטעס אַ געוויסע שטרעבונג, וועלכע וועט נאָך אונזער מיינונג מוזען פיהרען צו שלעכטעס פאַר דעם ארבייטער רינג אין דער צוקונפט.**)

די סטייט קאָמיטעס אלס סטייט קאָמיטעס, לויט זייער כאַראַקטער קענען גאָר ניט טהאָן.

---

*) פאַקטיש האָבען די סטייט קאָמיטעס זיך געגרינדעט אין 1902. עס איז גראדע געווען נאָך דעם „טשאַרטער שלאַכט" און מען האָט זיך ניט אַריינגעטראכט אין דער צוקונפט פון אַרבייטער רינג, און עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו האָבען סטייט קאָמיטעס. פון יענער צייט איז שוין אַוועק איינינע יאָהר.

**) דאָס איז אן אָנצוהערעניש אויף דער געפאַהר, דאָס א סטייט קאָמיטע זאָל זיך ניט ערקלערען פאַר די פאַרוואַלטערין פון אר. רינג אין דעם סטייט, און זיך אין גאַנצען אָפּשפּאַלטען פון ניו יאָרק, ווי עס איז געווען אין מאַסאַטשוזעטס. — ז.

לאָמיר צוגעבען, אויף אַ ווײַלע, אז זיי קענען יא עטוואָס טהאָן, איז אָבער פאַלש צו זאָגען, אַז די ברענטשעס פון אַ געוויסען סטייט האָבען מעהר געמיינשאַפטליכעס ווי מיט די ברענטשעס פון אַ צווייטען סטייט. עס וועט זיין פאַלש, ווען מען זאָל וועלען באַהויפטען, אַז פיטסבורג מיט פילאַדעלפיא, האָבען מעהר געמיינשאַפטליכעס ווייל זיי זיינען אין איין סטייט, ווי פילאַדעלפיא מיט קעמדען למשל, ווייל קעמדען איז אין אן אַנדער סטייט, טראָץ דעם וואָס עס קאָסט פאָהרען פון פילאדעלפיא אין קעמדען, אייניגע סענט, און פון פילאַדעלפיא אין פיטסבורג אַ שיינע עטליכע דאָלאר. עס וועט זיין פאלש צו בעהויפטען, אז אַטלאַנטיק סיטי מיט דזשוירזי סיטי האָבען מעהר געמיינשאַפטליכעס ווי דזשוירזי סיטי מיט נויאָרק, ווייל זיי זיינען אין צוויי בעזונדערע סטייטס.

זיכער איז אבער, אז ווען א סטעמפאָרדער דעלעגאט וועט שוין יא פאָהרען צו א סטייט קאָמיטע מיטינג, וועט פאר איהם זיין פיעל בעסער צו פאָהרען אין נויאָרק איידער אין האַרטפאָרד.

אויב עס איז שווער צו האָבען סטייט מיטינגס, אויב עס איז ניטאָ קיין געמיינשאַפטליכע אינטערעסען, צוליעב וועלכען צוועק מען זאָל דאר־פען סטייט מיטינגס, איז אָבער נויטיג די סטייט קאָמיטעס, — וועלען מאַנכע זאָגען, — אום די קאָנטרי זאָל נעהמען אן אנטהייל אין דער פער־וואלטונג, און זאָלען האבען צוטרויען צום אַ. ר. ,פון דעם שטאַנדפונקט וואָלט פילייכט געווען ריכטיג צו האָבען סטייט קאָמיטעס, אָבער די נױ־שאָנאל באָאַרד אָף דירעקטאָרס טהוט דאָך שוין די ארבייט.

די געפאהר פאר דעם אַרבייטער רינג פון די סטייט קאָמיטעס בע־שטעהט אין דעם, וואָס פון ארבייטער רינג קען ווערען דאָס זעלבע, וואָס עס איז געוואָרען פון דעם עלטסטען גרעסטען אָרדען אין יונייטעד סטייטס, דער „ענשיענט אָרדען יונייטעד וואָרקמען“, וועלכער איז צוליעב די סטייט דזשוריסדיקשאָנס געוואָרען צוריסען אויף שטיקער.“

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז די נײשאָנאל באָרד אָוו דירעק־טאָרס האָט דוקא רעקאָמענדירט, די סטייט קאָמיטעס זאָלען בלײ־בען, ווי בעפאר.

אין דעם רעפּאָרט צו דער 8טער יעהרליכער קאָנווענשאָן איז צוגעקומען א נייעס, און דאָס איז די רעקאָמענדיישאָנס פון די ברענטשעס.

דאָס איז געווען זעהר א וויכטיגע נייע איינפיהרונג. זי האָט געוואָרפען א ליכט איבער דער טעטיגקייט פון די ברענטשעס, זייערע פאַרלאַנגען און האָפענונגען.

גאנצע 18 דרוקזייטען איז דעם רעפּאָרט זיינען פול מיט די רעקאָמענדאציעס פון די ברענטשעס.

איז דעם רעפּאָרט איז אויך אָבגעדרוקט די פאָלגענדע ליסט פון די בעאַמטע פאַר'ן יאהר 1907—1908:

דזשענעראַל עקזעקוטיווע:

ה. גאָלדין, טשערמאן
ל. סטרוגאַטש, וויס טשערמאן
א. עפּשטיין, טרעזשורער
י. וויינבערג
י. אנאַפּאָל
ב. שפּינראד
י. האלפּערין
מ. אלטשולער
ה. שמערלער

קאָנטראָל קאָמיטע:

פ. לעווין, טשערמאן
ס. סאוועצקי
דזש. גאָלדשטיין
א. וואליצקי
ד. סארין
א. לאנגער
מ. ערליך
ה. גראף
י. וויינטרויב, סעקרעטער,
מ. ווינטשעווסקי, אוידיטאָר
מ. לאָנדאָן אַטאָרני
ס. שלעזינגער, בוך־קיפּער

נײשיאָנאַל באָארד אָף דירעקטאָרס (די ערשטע):

ס. מענאקער, ניו דזשוירזי
ב. פרידמאן, ניו יאָרק
מ. שלייפער, פּענסילווייניע
ב. פעלדמאן, קאָנעקטיקוט
ל. בענענסאָהן, אילינאָיס
מ. פעלדמאן, מערילענד
מ. פיליפּס, דיסטריקט קאָלאָמביע.
דזש. בארנשטיין, מאסס.
וויל. באקסט, ראוד איילאנד, סעק.

## די אַכטע קאָנווענשאָן.

די אכטע קאָנווענשאָן איז געהאלטען געוואָרען דעם 7טען, 8טען, 9טען און 10טען מאי, 1908, אין ניו אָדיטאָריום האָלל, פילאדעלפיא, פּאַ.

די קאָנווענשאָן איז ערעפענט געוואָרען דאָנערשטאג, דעם 7טען מאי, 10 אַזייגער אין דער פריה, דורך ה. גאָלדין, טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע.

פּראָטאָקאָל סעקרעטער פון קאָנווענשאָן איז געווען א. ראַזאלאָווסקי פון בר. 88.

צווישען די רעזאָלוציעס, וואָס די קאָנוועגשאָן האָט אָנגענומען, איז געווען, אז „די ברענטשעס זאָלען אויף זיך נעמען די איניציאַטיווע צו גרינדען כאָציאַליסטישע קינדער סקולס, ווי עס האָבען שוין געטאָן אייניגע ברענטשעס פון ארבייטער רינג"*).

די פונקטען, וואָס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען נאָך דער 8טער קאָנווענשאָן צום רעפערענדום, זיינען געווען:

דער ארבייטער רינג זאָל באַוויליגען 300 דאָלאַר פאַר א גערשוני מאָנומענט, ווען א קאָמיטע פון קאָמפּעטענטע פּערזאָנען וועלען אויף זיך נעמען די איניציאַטיווע, צו שאַפען א גערשוני מעמאָריעל פאָנד.

צו שטיצען די „היברו אייד עמיגראַנט סאָסייעטי" פינאַנציעל און מאָראַליש, פאַר זייער גוטע ארבייט, וואָס זיי טוען פיר די אָרימע אימיגראַנטען, קיין אונטערשיעד, קאָנסערוואַטיווע אָדער ראַדיקאַלע.

1) די עקזעקוטיוו קאָמיטע זאָל באַשטעהן פון 15 מיטגלידער, און די ארבייט צו אונטערזוכען סיק סערטיפיקייט ווי אויך פיונעראַל סטייטמענטס, זאָל זיין אונטער די אויפזיכט פון דער עקזעקוטיווע און ניט קאָנטראָל קאָמיטע.

(אַמענדמענט צו קאָנסטיטושאָן אַרטיקעל 16, סעקשאָן 2.)

2) קיין מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, קאָנטראָל אָדער סטענדינג קאָמיטע זאָל ניט זיין קיין מיטגליד פון א צווייטע קאָמיטע, וואָס האָט צו טאָהן מיט די דזשענעראַל פאַרוואַלטונג פון ארבייטער רינג.

די סטענדינג קאָמיטעס זאָלען שטעהן אונטער די אויפזיכט פון דער עקזעקוטיווע. די עקזעקוטיווע זאָל זיין פאַרטראָטען אין די סטענדינג קאָמיטעס דורך דעלעגאַטען אָהן שטים-רעכט.

(אַמענדמענט צו קאָנסטיטושאָן אַרטיקעל 16, סעקשאָן 1.)

3) מעמבערס פון קלאַס צוויי (2) זאָלען קריגען די זעלבע קראַנקען און קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט וואָס די מעמבערס פון קלאַס 1.

(אַמענדמענט צו קאָנסטיטושאָן אַרטיקעל 8, סעקשאן 5 און אַרטיקעל 9, סעקשאָן 5.)

4) פרויען זאָלען קענען אריינגעהן אלס נייע מעמבערס אָדער זיך טראַנספערירען אין קלאַס 1 ווען זיי ווילען.

(אַמענדמענט צו קאָנסטיטושאָן אַרטיקעל 2, סעקשאָן 2 סי.)

5) עס זאָל באַוויליגט ווערען (2,000) צוויי טויזענד דאָלאַר פאַר אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט פאַר דיזען יאָהר, און עס זאָל ווערען פאַרוואַלטעט פון דער עקזעקוטיווע צוזאַמען מיט דער קאָנטראָל קאָמיטע.

---

*) זעה באַריכט פון 8טער קאָנווענשאָן, ז. 117.

6) עס זאָל באַוויליגט ווערען 1,500 דאָלאר פאר שריפטליכע אגי־טאַציאָן פאר דיזען יאָהר.

7) אַלע דעלעגאַטען פון דער עקזעקוטיווע זאָלען האָבען דאָס רעכט צו זיין פארטראָטען ביי די קאָנווענשאָנס אָהן שטים רעכט.

(אַמענדמענט צו קאָנסטיטושאָן ארטיקעל 18.)

8) סטייט קאָמיטעס זאָלען אנערקענט ווערען נאָר אַזעלכע, וועו די סטייט קאָמיטע איז צוזאַמענגעשטעלט, ניט נאָר פון די בראַנטשעס פון שטאָדט, נאָר אויך פון די קאָנטרי בראַנטשעס, און

סטייט קאָמיטעס זאָלען האָבען דאָס רעכט צו טעקסען יעדען מעמ־בער פון סטייט מיט 40 סענט א יאהר פיר פארוואלטונג, ווען דער באַ־שלוס פון א טעקס וועט דורכגעהן א רעפערענדום פון יעדער סטייט באַ־זונדער.

(אַמענדמענט צו קאָנסטיטושאָן אַרטיקעל 16, סעקשאָן „סטייט קאָ־מיטעס".)

9) עס זאָל באַוויליגט ווערען 1,000 דאָלאר פאר עדיוקיישאָנאל אר־בייט, און די עדיוקיישאָנאל ביוראָ זאָל שטעהן אונטער די אויפזיכט פון דער נײשאָנאל באָארד אָף דירעקטאָרס און עקזעקוטיוו קאָמיטע.

10) קראנקען בענעפיט פאר כראָנישע קראנקע דעם דריטען יאהר זאָל זיין 12 וואָכען צו 3 דאָלאר א וואָך און ניט מעהר.

(אַמענדמענט צו קאָנסטיטושאָן ארטיקעל 8, סעקשאָן 4.)

11) דער 3 סענט רוסישער רעוואָלוציאָנערער פאָנד זאָל בלייבען ווי לעצטען יאהר.

12) די רעפּרעזענטיישאָן צו דער נעקסטער קאָנווענשאָן זאָל זיין 1 דעלעגאַט פון יעדע 75 מעמבערס (קלאַס 1 און 2) אָדער א מעהר טהייל דערפון.

(אַמענדמענט צו קאָנסטיטושאָן אַרטיקעל 18, סעקשאָן 3.)

13) דער ארבייטער רינג (דזשענעראל קאַסע) זאָל צאָהלען העלפט רייזלראוד עקספּענסעס פיר די דעלעגאַטען צו און פון קאָנווענשאָן פּלאַץ.

14) די נעקסטע 9טע קאָנווענשאָן זאָל זיין אין באַלטימארע אָדער אין האַרטפאָרד.

## דער אַרבייטער רינג און די קלאָוקמאַכער יוניאָן.

מיר האָבען שוין באַמערקט אין איינעם פון די פאָריגע קאַ־פּיטלעך, אז דער פּסוק „אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה" איז זעהר צוגעפּאַסט צום ארבייטער רינג.

אין אָנפאַנג אומבאַמערקט, נאָכדעם אן אונגעזעצליך קינד, ...

ממזר, להבדיל, שפעטער א מין דארן אין די אויגען פון די אפיציעלע געשווארענע ארבייטער פיהרער, נאכדעם א גלייכבארעכטיגטער מיטגליד אין דער ראדיקאלער משפחה, שפעטער איהר הארץ, דער צענטער, איז ער צולעצט געווארען דער קאפ, דער פיהרער אויף דער אידישער ארבייטער־גאס.

דער ארבייטער רינג איז געווארען א מוסטער פון ארגאניזאציאנס דיסציפלין, פון פעסטקייט, פון מאראלער געהויבענקייט און פון פרינציפען פעסטקייט. בעת פיעל אנדערע ארגאניזאציעס, פון כלומרשט א גרעסערען יחוס, וועלכע זיינען געקומען אויף דער אידישער גאס, באגלייט פון אלערליי ניאנקעס און באגעגענט מיט „ברוך הבא“ געשרייען, פלעגען זיך ניט האלטען לאנג, און די, וועלכע האבען שוין יא געלעבט, האבען געפיהרט א נעבאכדיגע עקזיסטענץ און האבען שטענדיג געליטען פון אויסצערונג, איז דער ארבייטער רינג געוואקסען שטארק, אין דער ברייט און אין דער טיף, אט טאקע ווי דאס אמת׳ע פאלקס־קינד, וואס טראגט ניט מיט זיך קיין יחוס בריעף.

שוין גלייך אין די ערשטע יאהרען, איז דער א. ר. געווען א שולע, וואו ס׳זיינען ערצויגען געווארען מיטגלידער פאר דער סאציאליסטישער פארטיי און פאר די טרייד יוניאנס. דער א. ר. איז געווען דער ערשטער חדר, וואו די מעמבערס האבען געלערענט די ערשטע דינים פון סאציאליסטישען און יוניאניסטישען שולחן ערוך. וואס ווייטער, אלץ מעהר זיינען די ארבייטער רינג ברענטשעס געווארען די זיילען, ארום וועלכע ס׳האט זיך געהאלטען די גאנצע באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז געווארען ניט נאר דער געוויסען פון דער באוועגונג, ניט נאר דאס הארץ, צו וועלכען מען איז געקומען נאך הילף און שמיצע, נאר, ווי געזאגט, די קאפ, דער בעל שכל פון דער באוועגונג. צו איהם איז מען געקומען זיך האלטען אן עצה און איהם האט מען געגעבען זאגען א דעה.

די איצטיגע מעכטיגע קלאוקמאכער יוניאן האט ניט ווייניג צו פארדאנקען פאר איהר עקזיסטענץ דעם ארבייטער רינג.

אין פעברואר, 1909, ווען די קלאוקמאכערס האבען זיך געגרייט צו א גענעראל סטרייק, איז א קאמיטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן געקומען צום ארבייטער רינג, ער זאל העלפען ארגאניזירען דעם טרייד.

דער ארבייטער רינג האט, פארשטעהט זיך, גענומען אויף זיך די ארבייט און האט איינגערופען א טרייד יוניאן קאנפערענץ פון

די נויארקער ברענטשעס, וואו די קלאוקמאכער פראגע איז גענוי דיסקוטירט געוואָרען.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 21טען מערץ, 1909, אין קלינטאן האָל. צו דער קאָנפערענץ זיינען געקומען דעלעגאַטען פון 97 ברענטשעס און פארטרעטער פון טרייד יוניאָנס. די עקזעקוטיווע פון אַ. ר. האָט צו דער קאָנפערענץ צוגעשטעלט אַ דעקלאַראציע איבער די שייכות פון אַ. ר. צו די טרייד יוניאָנס.

אָט איז די דעקלאַראציע:

דער ארבייטער רינג און די טרייד יוניאָנס.

ווען מיר האָבען בעשלאָסען צו רופען היינטיגע קאָנפערענץ, האָבען מיר ניט געדיינקט, אַז דער ציעל, צו וועלכען דיזע קאָנפערענץ איז גערופען געוואָרען, וועט באַלד עררייכט ווערען, אַז די טויזענדע אידישע אַרבייטער אין ניו יאָרק, וואָס שטעהען אויסער די יוניאָנס פון זייערע טריידס, וועלען מיט אַמאָל אָנפאַנגען צו פאַרשטעהן די לעבענס-נויטווענדיגקייט צו בעלאָנגען צו די יוניאָנס.

דעם אמת זאָגענדיג, ערוואַרטען מיר ניט פיעל פון דער היינטיגער קאָנפערענץ. וואָס מיר האָבען באַצוועקט מיט דיזער קאָנפערענץ איז — אַן אָנפאַנג פון אַ סיסטעמאַטישער ווירקזאַמער אַגיטאַציאָן דורך שריפט, וואָרט און אָרגאַניזאַציאָן, צו העלפען אויפבויען שטאַרקע דיסציפּלינירטע יוניאָנס און דורך דעם פאַרבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבייטער.

פאַר דער קורצער צייט פון דעם „אַרבייטער רינג'ס" עקזיסטענץ אַלס בעגעפּיט אָרדער, זיינען פיעל מאָל געמאַכט געוואָרען פאָרווירפע, אַז דער „אַרבייטער רינג" ערפילט ניט זיין פליכט, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין זיין פּרינציפּען ערקלערונג בנוגע צו די טרייד יוניאָנס. די פאָרווירפע זיינען געווען מאַנכעס מאָל גערעכטע און מעהרסטענס אונגערעכטע. די גערעכטע האָבען מיר געמוזט אָרונטערשלינגען, און געגען די אונגערעכטע האָבען מיר געשטריטען. די לייטענדע גייסטער פון די טרייד יוניאָנס האָבען ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער „אַרבייטער רינג" קען יא און קען ניט טהאָן. די פיהרער פון „אַרב. רינג" האָבען פריהער ווי אַלעס געשטרעבט, אויפצובויען אַ גרויסע און שטאַרקע, גוט דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציאָן פון אידישע אַרבייטער, פאַרזיכערען דער אָרגאַניזאַציאָן אַן עקזיסטענץ און ערשט דאַן, דורכפיהרען אין לעבען דאָס, וואָס די פּרינציפּען ערקלערונג האָט נאָר טעאָרעטיש באַשטימט. דיזע מיספערשטענדניסע האָבען געבראַכט צו רייבונגען צווישען דעם „אַרב. רינג" און

מאַנכע יוניאָנס. רייבונגען, וואָס האָבען, אויב ניט קיין שלעכטעס, קיין גוטעס יעדענפאַלס ניט געבראַכט.

דער פּרינציפּיעלער אונטערשיעד אויף דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען געביעט צווישען די שוין עקזיסטירענדע און נייע געגרינדעטע יוניאָנס, האָט דעם „אַרבייטער רינג" אַלס אַן אונפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציאָן, אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט.

דער „אַרבייטער רינג" האָט געפונען פאַר פּראַקטישער ניט צו נעמען קיין באַשטימטע שטעלונג אין דיזער פראַגע און האָט דאַדורך ניט געקענט העלפען איינער געגען דער צווייטער. אונזערע ברענטשעס האָבען געהאָלפען די יוניאָנס אין זייערע קעמפּפע מיט די באָסעס, דאָס איז געווען אַלעס, וואָס עס האָט געקענט געטהאָן ווערען.

די אומשטענדען האָבען זיך געענדערט. פאַר דיזער צייט איז דער „אַרבייטער רינג" אויסגעוואַקסען און איז געוואָרען אַ ריעזען־גרויסע, גוט אָרגאַניזירטע אידישע אַרבייטער קערפּערשאַפט מיט 280 ברענטשעס און 22 טויזענד מיטגלידער, פאַרזיכערט מיט אַ זיכערען עקזיסטענץ אויף אַ פעסטען פינאַנציעלען באָדען און איז קרעפטיג גענוג עטוואָס צו טהאָן אַ דאַנק זיין ערפאַהרונג אין אָרגאַניזאַציאָן און זיין ווילענס־און־לעבענס־קראַפט.

די טרייד יוניאָנס, אָדער, בעסער געזאָגט, די פיהרערס האָבען אָנגעפאַנגען בעסער צו פאַרשטעהן דעם „אַרבייטער רינג", די באַציהונגען זיינען געוואָרען נעהענטערע, פריינדליכערע, די דאָזיגע פיהרערס האָבען דאָן איינגעזעהן, אַז עס איז אונמעגליך מיט אַטאַקעס צו געווינען די הילפע פון אַ צווייטער אָרגאַניזאַציאָן. זיי האָבען אויך איינגעזעהן, אַז אַזוי לאַנג ווי די ווינשע פונ'ם „אַרבייטער רינג" זיינען גוטע, וועט מען זיין הילף און סימפּאַטי קריגען צו יעדער צייט, ווען עס וועט זיך נאָר נוטיגען און ער, דער „אַרבייטער רינג", וועט טהאָן אַלעס, וואָס ער וועט נאָר אימשטאַנדע זיין צו טהאָן.

די שטרייטיגקייטען צווישען „אַרבייטער רינג" און טרייד יוניאָנס זיינען פאַרשוואונדען.

דער „אַרב. רינג" איז אימער געווען באַרייט צו העלפען די יוניאָנס. עס זיינען געווען איניגע קליינע שטערונגען, דאַרונטער די מאַסאַטשוזעטס אַפעיר, וועלכע האָבען אונז געשטערט צו דערמאָנען זיך אָן אונזער פליכט, די אומשטענדען האָבען זיך אָבער געענדערט. עס האָט זיך זייער געפאָדערט דער ערשטער מאָמענט וועלכער זאָל אונז באַוועגן צו בלייבן אין דיעזער הינזיכט.

דיזער מאָמענט איז געקומען, — אַ קאָמיטע פון די קלאָוק מייקערס יוניאָן איז ערשינען און האט אונז געבעטען צו העלפען אויפבויען דיזע יוניאָן, און דאַן האָבען מיר באַשלאָסען אָנפאַנגען צו טהאָן עטוואָס פאַר דער יוניאָן באַוועגונג אין אַלגעמיין. ווי געזאָגט, ערוואַרטען מיר ניט פיעל פון דיזער קאָנפערענץ, דאָס איז בלויז אַן אָנפאַנג, מיר אַליין האָבען איצט אויך קיינע באַשטימטע פּלענער, וואָס צו טהאָן. מיר האָבען דאַריבער אויך איינגעלאַדען אַלט־באַקאַנטע און פּראַקטישע יוניאָן פיה־רער, מיר האָבען איינגעלאַדען געגאָסען, וועלכע האָבען גענומען אַ טיכ־טיגען אַנטהייל אין דער יוניאָניסטישער און אַלגעמיינער אַרבייטער באַ־וועגונג, אום צוזאַמען צו באַראַטהען זיך וועגען דעם, וואָס מיר קענען אָנפאַנגען צו טהאָן.

וואָס דיזע קאָנפערענץ זאָל ניט באַשליסען צו רעקאָמענדירען, איין זאַך מוז קלאָר געמאַכט ווערען, אַז די „פּאָליסי“ פונ'ם „ארבייטער רינג“, אַלס גאַנצעס, קען ניט און טאָר ניט געענדערט ווערען. די פּאָליסי פון „אַרב. רינג“ — אַריינצונעהמען יעדען אָרענטליכען און אַנשטענדיגען אַרבייטער אָהנע אונטערשיעד, אויב ער באַלאַנגט יאָ, אָדער ניט צו אַ יונ־יאָן, ווערט און מוז בלייבען אונגעענדערט. וואָס מען זאָל ניט זאָגען און דענקען וועגען דיזער „פּאָליסי“, בלייבט אָבער זיכער, אז ווען אַזאַ אַר־בייטער, ד. ה. ניט קיין יוניאָן מאַן, געפינט זיך אין „אַרב. רינג“, האָט מען ערשט די געלעגענהייט צו ווירקען אויף איהם, אַז ער זאָל באַלאַנגען צו דער יוניאָן. ווען אבער ער איז אויסער די רייהען פון אַרב. רינג פאַרלירט מען אויך דיזע געלעגענהייט.

ווינשענדיג, אַז די קאָנפערענץ זאָל געפיהרט ווערען אינ'ם גייסט ווי זי איז גערופען געוואָרען, דריקען מיר אויס אונזער האָפנונג אַז דורך פּראַקטישע באַשליסע זאָל די קאָנפערענץ ברייגען גוטע פּראַקטישע רע־זולטאַטען.

א חוץ די געוועהנליכע רעזאָלוציעס צו קויפען סחורות מיט'ן יוניאַן לייבעל, איז אויף דער קאָנפערענץ ערוועהלט געוואָרען א ספּעציעלע קאָמיטע פון 15, וואָס זאָל דורך וואָרט און שריפט אגי־טירען צווישען די מעמבערס און ברענטשעס, זיי זאָלען ווערען מיט־גלידער פון זייערע טריידס.

די ארבייט פון די קלאָוקמאכער פיהרער אויפצובויען א שטאַר־קע טרייד אָרגאניזאַציע, האָט געקראָגען א שטוים פאָרווערטס, א דאַנק דער „טרייד יוניאָן קאָנפערענץ“, וואָס דער אַ. ר. האָט איינ־גערופען.

# צו דער נײנטער (באלטימארער) יעהרליכער קאנווענשאן.

צו דער 9טער קאנווענשאן, וואס איז פארגעקומען אין באלטימארע, דעם 6טען, 7טען, 8טען און 9טען מאי, 1909, לאזט די עקזעקוטיווע וויסען, אז דער ארדען פארמאגט שוין 252 ברענטשעס. (מיט 78 ברענטשעס מעהר ווי צו דער פילאדעלפיער קאנווענשאן) און 19,324 מיטגלידער (מיט 5,166 מעהר ווי פאריגען יאהר).

דער ארבייטער רינג האט אין יאהר 1908 אויסגעצאהלט:

| | | | |
|---|---|---|---|
| קראנקען בענעפיט | $36,211.00 | אין 1907 — | $19,455.00 |
| קאנסאמפשאן בענ. | 4,025.00 | " " — | 1,600.00 |
| טויטען בענעפיט | 12,200.00 | " " — | 11,400.00 |
| פיונעראל עקספ. | 4,975.90 | " " — | 3,270.52 |
| סך הכל — | $57,411.90 | | $35,725.52 |

א חוץ די טויטען בענעפיטס און במילא אויך פיונעראל עקספענסעס, זיינען די בענעפיטס געשטיגען נאך אין א גרעסערער פראפארציע, ווי דער צוואוקס פון די ברענטשעס און די מיטגלידער.

דעם 31טען דעצעמבער, 1908, איז דער פארמעגען געווען $114,247.90, מיט $38,567.95 מעהר ווי דעם 31טען דעצעמבער, 1907.

שולדען זיינען געווען:

| | |
|---|---|
| פאר טויטען בענעפיט — — — | $5,751.87 |
| אנדערע שולדען — — — — | 872.81 |
| סך הכל — | $6,624.68 |

דער ריינער פארמעגען איז געווען — — $108,623.22

קעגען דעם ריינעם פארמעגען פון — — $73,302.92

די סאלאריעס פון די אנגעשטעלטע האט באטראפען 84 דאלאר א וואך, נעמליך:

| | |
|---|---|
| סעקרעטער — — — — — — — — | 22 דאלאר א וואך |
| בוק־קיפער — — — — — — — | 22 " " |
| אסיסטענט סעקרעטער — — — — | 16 " " |
| מעמבערשיפ דעפארטמענט קלוירק — | 15 " " |
| טייפרייטערין — — — — — — — | 9 " " |

די עקספּענסעס פון דער 8טער יעהרליכער קאָנווענשאָן איז געווען — $4,312.27 געגען די קאָסטען פון דער זיבעטער יעהר־ליכער קאָנווענשאָן, וואָס האָבען באַטראָפען $2,113.95. — מיט $2,199 מעהר.

אין דעם יאָהר האָט דער אָפּיס אָנגענומען א נייע טאַקטיק. פריהער האָט די נ. ע. ק. געזעהן, עס זאָל זיין וואָס ווייניגער ברענ־טשעס אין א שטאָט. אין א סך פאַלען האָט זי פּשוט ניט אַרויסגע־געבען קיין טשאַרטער א נייעם ברענטש, אויב עס איז נאָר געווען די קלענסטע מעגליכקייט זיך אָנצושליסען צו אן אַלטען ברענטש.

אין 1908 האָט זי איהר טאַקטיק געענדערט. אָט וואָס מיר לעזען אין רעפּאָרט:

„אין די שטעט וואו עס איז דאָ ניט מעהר ווי איין ברענטש, און וואו עס איז דאָ א גרויסע אידישע באַפעלקערונג, וואו עס געפינען זיך מענשען מיט פארשידענע אנשויאונגען און פאַרשידענע ריכטונגען, קומט פאָר זעהר אָפט שטרייטיגקייטען אין ברענטש, צייטענווייז פאַנגט זיך אָן די שטרייטיגקייטען צוליעב פּרינציפּיעלע פראגען, און עס געהט אריין אין פערזענליכע קעמפּפע. דיזע קעמפּפע ברענגען דאצו אז דער פּראָגרעס פון ברענטש ווערט אָבגעשטעלט, דער ברענטש קען ניט זיין טהעטיג, די מיטינגען געהען אוועק אין שטרייטס, און דיזע שטרייטס געהען אַרויס פון צווישען די ווענט פון מיטינג לאָקאל און טראָגט אריין א דעמאָראַ־ליזאַציע”.

די נ. ע. ק. האָט דעריבער באַשלאָסען ניט צו צווינגען מעמ־בערס צו באַלאַנגען צו א געוויסען ברענטש, נאָר גרינדען בעסער נייע ברענטשעס.

„מיר האָבען איינגעזעהן, שרייבט די נ. ע. ק. אין איהר רע־פּאָרט, אז די עקזיסטירענדע ברענטשעס וועלען גאָר ניט ליידען, ווען א צווייטער ברענטש פון דער זעלבער שטאָט וועט געגרינדעט ווערען.

דער רעזולטאַט איז, אזביידע — סיי די אַלטע און סיי די נייע ברענטשעס פּראָגרעסירען”.

די נאַציאָנאַלע בעאמטע און סטענדינג קאָמיטעס אין יאָהר 1908—1909 זיינען אין דעם רעפּאָרט אָנגעגעבען ווי פאָלגט:

דזשענעראַל עקזעקוטיווע:

| | |
|---|---|
| י. וויינבערג, טשערמאַן | י. קאָהן |
| ס. סאַוועצקי, וויס טשערמאַן | ב. שפּינראַד |
| ה. גאָלדיז, טרעזשורער | |
| א. עפּשטיין | ה. לעווין |
| ה. זאַק. | אב. וואַליצקי |

קאָנטראָל קאָמיטע:

פ. לעווין, טשערמאַן
י. עפּשטיין, פּראָטאָקאָל סעקרעטער
מ. ליפּסאָן
ד. דייוויס
א. סאָלאָוויאָף
ד. זארען
א. קאַזאַנאָף
נ. האַלפּערן
ס. וואלבערג

י. וויינטרויב, סעקרעטער
ב. פינגערהוט, אסיסטענט סעקרעטער
ס. שלעזינגער, בוך־קיפּער
מ. ווינטשעווסקי, אוידיטאָר
מאיר לאָנדאָן, אַטורני.

סאניטאריום קאָמיטע:

ל. סטרוגאַטש, טשערמאן
י. אנאפאל, סעקרעטער
ה. אראָנסאָן
ב. ליליענבלום
ס. קאָהן

האַם אָפיס קאָמיטע:

מ. ספּעקטאָר, טשערמאן
י. אלפּערט, סעקרעטער
ס. בולגאטש
י. שאפּיראָ
נ. ראַסקין
א. העלד
ל. פלאשענבערג
ס. מנקר

נייש אָנאל באַארד אָף דירעקטאָרס:

א. ראפּאלאָווסקי, ניו יאָרק
ס. מנקר, ניו דזשוירזי
מ. שליפּער, פּענסילווייניא
מ. טשאטזיאנאָוו, קאָנעקטיקוט
טש. אלטשול, איללינאָיס
ל. סאמועלסאָהן, מערילענד
מ. דעניגסאָהן, ד. קאָלאָמביא
נ. אלפּער, דעלווער
ל. לעווין, מאַסס.
וויליאם באקסט, ראוד איילאנד

## די רעקאָמענדאציעס פון דער עקז. צו דער ניינטער קאָנווענשאָן.

פון די „רעקאָמענדיישאָנס" איז ווערט צו דערמאנען פאָל־גענדע:

וועגען אָרגאניזאציאָנס ארבייט.

1) די אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט זאָל געטאָן ווערען פון אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטעען, ערוועהלט דורך דער ניישאָנאל באַארד אָף דירעקטאָרס, עקזעקוטיוו און קאָנטראָל קאָמיטעס.

2) דיזע קאָמיטעען זאָלען אַרבייטען לויט די אינסטראָקשאָנס און אונטער דער אויסשליסליכער אויפזיכט פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע.

3) די אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטעען זאָלען אָרגאַניזירט ווערען אין אַלע וויכטיגע פּלעצער, וואו די עקזעקוטיוו, קאָנטראָל קאָמיטע און נייד שיאָנאַל באָאַרד אָף דירעקטאָרס וועלען געפינען פאַר נויטיג און פּאַסענד.

4) נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט, אַז דער וויכטיגסטער פּלאַץ איז די שטאָדט ניו יאָרק און אומגעגענד, זאָל דאָס אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע פון שטאָדט ניו יאָרק בעשטעהן פון 10 מיטגלידער: 5 פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע, און די אנדערע 5 פון אויסער דער עקזעקוטיוו קאָם.

5) די אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטעען זאָלען ניט קריגען באַצאָהלט פאַר זייער אַרבייט, אויסער ווען אַ קאָמיטע־מאַן וועט האָבען אַרבייטס־פערלוסט און עקספּענסעס, זאָלען איהם די עקספּענסעס אומגעקערט ווערען.

די אַרבייט פון די קאָמיטעען זאָל זיין:

1) צו אָרגאַניזירען נייע ברענטשעס.

אויפצופּאַסען אויף די פיהרונגען פון די עקזיסטירענדע ברענטשעס, און

3) צו שליכטען צוויסטיגקייטען אין די ברענטשעס.

סטייט קאָמיטעס.

די זעלבע רעקאָמענדיישאָן וואָס די עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט געמאַכט לעצטען יאָהר צו קאָנווענשאָן, בעצוג סטייט קאָמיטעס, מאַכען מיר אויך דיזען יאָהר.

אדוועַנסט אַסעסמענט פאר טויטען בענעפיט.

1) צו באַשאַפען אַ „מאָרטשערי פאָנד".

2) יעדער מעמבער זאָל צאָהלען צו דיזען פאָנד אין פאָראויס 4 סענט אַ מאָנאַט פאַר יעדע 100 דאָלאַר אין וועלכע ער איז אינשורט, נעמליך: ערשטע קלאַסע — 48 סענט אַ קוואַרטאַל, צווייטע און דריטע קלאַסע צו 24 סענט אַ קוואַרטאַל.

3) פון דיזען פאָנד זאָל ווערען געצאָהלט פיר אַלע טויטען פעלע וואָס וועלען זיין.

4) דאָס איבעריגע וואָס שטעלט זיך אָפּ אין דיזען פאָנד, זאָל איבערגעהן צו דעם רעזערוו פאָנד, וואָס איז באַשטימט צו פּראָטעקטען די אינשורענס.

5) אין פאַל ווען דער „מאָרטשוערי פאָנד" וועט ניט זיין גענוגענד צו דעקען אַלע אויסגאַבען פאַר טויטען פעלע וואָס וועלען פּאַסירען אין אַ יאָהר, זאָל געמאַכט ווערען אַן עקסטראַ אַסעסמענט.

6) יעדער נייער מעמבער זאָל ניט דאַרפען צאָהלען צו דעם „מאָר־טשערי פאָנד" פאַר דעם קוואַרטאַל אין וועלכען ער איז געוואָרען אַ מעמ־בער אין אַרבייטער רינג, נאָר די צאָהלונגען זאָלען זיך אָנפאַנגען פון דעם 1־טען פון קומענדען קוואַרטאַל, און

7) דיעזע רעקאָמענדיישאָן, ווען אָנגענומען ביים קאָנווענשאָן און רעפערענדום, זאָל אַריינגעהן אין קראַפט פון דעם 1־טען יאַנואַר, 1910.

8) פופצעהן וואָכען א יאָהר בענעפיט אנשטאט 12 וואָכען.

אָלד אײדזש דיוס פּראָטעקטיוו פאָנד.

דיעזער פאָנד איז מיט איניגע יאָהר צוריק געשאַפען געוואָרען פאַר דעם צוועק אַז ווען אַ מעמבער, וועלכער צאָהלט שוין צום אַרבייטער רינג 15 יאָהר, וועט דורך שלעכטע אומשטענדען אָדער קראַנקהייט ניט קענען צאָהלען זיינע דיוס אָדער אַסעסמענטס, זאָל ער ניט קענען גע־שטראָכען ווערען. די אַסעסמענטס זאָלען ווערען געצאָהלט פון דיזען פאָנד. אַנערקענענדיג די גוטסקייט און נויטוועדיגקייט פון דיעזען פאָנד, זיינען מיר געקומען צום שלוס, נאָך דער בעראַטהונג מיט אונזער אַטוירני גענאָסע מ. לאָנדאָן, צו רעקאָמענדירען, אַז דיזער פאָנד אַלס אַן אַלגעמיי־נער זאָל אָפּגעשאַפט ווערען. די אורזאַכע פון דעם איז, וואָס געוויסע גע־זעצע פון מאַנכע וויכטיגע סטייטס ערלויבען ניט צו צאָהלען אין קיין אָרדער אָלד אײדזש בענעפיטס צו מעמבערס וואָס זיינען בעפאָר 70 יאָהר אַלט, און אויף דעם גרונד פון דיזען געזעץ ערקלעהרען די אינשורענס קאָמישיאָנערס דיזען פאָנד פאַר אונגעזעצליך.

דיסטריקט מעדיקאל עקזאַמינערס.

איינפיהרען דיסטריקט מעדיקאַל עקזאַמינערס, בלויז צו עקזאַמיני־רען נייע קאַנדידאַטען. אין דער זעלבער צייט רעקאָמענדירען מיר אויך, אַז די קומענדע עקזעקוטיווע זאָל ווערען אינסטראָקטעט פון דיזער קאָנווענ־שאָן צו מאַכען אַן אונטערזוכונג און אויסצואַרבייטען א פּלאַן וועגען דיס־טריקט דאָקטוירים אויך פאַר קראַנקען בענעפיט און אַריינברייגען זייער אויסגעאַרבייטען פּלאַן צו דער קומענדער 10־טער קאָנווענשאָן פון אַ. ר.

לאָאָ און קאָנסטיטושאָן קאָמיטע.

די קאָנווענשאָן זאָל ערוועהלען אַ ספּעציעלע קאָנסטיטושאָן קאָמיטע בעשטעהענד פון 5 מיטגלידער, צוזאַמען מיט דעם אַטוירני, וועלכע זאָל רעווידירען די קאָנסטיטושאָן, און ווען דאָס קאָמיטע וועט זיין פאַרטיג מיט די אַרבייט, זאָלען זיי די קאָנסטיטושאָן איבערגעבען דער עקזעקו־טיווע צו אפּרוּווען, און די עקזעקוטיווע זאָל די קאָנסטיטושאָן אַרויס־שיקען צו רעפערענדום צו אַלע בראַנטשעס.

צעהנטע יעהרליכע קאָנווענשאָן.

די צעהנטע יעהרליכע קאָנווענשאָן רעקאָמענדירען מיר, 1) זאָל געהאַלטען ווערען אין ניו יאָרק; 2) די קאָנווענשאָן זאָל זיין אַ יובי־לעאום קאָנווענשאָן. אַז דיזער יאָהר זאָל געמאַכט ווערען אַ ספּעשעל טעקס פון 10 סענט אויף אַ מעמבער, וואָס זאָל געהן פאַר ספּעציעלע אויס־גאַבען פאַר דער צעהנטער יעהרליכער קאָנווענשאָן. דיזער טעקס זאָל ווע־רען צואוואָרפען אויף אייניגע קוואַרטאַלען, אויף אַזעלכע קוואַרטאַלען, ווען עס וועט אויסקומען אַ קליינער דזשענעראַל אַסעסמענט.

# די רעקאָמענדאציעס פון דער קאָנטראָל קאָמיטע.

די קאָנווענשאָן זאָל אויסערוועהלען אַ קאָמיטע, וועלכע זאָל מיט דער באַראַטהונג פון אַ פאַרטרעטער פון דער קאָנטראָל קאָמיטע אויסגעפי־נען מיטלען ווי אויפצופאַסען אויף דער בוכפיהרונג פון אויסער גרייטער ניו יאָרק ברענטשעס.

די ברענטשעס זאָלען ערוועהלען זייערע פינאַנס סעקרעטערע ניט וויניגער ווי אויף איין יאָהר.

די קאָנווענשאָן זאָל אויפמערקזאַם מאַכען די ברענטשעס פון אַרב. רינג, דאָס זיי זאָלען באַשטימען נאָך די אומשטענדען אַ גענוגענדע סאַ־לאַרי פאַר זייערע פינאַנס סעקרעטערע און אויפפאַסען דאָס אַלעס אַזעלכע זאָלען בלויז פעהיגע און פאַסענדע פערזאָנען ערוועהלט ווערען.

צו עמפּפעלען די עקזעקוטיוו און סטענדינג קאָמיטעס אַפּיציעל אַנ־ערקענען און צולאָזען צו זייערע זיצונגען אַ פאַרטרעטער פון דער קאָנט־ראָל קאָמיטע מיט אַ באַראַטהונגס רעכט.

# רעקאָמענדאציעס פון דער ניישאָנאַל באָארד און דירעקטאָרס.

אַלע ברענטשעס פון לאַנד זאָלען צוטיילט ווערען אין דיסטריקטען. יעדען דירעקטאָר זאָל אָפּגעגעבען ווערען אַ דיסטריקט, אין וועלכען ער זאָל זיין דער אָפּיציעלער פאַרטרעטער פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע אין זיין דיסטריקט. זיין פליכט זאָל זיין (ווען ער ווערט דאַצו באַאויפט־ראַגט פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע) צו באַזוכען די ברענטשעס אין זיין דיסטריקט, נאָכקוקען פון צייט צו צייט די פיהרונגען פון די פינאַנסען אין ברענטש און באריכטען פון זיין אַרבייט צו די עקזעקוטיווע און צו די נ. ב.

די טויזענד דאָלאר פאר עדיוקיישאָנאל אַרבייט, וועלכע זיינען באוויליגט געוואָרען ביי די לעצטע קאָנווענשאָן, זאָל פאַרבלייבען. עס איז אויך ניט נויטווענדיג, אַז דאָס זאָל געשיקט ווערען צום רעפערענדום, ווייל פון די באַוויליגטע סומע איז ניט איין סענט געספּענט געוואָרען. די ביוראָ זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערען פון פינף מעמבערס, ערוויילט ביי אַ געמיינשאַפטליכען מיטינג מיט די עקזעקוטיוו און ק. ק. עס זאָל אָבגעגעבען ווערען אין אָפיס פּלאַץ פאַר אַ דעסק פאַר׳ן סעקרעטער פון די ביוראָ, און זיין אַרבייט זאָל זיין, צו באַזאָרגען די געשריבענע לעקטשורס, זיי צו שיקען צו די ברענטשעס, און אויך באַזאָרגען אַלע ברענטשעס ווען זיי וועלען דאָס פאַרלאַנגען, מיט רעדנער און לעקטשורער, און אויך האָבען איין אויפזיכט אויף די גייסטיגע זייט פון אַרבייטער רינג.

די סטייט קאָמיטעס זאָלען אויפגעהאַלטען ווערען, אויך אין אַ סטייט, וואו זאָגאַר איינציגע ברענטשעס ווילען זיך אָן איהר ניט אָנשליסען. אין די שטעדט, וואו עס איז נויטיג אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע, זאָל די סטייט קאָמיטע אזעלכע ערוועהלען (ניו יאָרק סיטי אויסגעשלאָסען).

די סטייט קאָמיטע פון פּענסילווייניא זאָל צוריק אויפגעלעבט ווערען.

די עקזעקוטיוו קאָמיטע זאָל זאָפאָרט נאָך דיזע קאָנווענשאָן און רעפערענדום, צוזאַמענשטעלען אַלע געזעצע און ביי־לאָוס, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען נאָכ׳ן דרוקען פון די קאָנסטיטוציאָן, און אויך די פאַרשיעדענע געזעצע, וועלכע די עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט אָנגענומען אין באַצוג די פאַרוואַלטונג פון אָפיס, און זיי דרוקען, און דאָס צושיקען צו די ברענטשעס פאַר די מעמבערס.

## די ניינטע קאָנווענשאָן.

די קאָנווענשאָן איז געוואָרען אָבגעהאַלטען אין באַלטימאָר, מערילענד, אין פּרינסעס טעאַטער.

צו דער קאָנווענשאָן זיינען געקומען 254 דעלעגאַטען. אַ חוץ דעם זיינען געווען אַלע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע, (דעמאָלט זיינען אַלע עקזעקוטיוו מיטגלידער געווען בארעכטיגט צו זיין אויף דער קאָנווענשאָן מיט באַראַטונגס רעכט). די קאָנטראָל קאָמיטע איז געווען פאַרטראָטען דורך פ. לעווין און דזש. עפּשטיין. די ניישאָנאַל באָאַרד אָוו דירעקטאָרס — דורך וו. באַקסט (פּראָווידענס) און י. סעמועלסאָן (באַלטימאָרע). די סאַניטאַריום קאָמיטע — דורך ל. סטרוגאַטש און דזש. אַנאַפּאָל. האָם אָפיס קאָמיטע —

דורך מ. ספעקטאר און ל. פלאשענבערג. עס זיינען אויך געווען די אפיסערס: מ. לאנדאן (ליגעל אדווייזער); מ. ווינטשעווסקי (אודי־טאר) און י. ווײנטרויב (גענעראל סעקרעטער).

די קאנווענשאן איז געעפענט געווארען פון י. וויינבערג, טשערמאן עקז. קאמ.

סעקרעטער ווערט ערוועהלט א. ראפאלאווסקי. ראפאלאווס־קי האט שפעטער רעזיגנירט, און אויף זיין פלאץ איז ערוועהלט געווארען ה. פיינזילווער (הארטפארד).

צווישען די באריכט אפגעבער האבען י. וויינבערג און אב. עפשטיין גערעדט אין נאמען פון דער עקזעקוטיווע:

„פריינד וויינבערג שטעלט זיך ספעציעל אב אויף דער ארבייט פון דער קאמיטע, צו באזוכען אלע נײ־געגרינדעטע ברענטשעס, ווי אויך פילע אלטע, ער ערקלערט, אז די ערפאהרונג האט באוויזען, אז דאס איז איין ארבייט פון גרויסער וויכטיגקייט אונד דריקט אוים די האפנונג, אז די ארבייט וועט פארשטארקט ווערען. ער באריהרט אויך די פראגע וועגען דער ניט לאנג געגרינדעטער אימיגריישאן געזעלשאפט, און ערקלערט די מיינונג פון דער עקז. איז, אז מיט דיזער פראגע זאל דער א. ר. זיך ספעציעל אינטערעסירען.

פר. א. עפשטיין, פון די עקזעקוטיוו קאמיטע, גיט איבער א איבער־בליק איבער די טהעטיגקייט פון א גאנצען יאהר"*).

פון די אנדערע באריכטען איז ניט איבעריג צו דערמאנען די פון ווינטשעווסקי'ן, וויינטרויב'ן און מ. לאנדאן:

„גענ. מ. ווינטשעווסקי, אודיטאר, גיט אפ זיין באריכט:

ער ערקלערט אז דער וואוקס פון א. ר. איז אזוי גרויס, אז די אפיסערס און די אנגעשטעלטע פון ארב. רינג האבען ניט אימער די מעג־ליכקייט פארטיג צו ווערען מיט די נויטיגע ארבייט אין פראפארציאן צום וואוקס.

ער ערקלערט אז עס איז אבסאלוט נויטווענדיג אויפצוגעבען די געוואהנהייט אין גאנצען צו פארלאזען זיך אויף דער לשם שמים ארבייט פון די גענ. עקז., קאנטראל און אנדערע סטענדיג קאמיטעס. ער דריקט אוים זיין באוואונדערונג אויף דער אפפערוויליגקייט פון די אלע קאמי־טעס אונד לויבט זייער ארבייט.

גענ. י. וויינטרויב, דזשענעראל סעקרעטער פון ארדען, גיט אפ אן אלגעמיינעם רעפארט איבער דעם צושטאנד פון ארדען, ער דייטעט אן

*) רעפארט פון דער נײנטער קאנווענשאן, ז. 100.

דאָס ווערענד צום 8־טען קאָנווענשאָן פאַר אַ יאָהרען, איז דער אַרב. רינג געווען דער 5־טער אין מעמבערשיפּ, פון די 8 אָרדענס וואָס זיינען גע־טשאַרטערט אין ניו יאָרק סטייט, איז ער יעצט דער 3־טער. ער גיט אַי־בער א דיטיילד רעפּאָרט פון די צאָהל מעמבערס און ברענטשעס וועלכע זיינען צוגעקומען דעם יאָהר.

געג. מ. לאָנדאָן. אַלס לאָיער פון אַרב. רינג, גיט אָפּ זיין רעפּאָרט. ער ערקלערט די געזעצליכע פראַגען וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין אר. רינג, ער שטעלט זיך אָפּ אויף די רעקאָמענדיישאָנס פון דער עקז. אין באַצוג צו די אַדוועגסט אַסעסמענטס, און באַווייזט, אַז דער א. רינג קאָן נאָר דאַמאָלס האָבען אַ וויסענשאַפטליכען פינאַנציעל זיכערען באָדען, ווען דאָס זאָל אָנגענומען ווערען".

די אָנגענומענע רעזאָלוציעס:

צו געבען 300 דאָלאַר פאַר די העטער סטרייקערס און די דעלעגאַ־טען זאָלען גאַראַנטירען דאָס געלד, פאַלס עס ווערט ניט אָנגענומען ביים רעפערענדום.

אונטערשטיצען מאָראַליש די היברו אימיגראַנט אייד סאָסייטי.

אונטערשטיצען די קערפּערשאַפט, פון אימיגראַנטען רעגולייטשאָן.

אונטערשטיצען די טרייד יוניאָנס, אונד אויפאָדערען די מעמבערס פון אַרבייטער רינג צו ווערען מעמבערס פון די יוניאָנס פון זייער טרייד.

צו אונטערשטיצען דעם ראָשיען רעפּיודיאשים ליעג.

לאָזען שטעהן דעם 3 סענטיגען טעקס צו גונסטען די רוסישע רעוו. פּאַרטייען ווי ביז יעצט.

דאָס די עקזעקוטיוו זאָל האַנדלען שטרענג געגען די יעניגע מעמ־בערס אָדער ברענטשעס, וועלכע ברייגען אַריין אַלערליי קלאַגען אין דער פּרעס אוידער זיי ווערען געבראַכט פאַר די געזעצליכע קאָמיטעס.

אַ רעזאָלוציאָן וועגען דער ענגלישער טעגליכער סאָציאַליסטישער ציייטונג "קאָל", „די צוקונפט", און „אידישע אַרבייטער וועלט", אויפצו־פאָדערען די מעמבערס אונטערצושטיצען דיזע צייטונגען, זיי פאַרשפּריי־טען, און באַוויליגען 100 דאָלאַר פאַר די „קאָלל" 100 דאָלאַר פאַר די „צוקונפט" און 50 דאָלאַר פאַר די „אידישע אַרבייטער וועלט".

צו באַדאַנקען די צייטונגען וועלכע האָבען געהאָלפען אַגיטירען פאַר'ן אַרבייטער רינג, ספּעציעל דעם „פאָרווערטס" פאַר ניט נעהמען קיין געלד פאַר דרוקען אַרטיקלען.

אויפצופאָדערען די מעמבערס פון אַר. רינג אין ניו יאָרק, צו אַר־בייטען ענערגיש פאַר דעם בעקער סטרייק.

אויסצודריקען א פּאַרטרויאונגס וואוט צו די 5 מעמבערס פון דער עקזעקוטיווע, וויינבערג, גאָלדין, עפּשטיין, שפּינראד און לעווין.*) (אָנ־גענומען ביי אַ רייזינג וואוט).

ווענען שריפטליכע אַגיטאַציע איז באַשלאָסען געוואָרען:

דער „בולעטין" וואָס ווערט איצט ארויס געגעבען פון ד'זשענעראַל אָפּיס זאָל פאַרגרעסערט ווערען און אַרויסגעשיקט ווערען אין מעהרערע קאָפּיעס צו די מעמבערס, אום באַקאַנט צו מאכען די מיטגלידער מיט די אַרבייט פון די פאַרשיעדענע קאָמיטעס און וואוקס פון אר. רינג.

די עקז. קאָמיטע זאָל שיקען אַרטיקלען צו די פאָלגענדע צייטונגען: „פאָרווערטס", „אידישע אַרבייטער וועלט", „פרייע אַרבייטער שטימע", „אַרבייטער" און „צוקונפט".

פאָרלויפיג ניט אַרויסצוגעבען קיין צייטונג אָדער זשורנאַל.

דער רעפערענדום איבער די באַשלוסען אויף דער 9טער קאָנווענשאָן:

1) די אַסעסמענט סיסטעם פאַר טויטען בענעפיט, און די עקסטראַ 60 סענט אַ יאָהר טעקס וואָס יעדער מעמבער צאָהלט פאַר רעזערוו פאָנד, זאָל ווערען אָפּגעשאַפט, און יעדער מעמבער זאָל צאָהלען אין פאָראויס פאַר טויטען בענעפיט. ערשטע קלאַס מעמבערס 40 סענט אַ קוואַרטאַל, צווייטע און דריטע קלאַס מעמבערס, 20 סענט אַ קוואַרטאַל. דיזער פאָנד זאָל גערופען ווערען „מאָרטשורי פאָנד", פון דיזע געלד זאָל 60 סענט אַ יאָהר, פון ערשטע קלאַס מעמבערס און 30 סענט אַ יאָהר פון צווייטע און דריטע קלאַס מעמבערס ווערען אָבגעליינט אין רעזערוו פאָנד, און פון די איבעריגע פון „מאָרטשורי פאָנד", זאָל ווערען געצאָהלט די טויטען בע־נעפיט, אויב אַם ענדע יעדען יאָהר וועט פון דעם „מאָרטשורי פאָנד" ניט זיין גענוג צו דעקען די בענעפיטס פאַר די טויטען פעלע, וואָס האָבען פאַסירט אין דעם יאָהר, זאָל ווערען געמאַכט אַ עקסטראַ אַסעסמענט גע־נוג צו דעקען דעם דעפיציט.

2) צו צאָהלען קראַנקען בענעפיט 15 וואָכען אַ יאָהר אַנשטאַט 12 וואָכען. (אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטושאָן, אַרטיקעל 8, סעקשאָנס 2, 3 און 4).

3) פּיונעראַל עקספּענסעס זאָל ווערען באַטראַכט אַלס אינשורענס צו וועלכע יעדער מעמבער זאָל זיין באַרעכטיגט, קיין אונטערשייד אויב די עקספּענסעס ווערען געמאַכט דורך דעם ברענטש אָדער ניט, לויט אָנגע־נומענע רייטס. — (אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטושאָן, אַרטיקעל 11).

*) די 5 מיטגלידער זיינען דעמאָלט אַרויס פון דער פאַרוואַלטונג, נאָכדעם ווי זיי זיינען דאָרט געווען מעהר ווי 2 יאָהר.

4) מיטגלידער פון צווייטע קלאַס, זאָלען זיין בארעכטיגט צו פיונעראל עקספענסעס פאר זיך, קינדער פריי. — (אמענדמענט צו דער קאָנסטיטושאָן, אַרטיקעל 1, סעקשאָן 2).

5) מעמבערס, וועלבע באַלאַנגען צו די צווייטע קלאַס זאָלען קענען אַריינעמען זייערע פרויען אַלס מעמבערס אין די דריטע קלאַס. — (אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטושאָן, אַרטיקל 3, סעקשאָן 1, בי).

6) דער 3 סענט טעקס, רוסישער רעוואָלוציאָן פאָנד, זאָל בלייבען ווי לעצטען יאָהר.

7) דריטע קלאַס מעמבערס זאָלען צאָהלען 6 סענט אַ קוואַרטאַל פאַר פאַרוואַלטונגס קאָסטען, (די סומע וואָס די 3טע קלאַס וועט איינצאָהלען אַ קוואַרטאַל, וועט אַרונטערגענומען ווערען פון דזשענעראַל אַסעסמענט). — (אַמענדמענט צו קאָנסטיטושאָן, אַרטיקעל 4, סעקשאָן6).

8) גוט צו הייסען דעם באַשלוס פון קאָנווענשאָן פאַר באַוויליגען 300 דאָלאַר פאַר די סטרייקענדע העט מאַכערס, 100 דאָלאַר פאַר די „קאָלל“ 100 דאָלאַר פאַר די „צוקונפט“, 50 דאָלאַר פאַר די „אידישע אַרבייטער וועלט“, 100 דאָלאַר פאַר די באַלטימאָרער פאָלקס הויז, און 200 דאָלאַר פאַר פאַרשידענע אינסטיטושאָנס.

9) יעדער מעמבער וואָס וועט וועלען אַ טרענספער פון ברענטש צו ברענטש, אָדער פון ברענטש צו מעמבער עט לאַרדזש, זאָל איינצאָהלען 25 סענט אין ברענטש, און דיזע סומע זאָל ווערען איבערגעשיקט אין אָפיס. (די איינקינפטע פון דעם זאָלען אַרונטער גענומען ווערען פון די דזשענעראַל אַסעסמענטס.) — (אַמענדמענט צו קאָנסטיטושאָן, אַרטיקעל 12).

10) עס זאָל באַוויליגט ווערען 1000 דאָלאַר פאַר דעם קומענדען יאָהר, פאַר עדיוקיישיאָנאַל אַרבייט, און די נײשיאָנאַל באָארד אָף דירעקטאָרס זאָלען פאָרטזעצען זייער אַרבייט מיט דער עדיוקיישיאָנאַל ביוראָ.

11) ביי די קאָנווענשאָנס זאָל די דזשענעראַל עקזעקוטיוו קאָמיטע זיין פאָרטראָטען דורך 3 דעלעגאַטען, אַלע איבעריגע סטענדינג קאָמיטעס זאָלען זיין פאָרטראָטען דורך 2 דעלעגאַטען. — (אַמענדמענט צו קאָנסטיטושאָן, אַרטיקעל 18).

## דער יאָהר 10־1909 — יובילעאום יאָהר.

צו דער 10טער יעהרליכער קאָנווענשאָן, וואָס איז געווען אַ יובילעאום קאָנווענשאָן, האָט די דעמאָלדיגע נ. ע. ק. צוגעשטעלט אַ רעפּאָרט איבער דער ענטוויקלונג פון אָרדען פאַר'ן יאָהר 1909.

אין דעם יאהר איז דער ארבייטער רינג ריזיג געוואקסען. ער איז געוואקסען שנעלער, ווי דער גרעסטער אפטימיסט און דער שטארקסטער פאנטאזיאר האט זיך ווען עס איז געקענט פאר־שטעלען.

אין דער גאנצער רייכער געשיכטע קען אונזער ארדען ניט אנווייזען אויף אזא גרויסען צוואוקס, ווי אין יאהר 1909.

און טאקע, ווייל דער יאהר 1909 שטעלט מיט זיך פאר א דאטא אין דער געשיכטע פון ארדען און צוליב דעם, וואס ער איז געווען א יובילעאום, ווען מיר איבערגעבען דעם פינאנציעלען רעפארט פון דער נ. ע. ק. מיט ניט גרויסע פארקירצונגען.

דער רעפארט איז געשריבען, אמת, אין א געהויבענעם, אבער זאכליכען טאן און מעג אריין אין דער געשיכטע.

„צום צעהנטען מאל, צום צעהנטען קאנווענשאן, קומען מיר זיך הייגט צוזאמען. און וואס פאר א גרויסער, אונגעהויער גרויסער אונטער־שיעד צווישען דעם ארב. רינג מיט 10 יאהר צוריק און הייגט.

דאן קליין, שוואך, אונבאדייטענד, הייגט גרויס, מעכטיג, מיט א גרויסען איינפלוס. מיר האבען מיט וואס צו זיין צופרידען, מיר האבען מיט וואס צו שטאלצירען.

און ווייל דיזען יאהר קומט אויס די צעהנטע יערליכע, די יובי־לעאום קאנווענשאן פון ארבייטער רינג, האבען מיר א גאנץ ספעציעלען פארגעניגען צו רעפארטען וואס פאר א ריעזיגען שריט דער ארבייטער רינג האט געמאכט אין פארגאנגענעם יאהר.

דער רעפארט פון וואוקס, פינאנציעלען צושטאנד, שטעלט מיט זיך פאר דער קאלענדאר־יאהר, אנפאנגענדיג פון 1־טען יאנואר ביז 31־טען דעצעמבער, 1909. אונזער טהעטיגקייט אלס עקזעקוטיוו קאמיטע פאנגט זיך אן פון 16ט־ען אויגוסט, 1909.

מיר גיבען אייך איבער דעם רעפארט פאר דעם קאלענדאר יאהר 1909, וועלכער רעדט אין דער שפראך פון ציפערען וואס אונזער סעקרע־טער, פריינד וויינטרויב גיט אונז איבער.

פינאנציעלער צושטאנד:

דעם 31־טען דעצעמבער, 1908, איז דער פארמעגען פון ארבייטער רינג געווען (114,247.90$) הונדערט פערצעהן טויזענד צוויי הונדערט זיבען און פערציג דאלאר מיט נייגציג סענט. דעם 31־טען דעצעמבער, 1909, איז דער פארמעגען געווען 195,962.78$, הונדערט פינף און נייג־ציג טויזענד, ניין הונדערט צוויי און זעכציג דאלאר מיט אכט און זיבעצ־ציג סענט. א צוואוקס פון 81,714.88$.

די אַלגעמיינע איננאַהמע פאַר דעם יאָהר איז געווען, $216,939.79 און די אלגעמיינע אויסגאבע איז געווען $135,224.91.

די הויפּט געלדער, וועלכע האָבען פאַרגרעסערט דאָס פאַרמעגען פון אַרבייטער רינג באַשטעהט:

פון אינטריטס געלט $41,074.00, מיט $18,672.00 איננאַהמע פון אינטריטס־געלד מעהר ווי אין יאָהר 1908.

פון רעזערוו פאָנד $13,007.25, געגען 15. $7,743 איננאַהמע פאַר רעזערוו פאָנד אין 1908. פון אַלד אוידזש פאָנד צוזאַמען מיט די אינטערעסט פון דיזען פאָנד, $4,540.52, סאַניטאַריום פאָנד $19,175.00. פון אינטערעסט $2,472.93.

די $195,962.78 זיינען אינוועסטעד:

| | |
|---|---|
| אין ריעל עסטייט — — — — — — — — — — — — — — — | $ 23,504.67 |
| אין מוניסיפּאַל באָנדס — — — — — — — — — — — — — | 91,728.70 |
| אין בּיינק — — — — — — — — — — — — — — — — | 24,61.14 |
| קעש אין אָפּיס — — — — — — — — — — — — — — — | 83.68 |
| בּרענטש סופּלאַיס — — — — — — — — — — — — — — | 1,061.86 |
| סאַניטאַריום פאַרניטשור - - — — — — — — — — — — — | 834.76 |
| ספּעשעל דעפּאָזיט פאַר באַלייכטונג — — — — — — — — — | .70 |
| אַן אויסשטעהענדער אקאונט ביי ברענטשעס — — — — | 54,063.97 |
| צוזאַמען — — — — | $195,962.78 |

דיזער פאַרמעגען ווערט צוטיילט אין די פאָלגענדע דריי הויפּט־פאָנדס.

| | |
|---|---|
| מאָרטשואַרי — — — — — — — — — — | $ 8,574.13 |
| רעזערוו פאָנד — — — — — — — — — — | 160,863.96 |
| עקספּענס פאָנד — — — — — — — — — — | 26,524.69 |
| צוזאַמען — — — | $195,962.78 |

אויף דעם זיינען מיר שולדיג — — — — — $11,434.21

נייע ברענטשעס:

אין דעם יאָהר זיינען 150 נייע ברענטשעס געוואָרען אינסטאָלירט, אַ ריינער צואוואַקס פון ברענטשעס איז געווען 145. פון 252 ברענטשעס וואָס זיינען געווען ענדע יאָהר 1908 איז געוואָרען 397 אַם ענדע יאָהר 1909.

אַם שלוס פון יאָהר האָבען מיר געהאַט 397 ברענטשעס, צוטהיילט אין 29 סטייטס, דיסטריקט קאָלאָמביא און קאַנאַדא, פאָלגענדערמאַסען אין

125 שטעדט געגען 94 שטעדט וואו מיר האָבען געהאַט ברענטשעס אַם ענדע 1908.

מעמבערשיפ:

די צאָהל נייע מעמבערס וואָס זיינען אַריינגעקומען אין דיזען יאָהר, עררייכט צו דעם ציפער 14,829.

אַם ענדע יאָהר 1909 זיינען געווען 31581 מעמבערס.

דער ריינער צואוואוקס פאַר דיזען יאָהר איז געווען, 12257 מעמ־בערס.

אין דורכשניט זיינען אַריינגעקומען יעדען מאָנאַט 1235 נייע מעמ־מערס, און עס איז געוואָרען געשטראָכען אין דורכשניט יעדען מאָנאַט אַרום 215 מעמבערס, אַ ריינער צואוואוקס יעדען מאָנאַט פון מעהר ווי 1000 מעמבערס, געגען 606 נייע מעמבערס וואָס זיינען אַריינגעקומען אין דורכשניט יעדען מאָנאַט אין יאָהר 1908 און 179 וועלכע זיינען געוואָרען געשטראָכען.

קראַנקען בענעפיט:

3665 מעמבערס האָבען דיזען יאָהר גענומען קראַנקען בענעפיט 10666 וואָכען, וועלכע האָט באַטראָפען די סומע פון 62301 דאָלאַר קראַנ־קען בענעפיט. אין דורכשניט זיינען קראַנק געווען עטוואָס ווענינער ווי 3 וואָכען. עס איז יעדע וואָך אויסגעצאָהלט געוואָרען 1179 דאָלאַר.

די קראַנקען בענעפיט האָט באַטראָפען: $26,301.

קאָנסאָמפשאָן בענעפיט:

אין יאָהר 1909 איז געוואָרען אויסגעצאָהלט $8100 קאָנסאָמפשאָן בענעפיט צו 145 מעמבערס.

די מעמבערשיפ איז דיזען יאָהר באַלד פאַרדאָפּעלט געוואָרען און צוזאַמען מיט די פאַרגרעסערונג פון די מעמבערשיפ איז פאַרדאָפּעלט גע־וואָרען די קאָנסאָפשאָן בענעפיט.

טויטען־פעלע.

איין און זעכציג מעמבערס זיינען געשטאָרבען אין דיזען יאָהר, מיט 27 מעהר ווי אין יאָהר 1908. דער דורכשניט עלטער פון די געשטאָרבענע איז געווען 32 יאָהר און 6 טעג, פון דיזע זיינען געשטאָרבען פון קאָנ־סאָמפשאָן 12 מעמבערס און זעלבסטמאָרדען זיינען געווען 13.

די טויטען בענעפיט פון די 61 געשטאָרבענע האָט באַטראָפען 20 טויזענד דאָלאַר.

דעם 1־טען יאַנואַר, האָבען מיר אַריבערגעצויגען אין נייעם אָפיס אין 91—89 דעלענסי סטריט.

דער אָפיס איז באַשטאַנען פון 5 גרויסע, ליכטיגע רומס, וועלכער איז איבערגעפיקסט געוואָרען אַזוי ווי עס האָט פּאַר אונז גפּאַסט, און געלאָזען 1 רום, וועלכען מיר האָבען אָנפאַנגס גערעכענט צו פאַרדינגען אויף אַ געוויסע צייט.

דער אָפיס איצט קאָסט 150 דאָלאַר אַ מאָנאַט, דאָס איז דאָס בעסטע און ביליגסטע וואָס מיר האָבען געקענט קריגען פאַר אונזער אָפיס.

נאָך אַ יאָהר איז אַוועק אין דעם עקזיסטענץ פון אונזער גרויסען אָרדער, אַ צעהנטער יאָהר, דער אַר. רינג איז געוואַקסען אין צאָהל, אַ וואוקס וועלכער איבערשטייגט אַלע פריהערדיגע יאָהרען, און מיט דעם וואוקס אין צאָהל איז דער אַרביטער רינג אויך געוואַקסען אין גייסט, ביי אַזאַ שנעלען וואוקס האָט זיך געפאָדערט גרויס אויפמערקזאַמקייט ניט צו פאַרנאַכלעסיגען דעם עיקר, ניט צו פאַרלירען די גרונד־פרינציפּען. דאָס איז געווען די הויפּט־פאַראַנטוואָרטליכקייט פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע, אַ פאַראנטוואָרטליכקייט צו די מיטגלידער, אַ פאַראנטוואָרטליכקייט ניט נאָר פאַר דער צייט פון קאָנווענשאָן, נאָר אַ פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די ווייטערע צוקונפט פון ארבייטער רינג, און דאָס האָבען מיר אלע מאָל אין זינען געהאַט".

## רעקאָמענדאַציעס צו דער 10 יעהריגער „יובילעאום" קאָנווענשאָן.

### אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט:

אין יעדען וויכטיגען צענטער, זאָל ערוועהלט ווערען אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע, באַשטעהענד פון ניט ווייניגער ווי 9 מיטגלידער. נאָמיניישאָנס פאַר די אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעען זאָלען ווערען געמאַכט ביי די ברענטשעס און אויך פון דער עקזעקוטיוו קאָמיטע און זאָלען ערוועהלט ווערען ביי די ברענטשעס דורך אַ רעפערענדום.

פאַר דיזען צוועק זאָל באַוויליגט ווערען 200 דאָלאַר אַ יאָהר פאַר אַרבייט פון די אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטעס, אויסגעשלאָסען די עקספּענסעס פון אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט וועלכע ווערט געטהאָן פון דער עקזעקוטיוו און קאָנטראָל קאָמיטע אַליין.

### שריפטליכע אַגיטאַציאָן.

עס זאָל ערוועהלט ווערען אַ קאָמיטע אָף פּובליקיישאָן, באַשטעהענד פון 5 מיטגלידער, וועלכע זאָל פאַרעפענטליכען די טהעטיגקייט פון אַרבייטער רינג ברענטשעס:

1) דורך די צייטונגען „פאָרווערטס“, „פרייע אַרבייטער שטימע“, „אידישע אַרבייטער וועלט“, „אַרבייטער“ און „צוקונפט“.

2) אַרויסצוגעבען אַ פּעריאָדישע שריפט פאַר די מעמבערס פון אַר. רינג, פאַר דיסקוסיאָן, באַריכטען וועגען די טהעטיגקייט פון אַרבייטער רינג אין אַלגעמיין, און ברענטשעס באַזונדער, פאַר פאַרשידענע אינפאָרמאַציאָנס־פראַגען וועגען אר. רינג, א. ז. וו.

## אָפּשאַפען דעם אָלד אידזש פאָנד:

צו דער לעצטער יעהרליכער קאָנווענשאָן איז געוואָרען רעקאָמענדירט, דעם אָלד אידזש פּראָטעקטיוו פאָנד אָפּצושאַפען, ווייל דאָס אָנהאַלטונג פון אַזאַ פאָנד איז ניט געזעצליך. אין דעם פאָנד איז דעם 1־טען יאַנואַר געווען די סומע פון $8104.23 און דעם ערשטען אַפּריל, אַרום 9570 דאָלאַר.

מיר רעקאָמענדירען אַז דער פאָנד זאָל אָפּגעשאַפען ווערען און די געלד וואָס האָט זיך אָנגעקליבען, זאָל ווערען איבערגעגעבען צו דעם רעזערוו פאָנד.

## קאָנווענשאָנס:

קאָנווענשאָנס זאָלען געהאַלטען ווערען אַלע יאָהר, ווייל עס איז נויטיג, לויט אונזער טשאַרטער, וועלכער לויטעט צו האָבען יעהרליכע קאָנווענשאָנס. ס׳איז אָבער ניט נויטיג צו האָבען אַזעלכע גרויסע קאָנווענשאָנס, וועלכע קאָסטען אָב טויזענדע דאָלאַר. מיר רעקאָמענדירען דאַרום, אַז 1 יאָהר, לאָמיר זאָגען די קאָנווענשאָן פון 1911 זאָל זיין אַן אָרדינערי, צו 1 דעלעגאַט פון אַ סטייט, וועלכע זאָלען זיך צוזאַמענקלייבען אויף 1 אָדער 2 טעג אויסהערען דעם רעפּאָרט פון דער עקזעקוטיוו, און דיזען רעפּאָרט אַרויסשיקען צו די ברענטשעס. דעם 2־טען יאָהר, ד. ה. אין 1912, זאָל זיין אַן עקסטראַ אָרדינערי קאָנווענשאָן, א. ז. וו.

## פרויען מעמבערס דריטע קלאַסע.

פרויען מעמבערס צו ערשטע אָדער צווייטע קלאַסע, וועמענס מענער באַלאַנגען אויך צום אַרבייטער רינג, זאָלען האָבען דאָס רעכט צו טראַנספערירען זיך צו 3־טע קלאַס, ווען זיי ווילען.

## דיסטריקט עקזאַמינערס.

דאָס איז דיזעלבע רעקאָמענדיישאָן וואָס איז געמאַכט געוואָרען לעצטען יאָהר און איז ביים קאָנווענשאָן ניט אָנגענומען געוואָרען. די פּראַקטיקע האָט אונז געציינט, אַז דאָס איז אַבסאָלוט נויטיג איינצופיהרען אין אר. רינג.

געשטראָכענע מעמבערס אין צייט פון קריזיס:

מעמבערס, וואָס זיינען געשטראָכען געוואָרען אין קריזיס־צייט, זאָלען קענען ווערען רעאינסטייטעט אַלס אַלטע מעמבערס, ניט דאַרפענדיג איינצאָהלען נייע איינטריטס געלד.

פאָלגענדעס קען נאָך אונזער מיינונג ווערען געטהאָן:

1) לכבוד די צעהנטע יעהרליכע קאָנווענשאָן צו מאַכען אַ פּאַר־לייכטערונג די מעמבערס וואָס זיינען געשטראָכען געוואָרען אין צייט פון קריזיס, זיי זאָלען צוריק קענען ווערען מעמבערס.

2) די מעמבערס וואָס זיינען געשטראָכען געוואָרען אין דער צייט פון 1־טען אָקטאָבער, 1907, ביז דעם 1־טען אָקטאָבער, 1909, זאָלען קע־נען ווערען רעאינסטייטעט אויף פאָלגענדע באַדינגונגען:

א) צו האָבען אַ דאָקטאָר אונטערזוכונג; ב) ניט איינצאָהלען קיין נייע איינטריטס געלד, נאָר רעאינסטייטעט ווערען אַלס אַלטע מעמבערס; ג) קיין ברענטש זאָל ניט מאָהנען דעם אַלטען חוב פון דיזע רעאינסטיי־טעטע מעמבערס; ד) די מעמבערס דאַרפען ווערען רעאינסטייטעט אין די זעלבע ברענטשעס, וואו זיי זיינען געשטראָכען געוואָרען, אָדער קריגען אַ קלירונגס לעטער פון זעלבען ברענטש; ה) עס בלייבט דאָס רעכט פון יעדען ברענטש צו באַשטימען ווען זיי ווילען רעאינסטייטען און ווע־מען ניט.

דיזע רעאינסטייטעטע זאָלען ניט זיין בארעכטיגט צו קראַנקען בע־נעפיט די ערשטע 3 מאָנאַטען, און די ערשטע 6 מאָנאַטען צו קיין קאָנ־סאָמפּשאָן בענעפיט, ווי יעדער נייער מעמבער.

ד. ה., אין קורצען, אַז מיט 50 סענט וואָס דאַרף קאָסטען דעם דאָקטאָר'ס עקזאַמינײשאָן, זאָל יעדער געשטראָכענער קענען ווערען צוריק אויפגענומען אַלס מיטגליעד.

אַ סטאַנדאַרד דיוס:

דער אַרבייטער רינג איז פיליכט דער איינציגער אָרדער אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען מיט דעם אַסעסמענט־פּלאַן, ד. ה., מיט דעם פּלאַן צו צוטהיילען די אַלע אויסגאַבען אויף די מעמבערס נאָך דעם ווי די אויסגאַבען זיינען שוין געמאַכט געוואָרען.

אום אין די צוקונפט צו קענען נאָכקומען דאָס, וואָס דער אינשור־רענס דעפּאַרטמענט פאַרלאַנגט, רעקאָמענדירען מיר צו ענדערען אונזער סיסטעם פון אַסעסמענטס אויף אַ סטאַנדאַרד דיוס, ד. ה. אַ באַשטימטע סומע, וואָס יעדער מעמבער זאָל צאָהלען אַ יאָהר אָדער אַ קוואָרטאַל.

וויפיעל זאָל זיין די דיוס וואָס יעדער מעמבער זאָל צאָהלען אַ קוואַרטאַל? אויף דעם צו ענטפערען האָבען גענומען אין אַמבאַטראַכט די פאַרגאַנגענע יאָהרען און רעקאָמענדירען:

פאַר קראַנקען בענעפיט צו צאָהלען 75 סענט אַ קוואַרטאַל, אָדער 3 דאָלאַר אַ יאָהר.

פאַר קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט 10 סענט אַ קוואַרטאַל אָדער 40 סענט אַ יאָהר.

פאַר פאַרוואַלטונגס קאָסטען, 25 סענט אַ קוואַרטאַל, אָדער 1 דאָלאַר אַ יאָהר.

צוזאַמען — $1.10 אַ קוואַרטאַל.

צו רעזומירען אונזער רעקאָמענדיישאָן, באַשטעהט עס אין דעם:

1) אָבצושאַפען דעם איצטיגען אַסעסמענט פּלאַן.

2) יעדער מעמבער זאָל צאָהלען אַ באַשטימטע דיוס אַ קוואַרטאַל אין פאָראויס.

3) די דיוס זאָל באַשטעהן: — 75 סענט אַ קוואַרטאַל פאַר קראַנ־קען בענעפיט; 10 סענט אַ קוואַרטאַל פאַר קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט; 25 סענט אַ קוואַרטאַל פאַר פאַרוואַלטונג.

4) די עקספּענסעס פון קאָנווענשאָנס זאָל בלייבען ווי ביז איצט.

5) אויב אַם שלוס פון יעדען יאָהר, וועט זיין אַ דעפיציט, ד. ה. די איינגאָהמען וועלען זיין וויניגער ווי די אויסגאַבען, זאָל ווערען גע־מאַכט אַן עקסטרא־אַסעסמענט.

6) אויב אַם שלוס פון יעדען יאָהר וועט זיין אַ סורפּלוס, ד. ה. די איינגאָהמען וועלען זיין מעהר ווי די אויסגאַבען, זאָל דאָס ווערען אומגעקערט צוריק צו די מעמבערס, און אַז דעם נעכסטען ביל זאָל יע־דער מעמבער צאָהלען מיט אַזוי פיעל וויניגער, וויפיעל עס וועט אויס־מאַכען אויף יעדען.

די נייישאָנאַל באָארד אָוו דירעקטאָרס דערצעהלט אין איהר באריכט צווישען אנדערעם:

„עס ווערט פאַרהאַנדעלט די פראַגע וועגען די סיגאַרעטס וואָס ווע־רען מאַנופעקטשורט אין פילאַדעלפיא מיט דעם עמבלעם פון דעם ארביי־טער רינג. באַשלאָסען, אַז אַ קאָמיטע פון דער נייש. עקז. מיט אַ קאָמיטע פון דער פילאַדעלפיא אָרג. קאָמיטע זאָל זיך שטעלען אין פאַרבינדונג מיט אַ לאָיער און געריכטליך פאַרקלאָגען דעם מאַנופעקטשורער פאַר גע־ברויכען דעם עמבלעם פון אַרבייטער רינג, אָהן דער ערלויבניס פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיווע.

אויסהערענדיג די פראטאקאלען פון דער עקז. קאמיטע און נעה־מענדיג אין אנבאטראכט די צייט פארלוסט פון נ. עקז., וואס זי האט צו אטענדען ביי די מיטינגען ווי צו געבען אינפארמיישאנס די נייע סאָ־סייטיס, רעקאמענדירען מיר, אז די ארגאניזיישאן־ארבייט וועגען נייע ברענטשעס זאל איבערגעגעבען ווערען צו די סטייט אדער ארגאניזאציאנס קאמיטעס, אונטער דער אויפזיכט פון נ. עקז. מיר דענקען, אז די ארבייט פון אינפארמיישאנס, אינסטאליישאנס און עקזאמינעישאנס קע־נען געטהאן ווערען פון די אויבענדערמאנטע קאמיטעס".

לכבוד דער 10טער קאנווענשאן האט די עקזעקוטיווע ארויס־געגעבען זעהר א שעהנעם און אינהאלטסרייכען סאוועניער אונ־טער'ן נאמען: „דער ארבייטער רינג זאמעל בוך".

אזוי ווי אין דעם סאוועניער צו דער 4טער קאנווענשאן האָ־בען אויך דא גענומען אן אנטייל די בעסטע שרייבער און טאָן־געַ־בער אין דער ארבייטער באוועגונג.

געוועהנליך זיינען פאר די זעקס יאהר צוגעקומען נייע גייס־טיגע קרעפטען, נייע שריפטשטעלער און טוער, און דאס בוך איז דעריבער גרעסער און אינהאלטס־רייכער, ווי דער ערשטער סאָ־וועניער.

אינהאלט פערצייכניס.


א. ליעסין — דער א. ר., זיין וואוקס און זיינע אויפגאבען.
אב. קאהאן — באגריסונג.
מ. ווינטשעווסקי — דער ארבייטער רינג אין קאונטרי.
מ. ווינטשעווסקי — דער ארבייטער רינג, זיין וואוקס, זיינע געפאהרען און זיינע שונאים.
י. אדלער — אונזער בוים... (געדיכט).
ש. יאנאווסקי — צום 10־יעהריגען יובילעאום פון ארבייטער רינג.
י. סאלוצקי — קראנקען־בענעפיט און קלאסען־קאמף.
מארים ראזענפעלד — זעלבסט־הילף.
ב. פייגענבוים — ווי רעטעט מען די נשמה פון ארבייטער רינג?
דר. ק. פארנבערג — ארבייטער־פארזיכערונג אין איראפא.
א. ש. זאקס — צום 10־יעהריגען יובילעאום פון ארבייטער רינג.
ס. ק. שנעעפאל — אידיש, דער אידישער ארבייטער און די הויפט־אויפ־גאבע פון ארבייטער רינג.
דר. טש. ראיעווסקי — בלעטלאך פון דער געשיכטע פון סאנאטאריען פאר שווינדזיכטיגע.

י. וויינטרויב — דער ארבייטער רינג (אַ קורצער היסטאָרישער איבער־בליק).

מ. לאָנדאָן — דער ראַדיקאַלער איד אין דער נייער היים.

צביון — דער ארבייטער רינג און זיינע קולטור־אויפגאַבען.

ל. ראָזענצווייג — ערינערונגען.

ליליפוט — דער ארבייטער רינג.

ש. עפשטיין — געדאַנקען פון א „גרינעם".

ב. פינגערהוד — קאָ־אָפּעראַציאָן און דער אַרבייטער רינג.

י. וו—ב — פראטערנאל סאָסייעטיס.

דר. מ. דזש. בראָדסקי — קאָ־אָפּעראַטיווע אינשורענס אין אמעריקא.

יעקב גאָרדין — קען דאָס זיין?

בעגריסונג פון דזשענ. עקזעקוטיוו קאָמיטע אַ. ר.

בעגריסונג פון דער קאָנטראָל קאָמיטע אַ. ר.

בעגריסונג פון דער 25 קאָנווענשאָן ארגאנדזשמענט קאָמיטע.

## דער עמבלעם פון ארבייטער רינג.




מיר האָבען אין פאָריגען קאפיטעל געזעהן, ווי א סיגאר מאַנופעקטשורער האָט זיך אָנגעהויבען צו באַנוצען מיט דעם עמבלעם פון ארבייטער רינג אלס א רעקלאמע פאר זיינע סחורות, און ווי די נ. ב. ד. האָט קעגען דעם שטאַרק פראָטעסטירט. דער עמבלעם איז ווירקליך געווען און איז א הייליגער סימבאָל ביי די אַ. ר. מעמבערס.

עס איז וויכטיג צו דערצעהלען די געשיכטע פון עמבלעם.

דער עמבלעם איז געשאַפען געוואָרען אין יאהר 1896.

ביי א רעגעלען מיטינג פון „א. ר. פאראיין", האט אין יענעם יאהר דער אלטער פארקעמפער מ. שווארץ געמאכט א פארשלאג, מען זאל מאכען אן עמבלעם פון ארב. רינג, וועלכער זאל אויסדריי־קען די אויפגאבע און דעם צוועק פון דער „סאסייעטי".

א קאמיטע פון פינף איז דענסטמאל באשטימט געווארען, אויסצוארבייטען צייכענונגען פאר'ן עמבלעם. די קאמיטע איז באשטאנען פון מ. שווארץ, מ. גאלדסמיטה, א. שערמאן, פ. לעווין און ה. מיימין.

פארשידענע סימבאלען זיינען געווארען פארגעלייגט, ווי צום ביישפיל, א הארץ און א בוך, געשלאסענע הענט, האנט און פאקעל, האנט און האמער און דאס גלייכען.

די אלע צייכענונגען, אלס אלט און אפגעלעבט, האבען ניט אפעלירט צו דעם געשמאק פון דער קאמיטע.

ה. מיימין און א. שערמאן (דער ערשטער א ליטאגראפער, און דער צווייטער אן ענגרייווער) האבען אלס ספעציאליסטען אין פאך גענומען אויף זיך די אויפגאבע ארייננצובריינגען צום נעקס־טען מיטינג פארטיגע צייכענונגען.

ה. מיימין האט געבראכט א שעהנע צייכענונג, אויף וועל־כער עס האט זיך געפונען אליץ, וואס דריקט אויס דעם גייסט פון דער סאסייעטי, ווי אגריקולטור־מאשינעריי און ארבייטער געצייג, א לייכטענדיגער פאקעל, א הארץ און אן אפען בוך.

דער מיטינג האט דאס באטראכט פאר צו קאמפליצירט, און האט עס ניט אנגענומען.

א. שערמאן האט גענומען דאסווארט און האט ערקלעהרט: „אזוי ווי אונזער סאסייעטי איז א רינג פון ארבייטער, און איך בין זיכער, דאס פיעל אנדערע פראגרעסיווע ארבייטער וועלען פאלגען אונזער ביישפיל און פאראייניגען זיך מיט אונזער רינג, דאן ווידער אנדערע וועלען זיך פאראייניגען מיט די צווייטע, און אזוי ווייטער, ארום דעם גאנצען ערד־קוגעל, ביז עס וועט ווערען איין גרויסע קייט פון ארבייטער רינגען — אלזא, דענק איך, אז דאס וועט זיין דער פאסיגסטער עמבלעם פאר אונז". דא האט א. שערמאן פאר־געלייגט זיין צייכענונג.

די אידעע פון דער צייכענונג און די צייכענונג גופא זיינען אנגענומען געווארען מיט גרויס בייפאל. א. שערמאן האט זיך תיכף גענומען צו דער ארבייט און געשניטען די שטאלענע „דיי" פאר'ן עמבלעם. די „דיי", דער מוסטער פון אלע באַלאַנס מיט'ן

ארבייטער רינג עמבלעם, וועלכע באצירען די לאצען פון די טויזענדע און טויזענדע מעמבערס פון א. ר. האט א. שערמאן, פריהער א מיטגליד פון ברענטש 1, שפעטער א מעמבער עט לארדזש, צוגעשיקט אין 1906 צום דזשענעראל אפיס פון מאנטיסעלא, נ. י., וואו ער האט געוואוינט.

שפעטער, אין 1911, האט שערמאן דעם שטאלענעם „דיי" באנוצט מיט א זילבערנער פלאטע, וואו עס איז אויפגעשריבען:

פארגעשלאגען און גראווירט פון

א. שערמאן, פון בר. 1, 1896.

ביי א מיטינג פון דער עקזעקוטיווע, אין 1911, איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, הארציג צו באדאנקען פר. א. שערמאן פאר דעם גרויסען פרעזענט, וואס ער האט געגעבען דעם ארבייטער רינג אין יאהר 1906 און שפעטער אין יאהר 1911.

# אינהאַלט פאַרצייכניס

## ערשטער טהייל.


זייט

ארייַנפיהר ........ 8—3

דער באָדען וואו דער ארבייטער רינג איז געוואָרען געבויט
און די סביבה וואו ער האָט זיך ענטוויקעלט ........ 11—9

די ערשטע אידישע ארבייטער אָרגאַניזאַציע אין אמעריקא .. 13—11

די לאַגע פון די אידישע ארבייטער אין די אַכציגער יאָהרען.. 15—13

דער אָנהויב פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן ........ 17—16

די ערשטע פּאָגראָם כוואַליע און די בלוטיגע פּאָגראָמען .... 22—18

די עם־עולם גרופּע ........ 26—22

די פארשידענאַרטיגקייט פון די עם עולם גרופּען ........ 32—26

די נסיעה פון עם עולם ........ 33—32

די ערשטע יאָרען אויפ׳ן אמעריקאנישען באָדען ........ 38—33

די ערשטע באריהרונג מיט דער אמעריקאנער
ארבייטערשאַפט ........ 40—38

די „ווילנער קאָמונע“ ........ 43—40

די לעהרער און אויפקלעהרער פון אידישע ארבייטער ...... 45—43

די שניידער און זייערע אָרגאַניזאַציעס ........ 49—43

די שריפטזעצער יוניאָן ........ 49

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען ........ 52—50

דער „אידישער ארבייטער פאראיין“ און דער „רוסישער
פּראָגרעסיווער פאראיין“. די פּיאָנירען דער פריי־
הייט און דער אַכטער ברענטש ס. ל. פּ. ........ 55—52

דאָס יאָהר 1889 ........ 57—55

די אידישע פּרעסע אין אמעריקא אין די אַכציגער יאָהרען .. 63—57

די „ארבייטער צייטונג“ — די „פרייע ארבייטער
שטימע“ — די מחלוקות ארום זיי ........ 70—63

דער פונדאַמענט פון ארבייטער רינג ........ 74—71

די גרינדער פון פאראיין ארבייטער רינג ........ 78—74

די אויפגאַבע פון ארבייטער רינג פאראיין ........ 81—78

פּאַרט־בילדונג ........ 84—82

זייט

קאָ־אָפּעראַטיווע געשעפטס אונטערנעהמונגען ..........84—89
די ערשטע יאָהרען פון ארבייטער רינג פאראיין ..........89—94
לעקציעס און לעקטאָרס ..........................95—99
קריזיס יאָהר 1893 און דער ארבייטער רינג פאראיין ......99—101
די ערשטע באריכטען איבער דער בילדונגס־ארבייט פון „רינג" אין דער פרעסע ......................102—106
דער קאָ־אָפּעראַטיווער בארבער־שאָפּ ..................106—111
די שטעלונג פון ארבייטער רינג פאראיין צו די סאָציאַליסטישע און די אָפּאָזיציאָנעלע (אנאַרכיסטישע) יוניאָנס ..................................111—113
די סאָציאַליסטישע פרעסע און דער ארבייטער רינג אין דער ערשטער העלפט פון די 90ער יאָהרען........114—115
די ארבייטער רינג ימים טובים ......................115—117
דער פאראיין ארבייטער רינג — דער פאראייניגטער ארבייטער פראָנט ..........................117—119
הילף און שטיצע אין צייט פון קראנקהייט ............119—122
דער ארבייטער רינג פאראיין שטיצט די סאָציאַליסטישע פרעסע און פיהרט א קולטור ארבייט ......123—125
דער ארבייטער רינג פארצווייגט זיך ..................125—128
דער ארבייטער רינג פאראיין מיט זיינע צוויי ברענטשעס באשליסט צו ווערען א צענטראל פארבאנד מיט ברענטשעס איבער'ן גאנצען לאַנד ..................129—131
דער ארבייטער רינג ווערט אַן אָרדען ..................132—133
דער ערשטער אויפרוף פון אָרדען ....................134—137
פון 4טען סעפּטעמבער 1900, ביז דער ערשטער קאָנווענשאָן ..................................137—146
די ערשטע קאָנווענשאָן פון אָרדען ....................146—149
דער ערשטער רעפערענדום — די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע — דער ערשטער נאַציאָנאַלער סעקרעטער..149—151
די ערשטע פּאָלעמיק וועגען ארבייטער רינג אין דער פרעסע ......................................151—153
דער ארבייטער רינג פאנגט אָן צו פארנעהמען דעם מזרח־וואַנד ..................................153—155
דער ארבייטער רינג גיט געלד פאר לינאָטייפּ־מאַשינען דעם „פאָרווערטס" ..........................155—158
נאָך דער ערשטער קאָנווענשאָן ......................158—161
„דער דיסקוטאנט" — ערשטער אָפיציעלער אָרגאַן פון ארבייטער רינג ..................................161—168
דער רעזערוו פאָנד ..................................168—170

זייט

דער ערשטער געדרוקטער רעפּאָרט צו דער קאָנווענשאָן... 183—168
די צווייטע קאָנווענשאָן ... 189—183
דער רעזולטאַט פון רעפערענדום איבער די באשלוסען פון צווייטען קאָנוועגשאָן ... 190—189
דער פאַראיבעל פון די געווערקשאַפטען אויפ'ן ארביי־ טער רינג ... 199—190
די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע רופט די מיטגלידער אריינ־ צוקומען אין די יוניאָנס און צו שלום אין דער באוועגונג ... 202—199
די געווערקשאַפטען פאָדערען, דער ארבייטער רינג זאָל אריינעהמען אלס מיטגלידער בלויז יוניאָן־לייט ... 209—202
דער ארבייטער רינג וואקסט און פארצווייגט זיך אלץ מעהר און מעהר ... 213—209
די פרוי אין ארבייטער רינג ... 216—213
דער ארבייטער רינג מאכט ברייטער זיינע אויפגאבען ... 221—216
ערב דער דריטער קאָנוועגשאָן ... 223—221
די נשמה און גוף פון ארבייטער רינג ... 226—223
דער באַריכט פון דער דריטער קאָנוועגשאָן ... 230—226
די אויפטהואונגען אויף דער דריטער קאָנוועגשאָן און די גרויסע ארבייט פאר די קישענעווער פאגראם קרבנות ... 232—230
די ענדע פון דער פייגענבוים עפּאָכע ... 238—232
ל. ראָזענצווייג אלס נאַציאָנאַלער סעקרעטער און די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע פאר'ן יאָהר 1903־4 ... 241—238
דער בונד און דער ארבייטער רינג ... 243—241
דער סענטראַל פאַרבאַנד פון בונד אין אמעריקא און דער ארבייטער רינג ... 245—243
דער ארבייטער רינג וואקסט און בליהט ... 248—245
אַגענטען, אבער ניט פאר געלד ... 251—248
די נאַציאָנאַל־עקזעקוטיוו קאָמיטע פאנגט אָן צו ערלוי־ בען צווייטע ברענטשעס ... 253—251
די לייִדים ברענטשעס ... 258—253
דער ערשטער אָנהויב פון דער סאַניטאַריום באוועגונג ... 259—258
דער סאָוועניר צו דער פערטער קאָנוועגשאָן ... 263—259
יעקב גאָרדין'ס פאַנטאַזיע אין יאָהר 1904, וועגען ארבייטער רינג ... 266—263
די פיערטע קאָנוועגשאָן ... 269—266
די אויפרופען פאר די קאָלאָראַדא סטרייקער ... 271—269

זייט

דער טשארטער־קאמף ........................... 272—279
דער שטורם פעריאד אין ארבייטער רינג ............. 279—290
די כאראקטעריסטישע שטריכען פון פייגענבוים־
ראזענצווייג פעריאדע אין ארבייטער רינג ...... 290—293
י. וויינטרויב ווערט גענעראל סעקרעטער פון
ארבייטער רינג ......................... 293—296
די פינפטע קאנוועגשאן .......................... 296—302
די באריכטען צו דער זעקסטער קאנוועגשאן ............ 302—306
דער אנהויב פון מאסאטשוזעטס אפעיר ............. 306—308
די פארגעשיכטע פון דער מאס. אפעיר .............. 309—312
די זעקסטע קאנוועגשאן .......................... 312—320
דער רעפערענדום נאך דער 6טער קאנוועגשאן .......... 320—321
די מאסאטשוזעטס אפעיר ......................... 321—342
די 7ער קאמיטע און די גרינדונג פון „לייבאר ליעג“.... 343—346
די זיבעטע קאנוועגשאן .......................... 346—357
די געשיכטע פון סאניטאריום ...................... 357—388
טראבעלס און סכסוכים אין סאניטאריום ............. 388—395
דער רעפארט צו דער אכטער קאנוועגשאן ............ 395—399
די הייזער אויף העגרי סטריט ..................... 399—405
דער באריכט פון די ערשטע ניישאנאל באארד אף
דירעקטארס ........................... 405—410
די אכטע קאנוועגשאן ............................ 410—412
דער ארבייטער רינג און די קלאוקמאכער יוניאן ........ 412—416
צו דער ניינטער (באלטימארער) יעהרליכער קאנ־
וועגשאן ................................ 417—419
די רעקאמענדאציעס פון דער עקזעקוטיוו צו דער ניינטער
קאנוועגשאן ............................. 419—422
די רעקאמענדאציעס פון דער קאנטראל קאמיטע ........ 422
רעקאמענדאציעס פון דער ניישאנאל באארד אף
דירעקטארס ............................ 422—423
די ניינטע קאנוועגשאן .......................... 423—427
דאס יאהר 1909—1910—יובילעאום יאהר ............. 427—431
רעקאמענדאציעס צו דער 10טער יעהריגער יובילעאום
קאנוועגשאן ............................. 431—436
דער עמבלעם פון ארבייטער רינג .................. 436—438

# פעהלער אויסבעסערונגען

דאָס בוך איז געזעצט געוואָרען פון מעהרערע זעצער· אזוי ווי דער זעלבסט־הערשער איבער די אָרטאָגראַפיע איז סוף כל סוף דער בחור הזעצער, דאריבער איז די אָרטאָגראַפיע אין דעם בוך ניט קיין איינהייטליכע — א זאך וואָס מיר באדויערען זעהר שטארק.

דאָס בוך איז אויך ניט פריי פון דרוק־פעהלערען. מיר וועלען זיי דאָ פאַרצייכנען:

זייט 7 שורה 33 פון אויבען אראָפּ, שטעהט: טויזענד דאלאר — דארף זיין: טויזענד דאלאר א יאָהר.

זייט 41 אויף דער לעצטער שורה, שטעהט: פון דער קאָמונע דארף זיין: פון דער ווילנער קאָמונע.

זייט 48 שורה 21, שטעהט: רויבערייען, דארף זיין: רייבערייען.

זייט 64 שורה 2 שטעהט: ער רעדאקטאר, דארף זיין: דער רעדאקטאר.

זייט 110 שורה 19 שטעהט: א. פאַכמאַן, דארף זיין: אַ פאַכמאַן.

זייט 114, נאָך דער לעצטער שורה איז ארייננעפאלען אן איבריג וואָרט: קריגען, וואָס געהערט ניט צום זאַץ.

זייט 120 שורה 5 שטעהט: גינוואלד, דארף זיין: גינגאָלד.

זייט 130 שורה 14 שטעהט: אין די צוויי ברענטשעס, דארף זיין: און די צוויי ברענטשעס.

זייט 171 שורה 9 (פעטיט) שטעהט: מיר פארגניגען, דארף זיין: מיט פארגניגען.

זייט 262 שורה 22 שטעהט: צום געדאנקט, דארף זיין: צום געדאנק.

זייט 263 שורה 19 שטעהט: „ען דאָס זיין?“, דארף זיין „קען דאָס זיין?“

זייט 295 שורה 28 שטעהט: ראָזענצוויי'ס, דארף זיין: ראָזענצווייג'ס.

אויף זייט 368 דארף זיך די עלפטע שורה לעזען: געזאָגט אז דער סאַניטאַריום וועט זיך לאנג ניט האַלטען, ווייל דער פּלאַץ איז ניט קיין גוטער. די שורות 12, 13, 14, און 15 אויף דער זעלבער זייט זיינען אין גאנצען איבריג.

# אינדעקס.

## פון אָרגאַניזאַציאָנען, אינסטיטוציעס, צייטונגען, זשורנאַלען און אַנדערע אויסגאַבען, וואָס ווערען דערמאָנט אין דעם בוך.

### א


אבענד בלאַט, זייט 121, 124, 125, 127, 132, 147, 153, 156, 161, 236.

אבענד צייטונג (אנארכיסטיש) 314, 315, 316, 321.

„אגודת הסאציאליסטים העברים בלונדון“, 47.

„אָדעסער קאָמונע“, 41.

אידישע אַגיטאַציאָנס ביוראָ, 345.

„אידישער ארבייטער פאראיין“, 46, 49, 50, 52, 53, 54, 68.

אידישע גאַזעטען, 15, 57, 58.

אידישער העראָלד, 59.

אידישע סאָציאליסטישע פעדעראַציע, 345.

אידישע אַרבייטער וועלט, 425, 426, 427, 432.

אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם, 45, 46.

אינטערנאַציאָנאלע ארבייטער קראַנקען קאַסע, 81.

אינטערנעשאָנאל וואָירקינג פּיפּלס אסס'ן, 85.

אינטערנאַצ. ארבייטער אונטערשטיצונג פאראיין, 102, 173.

אינטערנאַציאָנאלע אונטערשטיצונגס פאראיין, 152.

אינטערנאַציאָנאלע קראַנקען אונטערשטיצונגס פאראיין, ברוקלין, 132, 133.

אינטערנאַציאָנאלע ארבייטער קראַנקען אונטערשטיצונגס פאראיין, 140.

אינדעפּענדענט ארבייטער רינג, 309, 322, 325, 333, 334, 335, 336, 338, 339, 340, 341, 342, 343, 344, 345, 346.

אדאמס עקספּרעס קאָמפּאניע, 290.

אינדאָסטריעל קאָ־אָפּערייטיוו סאָסייעטי, 227.

אדאמס האָטעל, 337.

אמעריקאן פּראָטעקטיוו מוזיקעל יוניאָן, 191.

„אמעריקאַנצעס“, 24, 26.

אמעריקאן פעדערייש אָן אָוו לייבאָר, 48, 66, 69, 83, 191, 192, 389.

אמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס אָוו אמעריקאַ, 49.

אידישע שריפטזעצער אסאָסיאיישאָן, 49.

אידישע אקטיאָרען יוניאָן, 50.

„אידישע פּאָסט“, 57.

אכטע סטריט טעאַטער, 50, 86.

ארבייטער רינג אָוו מאסס., אינקאָרפּאָריטעד (זעה אינדעפּענדענט ארבייטער רינג).

ארבייטער בילדונג שולע, 212.

ארבייטער קראַנקען אונטערשטיצונגס פאראיין (בראָנזוויל), 151.

„ארבייטער“, 333, 334, 356, 426.

ארבייטער פריינד, 60, 64.

ארבייטער צייטונג פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן, 64.

ארבייטער קראַנקען און שטערבע קאַסע (דייטשע), 80, 81, 92, 131.

אָרדעי ית אברהם, 78.

## ב


„בונד“, 10, 241, 243, 244, 245, 294, 295, 301, 319, 347.
ביאליסטאָקער יאָנג מענס, 252.
„בילו“, 24.
„בילו'צעס“, 24, 26.
בעקער יוניאָן, לאָקאל 153 (האַרט־פאָרד), 227.
ברענטש 1, ארבייטער רינג, 71, 88, 117, 128, 132, 147, 150, 154, 155, 156, 157, 159, 162, 164, 165, 191, 192, 198, 199, 203, 204, 211, 213, 215, 217, 222, 230, 231, 234, 235, 236, 237, 256, 270, 282, 285, 299, 348, 364, 365, 400.
ברענטש 2, ארב. רינג, 76, 132, 147, 148, 154, 159, 213, 215, 222, 249, 285, 317, 340, 400.
ברענטש 3, ארב. רינג, 132, 147, 154, 157, 160, 162, 168, 169, 197, 263, 301, 399, 400, 402, 403, 404, 405, 406.
ברענטש 4, ארב. רינג, 132, 133, 147, 160, 287, 400.
ברענטש 5, ארב. רינג, 138, 147, 160, 210, 239.
ברענטש 6, ארב. רינג, 139, 147, 222, 301, 400.
ברענטש 7, ארב. רינג, 139, 147, 155, 210, 279, 280, 281, 282, 283, 285, 294, 309, 400.
ברענטש 8, ארב. רינג, 139, 147, 400.
ברענטש 9, ארב. רינג, 139, 140, 147, 309.
ברענטש 10, ארב. רינג, 151, 309.
ברענטש 11, ארב. רינג, 151, 153, 204, 205, 207, 210, 213, 400.
בר. 12, ארב. רינג, 154, 183, 219, 222, 227, 309.
בר. 13, ארב. רינג, 155, 183, 219, 223, 227, 246, 248, 250, 252, 269, 270, 282, 283, 284, 285, 293, 309, 400.
בר. 14, ארב. רינג, 158, 309, 324.
בר. 15, ארב. רינג, 158, 183, 187, 213, 219, 227, 249, 283, 309, 
בר. 16, ארב. רינג, 160, 222, 252, 309.
בר. 17, ארב. רינג, 160, 309, 400.
בר. 18, ארב. רינג, 183.
בר. 20, ארב. רינג, 211, 212, 232, 253.
בר. 21, ארב. רינג, 223.
בר. 22, ארב. רינג, 227, 283.
בר. 23, ארב. רינג, 122, 283, 400.
בר. 24, ארב. רינג, 12, 218, 400.
בר. 25, ארב. רינג, 218, 287, 400.
בר. 26, ארב. רינג, 218, 220, 328.
בר. 27, ארב. רינג, 220, 227.
בר. 28, ארב. רינג, 283, 400.
בר. 30, ארב. רינג, 250, 252, 294.
בר. 31, ארב. רינג, 283.
בר. 32, ארב. רינג, 241, 247, 283.
בר. 35, ארב. רינג, 400.
בר. 36, ארב. רינג, 400.
בר. 37, ארב. רינג, 400.
בר. 39, ארב. רינג, 400.
בר. 42, ארב. רינג, 400.
בר. 43, ארב. רינג, 244, 282, 283, 400
בר. 45, ארב. רינג, 400.
בר. 47, ארב. רינג, 283, 400.
בר. 49, ארב. רינג, 285, 400.
בר. 50, ארב. רינג, 252, 282, 283, 286, 313, 314, 400.
בר. 51, ארב. רינג, 400.
בר. 52, ארב. רינג, 400.
בר. 53, ארב. רינג, 400.

בר. 54, ארב. רינג, 400.
בר. 55, ארב. רינג, 283, 400.
בר. 56 (דאמאלסט אין נוארק), 283, 286.
בר. 57, ארב. רינג, 400.
בר. 59, ארב. רינג, 283, 400.
בר. 60, ארב. רינג, 247.
בר. 62, ארב. רינג, 283, 400.
בר. 64, ארב. רינג, 400.
בר. 66, ארב. רינג, 300, 301, 317, 318.
בר. 68, ארב. רינג, 283, 400.
בר. 72, ארב. רינג, 400.
בר. 75, ארב. רינג, 244, 282, 283, 400.
בר. 76, ארב. רינג, 283, 400.
בר. 77, ארב. רינג, 283, 400.
בר. 79, ארב. רינג, 283.
בר. 80, ארב. רינג, 283, 400.
בר. 82, ארב. רינג, 400.
בר. 83, ארב. רינג, 244.
בר. 85, ארב. רינג, 400.
בר. 86, ארב. רינג, 400.
בר. 87, ארב. רינג, 400.
בר. 88, ארב. רינג, 244, 318, 400.
בר. 89, ארב. רינג, 400.
בר. 91, ארב. רינג, 400.
בר. 93, ארב. רינג, 400.
בר. 95 (דאמאלסט אין האַרטפאָרד), 252.
בר. 96, ארב. רינג, 400.
בר. 97, ארב. רינג, 400.
בר. 99, ארב. רינג, 244, 400.
בר. 100, ארב. רינג, 400.
בר. 101, ארב. רינג, 400.
בר. 102, ארב. רינג, 400.
בר. 107, ארב. רינג, 400.
בר. 108, ארב. רינג, 400.
בר. 110, ארב. רינג, 332.
בר. 115, ארב. רינג, 400.
בר. 122, ארב. רינג, 400.
בר. 123, ארב. רינג, 400.
בר. 124, ארב. רינג, 400.
בר. 130, ארב. רינג, 400.
בר. 133, ארב. רינג, 400.
בר. 134, ארב. רינג, 400.
בר. 136, ארב. רינג, 400.
בר. 139, ארב. רינג, 400.
בר. 140, ארב. רינג, 400.
בר. 143, ארב. רינג, 400.
בר. 144, ארב. רינג, 400.
בר. 145, ארב. רינג, 400.
בר. 146, ארב. רינג, 400.
בר. 148, ארב. רינג, 400.
בר. 150, ארב. רינג, 400.
בר. 1, אינדעפענדענט ארבייטער רינג, 341.

## ג

„גרינגדער“, דער, 71, 117, 423.

## ד

„דגל מחנה ישראל“, 32, 33, 34.
דזשואיש קאָנסאָמפּטיוו רעליף סאָ־סייעטי, 347.
„דזשעקעט מייקערס“, 52.
דייטשע פאראייניגטע געווערקשאַפ־טען, 50.
„דער דיסקוטאַנט“ (ערשטער אָרגאן פון א. ר.), 161, 162, 163, 165, 166, 167, 169, 186, 189, 258, 259, 267, 297, 356, 359, 362, 633.

## ה

האָמלער פראָגרעסיוו סאָסייעטי, 211, 212.
האָמלער לײדיס ברענטש א. ר. (זעה לײדיס ברענטש 2).
הוירסט באַוועגונג, 317.
היברו אימיגראַנט איד סאָסייעטי, 28, 34, 35, 36, 411, 425.
היברו אמעריקאַן טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן, 49, 112.
„הלאום", 31, 35, 36, 39.
„המליץ", 23.
„העטער סטרייקערס", 425.
„הצפירה", 24.

## ו

וואָירקינגמענס סעלף-העלפּ אסאָסיאיישאָן, 56, 80.
„וואָס איז לייבאָר", 138, 160, 210, 227, 239, 419.
„ווארהייט" (1889), 60.
„ווארהייט" (1905), 59, 333, 334, 368, 369.
„ווילנער קאָמונע", 40, 42.

## ז

זיידען-וועבער יוניאָן, 219.
זעלבסט-בילדונג פאראיין, 82.

## ח

„חובבי-ציון", 23.

## ט

טהאליא טעאטער, 107.
„טעגליכע גאזעטען", 57.

## י

יודזשין וו. דעבס קלאָב, 154.
יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אמעריקא, 48, 66, 205.
יונג בילדונגס אונטערשטיצונגס פאראיין, 107.
יוניאָן טעאטער, 103.
יאָנג-מענס איד סאָסייעטי (פּעטערסאָן), 155, 294.
יאָנג-מענס עדיוקיישאָנעל ליעג, 252.
יונייטעד היברו טשאַריטיס, 235.
„יידישעס טאַגעבלאַט", 58, 92, 137.

## כ

כאָריסטען יוניאָן, 50.
„כעמיע", 212.
„כשוף מאכערין", 50.

## ל

לאָנג שאָרמען, 38, 40.
לאסאל קלאָב (שיקאַגאָ), 241, 246.
לאָס אַנדזשעלעס סאַניטאריום, 266.
לייבאָר ליעג, 322, 343, 344, 345.
„לוין און קאַפּיטאל“, 59.
לומים סאנאטאָריום, 363, 366, 367.
לײדיס ברענטש 1, ארב. ר., 183, 215, 227, 253, 254.
לײדיס בר. 2, א. ר., 254.
לײדיס בר. 3, א. ר., ברוקלין, 255.
לײדיס בר. 4, פּעטערסאָן, 255.
לײדיס בר. 5, האַרטפאָרד, 255.
לײדיס וױיסט מײקערס יוניאָן, 203.

## מ

מאָיער, הייוואוד און פּעטיבאָן, 250, 270, 318, 321, 348.
מאַנטעפיאָרע האָום, 263.
„מאָרגען זשורנאַל“, 51.
מיוטשועל פּראָטעקטיוו יוניאָן, 191.
„מאָרגען שטערן“, 62, 63, 64.
מינסקער פאראיין, 139.
מענטעל מײקערס סאָסייעטי, 18.
מאַנהעטען מוזיקאַל קלאָב, 183.
„משיח׳ס צייטען, 108.

## נ

„נאַראָדנאָיע וואָליא“, 18, 42, 52.
ניו־יאָרקער צייטונג, 58.
ניו־יאָרק אידישע פאָלקס צייטונג, 59, 60, 62.
„ניגער הויז“, 85.
„ניי־אָדעסא“, 85.
„נייטס אָוו לייבאָר“, 13, 40, 45, 47, 48, 69, 83.
„ניפּעננטס מײקערס“, 52, 66, 67, 204.
„נײע וועלט“, 59.
„נײע צייט“, 58.
„נײשאָנאַל פּראָטוירנאַל קאָנגרעס“, 311.
„ניו־יאָרק קאָל“, 425, 427.

## ס

סאָלידאַריטעט - קאָאָפּעריטיוו העט און קעפּ מאנופעקטשורינג, 13.
סאָציאליסטישע ארבייטער פּארטיי (ס. ל. פּ.), 50, 53, 55, 127, 236, 246.
סאָציאַליסטיש - ליטעראַרישער דע־בייטינג קלאָב, 154, 194.
סאָציאַליסטישע ארבייטער קאַסע, 212.
סאָציאליסטען־בונד (האָלאנד), 219.
סאָצ. סאָנדעי סקולס, 263, 411.
דער סאָציאַליסט, 58.
סאָציאַליסטישע פּארטיי, 243
סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען (ס. ר.), 245, 301.
סענטראל פארבאַנד פון בונד (זעה „בונד“).

## ע


עדיוקיישאָנאל אַלייענס, 263, 264, 265.

עדיוקיישאָנאל ליעג, 319.

„עם עולם“, 22, 23, 25, 26, 27, 28, 29, 30, 31, 32, 33, 34, 37, 38, 41, 43, 44, 45, 48, 79, 84, 85, 358.

עמיגראַנטען פאראיין, 79, 80.

עסטרייכער בילדונגס פאראיין, 252.

„עסעקס סטריט קאָמונע“, 41.

ערשטער שניידער סטרייק, 46.


## פּ


„פּאַלעסטינצעס“, 24, 26.

פּאריזער קאָמונע, 46.

„פּארטי אואווריע סאָסיאַליסט (בעלגיען), 218.

„פּיאָנערען דער פרייהייט“, 52, 53, 57, 60, 61.

פּיינטערס פּרעס־קלאָב (האַרלעם), 127.

„די פּיפּל“, 107.

„פּיפּל’ס סינאַגאָג“, 263.

פּ. פּ. ס., 245, 301.

„פּראָגרעס“, 47.

פּראָגרעסיוו אונטערשטיצ. פאראיין (פּיטסבורג), 240.

פּראָגרעסיוו ראָלד סיגאַרעט מייקערס יוניאָן, 204.

„פּראָפּאַגאַנדע פאראיין“, 82.

„פּרעס פאַרבאַנד“, 124.


## פ


„פאָלקס אַדוואָקאַט“, 59.

פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, 48, 50, 52, 56, 61, 62, 64, 66, 68, 100, 104, 107, 112, 118, 190, 191, 192, 193, 196, 198, 199, 202, 204, 206, 207, 208, 209.

„פאָרווערטס“, 124, 125, 127, 139, 140, 146, 147, 150, 153, 155, 156, 157, 158, 159, 161, 162, 163, 164, 165, 189, 192, 193, 198, 199, 202, 203, 204, 207, 208, 209, 210, 213, 215, 216, 217, 223, 226, 230, 234, 236, 237, 238, 246, 248, 252, 254, 264, 270, 283, 284, 286, 292, 299, 302, 309, 310, 312, 315, 321, 326, 330, 331, 332, 333, 334, 335, 336, 338, 341, 356, 358, 407, 425, 426, 432.

„פרי סאָנס אָוו יהודה“, 175.

„פריינד“, 384 (און אויף נאָך מהערערע זייטען).

„פרייע ארבייטער שטימע“, 4, 63, 64, 65, 66, 69, 70, 86, 87, 112, 113, 147, 153, 230, 238, 250, 300, 317, 333, 334, 335, 356, 391, 426, 432.


## צ


„צוקונפט“, 109, 110, 116, 138, 148, 183, 227, 230, 234, 235, 252, 264, 285, 294, 295, 316, 321, 330, 425, 426, 427, 432.

צוקונפט פּרעס פעדערײשאָן (זעה „צוקונפט“).

„צייטגייסט“, 30.

## ק

קאפען מאכער יוניאָן, 11, 12.
„קאפּיטאל“ (מארקס), 32.
„קאָלאָניע כרמל“, 85.
קאָ־אָפּעראטיווע בעקערי (פּעטערסאָן), 294.
קוילען מיינערס יוניאָן, 269.
„קולטור געשיכטע“, 212.
„קוריער“, 15.
„קיעווער קאָמונע“, 41.
קישענעאָווער פּאָגראָם, 230, 232.
קלאָוק מאַכער יוניאָן, 15, 52, 66, 67, 68, 185, 198, 203, 412, 413, 416.
קלאוק מייקער סטרייק (1885), 45, 118.
„קעסעל גאַרדען“, 34, 35, 36, 39.

## ר

„ראָשען רעפּודזשים ליעג“, 425.
„רויטע נאַציאָנאלע גוואַרדיע“, 76.
„רוסיש־אידישער ארבייטער פאראיין“, 46, 53, 58, 82.
„רוסישער ארבייטער פאראיין“, 82, 85.
רוסישע לייבאָר לייסעאום אָרגאניזאציע, 54.
רוסישע סאָציאל־דעמאָקראַטען, 245, 301.
רוסישער פּראָגרעסיווער פאראיין, 52, 53, 54.
רוסיש־רעוואָלוציאָנערער אונטערשטיצונגס פאראיין, 154.
רעפּובליקאַנער פּארטיי, 159.

## ש

שוירט מייקערס, 52.
שטאאטס צייטונג (פילאדעלפיע), 65, 112.
שניידער פארבאַנד, 48.
שריפטזעצער יוניאָן, 49, 68.
„שולמית“, 50.

## ת

תולדות אלכסנדר הארקאווי, 31, 35.

# אינדעקס.

## פון נעמען וואס געפינען זיך אין דעם בוך.

### א

יאקאב אבראמאוויטש, 129, 228, 229.
ר. אבראמאוויטש, 245.
אבראמסאן (בר. 10), 228.
וויקטאר אדלער, 260.
י. אדלער (ב. קאוונער), 100, 122, 128, 129, 151, 183, 186, 190, 227, 228, 236, 268, 295, 298, 354, 435.
פאול אורקען, 247.
אייבראמסאן (בר. 1), 147, 228, 315.
מ. אייזמאן, 127, 133.
דר. איינגערמאן, 212.
מרס. איסקאלסקי, 258.
וו. אלטשול, 327, 346, 419.
מ. אלטשולער, 226, 268, 346, 410.
נ. אליניקאף, 28, 29, 32, 34, 43, 54, 336.
מרס. אליניקאף, 42.
אלעקסאנדער דער צווייטער, 20.
אלעקסאנדער דער דריטער, 20.
סערגעי אלעקסאנדראוויטש (מאס־קווער גענ. גוב.), 242.
אלפערט (בר. 17), 228, 315, 400.
נ. אלפער, 419.
י. אלפערט (בר. 23), 246, 247, 342, 354, 419.
י. אנאפאל, 127, 130, 131, 133, 184, 190, 228, 229, 240, 341, 346, 366, 369, 399, 401, 402, 410, 319, 423.
יעקב אפעל, 401.
פ. אקסעלראד, 19.
ה. אראנסאן, 354, 366, 419.
דר. אייזיק ארטמאן, 51.

### ב

וו. באביט, 395.
באגין, 212.
באגאלעפאף, 242.
סטעפאן באלמאשאף, 260.
באקאל, 25, 85.
ל. באנדעס, 50, 54.
אבראם באסקין, 154, 155, 293.
יוסף באסקין, 154.
מ. באקונין, 56, 251.
וויליאם באקסט, 246, 323, 327, 328, 332, 342, 343, 404, 410, 419, 423.
בארא (יונ. סטייטס סענאטאר), 270.
באראן הירש, 25.
א. באראן, 336.
ס. באראנאף (בר. 25), 268, 299.
יוסף באראנדעס, 50, 66, 67, 68, 137, 183, 216, 212, 223, 226, 261.

אייב באַראָף, 127, 183, 186, 229, 298.
ישראל באַרסקי, 48.
דזש. באַרנשטיין, 410.
ש. בולגאַטש, 190, 207, 228, 229, 234, 236, 237, 240, 249, 250, 264, 265, 270, 327, 341, 343, 344, 405, 419.
ס. בוקביינדער, 247.
ה. בורגין, 25, 32, 34, 39, 51.
מרס. בילערמאַן, 216.
ב. בלאָך (בר. 11), 228, 229, 240.
ל. בלום, 160.
בלומענטאל (בר. 8), 228.
בלייוויים, 74, 75, 117.
בלעיק (עקס גאַווערנאָר), 287.
אוגוסט בעבעל, 260.
בעזאַן, 265.
בענעווי, 282.
ל. בענענסאָן, 410.
בענצינער (אָדער פענזינער), 184, 185.
מ. בעקער, 74, 78, 91, 94, 129, 130, 151, 183, 186, 229.
מיכאיל בערג, 143.
בערגער („בערגער פארם"), 366.
ה. בערלין, 268, 286, 315.
בערמאַן (ראָטשעסטער), 220.
אלעקסאנדער בערקמאַן, 54, 250.
בערמאַן (בר. 12), 228.
ב. בראָדסקי, 146, 163, 165.
דר. דזש. מ. בראָדסקי, 436.
סעמועל בראַון, 129.
ר. ברוידע, 258.
ברונס, 59.
ב. ברוקס, 129.
סעם ברענאָוו (בר. 22), 228.
אב. ברעסלאָווסקי (דר. ברעסלאו), 28, 59, 62, 63.
ברעסלער, 121.

## ג

י. גאָטהעלף, 268.
ה. גאָלדבערג, 268, 269, 286, 287, 299.
ס. גאָלדבערג (בראָקטאָן), 325, 327, 328, 329, 332, 403.
ה. גאָלדין, 146, 147, 228, 229, 230, 231, 268, 286, 289, 290, 296, 299, 313, 315, 324, 327, 328, 329, 336, 346, 352, 354, 358, 364, 399, 401, 402, 410, 418, 426.
קאָנסטאַנטין גאָלאָפּ, 47.
ל. גאָלדין (בר. 6), 228, 229.
עמא גאָלדמאַן, 54.
אברהם גאָלדפאדען, 50.
גאָלדסמיטה און פלאט, 67.
א. גאָלדסמיטה, 75, 94, 110, 183, 437.
מ. גאָלדרייך, 74, 75, 76, 77, 94, 127.
אברהם גאָלדשטיין, 129.
י. גאָלדשטיין, 331.
גאָלדשטיין (בר. 11), 185, 323.
גאלעגאָר (בר. 21), 228.
דזש. גאָלדשטיין, 410.
סעמועל גאָמפּערס, 66.
יהודה ליב גאָרדאָן, 22, 24.
א. א. גאָרדאָן, 73.
יעקב גאָרדין, 261, 263, 264, 265, 266, 319, 436.
דזשעני גאָרדאָן, 98.
גאָרדאָן, 69.
מ. גאָרדאָן, 404.
ב. גאָרין, 261.
גאַרפינקעל, 128, 129.
מאַקסים גאָרקי, 319.
ב. גילמאַן, 241, 246, 247, 404.
מייער גילעס, 285, 286, 345.
ד. גינגאָלד, 74, 75, 88, 94, 110, 120, 157.

ל. גינזבורג, 299.
ר. גינזבורג, 395.
דר. מ. גירדזשאַנסקי, 55, 95, 103.
גלוסקין, 42.
זשול געד, 260.
געלפמאַן, 19, 20.
גריגאָרי גערשוני, 411.
חענרי גערשוני, 57.
גראַטש, 19.
ה. גראַף, 405, 410.
גרין, 42.
סעם גרינבערג, 74, 75, 81, 106, 241.
גרינעוויצקי, 19, 20.
בענדזשאַמין גרעץ, 85.
וו. גרעץ, 50, 69.

## ד

מ. דאווידאָף, 318, 346, 405.
דאָמבראָווסקי, 261.
קלאַרענס דאראָו, 270.
מ. דאַרעווסקי, 228.
חיימאן דזשייקאָבס, 36.
דזשייקאָבסאָן (בר. 11), 268.
ד, דייוויס, 323, 418.
ליעוו דייטש, 19.
דיימאָנד, 74.
יודזשין וו. דעבס, 260.
דעניעל דעליאָן, 127, 165, 236.
דעלעקלאָס, 261.
י. דעניסאָן, 184, 190, 228, 229, 240, 418.
מרס. דראַפּקין, 258.
י. דריישפּיל, 354, 395.

## ה

האָכבערג, 228.
ה. האלפּערין, 268.
י. האַלפּערן, 410.
מיכאל האלפּערן, 36.
ב. האלפּערן, 419.
האָפּמאן, 67.
דזש. האָרן, 228, 229, 369.
אלעקסאנדער האַרקאווי, 28, 29, 35, 38, 42.
הובער, 61.
הורעוויץ, 42.
וויליאם ר. הוירסט, 316, 317.
וויליאם הייוואוד, 270.
היימאן (באָסטאָן), 327.
ל. הייסען, 336.
דזשייקאָב הילקוויט, 50.
מאָרים הילקוויט (הילקאָוויץ), 50, 51, 52, 53, 61, 67, 286.
אדאָלף העלד, 333, 342, 344, 404, 419.
העלפמאָן, 76.
הענשעל (בר. 24), 228.
מ. העסקעל, 211.
הערדער, 24, 25, 48.
מ. הערמאָן, 268.
העריסאָן (בר. 13), 228.

## ו

ס. וואָלאָס, 284, 299, 346, 354, 366.
מ. וואָלבערג, 419.
עמיל וואַנדערוועלדע, 260.
ב. וואָלף (בר. 3), 405.
מאָרים וואָלפסאָהן, 68.
מ. וואָלפערט, 328, 329, 332, 342.
א. וואָליצקי, 405, 410, 418.
וואָסקאָבאָניקאָוו, 48, 85.
וואַרשאַווסקי, 170.

ע. ווארשאו, 75, 94.
ב. ווארשאַווסקי, 268.
ווייזינגער, 186.
י. ווייַנבערג, 317, 318, 329, 336, 337, 343, 354, 364, 367, 410, 418, 424, 426.
י. וויינטרויב, 155, 184, 228, 246, 268, 285, 289, 293, 294, 295, 296, 297, 299, 303, 304, 324, 325, 326, 329, 330, 333, 335, 336, 340, 341, 343, 344, 346, 354, 360, 361, 364, 410, 419, 424, 428, 436.
ב. וויינשטיין, 38, 39, 51, 66.
גריגאָרי וויינשטיין, 28, 54.
מ. וויינשטיין, 299.
וויינשטיין (בר. 11), 228.
ס. ווילקאָן, 336, 337, 338.
מאָרים ווינטשעווסקי, 47, 60, 261, 295, 296, 299, 304, 346, 352, 410, 419, 424, 435.
אנא ווייסבערג, 258.
דזשוליום ווייסבערג, 246.
ב. וולאַדעק, 345, 435.
וועבער, 51.
וועלטמאַן, 19.
וועקסלער, 58.
ווערמאָרעל, 261.

ז

ל. זאַטץ, 299.
דר. ה. זאָלאָטאראָף, 25, 48, 54, 59, 60, 95, 103, 261.
זאלצבורג, 127.
מ. זאַמעטקין, 27, 50, 53, 62, 67, 69, 82.
ה. זאַק, 211, 212, 228, 229, 231, 240, 254, 315, 323, 346, 334, 418.
פראַדע זאַק, 254, 268.
א. ש. זאַקס, 345, 435.
ל. זאַקס, 228, 229, 240, 327.
ד. זאַרין, 299, 405, 419.
זונדעלעוויטש, 19, 54, 261.
נ. זוסמאַן, 131, 151.
ס. זוסמאַן, 129, 184.
ג. זיבערט (א. ראַטמאַן), 245.
סעמועל זיגמאַן, 129.
מ. זילבערמאַן 50, 86.
זילבערמאַן, 184.
זילבערשטיין, 185.
פאול זינגער, 260.
ג. זעליקאָוויץ, 59.
זשאַן זשאָרעס, 260.
זשעליאבאָוו, 19.

ט

טאַרלאָוו (בראָקטאָן), 328, 332, 343.
א. טאנענבוים, 63.
טאָק (בר. 15), 228.
טאָרקוועמאַדא, 242.
טיילאָר (בר. 13), 280.
טעפּער (לאָרענס), 327.
מ. טשאטזיאנאָוו, 419.
ה. טשעכנע, 165.

י

ש. יאנאָווסקי, 54, 55, 60, 95, 314, 335, 435.
אלעקסאַנדער יאָנאַס, 81, 260.
י. אפּע, 60, 63.

מ. יאפע, 336.
ב. יאקאָבסאָן, 129.
ל. יאקאָבסאָן, 104.
יארמאָלאָווסקי, 289, 290.
יאראָסלאָווסקי (יאראָס), 28.
ש. יגדל, 241, 246, 298, 310, 324, 325, 326, 330, 333, 336.
ס. יעלין, 207, 228, 299, 346, 400, 405.
יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי, 65, 261, 273, 336, 339.


## כ


כאַשקעס, 169.


## ל


לאוונער (בר. 25), 228.
א. לאַנגער, 410.
אפרים לאַנדאָן, 62.
מאיר לאַנדאָן, 62, 299, 304, 323, 324, 336, 338, 340, 343, 346, 352, 355, 369, 389, 392, 405, 410, 419, 424, 425, 435.
פעטער לאנקאָוו, 261.
לאסאל, 183, 260.
הערי לאַסקער, 74, 78, 81.
פאול לאַפאַרג, 260.
נ. לאפידוס, 247.
ר. לואים, 60, 64, 67.
לוקער, 146, 148.
ז. ליבין, 261.
מארק ליבער, 245.
אהרן ליבערמאַן, 47.
ווילהעלם ליבקנעכט, 260.
ס. ליברום, 146, 151, 161, 190, 228.
ה. ליוויי, 74, 75, 94.
מרס. לייבמאַן, 258.
לייבסאָן (בר. 4), 399, 401, 402, 405.
ב. ליליענבלום, 185, 186, 268, 286, 296, 299, 314, 315, 316, 318, 324, 327, 341, 346, 348, 354, 355, 358, 360, 418.
משה לייב ליליענבלום, 24.
מ. לינס, 333, 336.
לינקאָלן, 387.
אברהם ליעסין, 123, 261, 435.
ב. ליעף, 146, 229, 285.
ליפמאן, 196.
מ. ליפסאָן, 404, 418.
גייטהען ליפשיץ, 129.
מ. לעבאָוו, 247.
ה. לעווין, 418.
ל. לעווין, 336, 418.
מ. לעווין (בר. 13), 228.
מרס. לעווין (ליידיס בר. 15), 228.
ס. לעווין (בר. 16), 228.
פ. לעווין, 110, 116, 170, 184, 228, 229, 268, 296, 299, 323, 346, 345, 405, 410, 418, 423, 426, 437.
לעווין (בר. 6), 228.
לעווין (בר. 15), 185.
לעווין (בראַנזוויל), 204, 205.
מ. לעווינסאָן, 299, 343, 346, 355.
ל. לעמב, 299.
דר. אלעקסאַנדער לעמבערט, 360.
הירש לעקערט, 242, 260.

## מ

מאיבוים, 45.
י. מאגידאָף, 51.
ה. מאימאן, 120, 437.
יאָהאן מאָסט, 85, 184, 187, 250, 261.
גריגאָרי „מאַקסים“, 245, 319.
ב. מארגאָלים, 94, 146, 151, 164, 170, 189, 190, 228, 241.
מארשאַק, 184.
דר. מארגאָלים, 146, 151, 186.
קאַרל מארקס, 32, 33, 59, 183.
מארגאָליעס, 104.
מאשביר, 28.
לואיס מאָשקאָוויטש,104.
ב. מיכאַלעוויטש, 245.
סיימאָן מיכאילאָוויץ, 129.
מיכתם, 169.
טש. מייערסאָן, 299.
יעקב מילך, 100.
א. מילער, 341.
דר. דזשיימס א. מילער, 369.
ל. ע. מילער, 50, 51, 53, 54, 55, 62, 67, 95, 103, 124, 148, 216, 221, 223, 261, 273, 274, 278, 289.
מ. מילער (בר. 9), 228.
ס. מילער, 299.
מילעס, 286.
מיליער, 261.
מ. מינץ, 54.
דר. מאָזעס מינץ, 59.
מייקעל מינץ, 59.
מירסקי, 42, 229.
מישאק, 66.
לואיזע מישעל, 76, 261.
ש. מנקר, 28, 38, 41, 61, 85, 298, 327, 341, 342, 343, 346, 354, 399, 410, 419.
מרס. מנקר, 28
מיר מנקר, 42.
וולאדימיר מעדעס, 245.
מעק׳ קווין, 188.
וויליאם מעקינלי, 184.
דר. י. א. מעריסאָן, 60.
מרגליות (בר. 2), 186.

## נ

נאדעל; 127.
ס. נודעלמאן, 395.
אייזיק ניוטאָן, 125.
ניישוין (בר. 7), 280.
מ. נימקאָווסקי, 184, 185.
מ. נעגין, 268, 299.
י. נעטער, 28, 295.

## ס

קעטהערין סאבסאָוויץ, 27.
סאוויצקי, 228.
ס. סאוועצקי, 228, 229, 249, 323, 327, 336, 340, 341, 405, 410, 418.
סאזאָנאָף, 242.
א. סאָלאָוויאָף, 366, 419.
י. ב. סאָלוצקי, 435.
סאָמסאָן, 147.
סאנדייק, 131.
אב. סאפערמאַן, 127.
י. סאפערשטיין, 354.
מ. סאָקאָלאָף, 240.
נחום סאָקאָלאָוו, 24.
ע. סאָקאָלאָף (באלטימאָר), 164, 165.

א. סאשינסקי, 228.
ר סטאָון, 146, 147, 151.
סטאָלעשניקאָף, 50.
ל. סטרוגאַטש, 170, 184, 190, 268, 346, 364, 365, 366, 369, 410, 419, 423.
פּ. סיגעל (בר. 2), 184, 186, 228, 229.
סיווערמאַן (ראָטשעסטער), 220.
סילווערקוויט, 28.
דר. ל. סילווערמאַן (באָסטאָן), 345
סלאָנים, 27.
סיפיאגין, 242.
חיים זעליג סלאָנימסקי, 24.
פּרץ סמאָלענסקין, 24.
א. סמיטה, 183, 227, 228, 268, 313, 315, 323, 346, 404, 405.
י. סעמועלסאָן, 419, 423.
סערא גאסלעוויטש, 260.
דר ח. ספיוואַק, 28, 258, 359.
מ. ספּעקטאָר (בר. 11), 228, 369, 419, 424.
סקלארינסקי (בר. 59), 323.


## ע


י. עדווארדס, 299, 301, 302.
דוד עדעלשטאַט, 28, 30, 60.
עוואלענקאָ, 212.
ס. עלקין, 183, 189, 228
ענגעלס, 183, 260.
ענער, 129.
אב. עפּשטיין, 184, 227, 228, 270, 313, 323, 324, 327, 329, 331, 332, 336, 337, 343, 346, 354, 355, 410, 418, 424, 426.
י. עפּשטיין, 419, 423.
ש. עפּשטיין, 436.
עקשטיין, 74, 76.
מ ערליך, 410.


## פּ


פּאָביעדענאָסצעוו, 242.
ל. פּאָוז, 313, 314.
פּאָלאק (בר. 15), 228.
פּאלטער, 74, 104.
טיליע פּאלטער, 98.
דר. פּאלמער, 343.
א. דזש פּאנטעל, 275.
פּיסעכאָוויטש, 27.
מרס. פּילאָט, 216.
מאקס פּיין, 342.
פּעטאָשין, 228, 399, 401, 402.
דר. ש. פּעסקין, 147, 207, 208, 212, 221, 223, 226, 261.
פּעק, 205.
פּערסקי, 127, 229.
כאַפּיא פּעראָווסקאיא, 19, 260.
פּרודאָן, 56.


## פֿ


פֿאָגעלסאָן (בר. 20), 228.
פֿאלענבוים (פּיטסבורג), 246.
פֿאָן־וואהל, 242.
פֿאָן־פּלעהווע, 242.
ס. פֿאָרט, 346.
פֿידעלמאַן, 183.
דר. ק. פֿארנבערג, 435.
ב. פֿייגענבוים, 47, 64, 65, 71, 95, 104, 133, 136, 137, 139, 140, 143, 147, 148, 149, 150, 151,

153, 156, 158, 160, 162, 163, 164, 165, 166, 180, 183, 184, 185, 186, 187, 190, 198, 202, 211, 217, 221, 223, 228, 229, 232, 233, 234, 235, 236, 237, 238, 240, 246, 248, 261, 268, 274, 275, 276, 283, 286, 290, 291, 293, 309, 312, 329, 352, 435.

פייגענזאָהן, 28.

אב. פיינגאָלד, 298.

נ. פיינערמאַן, 395.

מ. פיליפּס, 410.

ב. פינגערהוט, 419, 436.

פינקעלשטיין (בר. 25), 228.

נ. פיינזילווער, 227, 228, 247, 332, 342, 346, 354, 424.

פייערמאַן, 27.

ל. פלאַטאָ, 130, 131, 146, 150.

פלאָרענס, 261.

ל. פלאַשענבערג, 419, 424.

פעלדמאַן, 127.

ב. פעלדמאַן, 410.

פעררי, 261.

מ. פעלדמאן, 410.

פעלדמאן (ספרינגפעלד), 232.

איזידאָר פראַנק, 104.

פ. א. פראַנק (זעה דר. י. א. מערי־סאָן).

פרומקין, 106.

ב. פרידמאן, 410.

נ. פריימאן, 395.

פרענקלין, 41.

## צ

צביון (דר. ב. האָפּמאַן), 436.

אליקום צונזער, 91.

אלעקסאנדער צעדערבוים, 24.

## ק

אב. קאהאן, 28, 29, 47, 53, 54, 58, 59, 62, 65, 67, 95, 115, 183, 261, 352, 435.

איזידאָר קאָהען, 418.

אלעקסאנדער קאהאן, 346.

ב. קאָהען, 234, 286.

ד. קאָהען, 315.

ה. קאָהען, 247.

י. קאָהן, 366.

סאל קאהאן, 127.

ס. קאָהן, 419.

קאָהען (בר. 7), 228.

אב. קאזענאָף, 268, 299, 419.

ל. קאָזלין, 110.

ב. קאַטץ, 146, 147, 151.

מ. קאַטץ, 60, 95, 261.

קאטץ (בר. 7), 228.

קאַטשאקאָווסקי, 42.

ל. קאלינאָף, 228, 299.

קאַלעיעף, 242.

דר. קאמינער, 24.

דר. קאָניקאָף, 241, 246, 307, 336, 337.

קאננער, 46.

מ. קאסטרינסקי, 346.

דר. אייב קאספע, 28, 29, 40, 95, 212, 336.

מאָרים קאַספּע, 28.

קאספער, 104.

דר. פאול קאַפּלאן, 27, 79.

קאָפּעלסאָהן (בר. 7), 228.

קארווין (טשעלסי), 327.

קאָרענפעלד (בר. 3), 228, 229.

קאַרפּאָוויטש, 242.

ר. קורהאן, 395.

קורלענדער (בר. 11), 259.

הערי קורצער, 247.
קיבאַלטשיק, 19.
קיילעס (מאסס), 343.
דר. הערבערט קינג, 363, 366, 369.
עדוואַרד קינג, 40, 43.
א. וו. קינדמאַן, 260.
קיעווסקי, 129.
קליין, 192.
ל. קעלמאן, 75, 76, 91, 94, 110.
קראווטשינסקי (סטעפניאק), 261.
פיליפ קראַנץ, 47, 64, 212.
פעטער קראָפּאָטקין, 260.
קרימאָנט, 27.
ה. קרעטשמער (ליליפוט), 436.
ארקאדיע קרעמער (אלעקסאנדער), 243.
קרעמער (בר. 17), 228.


## ר


ראגאָווין, 95.
ראדמאן, 229.
ראָזענבלאַט (וואשינגטאָן), 247.
דר. דזש. ראָזעט, 368.
ראָזענבלום (בר. 12), 228, 234, 235, 236.
ס. ראָזענבליטה, 27.
י. ראָזענבערג (בר. 9), 228.
ראָזענטהאַל (בר. 13), 183, 228.
דר. טש. ראיעווסקי, 28, 29, 54, 58, 358, 360, 363, 364, 366, 367, 369, 435.
מאָרים ראָזענפעלד, 54, 59, 435.
ראָזענפעלד, 147.
ל. ראָזענצווייג, 147, 149, 150, 156, 183, 187, 190, 221, 223, 226, 229, 233, 234, 237, 238, 239, 240, 247, 248, 249, 250, 252, 255, 256, 261, 268, 269, 276, 284, 290, 291, 293, 303, 309, 336, 436.
ראָזענצווייג, 127.
ל. ראָטהמאן (בר. 1), 327.
ל. ראָטהמאן (בר. 195), 405.
ראָטהשטיין, 129.
ראָטינבערג (בר. 16), 228.
נ. ראסקין, 369, 419.
ראָלניק, 186.
א. ראפאלאָווסקי, 318, 354, 410, 419, 424.
ראָשעפאָר, 76.
רובינאָוויטש, 246.
רובינשטיין, 246.
ה. רויזענבלאַט, 261.
א. ריגער, 389.
מ. רייז, 327.
מ. רייטשעלסאָן, 327.
רייבעלסאָן, 228.
מ. רינג, 74, 76.


## ש


א. ל. שאַפּסאָוויץ, 25.
מ. שאפּיראָ, 368, 419.
ס. שאַפּיראָ, 146, 147, 165, 228, 229, 240.
שאפער, 184.
שאַפּיראָ (מאסס.), 343.
שארפ, 228.
וו. שאָר, 268, 284, 286, 296.
שאראָף, 241, 247.
שולמאן, 169.
ב. שור, 129.
שוואָב, 42.
מ. שווארץ, 90, 91, 95, 124, 125, 129, 437.
ג. שטיין, 247.
ע. שטיין, 143.

ס. שטאַם, 269, 284, 295, 296, 304.
ק. שטיינער, 185, 228, 229, 240.
י. שלאָסבערג, 334.
ס. שלעזינגער, 304, 346, 410, 419.
ס. שלייפער, 228, 298, 346, 354, 410, 419.
הערמאַן שליטער, 81.
ה. שמערלער, 410.
ס. ק. שנעפאל, 435.
שעהנפעלד, 127.
דזשייקאָב שעין, 45, 46.
סערגעי שעוויטש, 81.
שעהנבוים, 127.
שפּיעז, 42.
ב. שפּינראַד, 285, 313, 329, 336, 346, 352, 410, 418, 426.
שקלארינסקי (בר. 59), 323.
שרייער׳ס שאַפּ, 204.
כ. צ. שרהזאָן, 57.

## ברענטשעס פון ארבייטער רינג אין מאסאטשוזעטס אויפגעלייזט אין צייט פון מאסס. אפּער.

ברענטש 31, א. ר. (לאָרענס), 310, 324, 327, 328, 329, 330, 336.
בר. 33 (באָסטאָן), 307, 310, 327, 328, 329, 332.
בר. 36 (טשעלסי), 310, 327.
בר. 46 (לין), 310.
בר. 57 (איסט באָסטאָן), 307, 310.
בר. 58 (בראָקטאָן), 310, 327.
בר. 61 (הייווערהיל), 310, 328, 229, 332.
בר. 64 (וואוסטער), 310.
בר. 171 (בראָקטאָן), 328, 329.
בר. 177 (וואוסטער), 328
בר. 189 (בראָקטאָן), 328.
בר. 237 (טשעלסי), 332.
בר. 241 (אָטעלבאָראָ), 332.
בר. 433 (קעמברידזש), 344.